STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02811

YESOYDES FUN DER ELTSTER YUDISHER KULTUR-GESHIKHTE

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יסודות
פון
דער עלטסטער יודישער קולטור-געשיכטע

צוזאַמענגעשטעלט און רעדאַקטירט
דורך מ. סאָלאָווייטשיק.
באַאַרבעט און איבערזעצט אויף יודיש
דורך ד"ר שמואל אייזענשטאַדט.

: : : אין צוויי טייל : : :

Free Public Library, Newark, N. J.

ערשטע טייל.

ווילנע—1922
ווילנער פאַרלאַג פון ב. א. קלעצקין.

FREE PUBLIC LIBRARY
TRENTON N.J.

דרוקעריי „ווילנער פאַרלאַג“ פון ב. א. קלעצקין, קליין סטעפּן־גאַס 23.

פאַרוואָרט.

איינע פון די העכסט־אונאָרמאַלע ערשיינונגען אין יודישען גייסטיגען לעבען איז אָהן קיין ספק דער טרויעריגער פאַקט, וואָס עס ווערט אַזאַ קליינער אָרט אָפּגעגעבען דעם תנ״ך, וועלכער איז דער תמצית פון יודישען שאַפען און די הויפּט־סבה פון דער לעבענס־פעהיגקייט פון יודענטום אין די צושטערענדע תנאים פון גלות.

פאַר די אָרטאָדאָקסישע קרייזען פון פאָלק האָט דער תנ״ך נאָך ביז היינט בלויז נאָר די בעדייטונג אַלס מקור פון דאָגמאַטישער געזעצגעבונג און אין דעם פּרט טרעט ער אייגנטליך אויך אָפּ דעם ערשטען אָרט דעם תלמוד, אין וועלכען די פאָלקסטימליך־רעליגיעזע געזעצגעבונג פון תנ״ך האָט געפונען איהר פולען אויסדריק און וועלכער אָרדענט איין און פילט אָן דאָס לעבען פון אָרטאָדאָקסישען יודען. אָבער יענע קרייזען פון יודענטום, וועלכע האָבען צוריסען מיטן מיטעלאַלטער און איינגענומען די אייראָפּעישע קולטור האָבען פערלאָרען צוזאַמען מיט דעם אינטערעס צו דער תלמודישער סכאָלאַסטיק אויך יעדע לעבעדיגע בעציהונג צום תנ״ך. ער עקסיסטירט פאַר זיי נאָר ווי אַ געוויסער חלק פון די רעליגיעזע מנהגים און אָפטמאָל אויך אַלס אַ טייל פון דער נאַציאָנאַליסטישער פּראָפּאַגאַנדע: דעם תנ״ך בריינגט מען ווי די שטאַרקסטע ראיה פאַר דער יודישער גאונות און אין איהם געפינט מען דעם קוואַל פון האָפנונג אויף דאָס גרויסע קינפטיגע שאַפען פון יודענטום, ווען עס וועלען אָנקומען אַנדערע, נייע בעדינגונגען פון זיין לעבען. אָבער אין וואָס בעשטעהט דער עיקר פון דער גאונות, וועלכע האָט זיך אָפּגעשפּיגעלט אין תנ״ך? וואָס איז אייגנטליך דער אינהאַלט פון יענעם שאַפען, וועלכער איז גלייך ווי איבערגעגעבען געוואָרען בירושה דורכן תנ״ך דעם יודענטום פון דער צוקונפט? אָט די פראַגען זיינען לחלוטין פרעמד די קולטורעלע קרייזען פון יודענטום און מען פּטרט זיי מרוב אָפּ מיט עטליכע אַלגעמיינע פראַזען בערך ווי די, אַז די נביאים זיינען געווען די פריידיגער פון סאָציאַלער גערעכטיגקייט, פונקט ווי באַלאַן וואָלט ניט געלעבט אין איין צייט מיט ירמיהו און פונקט ווי דאָס געזעצבוך פון האַמוראַבי (אמרפל) וואָלט ניט געווען עלטער אויף 6—7 דורות פאַר דער געזעצגעבונג פון דער תורה, ווען מען זאָל זי אפילו אין גאַנצען מיחס זיין משה׳ן.

די ברייטע נאַציאָנאַלע בעוועגונג פון די לעצטע צעהנדליגער יאָהרען האָט נאָך ניט געבראַכט צו קיין שינוי אין דער בעציהונג פון די דענקענדע פאָלקס־קרייזען צום תנ״ך, הגם זי האָט פון אָנהויב אָן געדאַרפט שוין קאָנצענטרירען די אויפמערקזאַמקייט פון די קרייזען אויף די ערשטע מקורים פון דער יודישער

קולטור, דאָס הייסט, פיהרען דעם אויפגעוואַכטען היסטאָרישען בעוואוסטזיין אויפען וועג צו דער אויפפאַסונג פון אינהאַלט און בעגריף פון דער ביבלישער גייסטיגער וועלט.

עס איז לגמרי ניט קיין צופאַל, וואָס, צום אונטערשייד פון דער אויפלעבונגס־תקופה אין דער געשיכטע פון אַנדערע פעלקער, געהט ניט בײַ אונז די אויפבליהונג פון נאַציאָנאַלען בעוואוסטזיין האַנט בײַ האַנט מיטן אויפקומען פון אַ וואַרען אינטערעס צו די גרויסע מקורים פון אונזער אייגענאַרטיגען שאַפען. דאָס האָט געמוזט פאָרקומען אַ דאַנק דעם גרויסען שטח — ניט אין צייט, נאָר אין גייסט — וועלכער טיילט אָפּ דעם גייסטיגען פרצוף פון גלות־יודענטום פון דעם תנ״ך־אינהאַלט און פון דער אַלט־ישראלישער וועלט־אויפפאַסונג בכלל.

נאָר אין דער זעלביגער צייט איז דער תנ״ך ניט פאַרגעסען געוואָרען אין פאָלק און אַפילו פאַר די, וועלכע האָבען שוין פערלאָרען דעם גייסטיגען צוזאַמענהאַנג מיט דער רעליגיעזער לעבענס־סביבה, שטעהט ער אַליין ווי אַ פאַרגליווערטער קולטור־עלעמענט, וואָס איז אַרומגערינגעלט מיט אַ ראָמאַנטישען קרוין פון פאַטריאַרכאַליטעט, און וועלכער האַלט זיך אין זכרון כמעט נאָך דערפאַר, וואָס ער פיהרט אונז אַוועק אין אַן אַנדער ווייטער וועלט, וועלכע איז לחלוטין אָפּגעריססען פון אונזערע טאָג־טעגליכע לעבעדיגע און נאַטירליכע איבערלעבענישען.

און דעריבער, כדי עס זאָל אויפלעבען אין יודענטום דער אינטערעס צום תנ״ך, האָט מען געדאַרפט וועקען די אויפמערקזאַמקייט ניט נאָר גראָד צו איין זייט זיינער, וואָס איז ביז איצט פאַרגעסען געוואָרען, נאָר איבעראַנדערשען די בעציהונג צום תנ״ך בכלל, איבערקוקען זיין גייסטיגע ירושה, גובר זיין די אינערציע, דעם שטילשטאַנד, פון פיל דורות, — הכלל, פיהרען אַ קאַמפף, וואָס פילע האָבען געדאַרפט אויף איהר קוקען, ווי אויף אַ צושטערונג פון די גרונד־יסודות פון יודענטום און אַפילו כמעט ווי אויף סכנה פאַר זיין קיום. און דעריבער פאַרגעסט מען לגמרי, אַז ניט צופעליג שפּילט דער תנ״ך אַזאַ אייגענאַרטיגע ראָל אין דער וועלט־קולטור, אַז זיין בעדייטונג איז גרויס ניט נאָר מחמת זיין אויסווייניגסטען גלאַנץ, נאָר אין תוך גענומען מחמת זיין וויכטיגען אינהאַלט, און אַז דעריבער דאַרף די פערטיפונג אין אינהאַלט פון תנ״ך ניט דערווייטערן איהם פון יודענטום, נאָר, פאַרקעהרט, דערנעהנטערן און אומקעהרען דעם פאָלק דאָס אייגענטימליכע שאַפען, וואָס איז אָנגעזאַמעלט געוואָרען אין תנ״ך און וואָס וועט זיך אַריינגיסען ווי אַ לעבעדיגער שטראָם אין דער אָגעדאַרטער יודישער קולטור פון אונזער צייט.

ניט קוקענדיג אָבער אויף דער גאַנצער אָפּגעשטאַנענקייט און פאַרגליווערטקייט פון דעם טראַדיציאָנעלען קוק אויפן תנ״ך, איז די אויפוואַכונג פון אַ לעבעדיגען אינטערעס צו דעם האָזיגען ערשטען מקור פון אונזער גייסטיגער קולטור אַן אָביעקטיוו־נייטיגער פועל יוצא פון אונזער נאַציאָנאַלער אויפלעבונג, און מוז אָנקומען פריהער אָדער שפּעטער.

נאָר אַט דער אומקעהר צום תנ״ך קאָן ניט זיין קיין געוויינליכער אומקעהר צום תמימותדיגען אַלטען קוק אויף זיין אינהאַלט און זיינע ווערטען. עס מוז פאַר דעם פאָרקומען אַ שאַפענדע געדאַנקען אַרבעט, וועלכע זאָל וואַר־

פון ליכט אויף דער געשיכטע פון דער עלטסטער יודישער קולטור און צוגעבן פלייש און בלוט די נעבעלדיגע בילדער פון די גרויסע היסטארישע מענער, די שאפער פון דער יודישער אייגנארטיגקייט.

און אין דער אמתן, ווען מען טראגט אריין דעם געדאנק פון עוואלוציאן, פון לאנגזאמער ענטוויקלונג, אין דער תנ״ך — וועלט אריין, לאזט זיך גרינגער אויפדעקן די נאציאנאלע אינדיווידואליטעט פון יודענטום, ווייל אויף דעם אופן דעקן זיך אויף די ערשטע עיקר־עלעמענטן, וועלכע זיינען געבליבן אומפערענדערט בא אלע היסטארישע ווענדונגען און ירידות.

מיט איין ווארט: פאר דעם אריינטריט אין דער תנ״ך־וועלט מוזען איינגעלערנט ווערן די פרינציפען פון דער תנ״ך־וויסענשאפט, אין וועלכער עס שטעהט פאר אין יודענטום ניט קיין צושטערענדע, נאר א בויענדע שאפענדע ראליע.

עס פערשטעהט זיך, אז די אנווענדונג פון די היינטצייטיגע מעטאדען פון היסטארישער און ליטעראַרישער קריטיק אויף צו בעגרייפען דעם תנ״ך, וועט מוזען ברענגען דערצו, אז עס זאלען איבערגעקוקט און איבערגעשאצט ווערען די פילע ווערטען זיינע, אבער אין משך פון דעם אפקלייבונגס־פראצעס וועט זיך אויסלייטערן דער אייגנארטיגער יודישער געדאנק, ער וועט ווערען שטארקער און בעוואוסטזיניגער און וועט געפינען אנשטאט דעם דונקעלן נעבעלדיגען גלאנץ פעסטע יסודות צום ווייטערדיגען נאציאנאל היסטארישען בויען.

נאר דעם יודישען געדאנק, וועט ניט אויסקומען אנצוהויבען אין דעם געביט פון אנהויב (אן, ווייל די מערב־אייראפּעישע וויסענשאפט האט שוין אפגעריינגט פאר איהם אין א היבשער מאס דעם וועג. און די ערשטע אויפגאבע פון דער יודישער היסטארישער וויסענשאפט איז — איינצולערנען די הויפּט־רעזולטאטען פון דער אייראפּעישער תנ״ך־וויסענשאפט, בעזונדערס איהרע היסטארישע (ניט טעאלאגישע) חלקים און זיי איבערצוארבעטען כדי זיי ווייטער צו ענטוויקלען.

די מערב־אייראפּעישע תנ״ך־וויסענשאפט האט שוין איהר גאנץ לאנגע געשיכטע, ווייל די ערשטע פרובען וויסענשאפטליך דורכצופארשען און צו בעלייכטען דעם תנ״ך געהערן שוין צו דער עפאכע פון הומאניזם און רעפארמאציע און קאנען בעטראכט ווערען אלס א רעאקציע געגען דער מיטעלאלטערליכער דאגמאטיק און סכאלאסטיק. נאר צונויפגעסענדיג זיך ערשט אין סוף פון 18־טען יאהרהונדערט מיט דער אלגעמיינער בילדונגס־בעוועגונג האט די תנ״ך־וויסענשאפט דערגרייכט צו איהר פולער אויפבליהונג און בעפרייענדיג זיך מיט די אויספיהרונגען פון דער אסטראלאגיע און טעאלאגיע, — איז זי היינט איינער פון די ענטוויקעלטסטע געביטען פון מענשליכען וויסען.

אט דעם גאנצען וועג איז די תנ״ך־וויסענשאפט דורכגעגאנגען ניט נאר אהן דער בעטייליגונג פון יודענטום, נאר לגמרי אויסערן תחום פון דער יודישער געדאנקען־וועלט. דאס יודענטום בלייבט נאך עד־היום פרעמד און ווייט פון יענער גרויסער גייסטיגער ארבעט און אידעען־קאמפף, וועלכע ווערען געפיהרט ארום דעם גרעסטען ווערק פון זיין נאציאנאלער קולטור.

דאָס דאָזיגע בוך שטעלט זיך פאַר אַ עיקר-ציל צו בעקענען דאָס יודיש לעזענדע פובליקום מיט די וויכטיגסטע אויספיהרונגען פון דער תנ״ך-וויסענשאַפט ווי בנוגע צו דער געשיכטע פון דער תנ״ך-תקופה, אַזוי אויך בנוגע צו דער געשיכטע פון דער תנ״ך ליטעראַטור.

דערפאַר איז דעם דאָזיגען ווערק צוגעגעבען געוואָרען דער כאַראַקטער פון אַ זאַמעלבוך, אין וועלכען עס געהען אַריין פון איין זייט אויסגעוועהלטע קאַפּיטלען פון די ווערק פון די אָנגעזעהענסטע מערב-אייראָפּעאישע געלעהרטע, און פון צווייטען זייט פאַראַלעלע אויסשניטען פון תנ״ך גופא, וועלכע בעלייכטען די אַרויסגעזאָגטע מיינונגען און וועלכע זיינען איבערזעצט אויף יודיש לויט דעם קריטיש איבערגעקוקטען טעקסט פון ע. קאַוטש אין זיין קלאַסישען ווערק:

Die Heilige Schrift des alten Testaments (3-te Auflage 1919—1910 *).

ביים צוזאַמענשטעלען דאָס מאַטעריאַל איז אָפּגעהיט געוואָרען דער כראָנאָלאָגישער סדר; עס איז געמאַכט געוואָרען אַן אויסנאַהם נאָר פאַר דעם אַרטיקעל וועגען די נביאים, ווייל עס איז געווען נויטיג צו בעלייכטען די ערשיינונג פון דער נבואה ווי איין גאַנצע זאַך, און דעריבער האָט געמוזט אויפגעקליבען ווערען אויף איין אָרט דער היסטאָרישער מאַטעריאַל, וועלכער האַפּט אַרום פערשיידענע טיילען פון דער תנ״ך-תקופה.

אין אַלע קאַפּיטלען איז דורכגעפיהרט געוואָרען אַן אַלגעמיינע טערמינאָלאָגיע. די אַלע כראָנאָלאָגישע דאַטען, וועלכע זיינען אָפט ניט גלייך בא די פערשיידענע געלעהרטע, זיינען צוגעפאַסט צו דער כראָנאָלאָגישער טאַבעלע, וועלכע געפינט זיך צום סוף פון בוך.

עס בלייבט נאָך אָנצוּווייזען אויף די סיבות, וועלכע האָבען אונז דערוועקט אַריינצושטעלען אין דעם זאַמעלבוך אין דער פאָרם פון אַ ביילאַגע — אַ קורצע איבערזיכט פון די רעזולטאַטען, צו וועלכע עס איז געקומען די וויסענשאַפטליכע קריטיק אין דער פאָרשונג פון תנ״ך-טעקסט, איבערהויפט פון דער תורה (די פינף חומשים). די פאָרשונג פון די ערשטע היסטאָרישע מקורים געהט אייגענטליך ניט אַריין אין די אויפגאַבען פון אַ פּאָפּולערען זאַמעלבוך, אָבער אין דעם דאָזיגען פאַל האָט די וויסענשאַפטליכע פאָרשונג צו טאָהן ניט מיט געוויינליכע מקורים, וועלכע טרעטען ניט אַריבער די שוועלען פון די געלעהרטע קאַבינעטען, נאָר מיטן תנ״ך, וועלכער איז בעקאַנט יעדען איינציגען און בעקאַנט, געוויינליך, אין יענער טראַדיציאָנעלער פאָרם, פון וועלכער נאָר אַ הונדערטיאָהריגע אַרבעט פון וויסענשאַפטליכען געדאַנק איז בכח געווען אַרויסצודערגעהן דעם היסטאָריש כמעט ריכטיגען אינהאַלט. די אַרטיקלען, וועלכע געהען אַריין אין ביילאַגע, האָבען דאָס ציל צו געבען ווייניגסטענס אַ וועלכע עס איז פאָרשטעלונגען וועגען יענע מיטלען, מיט דער הילף פון וועלכע די וויסענשאַפטליכע פאָרשונג

---

*) די פסוקים אין איינציגע ווערטער, וועלכע שטעהען אין גלייכווינקלדיקע סקאָבקעס [ ] זיינען נאָך דער מיינונג פון קאַוטש מיט דער צייט אריינגעשטעלט געוואָרן אין דעם פריערדיגען תנ״ך טעקסט.

איז געקומען צו די היינטצייטיגע השקפות אויף דער געשיכטע פון תנ"ך, און וועגן יענע גרונד־מיינונגען פון דער תנ"ך־קריטיק, וועלכע ליגען אין יסוד פון אלע ארטיקלען אין דעם דאזיגען בוך.

דער קורצער ארטיקעל, וואס געפינט זיך אין דער ביילאגע מכ׳ח די היפט־רעזולטאטען, צו וועלכע עס האבען געבראכט די אויסגראבונגען אין ארץ־ישראל און אין די לענדער פון אלטען מזרח, האט זיין אויפגאבע צו כאראקטעריזירען די וויכטיגסטע פון די ארויסגעפונענע דיינקמעלער (מצבות), בנוגע צו זייער בעדייטונג פאר דער געשיכטע פון תנ"ך.

ניט קוקענדיג אויף דעם צוזאמענגעשטעלטען כאראקטער פון דעם דאזיגען בוך, איז דאס ניט קיין צופעליגע זאמלונג פון ארטיקלען, און האט זיין ציל צו זיין א גאנצעס, וואס אלע זיינע טיילען זיינען ניט נאר פון אויסווייניג כראנאלאגיש פערבונדען, נאר אויך פון אינעווייניג, פעראייניגט דורך איין אידעע: זיי אלע שטרעבען פארצושטעלען און דערווייזען, ווי אזוי אין איינגען צוזאמענהאנג מיט די היסטארישע געשעהנישען עס איז פארגעקומען אין ישראל דער איינציגער אין דער וועלט־געשיכטע גרויסארטיגער קאמפף צווישען די נאטירליכע און די עטישע עלעמענטען פון דער אמונה, — א קאמפף, נאך וועלכען דאס פאלק ישראל, וועלכעס האט זיך אין אנהויב פון דעם פעריאד כמעט מיט גארנישט ניט אויסגעטיילט פון דער סביבה פון די איבעריגע סעמיטישע פעלקער, — איז צום סוף, געווארען דער טרעגער פון אן איינציגארטיגער גייסטיגער קולטור פון אן אלוועלטליכער בעדייטונג.

Очерки по еврейской исторій и культурѣ, С.-Петербургъ 1912.

אלס יסוד פון דער דאזיגער אויסגאבע האט געדינט דאס רוסישע בוך וועלכע איז ארויסגעגעבען געווארען דורך דער היסטאריש־עטנאגראפישער געזעלשאפט אין פעטערבורג. עס זיינען אבער ארייגעטראגען געווארען וויכטיגע שינויים, דהיינו: א גאנצע ריידע קאפיטלען, וועלכע זיינען פאראנען אין דער רוסישער אויסגאבע זיינען דא אויסגעשלאסען געווארען און אנשטאט זיי זיינען ארייגעשטעלט געווארען 5 נייע קאפיטלען: V, VII, XII, XVI און דער קאפיטעל 2 פון די „הוספות“. אחוץ דעם זיינען בערך צו דער רוסישער אויסגאבע געמאכט געווארען א ריידע ערגענצונגען, בעמערקונגען און רעדאקציאנעלע פערריכטונגען.

מ. סאלאוויטשיק.

פעטערבורג, מאי 1913.

פארוואָרט.

זעהר גרויס איז די הצטרכות אין א פאלקס-ליטעראטור, וועלכע זאל די ברייטע יודישע שיכטען געבען א גענויע און קלארע השגה וועגן די וויכטיגס-טע מקורים פון אונזער נאציאנאלער קולטור, אויפדעקען דעם ריכטיגען פרצוף פון פארצייטיגען יודענטום, זיין לעבענס-שטייגער, זיינע זיטען און די ענט-וויקלונג פון זיינע רעליגיעזע און מאראלישע פארשטעלונגען.

ליידער איז בײַ אונז אזא ליטעראטור ביז איצט כמעט נאך ניט געשאפען געווארען. דאס גרעסטע און הייליגסטע ווערק פון אונזער עבר — דער תנ"ך — איז אין דער זעלביגער צייט אויך דאס סודות-פולסטע בוך פאר אונזער פאלק, ניט קוקענדיג אויף זיין גרויסער פשטות און קלארען געדאנק. דאס גרויסע ווערק, אין וועלכען דער שאפענדער גייסט פון פאלק און משך פון דורות האט טיף און ערנסט בעטראכט די פראגען פון לעבען פון יחיד און כלל, — דאס דאזיגע ווערק איז מיט דער צייט אפגעריסען געווארען צוזאמען מיטן פאלק, זיין שאפער, פון ערדישען באדען, איבערגעטראגען געווארען אין די הימלען און איינגעוויקעלט אין דעם מאנטעל פון אבסטראקטער אמונה.

כדי צוצופאסען זיך צום הימלאזען לעבען און כדי ניט צו לאזען די ווארצלען פון זיין נאציאנאלער קולטור אין דער פרעמדער און ניט גינסטיגער סביבה, האט זיך דאס פאלק מצמצם געווען אין זיין אבסטראקטער, הימלישער וועלט, און דערמיט זיך געראטעוועט פון אסימילאציע און אונטערגאנג, — אבער אין דער זעלביגער צייט האט ער פארלארען יעדע געזונטע און נאטירליכע השגה וועגן זיין פאליטישען און ענטוויקלונגס-רייכען לעבען אין עבר.

די דאזיגע נטיה צום פערגייסטיגונג און צמצום ליגט ניט נאר אין יסוד פון דער תורה שבעל פה, דער תלמודישער ליטעראטור, נאר די לאזט זיך שוין מערקען אויך בײַ די צונויפשטעלער פון תנ"ך, וועלכע האבען ווייניג וואס געהאלטען פון דעם סאציאל-עקאנאמישען לעבען אין זייער צייט. די לאנגע גסיסה און די מפלה פון דער יודישער מלוכה האבען געשאפען א גינסטיגען באדען פאר דער ענטוויקלונג פון דער דאזיגער נטיה: אנשטאט דער סאציאל-פאליטישער איינהייט איז אויפגעקומען די איינהייט פון גייסט, אנשטאט דער נאציאנאלער קהלה מיט איהרע רעאלע פאלקס-טראדיציעס איז אויפגעקומען די רעליגיעזע קהלה מיט איהרע תפלות און תעניתים און מיט איהרע מיסטישע פארשטעלונגען. אזוי זיינען דער רעליגיעזער צמצום און די פערגייסטיגונג פון עבר אויפגענומען געווארען אלס חלקים פון טראדיציאנעלען קוק אויפן תנ"ך. אזוי איז דער תנ"ך געווארען אויסשליסליך א זאך פון גלויבען און ניט פון קלארען פארשטעהן, — א ווערק, איבער וועלכען עס האט מעהר ניט

קיין שלימה׳דער וואַכנדער און פֿרעגנדער שׂכל. אַזוי איז לגמרי פֿאַרגעסן געוואָרן דער אמת, אַז די געזעצן פֿון דער תּורה זײַנען אין די פֿערשיידענע תּקופֿות צוגעפּאַסט געוואָרן צו די ווירקלעכע צרכים פֿון פֿאָלקס־לעבן, פֿאַר וועלכע זיי זײַנען לכתּחילה געשאַפֿן געוואָרן.

די בײדע חכמים פֿון סוף בית שני, רבי שמעון, וועלכער האָט געפּאָרשט דעם לאָגישן זין פֿון יעדן פּסוק (רבי שמעון דריש טעמא דקרא) און רבי יהושע, וועלכער האָט אָפֿן ערקלערט, אַז די תּורה איז ניט אין הימל, אַז זי איז געגעבן געוואָרן אונדז, די קינדער פֿון דער ערד, דורך משהן אויפֿן סיני, (לא בשמים היא, שכּבֿר ניתּנה למשה בסיני), — בײדע האָבן זיי אַרויסגערופֿן צו זיך אין יענער צײַט אַ גרויסע התנגדות. צו רבינו סעדיה גאון און צום רמב״ם, וועלכע האָבן ערקלערט די טעמים פֿון די מצוות, האָט מען זיך אָפּגעטראָגן מיט חשד און פֿאַרבאָרגענער שׂנאה; ברוך שפּינאָזאַ, וועלכער האָט שפּעטער דורך זײַן טיפֿן שׂכל געזוכט פֿעסטצושטעלן די מהות פֿון דער גאָטהייט, האָט מען אַרײַנגעוואָרפֿן אין חרם, און די משׂכּילים פֿון די 80־ער יאָרן, וועלכע האָבן געזען אין תּנ״ך רעאַלע לעבנס־כּללים און פֿאָלקס־זיטן און געזוכט פֿעסטצושטעלן אַ האַרמאָניע צווישן זיי און צווישן די צרכים פֿון אונדזער צײַט, זײַנען באַגעגנט געוואָרן מיט שפּאָט און רדיפֿות.

אין משך פֿון דער צײַט איז פֿאָרגעקומען אַ גרויסע איבערקערעניש. די ברײטע נאַציאָנאַלע באַוועגונג, וועלכע שטעלט פֿאַר זיך אַלס ציל דעם אומקער צו רעאַלן און פֿילזײַטיקן לעבן, האָט שוין פּראַקטיש צושטערט דעם אַמאָליקן צמצום פֿון דער פֿאָלקס־נשמה און די פֿערגײַסטיקונג פֿון די היסטאָרישע ווערטן. דאָס פֿאָלק פֿון בוך האָט זיך לאַנגזאַם אָנגעהויבן צו פֿאַרוואַנדלען אין אַ פֿאָלק פֿון לעבן מיט קלאָרע און בולטע טענדענצן אָנצוקלײדן זײַן שאַפֿנדן גײַסט אין ממשות׳דיקע מענטשלעכע פֿאָרמען; אין אַ פֿאָלק מיט ניט שטענדיק ברײטע מעגלעכקײטן, נאָר שטענדיק מיט אַ ברײטן ווילן רעאַל און פֿילזײַטיק צו לעבן. די אמונה איז געבליבן דער וויכטיקסטער טייל פֿון ייִדנטום, האָט אָבער אויפֿגעהערט צו זײַן דאָס ייִדנטום אַלײן. אויך דעם תּנ״ך האָט מען אָנגעהויבן קלאָרער און פּשוטער צו פֿאַרשטײן און זײַן הייליקייט האָט אָנגעהויבן ווערן אַ מער לעבעדיקע און שטאַרקע, וועלכע דער קלאָרער שׂכל פֿון מענטשן קען פֿאַר קײן פֿאַל ניט סותר זײַן, נאָר, פֿאַרקערט, באַלײַכטן און פֿאַרטיפֿן.

און ווען נאָך דעם אַלעמען איז די ייִדישע וויסנשאַפֿט — וועלכע איז בכלל נאָך אַזוי יונג — נאָך ניט געקומען צו דער מדרגה, אַז זי זאָל קאָנען ניכטער און אָן לײַדנשאַפֿט באַטראַכטן דעם תּנ״ך ווי יעדער אַנדער גרויסע ליטעראַרישע און קולטור־געשיכטלעכע שאַפֿונג פֿון דער מענטשהייט, איז דאָס נאָר אַ פּראָדוקט פֿון דער דורות־לאַנגער געוווינהייט צו זען אין תּנ״ך אַן איבער־מענטשלעכעס און ניט באַרירלעכעס ווערק.

אָבער דאָס, וואָס עס האָט נאָך ניט געקאָנט כּמעט טאָן ביז אַהער די ייִדישע וויסנשאַפֿט האָט געטאָן די — הגם אויך ניט גאַנץ אָביעקטיווע — ניט־

יודישע וויסענשאַפט. דאָס איז געווען איינער פון די גרויסע פערדינסטען פון דער רעפאָרמאַציע, וואָס זי האָט דערנעהנטערט דעם תנ״ך צו דער מענשליכער געזעלשאַפט און האָט געלערנט צו בעטראַכטען איהם מיט מענשליכע אויגען. און פון דאַן אָן האָט ביסלעכווייז איבער איהם אָנגעהויבען צו פאַרשפּרייטען איהר שליטה די מאָדערנע וויסענשאַפט. ניט גלייכגילטיג איז געווען די קריסט־ליכע וועלט צום תנ״ך: אַני אַנדערס מאָל די ליבע, דאָס חיב דער פערבאָרגענער חשד און קנאה האָבען פאַרבלענדט איהרע אויגען פון צו זעהן די ווירקליכקייט, און גאַנץ אָפט האָט זיך דער וויסענשאַפט אויך ניט איינגעגעבען צו בעפרייען זיך פון די דאָזיגע מענשליכע שוואַכקייטען. — אָבער דאָך גרויס זיינען די רעזולטאַטען, די וועלכע זי האָט דערגרייכט בעזונדער אין משך פון לעצטען יאָהרהונדערט. זי האָט העל בעלייכטען דאָס פאַרצייטיגע לעבען פון די מזרח־פעלקער בכלל און פון יודישען פאָלק בעזונדער, זי האָט מיט ענערגיע און מסירת נפש געפאָרשט די נאַטור און די זיטען פון ארץ ישראל, סוריא, בבל און מצרים און האָט פאַרבונדען דעם תנ״ך צוריק מיטן היסטאָרישען באָדען, פון וועלכען ער האָט געצויגען זיין חיונא און אויף וועלכען ער האָט זיך ענטוויקעלט. זייענדיג אַליין פון די זאַפטען פון געזונטע מאָדערנע קולטורען, האָבען די טרעגער פון דער וויסענשאַפט בילד און פילזייטיג געשילדערט די גרויסע תקופות פון דער אַלטער יודישער געשיכטע, וועלכע עס האָט קוים גע־קאָנט רעאַל בעגרייפען דער איינגעקניטשטער דערשלאָגענער מוח פון גלות־יודענטום.

זיי האָבען געפונען און דורכגעלייגט דעם ריכטיגען וועג פאַר אַ וויסענ־שאַפטליכער אויספאַסונג פון תנ״ך, ניט קוקענדיג אויף אַלע זייערע טעותן און טענדענציעזע השערות און אויף דער גאַנצער ווייטקייט זייערער פון דעם תוך פון דער יודישער קולטור; דוקא די דאָזיגע ווייטקייט האָט זיי אָפטמאָל געגעבען די מעגליכקייט אַרומצוכאַפּען מיט זייער בליק די גאַנצע אַרענע פון געשיכטליכען לעבען און פעסטצושטעלען די פיזיאָנאָמיע פון יעדער תקופה בעזונדער.

פון זיי דאַרפען מיר זיך לערנען דעם אופן פון וויסענשאַפטליכער פאָרשונג; מיר דאַרפען אויפדעקען און פאַרריכטען די פעהלערן זייערע, אָבער אַרבעטען ווייטער מוזען מיר אין דער ריכטונג, וועלכע זיי האָבען אונז אָנגעצייכענט; מיר מוזען בעלייכטען די רייכע מקורים פון אונזער עבר קלאָר און לאָגיש, ווי עס האָבען דאָס פאַרמאָגט צו טאָהן אייניגע פון אונזערע גרויס־מפרשים פון תנ״ך אין זייער צייט.

דאָס פאָרליגענדע ווערק, וואָס מיר גיבען דעם יודישען לעזער, ענטהאַלט אין זיך — אַחוץ אייניגע אויסנאַהמען — קאַפּיטלען פון ווערק פון ניט יודישע געלעהרטע, וועלכע מיר האָבען בעאַרבעט און מסביר געווען אין יודיש. דאָס הייסט ניט, אַז מיר זיינען מסכים מיט אַלע זייערע איינצעלנע אויספיהרונגען און השערות. מיר האָבען פיל מעהר געוואָלט איבערגעבען דעם יודישען לעזער־פּובליקום אין קורצען די וויכטיגע רעזולטאַטען פון דער תנ״ך־וויסענשאַפט, די קלאָרע השגה, וועלכע זי האָט אונז געגעבען איבער פאַרשיידענע ערשיינונגען

פון אונזער פארצייטיגען לעבען און אנווייזען אויף איהר געזונטען קוק אויפ'ן יודישען עבר בכלל. — ווען דער יודישער לעזער וועט האלטען אפען פאר זיך דעם תנ"ך און לעזען דאס פארליגענדע ווערק מיט א ניכטערן שכל, וועלען זיך פאר איהם עפענען ברייט די האריזאנטען פון אלטען יודישען לעבען און דער תנ"ך וועט איהם ווערען נעהנטער און פארשטענדליכער. זאל ער ניט זארגען, ווען ער וועט אויף די האריזאנטען געפינען שווארצע פינטלען, זאל ער נאר איינעהמען דאס ליכט און די ברייטקייט פון דער תנ"ך וויסענשאפט און רוהיג גלייבען אין דער צוקונפט פון דער יודישער וויסענשאפט, וועלכע האט נאך צו זאגען איהר גרויסען ווארט אין געביט פון דער תנ"ך-פארשונג.

ד"ר שמואל אייזענשטאדט.

אדעס. מאי 1913.

אינהאלט פון ערשטן טייל.

זייט

פאָרוואָרט . . . . מ. סאָלאָווייטשיק.

פאָרוואָרט . . . . ד"ר שמואל אייזענשטאַדט.

א. אַײנפירונג.

I. די געאָגראַפישע לאַגע פון ארץ־ישראל 1

דער נאָמען פון לאַנד און די גרעניצן.—די געשטאַלט פון לאַנד און זיין נאַטור.—דער גלייכער שטח ביין מיטעללענדישען ים.—דאָס צענטראַלע באַרג־לאַנד.—דער ירדן־טאָל.—יענע זייט ירדן.—דער אַלגעמיינער כאַראַקטער פון לאַנד.—די באַוואַסערונג.—די ווירקונג פון דער נאַטור אויפן היסטאָרישן גורל פון לאַנד.—

II. די לאַגע פון ארץ־ישראל צווישען די לענדער פון אַמאָ־ליגען מורח 6

די פּאָליטישע לאַגע פון ארץ־ישראל.—די האַנדלס־וועגן, וואָס גייען דורך דורך ארץ ישראל.—די פּאָליטישע ראָלע פון ארץ ישראל צווישן די אַנדערע מלוכות.—די קולטורעלע ווירקונג פון די שכנישע לענדער אויף ארץ ישראל.

III. די עטנאָגראַפיע פון אַמאָליגען ארץ ישראל 10

די כנענים.—די פיניקיער.—די אמורים.—די חתים.—די אַרמים.—די עברים.—די קרובהשאַפט צווישן די בני־ישראל און די וואַנדערנדע שבטים פון סיני.

ב. די תקופה פון וואַנדערן.

IV. דער לעבענס־שטייגער פון די שמישע וואַנדערער 14

דער פּאַטריאַרכאַלער סדר.—די קנעכטשאַפט.—די שטובּיגע פיהרונג.—דער גייסטיגער מצב.—די גלויבונגען.

V. דער כאַראַקטער פון די עלטסטע פאָלקס־לעגענדען 18

די לעגענדען וועגן די אבות.—די פאַמיליען־געשיכטען אַלס נאָרם פון אַלט־ישראלשער געשיכטע־שרייבונג.—דער מיטהאָלאָגישער יסוד.

VI. די תנ"ך-ערציילונגען וועגן די אבות 21

אברם און לוט וואנדערן קיין כנען און מצרים.—אברם און לוט טיילן זיך אפ איינע פון די אנדערע.—אברהם אין גרר.—יצחק'ס געבורט.—די פארטרייבונג פון הגר און ישמעאל.—אברהם'ס בונד מיט אבימלך'ען.—אברהם'ס דינער נעמט פאר יצחק'ן א ווייב פון מעסאפאטאמיען.

VII. די ישראלשע שבטים פאר דער באזעצונג פון ארץ ישראל 29

דאס לעבן אין מצרים.—משה.—די אויסוואנדערונג פון מצרים.—קדש.—די אויסוואנדערונג פון קדש.—די ערשטע נצחונות אויפן מזרח-זייט פון ירדן.—די ענטשטייאונג פון פאלקן.—די שבטים.—דער שבטים-בונד.—די ווירקונג פון דער כנענישער קולטור.—ישראל'ס גייסטיגער אחדות-געפיהל.—יהוה אלס דער יסוד פון נאציאנאלער אחדות.—משה—אלס איר שעפפער.—ישראל'ס ווייטערדיגע גייסטיגע אין קולטורעלע ענטוויקלונג.—יהוה, דער גאט פון מלחמה.—יהוה'ס ווירקען אין די ברייטע פאלקס-שיכטען.—דער ארון הברית.—דער גאטעס-דינסט און דאס געריכט.—יהוה, דער גאט פון ישראל און דער גאט פון דער וועלט.

VIII. די תנ"ך-ערציילונגען וועגן דער וואנדערונג איבערן מדבר און וועגן די ערשטע מלחמות מיט די אמורים 36

פון חורב צום ירדן.—די שלוחים פון די שבטים לאזן זיך אוועק אויספארשן ארץ ישראל.—יהוה'ס צארן.—די בלאנדזשענישען ארום שעיר.—דער דורכגאנג איבער די נחלאות פון מואב און עמון.—די מלחמות מיט די אמורישע מלכים.—די צוטיילונג פון איינגענומענעם לאנד.

ג. די ערשטע יארהונדערטען פון פעסטען לעבען.

IX. די בעזעצונג פון ארץ ישראל 43

ארץ ישראל אין אנהייב פון דער שופטים-צייט.—די כנענים אין דער תקופה, ווען די בני ישראל בעזעצען דאס לאנד.—די געגענדען, וועלכע זיינען געבליבען אין רשות פון דער פריהערדיגער בעפעלקערונג.—די צווארפענקייט פון די ישראלשע נחלאות.—די בעציהונגען צווישען די בעזיגער און די בעזיגטע.—די שופטים אלס פיהרער פון די שבטים און ניט אלס פיהרער פון פאלק.—די נייטיגקייט אין א פעראייניגונג.

X. די כנענישע קולטור אין דער צייט פון די בני ישראל'ס אנקומען אין לאנד 48

די הויך פון דער קולטור ביי די כנענים. — די אמונה און דער גאטעס-דינסט.

XI. די תנ"ך-ערציילונגען וועגן דער איינגעהמונג פון ארץ ישראל 51

דער אלגעמיינער גאַנג פון כנען'ס איינגעמונג.—די רשימה פון די ניט איינגענומענע ערטער.—די מלחמה מיט סיסראן.—דבורה'ס ליד.—מיכה פון שבט אפרים בויט אַ געטליכעס הויז. — דער שבט דן זוכט פאַר זיך אַ נחלה. — די מלחמה-אַרויסטרעטונג פון די בני דן.—די בעשרייבונג פון מיכה'ס געטליכען הויז.—דאָס הייליגטום אין דן.

XII. די ענטשטייאונג פון דער קעניגליכער הערשאַפט ביי די בני ישראל און איר כאַראַקטער 61

דער איבערגאַנג פון ערד-אַרבעט און די ענטשטייאונג פון קעניגטום.— די אינווייניגסטע אָרדנונג ביי די וואַנדערער.—די לעבנס-צרכים פון אַן ערד-אַרבעטער-שבט.—די לאַגע פון די בני ישראל.—די קריטישע צייט.

XIII. די תנ"ך-ערציילונגען וועגן דער מלחמה מיט די פלשתים און וועגן שאולס אַרויפטרעטען אויפן מלוכה-שטול 65

דער נצחון פון די פלשתים.—דער אָרון פון יהוה אין לאַגער פון די בני ישראל. — דער אָרון ווערט גענומען געפאַנגען. — דער גורל זיינער אין פלשתים-לאַנד.—דער אָרון קערט זיך אום צו די בני ישראל.—שאול בשעתן זוכן די אייזעלינס.—שאולס באַגעגעניש מיט שמואלן.—די זאַלבונג פון שאול צו דער מלוכה.—שאולס נצחון איבער די בני עמון און זיין אַרויפטרעטען אויפן מלוכה-שטול.

ד. די תקופה פון די מלכים ביזן אויפקומען פון די גרויסע נביאים.

XIV. די אויפבליהונג פון דער ישראלשער מלוכה אונטער דוד'ס הערשאַפט 73

די ענטשטייאונג פון דער נאַציאָן און דער אָנפאַנג פון דעם מלוכה-לעבן.—די באַדייטונג פון דוד'ס מלוכה פאַר דער פאַרשטאַרקונג פון דער קעניגליכער מאַכט.—דער קעניגליכער הויף.—דאָס געריכט און די מלוכה-פיהרונג.—די איבערטראָגונג פון דעם אָרון קיין ירושלים.—די ערשטע התחלה פון דער געשיכטע-שרייבונג; דער נאַציאָנאַלער עפּאָס.

XV. די תנך-ערציילונגען וועגן די ערשטע מלכים און וועגן דער צוטיילונג פון מלוכה 76

שאול'ס טוידט.—דוד'ס ליד אויפן טוידט פון שאול און יהונתן.—דוד'ס אַרויפטרעטען אויפן מלוכה-שטול און די איינגעמונג פון ירושלים.—דער נצחון איבער די פלשתים.—די איבערטראָגונג פון יהוה'ס אָרון אויפן ציון-באַרג.

שלמה׳ס מלוכה.—דער בנין פון בית=המקדש.—די הייליגונג פון בית=המקדש.—שלמה׳ס געצענדינערײ.—יהוה׳ס כעס.—ירבעם.—די פּראָוויסאָגונג וועגען זיין מלוכה.—שלמה׳ס טוידט און רחבעם׳ס אַרויפטרעטן אויפ׳ן מלוכה=שטול.—די פאָלקס-פאַרזאַמלונג אין שכם.—די צוטיילונג פון די מלוכות.—ירבעם שטעלט אויף גאָלדענע קעלבער אין דן און אין בית-אל.

XVI. די תקופה זינט דער צוטיילונג פון דער מלוכה ביז דעם אויפקומען פון די גרויסע נביאים 87

דער פאָלקס=אויפשטאַנד און די מלוכה=טיילונג.—רחבעם און ירבעם.—ישראל און יהודה.—די אמונה אין דער תקופה פון דער מלוכה=טיילונג.—רחבעם׳ס נסיונות צוריק צו פעראייניגען די מלוכה.—נדב און בעשא, די מלכים פון ישראל.—אלה און זמרי, די מלכים פון ישראל.—די דינאַסטיע פון עמרי.—אַחאב.—די מלחמות מיט די אַראַמייער פון דמשק.—דער אויפשטאַנד אין מואָב.—יורם.—אַשור׳ס מלחמה מיט יורם, דעם קעניג פון ישראל.—די מפּלה פון דער עמרי׳שער דינאַסטיע.—דער בעל-דינסט אין שומרון.—דער נביא אליהו.—די רעליגיעזע בעוועגונגען אין ישראל.—אלישע, דער תלמיד פון אליהו, זאַלבט יהוא׳ן, דעם חיל=אָנפיהרער פון אַחאָב, פאַר אַ קעניג איבער ישראל.—יהוא׳ס אַרויסטריט געגען דאָס הויז פון אַחאב און דעם בעל-דינסט אין שומרון.—יהוא׳ס דינאַסטיע און די מלחמות געגען די אַראַמייער פון דמשק.

XVII. דאָס אַלטע ישראל׳שע געוויינהייט=רעכט 97

די ענטשטייאונג פון געשריבענעם רעכט.—די מקורים פון ישראלשע געוויינהייט=רעכט.—די געזעצגעבונג אַלס דער בונד צווישען יהוה און ישראל.

דער ספר=הברית.—דער גרונד-געזעץ פון בונד.—דער סדר פון קרבנות=ברייגגען.—די געזעצען וועגען קנעכטשאַפט.—די קרימינאַל-געזעצען.—רעליגיעז=זיטליכע פאָרשריפטען.—די שליסונג פון בונד.

XVIII. די מאַטעריעלע און גייסטיגע קולטור פון דער פאַר=נביאים=צייט 104

די התחלה פון דער העברעאישער שריפט.—דאָס פאַמיליען-לעבן.—די קנעכטשאַפט.—די בעשעפטיגונגען: ערד-אַרבעט, בהמות פיטערן, מלאכות.—דער לעבענס=שטייגער.—דער האַנדעל און די ענטוויקלונג פון גרויסען אייגענטום.—די סאָציאַלע טיילונגען.

די מלחמה=פיהרונג.—דער קעניג און די מלוכה=הכנסות.—די געזעצגעבונג.—דאָס קרימינאַל-רעכט.—די בלוט-נקמה.—דאָס בירגערליכע רעכט.—דער בית-דין.—די יסודות פון סאָציאַלן סדר.

די נביאים.—די כהנים, זייערע אויפגאַבען און זייער קלאַסען-אָרדנונג.—די פאָלקס-אמונה.—די איינאָרדנונג פון הייליגטום.—די צערעמאָניע פון קרבנות=ברייגגען.—די בעדייטונג פון די קרבנות.—שבת און ראש חודש.—די לבנה=

יום-טובים.—פסח.—די יאָהריגע יום-טובים און זייער צערעמאָניע.—די אָרטיגע יום-טובים.—די שטוביגע רעליגיע.—די לויה-מנהגים.—דער קולט פון טויטע.—אבערגלויבען און די איבערגעבליבענע סמנים פון אנימיזמוס.—די השגות איבער ריטועלע ריינקייט.—די תורה.—די יסודות פון דער פאָלקס-אמונה.—דער יהוה׳יזמוס.—די ארויסשטייסונג פון פרעמדע און געצענדינערישע גלויבונגען דורך דעם יהוה׳יזמוס.—די נבואה.—דער נצחון פון יהוה׳יזמוס.

ה. די תקופה פון די גרויסע נביאים און די מפלה פון דער ישראלשער און יודישער מלוכות.

XIX. די נביאים און זייער צייט 125

דער אלגעמיינער כאראַקטער פון דער נבואה.—די ערשטע התלהבות׳פולע (עקסטאַטישע) נבואה.—די עלטסטע פאָרמען פון דער ישראלישער אמונה.—די געבורט פון דעם יהוה׳יזמוס.—יהוה.—דער סתם-גאָט פון ישראל.—יהוה—דער גאָט פון נקמה.—די תקופה פון דער עמרישער דינאַסטיע און דער בליהען פון פיניקישען גאָטעסדינסט.—דער נביא אליהו.—די געבורט פון דער נבואה.

די פאָרגיינגער פון די גרויסע נביאים.—דער פאָליטישער און דער מאָראלישער מצב פון ישראל און פון די ארומיגע פעלקער.—די נבואה אלס דער אויסדרוק פון געטליכען צאָרן.—די ערשטע נביאים.—עמוס.—הושע.—שומרון׳ס מפלה.—ישעיהו.—ישעיהו׳ס אידעאל: ישראל, וועלכער איז מציל די וועלט.—דער בת-קול פון שומרון׳ס מפלה אין יהודה.—חזקיהו און דער פרוב צו רעפאָרמירן דעם ישראלשען גאָטעסדינסט.—דער צייטווייליגער נצחון פון דער נבואה.—ישעיהו׳ס זעהונגען וועגען דעם קומענדיגען שלום.

מנשה׳ס מלוכה און די רעליגיעזע רעאקציע.—ירמיהו.—זיין ערשטער ארויסטריט. — ירמיהו אין ירושלים. — „דאָס בוך פון דער לעהרע". — אשור׳ס מפלה.—יהודה׳ס גסיסה.—ירמיהו׳ס ארויסטריט אנטקעגען דעם קעניג יהויכין און די הערשענדע קלאַסען.—ירמיהו׳ס נבואה וועגען דער נאָהענטער מפלה פון ירושלים.—די ערשטע איינגעהמונג פון ירושלים.—צדקיהו׳ס מלוכה.—צדקיהו׳ס פאָליטיק און ירמיהו׳ס ארויסטריט אנטקעגען איר.—די כאראַקטעריסטיק פון ירמיהו׳ן.—ירמיהו׳ס קוק אויף ישראל׳ס צוקונפט.

יחזקאל, זיין קוק אויף דער באַדייטונג פון גאָטעסדינסט.—די פאָרם פון זיין נבואה.—יחזקאל׳ס ערשטע ארויסטרעטונגען.—די בשורה וועגן ירושלים׳ס מפלה.—יחזקאל׳ס לעהרע וועגען שכר ועונש.—דעם נביא׳ס זעהונגען וועגען ישראלס אויפלעבונג.—דער צוקונפטיגער ירושלים און זיין בית-המקדש.

דער צווייטער ישעיהו.—כורש.—די אומקערונג פון גלות.—ישעיהו דעם צווייטענ׳ס קוק אויף ישראל׳ס שליחות.

א. איינפֿיהרונג.

I. די געאָגראַפֿישע לאַגע פֿון ארץ־ישׂראל.

דער נאָמען פֿון לאַנד און די גרעניצען.

דער נאָמען „פּאַלעסטינא“, וועלכֿען ארץ־ישׂראל טראָגט אין דער וועלט־ליטעראַטור, שטאַמט פֿון דעם וואָרט „פּלשת“, וואָס די גריכֿען האָבען איהם אומגעענדערט לויט זייער שטייגער, און וואָס די תּורה (שמות טו, 14) האָט בעצייכֿענט דורך איהם דעם דרום־דיגען ברעג־פּאַס פֿון סוריא, דאָס הייסט, דאָס פּלשתּים־לאַנד. נאָר שוין זינט דער צייט פֿון דעם גריכֿישען היסטאָריקער העראָדאָט (אין פֿינפֿטען יאָהרהונדערט פֿאַר דער קריסטליכֿער צייט), בעצייכֿענען די גריכֿען מיט דעם נאָמען אויך דעם מיטעלסטען טייל פֿון לאַנד, און אין דעמזעלבען זין בענוצען זיך מיט דעם וואָרט אויך די אַלטע קריסטליכֿע שרייבער.

ארץ ישׂראל פֿאַרנעמט דעם דרום־דיגען דריטעל פֿון יענעם שטח, וועלכֿער טראָגט פֿון פֿאַרצייטען אָן דעם נאָמען סוריא. דער צפֿון־גרעניץ פֿון לאַנד ווערט בעצייכֿענט דורך אַ שטריך, וועלכֿער ווערט דורכגעפֿיהרט עפּיס העכֿער, צפֿון־דיגער, פֿון דער שטאָדט צור, צו מזרח־זייט צו. פֿון דרום־זייט טיילט זיך דאָס ארץ־ישׂראל־דיגע הויכֿלאַנד אָפּ פֿון דעם הויכֿלאַנד סין דורך אַ ניעדריגען לאַנד־שטח, וואָס הויבט זיך אָן אין דרום־זייט פֿון גת און ציהט זיך איבער די חורבות פֿון באר־שבֿע ביז צו די דרום־דיגע ברעגעס פֿון טויטען אָדער געזאַלצענעם ים (ים המלח). דער מיטעללענדישער ים, — אין תּנ״ך „ים הגדול“ (גרויסער ים), — דינט פֿאַר מערבֿ־דיגען גרעניץ פֿון לאַנד און בילדעט כּמעט אַ גלייכֿע ליניע פֿון צפֿון־מזרח צו דרום־מערבֿ. דעם מזרח־דיגען גרעניץ פֿון לאַנד קאָן מען ניט פֿעסטשטעלען גענוי, און ער געפֿינט זיך אייגענטליך דאָרטען, וואו עס הערט אויף דאָס בעאַרבייטע אַקער־לאַנד און וואו עס הויבען זיך אָן די ווילדע סירישע סטעפּעס, וואו עס וואַנדערן נאָך ביז איצט אַרום די בעדואינער, אַראַבּישע וואַנדער־שבֿטים.

די געשטאַלט פֿון לאַנד און זיין נאַטור.

איבער דער גאַנצער לענג פֿון סוריא, פֿון צפֿון צו דרום, ציהט זיך אַ גרויסער טאָל; ער הויבט זיך אָן עפּיס נעהנטער צו צפֿון, איידער די אַלטע אַנטיוכֿיא, ער בילדעט דאָ דעם אָראָנטעס־טאָל צווישען דעם באַרג לבֿנון און קעגען־לבֿנון, (וואָס ווערט אָנגערופֿען קעלעסירען), און טיף אַראָפּלאָזענדיג זיך צום ירדן־טאָל, דערגרייכֿט ער צו זיין גרעסטער טיפֿעניש אין געזאַלצענעם ים. האַלטענדיג זיך בּיי זיין פֿריהערדיגער ריכֿטונג, פֿון צפֿון קיין דרום, ציהט זיך דער טאָל נאָך ווייּ־

טער, אַריבער דעם דרום-גרעניץ פֿון ארץ-ישראל, און אונטערן נאָמען „ערבֿה“ (אַראַבאַ) דערגרייכט ער ביז צום אַקאַבישען ים-אויסגוס.

אויף אַזאַ אופֿן צעטיילט זיך ארץ-ישראל אויף פֿיר פּאַסען, וואָס ציהען זיך פּאַראַלעל איינער צום צווייטען פֿון צפֿון קיין דרום: דעם פֿלאַך-לאַנד ביים מיטעללענדישען ים-ברעג, דעם צענטראַלען באַרג-לאַנד, דעם ירדן-טאָל און דעם הויכלאַנד פֿון יענער זייט ירדן.

דאָס פֿלאַך-לאַנד ביים מיטעללענדישען ים.

1. דאָס פֿלאַך-לאַנד ביים מיטעללענדישען ים איז געווען אַמאָל בעדעקט דורכ'ן ים, וואָס איז דעמאָלט דערגאַנגען ביז צו די בערג פֿון לאַנד. אָפּטרעטענדיג צו מערבֿ צו, האָט דער ים פֿריי געמאַכט דעם דאָזיגען פֿליין און איבערגעלאָזען זיינע סימנים אויפֿ'ן געאָלאָגישען בוי פֿון דער קרקע. אין איינציגע ערטער, (אַ שטייגער ביי עכו, צור און צידון), קאָן מען נאָך אַפֿילו איצט אויפֿדעקען דעם פֿאַמעלאַכדיגען פּראָצעס פֿון דער יבשה-בילדונג. דעם דאָזיגען פֿלאַכען ברעג-שטח געפֿינען מיר נאָר אין ארץ ישראל, אין צפֿון סוריא איז ער ניטאָ; דאָרטען זעהען מיר נאָר אַ פֿעלזיגען ברעג; אין דרום אָבער, האַרט ביז צו מצרים, ציהט זיך אַ פֿלאַכער פֿליין, וואָס ווערט נאָר אין איין אָרט איבערגעריסען דורך דעם כרמל-באַרג. דער ברעג פֿון ים איז דאָ זעהר אָרים מיט האַפֿענס; די שיפֿען קאָנען ניט צוגעהן גענוג נאָהענט צום ברעג, און אַ דאַנק די מערבֿ'דיגע ווינטען, וואָס בלאָזען כמעט אַ גאַנצען יאָהר, האָט דאָס לאַנד ניט קיין גענוג זיכערע בוכטעס.

אין דעם ברעג-פֿליין קאָן מען אונטערשיידען צוויי חלקים; דעם דרום'דיגען — אַ טיפֿלאַנד, דאָס אַזוי גערופֿענע „פּלשתים-לאַנד“, אין תנ"ך — שפֿלה. עס שטעלט פֿאָר אַ וועלענאַרטיגען שטח, וואָס צייכענט זיך אויס דורך זיין פֿרוכטבאַרקייט. די צפֿונ'דיגע העלפֿט זיינע, דער שרון, איז רייך בעוואַסערט דורך דעם טייך נהר-אל-אוידשה און אַנדערע. אין פֿיל ערטער לאָזען ניט די זאַמד-בערגלעך דעם וואַסער אַראָפּצורינען אין ים אַריין און ברעננען דערצו, עס זאָלען זיך בילדען זומפּען. אין אַמאָליגע צייטען איז דער שרון געווען בעריהמט דורך זיין פֿרוכטבאַרקייט, דורך זיינע בלומען, און אויך דורך זיינע רייכע לאָנקעס. איצט איז ער גוט בעאַרבייט נאָר אין זיין דרום'דיגען טייל.

דאָס צענטראַלע באַרג-לאַנד.

2. דאָס צענטראַלע באַרג-לאַנד, וואָס ציהט זיך אין אַ גלייכער ליניע פֿון דרום קיין צפֿון, שטעלט פֿאָר אַ קייט פֿון בערג, וועלכע פֿעראייניגט דאָס הויכלאַנד פֿון סיני-האַלב-אינזעל מיט'ן לבֿנון.

אין קולטורעלן זין שטעלט דער דאָזיגער באַרגיגער שטח פֿאָר דעם צענטער פֿון לאַנד, און אויף איהם זיינען געלעגען די וויכטיגסטע שטעדט: ירושלים, חבֿרון, בית לחם, בית אל, שילה, שכם און שומרון. אין דער לענג זיינער האָט זיך אויך געצויגען דער וויכטיגסטער וועג פֿאַר'ן אינעווייניגסטען האַנדעל. דער דרום פֿון ארץ ישראל האָט זיך גערופֿען פֿאַרצייטען „נגב“ —

„דאָס טרוקענע לאַנד“. דאָס איז אַ טייל פֿון דעם גרויסן פּלאַטאָ*, וועלכער געפֿינט זיך אין מערבֿ־זייט פֿון דער ערבֿה און דערגרייכט ביז צום מיטעללענדישן ים. איצט וואוינען אויף דעם שטח נאָר בעדואינער, אַמאָל אָבער — אויף וויפֿיל מיר זעהען פֿון די תנ״ך־ערצעהלונגען און פֿון די צאָהלרייכע חורבֿות — איז ער געווען געדיכט בעזעצט. איבער דעם פּלאַטאָ הויבט זיך אויף דאָס הויכלאַנד פֿון יהודה, וואָס דערגרייכט אין דורכשניט ביז 900 מעטער די הויך. אין תנ״ך הייסט דער דאָזיגער קאַנט — מדבר פֿון יהודה. דעם דאָזיגן מדבר שניידען דורך טיפֿע בערג־שפּאַלטען, און נאָר אין פֿריהיאָהר ווייזען זיך אויף איהם מאָגערע פֿלאַנצונגען.

דאָס הויכלאַנד פֿון שומרון איז דער המשך פֿון דעם הויכלאַנד פֿון יהודה, וואָס איז אַסך מעהר פֿערשיידענאַרטיג, איידער דאָס ערשטע. די בערג־שפּיצען עיבל און גריזים דערגרייכען ביז 870 און 938 מעטער די הויך; צו צפֿון צו גערהט דאָס הויכלאַנד בהדרגה איבער אין אַ טאָל, — דעם טאָל יזרעאל. דער דרום־דיגער טייל פֿון דעם דאָזיגן הויכלאַנד איז, קאַנטיג, דאָס, וואָס דער תנ״ך רופֿט אָן מיט׳ן נאָמען — „בערג פֿון אפֿרים“.

דער טאָל יזרעאל, וואָס האָט געשפּילט אַזאַ וויכטיגע ראָל בשעת די ארץ־ישׂראל׳דיגע מלחמות, געפֿינט זיך צווישען דעם הויכלאַנד פֿון שומרון און צווישען דעם באַרג כּרמל. זיין באָדען איז ערטערווייז קויטיג, נאָר אויף די העכערע ערטער איז ער זעהר פֿרוכטבאַר.

מעהר פֿון אַלע איז רייכער אין פֿאַרמען דער דריטער עקסט צפֿון׳דיגער טייל פֿון דעם הויכלאַנד: דאָס הויכלאַנד פֿון גליל. עס שטעלט פֿאָר אַ שורה ברייטע פֿרוכטבאַרע טאָלען און גרויסאַרטיגע לאָנקעס, וואָס שפּרייטען זיך צווישען די בערג. גליל איז דער פֿרוכטבאַרסטער און שענסטער טייל פֿון ארץ ישׂראל. די שפֿע פֿון רעגען און טוי, די שטענדיג פֿליסענדיגע בערג־טייכלאַך און דער ערטערווייז וואולקאַנישער באָדען פֿאַרשאַפֿען דעם לאַנד פֿרוכפּערקייט און רייכקייט. דער יודישער היסטאָריקער יוסף פֿלאַוויוס רופֿט אָן גליל — „דער גרויסער פֿרוכט־גאָרטען“.

דער ירדן־טאָל.

3. דער ירדן־טאָל. דאָס מערקווירדיגסטע ביים ירדן איז דאָס, וואָס ער לאָזט זיך טיף אַראָב אויף זיין וועג פֿון צפֿון צו דרום. זיין אָנהויב געפֿינט זיך אויף דער הויך פֿון 520 מעטער איבער׳ן פֿלאַך פֿון ים; און דער טויטער אָדער דער געזאַלצענער ים, וואו אַהין ער פֿאַלט אַריין, געפֿינט זיך שוין 391 מעטער נידעריגער פֿאַר׳ן ים־פֿלאַך, — אויף אַזאַ אופֿן בעטרעפֿט 911 מעטער דער אונטערשייד אין דער הויך צווישען דעם אָנהויב און סוף פֿון טייך, וואָס זיי געפֿינען זיך איינער פֿון אַנדערן סך הכּל אויף אַ מהלך פֿון 220 קילאָמעטער לויט דער לופֿט־ליניע. ביז זיין אַריינפֿאַלען אין געזאַלצענעם ים גערהט דער ירדן דורך דורך דער אָזערע מרום און דורכ׳ן ים טבריא, (אין דער משנה־ליטעראַטור אויך „גינוסר“, אין תנ״ך — „כּנרת“). דער ים טבריא פֿערנעמט אַ שטח פֿון 170 קוואַדראַט־קילאָמעטער

* אַ פּליין, וואָס דערהויבט זיך העכער פֿון 500 מעטער איבער דעם ים־פֿלאַך.

און צייכֿענט זיך אויס דורך זיינע זעהר פֿרוכטבאַרע ברעגעס. ער איז זעהר רייך אין פֿיש, און אַ סך מינים פֿון זיי געפֿינען זיך נאָר אין נילוס און אין אַנדערע טראָפּישע וואַסערן. אין דעם אונטערשטען טייל פֿון ירדן געפֿינט זיך אַ מענשליכער ישוב נאָר אין די ווענינ אָאַזיסען, — דאָרטען, וואו עס פֿאַלען אַריין אין ירדן די וויכטיגערע נעבען-טייכען. דאָס רוב טאָ-לען, וואָס ביים ירדן, („וואַדי“) ברענגען איהם אַריין זעהר ווענינ וואַסער, אָפּט גיסען זיך איבער זיי נאָר ווינטערדיגע טייכלאַך, וואָס טריקענען אינ-גאַנצען אויס פֿאַר'ן הייסען זומער.

דער נידעריגסטער אָרט פֿון ירדן-טאָל געפֿינט זיך אין דרום, אין טויטען ים, וואָס די אַראַבער רופֿען אָן מיט'ן נאָמען באחר-לוט — „דער ים פֿון לוט“; דער תנ"ך רופֿט איהם אָן „ים פֿון מדבר“ אָדער „געזאַלצענער ים“; די גריכען רופֿען איהם אָן דער „אַספֿאַלט-ים“. זיין טיף דערגרייכט ביז 399 מעטער, אַזוי אַז זיין דעק ליגט אויף 790 מעטער נידעריגער פֿאַר'ן ים-פֿלאַך.

היות ווי דער טויטער ים האָט ניט קיין פֿאַרבינדונג מיט'ן אָקעאַן, קומט אויס, אַז דער גאַנצער מותרות פֿון די וואַסערן, וואָס פֿליסען אין איהם אַריין, ווערט אויסגעדעמפֿט דורך דער היץ, און דערפֿון נעמט זיך די גרויסע מאַסע זאַלץ, וואָס געפֿינט זיך אין איהם. דאָס זאַלץ מאַכט שווער דאָס וואַסער און טויט אַלע לעבעדיגע בעשעפֿענישען אין דער טיפֿעניש פֿון ים. עס איז אין איהם ניטאָ ניט קיין פֿיש, ניט קיין קאָראַלען, ניט קיין ים-שרצים. דער-מיט דערקלערט זיך, פֿאַרוואָס מען האָט איהם אָנגערופֿען „דער טויטער ים“.

דער עבר-הירדן.

4\. דאָס הויכלאַנד פֿון יענער זייט ירדן שטעלט פֿאָר אַ ווענינ פֿאַרשיידענאַרטיגען באַרג-פּלאַטאָ. צו מערב זייט לאָזט ער זיך משופּע'דיג אַראָפּ צום ירדן, און אין מזרח-זייט גיסט ער זיך צונויף מיט'ן מדבר און לאָזט ניט דערקענען זיין גרעניץ. זיין דרום'דיגער טייל רופֿט זיך אין תנ"ך — „ערבה“, (פֿליין).

דער גאַנצער פּלאַטאָ צו צפֿון-זייט פֿון דעם ירדנ'ס נעבען-טייך ירמוק טראָגט דעם נאָמען חוראן. האַרט ביים מזרח-ברעג פֿון ירדן געפֿינט זיך דאָ די באַרגיגע געגענד גולן, (אַראַביש דזשאָלאַן), וואָס דער צפֿונ'דיגער טייל פֿון איהר איז בעדעקט מיט וואולקאַנישער לאַווע און שטעלט פֿאָר גרויס-אַרטיגע פּאַשע-ערטער. אין מזרח-זייט פֿון דעם דאָזיגען „ברויט-שפּייכלער פֿון סוריא“ הויבען זיך אויף די בערג פֿון חוראן, די אַמאָליגע בערג פֿון בשן, — אַ גאַנצע שורה פֿון אויסגעלאָשענע וואולקאַנען. נאָך ווייטער צו מזרח הויבט זיך אָן דער מדבר אין פֿולען זין פֿון וואָרט.

דער אלגעמיי-נער כאַראַקטער פֿון לאַנד. די בעוואַסערונג.

פֿון צופֿוסענס פֿון באַרג חרמון ביז צו דרומ'דיגען ברעג פֿון געזאַלצענעם ים האַלט ארץ ישראל אין דער לענג אַן ערך 225 קילאָמעטער. די ברייט פֿון לאַנד, פֿון מדבר סוריא ביז צום מיטעללענדישען ים, איז אַ סך קלענער, אָבער ניט אומעטום איז זי גלייך און לאָזט זיך ניט גענוי בע-שטימען. דער גאַנצער שטח פֿון ארץ ישראל האַלט בערך 400 קוואַדראַט-מיילען, וואָס 240 מיילען דערפֿון ליגען אין מערב-זייט פֿון ירדן. ארץ ישראל איז אויף אַזאַ אופֿן קליין לויט אונזערע היינטיגע השגות, אָבער גענוג גרויס

אין פֿאַרגלייך צו דער פֿאַרצייטיגער אַטיקאַ, אין גריכענלאַנד, און צום רוימישען לאַציום. ניט אומעטום איז דאָס לאַנד גוט פֿאַר ערדאַרבייט, אָפֿט ציהען זיך איבער אַ גרויסען שטח מדבריות און ווילדערנישען, אַנדערע ערטער טויגען נאָר פֿאַר פֿאַשע פֿאַר שעפּסען און ציגען. די גרויסע טייכען טרענקען זעהר וועניג אָן דאָס לאַנד, ווייל זיי גיסען זיך איבער טיפֿע טאָלען: נאָר די קליינע טייכלעך און קוואַלען גיבען צו דער ערד פֿייכקייט און פֿרוכפּערקייט. דער הויפּט אָבער בעקומט די ערד איהר ברכה פֿון די הימלען. מיט פּינקטליכע רעגען־שטראָמען הויבט זיך אָן און פֿאַרענדיגט זיך די ווינטערדיגע העלפֿט פֿון יאָהר; בעזונדערס שטאַרקע רעגענס געהען אין חודש דעצעמבער (אין טבת און שבט); זומער־צייט שפּייזט זיך די ערד נאָר פֿון דעם רייכען טוי; דער טוי נעמט זיך פֿון ים. וועניג האַגעל און בעוועגונג רופֿט דער ים אַרויס אויף די ברעגעס פֿון לאַנד, דערפֿאַר אָבער בעלעבט ער דאָס לאַנד אויף אַן אַנדער אופֿן, ער זאַפּט אָן די לופֿט מיט וואַסער, וואָס די בערג נעמען עס אויף און האַלטען איין. ווען ניט דאָס וואַסער, וואָלטען די בערג אַליין געקאָנט אויסהאַלטען דעם קאַמף מיט'ן מדבר נאָר אין אַזאַ קליינער מאָס, ווי זיי פֿערמאָגען דאָס אין צפֿון־אַראַביען. ווי גרויס עס איז די בעדייטונג פֿון ים פֿאַר ארץ ישראל, קאָן מען אַרויסזעהן דערפֿון, וואָס די מערבֿ'דיגע שפּועים פֿון די בערג זיינען פֿיל פֿרוכטבאַרער, איידער די מזרח'דיגע. דאָסזעלבע קאָן מען בעמערקען אויך ביים לבנון. בעזונדערס בולט זעהט מען דעם אונטערשייד אין דער פֿייכטקייט פֿון ביידע שפּועים ביים כרמל.

די ווירקונג פֿון דער נאַטור אויפ'ן היסטאָרישען גורל פֿון לאַנד.

דער בוי פֿון לאַנד האָט געהאַט אַ גרויסע ווירקונג אויף זיין פּאָליטישען גורל. אַנשטאַט וואָס אין בבל און מצרים האָט דער בוי פֿונ'ם ערד־איבערפֿלאַך, בעזונדערס אָבער די נויטיגקייט צו רעגולירען די בעוואַסערונג פֿון נילוס און פֿון פּרת, פֿון שטענדיג אָן אַרויסגערופֿען ביי דער בעפֿעלקערונג פֿון די ביידע לענדער אַ הצטרכות זיך צו פֿאַראייניגען אין איין מלוכה, — האָט די נאַטור פֿון ארץ ישראל, פֿאַרקעהרט, געבראַכט דערצו, אַז די בעפֿעלקערונג זאָל זיך צעשפּאַלטען אויף קליינע מלוכות. איהר מזרח און מערב זיינען שאַרף אָפּגעטיילט פֿון אַנאַנד. דער ירדן האָט לא די וואָס ניט געדינט פֿאַר אַ גרויסען לעבענס־נערוו, ווי דער נילוס, פֿאַר אַ וואַסער־וועג, וואָס פֿאַראייניגט און פֿאַרבינדט די פֿאַרשיידענע געגענדען, נאָר ער האָט זיי גיכער אָפּגעטיילט און דערווייטערט איינע פֿון די אַנדערע, ווייל אויף זיינע ביידע ברעגעס הויבען זיך אויף משופּע'דיגע בערג, וואָס מאַכען שווער דעם צוטריט אין לאַנד. די לעבענס־תנאים פֿון ביידע לאַנד־טיילען זיינען אויך שטאַרק פֿאַרשיידען: דאָס פֿלאַכע הויכלאַנד פֿון מזרח־טייל איז אַ פֿאַשע־לאַנד, דער מערבֿ־טייל אָבער מיט זיינע פֿרוכטבאַרע טאָלען איז אַ לאַנד פֿון ברויט און וויין, איילבערטען און פֿייגען. די אָפּגעריסענקייט און אָפּגעזונדערטקייט פֿון די איינציגע לאַנד־טיילען און די געאָגראַפֿישע פֿאַרשיידענקייט זייערע האָט געבראַכט דערצו, אַז דער פּאָליטישער צוזאַמענהאַנג צווישען די איינצעלנע חלקים פֿון לאַנד איז געווען שטענדיג אַ שוואַכער און האָט זיך אויסגעדריקט דערין, וואָס גליל איז געווען שטענדיג געבליבען אין אַ געוויסער מאָס פֿאַ-

ליטיש זעלבשטענדיג, און וואס דער מזרח־זייט פון ירדן איז גיך געגאנגען פארלארען פאר די בני ישראל.

אויף אזא אופן זיינען די איינוואוינער פון די פארשיידענע לאנד־טיילען געווען אפגעזונדערט איינע פון די אנדערע; זייערע ארטיגע אינטערעסען האבען זיי געמוזט פארטיידיגען מיט אייגענע כחות, און וואס ברענענדיגער עס איז געווארען די הצטרכות אין דער פאראייניגונג פון די צעזייטע שבטים, כדי צו בעשטעהן אין שווערען קאמף מיט די גרויסע וועלט־מלוכות אשור, בבל און מצרים, — אלץ שטארקער האבען זיך ביי זיי פונאנדערגעפלאקערט די אונאויפהערליכע סכסוכים.

Benzinger—Hebräische Archäologie 1907.

Wellhausen.—Israelitische und jüdische Geschichte 1904.

II. די לאגע פון ארץ־ישראל צווישען די לענדער פון אלטען מזרח.

די פאליטישע לאגע פון ארץ־ישראל.

ניט לויט איהר גרייס און ניט לויט איהר לאגע האט זיך ארץ ישראל ניט געקאנט ריכטען, אז איהר וועט אויסקומען צו פארנעמען אזא ניט־געוועהנטליכען ארט אין דער געשיכטע פון דער מענשהייט.

איהר שטח איז כמעט ניט גרעסער פאר'ן שטח פון אינזעל סיציליען. דער פרייער צוטריט צום ים, וואס דערפון הענגט אפ די מאכט פון יעדען לאנד, איז פאר איהר געווען פארשלאסען אין צפון־זייט דורך די פעניקער, אין דרום דורך די פלשתים. אין איהרע רייכסטע און פרוכטבארסטע טיילען שניידען זיך אריין פעלזיגע בערג און א פרוכטלויזער מדבר. די פארשיידענקייט פון די נאטירליכע תנאים אין אזא קליינעם לאנד; די בערג, וואס טיילען אפ איין טאל־ישוב פון צווייטען, די וועניג שיפבארע טייכען און טייכלאך, וואס האבען אין יענע צייטען מעהר געדינט פאר א מחיצה צווישען מענשען, איידער פאר א וועג צו זייער פאראייניגונג — דאס אלץ האט געמוזט אהן ספק אונטערהאלטען די אפגעזונדערטקייט פון די איינצעלנע פאמיליעס און שבטים און ניט געלאזען זיי פאראייניגען זיך אין איין פאליטישען כח. יעדע גרויסע קולטורעלע ווירקונג פון א פאלק פאדערט, אז זיינע שאפענדע כחות זאלען זיין פאראייניגט און זאלען זיך ענטוויקלען אין א זיכערער רוהיגער סביבה; זי פאדערט א פאליטישע פעסטקייט און גדולה, — און פאר אזא פעסטקייט און גדולה האבען אין ארץ ישראל געפעהלט שטענדיג די גינסטיגע נאטירליכע תנאים.

און אויב ארץ ישראל איז פארט געווארען דער מיטעלפונקט פון א גייסטיגער ווירקונג, וואס איז אומגעוועהנטליך לויט איהר קראפט און אייגענארטיגקייט, און אויב מיר ווייזען דאך אן אויף ארץ ישראל, גלייך ווי אויף גריכענלאנד, ווי אויף דער וויג פון דער גאנצער היינטיגער ציוויליזאציע, — איז דאס ניט אנדערש, ווי דער פועל יוצא פון א גרויסען און פארוויקעלטען היסטארישען פראצעס, וואס דערין האבען געשפילט א גרויסע ראלע די בעציהונגען פון די ארץ ישראל'דיגע איינוואוינער און פון זייערע הערשער צו

די אַרומיגע פעלקער און לענדער; בּעציהונגען, וואָס לאָזען זיך ווידער דערקלערן דורך דעם בּעזונדערן געאָגראַפישען מצב, וואָס אין איהם האָט ארץ ישראל זיך געפונען.

די פּאָליטישע ראָלע פון ארץ ישראל איז שטענדיג געווען אָפּהענגיג פון איהר מעמד צווישען די אַנדערע לענדער פון אַלטען מזרח. ארץ ישראל ליגט אין מזרח=זייט פון פעניקישען בּרעג, צווישען מעסאָפּאָטאַמיען און דעם טאָל פון נילוס. דעריבּער איז איהר אויסגעקומען צו פאַרנעמען דעם אָרט אויפ׳ן וועג, וואָס פאַראייניגט די צוויי עלטסטע מקורים פון דער מזרח׳דיגער קולטור, די צוויי פּונקטען, פון וואַנען עס האָבּען זיך צועשט פאַרשפּרייט איבּער דער אַלטער וועלט די השׂגות פון אַ פעסטען געאָרדענטען מלוכה=בּנין: בּבל און מצרים.

יעדע מלוכה, וואָס האָט געהאַט איהר צענטער אין טאָל פון די טייכען חידקל און פּרת און האָט געשטרעבּט צו פאַרבּרייטערן איהרע גרעניצען, האָט בּמילא געמוזט זוכען זיך אַ וועג צום גרויסען (מיטעללענדישען) ים, כּדי ניט צו בּלייבּען אַ קאָנטינענטאַלע, אָפּגעשלאָסענע מדינה און ניט אָנווערען איהר ווירקונג אויף די דרום=בּרעגען פון אייראָפּע און אויף פאָדער=אַזיען. אַזאַ מלוכה האָט געמוזט דערפאַר קודם כּל שטרעבּען אײַנצונעמען די פעניקישע בּרעג=ליניע, און דערצו ווידער איז געווען נויטיג צו געוועלטיגען איבּער ארץ ישראל און איבּער׳ן מערב׳דיגען טייל פון סוריא (סיריען), ווייל אויף אַן אַנדער אופן וואָלטען זיי איבּערגעריסען די פאַרבּינדונג פון דעם מעסאָפּאָטאַמישען מלוכה=צענטער מיט זיינע פאָדערשטע פּונקטען אויפ׳ן מערב פון אַזיען און דרום פון אייראָפּע.

אין אַזאַ מין מצב האָט זיך געמוזט געפינען אויך יעדע מלוכה פון נילוס=טאָל, וועלכע האָט געפיהרט אַ גרויסע אײַנגעמונגס=פּאָליטיק און געזוכט פרייע פּרוכטבּאַרע לענדער און בּרייטע אָפענע ים=בּרעגעס. צו אַזאַ פּאָליטיק האָט זי געצוואונגען די נאַטור פון לאַנד: ווייל דער בּרעג פון נילוס=דעלטאַ* איז צו שמאָל און צו אָרים אין האַפענס פאַר אַזאַ גרויסען און בּרייטען לאַנד, ווי מצרים און נוביען, און ווייל דאָס לאַנד גופא איז אָרים אין רעגענס, הענגט אָפּ פון דעם נילוס=וואַסער און האָט צו פיהרען אַ שטענדיגע מלחמה מיט די שכנות׳דיגע מדבּריות.

אויף אַזאַ אופן איז אויסגעקומען שטענדיג דעם פעניקישען בּרעג פון מיטעללענדישען ים צוזאַמען מיט׳ן שכנות׳דיגען שטח לאַנד צו דינען פאַר אַן ענין פון מחלוקת צווישען מצרים און מעסאָפּאָטאַמיען.

די האַנדעלס=וועגען, וואָס געהען דורך ארץ ישראל

אָבּער די צוויי לענדער זיינען געשטאַנען איינע מיט די אַנדערע אין אַלע צייטען אויך אין פרידליכע האַנדעלס=פאַרבּינדונגען, און דער האַנדעלס=

* נילוס=דעלטאַ הייסט דער אָרט, וואו דער נילוס צעשפּאַלט זיך אויף אַ סך שטראָמען און פאַלט אַריין אין מיטעללענדישען ים אַזוי, אַז עס בּילדעט זיך אַ שטח, פון אַלע זייטען אַרומגערינגעלט מיט וואַסער, אין דער פאָרם, וואָס זעהט אויס, ווי דער פּערטער אות „דעלטאַ“ (דלת) פון גריכישען אלף בּית.

וועג האָט אַרומגעבויגען דעם סירישען און אַראַבישען מדבר און איז דורכגעגאַנגען דורך דמשק.

דער וויכטיגסטער קאַראַוואַנען־וועג פֿון סוריא האָט זיך געצויגען פֿון דמשק גלייך קיין מזרח, ביי צור האָט ער זיך אָפּגעקעהרט קיין דרום, האָט זיך געצויגען ווייטער איבערן ברעג פֿון פֿעניקיען און פלשתּים־לאַנד ביז קיין פעלוסיום ביים נילוס־דעלטאַ. ארץ ישראל האָט ער אויף אַזאַ אופן איבערגעהאַקט נאָר אין איהר רעכטען צפֿון ביי דן. אָבער אויך אַחוץ דעם האָבען דורכגעשניטען דאָס לאַנד אין פֿאַרשיידענע ריכטונגען נאָך אַ גאַנצע שורה אַנדערע האַנדעלס־נערווען. די וויכטיגסטע פֿון זיי זיינען געווען: דער קורצער און גלייכער וועג פֿון דמשק קיין דרום דורכ'ן עבֿר־הירדן (דורך די שפּעטערדיגע נחלאות פֿון די שבֿטים מנשה און גד); דער דאָזיגער וועג איז אַכציהן קילאָמעטער אין דרום־זייט פֿון טויטען (געזאַלצענעם) ים איבערגעגאַנגען אויפ'ן לינקען ברעג פֿון ירדן און דורך יריחו, ירושלים און דעם דרום'דיגען ארץ ישראל זיך צונויפֿגעגאַנגען מיט דעם אויבענדערמאָנטען וועג איבער'ן ברעג פֿון ים.

אויף אַזאַ אופן האָבען פֿעניקיען און ארץ ישראל געהאַט אַ גרויסע בעדייטונג פֿאַר אַלע לענדער פֿון פֿאָדער־אַזיען אַלס פֿאַרבינדענדיגע האַנדעלס־וועגען, דערהויפּט נאָך אין דער עלטסטער צייט, ווען דער האַנדעל אויף דער יבשה איז הן לויט זיין גרייס, הן לויט זיין בעדייטונג געשטאַנען פֿיל העכער פֿאַר'ן ים־האַנדעל. דערפֿון האָט זיך גענומען דער שטענדיגער קאַמף פֿאַר ארץ ישראל צווישען דער אשור־בבֿלישער מאָנאַרכיע און דער מצרישער, וואָס האָט אין פֿאַרשיידענע צייטען אָנגענומען פֿאַרשיידענע פֿאָרמען, אָנגעהויבען פֿון אַ פֿרידליכער קאָנקורענץ און געענדיגט מיט לאַנגע און בלוטיגע מלחמות.

די פּאָליטישע ראָלע פֿון ארץ־ישראל צווישען די אַנדערע מלוכות.

די זיכערקייט פֿון די האַנדעלס־וועגען איז געווען אין אַ גלייכער מאָס וויכטיג פֿאַר ביידע מלוכות, און כּל זמן עס האָט צווישען זיי געהערשט שלום, האָבען זיי וועגען דעם געקאָנט זאָרגען מיט שותּפֿישע כּחות. נאָר דער שלום פֿלעגט געוועהנליך געדויערן ניט לאַנג, און ווי נאָר עס פֿלעגען זיך אָנהויבען די מלחמה־צייטען, פֿלעגען זיך די חילות צונויפֿטרעפֿען אויפ'ן מיטען וועג, ביי די ברעגעס פֿון מיטעללענדישען ים, און די מצרים פֿלעגען זיין געצוואונגען צו בעשיצען זיך אַנטקעגען די בבֿלים אָדער אשורים אין ארץ ישראל און צפֿון־מערבֿ'דיגען סוריא. מחמת דעם האָבען די דאָזיגע לענדער שוין אין דער עלטסטער צייט בעקומען פֿאַר מצרים די בעדייטונג פֿון באַריקאַדען קעגען דעם שונא, וואָס קומט אָן פֿון צפֿון.

עס איז בּמילא פֿאַרשטענדליך, אַז אַ זעלבשטענדיגע מלוכה האָט געקאָנט עקסיסטירען און ענטוויקלען זיך אין ארץ ישראל נאָר ביי דעם פֿאַל, ווען די מעכטיגע שכנים זאָלען זיין בשלום צווישען זיך, ניט אַריינמישען זיך אין איגעווייניגסטען לעבען פֿון לאַנד און ניט פֿאַרפֿולען די ברעגעס פֿון סוריא און ארץ ישראל מיט זייערע חילות, — און דאָס האָט געקאָנט געשעהן נאָר דאַן, ווען זייערע קריגס־כּחות פֿלעגען אויף אַ צייט אָפּגעשוואַכט ווערען.

ווי נאָר אָבער עס פֿלעגט זיך ביי די ברעגעס פֿון נילוס אָדער פֿון פּרת אָנהייבן אַ תּקופֿה פֿון פּאָליטישער גדולה, האָט די מלוכה פֿון ארץ ישׂראל, — וועלכע איז דערצו נאָך זינט דער צייט פֿון רחבֿעם געווען צעשפּאָלטן אויף צוויי, — געקאָנט עקסיסטירן גיט אַנדערש, ווי האָבנדיג שטענדיג פֿאַר אירע אויגן די באַציהונגען פֿון די ביידע מלוכות איינער צו די אַנדערע און צופּאַסנדיג זיך תּמיד צו זיי. אַמאָל איז איהר אויסגעקומען אונטערצוהאַלטן די שטאַרקערע פֿון זיי, אַמאָל — צו באַטייליגן זיך צוזאַמען מיט דער שוואַכערער אין קאַמף קעגן דער שטאַרקערער; אין בעסטן פֿאַל פֿלעגט איהר אויסקומען צו האַלטן זיך נייטראַל צו זיי ביידן און ניט שטעלן זיך אָפֿן אויף וואָסער עס איז צד.

אַזאַ לאַגע האָט געמוזט פֿאַרפּלאָנטערן די מלוכה־פּאָליטיק, ברענגען צו חילוקי־דעות צווישען די גייסטיג־טיפֿערע און דעם פֿאָלק ערנסט איבערגעגעבענע פּאָליטיקער פֿון איין זייט און די פֿאַרברענטע, אָבער וועניגער ווייט־בליקענדיגע פּאַטריאָטן, וועלכע האָבן העכער פֿון אַלץ געשטעלט די זעלבשטענדיגקייט פֿון פֿאָטערלאַנד, פֿון אַנדער זייט. אין אַלע גרויסע און שווערע עפּאָכעס פֿון דער ישׂראל'שער* און יודישער געשיכטע שטויסן מיר זיך אָן אָן די ערשיינונגען פֿון אָט דעם אינעווייניגסטן טראַגיזם, וועלכער האָט דערגרייכט זיין העכסטע מדרגה אין דער צייט פֿון די לעצטע מלכים פֿון יהודה (יהויקים, יהויכין, צדקיהו) און געפֿונען זיין שאַרפֿסטן אויסדרוק אין דער פּערזענליכקייט און אין דעם גורל פֿון נביא ירמיהו**.

די קולטורעלע ווירקונג פֿון די שכנ'ישע לענדער אויף ארץ־ישׂראל.

נאָר אויב ארץ ישׂראל איז גלייך ווי פֿון דער נאַטור גופֿא געווען פֿאַרמשפּט אויף אַ פּאָליטישער ניט־זעלבשטענדיגקייט, איז אָבער אין קולטורעלן זין די דאָזיגע ניט־זעלבשטענדיגקייט און ניט־באַשיצטקייט געווען פֿאַר איהר אַ גרויסער געווינס. איבער די האַנדעלס־וועגן, וואָס פֿיהרען פֿון איין לאַנד אין צווייטן, פֿאַרשפּרייטן זיך צוזאַמען מיט די סחורות אויך די שאַפֿונגען פֿון מענשליכן גייסט. — און דורך זיי זיינען באמת שוין אין דער עלטסטער צייט אַריינגעדרונגען אין ארץ ישׂראל די פֿרוכטן פֿון דער בבֿלישער און מצרישער ציוויליזאַציע. אַזאַ קולטורעלע ווירקונג איז געווען, געוועהנטליך, שטאַרקער אין די תּקופֿות פֿון פּאָליטישער איבערמאַכט פֿון בבֿל און מצרים איבער ארץ ישׂראל. און אין דער אמת'ן, ווי עס ווייזען אונז איצט די נייע אויסגראָבונגען, איז דאָס לאַנד, איידער עס איז איינגענומען געוואָרן דורך די בני ישׂראל, געשטאַנען פֿריהער אונטער דער פּאָליטישער און קולטורעלער ווירקונג פֿון בבֿל, דערנאָך — פֿון מצרים.

* מיט דעם נאָמען „ישראל“ בעצייכענט מען דאָס גאַנצע פֿאָלק זינט זיין ערשטען אויפֿקומען ביז דער צעטיילונג פֿון דער מלוכה אויף צווייען נאָכ'ן טויט פֿון שלמה המלך. פֿון דאַן אָן בענוצט מען אָבער דעם נאָמען „ישראל“ דאָס רוב נאָר פֿאַר דער מלוכה פֿון די צעהן שבטים; די ירושלמער מלוכה ווערט אָנגערופֿען נאָכ'ן נאָמען פֿון דעם וויכטיגסטען שבט, וועלכער געהערט צו איהר—„יהודה“. אַזוי האָבען מיר פֿון דאַן אָן און ביז'ן גלות בבל צו טון מיט דער ישראל'שער געשיכטע בעזונדער און דער יודישער (=יהודה'שער) בעזונדער.

** זעה קאַפּיטעל XVIII: די נביאים און זייער צייט.

אָבער אויך אין אַנדערע תּקופֿות האָט זיך אין ארץ ישראל געפֿיהלט די שטענדיגע ווירקונג פֿון דעם גרויסען און פֿרוכטבאַרען שטראָם פֿון דער בבלישער ציוויליזאַציע, און צום טייל אויך פֿון דער פֿריה פֿאַרגליווערטער, אָבער שטאַרקער דורך איהר טויזענטיעהריגער מסורה מצרישער קולטור.

Lehmann-Haupt. Israel 1911.

III. די עטנאָגראַפֿיע פֿון אַמאָליגען ארץ-ישראל.

די כנענים. די עלטסטע שמישע בעפֿעלקערונג פֿון גאַנץ סוריא זיינען געווען די כנענים*. דער נאָמען „כנען" האָט פֿון אָנהויב בעצייכענט ניט אַ געאָגראַפֿישען שטח פֿון לאַנד, נאָר אַן עטנאָגראַפֿישע גרופּע פֿון שבֿטים, וועלכע זיינען געווען פֿאַראייניגט איינע מיט די אַנדערע ניט פּאָליטיש, נאָר גייסטיג דורך אַן אַלגעמיינער שפּראַך און קולטור. פֿון צווישען זיי טיילען זיך אויס צוויי בעזונדערס וויכטיגע גרופּען: די פֿעניקיער** און די אמורים. אויך די זיינען ניט געווען קיין איינהייטליכע, צוזאַמענגעשלאָסענע שבֿטים, נאָר לויט חער ראָלע, וואָס זיי האָבען געשפּילט אין דער געשיכטע, זיינען זיי געווען לגמרי זעלבשטענדיגע סאָציאַלע קערפּערס.

די פֿעניקיער. די פֿעניקיער האָבען געלעבט אין די שטעדט ביים ברעג פֿון מיטעלענדישען ים, דערהויפּט צווישענס פֿון לבֿנון. פֿון אָנהויב האָבען זיי פֿאַרנומען די גאַנצע ברעג-ליניע ביז צו מצרים, דערנאָך אָבער זיינען זיי אָפּגעשטויסען געוואָרען פֿון ארץ ישראל'דיגען ברעג דורך די אָנגעקומענע פּלשתּים.

די אמורים. אונטערן נאָמען „אמורים" פֿאַרשטעהט דער תּנ"ך די כנענים, וועלכע האָבען געלעבט אין די בערג אויף ביידע זייטען פֿון ירדן. די דענקמעלער פֿון דער מצרישער געשיכטע לאָזען צו די השערה, אַז די אמורים האָבען אַמאָל פֿאַרנומען דעם גאַנצען צפֿון פֿון ארץ ישראל ביז צום לבֿנון. אַ לאַנגע צייט האָבען זיי געוועלטיגט אין לאַנד, ביז זיי זיינען אַרויסגעשטויסען געוואָרען דורך די חתּים. די פּרעה'ס פֿון דער אַלטער דינאַסטיע האָבען זיך נאָך אין אַ טייל פֿון דעם לאַנד צוזאַמענגעטראָפֿען מיט די אמורים, די פּרעה'ס פֿון דער נייעטער דינאַסטיע דערמאָנען שוין אָבער וועגען די חתּים.

די חתּים. די לעצטע זיינען אָנגעקומען קיין סוריא פֿון צפֿון אָדער פֿון צפֿון-מערבֿ און האָבען געגרינדעט דאָרטען אַ גרויסע מלוכה, וועלכע האָט זיך געצויגען ביז די גרעניצען פֿון ארץ ישראל און האָט פֿאַרכאַפּט אַפֿילו אויך די לענדער, וועלכע זיינען געשטאַנען ביז דאַן אונטער דער גייסטיגער השפּעה

* די הייגטיגע עטנאָגראַפֿישע וויסענשאַפֿט האַלט די כנענים פֿאַר אַ פֿאָלק פֿון שמישער אָפּשטאַמונג, הגם אין דער תּורה ווערט כנען צוגערעכענט ניט צו די בני שם (בראשית קאַפּיטעל י) נאָר צו אַ גאַנץ אַנדער גרופּע פֿון פֿעלקער, וואָס פֿיהרען זייער אָפּשטאַמונג פֿון חם. אין געאָגראַפֿישען זין פֿאַרשטעהט דער תּנ"ך אונטערן וואָרט „כנען" יענעם טייל פֿון ארץ ישראל, וועלכער ליגט צום מערבֿ-זייט פֿון ירדן.

** דעם נאָמען „פֿעניקיער" האָבען זיי שפּעטער געגעבען די גריכען, איבער די פּיל טייטעל-ביימער (גריכיש—פֿאָיניקעס), וואָס זיינען געוואַקסען אין זייער לאַנד.

און דער פּאַליטישער איבערמאַכט פֿון מצרים. אין דער „פֿעלקער-טאַבעלע" פֿון ספר בראשית ווערען די חתים דערמאָנט צווישען די זיהן פֿון כנען (בראשית י' 15); זיי פֿאַרנעמען דעם ווילכטיגסטען אָרט נאָך די פֿעניקער, אין דער צייט ווען די אמורים ווערען אין אידר גאָרניט דערמאָנט. די חתים זיינען אָבער אין דער אמת׳ען גאָרניט געווען פֿון שמ׳ישער אָפּשטאַמונג, נאָר זיי האָבען זיך אויף אַזוי פֿיל אַסימילירט מיט די אונטערטעניגע אמורים, אַז מען האָט זיי אין אַ טעות געקאָנט אָננעמען איינע פֿאַר די אַנדערע, און דער מחבר פֿון דער „פֿעלקער-טאַבעלע" האָט פּשוט געקאָנט שטעלען די חתים אויפֿ׳ן אָרט פֿון די אמורים.

אַחוץ די פֿעניקער, וועלכע זיינען געווען בכח איינצוהאַלטען זייער זעלבּשטענדיגקייט, זיינען אַלע איבעריגע כנענישע שבֿטים גיך אַרונטער-געפֿאַלען אונטער דער איבערמאַכט פֿון נייע הערשער און זיינען פֿאַרשוואונדען פֿון דער געשיכטליכער אַרענע. ניט אינגאַנצען פֿאַרשוואונדען איז אָבער מיט זיי צוזאַמען זייער שפּראַך, אמונה און קולטור. זיי האָבען געלאָזען טיפֿע וואָרצלען אין דער סבֿיבֿה און געהאַט אַ שטאַרקע ווירקונג אויפֿ׳ן גייסטיגען לעבען פֿון זייערע בעזיגער און יורשים.

מיר רעדען איצט וועגען צוויי נייע שמ׳ישע פֿעלקער, וועלכע האָבען באַלד נאָך די חתים זיך בעוויזען אין די גרעניצען פֿון לאַנד: דאָס זיינען געווען די א ר מ י ם און די ע בֿ ר י ם.

די אַרמים. אַז די אַרמים האָבען ניט געלעבט אין סוריא זינט די עלטסטע צייטען אָן, זעהען מיר אַרויס גענוג קלאָר פֿון די תנ״ך-ערצעהלונגען. זיי זענען געקומען קיין סוריא אַריין פֿון מעסאָפּאָטאַמיען און, ציהענדיג זיך פֿון צפֿון קיין דרום, האָבען זיי זיך ביסלאַכווייז דערנעהנטערט צו די ברעגעס פֿון מיטעללענדישען ים. אויפֿ׳ן וועג איז זיי, קאָנטיג, פֿאָרגעשטאַנען אַ צוזאַמענשטויס מיט די חתים, נאָר די לעצטע זיינען שוין דאַן געווען אָפּגעשוואַכט דורך דעם וואַנדער-שטראָם פֿון אַ גאַנצער שורה פֿעלקער, וועלכע האָבען זיך געצויגען פֿון קליין-אַזיען קיין מצרים. (דער פּועל יוצא פֿון דער דאָזיגער פֿעלקער-וואַנדערונג איז געווען, אַגבֿ אורחא, די בעזעצונג פֿון דעם דרומ׳דיגען ארץ-ישׂראל-ברעג דורך די פּלשתים). די חתים האָבען זיך ניט געקאָנט דערפֿאַר שטעלען ערנסט אַנטקעגען די ארמים, און יענע האָבען פּאַמעלאַך און עקשנות׳דיג זיך אַריינגעריסען קיין סוריא. זייער אַיינוואַנדערונג האָט זיך אינגאַנצען פֿאַרענדיגט ערשט אין פֿינפֿטען יאָהרהונדערט פֿאַר דער קריסטליכער תקופֿה, דעמאָלט זיינען גאַנץ סוריא און ארץ ישׂראל, חוץ די פֿעניקישע שטעדט, געוואָרען אַרמיזירט.

די עבֿרים. צו די עבֿרים* דאַרף מען צורעכענען, חוץ די בני ישׂראל, אויך די עמונים, מואָבֿים און אַדומים. הגם דעם נאָמען „עבֿרים" איז מען געוועהנט על פּי רובֿ צו בענוצען נאָר, ווען עס רעדט זיך וועגען די ערשטע. ווי עס

* די עברים, די קינדער פון עֵבֶר, דאָס הייסט, די איינוואוינער פון יענעם זייט (—עֵבֶר) ירדן; דערפון נעמט זיך אויך דאָס מאָדערנע וואָרט „העברֶעער" (еврей).

זעהט אויס פֿון די ערצעהלונגען אין ספר בּראשית, האָבען אָט די אַלע פֿיר פֿעלקער פֿאָרגעשטעלט איין גאַנצעס, און דער גלייכער היסטאָרישער גורל האָט זיי געבראַכט צו פֿיהרען אין דעם דרום=טייל פֿון יענער זייט ירדן; דאָרטען האָבען זיי זיך בּעזעצט און פֿאַרנומען דאָס גאַנצע הויך=לאַנד בּיז צום רויטען ים. די עלטסטע איינוואוינער פֿון יענעם טייל לאַנד, ווי פֿון גאַנצען סוריא בּכלל, זיינען געווען די כּנענים, און די זיגרייכע איינוואַנדערער, די עבֿרים, זיינען אַרונטערגעפֿאַלען אונטער דער שטאַרקער ווירקונג פֿון זייער קולטור.

עס איז גאַנץ מעגליך, אַז די עבֿרים האָבען איבּערגענומען בּיי די כּנענים אַפֿילו זייער שפּראַך. על כּל פּנים איז קיין ספֿק ניט, אַז ניט נאָר די בּני ישׂראל און די מואָבֿים, נאָר אויך די אדומים האָבען גערעדט אויף כּנעני'שע דיאַלעקטען. אָבער צי דאָס בּעטייט, אַז זיי האָבען לגמרי פֿאַרלאָרען זייער פֿריהערדיגע שפּראַך, איז שווער צו זאָגען. די השערה לאָזט זיך אָננעמען נאָר דאַן, ווען מיר זאָלען רעכענען, אַז די עבֿרים געהערען צו אַ גאַנץ אַנדערער צווייג פֿון דער שמ'ישער משפּחה, און אַז זייער לכתּחילה'דיגע שפּראַך איז געווען דעריבּער אַן אַנדערע, איידער די כּנענישע. די עבֿרים אַליין האָבען זיך אין זייער שפּעטערדיגער ליטעראַטור אין דער אמת'ן געהאַלטען בּיי דער מיינונג, אַז זיי זיינען ווייט פֿאַרשיידען לויט זייער אָפּשטאַמונג פֿון די כּנענים. נאָר דערפֿון איז שווער צו נעמען אַ ראַיה, ווייל זיי האָבען דערבּיי געהאַט געוויסע פּניות; אַלס זיגער האָבען זיי זיך געפֿיהלט אַ סך העכער פֿאַר די איינגענומענע כּנענים, און אַלס האַרען און פֿרייע פּאַסטוכער האָבען זיי ניט געוואָלט האָבען צו טון מיט קנעכט און ערד=אַרבּייטער. כּדי נאָך בּולט'ער צו בּעווייזען דעם אונטערשייד צווישען זיך און די פֿריהערדיגע איינוואוינער פֿון לאַנד, האָבען די עבֿרים, די בּני ישׂראל, אָנגעוויזען אויף זייער קרובֿ'עשאַפֿט מיט די ארמים (פֿאַרגלייך בּראשית י', 24; דבֿרים כ"ו, 5), הגם זיי זיינען געווען ווייט פֿאַרשיידען פֿון זיי לויט זייער שפּראַך. אין צווי זאַכען נאָר זיינען די בּני ישׂראל בּאמת געווען נאָהענט צו די אַרמים: דאָס איז — אין זייער בּעציהונג צו די כּנענים, ווי צו אַן אונטערגעדריקטען טייל פֿון דער בּעפֿעלקערונג, און אין דער כּמעט גלייכער היסטאָרישער ראָלע, וואָס זיי האָבען געשפּיעלט בּיים אָנקומען אין לאַנד. ווי די עבֿרים, אַזוי זיינען אויך די אַרמים אָנגעקומען פֿון מזרח'דיגען מדבּר; אויף זייער נצחון=וועג האָבען אויך זיי זיך געצויגען אַלץ ווייטער פֿון מזרח קיין מערבֿ; אויפֿ'ן מזרח'דיגען גרעניץ פֿון סוריא און ארץ ישׂראל האָבען זיך זייערע בּיידענס נחלאות געצויגען אין איין גלייכער ליניע, און די געגענד פֿון גליל'שען ים (ים כּנרת) האָט געדינט פֿאַר אַ גרעניץ צווישען די צפֿונ'דיגע אַרמישע נחלאות און די דרום'דיגע — ישׂראל'שע. עס לאָזט זיך דערפֿאַר גוט פֿאַרשטעהן, פֿאַרוואָס די בּני ישׂראל האָבען בּעטראַכט זייער אָנקומען אין לאַנד פֿאַר'ן אָנהייבּ פֿון דער אַרמישער איינוואַנדערונג, — דערהויפּט נאָך, ווייל די צוגעהעריגקייט צום מעכטיגען אַרמישען שבֿט האָט געדאַרפֿט זיך אין יענער צייט רעכענען פֿאַר אַ גרויסען כּבוד.

די קרובֿ'עשאַפֿט

12 מען דאַרף רעכענען פֿאַר אַ היסטאָרישען פֿאַקט, אַז עס איז בּעשטאַנען אַ קרובֿ'עשאַפֿט אין דער אָפּשטאַמונג צווישען די בּני=ישׂראל און צווי=

צווישען די בני ישראל און די וואנדער-שבטים פון סיני.

שען די וואַנדערנדיגע און האַלב-וואַנדערנדיגע שבטים, וואָס האָבען פאַרנומען די סיני-האַלב-אינזעל און בכלל דעם גאַנצען שטח צווישען ארץ ישראל און אַראַביען (ערב) און וואָס זיינען געווען איבערגאַנגס-טיפּען צווישען די כנענים און אַראַבער. פון איין זייט — די שבטים ישמעאל און מדין, פון צווייטען זייט — קין, עמלק, קנז, זיינען די וויכטיגסטע צווישען זיי. דאָס איז געווען אַ מין רויהער מאַטעריאַל, וואָס פון אידם האָבען זיך, אין משך פון דער צייט, דורך אָפּטיילונג און זעלבשטענדיגער ענטוויקלונג, אויסגעבילדעט די שמ'ישע פעלקער. פריהער האָבען זיך אויסגעטיילט די שבטים יצחק און לוט. דער ערשטער איז אַוועק קיין צפון-זייט, דער אַנדערער קיין דרום-זייט. אין שבט לוט גופא איז פאָרגעקומען שפּעטער אַ שפּאַלטונג. דער מעהר צפונ'דיגער טייל, מואב, האָט זיך פריהער בעזעצט פעסט אויף זיין אָרט; דער דרום-דיגער, עמון, וועלכער האָט געלעבט אין וועניגער גינסטיגע תנאים, האָט זיך געפונען שטענדיג אונטער דער ווירקונג פון שכנ'ישען מדבר און האָט זיך ניט געקאָנט אָפּזאָגען אינגאַנצען פון זיין וואַנדער-לעבען. אויף דעם גלייכען אופן איז פאָרגעקומען ביים שבט יצחק די צעטיילונג אין ישראל און אדום. אין יענער צייט, ווען אדום האָט זיך שוין אויסגעבילדעט אין אַ פעס-טען שבט, האָבען אין דרום-זייט פון שעיר, וואו עס איז געווען זיין היים, נאָך אַלין אַרומגעוואַנדערט קרוב'ישע שבטים, וועלכע זיינען ניט אַריין אין דער אֶדומישער גרופּע. דאָס איז געווען ישראל אין דער תקופה פון זיין אויפ-קומען, פון זיין ווערען, אין זיין עמבריאָנאַלען* צושטאַנד. פאַר דער אמת'ער היים פון די אָבות פון ישראל דאַרף מען דעריבער רעכענען דעם שטח צווישען אדום און מצרים, וואו דער דרום פון ארץ ישראל גיסט זיך צונויף מיט'ן מדבר, און וואו עס געפינט זיך דער עלטסטער ישראלישער הייליגטום — דער באַרג סיני.

Wellhausen—Israelitische und jüdische Geschichte 1904.

---

* עמבריאָ (Embryo) הייסט דער וָלד אין מוטער-לייב: עמבריאָנאַלער צושטאַנד—דער צושטאַנד פון דעם ולד'ס אָרגאַנישער אויסבילדונג פאַר'ן געבוירען ווערען.

ב. די תקופה פֿון וואַנדערן.

IV. דער לעבּענס־שטייגער פֿון די שמ'ישע וואַנדערער.

דער פּאַטריאַרכאַלישער שטייגער.

אַראַבּיען און סוריא זענען פֿון דער עלטסטער צייט אָן געווען בּעזעצט דורך שמ'ישע* שבֿטים, וועלכע האָבּען געוואַנדערט מיט זייערע סטאַדעס איבּער די סטעפּעס, געלעבּט אין געצעלטען און אָפּגעהיט די שפּראַך און די מנהגים פֿון זייער ראַסע.

די דאָזיגע שבֿטים פֿלעגען וואַנדערן גרופּעסווייז צו 400—500 נפֿשות אין יעדער גרופּע, און יעדעס מאָל, ווען זייער צאָהל איז געוואָרען גרעסער, און זיי איז ענג געוואָרען אויף זייער פּאַשע־ערד, פֿלעגט זיך אָנהויבּען צווישען זיי אַ טיילונג. די איינהייטליכע פֿאַמיליען־גרופּע פֿלעגט זיך צעשפּאַלטען אויף צוויי בּעזונדערע גרופּעס, וועלכע פֿלעגען זיך צעשיידען איינע מיט די אַנדערע און וואַנדערן אין פערשיידענע זייטען. פונדעסטוועגען פֿלעגען אָבּער די וואַנדערנדיגע טיילען פֿון שבֿט אין משך פֿון פֿיל דורות ניט אַרויסלאָזען פֿון זכרון, דעם פֿאַקט וועגען זייער ראַסען־קרובֿ'עשאַפֿט און זיך בּעגעגענען אויף זייערע וואַנדער־וועגען אַלס בּרידער און פֿריינד.

זעלטען ווען דער שבֿט פֿלעגט צו זיך אַריינעמען פֿרעמדע. די ריינקייט פֿון בּלוט האָט זיך געשאַצט העכער פֿון אַלץ, און די שטאָלצע פֿיהרער פֿון די שבֿטים פֿלעגען אָפֿט שיקען זוכען זיך פֿרויען אין די ווייטע לענדער, וואו עס האָבּען, לויט די לעגענדעס געוואוינט די אָבֿות פֿון זייער שבֿט**.

דער עלטסטער פֿון פֿאַמיליע אָדער דער „אָבֿ" האָט מיט זיך פֿאָרקערפּערט דעם געזעלשאַפֿטליכען סדר. זיין אַוטאָריטעט איז געווען אַן אַבּסאָלוטער און ניט־בּעשטריטענער; אָבּער די אמת'ע הערשאַפֿט איז דאָך געלעגען אין די הענט פֿון שבֿט אַלס אַ גאַנצען. דאָס געריכט פֿלעגט געהאַלטען

* דער נאָמען „שמ'ישער" (סעמיטישער) נעמט זיך פון נאָמען „שֵׁם", דעם זוהן פון נח; דאָס רוב פעלקער, וואָס שטאַמען, לויט דער ביבּלישער פעלקער־טאָוועל (בראשית י׳, 2), פון איהם, רעדען אויף שפּראַכען, וועלכע זיינען נאָהענט איינע צו די אַנדערע לויט זייערע וואָרצלען, זייער גראַמאַטיק און ווערטערבילדונג. די אַלע שפּראַכען שטעהען אין קרובֿ'עשאַפט מיט העבּרעאיש און אונטערשיידען זיך שטאַרק פון די אינדאָ־גערמאַנישע שפּראַכען און דיאַלעקטען. אחוץ דעם, איז, אויף וויפיל מיר וויסען, די אַלגעמיינע היים פון די דאָזיגע פעלקער געווען דער סיריש־אַראַבּישער מדבר. דאָס אַלץ צוזאַמען גיט אונז דאָס רעכט צו פעראייניגען זיי צוזאַמען אין איין פעלקער־גרופּע—די שֵׁמישע. צו איהר געהערען די בַּבְלִים, כְּנַעֲנִים, עִבְרִים (העבּרעער), אֲרַמִים, און עַרְבִים (אַראַבּער).

** זעה ווייטער—„די תנ"ך־מעשיות וועגען די אָבֿות".

ווערן דורך דער פֿאַרזאַמלונג פֿון די פֿאַמיליע-עלטסטע. פֿאַר שטראָף-מיטלען האָבן געדינט נאָר די טויטונג און די אויסשליסונג פֿון שבֿט; די לעצטע איז געווען כּמעט אַזוי שרעקלעך, ווי דער טויט, ווייל קיינער פֿלעגט דעם פֿאַרשטויסענעם ניט טאָרן איינעמען אין זיין געצעלט, געבן אים פֿון זיין ברויט און בעשיצען אים פֿון שונא. אַדאַנק דער בלוט-נקמה, „דער אויסלייזונג פֿון בלוט", וועלכע איז געווען, לויט די השגות פֿון יענער צייט, דער הייליגער חובֿ פֿון דעם געהרג'עטענס משפּחה, זיינען רציחות געווען דעמאָלט בערך אַזוי זעלטן, ווי זיי זיינען געוואָרען איצט. מיר בעמערקען דאָסזעלבע אויך אין אונזער צייט אין אַראַביען: הגם דאָרטען איז ניטאָ קיין זיכערע מלוכה-אָרדנונג, וואָס זאָל זאָרגען פֿאַר דער רוהיגקייט און שלום צווישען איהרע בירגער, קומען דאָרטען פֿאָר טויט-פֿאַרברעכענס ניט עפֿטער, ווי אין אייראָפּע. דעריבער האָבען די דאָזיגע וואַנדערנדיגע פֿאַמיליען-גרופּעס אָפֿט געבילדעט גוט איינגעאָרדענטע קליינע געזעלשאַפֿטען, הגם זיי האָבען ניט פֿאַרמאָגט קיין מיליטערישע אָרגאַניזאַציע, ניט געהאַט נאָך קיין כּהנים און קיין נבֿיאים. אַ נאַציע אַלס אַ גאַנצע האָט זיך נאָך ניט אויסגעבילדעט. אָבער אַדאַנק דער ברידערליכקייט, וואָס האָט געהערשט אין שבֿט אינעווייניג, זיינען דאָס לעבען און דאָס פֿאַרמעגען פֿון יעדען איינציגען געווען גענוג געזיכערט פֿון סכּנה.

דער אָנפֿיהרער פֿון שבֿט, דער אָבֿ, האָט דאָס רובֿ געהאַט נאָר איין ווייב, וואָס האָט געטראָגען זיין נאָמען. עס פֿלעגט אָבער אויך טרעפֿען, אַז ער האָט אין איין צייט געהאַט אויך צוויי ווייבער פֿון אַ מיוחס'דיגער משפּחה; אַמאָל זיינען דאָס געווען צוויי שוועסטערן. חוץ דעם, האָט דער אָבֿ געהאַט דאָס רעכט צו נעמען פֿאַר קעפּס-ווייבער (פּלגשים) אַלע שקלאַפֿינס פֿון זיין געצעלט, דערהויפּט זיין ווייבס שקלאַפֿינס. די קינדער פֿון די קעפּס-ווייבער האָבען ניט געהאַט די אַלע רעכט, וואָס עס האָבען געהאַט די קינדער פֿון די מיוחס-דיגע ווייבער; פֿונדעסטוועגען אָבער זיינען זיי געווען שטענדיגע מיטגלידער פֿון דער משפּחה.

דאָס רעכט פֿון בכורה האָט זיך גערעכענט פֿאַר אַ גרויסער פּריווילעגיע צווישען די קינדער פֿון די מיוחס'דיגע ווייבער. ווען עס פֿלעגט געבוירען ווערען אַ צווילינג פֿלעגט די הייבעם פֿאַרזיכטיג אַרומבינדען מיט אַ רויטען פֿאָדים דאָס הענטל פֿון קינד, וואָס איז געבוירען געוואָרען דער ערשטער. דער עלטערער זוהן האָט זיך גערעכענט פֿאַר דעם קומענדיגען פֿיהרער פֿון דער משפּחה. דער פֿאָטער פֿלעגט דאָס רובֿ נאָך פֿאַר זיין לעבען צעטיילען אַלץ צווישען דער משפּחה. זיין לעצטע ברכה האָט געהאַט די בעדייטונג פֿון אַ הייליגען אַקט, ווען זי איז אַפֿילו געגעבען געוואָרען על פּי טעות ניט דעם, פֿאַר וועמען זי איז לכתחילה בעשטימט געוואָרען.

די קנעכטשאַפֿט.

די קנעכטשאַפֿט איז געווען איינע פֿון די נויטיגע בעדערפֿנישען ביי אַ וואַנדער-לעבען, וואָס איז פֿול מיט זאָרג און סכּנות. פֿאַר קנעכט האָט מען בענוצט די פֿיינד, וואָס מען האָט זיי גענומען געפֿאַנגען בשעת די מלחמות,

אָדער מען פֿלעגט זיי קויפֿען פֿון דער פֿרעמד. דער געקויפֿטער קנעכט ווערט אַ מיטגליד פֿון דעם האַרס משפּחה. אַזוי ווי דער סכום אַרבייט, וואָס איז געווען נויטיג יעדער איינציגער משפּחה ביי יענעם פּשוטען געזעלשאַפֿטליכען סדר, איז געווען זעהר אַ קליינע, האָט זיך דעם קנעכט, בעזונדערס דעם מאַנסביל, געלעבט בערך ניט שלעכט. ער איז אָפֿט געווען אַ שטוביגער מענש און פּאַרטרויט אין אַלע ענינים פֿון דער משפּחה. ער פֿלעגט שטעהן אונטערן שוץ פֿון זיין האַר, און מען פֿלעגט זיך צו איהם אויפֿטראָגען על פּי רוב מיט'ן גלייכען כּבוד, ווי צו זיין האַר גופֿא. דער שקלאַפֿין אָבער האָט זיך ניט אַזוי גוט געלעבט. איהר פֿלעגט אויסקומען צו ערפֿילען די שווערסטע מלאכות, דערהויפּט די אַרבייט אַרום דער האַנט־מיהל און דעם שעפּען וואַסער פֿון ברונים.

די שטוביגע פֿיה־רונג. הגם דאָס זיינען געווען וואַנדער־שבטים, דאָך איז זייער לעבען ניט בעשטאַנען פֿון אַ שטענדיגער אומבלאָנדזשעניש פֿון איין פּאַשע־אָרט צום צווייטען. דער שבט פֿלעגט בלייבען אָפֿט זיצען אַ לענגערע צייט אויף איין אָרט, פֿלעגט זיך אַפֿילו אויפֿבויען אויף גיך לייכטע בנינים, ביידלעך, ווי אַ שטייגער די איצטיגע בנינים אין די אָרימע סורישע דערפֿער.

דאָס הויז האָט זיך גערעכענט פֿאַר אַ מתּנה פֿון גאָט, וואָס ער בויט איהם פֿאַר די, וועמען ער האָט ליב. אין סוריא איז שטענדיג געווען אויף דעם איבערפֿלאַך פֿון דער ערד גענוג שטיינער. ווען מען זאָל די שטיינער צונויפֿרוקען אין איין אָרט און פֿון אויבען פֿאַרדעקען ווי עס איז דעם חלל מיט צווייגען, בעקומט מען אַ מין וואוינונג, וואָס בעשיצט פֿון היץ און רעגען און וואָס מען קאָן עס אָהן איבעריגען פֿאַרדראָס פֿאַרלאָזען, ווען דער שבט לאָזט זיך ווייטער אין וועג אַריין. די געצעלטען פֿון שבט זיינען געווען אויסגעוועבט פֿון קעמעלשע וואָל, אונטערגעהאַלטען דורך שטריק און האָבען זיך וועניג וואָס אונטערגעשיידט פֿון די היינטיגע בעדואינער, די אַראַבישע וואַנדער־שבטים אין אַראַבישען און סורישען מדבּר. עס פֿאַרשטעהט זיך, אַז ביי אַזאַ מין לעבענס־שטייגער, זיינען שטוב־כּלים געווען זעהר וועניג, זיי זיינען בעשטאַנען פֿון עטליכע געפֿעס און פֿון בּגדים; כּמעט די איינציגע לוקסוס־זאַכען זיינען געווען בראַסלעטען און רינגען אויף דער נאָז און אויף די אויערן ביי די פֿרויען. אַ כּוס פֿון געשמידטער אַרבייט האָט מען געהאַלטען אויף קבּלת פּנים פֿון חשובֿ'ע געסט.

דער עסען איז בעשטאַנען פֿון מילכיגע געריכטען און פֿון פֿלייש. ווען די וואַנדערער פֿלעגען לעבען אַמאָל אין איין אָרט לאַנגע יאָהרען, פֿלעגען זיי צייט האָבען צו זייהען ברויט און איינפֿלאַנצען וויינגערטנער. עפּטער אָבער פֿלעגט זיי אויסקומען צו קויפֿען ברויט און וויין ביי די אַרומיגע איינגעזעסענע שבטים.

די משערעדעכ זיינען בעשטאַנען פֿון אָקסען, שעפּסען און ציגען. אויפ'ן קעמעל פֿלעגט מען פֿיהרען משׂא, אויפ'ן אייזעל איז מען געפֿאָהרען רייטענדיג. פֿערד זיינען געווען, ווי עס זעהט אויס, אַ זעלטענקייט. מען האָט געהאַלטען דעריבער פֿאַר ניט־פּאַסיג צו פֿיהרען אויף זיי משׂא; זיי האָבען געדינט

נאָר צום רײַסן פֿאַר כּלים און קריגס־לײַט. פֿון װעגענער אױף רעדער האָט מען נאָך דאַן נ‍ִיט געהאַט קײן השגה.

דער גײַסטיגער מצב. די בליו־בונגען.

אַ גײַסטיגע קולטור אין אונזער הײַנטיגען זין איז נאָך דאַן נ‍ִיט געװען. די שרײַב־קונסט איז נאָך דאַן געװען נ‍ִיט בעקאַנט און די בעדערפֿעניִשען פֿון נ‍ִיט־ענטװיקעלטען מענשליכען שׂכל זײַנען געװען זײער קלײנע. נאָר דאָס לעבען אין געצעלטען האָט געבראַכט די מענשען צו אַ שטענדיגער נאָהענטער פֿאַרבינדונג מיט אַנאַנד און האָט זײ געגעבען גענוג רוהיגע, פֿרײַע צײַט, אַזױ אַז דער געצעלט איז געװאָרען אַ מין אײגענאַרטיגע שולע, װאָס האָט ערצױגען די װאַנדערער פֿאַר אַ געזעלשאַפֿטליכען לעבען און האָט געשפּילט אַ גרױסע ראָלע אין דער ענטװיקלונג פֿון דער שפּראַך־שענקײט און פּאָעטישען געפֿיהל.

אין דער פּאָעטישער שפּראַך פֿון די שמ׳ישע װאַנדערער האָט זיך פֿריה שױן פֿעסטגעשטעלט דער מנהג אײַנצוטײלען האַרמאָניש יעדע פֿראַזע אױף צװײ אַנטקעגענגעשטעלטע פּאַראַלעלע טײלען און צו געבריכען געשלײַפֿטע, אױסגעקינסטעלטע אױסדרוקען*. עס איז קײן ספק נ‍ִיט, אַז זײ האָבען דאַן שױן געהאַט קלײנע „דיװאַנס“, ד. ה. לידער־זאַמלונגען פֿון אַלט אָדער צעהן פֿערזען אין יעדען ליד, װאָס אין זײ זײַנען בעזונגען געװאָרען די אױסגעצײכענטסטע, מערקװירדיגסטע געשעהענישען פֿון דעם שבֿט׳ס פֿרײַען װאַנדער־לעבען.

די אמת׳ע דענקמעלער פֿון יענער תּקופֿה זײַנען געװען, װי בײַ אַלע פֿעלקער, װאָס װײסען נאָך נ‍ִיט פֿון קײן שרײַב־קונסט, שטעהענדיגע שטײנער אָדער זײַלען, װאָס מען פֿלעגט זײ אױפֿשטעלען פֿאַר אַ זכר װעגען אַ געװיסער געשעהעניש. פֿאַר אַ דענקמאָל פֿלעגען דינען אױך שטײנער צונױפֿגעלעגטע אין אַ ראָד (גלגל), װי עס בעװײַזט דאָס בילד 1, אָדער בערגלעך שטײנער (גל), װאָס פֿלעגען אַמאָל הײסען אױך „עדות־בערגלעך“ (גל־עד), לױט דעם מנהג, װאָס איז אָנגענומען ביז אױף הײַנטיגען טאָג אין די מזרח־לענדער. אָפֿט פֿלעגען זײַן די טרעגער פֿון אַזעלכע זכרונות הױכע אַלטע בױמער.

דער בעשריבענער לעבענס־שטײגער, װאָס איז פֿאַרבליבען נאָך עד היום בײַ די נ‍ִיט־ענטװיקעלטע אַראַבישע שבֿטים, איז געװען זײער פּשוט און האָט נ‍ִיט געקאָנט פֿיהרען די מענשען װײַט פֿאָראױס אױפֿ׳ן װעג פֿון דער ציװיליזאַציע. דערפֿאַר אָבער האָט ער שטאַרק געװירקט, אַז עס זאָל זיך אױסאַרבײַטען און ענטװיקלען אין דער שטיל דאָס, אין װאָס די מענשהײט האָט זיך מעהר פֿון אַלץ גענױטיגט: די יסודות פֿון אַ מאָראַלישען געפֿיהל. אין אַזאַ מין געזעלשאַפֿט האָבען יונגע מענשען געשפּילט אַ סך אַ קלענערע ראָל, אײדער, אַ שטײגער, אין גריכענלאַנד. װײַל דער עיקר פֿון לעבען איז געװען די זיטליכע ערציהונג, דערפֿאַר איז אין מיטעלפּונקט פֿון דער געזעלשאַפֿט

* פֿאַר אַ בײַשפּיל פֿון אַזאַ סימעטרישער טײלונג פֿון דער פֿראַזע אױף פּאַראַלעלע חלקים, װאָס דאָס איז דער יסוד פֿון ביבלישען ריטמוס, קאָן דינען, אַשטײגער, דער פּסוק:

עָדָה און צִלָּה הערט מײַן שטים, פֿרױען למך׳ס פֿאַרנעמט מײַן װאָרט.

דען אַ מאַן האָב איך געהרג׳עט פֿאַר מײַן װאונד און אַ קינד—פֿאַר מײַן בײַל. (בראשית ד׳ 23).



בילד I. אַ ראָד פֿון שטיינער (גלגל) ניט ווייט פֿון בית־אל.

געשטאַנען דער זקן, דער עלטסטער, — דער שייך, ווי עס רופֿען איהם אין די אַראַבער — אַלס דער ערציהער פֿון שבט, אַלס דער לעבעדיגער ביישפּיל פֿון אַ זיטליכער פֿיהרונג, אַלס דער אָפּהיטער פֿון די חכמה־געבאָטען. דער זקן האָט געהאַט אַ גרויסע מאַכט. פֿאַרן העכסטען ריינסטען טיפּ, פֿאַר'ן איד־עאַל האָט זיך ביים שבט גערעכענט — ווי עס רעכענט זיך נאָך אויך איצט ביי די אַראַבישע שבטים — אַ מענש מיט אַ רוהיגער נשמה, דער גוט־ערציגענער, וואָס בעגעהט זיך גוט מיט מענשען, און בעציהט זיך ערנסט צום לעבען.

אַזאַ אידעאַלע פֿיהרונג האָט פֿאַרגעשריבען אויך די אמונה. וואָס האָט שוין אויף יענער ערשטער מדרגה פֿון ענטוויקלונג כולל געווען אין זיך די וויכטיגסטע השגות פֿון דער מאָראַל. לויט'ן גלויבען פֿון די וואַנדערער האָבען די פֿאַרבאָרגענע קרעפֿטען פֿון דער וועלט בעלוינט דעם מענשען פֿאַר דאָס גוטע און בעשטראָפֿט פֿאַר דאָס שלעכטע.

אַזאַ השגה פֿון דער אמונה, ווי דעם מקור און דעם יסוד פֿון אַ זיט־ליכען לעבען, האָט געשטעלט די שטרענגע פּאַסטוכער־שבטים אַ סך העכער פֿאַר אַלע אַנדערע פֿעלקער פֿון יענער צייט. דעריבער האָבען זיי דאָס אויך זוכה געווען צו פֿאַרנעמען שפּעטער איינעם פֿון די ערשטע ערטער אין דער געשיכטע פֿון דער מענשהייט.

Renan—Histoire du peuple d'Israël I, 1887.

V. דער כאַראַקטער פֿון די עלטסטע פֿאָלקס־לעגענדעס.

די לעגענדעס וועגען די אָבות.

די עלטסטע געשיכטע פֿון ישׂראל ווערט אונז דערצעהלט אין דער פֿאָרם פֿון אַ פֿאַמיליען־געשיכטע פֿון די דריי אָבות: אַברהם, יצחק און יעקב און פֿון זייערע קינדער, די עלטערן פֿון די צוועלף שבטים. די אַלע מעשׂיות, וואָס

ווערען דאָ דערצעהלט, מוזען פערשטאַנען ווערען ניט נאָר אַלס געשעהענישען פון לעבען פון יחידים; אין דער געשטאַלט פֿון פערזאָנען זייגען פֿאַרקערפערט גאַנצע פאַמיליעס, פעלקער, געאָגראַפֿישע ערטער און לענדער, געזעלשאַפטליכע שיכטען און פאַראייניגונגען. ווען עס ווערט, אַשטייגער, אין איין אָרט (במדבר כ"ו, 29) געזאָגט, אַז גלעד איז אַ זוהן פון מכיר, דעם זוהן פון מנשה, אָנשטאָט וואָס אין אַ צווייטען אָרט (דברים ג' 15) שטעהט, אַז משה האָט געגעבען מכיר'ן דאָס לאַנד גלעד פאַר אַ נחלה, — איז דאָס גענוג קלאָר, אַז אונטערן נאָמען „גלעד" פאַרשטעהט מען ניט קיין מענשען, נאָר אַ טייל לאַנד (אין מזרח־זייט פון ירדן), און אַז דער „פאָטער" פֿון גלעד איז ניט קיין אַנדערער, ווי דער שבט, וואָס וואוינט דאָרטען. ווען עס שטעהט געשריבען (בראשית י", 15) „כנען האָט געבוירען צידון און חת", פאַרשטעהט זיך, אַז עס ווערט דאָ גערעדט וועגען דעם לאַנד כנען, וועגען דער שטאָדט צידון און דעם פאָלק פון די חתים. און ווען די 288 זינגער פֿון צווייטען בית־המקדש ווערען צעטיילט אויף 24 משפחות צו 12 מענשען אין יעדערער, איז גרינג צו פאַרשטעהן, אַז דאָ רעדט זיך ניט וועגען יחידים, נאָר וועגען גאַנצע דינסט־קלאַסען און זייערע פאָרשטעהער.

דאָס ליגט שוין אין דער טבע פון דער ישראלשער, ווי אויך פון דער אַראַבישער, געשיכטס־שרייבונג, וואָס זי האָט ליב פאָרצושטעלען די שבטים־געשיכטע און די פאָלקס־געשיכטע, די עטנאָגראַפֿישע און געאָגראַפֿישע בעציהונגען, די רעליגיעזע און קולטורעלע פאַרהעלטנישען אין דער פאָרם פֿון אַ פאַמיליען־געשיכטע און פון אַ יחוס־טאַבעלע. דאָס איז געווען אַן אָנגענומענער און זעהר געוועהנליכער אופן פאָרצושטעלען בולט'ער און פשוט'ער די שווערע און פאַרפלאָנטערטע סאָציאַלע געשעהענישען און קולטורעלע ווערטען, און מען האָט זיך מיט איהם בענוצט זינט די עלטסטע צייטען פון דער געשיכטס־שרייבונג ביז אין דער שפּעטערדיגער צייט אַריין. נאָך דער ספר דברי־הימים, איינער פון די יונגסטע ספרים פֿון תנ"ך, דערצעהלט אונז די געשיכטע פֿון בריאת העולם ביז דער מלוכה־צייט פון דוד, נאָר אין דער פאָרם פֿון אַ יחוס־טאַבעלע.

דעם אַלגעמיינעם שליסעל צו די טונקעלע געשעהענישען, וואָס בעהאַלטען זיך אונטער דער פאָרם פון דער פֿאַמיליען־געשיכטע, איז ניט גאָר שווער צו געפינען. די נעהנטערע אָדער ווייטערע קרוב'עשאַפט פֿון די פֿאַמיליען־עלטסטע אָדער די שבטים־אָנפיהרער בעווייזט די מדרגה פון דער קרוב'עשאַפֿט פֿון די פאַמיליען אין שבטים גופא. די חתונה צווישען מיטגלידער פֿון צוויי פֿאַמיליעס אָדער שבטים, בעטייט, אַז די שבטים אָדער פאַמיליעס האָבען זיך צונויפגעשמאָלצען און צונויפגעגאָסען, די געבורט פון אַ נייעם קינד — אַז עס איז ענטשטאַנען אַ נייער צווייג פון דעמזעלביגען שבט. די בעזונדערס וויכטיגע און אויסגעצייכענטע צווישען די ברודער־שבטים ווערען בעצייכענט אַלס זיהן פון די געליבטע פרויען, די ווייניג וויכטיגערע — אַלס זיהן פון די קעפּס־ווייבער. דער קינדער־לויזער טויט פון מאַן בעצייכענט דעם אונטערגאַנג פון שבט. אַ שינוי אין די מאַכט־פאַרהעלטנישען פון צוויי ברודער־שבטים, דער שטייגען פֿון איינעם אויפ'ן

חשבון פון דעם צווייטען, ווערט באַצייכנט אַלס דער איבערגאַנג פון דער בכורה פון דעם עלטערן אויף דעם יונגערן.

מען דאַרף אָבער ניט איבערלאָזען די מאָס, בשעת מען באַנוצט די דאָזיגע כללים. ניט אַלע ערצעהלונגען פון לעבען פון יחידים מיינען דערביי דעם גאַנצען שבט אָדער דאָס גאַנצע פאָלק. נאָכדעם ווי די איינצעלנע פערזאָנען, וואָס אין זיי פאַרקערפּערט זיך די געשטאַלט פון פאָלק, זיינען שוין געשאַפען געוואָרען, האָט די שפּעטערישע פאָלקס־לעגענדע זיי באַקליידט און געצירט מיט אַ צוביבער־נעץ פון שפּילענדיגע פאַנטאַזיעס; זי האָט מיט ליבע פאַראיידעלט און באַקרוינט זייערע געשטאַלטען און זיי פאָרגעשטעלט אַלס איִדעאַלן, אַלס מוסטער־בילד פון אַן עטיש־ריינעם און נאַציאָנאַל־געזונטען ישׂראל'־שען לעבען. עס איז כדאי נאָר צוצוקוקען זיך צו די מעשׂיות וועגען יעקבֿ'ן, כדי צו איבערצייגען זיך דערין. אַזוי איז אַמאָל שווער צו דערקענען, וואָס געהערט צו דעם געשיכטליכען קערן פון דער לעגענדע, און וואו הויבט זיך אָן דער פּוץ און דער גלאַנץ פון דער פאָלקס־פאַנטאַזיע.

דער מיטאָלאָגישער יסוד.

דערצו קומט נאָך אַ נייער וויכטיגער פאַקט, וואָס מיר זיינען דערגאַנגען אַ דאַנק די נייע אויספאָרשונגען פון פאַרצייטיגען מזרח־לעבען. די גאַנצע מזרח'דיגע געשיכטס־שרייבונג, ניט נאָר די ישׂראל'שע, באַנוצט אין אַ גרויסער מאָס מיטען*, ווי אַ מיטעל אויף פאָרצושטעלען דאָס פאָלק־לעבען. ווען די מחברים פון דער פאָלקס־געשיכטע באַפּוצען אויף אַזאַ אופן אַן אמת געשיכטליכע אָדער אַ לעגענדאַרישע פערזענליכקייט מיט שטריכען און פאַרבען פון דער מיטאָלאָגיע, טוען זיי דאָס ניט פון דער שענער פאָרם וועגען אַליין, נאָר זיי האָבען דערביי פיל טיפערע כוונות. זיי זייגען אויסען דערביי צו פאַרגלייכען, צו שטעלען פּאַראַלעל די העלדען זייערע מיט יענע מעכטיגע און דערהויבענע צו נאַט־עהנליכע געשטאַלטען פון דער מיטען־וועלט. אַמאָל ווערט די פּאַראַלעל דייטליך און קלאָר אָנגעצייכענט, אַמאָל ווערט זי נאָר אָנגעמערקט אין אַלגעמיינע שטריכען, אָבער אַלע מאָל ווערט אין זכרון פון דעם בעה'בינ'טען לעזער פון יענער צייט, וועלכער פיהלט זיך נאָך ווי אין דער היים אין דער וועלט פון מיטען, אַרויסגערופען די קלאָרע פאָרשטעלונג פון דער סביבה פון דער דאָזיגער וועלט.

און ווען נאָך דעם אַלעמען מוז מען זיך אָפּזאָגען פון דעם געדאַנק צו באַנוצען זיך מיט די פּרטים פון דער אָבות־געשיכטע אויף צו מאָלען דאָס געשיכטליכע בילד וועגען דער יוגענד פון פאָלק, איין זאַך בלייבט אָבער קלאָר: די געשיכטע באַשטעטיגט דעם וויכטיגען פאַקט, אַז פון זיין ערשטער יוגענד אָן איז דאָס פאָלק געשטאַנען אין פּאָליטישען און קולטורעלן פּרט נאָהענט צו די גרויסע וועלט־מלוכות בבֿל און מצרים. די געשיכטע פון די אָבֿות גופא דערצעהלט, אַז אַבֿרהם האָט אַרויסגעוואַנדערט פון בבֿל, און אַז יוסף האָט פאַרבראַכט זיין לעבען אין מצרים. זי וויל אונז דערמיט זאָגען, אַז זינט די עלטסטע צייטען אָן איז ישׂראל געשטאַנען אין באַריהרונג מיט די גרויסע

* מיטען זיינען פאָלקסטימליכע מעשׂיות, וואָס שילדערן אונז דאָס לעבען און די מעשׂים פון געטער און פון נאָט־עהנליכע ברואים.

שבֿנ׳ישע לענדער און פֿעלקער, און אַז זיי האָבען פֿון דער ערשטער צייט אָן געהאַט אַ ווירקונג אויף זיין גײַשטליכער ענטוויקלונג און אויף זיין קולטורלן לעבען.

Benzinger—Geschichte Israels bis auf die griechische Zeit. 1908.

VI. די תנ״ך־ערצעהלונגען וועגען די אָבות.

אברהם און לוט וואנדערן קיין כנען און מצרים

און יהוה* האָט געזאָגט צו אבֿרם: „גייה אַוועק פֿון דיין לאַנד, פֿון דיין געבורטס־אָרט און פֿון דיין פֿאָטערס הויז אין דעם לאַנד אַריין, וואָס איך וועל דיר ווייזען. און איך וועל דיך מאַכען פֿאַר אַ גרויסען פֿאָלק און איך וועל דיך בענשען און גרויס מאַכען דיין נאָמען. און דו וועסט זיין אַ בענשונג. און איך וועל בענשען די, וואָס בענשען דיך, און די, וואָס שילטען דיך, וועל איך שילטען, און עס וועלען זיך בענשען מיט דיר אַלע משפחות פֿון דער ערד. און אבֿרם איז געגאַנגען, ווי עס האָט איהם געזאָגט יהוה, און מיט איהם איז געגאַנגען לוט. און אבֿרם איז אַלט געווען פֿינף און זיבעציג יאָהר, ווען ער איז אַרויס פֿון חרן. אבֿרם האָט גענומען מיט זיך שרה׳ן זיין ווייב, לוט, דעם זוהן פֿון זיין ברודער, און זייער גאַנצע גוטס, וואָס זיי האָבען אָנגעקליבען, און אַלע מענשען, וואָס זיי האָבען זיך פֿאַרשאַפֿט אין חרן, און זיי זענען אַוועק, כדי צו געהן אין לאַנד כנען, און זיינען געקומען אין לאַנד כנען. און אבֿרם איז דורכגעגאַנגען איבערן לאַנד ביז׳ן אָרט שכם, ביז צום דעמבען־בוים פֿון מורה, און אין לאַנד זיינען דעמאָלט געוועזען די כנענים.

און יהוה האָט זיך געוויזען צו אבֿרם און געזאָגט צו איהם: „דיינע קינדער וועל איך געבען דאָס דאָזיגע לאַנד“. און ער האָט דאָרטען געבויט אַ מזבח פֿאַר יהוה, וואָס האָט זיך בעוויזען צו איהם. פֿון דאָרטען האָט ער זיך איבערגעטראָגען צום באַרג, וואָס צו מזרח־זייט פֿון בית אל, און האָט אויסגעשפּרייט זיין געצעלט אַזוי, אַז בית אל איז געווען פֿון מערבֿ־זייט און עי

* לייענען מוז מען: יאַהווע. דאָס איז די ריכטיגע אויסשפּראַך פֿונ׳ם געטליכען נאָמען די אויסשפּראַך „יְהֹוָה“, וואָס איז אָנגענומען געוואָרען ביי די קריסטליכע געלערנטע פֿון 14־טען יאָהרהונדערט, און וואָס די יודען האָבען זי קיינמאָל ניט בענוצט, נעמט זיך פֿון דעם אַלטען יודישען מנהג אונטערצושרייבען אונטער די אותיות „יהוה“ די נקודות פֿון „אֲדֹנָי“, „מיין האַר“, כדי צו בעווייזען, אַז ביים לייענען דאַרף דער הייליגער נאָמען פֿון גאָט זיך לייענען „אֲדֹנָי“. אָט די נקודות האָבען די קריסטליכע געלערנטע על פּי טעות אָנגענומען פֿאַר די נקודות פֿון נאָמען יהוה.

די אַלטע בעדייטונג פֿון דעם וואָרט „יהוה“ איז—דער שלאָגענדער (מיט׳ן בליץ), נאָך אַ צווייטער מיינונג—דער שוועבענדער, וואָס טראָגט זיך אין די וואָלקענס. די יודישע טראַדיציע דערקלערט, אויפֿן סמך פֿון פּסוק שמות ג׳, 14, אַז דאָס וואָרט שטאַמט פֿון שורש הָיה (זיין) און הייסט דער זייענדיגער, וואָס איז אייביג און אומעטום. די לעצטע דערקלערונג פּאַסט זיך שווער צו צו דעם שפּראַכליכען בנין פֿון וואָרט. און אַ חוץ דעם איז אוממעגליך אָנצונעמען, אַז די יונגע וואַנדער־שבֿטים פֿון אַראַבישען מדבר זאָלען שוין האָבען משיג געווען אַזעלכע אַבסטראַקטע רעליגיעזע פֿאָרשטעלונגען.

פון מזרח=זייט. און ער האט דארטען געבויט א מזבח פאר יהוה און האט אויסגערופען דעם נאמען פון יהוה. און אברם האט געצויגען און אלץ ווייטער געגאנגען צו דרום=זייט.

און עס איז אנגעקומען א הונגער אין לאנד. איז אברם אראפגענידערט קיין מצרים, צו וואוינען דארט, ווייל עס איז געווען א שווערער הונגער אין לאנד. אז ער האט זיך דערנעהנטערט צו מצרים, האט ער געזאגט צו שרה, זיין ווייב: „איך וויים דאך, אז דו ביזט א שענע פרוי, און עס וועט זיין, ווען די מצרים וועלען דיך דערזעהן, וועלען זיי זאגען: „דאס איז זיין ווייב", און זיי וועלען מיך הרג'ען און דיך לאזען לעבען. זאג זשע, אז דו ביזט מיינע א שוועסטער, כדי מיר זאל גוט זיין דורך דיר, און איך זאל לעבען פון דיינעטוועגען". און ווען אברם איז געקומען קיין מצרים, האבען די מצרים דערזעהן, אז די פרוי איז זעהר שען; עס האבען זי דערזעהן אויך פרעה'ס הארען און האבען זי פארלויבט פאר פרעה'ן. האט מען זי גענומען צו פרעה'ן אין הויף אריין. און מיט אברם האט ער גוטס געטאן פון איהרטוועגען, און ער האט געהאט שאף און רינדער און אייזלען און קנעכט און דינסטען און אייזעלינס און קעמלען. נאר יהוה האט אנגעשיקט אויף פרעה'ן און אויף זיין הויז גרויסע וואונדען פון וועגען שרה, דער ווייב פון אברם. און פרעה האט גערופען אברם און האט געזאגט: „וואס האסטו מיר דאס געטאן? פארוואס האסטו מיר ניט געזאגט, אז זי איז דיינע א ווייב? פארוואס האסטו געזאגט: זי איז מיינע א שוועסטער, האב איך זי גענומען פאר א ווייב. איצט אבער אט איז דיין ווייב, נעם זי און געה". און פרעה האט פארזאגט וועגען איהם מענשען, און זיי האבען בעלייט איהם און זיין ווייב און אלץ דאס זייניגע.

און אברם איז אויפגעגאנגען פון מצרים, ער און זיין ווייב און אלץ דאס זייניגע, און לוט מיט איהם קיין דרום=לאנד. און אברם איז געווען זעהר רייך אין פיך, זילבער און גאלד. און ער איז ווייטער געגאנגען זיין וועג פון דרום=לאנד קיין בית אל, ביז דעם ארט, וואו עס איז פריהער געשטאנען זיין געצעלט, צווישען בית אל און עי, ביז דעם ארט פון מזבח, וואס ער האט דארטען פריהער אויפגעבויט, און ער האט דא אויסגערופען דעם נאמען פון יהוה. און אויך ביי לוט'ן, וואס איז געגאנגען מיט אברם, איז געווען שאף און רינדער און געצעלטען.

אברהם און לוט טיילען זיך אפּ פון אנאנד.

און עס איז זיי געווען קנאפ צו לעבען צוזאמען, ווייל זייער פארמעגען איז געווען גרויס, און זיי האבען ניט געקאנט לעבען צוזאמען. און עס איז געווען א קריגעריי צווישען די פאסטוכער פון אברמ'ס פיך און די פאסטוכער פון לוט'ס פיך, און אין לאנד זיינען דאן געזעסען די כנענים און די פרזים. זאגט אברם צו לוט'ן: „זאל ניט זיין קיין קריגעריי צווישען מיר און דיר, צווישען מיינע פאסטוכער און דיינע; מיר זיינען דאך ברידער; איז דען ניט דאס גאנצע לאנד פאר דיר? טייל זשע זיך אפּ פון מיר; וועסטו געהן לינקס, וועל איך געהן רעכטס, און אויב דו געהסט רעכטס, וועל איך געהן לינקס". און לוט האט אויפגעהויבען זיינע אויגען און האט דערזעהן די ירדן=געגענד, ווי זי איז (איידער יהוה האט צעשטערט סדום און עמורה) ביז צוער איינגאנצען

בעוואַבערט, גלייך ווי דער גאָרטען יהוה'ס, ווי דאָס לאַנד מצרים. און לוט האָט פאַר זיך אויסגעקליבען די גאַנצע געגענד פון ירדן און האָט זיך געלאָזען קיין מזרח־זייט, און זיי האָבען זיך אָפּגעטיילט איינער פון אַנדערן. אברם איז געזעסען אין לאַנד כנען, און לוט האָט זיך בעזעצט אין די שטעדט פון דער געגענד און אויסגעשפּרייט זיינע געצעלטען ביז צו סדום.

און יהוה האָט געזאָגט צו אברם, נאָכדעם ווי לוט האָט זיך אָפּגעטיילט פון איהם: „הויב אויף דיינע אויגען און קוק זיך אַרום פון דעם אָרט, וואו דו געפינסט זיך איצט, קיין צפון, דרום, מזרח און מערב, ווייל דאָס גאַנצע לאַנד, וואָס דו זעהסט, וועל איך אָפּגעבען דיר און דיינע קינדער אויף אייביג. און איך וועל דיינע קינדער מאַכען אַזוי ווי דעם זאַמד פון דער ערד. און אויב אַ מענש וועט קאָנען איבערצעהלען דעם זאַמד פון דער ערד, וועלען אויך דיינע קינדער ווערען איבערגעצעהלט. שטעה אויף און געה איבערן לאַנד, אין דער לענג און אין דער ברייט, ווייל דיר וועל איך עס אָפּגעבען“.

און אברם האָט זיך געלאָזען אין וועג אַריין מיט זיינע געצעלטען און ער האָט זיך בעזעצט ביי דעם דעמבען־וואַלד פון ממרא, וואָס אין חברון, און געבויט דאָרטען אַ מזבח פאַר יהוה.

אברהם אין גרר. פון דאָרטען האָט זיך אברהם געלאָזען געהן קיין דרום־לאַנד און האָט זיך בעזעצט צווישען קדש און שור; ער האָט געוואוינט אַ צייט אין גרר, און אברהם האָט געזאָגט וועגען שרה'ן, זיין ווייב: „זי איז מיינע אַ שוועסטער“. און אַבימלך, דער קעניג פון גרר, האָט געשיקט און גענומען שרה'ן; און גאָט איז געקומען צו אבימלכ'ען ביינאַכט אין חלום און האָט געזאָגט צו איהם: „דו וועסט שטאַרבען פון וועגען דער פרוי, וואָס דו האָסט גענומען, ווייל זי איז אַ ווייב פון אַ מאַן“. און אַבימלך האָט זיך צו איהר ניט דערנעהנטערט און האָט געזאָגט: „גאָט, וועסטו דען אויך אַן אומשולדיגען טויטען?! ער האָט דאָך מיר געזאָגט: „זי איז מיינע אַ שוועסטער“, און זי אַליין האָט אויך געזאָגט: „ער איז מיינער אַ ברודער“; מיט אַ תמימות'דיגען האַרצען און מיט ריינע הענט האָב איך דאָס געטאָן“. און גאָט האָט געזאָגט צו איהם אין חלום: „אויך איך ווייס, אַז מיט אַ תמימות'דיגען האַרצען האָסטו דאָס געטאָן און אויך איך האָב דיך אָפּגעהאַלטען פון צו זינדיגען אַנטקעגען מיר, און דעריבער האָב איך דיר ניט געלאָזען צורירהען זיך צו איהר. און איצט קעהר אום דעם מאַנס ווייב, ווייל ער איז אַ נביא; ער וועט מתפלל זיין פאַר דיר, און דו וועסט לעבען; און אויב דו וועסט ניט אומקעהרען, זיי וויסען, אַז שטאַרבען וועסטו און אַלץ דאָס דייניגע“.

און אַבימלך האָט זיך געפעדערט אין דער פריה און האָט צונויפגערופען אַלע זיינע קנעכט און האָט זיי דערצעהלט די אַלע רייד, און די מענשען האָבען זיך זעהר דערשראָקען. און אַבימלך האָט גערופען אברהמ'ען און געזאָגט צו איהם: „וואָס האָסטו אונז געטאָן? און מיט וואָס האָב איך געזינדיגט אַנטקעגען דיר, וואָס דו האָסט געבראַכט אויף מיר און אויף מיין מלוכה אַזאַ גרויסע זינד? מעשים, וואָס ווערען ניט געטאָן, האָסטו מיט מיר געטאָן.“ און אַבימלך האָט געזאָגט צו אברהמ'ען: „וואָס האָט דיך געבראַכט, דו זאָלסט

טון אַזאַ זאַך?“ האָט אַבֿרהם געזאָגט: „איך האָב געטראַכט: עס איז אין דעם אָרט ניטאָ קיין מורא פאַר גאָט, און מען וועט מיך הרג׳ען פון וועגן מיין ווייב. און זי איז אין דער אמת׳ן אויך מיינע אַ שוועסטער. זי איז די טאָכטער פון מיין פאָטער, אָבער ניט פון מיין מוטער — און זי איז געוואָרען מיינע אַ ווייב. און אַז ווען גאָט האָט מיך אַוועקגעפיהרט פון מיין פאָטערס הויז אויף דער וואַנדערשאַפט, האָב איך צו איהר געזאָגט: דאָס איז די גענאָד, וואָס דו זאָלסט טון מיט מיר: אין וואָסער אָרט מיר וועלען קומען, זאָג וועגען מיר: ער איז מיינער אַ ברודער“. און אַבֿימלך האָט גענומען שאָף און רינדער, קנעכט און דינסטען און האָט געגעבען אַבֿרהמ׳ען און האָט איהם אומגעקעהרט שרה׳ן, זיין ווייב, און אַבֿימלך האָט געזאָגט: „אַט מיין לאַנד איז פאַר דיר, לעב, וואו עס געפעלט דיר“. און צו שרה׳ן האָט ער געזאָגט: „אַט האָב איך געגעבען דיין ברודער טויזענט זילבערנע שקלים, זאָל דאָס דיר זיין פאַר אַן אויגען־צודעק* פאַר אַלעמען, וואָס זיינען מיט איך, און דו ביזט פאַר אַלעמען פאַרענטפערט“. און אַבֿרהם האָט מתפלל געווען צו גאָט, און גאָט האָט אויסגעהיילט אַבֿימלכ׳ן, די ווייב זיינע און די דינסטען זיינע, און זיי האָבען געבוירען, ווייל יהוה האָט פריהער פאַרשלאָסען יעדער מוטער־לייב אין אַבֿימלכ׳ס הויז פון וועגען שרה׳ן, אַבֿרהמ׳ס ווייב.

און יהוה האָט זיך דערמאָנט אָן שרה׳ן, ווי ער האָט צוגעזאָגט, און ער האָט געטאָן מיט שרה׳ן, ווי ער האָט גערעדט. און שרה איז טראָגעדיג געוואָרען און האָט געבוירען פאַר אַבֿרהמ׳ען אויף זיין עלטער אַ זוהן אין דער בעשטימטער צייט, ווי גאָט האָט איהם פאָראויסגעזאָגט. און אַבֿרהם האָט אַ נאָמען געגעבען זיין ניי־געבוירענעם זוהן, וואָס עס האָט איהם געבוירען שרה, -- יצחק. און אַבֿרהם האָט מל געווען יצחק׳ן, זיין זוהן, ווען ער איז אַלט געווען אַכט טעג, ווי גאָט האָט איהם פאַרזאָגט. אַבֿרהם איז אַלט געווען הונדערט יאָהר, ווען עס איז ביי איהם געבוירען געוואָרען יצחק, זיין זוהן. און שרה האָט געזאָגט: „אַ געלעכטער האָט מיר גאָט אָנגעמאַכט; ווער עס וועט נאָר דערהערען וועגען מיר, וועט זיך צעלאַכען“. און זי האָט געזאָגט: „ווער וואָלט דאָס געזאָגט אַבֿרהמ׳ען, אַז שרה וועט זויגען קינדער?! און דאָך האָב איך איהם געבוירען אַ זוהן אויף זיין עלטער“. דאָס קינד איז געוואַקסען, און מען האָט איהם אַנטוועהנט, און אַבֿרהם האָט געמאַכט אַ גרויסען מאָלצייט אין דעם טאָג, ווען מען האָט אַנטוועהנט יצחק׳ן.

די פאַרטרייבונג פון הגר און ישמעאל.

און שרה האָט דערזעהן דעם זוהן פון הגר דער מצרית, וואָס יענע האָט געבוירען אַבֿרהמ׳ען, אַז ער מאַכט זיך לוסטיג, — האָט זי געזאָגט צו אַבֿרהמ׳ען: „טרייב אַרויס די דינסט און איהר זוהן, און דער זוהן פון דער דאָזיגער דינסט זאָל ניט זיין קיין יורש צוזאַמען מיט זיין זוהן יצחק׳ן“. האָט דאָס אַבֿרהמ׳ען זעהר פאַרדראָסען פאַר זיין זוהן, נאָר גאָט האָט געזאָגט צו אַבֿרהמ׳ען: „זאָל דיר ניט פאַרדריסען פאַרן יונגעל און פאַר דער דינסט. אַלץ, וואָס שרה וועט דיר זאָגען, הער זי צו, ווייל נאָר די פון יצחק געבוירענע וועלען גערופען

* אַן אויגען־צודעק דאָס הייסט אַ געלט־אויסקויף פאַרן בעליידיגטען כבוד.

ווערן דײַנע קינדער. אָבער אויך דעם זוהן פֿון דער דינסט וועל איך פֿאַר אַ גרויסען פֿאָלק מאַכען, ווײַל ער שטאַמט פֿון דיר". און אַבֿרהם איז אויפֿגעשטאַנען פֿריה, האָט גענומען ברויט און אַ לאָגעל וואַסער און געגעבען הגר׳ן און דאָס קינד האָט ער אַרויפֿגעלעגט אויף איהר אַקסעל און האָט זי אָפּגעלאָזען. זי איז אַוועק און האָט געוואַנדערט אין מדבר פֿון באר-שבֿע. און עס איז אויסגעגאַנגען דאָס וואַסער פֿון לאָגעל. זי האָט אַנידערגעוואָרפֿען דאָס קינד אונטער איינעם פֿון די בוימלעך, איז אַוועק און האָט זיך געזעצט פֿון דער ווייטען, אויף אַ מהלך פֿון אַ בויגען-שאָס, ווײַל זי האָט געזאָגט: „זאָל איך ניט זעהן דעם טויט פֿון קינד". [און זי האָט זיך געזעצט פֿון דער ווייטען], דאָס קינד האָט זיך צעוויינט אויפ׳ן קול. און גאָט האָט דערהערט דעם קול פֿון דעם יונגעל, און אַ מלאך פֿון גאָט האָט זיך אָפּגערופֿען פֿון הימעל צו הגר׳ן און איהר געזאָגט: „וואָס איז מיט דיר, הגר? האָב ניט קיין מורא. וואָרום גאָט האָט געהערט דעם יונגעלס קול פֿון דאָרטען, וואו ער ליגט; שטעה אויף, הייב איהם אויף און האַלט איהם צו מיט דײַן האַנט, דען איך וועל איהם מאַכען פֿאַר אַ גרויסען פֿאָלק". און גאָט האָט אויפֿגעעפֿענט איהרע אויגען, און זי האָט דערזעהן אַ ברונים וואַסער און זי איז צוגעגאַנגען, האָט אָנגעפֿילט דעם לאָגעל מיט וואַסער און האָט אָנגעטרונקען דעם יונגעל. און גאָט איז געווען מיט׳ן יונגעל, ער איז אויסגעוואַקסען, האָט אָנגעהויבען לעבען אין מדבר און איז געוואָרען אַ בויגען-שיסער, און ער האָט געלעבט אין מדבר פּאַרן, און זײַן מוטער האָט איהם גענומען אַ ווייב פֿון לאַנד מצרים.

אַבֿרהמ׳ס בונד מיט אַבֿימלכ׳ן.

אין דערזעלביגער צייט האָט אַבֿימלך מיט פּיכול׳ן, זײַן חיל-אָנפֿיהרער, געזאָגט צו אַבֿרהמ׳ען: „מיט דיר איז גאָט אין אַליץ, וואָס דו טוסט נאָר, און אַט שווער מיר בײַ גאָט, אַז דו וועסט ניט אָפּנאַרען ניט מיך, ניט מײַן זוהן, ניט מײַן אייניקעל, און ווי איך האָב מיט דיר געטאָן גוטס, אַזוי וועסטו טון מיט מיר און מיט דעם לאַנד, וואָס דו וואוינסט דערין". און אַבֿרהם האָט געזאָגט: „איך שווער". און אַבֿרהם האָט פֿאָרגעוואָרפֿען אַבֿימלכ׳ען פֿון וועגען דעם ברונים, וואָס עס האָבען פֿאַרכאַפּט אַבֿימלכ׳ס קנעכט. און אַבֿימלך האָט געזאָגט: „איך ווייס ניט, ווער עס האָט אַזאַ זאַך געטאָן, און דו האָסט מיר אויך ניט געזאָגט, און איך האָב גאָרנישט ניט געהערט ביז היינט". און אַבֿרהם האָט גענומען שאָף און רינדער און האָט זיי איבערגעגעבען אַבֿימלכ׳ען, און זיי האָבען ביידע געשלאָסען אַ בונד. און אַבֿרהם האָט אַוועקגעשטעלט זיבען שעפּסעלאַך באַזונדער. און אַבֿימלך האָט געזאָגט צו אַבֿרהמ׳ען: „וואָס זענען דאָס פֿאַר זיבען שעפּסעלאַך, וואָס דו האָסט דאָס אַוועקגעשטעלט באַזונדער?" און ער האָט געענטפֿערט: „ווײַל די זיבען שעפּסעלאַך דאַרפֿסטו נעמען בײַ מיר, כּדי דאָס זאָל מיר זײַן פֿאַר אַ באַווײַז, אַז איך האָב געגראָבען דעם ברונים". דערפֿאַר האָט ער אַ נאָמען געגעבען יענעם אָרט „באר שבֿע"*, (דער ברונים פֿון

* לויט דער לעגענדע שטאַמט דער נאָמען „באר שבע" פֿון וואָרט „שבועה"; עס איז אָבער אויך מעגליך, אַז ער שטאַמט פֿון וואָרט „שבעה" (זיבען) און ווייזט אָן, אויף זיבען קוואַלען אָדער אויף אַ וואַסער עס איז געשעהניש, וואָס דערבײַ האָט געשפּילט אַ ראָלע די צאָהל זיבען, עס איז כּדאי צו באַמערקען אַז צווישען דעם וואָרט „שבועה" און דער צאָהל 7 איז

שבועה), ווייל דאָרטען האָבען זיי ביידע געשוואָרען. און זיי האָבען געשלאָסען דעם בונד אין באר שבע, און אַבימלך און פיכול, זיין אָנפיהרער, האָבען זיך איפגעהויבען און זיך אומגעקעהרט אין לאַנד פלשתים. און ער האָט אַיינגעפלאַנצט אַ טאמאריסקען־בוים ביי באר שבע און איינגערופען דאָרטען אין נאָמען פון יהוה, דעם אייביגען גאָט, און אברהם האָט געלעבט אַלס פרעמדער אין לאַנד פלשתים אַ לאַנגע צייט.

אברהמ׳ס דינער נעמט פאר יצחק׳ן א ווייב פון מעסאָפאָטאַמיען.

אברהם איז שוין געווען אַלט און בעיאָהרענט, און יהוה האָט געבענשט אברהמ׳ען מיט אַלצדינג. און אברהם האָט געזאָגט צו זיין קנעכט, דעם עלטסטען פון זיין הויז, וואָס געוועלטיגט איבער אַלץ, וואָס ביי איהם: לעג אַוועק דיין האַנט אונטער מיין דיך און שווער מיר ביי יהוה, דעם גאָט פון הימעל און דעם גאָט פון דער ערד, אַז דו וועסט ניט נעמען קיין ווייב פאַר מיין זוהן פון די טעכטער פון די כנענים, וואָס איך וואוין צווישען זיי, נאָר אַז דו וועסט געהן אין מיין לאַנד, אין מיין געבורטס־אָרט, און דו וועסט נעמען אַ ווייב פאַר מיין זוהן יצחק.״ און עס האָט געזאָגט צו איהם דער קנעכט: „אפשר וועט ניט וועלען יענע פרוי געהן מיט מיר אין דעם לאַנד אַריין, זאָל איך דען צוריקפיהרען דיין זוהן אין לאַנד, פון וואַנען דו ביסט אַרויסגעקומען?״ אברהם האָט צו איהם געזאָגט: „היט זיך דערפון, צוריקצופיהרען מיין זוהן אַהינצו! יהוה, דער גאָט פון הימעל, וועלכער האָט מיך גענומען פון מיין פאָטערס הויז און פון מיין געבורטס־אָרט, וועלכער האָט מיט מיר גערעדט און מיר געשוואָרען מיט די ווערטער: „דיינע קינדער וועל איך אָפּגעבען דאָס לאַנד״ — ער וועט שיקען זיין מלאך פאַר דיר, און דו וועסט נעמען אַ ווייב פאַר מיין זוהן פון דאָרטען. און ווען די פרוי וועט ניט וועלען געהן נאָך דיר, וועסטו ריין זיין פון אָט דער שבועה מיינער. אָבער דו זאָלסט ניט צוריקפיהרען מיין זוהן אַהינצו״. און דער קנעכט האָט אַוועקגעלעגט זיין האַנט אונטער דעם דיך פון אברהם זיין האַר און האָט איהם געשוואָרען אויף דער זאַך. און דער קנעכט האָט גענומען צעהן קעמלען פון זיין האַרס קעמלען און האָט זיך געלאָזען אין וועג אַריין; און האַנט האָט ער אויך געהאַט אַלערליי גוטס פון זיין האַר. און ער איז אויפגעשטאַנען און איז אַוועקגעגאַנגען קיין ארם נהרים, אין נחור׳ס שטאָדט אַריין, און האָט זיך אָפּגעשטעלט מיט די קעמלען הינטערן שטאָדט ביים ברונים אָבענד־צייט, ווען די פרויען געהען אַרויס שעפען וואַסער. און ער האָט געזאָגט: „יהוה, דו גאָט פון אברהם מיין האַר! טרעף מיר היינט צו און טו גענאָד מיט דעם האַר מיינעם אברהמ׳ען. אָט שטעה איך ביים וואַסערקוואַל, און די טעכטער פון די שטאָדט־איינוואוינער געהען אַרויס אָנצושעפען וואַסער. און עס וועט זיין, אָט די מיידעל, וואָס איך וועל זאָגען צו איהר: „בויג אָן דיין קרוג, און איך וועל זיך אָנטרינקען״, און זי וועט ענטפערן: „טרינק און איך וועל דיינע קעמלען אויך אָנטרינקען״, — זי האָסטו דאָס בעשטימט

בכלל ביי די אַמאָליגע בני ישראל געווען ניט נאָר א שפּראַכליכער, נאָר אויך אַן אינעווייניגסטער צוזאַמענהאַנג, וואָס האָט אפשר א מיטאָלאָגישען יסוד. פאַרגלייך אַן ערך אין דערזעלביגער ערצעהלונג די זיבען שעפּסעלאַך אַלס עדות פון דער שבועה.

פֿאַר דיין קנעכט, פֿאַר יצחק'ן, — און דורכדעם וועל איך וויסן, אַז דו האָסט געטאָן חסד מיט מיין האַר, מיט אַבֿרהמ'ען".

און עס איז געווען, אײדער ער האָט דאָס נאָך געענדיגט צו רעדן, איז אַרויס רבֿקה, — וועלכע איז געבוירן געוואָרן פֿון [בתואל דעם זוהן פֿון] מלכּה, דער ווייב נחור'ס, דעם ברודער אַבֿרהמ'ס — מיט איהר קרוג אויפֿ'ן אַקסעל. די מיידעל איז געווען זעהר שען, יונגפֿערליך, און קיין מאַנסביל האָט זי ניט געקאָנט. זי איז אַראָפּ צום קוואַל, האָט אָנגעפֿילט איהר קרוג און איז אַרויפֿגעקומען. און דער קנעכט איז צו איהר געלאָפֿן אַנטקעגען און געזאָגט: „גיב מיר אויסזופּן אַ ביסעל וואַסער פֿון דיין קרוג". און זי האָט איהם געענטפֿערט: „טרינק, מיין האַר", און האָט זיך געאײלט און האָט אַראָפּגעלאָזען דעם קרוג אויפֿ'ן האַנט און האָט איהם אָנגעטרונקען. און אַז זי האָט געענדיגט איהם אָנטרינקען, האָט זי געזאָגט. „איך וועל אויך פֿאַר דיינע קעמלען אָנשעפּן, ביז זיי וועלען זיך אָנטרינקען". און זי האָט געשווינד אויסגעליידיגט איהר קרוג אין קאָרעטע אַריין און איז געלאָפֿן צום ברונים אָנשעפּען און האָט אָנגעשעפּט פֿאַר אַלע זיינע קעמלען. און דער מאַן וואונדערט זיך אויף איהר און שווייגט, וועלענדיג וויסען, צי האָט יהוה בעגליקט זיין וועג, צי ניט. ווען די קעמלען האָבען אויפֿגעהערט צו טרינקען, האָט דער מאַן גענומען אַ גאָלדענעם נאָז־רינג פֿון אַ האַלבען שקל וואָג און צוויי בראַסלעטען פֿאַר איהרע הענט אין וואָג פֿון צעהן שקלים גאָלד און האָט געזאָגט: „וועמעס טאָכטער ביסטו — זאָג מיר נאָר, צי איז דאָ אין דיין פֿאָטערס הויז אַן אָרט צום איבערנעכטיגען". זי האָט געזאָגט צו איהם: „איך בין די טאָכטער פֿון [בתואל דעם זוהן פֿון] מלכּה, וואָס זי האָט געבוירען נחורן". און זי האָט ווייטער געזאָגט: „שטרוי און שפּייז איז ביי אונז דאָ גענוג און אויך אַן אָרט אויף איבערצונעכטיגען". און דער מאַן האָט זיך געקניהט און געבוקט פֿאַר יהוה און געזאָגט: „געבענשט זאָל זיין יהוה, דער גאָט פֿון מיין האַר אַבֿרהם, וועלכער האָט ניט פֿאַרמידען פֿון מיין האַר זיין גענאָד און זיין אמת. אויף אַזאַ וועג האָט מיך יהוה געבראַכט צו פֿיהרען אין הויז אַריין פֿון מיין האַרס ברודער". איז די מיידעל געלאָפֿען און האָט דערצעהלט אין איהר מוטערס־הויז, וואָס עס איז געשעהן.

און ביי רבֿקה'ן איז געווען אַ ברודער מיט'ן נאָמען לבֿן. און אַז ווען ער האָט דערזעהן דעם רינג און די בראַסלעטען אויף די הענט ביי זיין שוועסטער און ווען ער האָט דערהערט די ערצעהלונג פֿון רבֿקה, זיין שוועסטער: אַזוי און אַזוי האָט מיט מיר גערעדט דער מאַן, — איז לבֿן אַרויסגעלאָפֿען צו דעם מאַן דרויסען ביי'ם קוואַל. און ער איז געקומען, ערשט ער זעהט, ער שטעהט נעבען די קעמלען ביי'ם קוואַל. האָט ער געזאָגט: „קום, דו געבענשטער פֿון יהוה, וואָס שטעהסטו אין דרויסען? איך האָב פֿריי געמאַכט דאָס הויז און אַן אָרט געמאַכט פֿאַר די קעמלען". און דער מאַן איז אַריין אין הויז, און לבֿן האָט אויסגעשפּאַנט די קעמלען און האָט זיי געגעבען שטרוי און שפּייז, און ער האָט געבראַכט וואַסער אויף וואַשען די פֿיס פֿאַר איהם און די מענשען, וואָס מיט איהם; און מען האָט דערלאַנגט פֿאַר איהם עסען. אָבער ער האָט געזאָגט: „איך וועל ניט עסען, ביז איך וועל ניט דערצעהלען

מײן אָנגעלעגענהײט". און ער האָט איהם געענטפערט: „דערצעהל". דאַן האָט ער געזאָגט: „אבֿרהמ׳ס קנעכט בין איך. און גאָט האָט פיל געבענשט מײן האַר, און ער איז געוואָרען גרויס. געגעבען האָט ער איהם שאָף און רינדער, זילבער און גאָלד, קנעכט און דינסטען, קעמלען און אײזלען. און שׂרה, מײן האַרס װײב, האָט געבוירען פאַר מײן האַר אויף זײן עלטער אַ זוהן, און ער האָט איהם אָפּגעגעבען זײן גאַנצען פאַרמעגען. און מײן האַר האָט מיך פאַרשוואָרען מיט די װערטער: „דו זאָלסט ניט נעמען קײן װײב פאַר מײן זוהן פון די טעכטער פון די כנענים, װאָס איך לעב אין זײער לאַנד; נאָר דו זאָלסט געהן אין מײן פאָטערס הויז, צו מײן משפּחה און זאָלסט פון דאָרטען נעמען אַ װײב פאַר מײן זוהן". האָב איך געזאָגט צו מײן האַר: „אפשר װעט יענע פרוי ניט געהן נאָך מיר?" האָט ער געזאָגט: „יהוה, פאַר װעמעס אויגען איך האָב מײן װעג דורכגעמאַכט, װעט שיקען מיט דיר זײן מלאך, און ער װעט בעגליקען דײן װעג, און דו װעסט נעמען אַ װײב פאַר מײן זוהן פון מײן משפּחה און פון מײן פאָטערס הויז. נאָר דאַן װעסטו זײן רײן פון מײן שבֿועה, װען דו װעסט געהן צו מײן משפּחה; אויב זײ װעלען דיר ניט געבען, װעסטו דאַן זײן רײן פון מײן שבֿועה". און איך בין געקומען הײנט צום קוואַל און געזאָגט: „יהוה, דו גאָט פון מײן האַר אבֿרהם, אויב דו בעגליקסט מײן װעג, װאָס איך גײ אין איהם, איז אָט שטעה איך בײם קוואַל, זאָל יענע מײדעל, װאָס װעט אַרויסגעהן שעפּען און איך װעל זאָגען צו איהר: „גיב מיר טרינקען אַ ביסעל װאַסער פון דײן קרוג", און זי װעט מיר ענטפערן: „טרינק דו, און אויך דײנע קעמלען װעל איך אָנטרינקען" — זאָל זי זײן די פרוי, װאָס גאָט האָט בעשטימט פאַר מײן האַרס זוהן". און אײדער איך האָב נאָך געענדיגט צו זאָגען דאָס פאַר זיך, ערשט עס געהט אַרויס רבֿקה מיט איהר קרוג אויף איהר אַקסעל. זי איז אַראָב צום קוואַל און אָנגעשעפּט, און איך האָב צו איהר געזאָגט: „טרענק מיך אָן!" האָט זי געשווינד אַראָפּגענומען פון זיך דעם קרוג און געזאָגט: „טרינק, און אויך דײנע קעמלען װעל איך אָנטרינקען". און איך האָב געטרונקען, און אויך די קעמלען האָט זי אָנגעטרונקען. און איך האָב זי געפרעגט: „װעמעס טאָכטער ביסטו?" און זי האָט געענטפערט: „איך בין די טאָכטער פון [בתואל, דעם זוהן פון] נחור, װאָס עס האָט איהם געבוירען מלכּה", און איך האָב אָנגעטאָן דעם רינג אויף איהר נאָז און די בראַסלעטען אויף איהרע הענט און איך האָב זיך געקניהט און געבוּיגען און געדאַנקט יהוה, דעם גאָט פון מײן האַר אבֿרהם, װעלכער האָט מיך געפיהרט אויפ׳ן ריכטיגען װעג צו נעמען די טאָכטער פון מײן האַרס ברודער פאַר זײן זוהן. און אָט זאָגט איצט, צי װילט איהר טון גענאָד און אמת מיט מײן האַר? אויב ניט, זאָגט מיר, װעל איך זיך װענדען רעכטס אָדער לינקס".

און עס האָט געענטפערט לבֿן [און בתואל] און געזאָגט: „פון יהוה איז אַרויס דאָס אַלץ, מיר קאָנען דיר ניט זאָגען ניט שלעכטס, ניט גוטס. אָט איז רבֿקה פאַר דיר, נעם זי און גײ. זאָל זי זײן אַ װײב פאַר דעם זוהן פון דײן האַר, װי יהוה האָט געזאָגט". װען אבֿרהמ׳ס קנעכט האָט דער-

הערט זייערע רייד, האָט ער זיך געבויגען ביז צו דער ערד פאַר יהוה, און האָט אַרויסגענומען זילבערנע און גאָלדענע כּלים און קליידער און האָט זיי איבערגעגעבען רבֿקה'ן, און איהר ברודער און איהר מוטער האָט ער געגעבען מתּנות, און זיי האָבען געגעסען און געטרונקען, ער און די מענשען, וואָס מיט איהם. זיי האָבען איבערגענעכטיגט, זיינען אויפגעשטאַנען אין דער פריה, און ער האָט געזאָגט: „לאָזט מיך אָפּ צו מיין האַר". נאָר איהר ברודער און איהר מוטער האָבען געזאָגט: „זאָל די מיידעל נאָך זיין מיט אונז אַ טאָג צעהן, דערנאָך וועסטו געהן". ער האָט צו זיי אָבער געזאָגט: „ניט האַלט מיך איך, יהוה האָט דאָך בעגליקט מיין וועג. לאָזט מיך אָפּ, און איך וועל געהן צו מיין האַר". זיי האָבען געזאָגט: „לאָמיר רופען די מיידעל און פרעגען ביי איהר". און מען האָט גערופען רבֿקה'ן און זי געפרעגט: „דו וועסט געהן מיט אָט דעם מענשען?" זי האָט געענטפערט: „איך וועל געהן!" און זיי האָבען געבענשט רבֿקה'ן און געזאָגט צו איהר:

אונזער שוועסטער, עס זאָלען פון דיר אַרויסקומען
צעהנדליגער טויזענטער,
און דיינע קינדער זאָלען ירש'ען
די טויערן פון זייערע שונאים!

און רבֿקה איז אויפגעשטאַנען און איהרע דינסטען מיט איהר, און האָבען זיך געזעצט אויף די קעמלען און זיינען אַוועק נאָך דעם מאַן. און דער קנעכט האָט מיטגענומען רבֿקה'ן און איז אַוועקגעגאַנגען. און יצחק האָט זיך דאַן אומגעקעהרט פון מדבּר בּאר לחי ראי, ווייל ער האָט דאַן געוואוינט אין דרום־לאַנד. בּשעת'ן אָבענד־אָנקומען איז יצחק אַרויס שפּאַצירען אין פעלד און האָט אויפגעהויבען זיינע אויגען און דערזעהן, ערשט קעמלען קומען אָן. רבֿקה האָט אַ קוק געגעבען, האָט דערזעהן יצחק'ן און זיך אַראָפּגערוקט פון קעמעל. און זי האָט געזאָגט צום קנעכט: „ווער איז דער דאָזיגער מענש, וועלכער געהט איבערן פעלד אונז אַנטקעגען?" דער קנעכט האָט געזאָגט: „דאָס איז מיין האַר!" און זי האָט גענומען דעם שלייער און זיך איבערגעדעקט.— און דער קנעכט האָט דערצעהלט יצחק'ן אַלץ, וואָס ער האָט געטאָן, און יצחק האָט זי אַריינגעפיהרט אין געצעלט [פון שׂרה זיין מוטער]. און ער האָט זי ליב בעקומען, און יצחק האָט זיך געטרייסט אין זיין טרויער נאָך זיין מוטער.—

בראשית קאפּיטעל י"ב, י"ג, כ', כ"א, כ"ד.

VII. די ישׂראלשע שבטים פאַר דער בעזעצונג פון ארץ ישׂראל.

בּערך אין מיטען פון צווייטען יאָהרטויזענט פאַר דער קריסטליכער תּקופה האָט אַ טייל פון די העברעאישע שבטים פאַרלאָזען זיין אַלטע היים, דעם דרום־קאַנט פון ארץ־ישׂראל, כּדי איבערצוּוואַנדערן אין דאָס שכנישע מצרישע פּאַשע־לאַנד, וואָס האָט געטראָגען דעם נאָמען גושן. זיי זיינען דאָרטען געבליבען, וואָס זיי זענען פריהער געוועזען, — פּאַסטוכער פון שעפּסען און ציגען. הגם זיי האָבען געלעבט אין דער מצרישער מלוכה און אָנערקענט די מצרישע

דאָס לעבען אין מצרים.

איבערהערשאַפט, האָבען זיי דאָך אָבגעהיט די אייגענאַרטיגקייט פון זייער ראַסע, זייער שפּראַך, דעם פּאַטריאַרכאַלישען סדר פון זייער לעבען, און זייערע פּשוט׳ע, פּרימיטיווע לעבענס־מנהגים.

מיט דער צייט איז אָבער פאָרגעקומען אַ שינוי אין דער באַהאַנדלונג פון די פרעמדע געסט. מען האָט זיי גענויט צו ערפילען די צוואַנגס־אַרבייטען ביי די בנינים, וואָס פּרעה האָט דעמאָלט געלאָזט בויען אין גושן. דאָס איז געווען פאַר־איינם אויך אַ מיטעל צו פאַרניכטען זייער אייגענאַרטיגקייט; זיי זיינען געווען פרייע פאַסטוכער, און צו שווערע אַרבייט ניט געוועהנט. די זעלביגע אַרבייט, וואָס איז פאַר מצרי געווען אַ געוועהנליכע זאַך, איז געווען פאַר זיי עפּיס ניט־געוועהנליכעס און ניט־נאַטירליכעס, נאָר אַ פּרוב זיי אָפּצושוואַכען און אַן אָנפאַל אויף זייער פרייהייט און כבוד.

משה.

אין דער צייט פון פּורעניות און שווערער אַרבייט איז זיי געקומען צו הילף אַ ליכטיגע פּערזענליכקייט, אַ גרויסער, געטליכער מאַן, וואָס די נויט פון דער צייט האָט איהם דערוועקט און ערצויגען — משה. ער האָט דאָס אייגענאַרטיגע לעבען פון זיינע ברידער און זייער באַזונדער פאַרהאַלטונג צו די מצרים דערהויבען צו דער מדרגה פון אַ פאָלקס־רעליגיע, דורכדעם וואָס ער האָט זיי דערמאָנט אָן דעם גאָט פון זייערע אָבות, וועלכער באַטייליגט זיך אין זייער צער און ליידען און תעלכער וויל זיי איצט באַפרייען פון מצרישען יאָך. ער האָט זיי ערצויגען און ענטוויקעלט אין זיי דעם איינהייטליכען פעסטען ווילען, צוריק זיך אומצוקעהרען אין זייער אַלטער היים אַריין, צו זייערע ברידער אין מדבר.

די אויסוואַנדערונג פון מצרים. קדש.

אין דער צייט, ווען אַ שווערע מגפה איז באַפאַלען מצרים, האָבען די העברעער ביינאַכט אַרויסגעוואַנדערט פון גושן מיט ווייב און קינד, מיט זייערע שאָף און זייער גאַנצען גוטס און געלאָזען זיך אין וועג צו דער סיני־האַלבאינזעל. פּרעה אַליין האָט כלומר׳שט זיי ערלויבט אַרויסצו־וואַנדערן און צום סוף זיי אַפילו אונטערגעאײַלט צו דעם. פונדעסטוועגען האָט דאָס גיכער אויסגעזעהן ווי אַן אַנטלויפען, ווי אַ בשתיקה אָפּגערעדטע און צוגעגרייטע אַרויסוואַנדערונג.

נאָך אַ וואַנדערונג פון עטליכע טעג זיינען זיי אָנגעקומען קיין קדש, וואָס איז געלעגען אין מזרח־זייט קעגענאיבער גושן, האַרט אויף דער דרומ׳דיגער גרעניץ פון ארץ ישראל, און האָבען זיך דאָרטען באַזעצט. זיי זיינען דאָרטען געבליבען אַ לענגערע צייט אויף אַזאַ אופן, אַז אין קדש האָבען זיי געהאַט זייער צענטער און פון דאָרטען פלעגען זיי וואַנדערן אין אַלע זייטען מיט זייערע שאָף איבער אַ גרויסען ווייטען שטח. פאַר אַ קולטור־פאָלק וואָלט אַזאַ אַרט לעבען געוויס געווען אוממעגליך, אָבער די בעדערפעניסען פון די גושן־פאַסטוכער, וואָס זיינען געווען ווייניג לויט זייער צאָהל און פון פאַרצייטען געוועהנט צום לעבען אין מדבר, האָבען זיך געלאָזט דאָ באַפרידיגען. עס איז מעגליך, אַז, זיצענדיג אין קדש, האָבען זיי שוין געמאַכט נסיונות איינצונעמען דאָס פרוכטבאַרע לאַנד צו צפון־זייט, אָבער עס לאָזט זיך שווער גלויבען, אַז זיי

האָבען שוין לכתחילה געהאַט די כּונה איינצונעמען גאַנץ ארץ־ישׂראל, וואָס האָט, ווייַנדיג אונטער דער הערשאַפט פון די כּנענישע מלכים, פאָרגעשטעלט אַ בעדייטענדען פּאָליטישען כּח אין פאַרגלייך מיט די ישׂראלישע וואַנ־דערער.

די אויסוואַנדערונג פון קדש. די ערשטע נצחונות אויפ'ן מזרח־זייט פון ירדן.

זייער אויסוואַנדערונג פון קדש איז געווען דער פּועל יוצא פון געוויסע היסטאָרישע געשעהעניסען פון יענער צייט. אין מזרח־זייט פון ירדן האָבען די אמורים אָפּגעשטויסען די בני־עמון פון דעם אונטערשטען טייל טייך יבּוק, און בּיי די בני־מואָב האָבען זיי צוגענומען דעם צפון'דיגען טייל פון זייער לאַנד ביז צום אַרנון. אויף דער הויכעניש קעגענאיבער יריחו איז אויסגעוואַקסען חשבּון און איז געוואָרען די הויפּט־שטאָדט פון זייער קעניג סיחון. פון דאָ־נען האָבען זיי זיך געוואָלט לאָזען ווייטער צו דרום צו. די קליינע העבּרעאישע מלוכות, וואָס זיינען געלעגען אויפ'ן גרעניץ פון ארץ ישׂראל און אַראַביען, האָבען אַלע געמוזט גוט פיהלען די סכּנה. און דאָ זיינען אין דער רעכטער צייט אָנגעקומען די בני ישׂראל, וואָס פאַר זיי איז אין משך פון דער צייט ענג געוואָרען דער מדבּר פון קדש. אָהן שום ספק זיינען זיי מיט דעם הסכּם פון די בני־עמון און די בני־מואָב, וואָס זייער לאַנד איז געלעגען אין דער מיטען, אַרויסגעטראָטען אין מלחמה קעגען די אמורים און האָבען חרוב גע־מאַכט די מלוכה פון סיחון. נאָך דעם איז דאָס לאַנד אין דרום־זייט פון אַרנון געבּליבען פעסט אין די הענט פון די בני־מואָב, אָבער אין צפון־זייט פון אַרנון האָבען זיך בּעזעצט די זיגער אַליין; אויף אַזאַ אופן האָבען זיי פאַרנומען דאָס לאַנד, וואָס איז רייך מיט לאָנקעס, און האָבען געוואוינט אין שכנות פון זייערע בּרודער־שבטים. פון איצט אָן האָבען די נחלאות פון די העבּרעאישע פעלקער פאָרגעשטעלט איין גאַנצען טעריטאָריאַלען שטח.

דער חיל, וואָס איז אַרויס פון קדש, כּדי מלחמה צו האַלטען מיט סיחון'ען, איז געווים בעשטאַנען ניט בּלויז פון די, וואָס זיינען אַליין אַרויס פון מצרים, אָדער פון זייערע קינדער. ישׂראל איז נאָך דעמאָלט ניט געווען קיין פאַרטיג פאָלק. בּשעת זיינע וואַנדערונגען האָט ער נאָך איבּערגעלעבּט די תּקופה פון אויסבּילדונג. ער האָט זיך נאָך ניט אויסגעשיידט פון די קרובי־שע עלעמענטען, וועלכע האָבען זיך מיט איהם אונטערוועגס פאַראייניגט (ערב רב, שמות י"ב, 38), נאָר ער האָט זיך, פאַרקערט, מיט זיי צו־בּיסלעכווייז פאַרבּונדען און צונויפגעגאָסען. ערשט בּשעת זייער לעבען צוזאַמען אונטער דער פיהרונג פון משה, האָט זיך בּיי די איינצעלנע שבטים, וואָס האָבען שפּעטער פון זיך פאָרגעשטעלט דאָס פאָלק, אָנגעהויבּען צו ענטוויקלען דאָס געפיהל פון איינהייט. עס איז שווער צו זאָגען, צי זיינען די שבטים געווען פאַראייניגט צווישען זיך שוין פאַר דער צייט פון משה. דערפאַר איז אָבער קיין ספק ניט, אַז בּשעת זייער וואַנדערונג איבּערן מדבּר, און יעדענפאַלס פאַר דער איינעמונג פון ארץ ישׂראל, איז געשלאָסען געוואָרען צווישען די שבטים אַן אַלגעמיינער בּונד. דערפון איז אָבער נאָך ניט געדרונגען, אַז אין קדש האָבען שוין אַלע צוועלף שבטים געלעבּט צוזאַמען; די „קינדער" פון

יעקבֿ'ס „קעבס־ווייבער"* דן און נפתלי, גד און אָשר זיינען צו איהם געווען ניט אַזוי נאָהענט, ווי די „קינדער" פון לאה און רחל; עס איז מעגליך, אַז אָט די פיר שבֿטים זיינען ערשט שפּעטער צוגעקומען און זיינען געווען ניט פון ריין־ישׂראלשער אָפּשטאַמונג. פון די עלטערע שבֿטים האָבען זעקס (ראובֿן, שמעון, לוי, יהודה, יששׂכר, זבֿולון) געשטאַמט פון לאה'ן, נאָר יוסף און דער, ווי עס זעהט אויס, שפּעטער צוגעקומענער בנימין, האָבען געשטאַמט פון רחל'ען. דער שבֿט יוסף איז געווען לויט זיין צאָהל און לויט זיין מאַכֿט אַזוי גרויס, ווי אַלע איבעריגע שבֿטים צוזאַמען, און לויט זיין גייסטיגער ענטוויקלונג און זיין בעדייטונג איז ער געשטאַנען פיל העכֿער פאַר די איבעריגע.

די ווירקונג פון דער כנענישער קולטור. ישׂראל'ס גייסטיגער אחדות־געפיהל.

ווען די בני ישׂראל האָבען זיך בעזעצט אין לאַנד, האָבען זיי דאָרטען געפונען אַ בעפעלקערונג, וואָס איז געשטאַנען העכֿער פאַר זיי לויט איהר צאָהל און לויט איהר קולטור און וואָס זיי האָבען זי ניט פאַרטיליגט, נאָר פאַמעלאַך אונטערגעוואָרפען און אַסימילירט. אַדאַנק דער קרובֿ'עשאַפט און דער גייסטיגער נאָהענטקייט פון די ראַסען איז די פאַרמישונג פאָרגעקומען זייער לייכֿט; הגם די זיגער האָבען איבערגענומען פיל מדות ביי די בעזיגטע, קיין כנענים אָבער זיינען זיי ניט געוואָרען. ניט געקוקט אויף זייער קליינער צאָהל און אויף דער יונגקייט פון זייער קולטור, האָבען זיי דאָך זייער אָפּגעהיט זייער נאַציאָנאַלע אייגענאַרט. בכֿן איז קלאָר, אַז ביי זיי איז בעשטאַנען אַן אינעווייניגסטע גייסטיגע איינהייט אַ סך פריהער, איידער זי האָט זיך אויסגעדריקט אין דער געשטאַלט פון אַ פּאָליטישער איינהייט. דער מקור פון דער איינהייט ליגט פאַרבאָרגען אין וויטען לעגענדען־רייכֿען עבֿר ביז משה'ן, און משה ווערט בעטראַכֿט ווי איהר ענטדעקער און בעגרינדער, ווי דער, וואָס האָט געמאַכֿט פונ'ם טיפען געפיהל אַ היסטאָרישען כּח.

יהוה אַלס דער יסוד פון נאַציאָנאַלער אחדות. משה—אַלס איהר שעפער.

דער יסוד, וואָס אויף איהם האָט זיך אין אַלע צייטען געשטיצט דער געדאַנק פון ישׂראל'ס אַחדות, איז געווען דער גלויבען: **יהוה איז דער גאָט פון ישׂראל, און ישׂראל איז דאָס פאָלק פון יהוה.** דעם דאָזיגע גלויבען האָט משה ניט אויסגעטראַכֿט, נאָר ער האָט געווירקט, אַז ער זאָל ווערען דער יסוד פון דער נאַציע און פון איהר געשיכֿטע. די שווערע נויט און דער יאָך פון די פאַרקנעכֿטעטע ישׂראלשע משפּחות, צוזאַמען מיט די זכֿרונות פון דער אַמאָליגער פרייהייט און בעוועגליכֿקייט, האָבען געבראַכֿט דערצו, אַז זיי זאָלען זיך אַרויסרייסען פון דער דריקענדיגער סבֿיבֿה, זיך בעפרייען און זיך אויפגיסען אין דעם געפיהל פון אמת'ער נאַציאָנאַלער אַחדות.

משה איז געווען דער מייסטער פון דעם דאָזיגען אַחדות־געפיהל, און נאָכֿדעם, אַז ער האָט בעפרייט די העברעער פון זייער נויט אין מצרים,

* וועגען דער עטנאָגראַפישער בעדייטונג פון די ווערטער: „קינדער", „קעבס־ווייבער" און אַנדערע,—זעה אויבען קאַפּיטעל V.

האָבען זיי, — ווי עס ליגט אין דער מענשליכער נאַטור, — אָנגעהויבען זיך צו איהם צו ווענדען בײַ יעדער געפאַהר און נויט, וואָס זיי איז אויסגעקומען איבערצולעבען, און האָבען איהם פאַרטרויט אַלע זייערע ענינים, וואָס זיי זיינען אַליין ניט געווען בכח אײַנצואָרדנען. מחמת זיין אויסגערעכענטקייט, מחמת זיין טיפען פראַקטישען פאַרשטאַנד, וואָס ער האָט אַרויסגעוויזען אין אַלע זיינע מעשים, מחמת [illegible] אָנזעהן, וואָס ער האָט געהאַט בײַם פאָלק, האָט איהם דאָס פאָלק געמאַכט פאַר זיין פיהרער, עצה-געבער און ריכטער. בײַ זיין הארציגער איבערגעגעבענקייט דעם פאָלק און בײַ זיין בעשיידענער האַלטונג, האָט ער געפיהרט און געמשפט דאָס פאָלק אָהן וואָסערע עס איז פערזענליכע פניות, און אַפילו ניט אין אייגענעם נאָמען, נאָר אין נאָמען פון יהוה, דעם גאָט פון ישראל. בײַ דעם הייליגען קוואַל פון קדש איז געווען דער אָרט פון געריכט, און דורך די ליפען פון שופט האָט זיך געהערט דער קול פון יהוה׳ס גערעכטיגקייט, — אַליין איז ער גאָרנישט ניט געווען אויסער. אַדאַנק זיין משפט׳ן און דערקלערען זיינען קלאָרער און פעסטער געוואָרען די רעכטליכע מנהגים פון פאָלק, און יהוה, דער גאָט פון ישראל, איז אויף אַזאַ אופן געוואָרען פאַר-איינס אויך דער גאָט פון רעכט און גערעכטיגקייט, דער תמצית און דער יסוד פון דעם פאָלקס מאָראַלישע השגות, דער בעוועגענדיגער כח פון נאַציאָנאַלען געוויסען.

יִשׂראל׳ס ווי טערדיגע גייסטיגע און קולטורעלע ענטוויקלונג. יהוה, דער גאָט פון מלחמה

און אויף דעם גלייכען שטייגער, ווי דאָס פאָלקס-לעבען איז ענטשטאַנען, האָט עס זיך ווייטער ענטוויקעלט. קודם כל האָבען די הצטרכות׳ען פון געשיכטליכען לעבען געבראַכט דערצו, אַז דאָס פאָלק זאָל דערקענען זיך און יהוה, זיין גאָט. דעם וויכטיגסטען אָרט אין דער געשיכטע פאַרנעמען אין יענער צייט די מלחמות. ישראל (ישר-אל) הייסט, גאָט פיהרט מלחמה, יהוה איז דער מלחמה-פיהרענדיגער אל, וואָס נאָך איהם רופט זיך דאָס פאָלק, און דער מלחמה-לאַגער איז געווען די וויג פון פאָלק און זיין עלטסטער היילי־טום. דאָ איז געווען ישראל צוזאַמען מיט יהוה, דאָ האָט ער געקעמפט פאַר יהודה און יהוה פאַר איהם. איז אַמאָל אין אַ צייט פון שלום אָפגעשוואַכט געוואָרען דער צוזאַמענהאַנג צווישען דעם פאָלק און דעם גאָט פון מלחמה, אַזוי האָבען איהם גייע פיינדליכע אָנפאַלען ווייטער איפגעוועקט און געשטאַרקט. אַלץ מאָל פלעגט זיך ישראל׳ס דערוואַכונג אָנהויבען, בשעת דער דערוואַכונג פון יהוה. יהוה׳ס גייסט האָט דערוועקט יעדעס מאָל די מענער, וועלכע האָבען זיך געשטעלט אין דער שפּיץ פון פאָלק, בעגייסטערטע דורך זיין הייליגען רוח. און זיי האָט זיך פאַרקערפּערט די פיהרענדיגע קראַפט פון יהוה, ער האָט מלחמה געהאַלטען דורך זיי. יהוה איז אַרויס מיט די חילות אויפ׳ן מלחמה-פעלד, און זייער התלהבות האָט זיך געפיהלט דער דערבײַ-זיין פון יהוה. יהוה האָט ענדליך, פון הימעל אַראָפּ בעשלאָסען דעם גורל פון דער מלחמה, וואָס האָט זיך געפיהרט אויף דער ערד. דערבײַ איז ער שטענדיג געשטאַנען אויף ישראל׳ס צד. אַלס נאַציאָנאַלער גאָט איז ער אויסען געווען נאָר די אינטערעסען פון זיין פאָלק, הגם זיין כח — דערויף איז ער דאָך אַ גאָט — האָט זיך אויסגעשפרייט ווייט איבער די גרעניצען פון זיין פאָלק.

יהוה'ס ווירקען אין די ברייטע פאָלקסשיכטען. דער ארון הברית.

אַזוי **איז** יהוה שוין פון דער ערשטער צייט אָן געווען אַ ווירקענדיגער, בעוועגענדיגער כח, אַ לעבעדיגער גאָט פאַר ישראל. נאָר זיין ווירקען אויף די ברייטע שיכטען פון פאָלק רייסט זיך איבער אָפט אויף אַ משך פון מעהרערע דורות. זיין ווירקען טראָגט בכלל מעהר דעם כאַראַקטער פון אַ שטורעם, וואָס קומט אָן אין אויסערגעוועהנליכע פאַלען, איידער פון אַ רוהיגער, פלאַנמעסיגער, טאָג-טעגליכער השפעה. אָבער הגם די גייסטיגע, האַרציגע פאַרבינדונג צווישען פאָלק און גאָט פלעגט פאָרקומען שטענדיג אין די צייטען פון די העכסטע אויפרעגונגען, פון סכנות און נצחונות, פלעגט דאָך אויך אין די צווישען-צייטען זיין כח ניט אינגאַנצען בטל ווערען אין פאָלק. אַזוי ווי די מענשליכע פיהרער האָבען אין שלום-צייט ניט אינגאַנצען פאַרלאָרען זייער ווירקונג אויפ'ן פאָלק, וואָס זיי האָבען געהאַט בשעת דער מלחמה פונקט אַזוי איז געווען אויך מיט דעם גייסטיגען פיהרער, מיט יהוה. ער האָט געהאַט אין היילינגען געצעלט* אַ מין שטענדיגען קעניגליכען הויף, וואָס אַרום האָבען זיך אויפגעקליבען זיינע דינער און פאַרעהרער. דאָ האָט איהם יעדער געקאָנט געפינען אויך אין די שטילע צייטען פון דער געשיכטע, ווען זיין קול האָט זיך ניט געהערט אין די פאָלקס-מאַסען. זיין הויפט-היילינגטום — און אפשר דער איינציגער היילינגטום — איז געווען אין דער צייט פון משה ביים אַזוי גערופענעם ארון הברית; דאָס איז געווען אַ בעוועגליכער היילינגער סימבאָל, וואָס האָט בעגלייט דאָס פאָלק אין זיין וואַנדערער-און מלחמה-לעבען. האָט זיך אָבער דער אָרון אומגעקעהרט פון מלחמה-פעלד אין לאַגער אַריין, אַזוי האָט ער געדיענט פאַר אַ צייכען, אַז יהוה איז צווישען פאָלק, פאַר אַ „וואוינאָרט פון יהוה". די פאָרשטעלונג וועגען יהוה איז געווען ענג פאַרבונדען מיט'ן אָרון. דער אָרון איז געווען דעריבער דער מיטעלפונקט פון יהוה'ס פאַרעהרונג, דער גייסטיגער צענטער פאַר זיינע דינער און פאַרעהרער. ווען דער ארון פלעגט זיך ריהרען פון אָרט, פלעגט מען אויסרופען אַזוי (במדבר י', 35):

קומען זיך, יהוה,
און זאָלען צעשפרייט ווערען די פיינד דיינע,
און זאָלען זיך צעלויפען דיינע שונאים פאַר דיר!

און ווען דער ארון פלעגט זיך אומקעהרען אויף זיין אָרט, פלעגט מען אויסשרייען:

קומען זיך, יהוה,
און בענש
די צענדליגער טויזענטער פון ישראל.

ווי עס זעהט אויס, האָט מען דעם אָרון פאַרצייטען פאָרגעשטעלט, ווי

* אין געצעלט האָט זיך געפונען דער אָרון מיט די לוחות (שמות ל"ג, 7); אָט דעם איינפאַכען געצעלט דאַרף מען ניט צונויפמישען מיט דער לעגענדאַרישער פאָרשטעלונג וועגען משכן, וועלכע איז אויפגעקומען דערנאָך.

אַ טרון, וואָס אויף אים איז געזעסן אַן אומגעזעהענער יהוה, און וואָס פון אידם האָט ער אָנגעפירט די מלחמות*.

דער גאָטעס-דינסט און דאָס געריכט.

דער גאָטעס-דינסט האָט געהאַט דעמאָלט אַ בעזונדערס וויכטיגע בעדייטונג, וויל מיט אים איז געווען פאַרבונדען דאָס הייליגע געריכט-האַלטען, די תורה פון יהוה**. נאָך משה'ס טויט האָט זיך דאָס געריכט געפירט אין הייליגטום דורך די, וואָס האָבען זיך ביי אידם ערצויגען און פון אידם איבערגענומען די גייסטיגע הנהגה פון פאָלק. ווען די פאַרשטאַנדיגקייט און די קאָמפעטענץ פון די ריכטער האָבען ניט געקלעקט, פלעגט מען זיך ווענדען צו דער גאָטהייט, דאָס הייסט אין הייליגטום אַריין, צו זיינע דינער. אָבער ניט נאָר ביי רעכטס-פראַגען, נאָר אויך ביי אַלערליי אַנדערע שוועריגקייטען, בשעת מען האָט ניט געוואוסט, ווי אַזוי צו בענעהן זיך, פלעגט מען „פרעגען יהוה'ס מויל" דורכדעם, וואָס מען פלעגט זיך אַן עצה האַלטען מיט די כהנים. די כהנים פלעגען ענטפערן אויף די פאָרגעלעגטע פראַגען אַמאָל לויט זייער השגה, אַמאָל על פי גורל. ניט פון אַ פעסטען, פאַר אַלע פאַלען בעשטימטען געזעץ, ניט פון קלאָרע לעבענס-כללים האָבען זיי געשעפט זייערע מיינונגען, נאָר פון יהוה, דעם גרויסען, אונענדליך-פליסענדיגען קוואַל; ניט בכח זיינען זיי געווען דורכצופירען אין לעבען איבער געוואַלד דאָס וואָרט יהוה'ס, זיי האָבען געקאָנט נאָר לערנען, אָנווייזען און דערקלערן. זייער אַוטאָריטעט איז געווען אַ געטליכער, אָדער, ווי מיר וואָלטען איצט זאָגען, אַ מאָראַלישער. זייער גרויסער כח איז בעשטאַנען דערין, וואָס זיי האָבען פריי און ניט-געצוואונגען פאַרשפרייט און געפריידיגט יענע אידעע, וואָס האָט אין אַ שטילער, בעהאַלטענער, ניט בעשטימטער פאָרם געלעבט אין פאָלק, ווי אַ טייל פון זיין גייסטיגען פרצוף.

מלחמה און רעכט זיינען געווען הלקים פון דער אמונה, איידער זיי האָבען אָנגענומען די פאָרם פון צוואַנג און פון אַ בירגערליכער אָרדנונג. ווי ביז דאַן, אַזוי איז אויך שפּעטער געבליבען בעשטעהן דער פאַטריאַרכאַלישער סדר פון די משפחות און שבטים; די שטענדיגע הנהגה איז געווען אין די הענט פון די זקנים און שבט-פירער. זיי פלעגען בשעת אַ מלחמה געבען די בעפעהלען די פאָלקס-מאַסען, וואָס זיינען געשטאַנען אונטער זייער פירונג, און
די פאָלקס-מאַסען, וואָס זיינען געשטאַנען אונטער זייער פירונג, און
אין דער צייט פון שלום זיינען זיי געווען זייערע שופטים און עצה-געבער. נאָר אַזאַ צעשפּאָלטענע, אומבעהאָלפענע הנהגה באַנקראָטירט אַלץ מעהר און מעהר, וואָס וויכטיגער, גרעסער און אחריות-דיגער עס זיינען געוואָרען די אויפ-

* זעה אונטען דעם קאַפּיטעל: „די תנ"ך — ערצעהלונגען וועגען דער מלחמה מיט די פלשתים.

** אונטער דעם וואָרט „תורה" פאַרשטעהט מען אין יענער צייט די אבסטראַקטע פאָרשטעלונגען איבער די לעבענס-כללים, וואָס האָבען זייער מקור אין געטליכען אוטאָריטעט. אויף אַזאַ אופן איז די דאָזיגע תורה נאָר אַ התחלה פון יענער „תורה", וואָס מיר האָבען פאַר אונז אין חומש און וואָס האָט בעקומען איהר פולשטענדיגע איצטיגע פאָרם ערשט בערך טויזענט יאָהר נאָך משה'ן, אין פערטען יאָהרהונדערט פאַר דער קריסטליכער תקופה.

גאָבען, וואָס די געשיכטע האָט געשטעלט פאַר'ן פאָלק. אַלץ עפטער האָט זיך אין יענער צייט אָנגעהויבען הערען דער רוף צו יהוה, וועלכער איז געווען די לעצטע אינסטאַנץ, די לעצטע הילף, וואָס צו איהר האָט מען זיך אַלץ מעהר געמוזט ווענדען, וואָס וועניגער עס זיינען געווען מסוגל צו העלפען די ערדישע פיהרער פון פאָלק.

יהוה—דער גאָט פון ישראל און דער גאָט פון דער וועלט.

דער גלויבען, אַז יהוה איז דער גאָט פון ישראל, האָט נאָך דעם אַלעמען בעטייט, אַז אַלע נאַציאָנאַלע שטרעבונגען, הן אין פאָלק גופא, הן בנוגע צו אַנדערע פעלקער, טראָגען אויף זיך דעם שטעמפעל פון היילינקייט. עס איז נאָך לגמרי ניט געדרונגען דערפון, אַז דער אַלמעכטיגער בעשעפער פון הימעל און ערד האָט לכתחילה נאָר מיט'ן פאָלק ישראל אַליין געשלאָסען זיין בונד, כדי ער זאָל איהם דערקענען און דינען צו איהם. ניט פון אַלטע צייטען אָן איז יהוה בעטראַכט געוואָרען אַלס דער וועלט-גאָט, און ערשט דערנאָך איז ער געוואָרען דער נאַציאָנאַלער גאָט פון ישראל; נאָר פאַרקעהרט, ער איז פון אָנהויב אָן געווען דער גאָט פון ישראל, און איז ערשט אַ סך שפּעטער געוואָרען אַ וועלט-גאָט. אין דעם אַזוי גערופענעם פאַרטיקולאַריזם, דעם גלויבען אין דער באַזונדער השגחה פון יהוה אויף די ענינים פון זיין פאָלק ישראל. איז געלעגען דער סוד פון איהר אומגעוועהנליכער נאָהענטקייט צו דער מענשליכער נאַטור און צו די ממשות'דיגע בעדערפענישען פון מענשען, איהר אויפלייזונג פון דעם אומפרוכטבאַרען שפּיל פון דער מיטאָלאָגיע, איהר שטאַרקע אויפמערקזאַמקייט אויף די מאָראַלישע אויפגאַבען פון דער מענשהייט. אַלס גאָט פון פאָלק, איז יהוה געוואָרען דער גאָט פון רעכט און גערעכטיגקייט, און אַלס גאָט פון רעכט און גערעכטיגקייט, איז ער אָנערקענט געוואָרען אַלס די העכסטע און לסוף די איינציגע מאַכט אין הימעל און אויף דער ערד.

Wellhausen—Skizzen und Vorarbeiten, Heft I.

VIII די תנ"ך-ערצעהלונגען וועגען דער וואַנדערונג איבער'ן מדבר און וועגען די ערשטע מלחמות מיט די אמורים.

זין חורב צום ירדן.

דאָס זיינען די ווערטער, וואָס משה האָט גערעדט צו אַלע בני ישראל אויף יענער זייט ירדן [אין מדבר, אויף דעם פּליין אַנטקעגען סוף, צווישען פּאָרן, תפל, לבן, חצרת און די-זהב. אויף אַ מהלך פון עלף טעג גאַנג פון חורב, איפ'ן וועג פון באַרג שעיר צו קדש ברנע]. אין פערציגסטען יאָהר, אין ערשטען טאָג פון עלפטען חודש האָט משה גערעדט פאַר די בני ישראל אַלץ, וואָס יהוה האָט איהם פאַרזאָגט וועגען זיי, נאָך זיין נצחון איבער סיחון, דעם קעניג פון אמורי, וועלכער האָט געלעבט אין חשבון, און איבער עוג, דעם קעניג פון בשן, וועלכער האָט געלעבט אין עשתרות [און אדרעי].

אויף יענער זייט ירדן, אין מואב-לאַנד האָט משה אָנגעהויבען צו דערקלערען די תורה און האָט אַזוי געזאָגט: יהוה, אונזער גאָט, האָט אונז גערעדט איפ'ן חורב אַזוי: גענוג שוין איך צו לעבען ביי דעם באַרג, הויבט

זיך אויף, גלאָט זיך און וועג אַריין און געהט אין די בערג פון די אמורים און די אַלע דייערע שכנים, וואָס אין ירדן־טאָל (ערבֿה), אין די בערג און נידעריגע ערטער, אויפן דרום און ביים ברעג פון ים, קיין לאַנד כנען און צום לבֿנון ביז צום גרויסען טייך, דעם טייך פּרת. אָט איך גיב אייך איבער דאָס לאַנד, געהט און נעמט איין דאָס לאַנד, וואָס יהוה האָט געשוואָרען אייערע עלטערן אבֿרהם, יצחק און יעקבֿ, צו געבען עס זיי און זייערע קינדער נאָך זיי.

און איך האָב אייך געזאָגט דעמאָלט אַזוי: „איך קאָן אַליין ניט טראָגען אַלע זאָרגען וועגען אייך. יהוה, אייער גאָט, האָט אייך פאַרמעהרט, און איהר זייט היינט ווי די שטערן אין הימעל פיל; יהוה, דער גאָט פון אייערע עלטערן, זאָל אייך מעהרען אין טויזענט מאָל מעהר, ווי איהר זייט איצט, און זאָל אייך בענשען, ווי ער האָט צו אייך גערעדט. ווי קאָן איך אַליין איבערטראָגען אייערע מיה, אייער לאַסט און אייערע קריגערייען?... קלייבט זיך אויס אייערע קלוגע, פאַרשטאַנדיקע און געניטע מענער לויט אייערע שבֿטים, און איך וועל זיי בעשטימען פאַר עלטסטע איבער אייך. איהר האָט מיר געענטפערט און געזאָגט: גוט איז די זאַך, וועלכע דו האָסט פאַרגעלעגט צו טון. און איך האָב גענומען די אָנפיהרער פון אייערע שבֿטים, מענער קלוגע און געניטע, און האָב זיי בעשטימט פאַר עלטסטע איבער אייך, האַרען איבער טויזענטער, האַרען איבער הונדערטער, האַרען איבער פופציגער, האַרען איבער צעהנדליגער און אויפזעהער לויט אייערע שבֿטים. און איך האָב דאַן פאַרזאָגט אייערע ריכטער אַזוי: הערט אויס אייערע ברידער און משפּט מיט יושר, ווי צווישען אַ ברודער מיט אַ ברודער, אַזוי אויך צווישען אַ ברודער און אַ פרעמדען; ניט זייט נושא פּנים אין משפּט, הערט אויס דעם קליינעם ווי דעם גרויסען, האָט פאַר קיינעם ניט מורא, ווייל דער משפּט איז פון גאָט; און יעדער זאַך וואָס וועט אייך זיין שווער, וועט איהר צו מיר ברענגען, און איך וועל זי אויסהערען. און איך האָב אייך דאַן פאַרזאָגט אַלץ, וואָס איהר האָט צו טאָן.

און מיר האָבען זיך געלאָזען געהן פון חורבֿ און זיינען געגאַנגען איבער דעם גרויסען און שרעקליכען מדבר, וואָס איהר האָט געזעהן אויפ'ן וועג צום באַרג פון אמורי, ווי עס האָט אונז פאַרזאָגט יהוה, אונזער גאָט. און ווען מיר זיינען געקומען ביז צו קדש ברנע, האָב איך צו אייך געזאָגט: מיר זיינען געקומען ביז צום באַרג פון אמורי, וואָס יהוה, אונזער גאָט, גיט אונז אָפּ. זעה, אָט גיט דיר אָפּ יהוה, דיין גאָט, דאָס דאָזיגע לאַנד, געה בעהערש עס, ווי עס האָט דיר געזאָגט יהוה, דער גאָט פון דיינע עלטערן, ניט האָב קיין מורא און ניט שרעק זיך. אָבער איהר זייט אַלע צו מיר צוגעגאַנגען און געזאָגט: לאָמיר שיקען פריהער מענשען, וועלכע זאָלען אונז אויספאָרשען דאָס לאַנד און ברענגען אונז אַ ידיעה וועגען דעם וועג, וואָס איבער איהם דאַרפען מיר געהן און וועגען די שטעדט, וואָס אין זיי וועלען מיר קומען. די זאַך איז מיר געפעלען, און איך האָב גענומען פון צווישען אייך צוועלף מענשען, צו איין מענשען פון יעדען שבֿט. זיי זיינען אַוועק, האָבען זיך אויפגעהויבען אויפ'ן באַרג, זיינען צוגעגאַנגען ביז'ן אשכול־טאָל, האָבען איהם בעטראַכט,

האָבען מיט זיך גענומען פֿרוכט פֿון לאַנד, האָבען זיי אַרויפֿגעטראָגען צו אונז און אונז געבראַכט די ידיעה מיט די ווערטער: „גוט איז דאָס לאַנד, וואָס יהוה, אונזער גאָט, גיט אונז". אָבער איהר האָט ניט געוואָלט געהן און האָט זיך געשטעלט אַנטקעגען דעם פּאַרזאָג פֿון יהוה, אייער גאָט, און האָט געמורמעלט אין אייערע געצעלטען און געזאָגט: „פֿון שנאה צו אונז האָט אונז יהוה אַרויסגעפֿיהרט פֿון לאַנד מצרים, כּדי צו איבערגעבען אונז אין די הענט פֿון אמורי, אַז ער זאָל אונז פֿאַרטיליגען. וואוהין געהען מיר? אונזערע ברידער האָבען אונז אָפּגעשוואַכט די הערצער, זאָגענדיג: דאָס פֿאָלק איז גרעסער און העכער פֿאַר אונז, די שטעדט זיינען גרויסע און מיט פֿעסטונגען ביז צום הימעל, און אויך די ענקים* האָבען מיר דאָרטען געזעהן. און איך האָב צו אייך געזאָגט: ניט פֿאַלט אַראָפּ און ניט שרעקט זיך פֿאַר זיי, יהוה, אייער גאָט, וואָס געהט פֿאַר אייך,—ער וועט מלחמה האַלטען פֿאַר אייך, ווי ער האָט דאָס געטאָן אין מצרים פֿאַר אייערע אויגען. און [אין מדבר, וואָס דו האָסט געזעהן, וואו יהוה האָט דיך געטראָגען, ווי אַ מענש טראָגט זיין זוהן] איבערן גאַנצען וועג, וואָס איהר זייט דורכגעגאַנגען, ביז איהר זייט געקומען צו דעם אָרט. נאָר ביי דעם אַלעמען גלויבט איהר ניט אין יהוה, אייער גאָט, וועלכער איז געגאַנגען אין וועג פֿאַר אייך, כּדי אויסצוזוכען פֿאַר אייך אַן אָרט צום רוה: ביי טאָג — אין וואָלקען, כּדי צו ווייזען אייך דעם וועג, און ביי נאַכט אין פֿייער.

הוח׳ס צאָרן.

און יהוה האָט דערהערט דעם גערויש פֿון אייערע רייד, איז ער דערצאָרענט געוואָרען און האָט געשוואָרען אַזוי: קיינער פֿון די דאָזיגע מענשען פֿון דעם שלעכטען דור וועט ניט זעהן דאָס גוטע לאַנד, וואָס איך האָב געשוואָרען צו געבען אייערע עלטערן. [נאָר כּלב, דער זוהן פֿון יפֿונה, וועט עס זעהן; איהם וועל איך געבען דאָס לאַנד, וואָס ער האָט דערויף געטראָטען, איהם און זיינע קינדער, דערפֿאַר וואָס ער האָט געפֿאָלגט יהוה. און אויך אויף מיר איז יהוה דערצאָרענט געוואָרען איבער אייך און האָט געזאָגט: אויך דו וועסט ניט קומען אַהין. יהושע דער זוהן פֿון נון, וואָס שטעהט פֿאַר דיר, ער וועט אַהין קומען; שטאַרק איהם, וואָרום ער וועט ישׂראל׳ן איבער איהם מאַכען געוועלטיגען. און אייער קליין-געזינד, וואָס איהר האָט געזאָגט, וועגען זיי, אַז זיי וועלען אַריינפֿאַלען פֿאַר אַ רויב צו די שׂונאים] און אייערע קינדער, וואָס ווייסען ניט איצט ניט פֿון גוטס און ניט פֿון שלעכטס, זיי וועלען קומען אַהינצו, זיי וועל איך עס געבען, און זיי וועלען איבער דעם געוועלטיגען. איהר אָבער קעהרט זיך אום און לאָזט זיך איבערן מדבר אויפֿ׳ן וועג צום ים סוף. און איהר האָט געענטפֿערט מיר מיט די ווערטער: „מיר האָבען געזינדיגט פֿאַר יהוה, מיר וועלען געהן און מלחמה האַלטען, ווי עס האָט אונז פֿאַרזאָגט יהוה, אונזער גאָט". און איהר האָט אָנגעגורט יעדערער זיין געוועהר און איהר האָט זיך ערלויבט אַרויפֿצוגעהן אויפֿ׳ן באַרג. נאָר יהוה האָט צו מיר געזאָגט: „געהט ניט אַרויף און פֿיהרט ניט קיין מלחמה, ווייל איך בין ניטאָ צווישען

ענקים—אַ פֿאָלק, וואָס די בני ישׂראל האָבען עס געהאַלטען פֿאַר אַ פֿאָלק פֿון ריזען.

אייך, און אויב ניט, וועלען אייך בייקומען די שונאים אייערע. און איך האָב דאָס אַזוי גערעדט צו אייך, אָבער איהר האָט ניט געפאָלגט און האָט זיך געשטעלט אַנטקעגען דעם באַפעהל פון יהוה און מיט עקשנות זענט איהר אויפֿן באַרג אַרויף. און עס זיינען אַרויסגעטראָטן קעגען אייך די אמורים, וואָס האָבען געלעבט אויף יענעם באַרג, און זיי האָבען אייך נאָכגעיאָגט ווי בינען און געשטויסן אייך פון שעיר ביז חרמה. און איהר האָט זיך אומגעקערט און געוויינט פאַר יהוה, אָבער יהוה האָט ניט געהערט אייער יאָמער און האָט זיך צו אייך ניט צוגעקערט.

(און איהר האָט געמוזט בלייבען אין קדש די גאַנצע לאַנגע צייט, וואָס איהר זענט דאָרטען אָפּגעווען.

און מיר האָבען זיך אומגעקערט און זיך געלאָזען אין מדבר צום ים-סוף, ווי יהוה האָט מיר געזאָגט, און אַ צייט-לאַנג זיינען מיר געגאַנגען, אַרומרינגלענדיג דעם באַרג שעיר. און יהוה האָט מיר אַזוי געזאָגט: גענוג אייך צו געהן אַרום דעם באַרג, קערט זיך אויף צפון און דעם פאָלק פאַרזאָג אַזוי: „איהר געהט פאַרביי דעם געביט פון אייערע ברידער, בני-עשו, וואָס וואוינען אין שעיר און זיי וועלען זיך שרעקען פאַר אייך, נאָר היט זיך זייער און לאָזט זיך ניט אַריין מיט זיי אין קיין קריג, וואָרים איך וועל אייך ניט געבען פון זייער לאַנד אפילו קיין טראָט-פוס, ווייל דעם באַרג שעיר האָב איך אָפּגעגעבען פאַר אַ נחלה עשון; שפייז קויפט ביי זיי פאַר געלט און עסט: און וואַסער קויפט ביי זיי פאַר געלט און טרינקט. ווייל יהוה, דיין גאָט, האָט דיך געבענטשט אין אַלע דיינע טואונגען. דערמאָן זיך אָן דיינע וואַנדערונגען איבער אָט דעם גרויסען מדבר; פערציג יאָהר איז יהוה, דיין גאָט מיט דיר; האָט קיין זאַך ניט געפעהלט.

דער דורכגאַנג איבער די נחלאות פון מואב און עמון.

און מיר זיינען געגאַנגען דורכן געביט פון אונזערע ברידער, די בני עשו, וואָס וואוינען אין שעיר, דורך ערבה, אילת און עציון גבר; און האָבען זיך אָפּגעקעהרט און זיינען דורכגעגאַנגען דעם מדבר פון מואָב, און יהוה האָט צו מיר געזאָגט: „ניט פאַרהאַלט זיך פיינדליך צו מואָב'ן און ניט פאַרפיהר מיט איהם קיין מלחמה, ווייל פון זיין לאַנד וועל איך דיר גאָרנישט ניט געבען פאַר אַ ירושה, דען די זיהן פון לוט האָב איך געגעבען ער פאַר אַ ירושה. [פריהער האָבען דאָרטען געלעבט די אימים, אַ פאָלק אַ גרויס, צאָהלרייכס און געוואוקסיגס, ווי די ענקים; און זיי רעכענען זיך, פונקט ווי די ענקים, פאַר רפאים; די בני מואָב רופען זיי אָבער אָן: אימים. און אויפ'ן שעיר האָבען פריהער געלעבט די חורים, נאָר די בני עשו האָבען זיי פאַרטריבען, פאַרטיליגט און בעזעצט זיך אָנשטאָט זיי, פונקט ווי ישראל האָט געטאָן מיט זיין ירושה-לאַנד, וואָס יהוה האָט איהם געגעבען].

און איצט שטעהט אויף און געהט דורך דעם זרד-טאָל. און מיר זיינען דורכגעגאַנגען דעם זרד-טאָל. און מיר זיינען געווען אין וועג פון קדש ברנע, ביז מיר זיינען אַריבער דעם זרד-טאָל — אַכט און דרייסיג יאָהר, ביז עס איז ביי אונז פון לאַגער אויסגעשטאָרבען דער גאַנצער דור מלחמה-מענער,

די יהוה האָט זיי געשוואָרען. און אויך יהוה׳ס האַנט איז געווען קעגען זיי און ער האָט זיי פאַרטיליגט, פאַרלענדט פון לאַגער, ביז זיי זיינען אַלע אונטערגעגאַנגען.

און ווען עס זיינען שוין אויסגעשטאָרבען פון פאָלק אַלע מלחמה-מענער, האָט יהוה געזאָגט צו מיר אַזוי: „דו געהסט איצט אַריבער דעם געביט פון די בני מואָב, פאַרביי ער, און דו וועסט דורכגעהן פאַרביי די בני עמון; ניט פאַרהאַלט זיך פיינדליך צו זיי און ניט פאַרפיהר מיט זיי קיין מלחמה, ווייל פון לאַנד פון די בני-עמון וועל איך דיר גאָרנישט ניט געבען פאַר אַ ירושה, דען איך האָב דאָס אָפגעגעבען פאַר אַ ירושה די זיהן פון לוט. [אויך דאָס דאָזיגע געהערט צום רפאים-לאַנד, פריהער האָבען אין איהם געלעבט די רפאים; די בני עמון אָבער רופען זיי אָן: זמזומים. דאָס איז געווען אַ גרויס, צאָהלרייך און געוואוקסיג פאָלק, ווי די ענקים. אָבער יהוה האָט זיי פאַרטיליגט אַזוי, אַז די בני עמון האָבען פאַרנומען זייער לאַנד און זיך בעזעצט אָנשטאָט זיי, פונקט ווי ער האָט געטאָן פאַר די בני עשו, וואָס וואוינען אין שעיר, פאַרטיליגענדיג די חרים; אַזוי האָבען זיי פאַרנומען זייער לאַנד און האָבען זיך בעזעצט אָנשטאָט זיי ביז אויף היינטיגען טאָג. און די עוים, וואָס זיינען געזעסען אין זייערע ישובים ביז צו עזה, זיינען פאַרטיליגט געוואָרען דורך די כפתורים, וואָס זיינען אָנגעקומען פון כפתור און האָבען זיך בעזעצט אָנשטאָט זיי].

די מלחמות מיט די אמורישע מלכים.

הויבט זיך אויף, לאָזט זיך אין וועג אַריין און גרעהט דורך דעם טייך אַרנון; זעה, איך ענטפער איבער אין דיין האַנט סיחון׳ען, דעם קעניג פון חשבון, דעם אמורי אין זיין לאַנד; הויב אָן איינצונעמען און פאַרפיהר מיט איהם אַ מלחמה. פון איצט אָן וועל איך אָנהויבען אָנצוואַרפען אַ שרעק און ציטערניש פאַר דיר אויף אַלע פעלקער אונטערן הימעל. די, וואָס וועלען הערען וועגען דיר, וועלען פאַרציטערט ווערען און זיך דערשרעקען פאַר דיר“.

און איך האָב געשיקט שלוחים פון מדבר קדמות צו סיחון׳ען, דעם קעניג פון חשבון, מיט רייד פון שלום אַזוי צו זאָגען: „לאָז מיך דורכגעהן דורך דיין לאַנד, גאָר איבערן וועג וועל איך געהן, איך וועל זיך ניט אָפּקעהרען ניט רעכטס ניט לינקס. שפייז וועסטו מיר פאַר געלט פאַרקויפען, און איך וועל עסען, וואַסער וועסטו מיר פאַר געלט געבען, און איך וועל טרינקען — נאָר לאָז מיך דורכגעהן צופוס, ווי עס האָבען מיר ערלויבט די בני עשו, וואָס וואוינען אויפ׳ן שעיר, און די בני מואָב, וואָס וואוינען אין ער — ביז איך וועל אַריבערגעהן דורכ׳ן ירדן אין לאַנד אַריין, וואָס יהוה, אונזער גאָט, גיט אונז“. נאָר סיחון, דער קעניג פון חשבון, האָט אונז ניט געוואָלט דורכלאָזען, ווייל יהוה, דיין גאָט, האָט זיין גייסט געמאַכט האַרט און זיין האַרץ איינגעשפאַרט, כדי איהם איבערצוענטפערן אין דיין האַנט, ווי דאָס איז געשעהן. און יהוה האָט געזאָגט צו מיר: „זעה, איך האָב אָנגעהויבען דיר אָפּצוגעבען סיחון׳ען און זיין לאַנד, הויב אָן איינצונעמען זיין לאַנד“. און סיחון איז אַרויסגעטראָטען אַנטקעגען אונז מיט זיין גאַנצען פאָלק און געפיהרט אַ מלחמה ביי יהצה. און יהוה, אונזער גאָט, האָט איהם איבערגעגעבען אין אונזערע הענט, און 40

מיר האָבען צעשלאָגען איהם, זיינע זיהן און זיין גאַנצען פאָלק. און מיר האָבען דעמאָלט איינגענומען אַלע זיינע שטעדט און איבערגעגעבען צום שווערד אַלע שטעדט, מאַנסביל, ווייבער און קינדער — איף קיינעם זיך ניט דערבאַרימט. נאָר דייער פיך און די גוטס פון די שטעדט, וועלכע מיר האָבען איינגענומען, האָבען מיר זיך גענומען אַלס רויב. פון ערער, וואָס ביים ברעג פון טייך ארנון, און פון דער שטאָדט, וואָס אין טאָל, ביז צום גלעד איז ניט געוועען פאַר אונז ניט געוועזען קיין בעפעסטיגטע שטאָדט, וואָס איז געוועזען פאַר אונז צוטריטלאַך. אַלץ האָט אונז איבערגעגעבען יהוה, אונזער גאָט. און מיר האָבען זיך אָבגעקעהרט און געלאָזען זיך צו בשן צו און עס איז אַרויסגעטראָטען אַנטקעגען אונז עוג, דער קיניג פון בשן, מיט זיין פאָלק מלחמה צו האַלטען מיט אונז ביי אדרעי. און יהוה האָט געזאָגט צו מיר: „האָב ניט קיין מורא פאַר איהם, ווייל איך וועל איבערגעבען אין דיינע הענט איהם, זיין גאַנצען פאָלק און זיין לאַנד, און דו וועסט מיט איהם זיך בעגעהן אַזוי, ווי דו האָסט זיך בעגאַנגען מיט סיחונ׳ען, דעם קיניג פון אמורי, וואָס איז געזעסען אין חשבון. און יהוה, אונזער גאָט, האָט איבערגעגעבען אין אונזערע הענט אויך עוג׳ען, דעם קיניג פון בשן, און זיין גאַנצען פאָלק. און מיר האָבען איהם צעשלאָגען, ביז עס איז ביי איהם ניט געבליבען קיין לעבעדיגער נפש. און מיר האָבען דאַן אָפגענומען אַלע זיינע שטעדט; עס איז ניט געוועזען קיין שטאָדט, וועלכע מיר זאָלען ניט האָבען אָפגענומען. זעכציג שטעדט — די גאַנצע געגענד ארגוב, אין דער מלוכה פון עוג דעם קיניג פון בשן. דאָס אַלץ זיינען געוועזען שטעדט בעפעסטיגטע מיט הויכע ווענט, מיט טויערן און ריגלען ניט גערעכענט די פיל אָפענע שטעדט, און מיר האָבען די אַלע איבערגעגעבען צום שווערד, ווי מיר האָבען זיך בעגאַנגען מיט סיחונ׳ען, דעם קיניג פון אמורי — פאַרטיליגט אין יעדער שטאָדט די מאַנסביל, ווייבער און קינדער. נאָר די גאַנצע פיך און די גוטס פון די שטעדט האָבען מיר געראויבט פאַר זיך.

די צעטיילונג פון איינגענומענעם לאַנד.

אַזוי האָבען מיר דאַן אָפגענומען ביי די צוויי אמורישע מלכים דאָס לאַנד איבער יענעם זייט ירדן, וואָס פון טייך ארנון ביזן באַרג חרמון, [די צידונים רופען אָן דעם חרמון — שריון, און די אמורים רופען איהם אָן — שניר]. אַלע שטעדט פון דעם פליין, דעם גאַנצען גלעד און בשן ביז קיין סלכה און אדרעי, די שטעדט פון עוג, דעם קיניג פון בשן. [און עוג, דער קיניג פון בשן, איז דער איין-איינציגער איבערגעבליבענער פון די רפאים; זיין באַזאַלט-קבר געפינט זיך נאָך איצט אין רבה פון עמון, זיין לענג — אין מענשליכע איילען — איז ניין איילען, און זיין ברייט — פיר איילען]. אָט דאָס לאַנד האָבען מיר דאַן אָפגעיירשנט, אָנגעהויבען פון ערער, וואָס ביים טייך ארנון. א האַלבען גלעד מיט זיינע שטעדט האָב איך אָפגעגעבען דעם שבט ראובן און גד. דעם איבעריגען גלעד, גאַנץ בשן און די געגענד ארגוב, די מלוכה פון עוג, האָב איך געגעבען דעם האַלבען שבט מנשה. [אָט דאָס גאַנצע בשן-לאַנד רופט זיך: דאָס לאַנד פון די רפאים. יאיר, דער זוהן פון מנשה, האָט גענומען די גאַנצע געגענד ארגוב, ביז צום גרעניץ פון דעם גשורי

און מעכתי און האָט אָנגערופֿן דעם בשן נאָך זײַן נאָמען — די נחלאות פֿון יאיר. אַזוי רופֿען זײ זיך אָן ביז הײַנטיגען טאָג]. און מכירן האָב איך געגעבן דעם גלעד. און די שבטים ראובן און גד האָב איך געגעבן די געגענד פֿון גלעד ביז צום אַרנון־טײַך, ביז דעם מיטען פֿון זײַן טאָל, פֿאַר אַ דרום־גרעניץ און ביזן יבק־טײַך, דעם גרעניץ פֿון די בני עמון. און אַלס אַ גרעניץ אויך די ערבה און דעם ירדן, פֿון ים כנרת ביזן מדבר־ים, דעם געזאַלצענעם ים.

און איך האָב אײַך דאַן אַזוי פֿאַרזאָגט: „יהוה, אײַער גאָט, האָט אײַך געגעבן דאָס לאַנד צו געוועלטיגען איבער אים. אַלע מלחמה־פֿעהיגע מענער געהט בעוואָפֿנעט פֿאָראױס פֿאַר אײַערע ברידער, די בני ישראל, נאָר אײַערע ווײַבער, אײַערע קינדער און אײַער פֿיך — איך ווײס דאָך, אַז איהר האָט פֿיל פֿיך — זאָלען בלײַבען אין אײַערע שטעדט, וואָס איך האָב אײַך געגעבן, ביז יהוה וועט לאָזען רוהען אײַערע ברידער אַזוי ווי אײַך, און זײ וועלען בעהערשען דאָס לאַנד, וואָס יהוה, אײַער גאָט, גיט זײ אויף יענעם זײַט ירדן. דאַן וועט יעדערער פֿון אײַך זיך קאָנען אומקעהרען צו זײַן נחלה, וועלכע איך האָב אײַך געגעבן". [און יהושע'ן האָב איך דאַן פֿאַרזאָגט אַזוי: „דײַנע אײגענע אויגען האָבען געזעהן אַלץ, וואָס יהוה, אײַער גאָט, האָט געטאָן מיט די צוויי מלכים; דאָסזעלבע וועט יהוה טון מיט אַלע מלוכות, וועלכע דו וועסט פֿאַרבײַגעהן; ניט שרעק זיך פֿאַר זײ, ווײַל יהוה, אײַער גאָט, ער האַלט פֿאַר אײַך מלחמה].

און איך האָב זיך דאַן געבעטען בײַ יהוה מיט די ווערטער: „מײַן האַר, יהוה, דו האָסט אָנגעהויבען ווײַזען דײַן קנעכט דײַן גרויסקײט און דײַן שטאַרקע האַנט. ווער איז אַזאַ גאָט אין הימעל און אויף דער ערד, וואָס זאָל קאָנען טון אַזעלכע, ווי דײַנע מעשים און דײַנע גבורות? לאָז מיך נאָר אַריבערגעהן און זעהן דאָס לאַנד, וואָס אויף יענעם זײַט ירדן, יענע שענע בערג און דעם לבנון", — נאָר יהוה איז געווען דערצאָרנט אויף מיר פֿון אײַערטוועגען און האָט מיר ניט צוגעהערט; און יהוה האָט צו מיר געזאָגט: „גענוג דיר, דו זאָלסט מעהר ניט רעדען אַזעלכע ווערטער. געה אַרויף אויפֿן שפּיץ פֿון פּסגה און הײב אויף דײַנע אויגען קיין מערב, דרום, צפון און מזרח און קוק זיך אָן מיט דײַנע אויגען, ווײַל אַט דעם ירדן וועסטו ניט אַריבערגעהן. און פֿאַרזאָג יהושע'ן און שטאַרק איהם און מונטער איהם אויף, וואָרום ער וועט פֿירען דאָס פֿאָלק און ער וועט זײ מאַכען אַרבען דאָס לאַנד, וואָס דו זעהסט".

דברים א׳—ג׳.

ג. די ערשטע יאָרהונדערטער פֿון פֿעסטן לעבן.

IX די באַזעצונג פֿון ארץ ישׂראל.

נאָך משהס טויט — דערצײלט דער תּנ״ך — האָט יהוה געזאָגט צו יהושען, דעם זוהן פֿון נון: „שטעה אויף און געה אַריבער, דו און דאָס גאַנצע פֿאָלק, איבער יענעם זייט ירדן, אין דאָס לאַנד, וואָס איך האָב געשוואָרען צו געבען די בני ישׂראל. יעדער אָרט, וואָס דו וועסט נאָר טרעטען אויף איהם, וועט איך געהערען אין דאָס גאַנצע לאַנד פֿון מדבר און ביז צום גרויסען ים וועט איבערגעגעבען ווערען דורך דיר פֿאַר אַ נחלה די בני ישׂראל".

ארץ אַנהױב שופטים־צ

אין אַזוי קומט באמת פֿאָר — ווי עס דערצײלט אונז דער ספר יהושע — דער ערשטער אָנפֿאַל אויפֿ׳ן מערב פֿון ארץ ישׂראל אונטער דער אָנפֿיהרונג פֿון יהושע. אַ נצחונות־רייכען גאַנג מאַכען די בני ישׂראל איבערן גאַנצען לאַנד, ניט באַגעגענדיג כמעט קיין ווידערשטאַנד מצד די כנענים, און גלייך נאָך דעם ווערט דאָס איינגענומענע לאַנד צעטיילט דורך יהושען צווישען די „צוועלף שבטים" פֿון ישׂראל.

אין דער אמת׳ן איז אָבער ארץ ישׂראל נאָך יהושעס טויט, דאָס הייסט, אין אָנהויב פֿון דער אַזוי גערופענער שופטים־צייט, נאָך לגמרי ניט געווען אונטער דער פֿולשטענדיגער ממשלה פֿון די ישׂראלישע שבטים. כּדי איינצונעמען דאָס לאַנד, זיינען געמאַכט געוואָרען נאָר די ערשטע טריט, וואָס האָבען אָבער געהאַט די גרעסטע באַדייטונג פֿאַר דער צוקונפֿט*. ישׂראל האָט צייט געהאַט נאָר צו באַזעצען זיך פֿעסט אין לאַנד, און דאָס נאָר אין באַשטימטע טיילען זיינע, וואו איז געווען ביי זיך שטאַרק און שטאַרק און ענטשלאָסען ניט אָפּצוטרעטען אָהן קאַמף פֿון די פֿאַרנומענע פּאָזיציעס.

ביי אַזאַ מצב איז איהם נאָך פֿאַרגעשטאַנען אַ לאַנגע באַפֿעסטיגונגס־אַרבייט; אויף דורות, אויף יאָהרהונדערטער.

כּדי זיך אין דעם צו איבערצייגען, איז גענוג נאָר צו וואַרפֿען אַ בליק אויף דעם פּאָליטישען און קולטורלן מצב פֿון כנען, ווי עס מאָלט איהם דער ספר שופטים. איך קאָנען אונז גוט קומען צו הילף די רעזולטאַטען פֿון די

* באַזונדער קלאָר שילדערט דאָס אונז די געשיכטע פֿון שבט דן, וועלכער האָט צום סוף פֿון דער שופטים־צייט נאָך ניט געהאַט קיין נחלה צווישען די ישׂראלשע שבטים.

ניט-לאַנג געמאַכטע אויסגראָבונגען אין תל-אל-אמרנא*. די געפֿונענע דאָקו-מענטן געהערן אין פּלוג צו אַ פֿריהערדיקער תקופֿה, נאָר זיי שטעלן אונז אויך פֿאַר די לאַגע פֿון לאַנד אין דער צייט, ווען עס קומען אין איהם אָן די ישׂראלישע וואַנדערער.

די כנענים אין דער תקופֿה, ווען די בני ישׂראל געזעצן דאָס לאַנד

די אַלטע איינוואוינער פֿון ארץ ישׂראל, די כנענים, זיינען פֿון די פֿריה-סטע צייטען אָן צעפֿאַלען אויף איינצעלנע געמיינדעס. אַ געוויסע נטיה צו אָפּ-זונדערונג איז געלעגען שוין, ווי עס זעהט אויס, אין בלוט פֿון דעם דאָזיגען צוויג פֿון דער שמ'ישער ראַסע. אין אַ געוועהנטליכער, רוהיגער צייט זיינען זיי אַפֿילו ניט געווען פֿאַראייניגט אין אַ בונד פֿון שטעדט אָדער מלוכות, נאָר די האָבען פֿאָרגעשטעלט אָפּגעזונדערטע שטעדט — רעפּובליקען אָדער שטעד-טישע מאָנאַרכיעס, וואָס האָבען זיך אָפֿט פֿאַרהאַלטען פֿיינדליך איינע צו די אַנדערע און געפֿיהרט צווישען זיך מלחמות. נאָר אין בעזונדערס נויטיגע פֿאַלען האָבען זיי געקענט זיך פֿעסט פֿאַראייניגען און דאַן פֿלעגען זיי ווערען אַ גע-פֿעהרליכער כח פֿאַר ישׂראל. זיי זיינען שוין לאַנג איבערגעגאַנגען צו דער ערד-אַרבייט און על פּי רוב צו אַ שטאָדטישען לעבען. מיט ערד-אַרבייט האָבען זיי זיך פֿאַרנומען אויף די פֿרוכטבאַרע פּליינען און אויף די פֿעלדער פֿון די טאָלען. דורך זייערע שטעדט זיינען דורכגעגאַנגען וויכטיגע האַנדעלס-וועגען, וואָס אַדאַנק זיי, האָבען זיי שוין אין יענער תקופֿה דערגרייכט צו אַ געוויסער קולטורעלער הויך, און עס האָבען זיך ביי זיי אַנטוויקעלט אַפֿילו אַ לוקסוס און די מיט איהם שטענדיג פֿאַרבונדענע ירידה פֿון דער זיטליכקייט. אין דער קריגס-קונסט זיי-נען זיי ניט אין ערך העכער געשטאַנען פֿאַר די בני-ישׂראל. זיי פֿלעגען בע-נוצען מלחמה-רייטוועגען, וואָס די בני ישׂראל פֿלעגען זיך ניט קאָנען דער-מאָנען וועגען זיי אָהן שרעק. אין האָבען געהאַט גוט-בעפֿעסטיגטע שטעדט. אַזעלכע שטעדט ווערען זעהר אָפֿט דערמאָנט אין תנ"ך, און דאָס ברענגט אונז צו דער השערה, אַז די כנענים זיינען געווען גוט בעהאַוונט אין דער בע-פֿעסטיגונגס-קונסט; די אויסגראָבונגען פֿון דער לעצטער צייט בעשטעטיגען די דאָזיגע השערה.

ישׂראל האָט פֿון זיין זייט ניט געקאָנט זיך בערימען מיט אַן ענטווי-

* דער אין תל-אל-אמרנה געפֿונענער ארכיוו שטעלט פֿאַר די קאָרעספּאָנדענץ צווישען די וואַסאַלע מלכים אין סוריא מיט זייערע הארען אין מצרים. די דאָזיגע קאָרעספּאָנדענץ איז פֿון XV-טען יאָהרהונדערט פֿאַר דער קריסטליכער תקופֿה. אין די בריוו בעקלאָגען זיך די מלכים פֿון סוריא אויף די אָנפֿאַלען מצד די אָנגעקומענע „חבירי" (אשוריש: עברים—העברעער) און בעטען ביי די פּרעה'ס הילף קעגען די דאָזיגע איינוואַנדערער; דאָס זיינען געווען, ווי עס זעהט אויס, די פֿאָדערשטע מחנות פֿון די ישׂראלשע שבטים, וועלכע האָבען גראָד אין יענער צייט אָנגעהויבען אריינצודרינגען קיין כנען. פֿון די בריוו איז אויך קענטיג, אַז כנען שטעלט פֿאָר אין דער תקופֿה אַ שורה פֿון צעוואָרפֿענע מלוכות, וועלכע פֿלעגען פֿיהרען קריג איינע מיט די אַנדערע און פֿאַרלאַנגען הילף ביי די פּרעה'ס איינע אַנטקעגען די אַנדערע.—אָבער אין דער צייט איז די מצרישע מלוכה אָפּגעשוואַכט געוואָרען און איז געווען געצוואונגען צו לאָזען איהרע סירישע וואַסאַלען אליין איינצואָרדנען זייערע מחלוקתן צווישען זיך און צו פֿיהרען צו-זאַמען די מלחמה קעגען דער אַלץ וואַקסענדיגער סכנה מצד די „חבירי".

קולטור קרײַנס־קינסט, דערפֿאַר אָבער האָט ער אין זיך געטראָגען אַ ניט־געריכטע ענערגיע פֿון אַ יונגען פֿאָלק און אַ פֿעסטען מוט פֿון אַ מדבר־זוהן.

די געגענדען, וועלכע זיינען געבליבען אין רשות פון דער פריהערדיגער בעפעלקערונג.

דאָס, וואָס ישראל האָט ביז אָנהייב פֿון דער שופֿטים־צייט דערגרייכט, איז לײַכטער צו בעשטימען פֿון דער נעגאַטיווער זייט, דאָס הייסט, דערקלערענדיג דאָס, וואָס ער האָט ניט דערגרייכט, איידער פֿון דער פּאָזיטיווער. וואָרום עס איז אונז געבליבען אַ גאַנצע רשימה פֿון די געגענדען, וועלכע זיינען אין דער ערשטער צייט ניט איינגענומען געוואָרען דורך די בני־ישראל (שופֿטים א׳)*. דאָס זיינען געוועזן קודם כל די בעפֿעסטיגטע ברעג־שטעדט פֿון די פלשתים און פֿעניקיער.

אויף די נחלאות פֿון די פֿעניקיער האָבען די בני ישראל, ווי ווייט מיר וויסען, אַפֿילו ניט ערלויבט זיך צו מאַכען אַן אָנפֿאַל, און אויף די פלשתים׳שע שטעדט זיינען געמאַכט געוואָרען נאָר איינציגע ניט־געלונגענע אָנפֿאַלען. דעמזעלביגען גורל האָבען געהאַט די אָנפֿאַלען אויף די בעפֿעסטיגטע שטעדט אין מיטען לאַנד גופֿא. און די דאָזיגע אינעווייניגסטע שטעדט, וואָס זיינע געבליבען אין די הענט פֿון די פֿריהערדיגע איינוואוינער, האָבען זיי געגעבען די הערשאַפֿט איבער דעם טאָל יזרעאל, וועלכער האָט געשפּילט אַזאַ גרויסע ראָל אין זין פֿון מלחמה און האַנדעל. דורך איהם איז דורכגעגאַנגען אין יענער צייט דער וויכטיגסטער האַנדעלס־וועג און אויף איהם איז געוועזן איינגעבויט אַ גאַנצע שורה זיכערע פֿעסטונגען, וואָס האָבען איהם אַרומגענומען, ווי מיט אַן אייזערנעם רינג, אַשטייגער: תענך, מגדו, בית שאָן. אַחוץ דעם האָט דער טאָל יזרעאל פֿאַרשאַפֿט אַ פֿרייען פּלאַץ פֿאַר די כנעני׳שע מלחמה־רייטוועגען, און אַדאַנק דעם אַלעמען זיינען די כנענים געבליבען דערווייל די בעלי־הבתים פֿון דעם צענטראַל־לאַנד.

די צעוואָרפֿענקייט פֿון די ישראל׳שע נחלאות.

דער דאָזיגער מצב פֿון לאַנד איז געוועזן געפֿעהרליך פֿאַר די בני ישראל, ווייל אַחוץ אַלעמען האָט דער גרויסער טאָל יזרעאל, וועלכער איז געוועזן פֿאַר זיי פֿאַרשלאָסען, אָפּגעריסען די מעכטיגע און וויכטיגע שבטים, וואָס אין מיטעלסטען ארץ ישראל, פֿון די צפֿונ׳דיגע שבטים: נפֿתלי, אשר, זבולון און יששכר. דערצו האָבען נאָך די דאָזיגע שבטים ניט אינגאַנצען געהאַט איינגענומען די צפֿונ׳דיגע געגענדען אויפ׳ן שפּוע פֿון לבנון און חרמון: אַ טייל פֿון לאַנד איז געוועזן נאָך אין די הענד פֿון די פֿעניקיער, פֿון אַנדערע כנעני׳שע שבטים און פֿון די חתים. אויף אַזאַ אופֿן זיינען די שבטים פֿון מיטעלסטען טייל לאַנד געוועזן אָבגעטיילט פֿון זייערע ברודער־שבטים אין צפֿון־זייט דורך אַ געשלאָסענער שורה פֿון כנעני׳שע נחלאות, וועלכע האָבען זיך אָנגעהויבען ביים כרמל און דערגרייכט ביז צום ירדן. און נאָך אַ גרעסערע מחיצה האָט זיי אָפּגעטיילט פֿון זייערע ברידער אין דרום־זייט: די נחלאות פֿון די כנענים האָבען זיך אויך דאָ אַריינגעריסען, ווי אַ שפּיץ, אין דאָס קאָנטינענטאַלע ישראל׳שע לאַנד. די שטעדט: שעלבים, אילון, גזר, הר־חרס, יבוס (ירושלים)

* זעה אונטען דעם ארטיקעל „די תנ״ך־ערצעהלונגען וועגען דער איינגעמונג פֿון ארץ ישראל“.

און אַנדערע האָבן געבילדעט די גרעניץ־ליניע. אַזוי זיינען די שבֿטים יהודה און שמעון געווען לגמרי אָפּגעריסן פֿון זייערע ברידער. זיי האָבן געפֿירט אַן אָפּגעזונדערט לעבן, און די פֿאָלקס־געשיכטע שווייגט וועגן זיי אַ צייט. נאָך מעהר, זיי האָבן אַפֿילו ניט אַרויסגעוויזן קיין נטיה זיך צו באַטייליגן אין לעבן פֿון די איבעריגע שבֿטים און העלפֿען זיי אין דער צייט פֿון סכּנה. די דבֿורה־ליד דערמאָנט וועגן זיי, אַשטייגער, גאָרניט.

בכן, אויב עס איז ביז דער שופֿטים־צייט עפּעס געטאָן געוואָרן פֿאַר דער איינעמונג פֿון לאַנד, איז נאָך זעהר פֿיל געבליבן צו טון פֿאַר די שפּעטערדיגע דורות. אויסער די פֿון אָנהויב איינגענומענע נחלאות אויפֿן מזרח־ברעג פֿון ירדן, דאַרף מען רעכענען פֿאַר די וויכטיגסטע פֿלעצער, וואָס די בני ישׂראל האָבן איינגענומען, דעם דרום־טייל פֿון ירדן־טאָל און די וואַלדיגע הייכקייטען פֿון מיטעלסטען ארץ־ישׂראל. די וויכטיגסטע ישׂראל׳שע פּאָזיציעס אין דער צייט זיינען געווען די שטעדט ירחו, עי, בית־לחם און חבֿרון.

די באַציהונג צו די באַזיגטע אין יענע געגענדען, וואו די בני ישׂראל האָבן זיך באַזעצט, זיינען געווען פֿאַרשיידען אין אָפּהענגיג פֿון די אָרטיגע תּנאים. אָפֿט פֿלעגט מען אינגאַנצען פֿאַרטיליגען דעם פֿיינד*. די רעליגיע איז לא די וואָס זי האָט ניט פֿאַרבאָטען צו באַגעהן זיך אויף אַזאַ אופֿן מיט די פֿריהערדיגע איינוואוינער, נאָר, אַדרבא, זי האָט דאָס בפֿירוש געפֿאָדערט. נאָר פֿאָרט זיינען די פֿריהערדיגע איינוואוינער ניט שטענדיג פֿאַרטיליגט געוואָרן אינגאַנצען. אָפֿט פֿלעגט מען זיי נעמען פֿאַר קנעכט, אָדער שליסען מיט זיי שלום און לעבן מיט זיי צוזאַמען. דער מצבֿ איז געווען מסתּמא אַזאַ: דאָרטען, וואו עס זיינען געווען דערצו גענוג כּחות און מיטלען, פֿלעגט מען די צעשלאָגענע פֿיינד אינגאַנצען אויסהרג׳ען און נאָר ווייניגע פֿלעגט זיך איינגעבען צו ראַטעווען זיך דורך אַנטלויפֿען. נאָר אָפֿט פֿלעגט אויסקומען, אַז קיינער פֿון די ביידע צדדים פֿלעגט ניט קאָנען גובֿר זיין דעם צווייטען. אין אַזעלכע פֿאַלען פֿלעגט אויסקומען צו מאַכען אַ פּשרה. ביידע צדדים פֿלעגען זיך באַזעצען אין שכנות איינער ביים צווייטען, ביז דער צייט, ווען איינער פֿון זיי פֿלעגט ניט באַקומען די איבערהאַנד. ווי נאָר אַזאַ צייט פֿלעגט קומען, פֿלעגט דער שטאַרקערער צד אָדער אינגאַנצען אַרויסשטויסען דעם שוואַכערן אָדער איהם, לכּל הפּחות, פֿאַרשקלאַפֿען און אונטערדריקען. אויב אָבער דער פּריוו אַרויסצושטויסען דעם שכן פֿלעגט זיך ניט איינגעבען, אָדער ער פֿלעגט לכתּחילה זיין אוממעגליך, פֿלעגט אויסקומען זיי צו שליסען צווישען זיך שלום און לעבן רוהיג יעדערער פֿאַר זיך. די כּנענים זיינען אָפֿט נוטה געווען צו אַזאַ שלום, און היות ווי זיי האָבן זיך געוואָלט באַפֿרייען איין מאָל פֿאַר אַלע מאָל פֿון אַן אָנפֿאַל־סכּנה, האָבן זיי אויך אָפּגעטראָטען שטיקער לאַנד די אָנגעקומענע וואַנדערער. אַ גאַנצע שורה פֿון ישׂראל׳שע קאָלאָניעס איז געגרינדעט געוואָרן צווישען די נחלאות פֿון די פֿריהערדיגע איינוואוינער, סיי אין די טאָלען און סיי אויף די בערג. כאַראַקטעריסטיש איז אין דעם זין

* זעה יהושע יא, 11—12, שופֿטים י״ז, 25; י״ח, 27.

געווען דער מצב, וואָס איז געשאַפֿען געוואָרען אין שכם (זעה שופטים ט׳ און פֿאַרגלייך בראשית ל״ד). דאָס פֿרידליכע לעבען צוזאַמען האָט, פֿאַרשטעהט זיך, געבראַכט צו געמישטע התונות און אָפֿט צו אַ לאַנגזאַמער אויסמישונג פֿון דער בעפֿעלקערונג. און דערויבער בעצייהט זיך דער תנ״ך, ניט אָהן אַ גרונד, פֿיינדליך צו אַזאַ מין אויסמישונג מיט די כנענים. פֿאַר ישראל׳ס אמונה און פֿאַר זיין נאַציאָנאַלער אייגענאַרטיגקייט האָט דערין אָהן שום ספק געשטעקט אַ סכנה. אייסער שכם און יבוס האָבען בעוואָהנט אָט די סיסטעם די צפֿונדיגע ושבטים; דאָ האָבען זיך זעהר גיך ענטוויקעלט לעבהאַפֿטיגע האַנדעלס-בעציהונגען און במילא אַ פֿרידליך צוזאַמענלעבען מיט די שכנים, די פֿעניקיער (פֿאַרגלייך בראשית מ״ט, 15).

אַז די איינעמונג און די בעזעצונג פֿון ארץ ישראל איז פֿאָרגעקומען ניט פֿאַר איין מאָל, נאָר אַז עס איז געווען דער פֿועל יוצא פֿון אַ לאַנגען פּראָצעס, זעהען מיר גענוג קלאָר פֿון די ביבלישע ערצעהלונגען, וועלכע בעשטעטיגען און דערקלערען אונז די דאָזיגע ערשיינונג: „ניט אין איין יאָהר וועל איך איהם פֿאַרטרייבען פֿאַר דיר, אַנדערש וועט דאָס לאַנד ווערען וויסט און עס וועלען זיך מעהרען ביי דיר די ווילדע חיות. ביסלאַכווייז, ביסלאַכווייז וועל איך איהם פֿאַרטרייבען פֿאַר דיר, ביז דו וועסט זיך מעהרען און בעהערשען דאָס לאַנד“. (שמות כ״ג, 29—30). און זעלבען זין דערצעהלט אונז דער היסטאָרישער איבערבליק, וואָס מיט איהם הייבט זיך אָן דאָס בוך דברים: „און ווען יהוה, דיין גאָט, וועט דיך ברענגען אין דאָס לאַנד, וואָס ער האָט געשוואָרען דיינע עלטערן אברהמ׳ען, יצחק׳ן און יעקב׳ן צו געבען דיר, גרויסע און גוטע שטעדט, וואָס ניט דו האָסט זיי געבויט, הייזער פֿולע מיט אַלדאָס גוטס, וואָס ניט דו האָסט זיי אָנגעפֿולט, אויסגעהאַקטע וואַסער-גריבער, וואָס ניט דו האָסט זיי אויסגעהאַקט, וויינגערטענער און איילבערטען, וואָס ניט דו האָסט זיי געפֿלאַנצט, — היט זיך, טאָמער וועסטו פֿאַרגעסען יהוה׳ן, וואָס האָט דיך אַרויסגעפֿיהרט פֿון לאַנד מצרים, פֿון קנעכט-הויז“.

די שופטים אַל[ס] פֿיהרער פֿון ד[י] שבטים און ני[ט] אַלס פֿיהרער פֿון פֿאָלק.

מיט׳ן נאָמען „שופֿטים-צייט“ בעצייכענט מען געוועהנליך די גאַנצע צייט צווישען יהושע׳ס טויט און דעם אָנהויב פֿון שאול׳ס קיניגען. ווי האָבען זיך גערופֿען אין אָט דער אַלטער צייט די העלדען און פֿיהרער פֿון דער העראָאישער תקופֿה, איז אונז ניט בעקאַנט. די שפּעטערדיגע תנ״ך-שרייבער בעצייכענען זיי מיט׳ן נאָמען „שופֿטים“ (ריכטער) און שטעלען זיי זיך פֿאָר ווי מענשען, וואָס האָבען אין זייערע הענט געהאַט איין אַ געוויסער צייט די הנהגה פֿון גאַנץ ישראל. די גאַנצע פֿאָרשטעלונג איבער פֿון די שופֿטים, ווי הערשער פֿונ׳ם גאַנצען פֿאָלק, וואָס רעגירען צייט זייער לעבען, ווי טעאָקראַטישע פֿאָרגעהער פֿון די מלכים, — איז ניט ווייניגער פֿרעמד דעם גייסט פֿון יענער תקופֿה, ווי די צווייטע פֿאָרשטעלונג, וואָס איז פֿאַרבונדען מיט דער ערשטער, אַז עס איז כלומרשט געווען אַ גאַנצע, ניט איבערגעריסענע שורה שופֿטים, וואָס הויבט זיך אָן פֿון עתניאל און אהוד און ענדיגט זיך מיט עלי און שמואל.

אין דער אמת׳ן זיינען די העלדען פֿון דער שופֿטים-צייט געווען פֿיהרער

פֿון פֿאָלק נאָר אין די צייטען פֿון רדיפֿות און אָנפֿאַלען. די סכּנה מאַלט זיי פֿאַר העלדען, שמידט איִם זייער מוט און ווילען און זי שטעלט זיי אַוועק אין דער שפּיץ פֿון זייער שבֿט. אַזוי ווי אין דער תּקופֿה גערעט זיך נאָך יעדער שבֿט זיין בעזונדערן וועג און זאָרגט זעהר ווייניג פֿאַרן גורל פֿון די אַנדערע, אַזוי זיינען די שופֿטים געוועהנליכע קליינע אָרטיגע מלכים, שבֿט־פֿיהרער, וואָס קלייבען צונויף דעם חיל פֿון שבֿט און טרעטען אַרויס קעגען דעם שׂונא, וועלכער האָט זיך אַריינגעריסען אין לאַנד אויף מלחמה און רויב. נאָר זעלטען, ווען די סכּנה איז זעהר גרויס אָדער ווען דעם שבֿט גיט זיך איין צו דערוועקען דעם געפֿיהל פֿון איינהייט און קרובֿישאַפֿט ביי די שבֿטים, דאַן הפֿען זיך אָפּ אויף זיין קול אויך אַנדערע שבֿטים, און „דאָס גאַנצע פֿאָלק" גערעט אַרויס מלחמה האַלטען פֿאַר זיינע אַלגעמיינע אינטערעסען. נאָר דאָס פֿלעגט טרעפֿען זעהר זעלטען, און דער בולט׳סטער ביישפּיל פֿון אַזאַ מין פֿאַראייניגונג פֿון פֿיל שבֿטים איז די בערימטע מלחמה אונטער דער פֿיה־רונג פֿון דבֿורה און ברק.

די נויטיגקייט פֿון אַ פֿאַראיי־ניגונג.

אויפֿ׳ן וועג צום איינעמען גאַנץ ארץ ישׂראל האָט דאָס פֿאָלק בעגעגענט אויף אַזאַ אופֿן, אויסער אויסווייניגסטע שטערונגען נאָך אויך אינעווייניגסטע, דאָס הייסט, די פֿולשטענדיגע צעוואָרפֿענקייט און צעריסענקייט פֿון די איינ־צעלנע שבֿטים. די איינציגע העלדען וואָס פֿלעגען זיך בעווייזען אַמאָל ביי יענעם שבֿט, זיינען שוין ניט געווען גענוג. זיי האָבען יעקאָנט ברענגען הילף אויף אַ צייט, נאָר זיי האָבען ניט געקאָנט איינהאַלטען אין זייערע הענט די פֿאַרנומענע פּאָזיציעס און זיינען ניט בכּח געווען צו בעפֿרייען דאָס לאַנד פֿון די שטענדיגע אָנפֿאַלען. דערפֿאַר איז פֿאַר ישׂראל׳ן סוף כּל סוף ניט גע־בליבען קיין אַנדער מיטעל אויף צו בעפֿעסטיגען זיך אין לאַנד, ווי די פֿעסטע פֿאַראייניגונג פֿון אַלע ישׂראל׳שע שבֿטים אין איין מלוכה מיט איין צענט־ראַלער פּאָליטישער מאַכט.

Kittel—Geschichte des Volkes Israel II 1909

X די כּנענישע קולטור אין דער צייט, ווען די בּני ישׂראל זיינען אָנגעקומען אין לאַנד

דער צושטאַנד פֿון דער קולטור ביי די כּנענים.

בשעת די בּני ישׂראל זיינען אָנגעקומען, האָט אין לאַנד געהערשט שוין אַ בעשטימטע און איינגעשטעלטע קולטור; זיינע איינוואוינער האָבען שוין גע־האַט הינטער זיך אַ רייכע און פֿילפֿאַרביגע פֿאַרגאַנגענהייט, און די קולטור־יונגע ישׂראל׳שע וואַנדערער, בעת זיי האָבען זיך בעזעצט אין לאַנד, האָבען במילא געמוזט אַרונטערפֿאַלען אונטער דער השפּעה פֿון דער אָרטיגער בעפֿעלקערונג. די ערשטע יאָהרהונדערטער פֿון ישׂראל׳ס פֿעסטען לעבען אין לאַנד זיינען אַ צייט, וואָס דעמאָלט האָט ער איינגענומען די כּנענישע קולטור און זי פּאַמעלאַך) צוגעפּאַסט צו זיין אייגענער פֿאָלקס־פֿערזענליכקייט און צו דער

מיטגעבראַכטער, נאָך יונגער, אָבער איינגעאַרטינער און קרעפֿטיגער גייסטיגער ירושה פֿון מדבר סיני.

די כנענים האָבען שוין אין דער צייט איינגאַנצען געהאַט פֿאַרלאָזען דאָס וואַנדער-לעבען און זיך בעזעצט פֿעסט אין לאַנד. זיי זיינען געווען ערד-אַרבייטער, פֿעסט-זיצענדיגע פאַסטוכער, גערטנער און וויין-גערטנער און האָבען זיך אויך פֿאַרנומען מיט מלאכות און האַנדעל. זיי זיינען געזעסען אין אָפֿענע דערפֿער און אין שטעדט, וואָס זיינען געווען אַרומגערינגעלט מיט מויערן און אויפֿגעבויט געוועהנטלאַך אויף די שפּיצען פֿון די בערגלאַך. אין דער קונסט פֿון בעפֿעסטיגען די שטעדט זיינען זיי געווען גוט בעהבֿנ׳ט.

אַדאַנק דער ענטוויקלונג פֿון פֿאַרשיידענאַרטיגע מלאכות, האָבען זיך ביי זיי שוין געוויזען, ווי עס זעהט איצט אויס פֿון די אויסגראָבונגען, התחלות פֿון קונסט, וועלכע האָט זיך ענטוויקעלט לויט אַשוריש-בבֿלישע מוסטערן, און אין דרום-לאַנד — לויט מצרישע. אין זייער אויסאַרבייטונג פֿון ליימענע כלים איז לייכט צו בעמערקען די ווירקונג פֿון דער אַלט-גריכישער קונסט. אויסער ליים האָבען זיי בענוצט אויף דער אויסאַרבייטונג פֿון מעבעל, כלים און שמוב-זאַכען — שטיין און בראָנז און צו מלחמה-צוועקען האָבען זיי אָנגעהויבען איינצופֿיהרען אייזערנע געוועהר.

אין זייערע דאָקומענטען, אָפּמאַכען און וויכטיגע ידיעות האָבען זיי בע-נוצט דעם בבֿלישען כתבֿ און שפּראַך, אויף וועלכער עס האָבען, ווי עס זעהט אויס, די העכערע קלאַסען אויך גערעדט אין געוועהנטליכען לעבען. דאָס פֿאָלק גופֿא האָט גערעדט, פֿאַרשטעהט זיך, אויף דער אייגענער כנעניש׳ער שפּראַך, וועלכע האָט, ווי עס זעהט אויס, נאָך ניט געהאַט קיין שריפֿט.

זייער אמונה איז בעשטאַנען אין דער פֿערעהרונג פֿון בעל (זעה בילד 2), אָדער ריכטיגער פֿון די אָרטיגע בעלים*, און דער גאָטעסדינסט איז בע-שטאַנען דאָס רובֿ פֿון קרבנות. די מזבחות זיינען געשטאַנען אויף הויכע ערטער (במות), און נעבען זיי פֿלעגט מען שטעלען שטיין-זיילען פֿון פֿערשיידענע פֿאָרמען (מצבֿות, זעה בילד 3), וועלכע האָבען זיך גערעכענט פֿאַר דעם וואוין-אָרט פֿון גאָט אָדער פֿאַר זיין פֿאַרקערפּערונג. אַזוי ווי בעל איז געווען דער גאָט פֿון פֿרוכטפּערקייט, איז געווען געהייליגט צו זיין נאָמען אַלץ, אין וואָס עס דריקט זיך אויס די פֿרוכטפּערקייט פֿון דער ערד: די קוואַלען וואַסער, די בוימער, די פֿעטע בערג-שפּיצים; און אַזוי ווי אָן איהם האָט זיך געווענדט די גערעטעניש פֿון די פֿעלדער און גערטענער, פֿלעגט מען איהם שטענדיג נאָכן שניט ברענגען פֿאַר אַ מתנה די בעסטע פּירות פֿון דער ערד. חוץ דעם, האָבען די כנענים פֿאַרעהרט די געטין עשתרות, וועלכע האָט פֿאָרגעשטעלט די ווייבליכע פֿרוכ-פּערקייט; לכבֿוד איהר פֿלעגט מען פֿלאַנצען ביי די מזבחות בוימער אָדער שטעלען הילצערנע זיילען, וואָס האָבען זיך גערופֿען אַשרות (זעה בילד 4).

די אמונה און דער גאָטעס-דינסט.

* דאָס וואָרט „בעל" הייסט „האַר" און איז געווען ניט דער אייגענטליכער נאָמען פֿון איין בעשטימטער גאָטהייט, נאָר אַן אַלגעמיינער נאָמען פֿאַר גאָט בכלל. אין תנ״ך ווערען דערמאָנט אַפֿילו בעלים, וועלכע מען פֿלעגט פֿאַרעהרען אין פֿאַרשיידענע ערטער; למשל: בעל פּעור, בעל-זבוב, בעל-ברית און אַזוי ווייטער.

צום גאָטעסדינסט אין הויז און פאַמיליע, צוליב כשוף־צילען און פאַר קמיעות האָבען די כנענים בענוצט קליינע בילדער פון דער געטין עשתרות אין דער געשטאַלט פון אַ פרוי. די דאָזיגע בילדער פלעגען דאָס רוב געבראַכט ווערען פון בבל און מצרים, ווייל, ווי מיר זעהען איצט פון די פיגורען, וואָס זיינען געפונען געוואָרען ביי די אויסגראָבונגען, שטעלען זיי אין דער אמת'ען גאָר פאָר די בבלישע געטין איסטאַר אָדער די מצרישע געטין — איזיס.

דעם בעל גופא פלעגען זיי פאָרשטעלען, חוץ אין דער פאָרם פון די מצבות, אויך אין דער געשטאַלט פון אַן אָקס. מענשען־עהנליכע בילדער

בילד 2: די סטאַטוע פון בעל־חמון, דעם פעניקישען זונען(חמה)־גאָט, אין קאַרטאַגאָ.

פון בעל זיינען אין ארץ ישראל ניט געפונען געוואָרען, הגם אין אַנדערע לענדער, וואו מען האָט דעם בעל פאַרעהרט, האָט מען איהם אָפט געמאָלט אין אַ מענשליכער געשטאַלט.

עס פאַרשטעהט זיך, אַז בעת די בני ישראל זיינען איבערגעגאַנגען צו אַ פעסטען לעבענס־שטייגער און צו ערד־אַרבייט, האָבען זיי פאַר־איינס געמוזט איבערנעמען ביי די כנענים אויך די פאָרמען פון זייער גאָטעסדינסט, וועלכע זיינען געווען אַזוי ענג פאַרבונדען מיט דער נאַטור פון לאַנד, מיט די פעלדער, וויינגערטענער, בערג און טאָלען. אַזוי זיינען זיי אַרונטערגעפאַלען אונטער דער

השפעה פון דער כנעני׳שער אמונה מיט איהר פרעהליכען און ליידענשאפט־ליכען כאראקטער, וועלכער איז געווען לגמרי דער היפוך פון דער שטרענגער און שרעקענדיגער נאטור פון דעם סיני׳שען גאט.

Kittel—Die alttestamentliche Wissenschaft 1910.

XI די תנ״ך־ערצעהלונגען וועגען דער איינגעמונג פון ארץ־ישראל.

ווי אזוי כנען איז געווארען איינגענומען.

נאך יהושע׳ס טויט האבען די בני ישראל אנגעפרעגט ביי יהוה*; „ווער פון אונז זאל געהן אויף די כנענים מלחמה צו האלטען מיט זיי? און יהודה

בילד 3: א קאלאנע (מצבה) אויפן ארט פון אן אלטען אדומישען הייליגטום אין פעטרא (אין דרום־זייט פון ים המלח).

האט געזאגט: „זאל געהן יהודה, און איך וועל איבערגעבען דאס לאנד אין זיינע הענט״. יהודה האט אבער געזאגט צו שמעונ׳ען, זיין ברודער: קום דו

* אנפרעגען ביי יהוה, דאס הייסט, געבען אן ענטפער אויף פארגעלעגטע פראגען,— אויפ׳ן שטייגער פון גריכישען אראקעל—איז געווען ביי די בני ישראל פון דער עלטסטער צייט אן די וויכטיגסטע אויפגאבע פון די כהנים. צו דעם צוועק האבען געדינט צוויי גורלות פון ניט־בעקאנטער געשטאלט, וועלכע האבען געטראגען דעם נאמען „אורים״ און „תומים״. דער

מיט מיר אין מײַן נחלה און לאָמיר צוזאַמען מלחמה האַלטען מיט'ן כּנעני, און דערנאָך וועל איך געהן מיט דיר אין דײַן נחלה". און שמעון איז געגאַנגען מיט איהם.

און יהודה איז אַוועק, און יהוה האָט איבערגעגעבן די כּנענים און די פּריזים אין זייערע הענט און זיי האָבען צעשלאָגען בּיי בּזק — צעהן טויזענט מאַן. און זיי האָבען זיך צוזאַמענגעטראָפען מיט אַדני-בּזק אין בּזק, מלחמה געהאַלטען מיט איהם און צעשלאָגען די כּנענים און די פּריזים. אַדני בּזק איז אַנטלאָפען, אָבער זיי האָבען איהם נאָכגעיאָגט, איהם געכאַפּט און אָפּגעהאַקט איהם די גראָבע פינגער פון די הענט און פיס. דאַן האָט אַדני-בּזק געזאָגט: „זיבעציג מלכים מיט אָפּגעהאַקטע פינגער פון די הענט און פיס פלעגען קלייבען בּרעקלאַך בּיי מיר אונטערן טיש; ווי איך האָב געטאָן, האָט מיר גאָט אָפּגעגעבן". און מען האָט איהם דערנאָך געבראַכט קיין ירושלים און דאָרטען איז ער געשטאָרבען.

בילד 4: מתפללים פאַר דער אשרה (לויט אן אלט-סעמיטישער אָב-בילדונג.)

און די בּני יהודה זיינען אַוועק אויף ירושלים און האָבען זי אײַנגענומען און איבערגעגעבן איהרע אײַנוואוינער דעם שווערד, און די שטאָט דעם פייער. דערנאָך זיינען די בּני יהודה אַרויס אַנטקעגען די כּנענים, וועלכע האָבען געוואוינט אויף די בּערג, אין דרום און אין די נידעריגע ערטער. און יהודה איז אַרויס אַנטקעגען די כּנענים, וואָס האָבען געוואוינט אין חבֿרון (חבֿרון האָט פריהער געהייסען קרית אַרבּע) און האָבען צעשלאָגען ששי, אַחימן און תלמי, די זיהן פון ענק. פון דאָרטען איז ער אַוועק קעגען די אײַנוואוינער פון דבֿיר (דבֿיר האָט זיך אַמאָל גערופען קרית ספֿר), און כּלב האָט געזאָגט: „ווער עס וועט אײַננעמען קרית ספֿר און בּעהערשען זי, יענעם וועל איך געבען עכסה, מײַן טאָכטער, פאַר אַ ווייב". און עס האָט זי אײַנגענומען עתניאל, דער זוהן פון קנז, דער יונגערער בּרודער כּלבֿ'ס, און כּלב האָט איהם געגעבען עכסה, זיין טאָכטער, פאַר אַ ווייב. ווען מען האָט זי געבראַכט צו איהם, האָט

פשוט'ער טייטש פון די ווערטער איז: „ליכטיגקייט" און „אמת", נאָר פאַר די מאמינים, משמעות, האָבען זיי בעטייט: „יאָ" און „ניין". לויט דער ערצעהלונג פון דער תורה פלעגט מען דאַרפען, כדי צו באַקומען אן ענטפער, פאָרלעגען אַ גאַנצע שורה פראַגען אין אזא סדר, אז יעדער מאָל, בשעת עס בעקומט זיך דער ענטפער „יאָ" אָדער „ניין", זאָל אלץ ענגער ווערען דער קרייז פון די מעגליכע ענטפערן, ביז עס בעקומט זיך צום סוף דער קלאָרער און בעשטימטער ענטפער. פאַרגלייך דעם ענטפער פון דעם גורל ביים פאַרברענען עכנ'ען (יהושע ז', 16—18): עס ווערט אַפריהער בעשטימט דער זינדיגער שבט, דערנאָך די זינדיגע משפּחה, דערנאָך דאָס זינדיגע הויז און לסוף דער זינדיגער מענש. אזוי לייענען מיר ווייטער, אשטייגער, אין ערשטען בוך שמואל י"ד, 14 (לויט דעם פאַרריכטען, פעסטגעשטעלטען נוסח): „אויב די זינד איז אין מיר אָדער אין יונתנ'ען, דאַן זאָל, יהוה, גאָט פון ישראל, זיך בעקומען—„אורים", און אויב די זינד איז אין דיין פאָלק ישראל, גיב „תומים". אחוץ דעם האָט מען בשעת'ן „אָנפרעגען ביי יהוה" בענוצט דעם אפוד, וועלכער איז בעווען, ווי עס ווייזט, אַ שטיק געוואַנט, אויסגעניהט מיט גאָלד, וואָס דערמיט פלעגען ווערען צוגעדעקט די אורים און תומים. ער האָט געשפּילט בכלל אַ וויכטיגע ראָלע אין אלטען ישראלשען קולט.

ער זי צוגערעדט, זי זאָל בעטן ביי איהר פאָטער אַ פעלד. זי האָט זיך אַראָפּגעריקט פון אייזעל. כלב האָט ביי איהר געפרעגט: „וואָס איז מיט דיר?“ זי האָט געענטפערט: „גיב מיר אַ מתנה פאַרן זעגענען זיך. דו האָסט מיך חתונה געמאַכט איפּ'ן היציגן דרום-לאַנד, גיב מיר דאָך קוואַלן וואַסער“. און כלב האָט איהר געגעבן אַ קוואַל אויף דער הויכעניש און אַ קוואַל אין טאָל.

און די זיהן פון חובב דעם קיני, משה'ס שוועהר, זיינען אַוועק צוזאַמען מיט די בני יהודה פון דער פאַלמען-שטאָט אין מדבר אַריין, וואָס צום דרום פון ערד, און זיינען געקומען אַהין און זיך בעזעצט צווישען די עמלקים. און יהודה איז אַוועק מיט שמעונ'ען זיין ברודער, און צעשלאָגען די כנענים, וואָס האָבען געלעבט אין צפת, און זיי פאַרטיליגט (ויחרימו אותם), דערפאַר הייסט די שטאָדט חרמה. יהודה האָט איינגענומען גת מיט איהר געגענד און עקרון מיט איהר געגענד; און יהוה איז געווען מיט יהודה, און ער האָט איינגענומען דאָס בארג-לאַנד. די איינוואוינער פון טאָל האָט ער אָבער ניט געקאָנט פאַרטרייבען, ווייל זיי האָבען געהאַט אייזערנע רייטוועגען. און מען האָט אָפּגעגעבען כלב'ן חברון, ווי משה האָט פאַרזאָגט, און ער האָט פאַרטריבען פון דאָרטען די דריי זיהן פון ענק. אָבער די יבוסים, וואָס האָבען געלעבט אין ירושלים, האָבען די בני יהודה ניט געקאָנט פאַרטרייבען. אַזוי זיינען די יבוסים געבליבען לעבען צווישען די בני יהודה אין ירושלים ביז אויף היינטיגען טאָג.

און דאָס הויז פון יוסף איז פון זיין זייט אַוועק קיין בית אל, און יהוה איז געווען מיט זיי. און דאָס הויז פון יוסף האָט געשיקט אויסזעהן בית אל (פריהער האָט די שטאָט זיך אָנגערופען לוז.), און עס האָבען די אויסזעהער דערזעהן אַ מענשען, וועלכער איז אַרויסגעגאַנגען פון שטאָדט און האָבען געזאָגט צו איהם: „בעווייז אונז, ווי קאָן מען אַריינקומען אין שטאָדט, און מיר וועלען דיר טון גוטס“. ער האָט זיי בעוויזען, ווי מען קאָן אַריינקומען אין שטאָדט, און זיי האָבען איבערגעגעבען די שטאָדט דעם שווערד, און יענעם מענשען און זיין משפחה האָבען זיי פאַרשוינט. יענער מענש איז אַוועק קיין חתים-לאַנד, האָט איבגעבויט אַ שטאָדט און אָנגערופען זי לוז. אַזוי הייסט זי נאָך ביז איצט.

די רשימה פון די ניט-איינגענומענע ערטער.

מנשה האָט ניט פאַרטריבען די איינוואוינער פון בית שאן און פון די אַרומיגע שטעדט, פון תענך און פון די אַרומיגע שטעדט, די איינוואוינער פון דאר און פון די אַרומיגע שטעדט, די איינוואוינער פון יבלעם און פון די אַרומיגע שטעדט, די איינוואוינער פון מגדו און פון די אַרומיגע שטעדט, און די כנענים האָט זיך איינגעגעבען צו פאַרבלייבען אין לאַנד. ווען ישראל האָט זיך אָבער בעפעסטיגט, האָט ער די כנענים בעלעגט מיט צינש, נאָר פאַרטרייבען האָט ער זיי ניט פאַרטריבען. און אפרים האָט ניט פאַרטריבען די כנענים, וואָס וואוינען אין גזר. און זבולון האָט ניט פאַרטריבען די איינוואוינער פון קטרון און די איינוואוינער פון נהלל, און די כנענים זיינען געבליבען וואוינען צווישען זיי און זיי זיינען געוואָרען זייערע צינש-צאָהלער.

און אָשר האָט ניט פֿאַרטריבן די אײַנוואוינער פֿון עכו, און די אײַנוואוינער פֿון צידון און אויך די אײַנוואוינער פֿון מחלב, פֿון אַכזיב, פֿון אַפֿיק און פֿון רחוב, אַזוי אַז די בני אשר האָבן געלעבט צווישן די כנענים, די פֿריהערדיגע אײַנוואוינער פֿון לאַנד, ווײַל זיי האָבן ניט געקאָנט זיי פֿאַרטרײַבן. און נפֿתּלי האָט ניט פֿאַרטריבן די אײַנוואוינער פֿון בית שמש און די אײַנוואוינער פֿון בית ענת, און ער האָט געלעבט צווישן די כנענים, די פֿריהערדיגע אײַנוואוינער פֿון לאַנד, און די אײַנוואוינער פֿון בית שמש און פֿון בית ענת זײַנען געוואָרן זײַנע צינס־צאָהלער. און די אמורים האָבן אָפּגעשטויסן די בני דן צום באַרג, צו און ניט געלאָזן זיי אַראָפּצוגעהן אין טאָל אַרײַן. און דעם אמורי האָט זיך אײַנגעגעבן צו בלײַבן זיצן אין הר חרס, אין אַילון, און שעלבים; נאָר ווען דאָס הויז פֿון יוסף האָט זיי אונטערגעדריקט, זײַנען זיי געוואָרן זײַנע צינס־צאָהלער.

די מלחמה מיט סיסרא.

און די בני ישׂראל האָבן זיך אָנגעהויבן פֿיהרען, ווי עס איז ניט געפֿעלען יהוה, און אהוד איז שוין געווען טויט. און יהוה האָט זיי איבערגעגעבן אין די הענט פֿון יבין, דעם קעניג פֿון כנען, וואָס האָט געקיניגט אין חצור. זײַן חיל־אָנפֿיהרער איז געווען סיסרא, וואָס האָט געלעבט אין חרשת הגוים. און די בני ישׂראל האָבן געשריען צו יהוה, ווײַל ער האָט געהאַט נײַן הונדערט אײַזערנע רייטוואָגען, און ער האָט שטאַרק אונטערגעדריקט די בני ישׂראל צוואַנציג יאָהר.

און אין יענער צײַט האָט דבורה, די נביאה, די פֿרוי פֿון לפּידות, געמשפּט די בני ישׂראל. זי פֿלעגט געוועהנטליך זיצען אונטערן פּאַלמען־בוים פֿון דבורה צווישן רמה און בית אל, אין די אפֿרים־בערג, און צו איהר פֿלעגען די בני ישׂראל קומען צו געריכט. און זי האָט געשיקט רופֿען ברק'ן דעם זוהן אַבינעמ'ס, פֿון קדש, וואָס אין לאַנד נפֿתּלי, און זי האָט צו איהם געזאָגט: „אַזוי פֿאַרזאָגט יהוה, דער גאָט פֿון ישׂראל: געה, הויב זיך אויף אויפֿ'ן באַרג תּבור און נעם מיט זיך צעהן טויזענט מאַן פֿון די בני נפֿתּלי און די בני זבולון. און איך וועל צו דיר ברענגען צו פֿיהרען צום קישון־טײַך סיסרא'ן, דעם חיל־אָנפֿיהרער פֿון יבין און זײַנע רייטוואָגען און זײַנע חילות און איך וועל איהם איבערגעבן אין דײַנע הענט". ברק האָט צו איהר געזאָגט: „אויב דו וועסט געהן מיט מיר, בין איך גרייט צו געהן". זי האָט איהם געענטפֿערט: „געהן וועל איך געהן מיט דיר, נאָר דו וועסט שוין ניט האָבן קיין כּבוד אויפֿ'ן וועג, וועלכער שטעהט דיר פֿאָר, ווײַל אין די הענט פֿון אַ פֿרוי וועט יהוה איבערגעבן סיסרא'ן." און דבורה האָט זיך געלאָזן און איז אַוועק מיט ברק'ן קיין קדש. ברק האָט צונויפֿגערופֿען זבולון און נפֿתּלי קיין קדש, און עס האָבן זיך אויפֿגעהויבן נאָך איהם צעהן טויזענט מאַן, און דבורה איז געגאַנגען מיט איהם.

און חבר דער קיני האָט זיך אָפּגעטיילט פֿון קין, פֿון די זיהן חובבֿ'ס, דעם שוועהר פֿון משה, און האָט צעשפּרייט זײַן געצעלט ביז צום דעמבען־בוים, וואָס אין צענים נאָהענט פֿון קדש. ווען מען האָט סיסרא'ן אָנגעזאָגט,

אַז ברק, דער זוהן אבינעמ'ס, איז אַרויף אויפ'ן באַרג תבור, האָט סיסרא אויפ־געקליבען אַלע זיינע רייטוועגען, ניין הונדערט אײַזערנע רייטוועגען, און דאָס גאַנצע פאָלק, וואָס איז ביי איהם געווען פון חרשת־הגוים צום קישון־טייך. און דבורה האָט געזאָגט צו ברק'ן: „שטעה אויף, דען עס איז אָנגעקומען יענער טאָג, ווען יהוה וועט איבערגעבען סיסרא'ן אין דיינע הענט: יהוה אַליין געהט דאָך פאַר דיר“. און ברק איז אַראָפּ פון באַרג תבור און נאָך איהם צעהן טויזענט מאַן. און יהוה האָט צעטומעלט סיסרא'ן און אַלע זיינע רייטוועגען און זיין גאַנצען חיל, בשעת ברק'ס אָנפאַל, און סיסרא איז אַראָפּ פון רייטוואָגען און זיך געלאָזט לויפען צופוס. ברק האָט נאָכגעיאָגט די רייטוועגען און דעם חיל ביז צו חרשת־הגוים, און עס איז געפאַלען אונטערן שווערד סיסרא'ס גאַנ־צער חיל — קיינער איז ניט איבערגעבליבען.

סיסרא אָבער איז צופוס געקומען צו לויפען אין געצעלט פון יעל, דער פרוי פון חבר, דעם קיני, ווייל צווישען יבין, דעם קיניג פון חצור און דער פאַמיליע פון חבר דעם קיני איז געווען שלום. און יעל איז אַרויס צו סיסרא'ן אַנטקעגען און האָט געזאָגט צו איהם: „קום אַריין; מיין האַר, קום אַריין צו מיר, האָב ניט מורא!“ ער איז אַריינגעקומען צו איהר אין געצעלט, און זי האָט איהם צוגעדעקט מיט אַ דעקע. ער האָט ביי איהר גע־בעטען: „גיב מיר אויסטרינקען אַ ביסעל וואַסער, ווייל איך בין דאָרשטיג“. האָט זי פונאַנדערגעבונדען דעם לאָגעל מיט מילך און האָט איהם אָנגעטרונ־קען און איהם ווייטער צוגעדעקט. און ער האָט געזאָגט צו איהר: „שטעל זיך אַנידער ביים טיר פון געצעלט, און ווען ווער עס איז וועט דיך פרעגען און זאָגען: „איז דאָ קיינער ניטאָ?“ — וועסטו ענטפערן: „ניין!“ דאַן האָט יעל, די פרוי פון חבר, געכאַפּט אַ פלעקעל פון געצעלט, גענומען אַ האַמער אין האַנט, איז צו איהם צוגעגאַנגען שטיל, האָט דורכגעשלאָגען מיט'ן פלעקעל זיין שלייף, אַזוי, אַז ער האָט זיך אַריינגעשניטען אין דער ערד. ער איז פון מידקייט איינגעשלאָפען — און איז געהרג'עט געוואָרען.

און אָט קומט פונקט אָן ברק, וועלכער האָט זיך געיאָגט נאָך סיסרא'ן. יעל איז אַרויסגעגאַנגען איהם אַנטקעגען און צו איהם געזאָגט: „קום אַריין, איך וועל דיר ווייזען דעם מענשען, וועלכען דו זוכסט“. ער איז אַריין צו איהר, ערשט סיסרא ליגט אַ טויטער, און דער פלעקעל איז אין זיין שלייף.

דבורה'ס ליד.

אין יענעם טאָג האָט דבורה און ברק, דער זוהן פון אבינעם, געזונגען אַזוי:

פאַר דאָס, וואָס די אָנפיהרער האָבען געפיהרט ישראל,
פאַר דאָס, וואָס דאָס פאָלק איז געגאַנגען נאָך זיי, — פאַר דאָס לויבט יהוה!
הערט צו, איהר מלכים, פאַרנעמט, איהר האַרען,
פאַר יהוה וועל איך זינגען,
כ'וועל שפּילען פאַר יהוה, דעם גאָט פון ישראל.

יהוה! ווען דו ביסט אַרויס פון שעיר,
ווען דו ביסט אַרויסגעטראָטען פון אדום־פעלד,

האָט די ערד געציטערט, און די הימלען האָבן געטריפֿט,
און די וואָלקנס האָבן וואַסער געגאָסן.
די בערג האָבן זיך געניגט פֿאַרן געזיכט פֿון יהוה [דאָס איז דער סיני],
פֿאַרן געזיכט פֿון יהוה, דעם גאָט ישׂראלס.

אין די טעג פֿון שמגר [דעם זוהן פֿון ענת, אין די טעג פֿון יעל] זיינען
געווען וויסט די וועגן,
און די וועג־געהער זיינען איבער קרומע שטעגן געגאַנגען,
און ס'האָבן אויפֿגעהערט די אַרבייטען פֿון די ישׂראלשע דאָרפֿס־לייט.
ביז אויפֿגעשטאַנען בין איך, דבֿורה,
ביז אויפֿגעשטאַנען בין איך, אַ מוטער פֿאַר ישׂראל.

. . . .

קיין שילד, קיין שפּיז האָט מען ניט געזעהן
צווישען פֿערציג טויזענט אין ישׂראל.
מיין הארץ איז מיט די אָנפֿיהרער פֿון ישׂראל,
מיט זיי איז דאָס פֿאָלק פֿאַר איינס. לויבט יהוה!
איהר, וואָס רייט אויף די ווייסע אייזעלינס,
וואָס זיצט אויף די טעפּיכער און וואָס געהט אין וועג, זינגט!

. . . .

דערוועק זיך, דערוועק זיך, דבֿורה,
דערוועק זיך, דערוועק זיך, זינג דאָס ליד.
שטעה אויף, ברק, און פֿאַנג דיין פֿאַנג, דו זוהן אבֿינעמ'ס.

דעמאָלט זיינען זיך צונויפֿגעקומען די צעשפּרייטע צו די אָנפֿיהרער,
דאָס פֿאָלק פֿון יהוה איז ווי אַ העלד געקומען איהם צו הילף;
פֿון אפֿרים האָבן זיי זיך אַראָפּגעלאָזט אין טאָל,
נאָך דיר — בנימין מיט זיינע מתּנות.
פֿון מכיר זיינען געקומען די עלטסטע
און פֿון זבֿולון — די, וואָס האַלטען די אָנפֿיהרער־רוט.
און די האַרען פֿון יששׂכר — מיט דבֿורה'ן.
און ווי יששׂכר, אַזוי אויך ברק,
צופֿוס האָט ער אין טאָל זיך געלאָזען.

ביי די משפּחות פֿון ראובֿן האָט מען זעהר לאַנג געקלערט.
וואָס זיצסטו צווישען די לאָנקעס,
צוהערענדיג די שפּילערייי צווישען די סטאַדעס?
ביי די משפּחות פֿון ראובֿן איז געווען אַ לאַנגע בעטראַכטונג.

גלעד איז געבליבען רוהיג הינטערן ירדן,
און דן — ער לאָזט זיך ווייט אויף די שיפֿען.

אָשר איז געזעסען שטיל אױפ'ן ברעג פון ים
און איז רוהיג בײ זײנע האַפענס פאַרבליבען,
זבולון איז אַ פאָלק, װאָס האָט זיך איבערגעגעבען דעם טױט,
און נפֿתּלי — אױף די הױכענישען פון די פֿעלדער.

עס זײנען אָנגעקומען די מלכים, האָבען געשטריטען,
דעמאָלט האָבען דאָס געשטריטען די כּנעניִשע מלכים,
בײ תּענך, בײ די מגדו-װאַסערן,
נאָר קײן זילבער-רױב האָבען זײ ניט גענומען.
פֿון הימעל האָבען די שטערן געשטריטען,
פֿון זײערע װעגען האָבען זײ געשטריטען מיט סיסרא;
דער טײך קישון האָט זײ פֿערשװענקט,
דער אַלט-בעריהמטער טײך, דער טײך קישון!
דערװעק זיך, מײן גײסט, מיט קראַפֿט!

דאַן האָבען די פֿערד-טריט די ערד געשלאָגען בשעת'ן לױפען,
בשעת'ן לױפֿען פון זײערע העלדען,

שילט מרוז! האָט געזאָגט דער מלאך יהוה'ס,
שילט איהרע אײנװאױנער,
דערפאַר װאָס זײ זײנען ניט געקומען צו הילף יהוה,
צו הילף יהוה צװישען די גבורים!

זאָל געבענשט זײן צװישען די פֿרױען יעל,
די פרױ פון חבר דעם קיני!
װאַסער האָט ער געבעטען, — מילך האָט זי איהם דערלאַנגט,
אין אַ פּרעכטיגען בעכער האָט זי איהם דערלאַנגט פֿעט-מילך.
איהר האַנט האָט זי צום פֿלעקעל אױסגעשטרעקט,
און איהר רעכטע צום אַרבײטס-האַמער.
זי האָט אַ קלאַפּ געגעבען סיסרא'ן, צעשלאָגען זײן קאָפּ,
צעשפּאָלטען און דורכגענומען זײן שלײף.
[צו איהרע פֿיס האָט ער זיך אַראָפּגעבױגען און געלעגען,]
צו איהרע פֿיס האָט ער זיך אַראָפּגעבױגען, געפאַלען,
װאו ער האָט זיך אַראָפּגעבױגען, דאָרטען איז ער געבליבען ליגען אַ צעשלאָגענער.

דורכ'ן פֿענסטער, קוקט און ס'רופֿט אױס
די מוטער סיסרא'ס דורך דער גראַטע:
— פֿאַרװאָס זאַמט זיך אַזױ זײן רײטװאָגען?
פֿאַרװאָס הערט מען ניט אַזױ לאַנג די טריט פון זײנע פֿערד?

די קלענסטע פֿון אירע האַרענטעס ענטפערט איהר,
און זי אַליין חזר'ט איבער אירע ווערטער:
— געווים האָבען זיי שוין געפֿונען און טיילען די רויב,
צי אַ פֿרוי, צי צוויי פרויען אויף יעדען קריגס־מאַן,
רויב פֿון פאַרביגע קליידער פֿאַר סיסרא,
רויב פֿון פאַרביגע קליידער, פֿילפֿאַרביגע,
אַ פֿאַרביגס געוועב, צוויי קאָלירטע טיכער אויפ'ן האַלז פֿון דער מלכּה.

אַזוי זאָלען צו גרונד געהן אַלע דיינע פֿיינד, יהוה,
די אָבער, וואָס ליבען דיך — זאָלען זיין גלייך, ווי די זון,
וואָס געהט אויף אין איהר פראַכט.

———

מיכה פון שבט אפרים בויט א גאָטס־היוז.

עס האָט געלעבט אין די אפרים־בערג אַ מענש מיט'ן נאָמען מיכה. ער האָט געזאָגט צו זיין מוטער: „די טויזענט און הונדערט שקלים, וועלכע מען האָט ביי דיר צוגענומען און פאַר וועלכע דו האָסט אַרויסגערעדט אַ קללה פֿאַר מיינע אויערן, זיינען ביי מיר, איך האָב זיי גענומען". זיין מוטער האָט געזאָגט: „זאָל יהוה דיך בענשען, מיין זוהן". און ער האָט אומגעקעהרט



בילד 6. אַ קליינער סעמיטישער (פעניקישער) טעמפעל פון לייִם אויפ'ן אינזעל קיפראָס. פאַר'ן אַריינגאַנג צוויי קאָלאָנעס מיט קעפּלעך אין דער געשטאַלט פון לאָטאָס־בלומען. אינעווייניג אַ פיגור פון אַ פויגעל מיט אַ ווייבערשען קאָפּ.

זיין מוטער די טויזענט און הונדערט שקלים זילבער. און די מוטער האָט געזאָגט: „דאָס זילבער וועל איך היילינגען פאַר יהוה, און אָפּזאָגען זיך פון איהם צום נוצען פֿון מיין זוהן. לאָז מען פון איהם מאַכען אַ געשניצט און איינגעגאָסען בילד" (פסל ומסכה). אַזוי האָט ער אָפּגעגעבען דאָס זילבער

דער מוטער. און זיין מוטער האָט גענומען צוויי הונדערט שקלים און זיי אָפּגעגעבן דעם גיסער. ער האָט געמאַכט פֿון זיי אַ נעגאָסען און אַ געשניצט בילד. עס איז אַוועקגעשטעלט געוואָרען אין מיכה׳ס הויז, און עס איז געוואָרען ביי מיכה׳ן אַ גאָטס-הויז (זעה בילד 5). און ער האָט געמאַכט אַן אפוד* און תרפים (בילד 6) און האָט בעשטימט איינעם פֿון זיינע זיהן פֿאַר אַ כהן. אין יענער צייט איז ניט געווען קיין קיניג אין ישראל. יעדערער האָט געטאָן אַלײן, וואָס איהם איז געפֿעלען.

און עס איז געווען אַ יונגער מענש פֿון בית לחם אין יהודה-לאַנד, פֿון שבט יהודה. ער איז געווען אַ לוי און האָט דאָרטען געלעבט ווי אַן אָנגעקומענער. אָט דער מענש איז אַוועק פֿון בית לחם, כּדי צו לעבען, וואו עס וועט זיך מאַכען, און איז איפ׳ן וועג געקומען אין די אפרים-בערג אין מיכה׳ס הויז. ער האָט געזאָגט צו איהם: „איך בין אַ לוי פֿון בית לחם אין יהודה-לאַנד, און איך געה זיך בעזעצען, וואו עס וועט זיך מאַכען“. און מיכה האָט געזאָגט צו איהם: „שטעל זיך אָפּ ביי מיר און זיי מיר אַ פֿאָטער און אַ כהן. איך וועל דיר געבען צו צעהן שקלים זילבער אַ יאָהר, די נויטיגע קליידונג און קעסט“. און דער לוי איז מרוצה געוואָרען צו בלייבען ביי דעם מענשען.


בילד 6. קליינע הויז-געצען (תּרָפים).

און דער יונגער מענש איז ביי איהם געווען ווי זיינער אַ זוהן. און מיכה האָט בעפֿולמעכטיגט דעם לוי, און דער יונגער מענש איז געוואָרען ביי איהם אַ כהן און איז געבליבען אין מיכה׳ס הויז. און מיכה האָט געזאָגט: „איצט בין איך זיכער, אַז יהוה וועט מיר זיין צו הילף, ווייל פֿאַר אַ כהן איז ביי מיר געוואָרען דער לוי**.

אין יענער צייט איז ניט געווען קיין קיניג אין ישראל. און אין יענער צייט האָט דער שבט דן זיך געזוכט אַ נחלה, וואו זיך צו בעזעצען, ווייל ביז דאַן איז איהם ניט אויסגעפֿאַלען קיין נחלה צווישען די ישראל׳שע שבטים. דער שבט דן זוכט פֿאַר זיך אַ נחלה. און אָט האָבען די בני דן געשיקט פֿון זייער משפחה פֿינף שטאַרקע מענער פֿון צרעה און פֿון אשתאל אויסצוזעהן דאָס לאַנד און צו דערגעהן וועגען איהם, און זיי האָבען געזאָגט צו זיי: „געהט און זעהט אויס דאָס לאַנד“. און זיי זיינען געקומען פֿון אפרים-באַרג צו מיכה׳ס הויז און זיינען דאָרטען געבליבען איבער דער נאַכט. ווען זיי זיינען געווען ביי מיכה׳ס הויז, האָבען זיי דער-

* זעה די בעמערקונג אויף זייטע 52. עס איז מעגליך, אַז דער נאָמען „אֶפוד“ האָט צוויי בעדייטונגען. אחוץ א הייליגען צודעק אָדער מענטעלע, קאָן מען פֿאַרשטעהן אונטערן נאָמען „אפוד“ אויך א בילד, וואָס איז צוגעדעקט מיט בלעטערדיגען גאָלד און זילבער (אֲפֻדָּה אין ישעיהו ל, 22); פֿאַרגלייך, אַשטייגער, שופטים ח, 27.

** „לויים“—האָבען זיך אין די עלטסטע צייטען גערופֿען אין ישראל פּראָפֿעסיאָנעלע בעדינער, וועלכע האָבען זיך אינגאַנצען אָפּגעגעבן דער הייליגער בעשעפֿטיגונג. זיי האָבען געקאָנט געהערען צו דעם אָדער צו יענעם שבט. דער לוי, וואָס וועגען איהם רעדט זיך דאָ, איז געווען, אַשטייגער, פֿון שבט יהודה.

קענט דעם קול פֿון דעם יונגען מענש, דעם לוי; זיי זענען אַריינגעקומען אַהינצו און געפֿרעגט ביי איהם: „ווער האָט דיך געבראַכט אַהער? וואָס טוסטו דאָ און צו וואָס ביסטו דאָ?“ ער האָט געזאָגט צו זיי: „אַזוי און אַזוי האָט געטאָן מיכה; ער האָט מיך געדונגען און איך בין ביי איהם געוואָרען אַ כּהן“. זיי האָבען איהם געבעטען: „פֿרעג ביי גאָט און לאָמיר וויסען, צי וועט זיין מיט גליק דער וועג, אויף וועלכען מיר געהען“. דער כּהן האָט געזאָגט צו זיי: „געהט בּשלום, דער וועג, אויף וועלכען איהר געהט, איז געפֿעלען יהוה“. און עס זיינען אַוועק יענע פֿינף מענער, זיי זיינען געקומען קיין ליש, האָבען דערזעהן, אַז דאָס דאָרטיגע פֿאָלק לעבט רוהיג, אויפֿ'ן שטייגער פֿון די צידונים, שטיל און פֿרידליך, ניט ליידענדיג קיין נויט אין קיין זאַך, וואָס עס איז דאָ אויף דער ערד און פֿאַרמעגענדיג מותרות. פֿון די צידונים האָבען זיי געלעבט וויט, און מיט אַרם האָבען זיי ניט געהאַט קיין געשעפֿטען. און זיי האָבען זיך אומגעקעהרט צו זייערע ברידער קיין צרעה און אשתאל, און זייערע ברידער האָבען צו זיי געזאָגט: „מיט וואָס זייט איהר געקומען?“ זיי האָבען געענטפֿערט: „שטעהט אויף, און לאָמיר געהן אויף זיי; מיר האָבען געזעהן דאָס לאַנד, עס איז אמת גוט. איהר קווינקעלט נאָך? ניט פֿאַרציהט! געהט און נעמט יענעם לאַנד! ווען איהר וועט קומען אַהין, וועט איהר געפֿינען אַ זאָרגלויז פֿאָלק, און דאָס לאַנד האָט זיך דאָרטען צעשפּרייט אויף אַלע זייטען. יאָ, גאָט האָט עס איבערגעגעבען אין אונזערע הענט. דאָס איז אַן אָרט, וואו עס פֿעהלט גאָרנישט פֿון אַלצדינג, וואָס עס איז דאָ אויף דער ערד“.

די מלחמה־ארויסטרעטונג פון די בני דן; די בערויבונג פון מיכה׳ס גאָטס־הויז.

און עס האָבען זיך פֿון דאָרטען געלאָזען 600 מאַן פֿון דער משפּחה פֿון דן, פֿון צרעה און אשתאל, בעוואָפֿענטע מיט מלחמה־געוועהר. זיי זיינען אַוועק און אויסגעשטעלט זייער לאַגער אין קרית יערים, אין לאַנד יהודה. דעריבער הייסט יענער אָרט נאָך ביז היינט דער לאַגער פֿון דן, — הינטער קרית יערים. פֿון דאָרטען האָבען זיי זיך געלאָזען אין די אפרים־בערג אַריין און זיינען געקומען ביז'ן הויז פֿון מיכה. און די פֿינף מענער, וואָס זיינען געגאַנגען אויסזעהן דאָס לאַנד, האָבען זיך געווענדט צו זייערע ברידער און געזאָגט צו זיי: „ווייסט איהר דען, אַז אין איינעם פֿון די הייזער איז דאָ אַן אפוד, תּרפים, אַן אויסגעשניצט און אויסגעגאָסען בילד? און אויב אַזוי, בעטראַכט, וואָס האָבען מיר צו טון“. און זיי האָבען זיך אָפּגעקעהרט אַהין, זיינען אַריין אין הויז פֿון דעם יונגען מענשען דעם לוי, אין מיכה'ס הויז, און האָבען איהם געפֿרעגט, וואָס מאַכט ער. די זעקס־הונדערט בעוואָפֿענטע בני דן האָבען זיך געשטעלט ביים טויער, און יענע פֿינף מענער, וואָס זיינען געגאַנגען אויסזעהן דאָס לאַנד, זיינען אַוועק, זיינען אַריין אַהינצו, האָבען גענומען דעם אפֿוד און די תּרפים און דאָס אויסגעשניצט און אויסגעגאָסען בילד. דער כּהן האָט זיי געפֿרעגט: „וואָס טוט איהר?“ זיי האָבען איהם געזאָגט: „שוויג, לעג צו די האַנט צו דיין מויל, קום מיט אונז און זיי אונז אַ פֿאָטער און אַ כּהן. צי איז דיר בעסער צו זיין אַ כּהן אין הויז פֿון אַן איינצעלנעם מענשען אָדער צו זיין אַ כּהן אין אַ שבֿט און אַ משפּחה פֿון ישׂראל?“ דער

כהן האט זיך דערפרעהט, האט גענומען דעם אפוד, די תרפים און דאס אויסגעשניצטע בילד און איז אוועק מיט אלעמען. זיי האבען זיך פארקעהרט זייערע אוועק און האבען אוועקגעשיקט די פיך און די וועגענער פאראויס. זיי זענען שוין געווען אויף א גרויסען שטח פון מיכה'ס הויז, ווען די איינוואוינער פון די הייזער, וואס אין שכנות מיט מיכה'ס הויז, האבען זיך אויפגעקליבען און זיך געלאזט יאגען נאך די בני דן און האבען זיי נאכגעשריען. און די בני דן האבען זיך א קעהר געטאן און געזאגט צו מיכה: „וואס איז מיט דיר? וואס האסטו אויפגעקליבען דאס פאלק?“ ער האט געזאגט: „דעם גאט, וועלכען איך האב זיך געמאכט, און דעם כהן האט איהר בײ מיר צוגענומען און זייט אוועק. וואס בלייבט דען בײ מיר? און איהר פרעגט נאך: וואס איז מיט דיר?“ — די בני דן האבען געזאגט צו איהם: „מיר זאלען מעהר ניט הערען דיין קול, ווען ניט וועלען צארניגע מענשען אנפאלען אויף אייך, און דאן וועט פון דיר און פון דיין פאמיליע גארנישט ניט איבערבלייבען“. און די בני דן זיינען אוועק אין זייער וועג. מיכה אבער, זעהענדיג, אז זיי זענען שטארקער פון איהם, איז אוועק צוריק און האט זיך אומגעקעהרט אין זיין הויז.

דער הייליגטום אין דן.

און זיי האבען גענומען דעם גאט, וועלכען מיכה האט געמאכט, און דעם כהן, וועלכער איז געווען בײ איהם, און זיינען געקומען קיין ליש, צו א רוהיגען און זארגלויזען פאלק, האבען איהם צעשלאגען הרב'ן שווערד און די שטאדט איבערגעגעבען דעם פייער. און עס איז ניט געווען קיינער, וואס זאל העלפען, ווייל זי איז וויט פון צדון און מיט ארם האט זי ניט געהאט קיין געשעפט; זי האט זיך געפונען אין טאל, וואס בײ בית רחוב. דערנאך האבען זיי אויפגעבויט די שטאט, און האבען זיך בעזעצט אין איהר, און האבען זי אנגערופען — דן, נאכ'ן נאמען פון זייער פאטער דן, דעם זוהן פון ישראל. און פריהער האט זיך די שטאט גערופען ליש. און די בני דן האבען אוועקגעשטעלט בײ זיך דאס געשניצטע בילד און יונתן דער זוהן פון גרשון, דעם זוהן פון משה, ער און זיינע זיהן זיינען געווען כהנים ביים שבט דן ביז דער צייט, ווען די בני ישראל זיינען פארטריבען געווארען פון יענעם לאנד. און עס איז בײ זיי געשטאנען דאס געשניצטע בילד, וואס מיכה האט געמאכט, די גאנצע צייט, וואס דאס גאטס-הויז האט זיך געפונען אין שילה.

שופטים 1, 4—5, 17—18.

XII די אנטשטעהונג פון דער קעניגליכער הערשאפט בײ די בני ישראל און איהר כאראקטער.

דער איבערגאנג צו ערד-ארבייט און די ענטשטעהונג פון קיניגטום.

די ענטשטעהונג פון פאלקס-קיניגטום בײ די בני ישראל קאן מען אין פלוג דערקלערען שוין דורך דעם אליין, וואס זיי זיינען איבערגעגאנגען פון א וואנדער-לעבען צו דער בעשעפטיגונג מיט ערד-ארבייט; ווייל די אינעווייניגסטע ארדענונג, וואס איז בעשטאנען בײ דעם וואנדער-שבט בשעת זיין אנקומען אין לאנד, איז פאר קיין פאל ניט געווען צוגעפאסט צו די אלטעגליכע בעדערפענישען פון אן ערד-ארבייטער-בעפעלקערונג.

די אינעווייניג־סטע אָרדענונג ביי די וואַנדער־שבטים.

נאָך ביי היינטיגען טאָג זעהען מיר, וואָס פאַר אַן אינעווייניגסטע אָר־דענונג עס בעשטעהט ביי די שמי'שע וואַנדער־שבטים, די בעדואינער אין סוריא און אין מעסאָפּאָטאַמיען, — יעדער שבט צעפאַלט איף אַ גרויסער צאָהל איינ־צעלנע משפחות, וואָס איטליכע פון זיי בעזאָרגט איהרע ענינים פאַר זיך. ווע־גען די אַלגעמיינע בעדערפענישען פון שבט זאָרגען די עלטסטע פון די משפחות (ביי אונז אַמאָל די ראשי בית אָב). בעזונדערס וויכטיגע פראַגען, וועלכע בע־רידרען טיף די אינטערעסען פון דעם גאַנצען שבט, ווערען בעטראַכט און גע־געלייזט דורך דער פאַרזאַמלונג פון אַלע וואָפען־פעהיגע מענער פון שבט. זיי בעשליסען שטענדיג וועגען שלום און מלחמה; און ווי נאָר זיי דריקען אויס זייער ווילען צו פאַרגיסען זייער בלוט פאַר די הצטרכות'ען פון שבט, ווערט באַלד פון דער פריעדליכער פאַרזאַמלונג אַ קעמפענדיגער היל. אָבער אויך איינציגע פאַמיליעס אָדער חלקים פון שבט האָבען דאָס רעכט און די פרייהייט אַריינצולאָזען זיך אין אַ מלחמה מיט זייערע אויסווייניגסטע שונאים, ווען דאָס פאַרלאַנגט נאָר זייער מצב. דאָס רעכט פון יעדען איינציגען חבר פון שבט ווערט אָפּגעהיט און געשיצט דורך די דורות לאַנגע מנהגים און מדות, זיין לעבען — דורך דער בלוט־נקמה, וועלכע ווערט בעטראַכט ווי אַ מצוה און אַ הייליגער חוב פון געטריישאַפט און ברידערליכקייט.

אַזאַ מין סדר איז איפ'ן בעסטען שטייגער צוגעפאַסט צו די בעדער־פענישען פון אַ וואַנדער־שבט. ער גיט דעם שבט די ברירה צווישען שלום און מלחמה און נעמט ניט צו ביי די יחידים זייער פרייהייט און בעוועגליכקייט, צו וועלכער זיי זיינען געוועהנט. די בעדערפענישען פון ערד־אַרבייטער בע־פרידיגט אָבער אַזאַ סדר לגמרי ניט: ווייל דער ערד־אַרבייטער איז צוגעבונדען צו דער קרקע; ער בעדאַרף ניט, ווי דער וואַנדערער, אַלע ווייַלע און גיך בייטען זיין וואוינונגס־אָרט. ער הענגט אָפּ פון זיין נחלה און קאָן ניט אַזוי לייכט, ווי דער וואַנדערער, אָפּזאָגען זיך פון איהר, מקריב זיין זיינע אייגענע אינטערעסען לטובת הכלל. פון דער אַנדער זייט לעבט ער מעהר אָפּגעזונדערט פון זיינע חברים און ניט אַזוי לייכט און גיך בעקומט ער הילף פון זיינע שכנים אין דאָרפס־לייט, ווי עס בעקומט זי דער וואַנדערער מצד די מיטגלידער פון זיין שבט.

דאָס אַליין האָט אַ גרויסע בעדייטונג בשעת אַן אָנפאַל פון פיינדלי־כע שכנים. דער וואַנדער־שבט, ווען אַפילו ער וואַנדערט אין משך פון יאָה־רען איף אַן אומבעגרעניצטען שטח, דאָך קאָן ער אין אַ טאָג פון סכנה זיך לייכט איפקלייבען אין איין געשלאָסענער מחנה. זיין גאַנץ פערמעגען, וואָס איז אַהיי בעוועגליך, ווי ער אַליין, קאָן לייכט אין משך פון איינינע מי־נוטען אָנגעלאָדען הערען איף די קעמלען און בעהאַלטען ווערען. אַן איבער־פאַלענע מחנה קאָן דעריבער גיך זיין גרייט צו מלחמה און מיט כלי־זין אין דער האַנט בעגעגענען דעם שונא; און ווען אַפילו עס שטעלט זיך אַרויס, אַז דער לעצטער איז שטאַרקער פון איהם, האָט ער דעם פרייען וועג צו אַנטלויפען: זיין גאַנצע גוטס טראָגט ער מיט זיך.

געוועהנליך קאָנען זיינע סטאַדעס ביי איהם אָפּגעריבט ווערען, אָבער

אין משך פֿון דער מלחמה קאָן ער דעם אָנוועהר צוריק אָפּנעמען אָדער ער קאָן פֿון זיין זייט בעפֿאַלען אַ צווייטען שבט און אַוועקפֿיהרען זיין שאָף. הערינער זעהען די מלחמות פֿון די וואַנדער־שבטים גיכער אויס ווי קליינע איבערפֿאַלען און געשלעגערייען. און עס איז זעהר שווער אַ וואַנדער־שבט איינ־גאַנצען צו צעשלאָגען; זיינע צעריסענע און צעזייהטע טיילען פֿעראייני־גען זיך ווייטער, היילען זיך אויס פֿון די בעקומענע קלעפּ, וואַקסען אויס און ווערען ווידער אַ נייע סכּנה פֿאַר זייערע בעזיגער. דאָס קאָן מען ריכטיגער פֿון אַלץ זעהן פֿון דער געשיכטע פֿון דעם שבט עמלק.

די לעבענס־בעדערפֿענישען פֿון אַן ערד־אַרבייטער־שבט.

גאַנץ אַנדערש קומט דאָס פֿאַר ביי די ערד־אַרבייטער. הן ווען זיי לעבען ווי יחידים, הן ווען זיי בעזעצען זיך גאַנצע דערפֿערווייז, איז זייער שווערסטער און וויכטיגסטער חוב צו פֿאַרטיידיגען זייער פֿאַרמעגען. אַנטלויפֿט דער ערד־אַר־בייטער, פֿאַרלירט ער אַלץ, ווערט ער פֿאַרטריבען, ווערט זיין גאַנצער קיום צע־שטערט. זיינע גיטער קאָן ער ניט אַזוי לייכט צוזאַמענעמען, זיינע חברים קאָן ער ניט אַזוי גיך צונויפֿקלייבען, כּדי זיך מיט פֿאַראייניגטע כּחות צו פֿאַרטיידיגען. ניט שטענדיג קאָנען זיי איהם באַלד קומען צו הילף. יעדערער פֿון זיי דאַרף קודם כּל פֿאַרטיידיגען זיין אייגענעם הויף, זיין פֿעלד און זיין נחלה, וועלכע זיינען איהם נעהנטער און טייערער פֿון דעם שכנ'ס נחלה און פֿעלד. ווען עס קומט דעריבער אָן גיך און ניט גערעכטערהייד אַ פֿרייע מחנה וואַנדערער, ווערט דער פֿייער דורך איהר אויסגעריבט, איידער מען קומט איהם צו הילף. אין פֿאַר אַ קורצער צייט איז שוין דער וואַנדער־שבט ווידער פֿערשוואונדען, איידער מען דאָט נאָך צייט געדאַט צונויפֿצושטעלען אַ מחנה, וועלכע זאָל איהם נאָכיאָגען. מיט זיך האָט ער אָבער שוין אויך אַוועק־גענומען די תּבואה פֿון די פֿעלדער און אַוועקגעטריבען די סטאַדעס שאָף.

און ווען נאָר אַ גרויסער וואַנדער־שבט לאָזט זיך אויף אַזעלכע אָנפֿאַ־לען, קאָן ער לייכט אויסרייבען אַ גאַנצע געגענד און דורך אַן אומערלע־טען אָנפֿאַל אומבריינגען אַ גאַנצע שטאָט. אויב ביים ערדאַרבייטער־פֿאָלק, וואָס וואוינט אין שכנות פֿון אַ וואַנדער־שבט, בעשטעהט אַ פּאַטריאַרכאַלער סדר, וועט ער קיינמאָל ניט קאָנען לעבען גאַנץ זיכער און אין בעסטען פֿאַל וועט ער זיך מוזען קויפֿען די זיכערקייט דורך אַ דערנידעריגענדען צינס. זיין שוואַכקייט און הילפֿלויזיגקייט רייצט נאָך מעהר די יוגענד פֿון וואַנדער־שבט צו ווייטערדיגע אָנפֿאַלען, און דערהויפּט ציהט זיי צו זיך דאָס ברויט פֿון די פֿעלדער, וואָס איז שטענדיג אין דוחק ביי וואַנדערער.

די לאַגע פֿון די בני ישראל.

אין אַזאַ לאַגע זיינען געווען אויך די בני ישראל, וועלכע האָבען פֿון דרום־און מזרח־זייט געהאַט אין שכנות וואַנדערנדיגע שבטים. אין דע־ריבער האָט שוין דער איבערגאַנג צו דער ערד־אַרבייט במילא געמוזט פֿיה־רען צו אַ נייעם, זיכערן געזעלשאַפֿטליכען סדר, צו דעם שבט־קעניגטום, צו דער פֿאַראייניגונג פֿון גאַנצען שבט אונטער דער פֿיהרונג פֿון אַ מעכטיגער און געניטער פּערזענליכקייט. און אין דער אמת'ן זעהען מיר, ווי די הערר־שאַפֿט פֿון ירובעל אין עפֿרה און דער פֿאָלקס־קעניגטום פֿון שאול שטעהען אין אַן ענגען צוזאַמענהאַנג מיט אַזעלכע אָנפֿאַלען.

נאָר דאָס זיינען געווען ניט מעהר ווי צוויי איינצעלנע ערשיינונגען אין פאָלקס-לעבען, און זיי ווערען איינגעשלונגען צווישען די פערשיידענארטיגע שטרעבונגען און בעוועגונגען. עס איז דעריבער קיין ספק ניט, אַז אין געזעלשאַפטליכען לעבען זיינען געווען נאָך וויכטיגע סבות, וועלכע האָבען אויך פון זייער זייט געפיהרט צו דער ענטשטעהונג פון קיניגטום. די היסטאָרישע לאַגע, וועלכע האָט גורם געווען, אַז עס זאָל געבוירען ווערען דער קיניגטום, איז געווען אַ בעזונדערס שווערע.

די ישראלשע איינוואַנדערער האָט זיך ניט איינגעגעבען איינצונעמען דעם גאַנצען שטח צום מערב-זייט פון ירדן. נאָך די ערשטע גלענצענדע מלחמות, וואָס דורך זיי איז איינגענומען געוואָרען דאָס לאַנד, איז אָנגעקומען די צייט פון צוריקשטויסונג. די אַלטע איינוואוינער פון לאַנד האָט זיך איינגעגעבען אָפּצונעמען צוריק איינציגע נחלאות. די ישראלשע שבטים, וועלכע זיינען געווען צעזייט איבער אַ גרויסען געאָגראַפישען שטח און פאָליטיש צווישען זיך ניט פעראייניגט, זיינען געווען געצוואונגען נאָר צו פאַרטיידיגען זיך קעגען זייערע אָנפאַלער. אַלע אָנפאַלען פון די וואַנדער-פעלקער אויף די ישראלשע נחלאות זיינען בעצם געווען ניט אַנדערש, ווי נסיונות צו פערנעמען אויף דאָס ניי דעם מערב-זייט פון ירדן. פון מזרח-זייט רייסען זיך אַריין אין תחום פון לאַנד די העבראישע שבטים עמון און מואָב, פון מערב-זייט פרובט זיך דאָס מלחמה-פאָלק, די פלשתים, ישראל'ן צו אונטערדריקען.

אין אַזאַ שווערער און קריטישער צייט איז דער אַלטער פאַמיליען-סדר ניט מעהר בכח צו העלפען דעם פאָלק, און די איינהייט פון דער אמונה איז נאָך ווייניג, כדי זי זאָל דאָס פאָלק קאָנען אויף לאַנג פאַרבינדען צו איינהייטליכע מעשים. דעם פאָלק האָט געפעהלט אַ געניטער, פראָפעסיאָנעלער פיהרער, וועלכער זאָל קאָנען אין נאָמען פון איין גרויסען מלוכה-ציל אויפזאַמלען און פעראייניגען אַלע קריגס-כחות פון פאָלק אָפט אויך קעגען די קליינע אינטערעסען פון די איינציגע משפחות.

עס איז דאַן פאָרגעקומען אין ישראל אַ גאַנצע שורה פון נאַציאָנאַלע בעוועגונגען, וועלכע האָבען געפיהרט צום זעלבען ציל, געהאַט דעמזעלבען פועל יוצא. זיי האָבען זיך אָנגעהויבען אין צפון-לאַנד און זיך פון דאָרטען פאַרשפרייט איבערן דרום, און זיך מיט יעדען טאָג געשטאַרקט און ענטוויקעלט. די ערשטע בעוועגונג, וואָס וועגען איהר ווערען מיר געוואָהר, קומט אַרויס פון יששכר, און איהרע אָנפיהרער זיינען דבורה און ברק, וואָס זיי גיט זיך איין צו פעראייניגען צו אַ מוטיגען ווידערשטאַנד כמעט אַלע שבטים, וואָס אויפ'ן מערב-זייט פון ירדן. זי געהט אָבער פאַרביי אָהן צו בעשאַפען אַ שטענדיגען שבט-קיניגטום. די צווייטע בעוועגונג קומט אַרויס פון מנשה (ירובעל)*, זי שאַפט אַ שבט-קיניגטום, וואָס בלייבט בעשטעהן אין משך פון

* אויספיהרליך וועגען דעם פרוב צו שאפען אין ישראל א מלוכה-מאכט, וואָס זאָל איבערגעהן בירושה פון פאָטער צום זוהן, דערצעהלען אונז די קאַפּיטלען 6—9 פון בוך שופטים. פונקט ווי שפּעטער ביי שאול'ן (זעה שמואל א' קאַפּיטעל י"א), האָט אויך גדעונ'ען (ירובעל'ן) געדינט פאַר אַן ערשטען יסוד צו זיינע נסיונות צו פאַרנעמען די מלוכה דאָס, וואָס איהם

צוויי דורות, אָבער נאָך אַלץ ניט קיין פֿאָלק־קיניגטום. דאָס לעצטע ווערט געשאַפֿען ערשט דורך דער דריטער נאַציאָנאַלער בעוועגונג, וועלכע קומט אַרויס פֿון בנימין און געדויערט נאָר אַ משך פֿון צוויי דורות (שאול, איש־בעל). די וויכטיגסטע און שטאַרקסטע בעוועגונג איז די פֿערטע, וועלכע געהט אַרויס פֿון יהודה (דוד), און וואָס דורך איהר ווערט דערגרייכט דער העכסטער פּונקט פֿון די בעוועגונגען. שוין ביי דעם דריטען דור פֿון דער יהודה'שער דינאַסטיע הויבט זיך אָן ווידער די ירידה. דער מיטעלפּונקט פֿון דער מדינה, איז צו וייט נאָך דרום אַריבערגעטראָגען געוואָרען (ירושלים), דער נאַציאָנאַלער קערפּער פֿערלירט זיין גלייכגעוויכט און ווערט צעבראָכען. די צעשפּאַלטונג פֿון דער מלוכה אין צוויי ניט גלייכע טיילען דערנעהנטערט זי צו איהר אונטערגאַנג.

B. Stade.—Geschichte des Volkes Israel I, 1889.

XIII. די תנ"ך־ערצעהלונגען וועגען דער מלחמה מיט די פּלשתים און וועגען שאול'ס אַרויפֿטרעטען אויפֿן מלוכה־שטול.

דער נצחון פֿון די פּלשתים. דער ארון יהוה'ס אין לאַגער פֿון די בני ישראל.

און די פּלשתים האָבען זיך אויפֿגעקליבען מלחמה צו האַלטען מיט די בני ישראל. און ישראל איז אַרויסגעטראָטען אַנטקעגען די פּלשתים אויף מלחמה און האָט צעשפּרייט זיין לאַגער ביי אבן־עזר, און די פּלשתים האָבען גערוהט ביי אֲפֵק. און עס האָבען זיך די פּלשתים אויסגעשטעלט אַנטקעגען ישראל'ן. די געשלעג האָט זיך צעשפּילט, און די בני ישראל זיינען צעשלאָגען געוואָרען דורך די פּלשתים, וועלכע האָבען אַוועקגעלעגט אויפֿ'ן פֿעלד בערך פֿיר טויזענט מאַן. ווען דאָס פֿאָלק האָט זיך אומגעקעהרט אין לאַגער אַריין, האָבען די זקנים פֿון ישראל געזאָגט: „פֿאַרוואָס האָט יהוה געלאָזען די פּלשתים אונז היינט דערשלאָגען? לאָמיר נעמען פֿון שילה דעם אָרון פֿון אונזער גאָט*, און ער וועט זיין צווישען אונז און וועט אונז ראַטעווען פֿון אונזערע פֿיינד". און דאָס פֿאָלק האָט געשיקט קיין שילה, און מען האָט געבראַכט פֿון דאָר־

האָט זיך איינגעגעבן אָבשלאָגען דעם פיינדליכען אָנפֿאַל פון די מדינים. די מלוכה־מאַכט האָט זיך אָבער ניט לאַנג געהאַלטען אין ירובעלס משפחה, און שוין זיין זוהן אבימלך איז גאָך אַ דריי־יאָהריגער מלוכה איבער ישראל (זעה: שופטים ט, 22) געפאַלען פאַר אַ קרבן פון די אײ־נעווייניגסטע חלוקי־דעות. מיט איהם איז אונטערגעגאַנגען די משפּחה פון ירובעל און האָט זיך פאַרענדיגט דער ערשטער פרוב צו שאַפֿען אַ שטענדיגע מלוכה־מאַכט איבער די צעזייהטע שבטים פון ישראל.

* אין דער ערצעהלונג האָט זיך קלאָר אויסגעדריקט דער פּאַרצייטיגער קוק אויפֿן אָרון, ווי אויפֿן טרוין פון יהוה. אַלס אַזעלכען פאַרבייט מען איהם אָפֿט מיט יהוה גופֿא. דער נאָמען „אָרון פון יהוה'ס בונד", וואָס איז ערטערוויז אריינגעשטעלט אין פריהערדיגען נוסח, שפּיגעלט אין זיך אָפּ דעם שפּעטערדיגען קוק אויפֿן אָרון, ווי אויף דעם אָרט, וואו עס היטען זיך אָב די לוחות מיט די אָנגעצייכענטע געבאָטען פון יהוה, דאָס הייסט „די לוחות פון בונד", וואָס איז געשלאָסען געוואָרען צווישען יהוה און ישראל.

טען דעם אָרון [פֿון בונד] פֿון יהוה צבאות*, [וואָס זיצט איבער די כּרובים]; און דעם אָרון [פֿון געטליכען בונד] האָבען בעגלייט די צוויי זיהן פֿון עלי, חפני און פנחס. ווען דער אָרון [פֿון יהוה'ס בונד] איז אָנגעקומען אין לאַגער, האָט גאַנץ ישראל אויפֿגעהויבען אַזעלכע הילכיגע פֿרייד־געשרייען, אַז די ערד האָט געברומט. ווען די פּלשתּים האָבען דערהערט דעם פֿרייד־געשריי, האָבען זיי געזאָגט: „וואָס זיינען דאָס פֿאַר אַ הילכיגע געשרייען אין לאַגער פֿון די עבֿרים?" און ווען זיי זיינען דערגאַנגען, אַז דער אָרון פֿון יהוה איז אָנגעקומען אין לאַגער, האָבען זיי זיך דערשראָקען, ווייל זיי האָבען פֿאַר זיך געזאָגט: „גאָט איז געקומען צו זיי אין לאַגער!" און זיי האָבען אויסגעשריען: „וועה איז אונז! ווייל אַזאַ זאַך איז נאָך ביז איצט ניט געווען. וועה איז אונז! ווער וועט אונז ראַטעווען פֿון דער האַנט פֿון דער מעכטיגער גאָטהייט? דאָס איז דאָך דיזעלביגע גאָטהייט, וואָס האָט געפּלאָגט די מצרים מיט אַלערליי שטראָפֿען און מיט דער פּעסט. זאַמעלט זיך אויף מיט קרעפֿטען און שטאַרקט זיך, פּלשתּים, כּדי איהר זאָלט ניט זיין אין קנעכטשאַפֿט ביי די עבֿרים, פּונקט אַזוי ווי זיי זיינען ביי אייך געווען אין קנעכטשאַפֿט; זייט דאָך מוטיג און קעמפֿט מיט זיי".

דער אָרון ווערט גענומען געפֿאַנגען.

און די פּלשתּים האָבען געקעמפֿט און די בני ישראל זיינען צעשלאָגען געוואָרען און צעלאָפֿען זיך יעדער אין זיין געצעלט. די מפּלה איז געווען זעהר אַגרויסע, און עס זיינען געפֿאַלען פֿון דער ישראל'שער זייט דרייסיג טויזענט פֿוס־געהער. און דער געטליכער אָרון איז צוגענומען געוואָרען, און ביידע זיהן פֿון עלי, חפני און פנחס, זיינען געטויט געוואָרען.

דער גורל זיינער אין פּלשתּים־לאַנד.

די פּלשתּים האָבען גענומען דעם געטליכען אָרון און געבראַכט איהם פֿון אבן־עזר קיין אשדוד. און די פּלשתּים האָבען גענומען דעם געטליכען אָרון און איהם אַריינגעטראָגען אין טעמפּעל פֿון דגון און איהם אַוועקגעשטעלט נעבען דגון (זעה בילד 7). נאָר ווען די איינוואוינער פֿון אשדוד זיינען אויפֿ'ן צווייטען טאָג אין דער פֿריה געקומען אין טעמפּעל פֿון דגון, האָבען זיי דערזעהן, ווי דגון ליגט אויף דער ערד, געבויגען פֿאַר'ן אָרון פֿון יהוה. און זיי האָבען גענומען דגון און צוריק איהם אַוועקגעשטעלט אויף זיין אָרט. נאָר אויפֿ'ן אַנדערן טאָג ליגט דגון ווייטער אויף דער ערד, געבויגען פֿאַר'ן אָרון פֿון יהוה; דער קאָפּ פֿון דגון און ביידע הענט זיינע ליגען אָבגעהאַקט אויפֿ'ן שוועל, און נאָר דער גוף איז פֿון איהם געבליבען. דערפֿאַר טרעטען ניט די כּהנים פֿון דגון און אַלע, וואָס געהען אַריין אין טעמפּעל

* „יהוה צבאות", יהוה, דער גאָט פון די חילות, — האָט אין דער עלטערער צייט בעדייט: יהוה, וואָס פיהרט אָן די חילות פון ישראל. שפעטער, מיט דער ענטוויקלונג פון רעליגיעזען בעוואוסטזיין, האָט דער נאָמען בעקומען די בעדייטונג פון אַן אָנפיהרער איבער די הימעלשע חילות, דאָס הייסט איבער די שטערן און די מלאָכים. בכלל האָט מען אין דער עלטערער צייט געגעבען יהוה פארשיידענע ביינעמען, וועלכע האָבען אָנגעוויזען אויף זיין קריגערישען כאראקטער, אשטייגער: „יהוה דער קריגסמאן", (שמות טו, 3), דערפאר הייסען אויך די מלחמות פון ישראל — „יהוה'ס מלחמות" און די עלטסטע זאמלונג פון די ישראלשע העלדען־געזאנגען טראָגט דעם נאָמען: „דאָס בוך פון יהוה'ס מלחמות".

פֿון דגון, ביז אויף הײַנטיגען טאָג, מיט'ן פוס אויפ'ן שוועל פֿון דגון אין אשדוד.

און עס איז שווער געווען גאָטס האַנט איבער די אײַנוואוינער פֿון אשדוד, און ער האָט זיי געפּלאָגט מיט פֿײַניגענדיגע וואונדען אין אשדוד און אין דער סביבה. און ווען די אײַנוואוינער פֿון אשדוד האָבען פֿאַרשטאַנען, אין וואָס די זאַך איז, האָבען זיי דערקלערט: זאָל דער אָרון פֿון ישראל'ס גאָט ניט בלײַבען מעהר בײַ אונז, ווײַל זײַן האַנט איז שווער איבער אונז און איבער דגון, אונזער גאָט. און זיי האָבען געשיקט און צוזאַמענגעקליבען צו זיך אַלע פּלשתימ'שע מלכים און געזאָגט: „וואָס זאָלען מיר טון מיט'ן אָרון פֿון ישראל'שען גאָט?" און יענע האָבען געזאָגט: „זאָל דער אָרון פֿון ישראל'שען גאָט איבערגעהן קיין גת". און מען האָט אַבגעשיקט דעם אָרון פֿון ישראל'שען גאָט אַהינצו. נאָר נאָך דעם, אַז זיי האָבען איהם אַבגעשיקט, איז גאָטס האַנט געווען איבער דער שטאָט, און עס איז געוואָרען אַ געוואַלדיגער טומעל, און ער האָט געפּלאָגט די אײַנוואוינער פֿון שטאָט פֿון קליין ביז גרויס, און עס זײַנען בײַ זיי געוואָרען וואונדען. און זיי האָבען אַבגעשיקט דעם געטליכען אָרון קיין עקרון, נאָר די אײַנוואוינער פֿון עקרון האָבען יעדערער אויסגעשריען: „מען האָט מיר אונטערגעוואָרפֿען דעם אָרון פֿון ישראל'שען גאָט, כדי איבערצוגעבען דעם טויט מיך און מײַן פֿאָלק". און זיי האָבען געשיקט צונויפֿרופֿען אַלע פּלשתימ'שע מלכים און געפֿאָדערט: „שיקט אַב דעם אָרון פֿון ישראל'שען גאָט; זאָל ער זיך אומקעהרען אויף זײַן אָרט און ניט אומברענגען מיך און מײַן פֿאָלק; דען אַ טויטשרעק האָט אַרומגעכאַפּט די גאַנצע שטאָט, און שרעקליך שווער איז געווען איבער זיי די געטליכע האַנט. די, וועלכע זײַנען ניט געשטאָרבען, זײַנען געפּלאָגט געוואָרען מיט וואונדען, און דער געשריי פֿון דער שטאָט האָט דערגרייכט ביז צום הימעל.



בילד 7: דאָס בילד פון פלשתישען גאָט דגון.

אלס בעשעפער פון די ברואים, וואס לעבען אין ים, פלעגט מען איהם אויסמאָלען מיט פיש-שאָלעכץ און מיט א פיש (דג) אלס א צייכען. דערפון נעמט זיך זיין נאָמען דגון.

דער ארון קעהרט זיך אום צו די בני ישראל.

און אַזוי איז אַבגעווען דער אָרון פֿון יהוה אין תחום פֿון פּלשתים־לאַנד זיבען חדשים. און אַט האָבען די פּלשתים צונויפֿגערופֿען די כהנים און די זעהערס און געזאָגט: „וואָס זאָלען מיר טון מיט'ן אָרון פֿון יהוה? לערנט אונז, ווי זאָלען מיר איהם אַבשיקען אויף זײַן אָרט". יענע האָבען גע-

זאָגט: „אויב איהר ווילט אָבשיקען דעם אָרון פֿון ישראל׳שען גאָט, זאָלט איהר איהם ניט אָבלאָזען מיט גאָרנישט, נאָר ברענגט איהם מתנות“. און זיי האָבען געפֿרעגט: „וואָס פֿאַר אַ מתנות דאַרפֿען מיר איהם ברענגען?“ יענע האָבען געזאָגט: „נאָך דער צאָהל פֿון די פּלשתּי׳שע מלכים [פֿינף גאָלדענע וואונדען און] פֿינף גאָלדענע מײַז*, ווײַל איינע און דיזעלביגע שטראָף איז אָנגעשיקט געוואָרען אויף אײַך און אויף אײַערע מלכים“.

און זיי האָבען געטאָן אַזוי: האָבען גענומען צוויי אָבגעקעלבטע בהמות און אײַנגעשפּאַנט זיי אין אַ וואָגען און זייערע קעלבער האָבען זיי פֿאַרהאַלטען אין דער היים. און האָבען אַוועקגעשטעלט אויפֿ׳ן וואָגען דעם אָרון פֿון יהוה און אַ קאַסטען מיט גאָלדענע מײַז [און די בילדער פֿון וואונדען] און די בהמות זײַנען אַוועק גלײַך איבערן וועג קײַן בית־שמש; זיי זײַנען אַלץ געגאַנגען איבערן גלײַכען וועג, געשריען און געברומט, אָבער זיי האָבען זיך ניט אָבגעקעהרט ניט רעכטס, ניט לינקס. און די פּלשתּי׳שע מלכים זײַנען נאָך זיי נאָכגעגאַנגען, ביז צום גרעניץ פֿון בית שמש. די אײַנוואוינער פֿון בית שמש האָבען געשניטען ווייץ אין טאָל, זיי האָבען אַ קוק געטאָן און דערזעהן דעם אָרון פֿון יהוה און האָבען זיך דערפֿרעהט, דערזעהענדיג איהם. ווען דער וואָגען איז אָנגעקומען אין פֿעלד פֿון יהושע פֿון בית שמש, האָט ער זיך אָבגעשטעלט. דאָרטען איז געווען אַ גרויסער שטיין. און זיי האָבען צעשפּאָלטען דעם וואָגען אויף האָלץ און די בהמות האָבען זיי געבראַכט פֿאַר אַ קרבן יהוה׳ן, אַלס פֿײַער־אָפּפער**. און די פֿינף פּלשתּי׳שע מלכים האָבען געזעהן דאָס און האָבען זיך אומגעקעהרט דעמזעלבען טאָג קײַן עקרון. אַן עדות דערצו איז נאָך ביז הײַנטיגען טאָג דער גרויסער שטיין, וואָס אויף איהם האָבען זיי אַוועקגעשטעלט דעם אָרון פֿון יהוה אויפֿ׳ן פֿעלד פֿון יהושע פֿון בית שמש.

און די זיהן פֿון יכניה האָבען זיך ניט געפֿרעהט צוזאַמען מיט די אײַנוואוינער פֿון בית שמש, און ער האָט פֿון זיי צעשלאָגען זיבעציג מאַן (פֿופֿציג טויזענט מאַן). און דאָס פֿאָלק האָט געטרויערט, פֿאַרוואָס גאָט האָט געשיקט אויפֿ׳ן פֿאָלק אַזאַ גרויזאַמע מפּלה. און עס האָבען געזאָגט די אײַנוואוינער פֿון בית שמש: „ווער קאָן בײַשטעהן אַנטקעגען יהוה, דעם הייליגען גאָט, און צו וועמען וועט ער פֿון אונז געהן?“ און זיי האָבען אַוועקגעשיקט שלוחים צו די אײַנוואוינער פֿון קרית יערים און געהייסען איבערגעבען: „די פּלשתּים האָבען אומגעקעהרט דעם אָרון פֿון יהוה, קומט און נעמט איהם צו זיך“. און עס זײַנען געקומען די אײַנוואוינער פֿון קרית יערים און האָבען איהם געבראַכט אין הויז פֿון אַבינדב אויפֿ׳ן בערגעל און אלעזר׳ן, זײַן זוהן, האָבען זיי געהייליגט דערצו, אַז ער זאָל אָבהיטען דעם אָרון.

---

* די מײַז האָבען געדאַרפֿט דינען פֿאַר אַ פֿאַרקערפּערונג פֿון די אָנגעשיקטע וואונדען.

** „פֿײַער־אָפּפער“ (עוֹלָה),—איז געווען אַ קרבן, וואָס פֿלעגט אינגאַנצען פֿאַרברענט ווערען אין פֿײַער, צום אונטערשייד פֿון „שָׁלוֹם־קָרבן“, (שְׁלָמִים אָדער זֶבַח שְׁלָמִים) בײַ וועלכען מען פֿלעגט פֿאַרברענען נאָר אַ טייל פֿון דער קָרבָּן־בְּהֵמָה, און די איבעריגע פֿלייש פֿלעגט בענוצט ווערען צום עסען.

שאול בשעת'ן זוכען די איי־זעלינס.

עס האט געלעבט אין גבעה, אין בנימין־לאנד, איינער מיט'ן נאמען קיש, דער זוהן פון אביאל, דעם זוהן פון צרור, דעם זוהן פון בכורת, דעם זוהן פון אפיה, א בנימין־מאן, א פארמעגליכער מענש. ביי איהם איז געווען א זוהן מיט'ן נאמען שאול, פון אומגעווערהנליכער שענקייט, און עס איז ניט געווען קיין שענערער פאר איהם צווישען די בני ישראל. ער איז געווען מיט א קאפ העכער פאר אלעמען. איינמאל זיינען פארלארען געגאנגען די אייזעלינס ביי קיש, שאולס פאטער, און קיש האט געזאגט צו שאולן, זיין זוהן: „נעם מיט זיך איינעם פון די דינער און לאז זיך אוועק, געה, זוך אויף די אייזעלינס“. און זיי זיינען אויסגעגאנגען די בערג אפרים און ארומגענומען דאס לאנד שליש, אבער זיי האבען זיי ניט געפונען און זיי האבען זיך געלאזען קיין לאנד שעלבים, נאר דארטען זיינען זיי אויך ניט געווען און זיי זיינען דורכגעגאנגען אין די נחלאות פון בנימין, האבען זיי אבער ניט געפונען. ווען זיי זיינען געקומען אין לאנד צוף, האט שאול געזאגט צו זיין דינער, וואס איז געווען מיט איהם: „לאמיר געהן צוריק, ווען ניט וועט דער פאטער אויפהערען זארגען וועגען די אייזעלינס און אנהויבען זיך אוודאי בעאומרוהיגען וועגען אונז“. נאר יענער האט איהם געענטפערט: „אין דער שטאט וואוינט דאך א געטליכער מאן; דאס איז זעהר אן אנגעזעהענער מאן; וואס ער זאל ניט זאגען, ווערט פינקטליך מקוים. לאמיר גלייך צוגעהן אהין. אפשר וועט ער אונז געבען אן עצה וועגען דער זאך, וואס צוליב איהר האבען מיר זיך געלאזען אין וועג אריין“. און שאול האט געזאגט צו זיין דינער: „גוט, לאמיר געהן; אבער וואס וועלען מיר ברענגען דעם מענשען? דאס ברויט איז דאך שוין אויסגעגאנגען פון אונזערע זעקלעך, און קיין מתנה איז ניטא ביי אונז, כדי צוצוטראגען דעם געטליכען מאן — וואס איז ביי אונז דא?“ און ווידער האט דער דינער געענטפערט שאולן און געזאגט: „אט האב איך נאך א פערטעל שקל זילבער, איך וועל עס אבגעבען דעם געטליכען מענשען, כדי ער זאל אונז געבען די נויטיגע עצה“. און שאול האט געזאגט צום דינער: „דו ביסט גערעכט; אמת, לאמיר געהן“. און זיי זיינען אוועק אין שטאט אריין, וואו עס איז געווען דער געטליכער מאן.

ווען זיי האבען זיך אויפגעהויבען אויף די טרעפלעך אין שטאט אריין, האבען זיי בעגעגענט מיידלעך, וועלכע זיינען ארויס שעפען וואסער. זיי האבען ביי זיי געפרעגט: „דא איז דער פאראויסזעהער?“ [פריהער, אז מען פלעגט אין ישראל געהן אנפרעגען ביי גאט, פלעגט מען זאגען: לאמיר געהן צום פאראויסזעהער; ווארום דעם, וואס מען רופט איצט אן נביא, האט מען פריהער גערופען — פאראויסזעהער]. יענע האבען זיי געענטפערט און געזאגט: — יא, ער איז דא פאר אייך. ער איז נאר וואס געקומען אין שטאט, ווייל היינט איז ביים פאלק א יום טוב אין קרבנות אויף דער הויכעניש (במה). ווען איהר וועט קומען אין שטאט אריין, וועט איהר איהם פונקט טרעפען, איידער ער וועט נאך אוועקגעהן אויף דער הויכעניש, צו דער מאלצייט. ווייל דאס פאלק הויבט ניט אן צו עסען, ביז ער וועט ניט קומען. ווען ער וועט בענשען דעם קרבן, דאן וועלען די געסט ערשט

נעמען עסען. בכן געדט: גראָד איצט וועט איהר איהם נאָך געפֿינען. — און זיי זײַנען אַוועק אין שטאָט. זיי געהען אַרײַן אין שטאָט, — ערשט שמואל געהט זיי אַרויס אַנטקעגען, כּדי צו געהן צום מזבח.

שאולס בעגעגעניש מיט שמואלן

און יהוה האָט זיך געוויזען צו שמואלן מיט אַ טאָג פֿריהער פֿאַר שאולס אָנקומען און האָט געזאָגט צו איהם: „מאָרגען אין דער צײַט וועל איך צו דיר שיקען אַ מענשען פֿון לאַנד בנימין, און דו זאָלסט איהם פֿאַר אַן אָנפֿיהרער איבער מײַן פֿאָלק ישראל; ער וועט ראַטעווען מײַן פֿאָלק פֿון די פּלשתּים. איך האָב דערזעהן די לײַדען פֿון מײַן פֿאָלק, ווײַל זײַן געשריי האָט זיך דערטראָגען צו מיר". ווען שמואל האָט דערזעהן שאולן, האָט יהוה געזאָגט צו איהם: „אָט איז דער מענש, וועגען וועלכען איך האָב דיר געזאָגט; ער וועט אָנפֿיהרען מײַן פֿאָלק". און שאול איז צוגעגאַנגען צו שמואלן אין טויער און געפֿרעגט איהם: „זאָג מיר, וואו איז דעם זעהערס הויז?" און שמואל האָט געענטפֿערט שאולן: „איך בין דער זעהער, געה פֿאָראויס פֿאַר מיר צום מזבח. איהר וועט הײַנט מיטאָג עסען מיט מיר, און מאָרגען וועל איך דיך אָבלאָזען און געבען אַן ענטפֿער אויף אַלץ, וואָס בײַ דיר איז אויפֿ'ן האַרצען; און בנוגע צו די אייזעלינס, וואָס זײַנען בײַ דיר פֿאַרפֿאַלען געוואָרען מיט דרײַ טעג צוריק, זאָרג וועגען זיי ניט; זיי האָבען זיך געפֿונען. און וועמען געהערט אַל'דאָס בעסטע אין ישראל? צי דען ניט דיר און דײַן פֿאָטערס הויז?" און שאול האָט געענטפֿערט: „איך בין דאָך ניט מעהר ווי אַ בנימין־מאַן, פֿון אַ קלייגעם ישראל'שען שבט. פֿאַרוואָס־זשע רעדסטו צו מיר אַזוי?" און שמואל האָט גענומען שאול'ן און זײַן דינער מיט זיך און האָט זיי אַרײַנגעפֿיהרט אין צימער אַרײַן און זיי אַוועקגעזעצט אויפֿ'ן ערשטען אָרט צווישען די געסט, און געווען זײַנען זיי דרײַסיג מאַן. און שמואל האָט געזאָגט צו דעם קאָכער: „גיב אַהער יענעם טייל, וואָס איך האָב דיר געגעבען און וואָס איך האָב דיר געזאָגט וועגען איהם: לעג איהם אָב אָן אַ זײַט". און דער קאָכער האָט גענומען דעם קנאָכען און דעם פֿעטען עק און האָט דערלאַנגט פֿאַר שאולן. און שמואל האָט געזאָגט: „דאָס האָט מען איבערגעלאָזען פֿאַר דיר, נעם און עס". און שאול האָט געגעסען יענעם טאָג מיטאָג מיט שמואלן. און זיי האָבען זיך אַראָבגעלאָזען פֿון דער הויכעניש אין שטאָט אַרײַן, און מען האָט שאולן אויסגעבעט אויפֿ'ן דאַך, און ער האָט זיך געלעגט שלאָפֿען.

ווען דער פֿריהמאָרגען איז אויפֿגעגאַנגען, האָט שמואל אַ רוף געטאָן שאולן אויפֿ'ן דאַך און האָט געזאָגט: „שטעה אויף, איך וועל דיך בעגלייטען". און שאול איז אויפֿגעשטאַנען, און זיי זײַנען ביידע אַרויס פֿון הויז, ער און שמואל. ווען זיי זײַנען צוגעגאַנגען צום עק שטאָט, האָט שמואל געזאָגט צו שאולן: „זאָג דעם דינער, אַז ער זאָל געהן פֿאָראויס, און דו וואַרט אויף אַ ווײַלע, און איך וועל דיר אַנטפּלעקען דאָס געטליכע וואָרט".

די זאלבונג פון שאול צו דער מלוכה.

און שמואל האָט גענומען אַ קריגעל מיט בוימעל און האָט אויסגעגאָסען דעם בוימעל אויף שאולס קאָפּ, האָט איהם אַ קוש געגעבען און געזאָגט: „דערמיט האָט יהוה דיך געזאַלבט פֿאַר אַן אָנפֿיהרער איבער זײַן פֿאָלק

ישראל, און דו וועסט קיניגן איבערן פאלק פון יהוה און דו וועסט אידם בעפרייען פון זיינע פיינד. און עס זאל דיר דינען פאר א צייכען, אז יהוה האט דיך געזאלבט פאר א קיניג איבער זיין נחלה, אט וואס: ווען דו וועסט איצט אוועקגעהן פון מיר, וועסטו טרעפן ביי רחלס קבר אויפן גרעניץ פון בנימין באגעגענען צוויי מענשען, און זיי וועלען צו דיר זאגען: „עס האבען זיך געפונען די אייזעלינס, וועלכע דו ביסט געגאנגען זוכען, און דיין פאטער האט פארגעסען די אייזעלינס און באאומרוהיגט זיך וועגען אייך און זאגט: וואס זאל איך טון מיט מיין זוהן?“ — און דו וועסט פון דארטען געהן ווייטער און וועסט קומען ביז דעמבערבוים פון תבור, און דיך וועלען דארטען באגעגענען דריי מענשען, וואס געהען צו גאט קיין בית אל: איינער פיהרט מיט זיך דריי ציגעלעך, דער צווייטער טראגט דריי ברויטען, און דער דריטער טראגט א לאגעל מיט וויין; זיי וועלען זיך גריסען מיט דיר און זיי וועלען דיר געבען צוויי ברויטען, און דו נעם ביי זיי. דערנאך וועסטו קומען אין דער געטליכער גבעה, אהין, וואו עס וואוינט דער שטאטהאלטער פון פלשתים; און ווען דו וועסט קומען אין שטאט אריין, צו יענעם ארט, וועסטו געפינען א מחנה נביאים, וואס לאזען זיך אראב פון דער הייליגעניש; פאראויס פאר זיי איז א הארף, א פויק, א פייפעל און א פידעל, און אליין זיינען זיי נביאיש בעגייסטערט. דאן וועט אראב אויך אויף דיר דער גייסט פון יהוה, און עס וועט דיך אנכאפען די זעלביגע נביאישע בעגייסטערונג, און דו וועסט ווערען אן אנדער מענטש; ווען די צייכענס וועלען ביי דיר מקוים ווערען, דאן, פאר וואס דו וועסט זיך נים נעמען — איז גאט מיט דיר“.

ווי שאול האט זיך נאר אבגעקעהרט, כדי אוועקצוגעהן פון שמואלן [האט גאט איבערגעאנדערשט אינגאנצען זיין הארץ, און עס זיינען מקוים געווארען אלע צייכענס אין יענעם טאג]. ווען זיי זיינען געקומען פון דארטען קיין גבעה האבען זיי בעגעגענט א מחנה נביאים, און עס האט אנגעכאפט שאולן דער געטליכער גייסט, און ער איז געווארען ווי בעצויבערט. ווען עס האבען אידם דערזעהן אלע, וואס האבען אידם געקענט פון אמאליגע יאהרען, אז ער רעדט מיט בעגייסטערונג גלייך ווי די נביאים, האבען זיי אנגעהויבען פרעגען איינע די אנדערע: וואס איז דאס געווארען מיט קיש'ס זוהן? איז דען שאול אויך צווישען די נביאים? [און עס האט געענטפערט איינער פון די, וואס זיינען דארטען געווען און געזאגט: און ווער איז זייער פאטער?] דערפאר איז דאס שוין געווארען א ווערטעל: „איז דען שאול אויך צווישען די נביאים?“.

ווען זיין נביאישע בעגייסטערונג איז אריבער, איז ער אוועק אהיים. און שאול'ס פעטער האט געפרעגט ביי אידם און ביי זיין דינער: וואוהין זייט איהר געגאנגען? ער האט געזאגט: „זוכען די אייזעלינס; נאר, זעהענדיג, אז זיי זיינען נישטא, זיינען מיר פארגאנגען צו שמואלן“. און עס האט געזאגט שאול'ס פעטער: „דערצעהל אונז, וואס האט אייך געזאגט שמואל“. און שאול האט געזאגט צו זיין פעטער: „ער האט אונז אנגעזאגט, אז די אייזעלינס האבען זיך געפונען“. און דאס, וואס שמואל האט געזאגט אידם וועגען דער מלוכה, האט ער פון אידם בעהאלטען.

שאולס נצחון איבער די בני עמון און זיין ארויפטרעטען אויפן מלוכה׳ס שטול.

אין אַ חודש אַרום איז געקומען נחש דער עמוני און האָט בעלעגערט יבש, וואָס אין גלעד. און עס האָבען געזאָגט אַלע אַיינוואוינער פון יבש צו נחשן: „שליס מיט אונז אַ בונד, און מיר וועלען דיר דינען“. און עס האָט געזאָגט צו זיי נחש דער עמוני: „נאָר מיט דעם תנאי וועל איך מיט אייך שליסען אַ בונד, ווען איך זאָל ביי יעדערן פון אייך אויסשטעכען דאָס רעכטע אויג, און דערמיט שענדען גאַנץ ישראל“. און עס האָבען געזאָגט צו איהם די זקנים פון יבש: „גיב אונז צייט זיבען טעג, כדי מיר זאָלען קאָנען שיקען שלוחים אין אַלע ישראלישע נחלאות, און אויב קיינער וועט אונז ניט העלפען, וועלען מיר זיך דיר אונטערגעבען“. ווען די שלוחים זיינען געקומען אין גבעה פון שאול און זיי האָבען דערצעהלט די זאַך פאַרן פאָלק, האָט דאָס גאַנצע פאָלק אויפגעהויבען זיין קול און זיך צעוויינט. און שאול האָט זיך גראָד אומגעקעהרט פון פעלד און איז געגאַנגען הינטער די אָקסען. ער האָט געזאָגט: „וואָס איז דאָס מיט׳ן פאָלק? וואָס וויינט עס?“ און מען האָט איבערדערצעהלט די ווערטער פון די איינוואוינער פון יבש. און עס איז אַראָב אויף איהם דער געטליכער גייסט, ווען ער האָט דערהערט די ערצעהלונג, און ער האָט זיך אָנגעצונדען פון געוואַלדיגען צאָרן. און ער האָט גענומען אַ פּאָר אָקסען, האָט זיי צעהאַקט אויף שטיקער און האָט געשיקט זיי אין אַלע ישראלישע געגענדען דורך יענע שלוחים און אָנגעזאָגט, אַז אַזוי וועט געשעהן מיט די אָקסען פון דעם, וועלכער וועט ניט געהן גלייך נאָך שאולן [און שמואלן]. און עס איז אָנגעפאַלען די שרעק פאַר יהוה אויפ׳ן פאָלק, און עס איז אַרויסגעטראָטען, ווי איין מענש. און ווען שאול האָט זיי בעקוקט ביי בזק, איז געווען בני ישראל דריי הונדערט טויזענט און בני יהודה — דרייסיג טויזענט. און ער האָט געזאָגט צו די שלוחים, וועלכע זיינען געקומען: „זאָגט אָן די איינוואוינער פון יבש אין גלעד אַזוי: „מאָרגען, ווען די זון וועט אָנוואַרימען, וועט אייך זיין הילף“. און עס זיינען געקומען די שלוחים און האָבען אָנגעזאָגט די איינוואוינער פון יבש, און יענע האָבען זיך דערפרעהט און עס האָבען געזאָגט די איינוואוינער פון יבש צו נחשן: „מאָרגען וועלען מיר אַרויסגעהן צו אייך, און איהר קאָנט טון מיט אונז, ווי אייך וועט געפעלען“. אויפ׳ן קומענדיגען טאָג האָט שאול צעטיילט דאָס פאָלק אויף דריי מחנות, און זיי האָבען זיך אַריינגעריסען, בשעת דער פריהמאָרגענדיגער וואַך*, אין דער מיטען פון עמונישען לאַגער, און האָבען זיי צעשלאָגען, נאָך איידער די זון האָט אָנגעהויבען צו דערוואַרימען; די גאַנץ געבליבענע האָבען זיך צעזייהט אַזוי, אַז עס איז ניט געבליבען פון זיי קיין צוויי צוזאַמען.

און דאָס גאַנצע פאָלק איז אַוועק קיין גלגל און מען האָט געקרוינט שאול׳ן פאַר אַ קיניג פאַרן געזיכט פון יהוה אין גלגל, און געבראַכט קרבנות פאַר יהוה. און שאול און די מענער פון ישראל האָבען דאָרטען זעהר פרעהליך פאַרבראַכט.

שמואל א׳, קאפּיטעל ד—ז, ט—יא.

* ביי די אמאָליגע בני ישראל איז די נאַכט געווען איינגעטיילט אין דריי װאַכען (אשמורות), וואָס די לעצטע פון זיי האָט געהייסען—„די פריהמאָרגענדיגע וואַך“.

ד. די תקופה פון די מלכים ביז אויפקומען פון די גרויסע נביאים.

XIV. די אויפבליהונג פון דער ישראלישער מדינה אונטער דוד'ס הערשאפט.

די ענטשטעהונג פון דער נאציע און דער אנהויב פון דעם מלוכה-לעבען.

מיט'ן אנהויב פון דוד'ס מלוכה הויבט זיך אן א נייע תקופה אין דער ישראלישער געשיכטע.

אנשטאט א פרייען, ניט-געארדענטען שבטים-לעבען, האט זיך איינגעשטעלט א מלוכה, וואס אירהע אלגעמיינע פאליטישע אויפגאבען שטעלען גאר אן א זייט די ענגע און קליינע ארטיגע אינטערעסען פון די שבטים. די מלחמות, וואס האבען ביז דעמאלט נאר געהאט דעם צוועק אבצושטויסען אן א זייט די פארוויסטינג-אנפאלען פון די וואנדערער, ווערען איצט צו אנפאל-מלחמות, און ישראל טרעט אריין אין פאליטישע פארבינדונגען מיט די ארומיגע מלוכות.

עס קומט אן א נייע תקופה אויך אין דעם אינעווייניגסטען לעבען פון פאלק; עס הויבט אן אונטערגעהן דער פאמיליען-סדר, עס פארשווינדען די לעצטע סימנים פון די וואנדערער-מידות, עס פארטיפען זיך די סאציאלע באציהונגען. עס וואקסט אויס די נויטיגקייט אין א בירגערליכען סדר, און די פאלקס-מנהגים הויבען זיך אן בישלעכווייז אויסשלייפען, אויסבילדען און אויסגיסען זיך אין דער פארם פון א נאציאנאלער געזעצגעבונג, וואס איהר ענטוויקלונג געהט פון איצט אן האנט ביי האנט מיט ישראל'ס קולטורעלן וואקסען. דער פועל יוצא פון דאס אל'ץ איז, אז ביי די בני ישראל שטעלט זיך איין, אויסער דער אלטער אחדות פון אמונה און אבשטאמונג, א נייע, ניט-צערייסליכע פארבינדונג, — די נאציאנאלע, וועלכע וואקסט ארויס פון די אלגעמיינע אויפגאבען אין דער געגענווארט און ווערט בעזונגען אין די אלגעמיינע לעגענדעס פון דעם עבר.

פאר זיין קורצער מלוכה-צייט איז שאול געווען אויך אזוי פיל פארנומען מיט דער בעשיצונג פון לאנד אנטקעגען די פלשתים, אז עס האט ניט געקאנט דאן זיין קיין רייד ניט וועגען אייננעמונגס-מלחמות, ניט וועגען אינעווייניגסטע סדרים. ערשט די מלוכה פון דוד, וועלכע האט געדויערט מעהר פון דרייסיג יאהר, בילדעט די גרעניץ, וואס טיילט אב די געשיכטע פון די ישראלישע שבטים פון דער געשיכטע פון פאלק ישראל. זיינע געלונגענע

מלחמות האבען דערהויבען און ענטוויקעלט ישראלס אויסענווייניגסטע מאכט, זיין מלוכה-טעטיגקייט האט אויסגעשמידט נייע פארמען פון פאליטישען לעבען אין פאלק.

די בעדייטונג פון דודס מלחמות פאר דער פארשטארקונג פון דער קיניגליכער מאכט.

ניט געקוקט אבער אויף זיין הצלחה אין אלע מלחמות, האט זיך דוד'ן ניט איינגעגעבען צו בעשאפען א גרויסע ישראלישע מדינה אונטער זיין פיהרונג. די יונגע, נאך ניט פעסט-געווארענע מלוכה מיט איהר נאך ניט ענטוויקעלטער ארגאניזאציע, איז ניט געווען בכח צונויפצושמידען אין איין גאנצעס די איינגענומענע לענדער, און די אמת'ע הערשאפט פון ישראל האט בעצם ארומגענומען נאר די ישראלישע שבטים גופא. די בעציהונג פון די איינגענומענע געגענדען צו די אייננעמער האבען זיך אויסגעדריקט דערין, וואס יענע האבען אריינגעטראגען אין דער מלוכה-קאסע געוויסע אבצאהלונגען, וואס זיינען בענוצט געווארען אויף אויסצוהאלטען דעם קיניגליכען הויף און די בעאמטע פון קיניג. פונדעסטוועגען האבען דוד'ס מלחמות דאך געהאט א גרויסע בעדייטונג, ווייל זיי האבען ניט נאר בעפעסטיגט אויפ'ן טרון זיין דינאסטיע, נאר זיי האבען אויך אויפגעהויבען דעם ווערט פון דער קיניגליכער מאכט בכלל און האבען אויף א צייט איינגעשטילט די בעהאלטענע אומצופרידענקייט פון אייניגע שבטים, בעזונדערס פון שבט אפרים, וואס איז געווען אמאל דער שטארקסטער שבט און האט לכתחילה געזעהן אין דוד'ס דערהויבונג ניט די דערהויבונג פון גאנץ ישראל, נאר פון שבט יהודה אליין. נאר דוד'ס העלדישע מעשים, די הצלחה, וואס האט איהם שטענדיג בעגלייט אויף זיינע וועגען, און די רייכע רויב, וואס איז אויסגעפאלען אויפ'ן חלק פון זיין חיל, האבען בישלעכווייז צעזייהט יענע אומצופרידענקייט און שנאה, וועלכע האבען געהערשט די ערשטע יאהרען פון זיין מלוכה.

דער קיניגליכער הויף.

אין דעמזעלביגען זין האט געווירקט דער קיניגליכער הויף, וואס דוד האט איינגעפיהרט. ער איז געווען אמת בעשיידען און קליין אין פארגלייך מיט די הויפען פון אנדערע אזיאטישע מלכים, נאר פונדעסטוועגען האט ער ארויסגערופען התפעלות ביי די בני ישראל, וואס האבען געפיהרט א זעהר פרימיטיווען לעבענס-סדר און האבען בעפרידיגט נאר זייערע איינפאכסטע בעדערפענישען. אחוץ דעם האט דער אויסהאלטען דעם הויף זיך נאך ניט געלעגט ווי א שווערע משא אויפ'ן פאלק, און די הוצאות זיינע האבען זיך נאך געדעקט דורך די אבצאהלונגען פון די איינגענומענע מלוכות און דורך די מלחמה-רויב. און דערפאר האבען קיין אומרוהיגע מחשבות ניט פארשטערט די בעגייסטערונג פון די ישראלישע בירגער און ערד-ארבייטער, וועלכע האבען מיט התפעלות דערצעהלט איינע די אנדערע וועגען דעם פאלאץ פון לבנון-צעדערן און געהאקטע שטיינער, וואס עס האבען געבויט פאר'ן קיניג ספעציעלע, פון פעניקיען אויסגעשריבענע בויער און שטיין-האקער.

לויט'ן מוסטער פון אנדערע מלוכות האט דוד ארגאניזירט בײם הויף א קיניגליכע לייב-וואך, וואס איז געווען דער קערן און מיטעלפונקט פון שטענדיגען חיל, און האט זיך, אחוץ דעם, ארומגערינגעלט מיט א מחנה העלדען (גבורים), וועלכע ער האט אויסגעקליבען פון צווישען אלע ישראלישע שבטים;

די מעשׂיות וועגן דייער העלדישקייט (שמואל ב. קאַפּיטל כ״א, כ״ג) פלעגן אויף דאָס נײַ אויפוועקן אין זכרון פון פאָלק די העראָאישע בילדער פון פאַרצײַטן.

דאָס געריכט און די מלוכה־פירונג.

אין זײַן מלוכה אינעווייניג האָט דוד קודם כל אײַנגעאָרדנט דאָס געריכט און די מלוכה־פאַרוואַלטונג. פון זײַן צײַט אָן ווערט דער קיניג דער העכסטער שופט. אונטער זײַן פירונג געפינט זיך דאָס העכסטע געריכט, וואָס אונטער אים זײַנען אונטערגעוואָרפן די אָרטיגע זקנים־געריכטן. און כּדי צו פירן די פאַרשיידענע צווײַגן פון דער פאַרוואַלטונג האָט ער געגרינדעט אַ גאַנצע שורה מלוכה־שטעלן און אָנגעשטעלט זיי בעגלויבטע מענטשן פון זײַנע מקורבים.

די איבערטראָגונג פון דעם ארון קיין ירושלים.

נאָר דער ווײַכטיגסטער טריט, וואָס דוד האָט געמאַכט, כּדי צוצובינדן דאָס פאָלק צו זיך און צו זײַן משפּחה, איז געווען אָהן ספק דאָס, וואָס ער האָט אויפגעבויט אַן אַלגעמיין־נאַציאָנאַלע היליגטום אויפ׳ן באַרג ציון און איבערגעטראָגן אַהין דעם אָרון, דעם סימבאָל פון יהוה. דער אַלטער מנהג אָבצוריכטן די יעהרליכע ימים טובים אין איינעם פון די היילגע ערטער אין לאַנד האָט געבראַכט דערצו, אַז ירושלים זאָל ווערען ניט נאָר דער פּאָליטישער, נאָר אויך דער רעליגיעזער צענטער, און קיין זאַך האָט ניט געקאָנט פאַרשאַפן אַזאַ כּבוד און אָנזעהן דעם נײַעם היליגטום, ווי דער אָרון פון יהוה.

פּונקט ווי דער אָרון האָט אין אַמאָליגע צײַטען פאַראייניגט אַרום זיך אין קריגערישער התלהבות דאָס גאַנצע פאָלק, אַזוי האָט ער איצט געדאַרפט ווערען דער סימבאָל פון נאַציאָנאַלער אַחדות. אַ דאַנק אים טאַקע האָט דער היליגטום פון ציון פאַרנומען דעם גרעסטען, כּבודיגסטען אָרט אין רעליגיעזן לעבן פון פאָלק; נאָר די היליגקײַט פון אַנדערע ערטער, וואָס האָבען געהאַט אַ גרויסען היסטאָרישען עבר, איז דורכדעם ניט געמינערט געוואָרען. די בעדײַטונג פון דעם היליגטום אויפ׳ן באַרג ציון איז נאָך גרעסער געוואָרען דורכדעם, וואָס עס האָט זיך געפונען אין דער הויפּט־שטאָט אונטערן שוץ פון קיניג, און וואָס דער גאָטעס־דינסט איז געווען איבערגעגעבען אין די הענט פון אַ גאַנצען שטאַט געניטע, ערצויגענע לויים.

די ערשטע התחלה פון געשיכטס־שרײַבונג. דער נאַציאָנאַלער עפּאָס.

אַזאַ פילזײַטיגע און פרוכטבאַרע מלוכה־טעטיגקײַט האָט שטאַרק געווירקט אויף דער ענטוויקלונג פון פאָלקס־בעוואוסטזײַן און האָט, פאַרשטעהט זיך, געדאַרפט אַרויסרופן אין פאָלק אַן אינטערעס צו זײַן געשיכטע, הן אין דעם זין פון פאַראייביגען די מעשׂים פון דער געגענוואַרט, הן אין דעם שטרעבען איבערצוגעבען די קומענדיגע דורות די זכרונות וועגן עבר. און דעריבער זעהען מיר טאַקע, אַז צווישען די פאַרשיידענע בעאַמטע פון דוד ווערט דערמאָנט דער סופר, דער קיניגליכער שרײַבער. דער חוב פון דעם סופר איז געווען צו פירען אַ שטענדיגען גענויעם רייסטער, אַ כראָניק, איבער אַלע וויכטיגע מעשׂים, וואָס קומען פאָר פאַר דער רעגירונגס־צײַט פון קיניג. אַחוץ דעם דאַרף מען משער זײַן, אַז אין דוד׳ס צײַט זײַנען געמאַכט געוואָרען די ערשטע התחלות צונויפצוקלײַבען די ווערק פון ישׂראלישען העראָאישען עפּאָס, וואָס איז דערנאָך פאַראייניגט געוואָרען אין צוויי זעלבשטענדיגע זאַמלונגען, וואָס ווערען דערמאָנט אין תנ״ך*: „דאָס בוך פון יהוה׳ס מלחמות“ (ספר מלחמות יהוה) און „דאָס בוך

* זעה במדבר כ״א 14; יהושע י׳ 13.

פון די גערעכטע" (ספר הישר). ווען מען בעטראכט די קורצע ביבלישע ציטאטען פון די דאזיגע ספרים, קאן מען קומען צו דער איבערצייגונג, אז דאס זיינען געווען זאמעל-ווערק פון היסטארישע לידער. די איבערגעבליבענע שטיקער פון די אלטע פאלקס-ביכער זאגען עדות וועגן דער הויכער פאעטישער שענקייט פון דעם דאזיגען פארלארען-געגאנגענעם פאלקס-עפאס.

איף אזא אופן שטעלט די מלוכה-צייט פון דוד פאר א תקופה פון גליקליכע און פרוכטבארע התחלות אין אלע צווייגען פון פאליטישען און גייסטיגען לעבען, א תקופה פון ערשטען אויפבליהען פון די שאפענדע פאלקס-כחות. עס איז דעריבער שוין לייכט צו פארשטעהן, פארוואס דוד איז געווארען דער געליבטער העלד פון דער פאלקס-פאנטאזיע, און זיין צייט — די פארקערפערונג פון נאציאנאלען כבוד און פון נאציאנאלע האפנונגען.

Reuss—Die Gesshichte der Heiligen Schriften des Alten Testaments, 1890.

XV. די תנ"ך-ערצעהלונגען וועגען די ערשטע מלכים און וועגען דער צעטיילונג פון דער מלוכה.

שאול'ס טויט.

נאך דעם, אז דוד האט זיך אומגעקעהרט קיין צקלג נאך דעם נצחון איבער די עמלקים און איז אבגעווען דארטען צווי טעג, ערשט עס קומט פלוצלונג אויפ'ן דריטען טאג א מענש פון שאולס לאגער: די קליידער זיינען אויף איהם צעריסען, און זיין קאפ איז בעשאטען מיט ערד. געקומען צו דוד'ן, איז ער געפאלען צו דער ערד און איינגעבויגען זיך פאר איהם. און דוד האט איהם געפרעגט: „וואס איז געשעהן? דערצעהל מיר". און יענער האט געזאגט: „דאס פאלק איז זיך צעלאפען פון מלחמה-פעלד, און א גרויסער טייל פון פאלק איז געפאלען, און שאול און זיין זוהן יונתן זיינען דערהרג'עט". און דוד האט געפרעגט ביי דעם יונגען מענשען, וואס האט דערצעהלט איהם: „פון וואנען ווייסטו, אז שאול און זיין זוהן יונתן זיינען טויט?" און עס האט געזאגט דער יונגער מענש, וואס האט איהם דערצעהלט: „איך בין צופעליג געקומען פון בארג גלבוע — ערשט שאול שטעהט אנגעשפארט אויף זיין שפיז, און די רייטוועגען און רייטער דעריאגען צו איהם באלד. ער האט זיך ארומגעקוקט אויף הינטען און, דער־זעהענדיג מיך, האט ער מיך צוגערופען. און איך האב געזאגט: „אט בין איך". ער האט מיך געפרעגט: „ווער ביסטו?" און איך האב איהם געענטפערט: איך בין אן עמלקי". דאן האט ער געזאגט צו מיר: „גיה צו צו מיר און טויט מיך, ווייל א טויט-ציטערניש האט מיך אנגעכאפט, און קוים וואס איך לעב". און איך בין צוגעגאנגען צו איהם און האב איהם געטויט, ווייל איך האב געוואוסט, אז ער וועט ניט בלייבען לעבען פון דעם שלאג. הערנאך האב איך גענומען די קרוין, וואס אויף זיין קאפ און דעם בראסלעט פון זיין האנט און געבראכט זיי אהער צו מיין הער". דאן האט דוד זיך אנגעכאפט פאר זיינע קליידער און האט זיי צעריסען, און אזוי האבען געטאן אויך אלע, וואס זיינען געווען מיט איהם, און זיי האבען געקלאגט, און געוויינט, און געפאסט ביזן אווענט איבער

שאולן און זיין זוהן יהונתן און דאָס פאָלק פון יהוה, און דאָס הויז פון ישראל, וואָס זיינען געפאַלען פון שווערד. און דוד האָט געפרעגט דעם יונגען מענשען, וואָס האָט איהם דערצעהלט: „פון וואַנען ביסטו?" און יענער האָט געזאָגט: „איך בין דער זוהן פון אַן „עמלקישען פרעמדען". און דוד האָט צו איהם געזאָגט: „ווי זשע האָסטו ניט מורא געהאַט אויפצוהויבען אַ האַנט אויפ'ן געזאַלבטען פון יהוה?" און דוד האָט צוגערופען איינעם פון די קריגסלייט און געזאָגט צו איהם: „טויט אָט דעם!" און יענער האָט איהם געטויט, און ער איז געשטאָרבען. און דוד האָט געזאָגט: דיין קאָפּ בעצאָהלסטו פאַר דיין בלוט; דיין אייגענער מויל האָט עדות געזאָגט אַנטקעגען דיר, ווען דו האָסט געזאָגט: „איך האָב געטויט דעם געזאַלבטען פון יהוה".

דוד'ס ליד אויפן טויט פון שאול און יהונתן.

און דוד האָט בעוויינט שאולן און זיין זוהן יהונתן מיט אָט דעם קלאָג־ליד:
דיין פּראַכט, אָ ישראל, ליגט דערשלאָגען אויף דיינע הויכענישען!
ווי זיינען געפאַלען די העלדען!
דערצעהלט ניט אין גת,
זאָגט ניט אָן אויף די גאַסען פון אַשקלון,
כדי ס'זאָלען זיך ניט פרעהען די פלשתים'ס טעכטער,
ניט לוסטיג זיין די טעכטער פון די ניט־בעשניטענע.

אידר, בערג גלבוע,
עס זאָל אויף אייך ניט פאַלען ניט טוי, ניט רעגען, אידר טויטען־
פעלדער;
וויל דאָרטען ליגט פאַרוואָרפען דער שילד פון די העלדען
שאול'ס שילד ניט געזאַלבט מיט בוימעל;*

אָהן בלוט פון פאַרוואונדעטע,
אָהן פעטקייט פון העלדען
פלעגט יהונתנ'ס בויגען ניט אומקעהרען זיך פון מלחמה.
און שאולס שווערד פלעגט ניט צוריקקומען אַהיים.

שאול און יהונתן, די געליבטע און די אָנגענעמע,
ביים לעבען ווי ביים טויט האָבען זיי זיך ניט געשיידט, —
זיי, וואָס זיינען געווען פלינקער פאַר די אָדלערס
שטאַרקער פאַר די לייבען.

אידר טעכטער פון ישראל!
וויינט איבער שאול'ן,

* אזוי ווי די מלחמה איז געווען א הייליגע זאך, פלעגט דאָס פאָלק פארן ארויסגעהן אויפן מלחמה־פעלד זאַלבען זיין געוועהר מיט בוימעל, און דורכדעם הייליגען איהם פאר גאָט.

ער האָט אײַך אָנגעטאָן אין רויטען געוואַנט מיט טײַערן פוץ,
און האָט אָנגעהאָנגען גאָלדענע צירונגען אויף אײַערע קליידער.

ווי זײַנען געפאַלען די העלדען אין מלחמה־פעלד,
יהונתן אויף דײַנע הויכענישען — אַ דערשלאָגענער!
וועה איז מיר פאַר דיר, מײַן ברודער יהונתן, ווי ביסטו מיר טײַער געווען!
דײַן ליבע איז מיר געווען אָנגענעמער פון פרויען־ליבע.

ווי זײַנען געפאַלען די העלדען
פאַרלאָרען געגאַנגען די מלחמה־געוועהר!

דוד'ס אַרויפֿטרעטן אויפֿן מלוכה־שטול און די איינעמונג פון ירושלים.

און עס זײַנען געקומען די ישׂראלישע שבטים צו דוד'ן קיין חברון און האָבען געזאָגט צו איהם: מיר זײַנען דאָך דײַן ביין און דײַן פלייש; שוין פון אַמאָליגע צײַטען אָן, ווען שאול האָט נאָך געקיניגט איבער אונז, ביסטו געווען דער, וועלכער האָט געפיהרט ישׂראל'ן אויף מלחמה און געבראַכט איהם צוריק אַהיים; דערצו האָט יהוה געזאָגט צו דיר: „דו וועסט פיטערן מײַן פאָלק ישׂראל, דו וועסט זײַן ישׂראלס פיהרער“. און עס זײַנען אָנגעקומען די ישׂראלישע זקנים קיין חברון צו דוד'ן. און דער קיניג דוד האָט מיט זיי געשלאָסען אַן אָבמאַך אין חברון פאַר'ן געזיכט פון יהוה, און זיי האָבען געזאַלבט דוד'ן פאַר אַ קיניג איבער ישׂראל. דרײַסיג יאָהר איז דוד אַלט געווען, בשעת'ן אָנהויב פון זײַן מלוכה; פערציג יאָהר האָט ער געקיניגט: אין חברון איבער יהודה האָט ער געקיניגט זיבען יאָהר מיט זעקס חדשים, און אין ירושלים האָט ער געקיניגט דרײַ און דרײַסיג יאָהר איבער גאַנץ ישׂראל און יהודה. ווען דער קיניג האָט זיך דערנעהענטערט מיט זײַן וואָך צו ירושלים אַנטקעגען די יבוסים, די אײַנוואוינער פון יענעם לאַנד, האָבען זיי געזאָגט צו דוד'ן: „דו וועסט אַהערצו ניט אָנקומען; די בלינדע און הינקענדיגע וועלען דיך פאַריאָגען“. [דאָס האָט געדאַרפט בעדײַטען: דוד וועט אַהערצו ניט אַרײַנקומען]. אָבער דוד האָט אײַנגענומען די פעסטונג ציון [דאָס איז די שטאָט פון דוד]. און דוד האָט געזאָגט אין יענעם טאָג: „טויטענדיג די יבוסים, זאָל יעדער צעשלאָגען מיט'ן שווערד אויף די הינקעדיגע און בלינדע“. דערפאַר געהט אַ וואָרט: „אַ בלינדער און הינקעדיגער זאָל ניט אַרײַנקומען אין הויז“.

און דוד האָט זיך בעזעצט אין פעסטונג און האָט זי אַ נאָמען געגעבען: די שטאָט פון דוד און ער האָט אויסגעבויט אַ שטאָט אַרום און אַרום, פון מלוא** אינעווייניג אַרײַן. און עס האָט זיך געשטאַרקט דוד'ס ממשלה, און יהוה, דער גאָט פון די חילות, איז געווען מיט איהם. און חירם, דער קיניג פון צור, האָט געשיקט צו דוד'ן שלוחים מיט צעדער־בוימער, בויער און שטיין.

* אַ וויץ, וואָס מען האָט, קענטיג, ניט גענוג פאַרשטאַנען און וואָס איז דערפאַר פאַרגרייזט איבערגעגעבען געוואָרען אונז דורך אַ שפּעטערדיגען תנ"ך־שרײַבער.

** אַ טורעם, וועלכער איז געווען אַ טייל פון דער ירושלים'ער פעסטונג.

האַקער, און זיי האָבן אויסגעבויט חוה'ן אַ הויז. און דוד האָט דערזעהן, אַז יהוה האָט איהם בעפעסטיגט פאַר אַ קיניג איבער ישראל, אַז ער האָט דערהויבן זיין מלוכה פון זיין פאָלק ישראל'ס וועגן.

דער נצחון איבער די פלשתים.

ווען די פלשתים האָבן דערהערט, אַז מען האָט דוד'ן געזאַלבט פאַר אַ קיניג איבער גאַנץ ישראל, האָבן זיך אַלע פלשתים אַוועקגעלאָזן פאַנגען דוד'ן. און דוד האָט דערהערט און זיך פאַרשלאָסען אין פעסטונג. נאָר ווען די פלשתים זיינען געקומען און זיך אויסגעשטעלט אין רפאים-טאָל, האָט דוד אָנגעפרעגט ביי יהוה: „זאָל איך דען געהן אַנטקעגען די פלשתים? וועסטו זיי איבערגעבן אין מיינע הענט?“ און יהוה האָט געזאָגט: „געה, און איך וועל איבערגעבן די פלשתים אין דיינע הענט“. און דוד איז אַוועק קיין בעל-פרצים. ווען דוד האָט זיי צעשלאָגען דאָרטען, האָט ער אויסגערופען: „יהוה האָט אַוועקגעטראָגען מיינע פיינד, ווי עס טראָגט אַוועק דאָס וואַסער, ווען עס רייסט זיך דורך“. דערפאַר האָט מען אַ נאָמען געגעבן יענעם אָרט בעל פרצים (דער גאָט פון דורכרייסונג). און זיי האָבן דאָרטען געלאָזן זייערע געטער, און דוד מיט זיין וואַך האָבן זיי גענומען. און די פלשתים זיינען אויף דאָס ניי געקומען און זיך אויסגעשטעלט אין רפאים-טאָל. און ווען דוד האָט אָנגעפרעגט ביי יהוה, האָט ער איהם געענטפערט: „געה צו זיי ניט אַרויס אַנטקעגען, נאָר געה זיי אַרום פון הינטען און פאַל אויף זיי אָן פון דעם זייד-בוימער-וועלדעל אַרויס. און ווען דו וועסט דערהערען פונקט ווי אַ גערויש פון טריט, וואָס טראָגט זיך איבער די שפיצען פון די זייד-בוימער, דאַן לאָז זיך אין שלאַכט, ווייל יהוה איז דורכגעגאַנגען פאַר דיר פאָראויס, כדי צו דערשלאָגען דעם פלשתישען חיל“. און דוד האָט געטאָן אַזוי, ווי עס האָט איהם פאַרזאָגט יהוה, און ער האָט צעשלאָגען די פלשתים פון גבעון ביז גזר.

איבערטראָגונג פון יהוה'ס אָרון אויפן בארג.

און דוד האָט אויף דאָס ניי צונויפגעקליבען די אויסגעוועהלטע מענער פון ישראל: דרייסיג טויזענט. און דוד האָט זיך געלאָזן אין וועג מיט אַלעמען, וועלכע זיינען געווען מיט איהם, און איז אַוועק אויף בעלת, וואָס אין לאַנד יהודה, כדי איבערצוטראָגען פון דאָרטען דעם געטליכען אָרון, וועלכער טראָגט דעם נאָמען פון יהוה, דעם חילות-גאָט, וואָס זיצט איבער די כרובים. און מען האָט אַוועקגעשטעלט דעם געטליכען אָרון אויף אַ נייעם וואָגען און אַרויסגעפיהרט איהם פון אַבינדב'ס הויז, וואָס איז'ן בערגעל, און אַבינדב'ס זיהן עזא און אַחיו האָבן געפיהרט דעם נייעם וואָגען. עזא איז געגאַנגען גלייך מיט'ן וואָגען און אַחיו פון פאָרענט. און דוד און אַלע בני ישראל האָבן געטאַנצט פאַר יהוה מיט אַלע כחות אונטער דער מוזיק-שפיל פון ציטרעס און האַרפען, פויקען, גלעקעלעך און צימבלען (זעה בילד 8). און ווען זיי זיינען געקומען ביז'ן שייער פון נכון, האָט עזא אויסגעשטרעקט זיין האַנט צום געטליכען אָרון, און אונטערגעהאַלטען איהם, ווייל די אָקסען האָבן זיך אויסגעגליטשט. און יהוה איז אין כעס געוואָרען אויף עזא'ן, און גאָט האָט איהם דערשלאָגען דערפאַר, וואָס ער האָט אויסגעשטרעקט זיין האַנט צום אָרון, און ער איז געשטאָרבען דאָרטען גופא ביים געטליכען אָרון. און דוד איז געווען ברוגז פאַר דאָס, וואָס יהוה האָט דערשלאָגען עזא'ן. יענער אָרט רופט זיך אָן ביז היינטיגען טאָג: פרץ עזא (דער אונטערגאַנג עזא'ס).

און עס האָט אָנגעכאַפּט דוד׳ן אין יענעם טאָג אַ שרעק פאַר יהוה, און ער האָט געזאָגט: „ווי וועט קומען צו מיר דער אָרון פון יהוה?“ און דוד האָט ניט געוואָלט פירען דעם אָרון פון יהוה צו זיך, אין שטאָט פון דוד. און ער האָט אים אָבגעשיקט אין הויז אַריין פון עבד אדם קיין גת.

און דער אָרון פון יהוה איז געבליבען אין הויז פון עבד אדם אין גת דריי חדשים. יהוה האָט געבענשט עבד אדם און זיין גאַנץ הויז. ווען מען האָט דעם קיניג דוד איבערגעגעבען: — „יהוה האָט געבענשט דאָס הויז פון עבד אדם און אַלץ, וואָס געהערט צו איהם, איבער דעם געטליכען אָרון“, איז דוד אַוועק און האָט פייערליך איבערגעטראָגען דעם געט־ליכען אָרון פון עבד אדמ׳ס הויז אין דוד׳ס שטאָט אַריין. און ווען די, וועל־כע האָבען געטראָגען דעם אָרון פון יהוה, זיינען דורכגעגאַנגען די ערשטע זעקס טריט, האָט ער געבראַכט אַ קרבן אַן אָקס און אַ געשטאָפּטען קאַלב. און דוד האָט געטאַנצט מיט אַלע כחות פאַר יהוה; אָנגעטאָן איז ער געווען אין אַ געוואַנ־טענער קליידונג (אפוד); און דוד און דאָס גאַנצע פאָלק ישראל האָבען בעגלייט דעם אָרון פון יהוה מיט פרייד־געשרייען און שאַלעריי פון שופרות. ווען דער אָרון פון יהוה איז אָנגעקומען אין דער שטאָט פון דוד, האָט מיכל, שאולס טאָכטער (דוד׳ס ווייב), געקוקט דורכ׳ן פענסטער, און בשעת זי האָט דערזעהן דוד׳ן, ווי ער טאַנצט און שפּרינגט פאַר יהוה, האָט זי דערפיהלט אַ פאַראַכטונג צו איהם. און מען האָט געבראַכט דעם אָרון פון יהוה און מען האָט איהם אַוועקגעשטעלט אויף זיין אָרט אין מיטען געצעלט, וואָס דוד האָט פאַר איהם צעשפּרייט*. און דוד האָט גע־בראַכט פייער־אָפּפערס פאַר יהוה און פרידען־קרבנות. ווען דוד האָט שוין גע־ענדיגט צו ברענגען די פייער־אָפּפערס און די פרידען־קרבנות, האָט ער געבענשט דאָס פאָלק אין נאָמען פון יהוה דעם חילות־גאָט, און האָט צעטיילט דעם גאַנצען פאָלק, אַלע צוזאַמענגעקומענע בני ישראל, סיי די מאַנסביל סיי די ווייבער צו איין ברויט, צו שטיק געבראָטענע פלייש און צו איין זיסען קוכען יעדערן. נאָכדעם איז זיך דאָס גאַנצע פאָלק צעגאַנגען אַהיים.

בילד 8: אלט־שמישע כלי־זמר.

די מוזיק־אינסטרומענטען (פון לינקס אויף רעכטס): אַ פויק (תוף), אַ פינף סטרוניגע ציטרע (כנור), אַ צימבעל (צלצלים) און אַ זיבען־סטרוניגע ציטרע.

* עס רעדט זיך דאָ וועגען אַ ספּעציעל איינגעאָרדענטען געצעלט, ווייל דער אָרון האָט, ווי עס ווייזט אויס, ביז דעמאָלט נאָך ניט געהאַט קיין בעשטימטען אָרט. וועגען דעם אַזוי גערופענעם משכן (אוהל מועד), וואו דער אָרון האָט זיך געדאַרפט געפינען נאָך דעם דין פון דער תורה, זעה דעם אַרטיקעל: „דער גייסטיגער צושטאַנד פון יודישען פאָלק אין דער תקופה פון עזרא און נחמיה“.

ווען דוד האָט זיך אומגעקעהרט אַהיים, כּדי צו בּעגריסען די זײַנינע, איז מיכל, שאול'ס טאָכטער, אַרויסגעגאַנגען איהם אַנטקעגען מיט פאָלגענדע ווערטער: „נו, האָט זיך היינט אַמאָל אויסגעצייכענט דער ישׂראל'שער קיניג, אַבּדעקענדיג זיך* פאַר די אויגען פון זײַנע קנעכט, דינסטען, ווי עס וואָלט פּאַסען פאַר עמיצען פון המון“. און דוד האָט געזאָגט צו מיכל: „איך וועל שטענדיג טאַנצען פאַר יהוה, וועלכער האָט מיך העכער געשעצט פאַר דײַן פאָטער און פאַר זײַן גאַנצען הויזגעזינד, און בּעשטימט מיך פאַר אַ פיהרער פון ישׂראל, זײַן פאָלק, און שטענדיג וועל איך שפּילען פאַר יהוה! און איך בּין נאָך דאָס אויך ניט ווערט, איך וויל זיך ניט נאַרען. און צווישען זאָל איך זוכען כּבוד בּײַ יענע דינסטען, וועגען וועלכע דו האָסט גערעדט?“

שמואל ב, קאַפּיטעל א, ה—ו.

און שלמה האָט געקיניגט איבּער גאַנץ ישׂראל, און זײַן ממשלה איז געגאַנגען איבּער אַלע מלוכות פון טײַך פּרת אָן בּיז'ן פּלשתּים־לאַנד און בּיז די גרעניצען פון מצרים. זיי האָבּען געצאָהלט צינזש און זײַנען געווען אונטערטעניג שלמה'ן אין משך פון זײַן גאַנצער מלוכה. שלמה'ס מלוכה. דער בּנין פון בּית המקדש.

און חירם, דער קיניג פון צור, ווען ער האָט דערהערט, אַז מען האָט געזאַלבּט שלמה'ן פאַר אַ קיניג אָנשטאָט זײַן פאָטער, האָט ער געשיקט צו איהם זײַנע שלוחים, ווײַל חירם איז געווען שטענדיג דוד'ס אַן אמת'ער פרײַנד. און שלמה האָט געשיקט זאָגען חירמ'ען: „דו ווייסט, אַז דוד, מײַן פאָטער, האָט ניט געקאָנט בּויען קײַן בּית המקדש אין נאָמען פון יהוה, זײַן גאָט, איבּער די מלחמות מיט די שכנישע פעלקער, וואָס האָבּען אַלץ ניט אויפגעהערט, בּיז יהוה האָט זיי איהם ניט אונטערגעגעבּען. איצט אָבּער האָט יהוה, מײַן גאָט, מיר געשענקט שלום פון אַלע זײַטען: איך האָבּ ניט קײַן שונא, און עס איז ניטאָ מעהר קײַן שטערונגען. און אָט האַלט איך בּײַ בּויען אַ הויז אין נאָמען פון יהוה, מײַן גאָט, ווי יהוה האָט געזאָגט צו מײַן פאָטער דוד: דײַן זוהן, וואָס איך וועל איהם אַוועקזעצען אָנשטאָט דיר אויף דײַן שטול, ער וועט אויפבּויען אַ הויז אין מײַן נאָמען. דערפאַר פאַרזאָג, אַז מען זאָל אויסהאַקען פאַר מיר אויפ'ן לבנון צעדער־בּוימער, און מײַנע קנעכט וועלען אַרבּײַטען צוזאַמען מיט דײַנע קנעכט, און איך וועל דיר איבּערגעבּען די שׂכירות פאַר דײַנע קנעכט אין דער מאָס, וואָס דו וועסט בּעשטימען; דו ווייסט דאָך, אַז בּײַ אונז איז ניטאָ קײַן מענשען, וואָס זאָלען קאָנען האַקען אַ שטעהענדיגען וואַלד אַזוי, ווי די צידונים“.

ווען חירם האָט דערהערט שלמה'ס ווערטער, האָט ער זיך דערפרעהט און געזאָגט: „געבּענשט זאָל איצט זײַן יהוה, וועלכער האָט געגעבּען דוד'ן אַ קלוגען זוהן — אַ הערשער איבּער דעם צאָהלרײַכען פאָלק!“ און חירם האָט

* דער אפוד, א געוואַנטענע קליידונג פון די כּהנים, האָט זיך פארצייטען אָנגעטאָן אויפ'ן הוילען לײַבּ.

געשיקט זאָגען שלמה'ן: „איך האָב אויסגעהערט דאָס, וועגען וואָס דו האָסט געשיקט צו מיר. איך פון מיין זייט וועל אויספיל'ען דאָס אַלץ, וואָס דו ווילסט, וועגען צעדערן־ און קיפּאַריסען־האָלד; מיינע קנעכט וועלען איהם אַראָבפיהרען פון לבנון צום ים, און איך וועל זיי מיט פליטען צושטעלען צו יענעם אָרט, וועלכען דו וועסט מיר אָנווייזען; דאָרטען וועל איך איהם אַרויסלעגען, און דו וועסט איהם שיקען נעמען. אָבער דו זאָלסט אויך ערפילען מיין וואונש און צושטעלען מיר ברויט פאַר מיין הויף". און חירם האָט צוגעשטעלט שלמה'ן צעדערן־ און קיפּאַריסען־בוימער, וויפיל ער האָט געוואָלט, און שלמה האָט צוגעשטעלט צוואַנציג טויזענט כר ווייץ פאַר דער אויסהאַלטונג פון זיין הויף און צוואַנציג טויזענט בת בוימעל פון איינגעדריקטע איילבערטען — אַזויפיל האָט שלמה צוגעשטעלט חירם'ען יעדעס יאָהר. און דער קיניג שלמה האָט אַרויפגעלעגט אַ התחיבות אויף גאַנץ ישראל, און געהייסען אַרויסשטעלען דרייסיג טויזענט מאַן. און ער האָט געשיקט זיי אויף'ן לבנון, בייטענדיג צו צעהן טויזענט מאַן יעדען חודש: אַ חודש זיינען זיי געווען אויף'ן לבנון און צוויי חדשים ביי זיך אין דער היים, און פאַר אַן אָנפיהרער איבער זיי איז בעשטימט געוואָרען אַדנירם.

די הייליגונג פון בית המקדש.

און ווען די גאַנצע אַרבייט, וועלכע עס האָט פאָרגענומען דער קיניג שלמה פאַרן בית המקדש פון יהוה, איז פאַרענדיגט געוואָרען, האָט שלמה איבערגעטראָגען אַהינצו די מתנות, וואָס זיינען געהייליגט געוואָרען דורך דוד זיין פאָטער; זילבער און גאָלד און די גאַנצע כלים, און האָט זיי אָבגעגעבען אין די קאַמערן פון בית המקדש.

און שלמה האָט דאַן צונויפגערופען די זקנים פון ישראל און אַלע אָנפיהרער פון די שבטים, די פאָרשטעהער פון די ישראל'שע משפחות, צום קיניג שלמה קיין ירושלים, כדי איבערצוטראָגען דעם אָרון [פון בונד] יהוה'ס פון דוד'ס שטאָט, דאָס הייסט, פון ציון. און עס האָבען זיך אויפגעקליבען צום קיניג שלמה אַלע בני ישראל אין חודש איתנים, אויף יום טוב, דאָס הייסט, אין זיבעטען חודש, און עס זיינען געקומען די ישראל'שע זקנים און די כהנים האָבען אויפגעהויבען דעם אָרון און האָבען אַוועקגעטראָגען דעם אָרון פון יהוה [און דעם אהל מועד און אַלע הייליגע זאַכען, וועלכע זיינען געווען אין אהל; און די כהנים און לויים האָבען זיי אַוועקגעטראָגען. און דער קיניג שלמה, און מיט איהם די גאַנצע געמיינדע פון ישראל, וואָס האָט זיך אויפגעקומען צו איהם, זיינען געשטאַנען ביי דעם אָרון און געבראַכט פאַר אַ קרבן שעפסען און אָקסען אין אַזאַ גרויסער צאָהל, וואָס מען קאָן זי ניט איבערצעהלען און בעשטימען *]. און עס האָבען אַריינגעטראָגען די כהנים דעם

* „די געמיינדע פון ישראל", „די כהנים און לויים"—דאָס זיינען אויסדרוקען, וואָס שטימען ניט מיטן אלגעמיינעם כאַראַקטער פון דער ערצעהלונג, וואָס שטעלט פאַר ישראל אַלס אַ פאָלק, וואָס איז אייגעטיילט אין משפחות און שבטים, און וואָס ווייס נאָך ניט פון די לויים, ווי פון אַ בעזונדער קלאַס גאָטסדינער, אחוץ די כהנים (זעה דעם סוף פון דעם אַרטיקעל אין די בעמערקונגען). די דאָזיגע שטריכען, וועלכע כאַראַקטעריזירען גיכער די שפּעטערדיגע עפּאָכע פון דער יודישער געשיכטע, זיינען געוויס אַריינגעשטעלט געוואָרען שפּעטער

אָרון פֿון יהוה׳ס [בונד] אויף זײַן אָרט, אין דער טיף פֿון בית המקדש, אין קדשי־קדשים אונטער די פֿליגלען פֿון די כרובים. [ווײַל די כרובים האָבען צעשפּרייט זייערע פֿליגלען איבער דעם אָרט פֿון אָרון און אויף אַזאַ אופֿן צוגעדעקט פֿון אויבען דעם אָרון און זײַנע שטאַנגען. און די שטאַנגען זײַנען געווען אַזוי לאַנג, אַז זייערע עקען האָבען זיך אַרויסגעזעהן פֿון הייליגטום, וואָס פֿאַר דעם קדשי־קדשים, נאָר פֿון אויסווייניג האָט מען זיי ניט געקאָנט זעהן; דאָרטען זײַנען זיי געבליבען אויף ביז איצט. אין אָרון איז גאָרנישט ניט געווען, אויסער די צוויי שטיינערנע לוחות, וועלכע משה האָט אַהינצו אַרײַנגעלעגט אויפ׳ן חורב, די לוחות פֿון בונד, וועלכען יהוה האָט געשלאָסען מיט די בני ישראל בשעת זייער אַרויסגאַנג פֿון לאַנד מצרים].

ווען די כהנים זײַנען אַרויסגעגאַנגען פֿון הייליגטום, האָט אַ וואָלקען אָנגעפֿילט דעם בית־המקדש פֿון יהוה אַזוי, אַז די כהנים האָבען ניט געקאָנט צוגעהן אָבהאַלטען דעם גאָטעסדינסט איבער דעם וואָלקען, ווײַל די פּראַכט פֿון יהוה האָט אָנגעפֿילט דעם בית־המקדש פֿון יהוה; דאַן האָט שלמה געזאָגט:

יהוה! דו, וועלכער האָט אויסדערוועהלט צו וואוינען הינטער די וואָלקענס,
אָט האָב איך דיר אויסגעבויט אַ וואוינונג,
אַן אָרט פֿאַר דײַן לעבען אייביג.

די ווערטער זײַנען, ווי בעוואוסט, אָנגעשריבען אין בוך פֿון די גערעכטע.

שלמה׳ס געצענדינערײַ. יהוה׳ס כּעס.

דער קיניג שלמה האָט ליב געהאַט, אַחוץ פּרעה׳ס טאָכטער, נאָך פֿיל פֿרעמדלענדישע פֿרויען: מואבישע, עמונישע, אֱדומישע, צידונישע, חתישע, דאָס הייסט אַזעלכע, וואָס געהערען צו יענע פֿעלקער, וואָס וועגען זיי האָט יהוה געזאָגט די בני ישראל: „ניט מישט זיך אויף מיט זיי, און זיי זאָלען זיך ניט אויפֿמישען מיט אײַך, כּדי זיי זאָלען אײַך ניט פֿאַרפֿיהרען צום דינסט פֿון זייערע געטער. און זיי האָט ליב געהאַט שלמה. און עס זײַנען געווען בײַ איהם זיבען הונדערט קיניגליכע ווײַבער און דרײַ הונדערט קעבסווײַבער, און די ווײַבער האָבען איהם צעלאָזען געמאַכט. ווען שלמה איז אַלט געוואָרען, האָבען איהם די ווײַבער פֿאַרפֿיהרט צו דינען אַנדערע געטער, און זײַן האַרץ איז ניט געווען אינגאַנצען געטרײַ יהוה, זײַן גאָט, ווי דאָס האַרץ פֿון דוד, זײַן פֿאָטער. און שלמה האָט אָנגעהויבען דינען צו דער עשתּרות,

אין דעם פריהערדיגען טעקסט. דאָסגלייכען מוז מען זאָגען אויך וועגען דעם „משכּן" אָדער דעם אהל מועד (דעם געצעלט פון דער ערשיינונג). דער מחבר פון דעם אַרײַנגעשטעלטען טייל זאָגט נאָר, אַז מען האָט איהם „אוועקגעטראָגען", ער דערצעהלט אָבער גאָרנישט וועגען דעם, וואוהין מען האָט איהם אוועקגעשטעלט אָדער וואָס האָט מען מיט איהם געטאָן: דאָס דערקלערט זיך אויך גאַנץ פּשוט: אין דער געשילדערטער סביבה איז ניט געווען קיין אָרט פאַר א משכּן, דאָס הייסט, פאַר א בעוועגליכען טעמפּעל. אויספיהרליכער וועגען דעם זעה אין דעם אַרטיקעל: „דער גייסטיגער צושטאַנד פון יודישען פֿאָלק אין דער תּקופה פון עזרא און נחמיה".

דער צידונישער גאָטהייט, און מלכּם, דעם אויסוואָרף פֿון עמון. און שלמה האָט זיך געפֿירט אַזוי, ווי עס איז ניט געפֿעלן יהוה, און איז ניט געווען אינגאַנצן אונטערטעניג פֿאַר יהוה, ווי דוד, זיין פֿאָטער. דעמאָלט האָט שלמה אויפֿגעבויט אַ הייליגטום פֿאַר כּמוש, דעם אויסוואָרף פֿון מואָב, אויפֿן באַרג, וואָס ביי ירושלים, און פֿאַר מולך, דעם אויסוואָרף פֿון עמון. דאָסגלייכן האָט ער געטאָן אויך פֿאַר אַלע זיינע פֿרעמדלענדישע פֿרויען.

און יהוה איז אין כּעס געוואָרען אויף שלמהן דערפֿאַר, וואָס ער האָט זיך אָפּגעקערט פֿון יהוה, דעם גאָט פֿון ישׂראל, וועלכער האָט זיך צו אים צוויי מאָל געוויזן און פֿאַרזאָגט אים, אַז ער זאָל זיך ניט בוקן פֿאַר אַנדערע געטער. און ער האָט ניט אָפּגעהיט דאָס, וואָס יהוה האָט אים פֿאַרזאָגט. און יהוה האָט געזאָגט צו שלמהן: „דערפֿאַר, וואָס דו האָסט זיך אַזוי געפֿירט און ניט אָפּגעהיט דעם בונד מיט מיר און מיינע געזעצן, וועלכע איך האָב דיר פֿאַרזאָגט, וועל איך פֿון דיר אָפּרייסן די מלוכה און זי אָוועקגעבן דיין קנעכט. נאָר ביי דיין לעבן וועל איך דאָס ניט טון פֿון וועגן דוד, דיין פֿאָטער, ערשט פֿון דיין זוהנס האַנט וועל איך זי אָפּרייסן. און ניט די גאַנצע מלוכה וועל איך אָפּרייסן. איין שבֿט וועל איך געבן דיין זוהן פֿון וועגן דוד, מיין קנעכט, און פֿון וועגן ירושלים, וועלכע איך האָב אויסדערוועהלט“.

און גאָט האָט אָנגעשטעלט אַנטקעגן שלמהן רזון, דעם זוהן פֿון אֶלידע, וועלכער איז אַנטלאָפֿן פֿון זיין האַר הדד־עזר, דעם קיניג פֿון צובֿה, און ער האָט אָנגעקליבן אַרום זיך מענשען און איז געוואָרען אַן אָנפֿירער פֿון אַ באַנדע [אין דער צייט, בשעת דוד האָט פֿאַרגענומען אַבלוטיגען קריג קעגען די אַרמים], און ער האָט איינגענומען דמשק, און האָט זיך דאָרטען בעפֿעסטיגט און געקיניגט אין דמשק, און איז געווען אַ פֿיינד פֿון ישׂראל אין משך פֿון שלמהס גאַנצער מלוכה־צייט.

ירבֿעם. די פֿאַר־אויסזאָגונג וועגען זיין מלוכה.

און ירבֿעם, דער זוהן פֿון נבֿט, אַן אפֿרים־מאַן פֿון צרדה, אַ זוהן פֿון אַן אַלמנה, שלמהס אַ דינער, איז געוואָרען אויפֿגעבראַכט קעגען דעם קיניג. און די זאַך איז געווען אַזוי: שלמה האָט געבויט מלוא, כּדי צו פֿאַרשטעלען דעם דורכבראָך אין דער שטאָט פֿון דוד, זיין פֿאָטער. ירבֿעם איז געווען אַ מענש אַ טעטיגער, און שלמה, אַז ער האָט געזעהן, אַז דער יונגער מענש פֿאַרשטעהט די זאַך, האָט אים בעשטימט פֿאַר אַן אויפֿזעהער איבער די צינס־אַרבייטער פֿון הויז יוסף. און אָט אין יענער צייט האָט זיך ירבֿעמען געמאַכט אַרויסצוגעהן פֿון ירושלים; און עס האָט אים בעגעגענט אין וועג דער נבֿיא אחיה פֿון שילה, און ער האָט דאַן געטראָגען אַ נייעם בגד. אויפֿן פֿעלד זיינען זיי געווען ביידע אַליין. און אחיה האָט גענומען דעם נייעם בגד, וועלכער איז געווען אויף אים, און האָט אים צעריסען אויף צוועלף חלקים און געזאָגט צו ירבֿעמען: „נעם זיך צעהן חלקים, ווייל אַזוי זאָגט יהוה, דער גאָט פֿון ישׂראל: אָט רייס איך אַרויס די מלוכה פֿון שלמהס הענט און גיב דיר איבער צעהן שבֿטים, און נאָר איין שבֿט וועט בלייבען ביי

איהם, פון וועגן מיין קנעכט דוד און פון וועגן דער שטאט ירושלים, וועלכע איך האב אויסדערוועהלט פון אלע ישראל'שע שבטים". און שלמה האט געוואלט טויטען ירבעמ'ען; נאר ירבעם איז אנטלאפען קיין מצרים, צו שישק, דעם מצרישען קעניג, און ער האט געלעבט אין מצרים ביז שלמה'ס טויט.

שלמה'ס טויט און רחבעמ'ס ארויפטרעטען אויפ'ן מלוכה-שטול.

און אלץ דאס איבעריגע וועגן שלמה'ן און אלץ וואס ער האט געמאכט און זיין חכמה זיינען בעשריבען אין בוך פון שלמה'ס געשיכטע. און געקעניגט האט שלמה אין ירושלים איבער גאנץ ישראל פערציג יאהר. און שלמה איז אוועק רוהען מיט זיינע עלטערן, און מען האט איהם בעגראבען אין דער שטאט פון דוד, זיין פאטער, און עס איז ארויף אויפ'ן מלוכה-שטול אנשטאט איהם זיין זוהן רחבעם. און עס האט דערהערט דערפון ירבעם, דער זוהן פון נבט, וועלכער האט זיך דאן נאך געפונען אין מצרים, וואוהין ער איז אנטלאפען פון קעניג שלמה, און ער האט זיך אומגעקעהרט פון מצרים.

די פאלקס-פאר-זאמלונג אין שכם

און רחבעם איז אוועק קיין שכם, ווייל אין שכם זיינען זיך אויפגעקומען אלע בני ישראל, כדי איהם צו בעשטימען פאר א קעניג. און זיי האבען געשיקט נאך איהם און איהם גערופען. דאן איז געקומען ירבעם און די גאנצע פארזאמלונג פון די בני ישראל און געזאגט צו רחבעמ'ען אזוי: „דיין פאטער האט אויף אונז ארויפגעלעגט א שווערען יאך, דו אבער מאך אונז לייכטער די שווערע ארבייט און דעם שווערען יאך, וואס עס האט אויף אונז ארויפגעלעגט דיין פאטער, און דאן וועלען מיר דיר דינען". און ער האט געזאגט צו זיי: „געהט זיך און אין דריי טעג ארום קומט צו מיר ווייטער". און דאס פאלק איז אוועק. און דער קעניג רחבעם האט זיך אן עצה געהאלטען מיט די אלטע לייט, וועלכע זיינען געווען ארום שלמה'ן, זיין פאטער, ביי זיין לעבען, און ער האט זיי געפרעגט: וואס פאר אן ענטפער ראט איהר צו געבען דעם פאלק?" זיי האבען איהם געענטפערט: „ווען דו וועסט זיך דאס מאל אונטערגעבען דעם ווילען פון פאלק, וועסט זיך צו איהם צוהערען און בעפרידיגען דאס פאלק און וועסט רעדען מיט זיי געלאסען, וועלען זיי דיר זיין געטריי אויף שטענדיג". נאר ער האט אבגעווארפען די עצה, וואס עס האבען איהם געגעבען די אלטע לייט, און האט זיך געהאלטען אן עצה מיט די יונגע מענשען, וואס זיינען אויסגעוואקסען צוזאמען מיט איהם און זיך געפונען ארום איהם, און ער האט זיי געפרעגט: „וואס פאר אן ענטפער זאלען מיר, נאך אייער מיינונג, געבען דעם פאלק, וואס האט געזאגט: „מאך לייכטער דעם יאך, וואס עס האט אויף אונז ארויפגעלעגט דער פאטער?" און עס האבען איהם געענטפערט די יונגע מענשען, וואס זיינען אויסגעוואקסען מיט איהם צוזאמען: „אזוי גיב איבער דעם פאלק, וואס האט געזאגט צו דיר: דיין פאטער האט ארויפגעלעגט אויף אונז א שווערען יאך, דו אבער מאך איהם אונז לייכטער, — אט אזוי זאג צו זיי: מיין קליין פינגערל איז גרעבער פאר מיין פאטערס לענדען; אויב מיין פאטער האט אייך בעלאסטיגט מיט א שווערען יאך, וועל איך נאך שווערער מאכען אייער יאך; מיין פאטער האט אייך געשטראפט מיט רימער, און איך וועל אייך שטראפען מיט

סקאָרפּיאָנען". און אַט, ווען ירבֿעם איז מיט'ן גאַנצען פֿאָלק געקומען צו רחבֿעם'ען אויפֿ'ן דריטען טאָג, ווי דער קיניג האָט בעפֿוילען, זאָגענדיג: „קומט צו מיר אויפֿ'ן דריטען טאָג" — האָט דער קיניג געענטפֿערט דעם פֿאָלק שטרענג און אָבוואַרפֿענדיג די עצה, וואָס עס האָבען איהם געגעבען די אַלטע לייט, און האָט מיט זיי גערעדט, לויט דער עצה פֿון די יונגע מענשען, און געזאָגט: „מיין פֿאָטער האָט אויף אייך אַרויפֿגעלעגט אַ שווערען יאָך, און איך וועל נאָך שווערער מאַכען אייער יאָך; מיין פֿאָטער האָט אייך געשטראָפֿט מיט ריטער, און איך וועל אייך שטראָפֿען מיט סקאָרפּיאָנען". און דער קיניג האָט זיך ניט צוגעהערט צום ווילען פֿון פֿאָלק, ווייל אַזוי איז געווען יהוה'ס בע־שלום, כּדי עס זאָל מקוים ווערען זיין וואָרט, וואָס יהוה האָט אַרויסגע־רעדט דורך אַחיה פֿון שילה צו ירבֿעם דעם זוהן פֿון נבֿט. און ווען אַלע בני ישראל האָבען דערזעהן, אַז דער קיניג האָט זיי ניט געהערט, האָט דאָס פֿאָלק געענטפֿערט דעם קיניג:

וואָס איז פֿאַר אונז דוד?
מיר האָבען ניט קיין חלק אין דעם זוהן פֿון ישי!
צו דיינע געצעלטען, ישראל!
איצט האַלט זיך ביי דיין הויז, דוד!

און עס זיינען אַוועק די בני ישראל יעדערער צו דאָס זייניגע. נאָר איבער די בני ישראל, וואָס האָבען געלעבט אין די שטעט פֿון לאַנד יהודה, איז רחבֿעם געבליבען אַ קיניג. און ווען דער קיניג רחבֿעם האָט געשיקט אדנירמ'ען אויפֿצוקלייבען דעם צינש, האָבען איהם אַלע בני ישראל ביז אויף טויט פֿאַרוואָרפֿען מיט שטיי־נער; און דער קיניג רחבֿעם איז גיך אַרויפֿגעשפּרונגען אויפֿ'ן רייטוואָגען און איז אַנטלאָפֿען קיין ירושלים. און עס האָט זיך אָבגעווענדט ישראל פֿון דוד'ס הויז. אַזוי איז דאָס נאָך ביז אויף היינט. ווען אַלע בני ישראל האָבען דערהערט, אַז ירבֿעם האָט זיך אומגעקעהרט, האָבען זיי אַוועקגעשיקט און גערופֿען איהם אויף דער פֿאָלקס־פֿאַרזאַמלונג און האָבען איהם געמאַכט פֿאַר אַ קיניג איבער גאַנץ ישראל. מיט דוד'ס הויז איז קיינער ניט געבליבען, אַחוץ דעם שבֿט יהודה.

די צעטיילונג פֿון דער מלוכה.

און ירבֿעם האָט בעפֿעסטיגט שכם אין די בערג אפרים און האָט זיך דאָרט בעזעצט. פֿון דאָרטען האָט ער זיך אַריבערגעקליבען קיין פּנואל און האָט איהם בעפֿעסטיגט. און ירבֿעם האָט זיך בעטראַכט: די מלוכה קאָן ווידער אַריבערגעהן צו דוד'ס הויז; ווען דאָס פֿאָלק וועט אַליין געהן קיין ירושלים קרבנות צו ברענגען אין בית המקדש פֿון יהוה, וועט דאָס האַרץ פֿון פֿאָלק ווייטער זיך קעהרען צו זיין קיניג, צו רחבֿעם, דעם קיניג פֿון יהודה, און זיי וועלען מיך הרגענען און אַריבערגעהן צו רחבֿעם'ען, דעם קיניג פֿון יהודה. און בע־טראַכט דאָס, האָט דער קיניג געמאַכט צוויי גאָלדענע קעלבער (זעה בילד 9) און געזאָגט צום פֿאָלק: גענוג אייך צו געהן קיין ירושלים; אָט איז דיין גאָט, ישראל, וואָס האָט דיך אַרויסגעפֿיהרט פֿון לאַנד מצרים. און ער האָט אַוועקגע־שטעלט איינעם אין בית אל און דעם אַנדערן אין דן. און האָט אויסגעבויט אַ הייליגטום אויף אַ הויכען אָרט און האָט בעשטימט פֿאַר כּהנים די ערשטע אָנגע־

ירבֿעם שטעלט אויף גאָלדענע קעלבער אין דן און אין בית־אל.

טראָפענע מענשען, וועלכע זיינען ניט געווען קיין לוים. און ירבעם האָט איינגעפיהרט אַ יום טוב אין אַכטען חודש, דעם פופצעהנטען טאָג אין חודש, ענליך



בילד 9: א געגאָסענעס קאלב.
(געפונען אויף יענעם זייט ירדן).

צו דעם יום טוב, וואָס מען פלעגט אָבריכטען אין לאַנד יהודה; דאָסועלבע האָט ער געמאַכט אויך אין בית אֵל, כדי צו ברענגען קרבנות צו די קעלבער, וועלכע ער האָט אַוועקגעשטעלט.

מלכים א, קאפיטעל ד, ה, ז, ח, י״א—י״ב.

XVI. די תקופה זינט דער צעטיילונג פון דער מלוכה ביז דעם אויפקומען פון די גרויסע נביאים.

דער פאָלקס־אויפשטאנד און די מלוכה־טיילונג. רחבעם און ירבעם.

נאָך שלמה׳ס טויט האָבען זיך די זקנים פון ישראל אַרומגעזעהן, אַז אין זייערע הענט געפינט זיך דער וויטערדיגער גורל פון לאַנד, און אַז זיי, וואָס זיינען די פאָרשטעהער פון פאָלק, האָבען דאָס פולע רעכט דעם קיניג צו זאַלבען אָדער ניט צו זאַלבען. און דעריבער האָבען זיי זיך צונויפגעקליבען אין שכם, כדי צו בעטראַכטען דאָרטען די פראַגע פון דער מלוכה. אויך שלמה׳ס זוהן און יורש רחבעם האָט געפונען פאַר נויטיג צו קומען קיין שכם צו נעמען אַן אָנטייל אין דער האָזיגער פאָלקס־פאַרזאַמלונג. די זקנים האָבען איהם פריינדליך אויפגענומען און האָבען איהם דערקלערט, אַז זיי זיינען גרייט איהם אָנצונעמען פאַר אַ קיניג אויפ׳ן אָרט פון זיין פאַרשטאָרבענעם פאָטער, אויב ער וועט לייכטער מאַכען דעם שווערען יאָך, וואָס שלמה האָט אַרויפגעלעגט אויפ׳ן פאָלק. די גרויסע אָבצאָהלונגען, די צוואַנגס־אַרבייטען, די שטרענגע הערשאַפט פון די קיניגליכע בעאַמטע האָבען צעשטערט דעם אַלטען רוהיגען און תמימות׳דיגען

שבֿטים־כּהד פֿון פֿאָלק, און האָבן דעריבער אַרויסגערופֿן די גרעסטע התנגדות מצד די זקנים. דער יונגער רחבֿעם האָט אויסגעהערט זייערע טענות און פֿאָדערונגען און האָט איבערגעטראַכט עטליכע טעג, האָט זיך אַן עצה געהאַלטן מיט זײַנע מקורבֿים און האָט לסוף אין שטרענגע ווערטער אָפּגעוואָרפֿן די פֿאָדערונג פֿון די זקנים. ווען זיי האָבן אויסגעהערט די שאַרפֿע ווערטער פֿון שלמה׳ס יורש, וועלכער האָט זיך לגמרי ניט געוואָלט רעכענען מיט די הצטרכות׳ען פֿון פֿאָלק, האָבן זיי זיך אָפּגעזאָגט פֿון זייער אונטערטעניקייט צו אים, האָבן אויפֿגעהויבן די פֿאָן פֿון אויפֿשטאַנד, און ווען דער קיניג האָט געוואָלט מיט זיי ווײַטער פֿירן פֿאַרהאַנדלונגען און האָט געשיקט צו זיי פֿאַר אַ שליח אַדורמ׳ען, דעם אויפֿזעער איבער די קיניגליכע אָפּצאָלונגען, האָבן זיי אים פֿאַרוואָרפֿן מיט שטיינער, ווײַל זיי זײַנען געווען אויפֿגעבראַכט דעריבער, וואָס דער קיניג האָט געשיקט צו זיי פֿאַר אַ בעלן־גער דוקא דעם דאָזיגן מאַן. גלײַך נאָך דעם האָבן זיי זיך צונויפֿגעקליבן אַרום ירבֿעמ׳ען, דעם זוהן פֿון נבֿט, פֿון שבֿט אפֿרים און האָבן אים דערקלערט פֿאַר אַ קיניג. נאָך בשעת דער מלוכה־צײַט פֿון שלמה האָט ירבֿעם זיך געפּרובֿט אויפֿצוהויבן די פֿאָן פֿון אויפֿשטאַנד, נאָר אים האָט זיך עס דעמאָלט ניט אײַנגעגעבן, און ער האָט געמוזט לויפֿן קיין מצרים. איצט האָט ער זיך אומגעקערט צוריק אין זײַן פֿאָטערלאַנד און איז געקומען צו דער פֿאָלקס־פֿאַרזאַמלונג קיין שכם. — יהודה און ירושלים זײַנען געבליבן געטרײַ דער משפּחה פֿון דוד און האָבן זיך ניט באַטייליקט אין דער פֿאַרזאַמלונג אין שכם. נאָר די איבעריקע שבֿטים פֿון ישׂראל האָבן זיך באַטייליקט אין אויפֿשטאַנד. זיי אַליין האָבן זיך נאָר געקלאָגט אויפֿן שווערן יאָך, וואָס עס האָט אויף זיי אַרויפֿגעלייגט די משפּחה פֿון דוד און וואָס זיי האָבן אים, קענטיג, באַטראַכט, ווי אַ פֿרעמד־הערשאַפֿט. זייער קנאה צו יהודה האָט זיי ניט געלאָזט רוהען שוין אין דער מלוכה־צײַט פֿון דוד: זי האָט געהאַט איהר געזונטען יסוד אין דער געשיכטליכער ענטוויקלונג פֿון די שבֿטים. און איצט האָט די דאָזיגע קנאה געשפּילט אַ וויכטיגע ראָלע בשעת דעם אויפֿשטאַנד און דער מלוכה־טיילונג. דער שטאַלץ פֿון יוסף, דעם ערשט געבוירענעם און דעם דערהויבענעם צווישן זײַנע ברידער, האָט אים ניט געלאָזן טראָגן דעם יאָך פֿון יהודה׳ס הערשאַפֿט.

ישׂראל און יהודה דער רעליגיעזער צושטאַנד אין דער תקופה פֿון דער מלוכה־טיילונג.

מעכטיג איז געווען יוסף פֿריהער, אין די ערשטע דורות פֿון זײַן אָנקומען אין לאַנד, אָבער די פּלשתים האָבן זײַן מאַכט געבראָכן. דאָס קיניגטום פֿון דוד האָט איבערגעטראָגן דעם מלוכה־צענטער פֿון צפֿון־לאַנד קיין דרום. איצטער איז דער אַלטער צענטער ווידער אויפֿגעריכט געוואָרן, און ער איז געווען דער אמת׳ער, דער נאַטירליכער, ווײַל פֿון שטענדיג אָן איז דער צענטער געלעגן אין יוסף און ניט אין יהודה. עס איז אַפֿילו שווער אָנצורופֿן מיטן נאָמען „אָפּטיילונג, אָפּשפּאַלטונג“ דאָס, וואָס די ישׂראלישע שבֿטים האָבן ניט געוואָלט טראָגן מעהר די ממשלה פֿון יהודה, און עס איז לגמרי קיין יושר ניט, ווען מען וויל זעהן אין דער פּאָליטישער אָפּטיילונג אויך אַ רעליגיעזע שפּאַלטונג און אָפּזונדערונג. די אמונה האָט דעמאָלט זיך ניט אַרויסגעשטעלט אַנטקעגן דער אָפּטיילונג: דער נבֿיא אחיה פֿון שילה איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט

געוועקט און געשטארקט ירבעמ'ס געדאנקען: ער האט דאס אים אנגעוויזן אויף זיין בעשטימונג און אויפגעמונטערט ארויסצוטרעטן אנטקעגן דער פאמיליע פון דוד. דער גאטעס-דינסט אין ירושלים איז דערווייל נאך ניט געווען דער איינציג-כשר'ער; בית אל און דן זיינען געווען אויך אזוי הייליג. געטער-בילדער זיינען געווען סיי דא און סיי דארטן, און בכלל אומעטום, וואו עס איז נאר געווען א גאטס-הויז. קיינעם איז דאס דאן נאך ניט אויסגעקומען פרעמד און ווילד. דער נביא הושע האט ניט דעם מינדסטן ספק וועגן דעם, אז די פלומרשט פאלשע כהנים פון דער צפון-מלוכה זיינען אלע אמת'ע און בערעכטיגטע דינער פון יהוה; ווען ניט וואלט דאך זיי דער נביא ניט געקאנט מתרה זיין, אז יהוה וועט זיי פארשטויסן פון זיין נחלה, און אז זיי וועלן אויף אזא אופן פארלירן זייער רעכט. ווען ירבעם און זיינע יורשים האבן געבויט גאטס-הייזער, אויפגעשטעלט הייליגע בילדער און בעשטימט כהנים, האבן זיי געטאן דאסזעלבע, וואס דוד און זיינע יורשים. דאס איז דאן בעצם געווען דאס רעכט פון יעדן קעניג אין ישראל. אין רעליגיעזן און גייסטיגן לעבן פון ביידע מלוכות איז בכלל ניט געווען קיין אינעווייניגסטער אונטערשייד. אין ישראל האט נאר דער הופק פון דעם דאזיגן לעבן געשלאגן שטארקער, רוישנדיגער, ווי אין יהודה; דא זיינען אויפגעשטאנען די גרויסע נביאים ביז צו דער צייט פון עמוס און הושע, פון דאנען זיינען ארויס אלע גייסטיגע ווירקונגען און לעבענס-אימפולסן.

דאס איז, פארשטעהט זיך, געווען ניט נאר א מעלה, נאר אויך א חסרון. בשעת אין דער צפון-מלוכה האט דאס לעבן געקאכט און געברויזט, איז אין דער קליינער דרום-מלוכה געווען דאס לעבן רוהיג און זיכער. דארטן האט דער געשיכטליכער שטורעם ארויסגעווארפן פון דער טיפעניש גרויסע, שטארקע פערזענליכקייטן, וועלכע האבן ניט געקאנט זיך גענוג דערנעהנטערן צום פאלק און צונויפגיסן זיך מיט אים; דא — האבן זיך רוהיג בעפעסטיגט די יסודות פון גייסטיגן לעבן און עס זיינען אין דער שטיל פון די ברייטע פאלקס-שיכטן אויפגעוואקסן יענע אינסטיטוציעס, וועלכע זיינען אריבער בירושה צו דער יהדות פון די שפעטערדיגע דורות. דער אונטערשייד לאזט זיך שווער מערקן אין די פערזאנען פון די מלכים גופא. די בני ישראל האבן ניט אפגעשאפט דעם קעניגטום, צו בולט האט די געשיכטע ארויסגעוויזן, ווי שטארק נויטיג ער איז. אבער בשעת אין יהודה האט געהערשט די גאנצע צייט די דינאסטיע פון דוד, בייטן זיך דא די דינאסטיעס איינע נאך די אנדערע אהן אויפהער. דורך דעם האבן זיי אויך זיך אליין געבראכט די מפלה.

רחבעמ'ס נסיונות צוריק צו פאראייניגען די מלוכה.

רחבעם האט זיך גארניט מיטן גוטן ווילן אונטערגעגעבן דעם אויפשטאנד פון די שבטים; ער האט זיך געפרובט אונטערצודריקן אים מיט דער קראפט פון כלי זין. פון אנהויב האט ער מלחמה געהאלטן, ווי עס זעהט אויס, מיט ערפאלג. לכל הפחות זעהן מיר, אז זיין געגנער ירבעם האט געפונען פאר נויטיג צו פארלאזן דאס לאנד און אנטלויפן אויף יענער זייט ירדן קיין פנואל, ניט ווייט פון מחנים, ווי עס האט אמאל געטאן אבנר נאך דער מלחמה אויפן גלבוע-בארג, און דוד בשעת דעם אויפשטאנד פון אבשלום זיין זוהן. עס איז אבער אויך מעגליך, אז ער האט דאס גאר געטאן פון שרעק פאר שישק, דעם

קיניג פֿון מצרים, וועלכער איז אין יענער צייט אָנגעפֿאַלען אויפֿן לאַנד און פֿאַרוויסט מיט פֿייער ניט נאָר ירושלים, נאָר, ווי עס ווייזט אויס, פֿיל שטעט פֿון יהודה און ישראל אָהן קיין אונטערשייד. ווען אָבער אַפֿילו רחבֿעם זאָל האָבען פֿון אָנהויב אָן געהאַט הצלחה אין זיין מלחמה קעגען די ברידער-שבֿטים, האָט דאָס ניט לאַנג געדויערט. אונטערצודריקען דעם אויפֿשטאַנד האָט זיך איהם ניט איינגעגעבען. די בני-ישראל האָבען זייערס דורכגעפֿיהרט, ניט געקוקט אויף דער שטאַרקער התנגדות פֿון יהודה. און גאָר אין גיכען האָט זיי דאָס גליק אָנגעהויבען צו שפּילען.

נָדָב און בַּעשָׁא, די מלכים פֿון ישראל.

בשעת ירבֿעמ'ס זוהן און יורש נדבֿ האָט בעלעגערט די פּלשתי'שע שטאָט גבתון, האָט בעשא, דער זוהן פֿון אחיה, מורד געווען קעגען איהם, האָט געטויט און פֿאַרנומען אָנשטאָט איהם דעם טראָן. ער האָט אויסגעקליבען די שטאָט תרצה פֿאַר זיין הויפּטשטאָט און האָט אַהינצו איבערגעפֿיהרט זיין קיניגליכען הויף. אָט דער בעשא האָט אינגאַנצען איבערגעביטען זיין פּאָליטיק און איז פֿון זיין זייט אָנגעפֿאַלען אויף יהודה, כּדי זי צוריק צו פֿאַראייניגען מיט דער צפֿון-מלוכה. ער האָט בעפֿעסטיגט די גרעניץ-שטאָט רמה, וואָס ליגט ניט ווייט פֿון ירושלים, און האָט פֿאַרשלאָסען די בני יהודה דעם וועג קיין צפֿון. דאָס איז זיי, קאָנטיג, שווער געווען צו פֿאַרטראָגען. אסא, דער זוהן אָדער דער אייניקעל פֿון רחבֿעם, האָט ניט געפֿינען קיין אַנדער וועג זיך צו העלפֿען, ווי דורך דעם, וואָס ער האָט אויפֿגערייצט קעגען ישראל בן הדד, דעם קיניג פֿון דמשק. זיין ציל האָט ער דערגרייכט, אָבער דורך אַ געפֿעהרליכען מיטעל.

אֵלָה און זִמְרִי. די עָמרי'שע דינאַסטיע.

בעשא'ס זוהן, אלה, איז געטויט געוואָרען בשעת אַ מאָלצייט אין הויז פֿון זיין הויזמייסטער אין תרצה דורך זמרי, דעם אָנפֿיהרער פֿון אַ העלפֿט מלחמה-רייטוואָגען. דער מערדער האָט אָבער ניט געקאָנט ביישטעהן קעגען דעם חיל-אָנפֿיהרער עמרי, וועלכער איז אָנגעקומען אַנטקעגען איהם מיטן מיליטער, וואָס איז געשטאַנען אין גבתון. זמרי האָט זיך איינגעשלאָסען אין פּאַלאַץ, האָט איהם געלאָזען אונטערצינדען און איז אומגעקומען אין פֿייער. אַנטקעגען עמרי איז אין אַ צווייטען טייל פֿון לאַנד אויפֿגעשטאַנען אַ קעגען-קיניג תבֿני בן גנת, און ערשט נאָך יענעמס טויט איז עמרי אָנגענומען געוואָרען פֿאַר אַ קיניג איבער גאַנץ ישראל (פֿאַר'ן יאָהר 900 פֿאַר דער קריסטליכער צייט-רעכענונג). ער איז דער גרינדער פֿון דער ערשטער אייגענטליכער דינאַסטיע אין ישראל; און ער האָט אַריינגעבראַכט אַ שינוי אין אינעווייניגסטען מלוכה-סדר. ער האָט געגרינדעט די שטאָט שומרון און זי געמאַכט פֿאַר דעם שטענדיגען מיטעלפּונקט פֿון דער מלוכה. דער תנ"ך דערצעהלט וועגען איהם גאָרנישט, נאָר מיר ווערען געוואָר וועגען זיין גרויסער בעדייטונג פֿון דעם, וואָס אין אשור איז דער נאָמען „די מלוכה פֿון עמרי“ געבליבען זינט זיין צייט אָן די געוועהנליכע בעצייכענונג פֿון דער ישראלישער מלוכה. לויט די ווערטער פֿון דער מישע-מצבֿה, האָט ער איינגענומען מואבֿ, וואָס האָט מורד געווען קעגען ישראל נאָכ'ן טויט פֿון דוד אָדער שלמה, און האָט צוריק אומגעקעהרט צו ישראל די געגענד מדבא. ניט איינגעגעבען האָבען זיך אָבער זיינע מלחמות קעגען דמשק, און ער איז געווען געניט צו געבען זיי געוויסע פּריווילעגיעס אין זיין הויפּטשטאָט שומרון.

אחאָב. די מלחמות קעגען די אַרמים פֿון דַמֶשֶׂק.

נאָך עמרי'ן האָט דעם טרון פֿאַרנומען זײַן זוהן אַחאָב. אין משך פֿון זײַן לאַנג־יעהריגער מלוכה־צײַט איז ער, קאָנטיג, געשטאַנען אונטער דער איבערהערשאַפֿט פֿון דמשק. נאָר דורכדעם לאָזט זיך דערקלערען, פֿאַרוואָס ער איז געקומען צו הילף די אַרמים פֿון דמשק בשעת זייער מלחמה מיט אַשור בײַ קרקר (854). אָבער דוקא אַ דאַנק זײַן אָנטייל אין דער מלחמה, וואָס האָט אויפֿגעדעקט די גאַנצע שוואַכקײַט פֿון דמשק, האָט ער דערנאָך איבערגעריסען מיט זיי דעם בונד. פֿון דעמאָלט אָן הויבען זיך אָן זייערע שטורמישע אָנפֿאַלען אויף ישׂראל. אַחאָב פֿלעגט זיי שטענדיג בעגעגענען מוטיג און האָט קעגען זיי געקעמפֿט מיט הצלחה. בשעת זיי האָבען בעלעגערט זײַן הויפּטשטאָט, האָט ער זיי אָפּגעשלאָגען צוריק, און בשעת זיי זײַנען אין אַ יאָהר אַרום ווײַטער געקומען, האָט ער זיי בעזיגט אין דער אָפֿענער שלאַכט בײַ אַפֿק און האָט גענומען דעם קעניג בן הדד געפֿאַנגען. אָבער ער איז זיך מיט איהם בעגאַנגען גוט און האָט איהם פֿרײַ געלאָזען מיט דעם תנאי, אַז די שטעט אין גלעד, וועלכע זײַנען אָפּגעריסען געוואָרען בײַ ישׂראל — און צווישען זיי אויך די וויכטיגע פֿעסטונג רמה — זאָלען אומגעקעהרט ווערען צוריק צו ישׂראל. אַזוי אָבער ווי בן־הדד האָט דעם תנאי ניט מקיים געווען, איז אחאָב אויפֿ'ן דריטען יאָהר פֿון זײַן צײַט אָנגעפֿאַלען אויף די אַרמים, כּדי בײַ זיי איבערגעוואַלד אָפּצונעמען רמות־גלעד. איידער ער איז אַרויס אויף מלחמה, האָט ער צונויפֿגערופֿען אַלע נביאים פֿון יהוה, וואָס האָבען זיך געפֿונען אין שומרון, פֿיר הונדערט מאַן, און האָט בײַ זיי געפֿרעגט, צי זאָל ער געהן מלחמה האַלטען. אַלע האָבען זיי געענטפֿערט אין איין קול: יהוה וועט איבערגעבען רמה אין דײַנע הענט. נאָר מיכה, דער זוהן פֿון ימלא, וועלכער האָט שטענדיג פֿאָרויסגעזעהן שלעכטס, האָט אויך דאָס מאָל אַרײַנגעטראָגען אַ טרויעריגען טאָן אין דער האַרמאָניע פֿון דער פּאַטריאָטישער התפּעלות. „איך האָב געזעהן ישׂראל'ן צעזייעט איבער די בערג, ווי שאָף אָהן פּאַסטוכער. און יהוה האָט געזאָגט: „זיי האָבען ניט קיין הערשער, זיי קעהרען זיך אַלע אום יעדערער ניט געשטערט אַהיים“. דער קעניג האָט געהייסען איהם אײַנזעצען אין געפֿענגניש, כּדי איהם צו משפּט'ן פֿאַר זײַנע רייד, ווען ער וועט קומען בשלום אַהיים. אָבער ער איז ניט געקומען. בשעת דער שלאַכט, וואָס האָט זיך פֿונאַנדערגעשפּילט בײַ רמה, איז ער פֿאַרוואונדעט געוואָרען דורך אַ פֿײַל און איז אין אָווענט געשטאָרבען אויף זײַן רײַטוואָגען. בשעת די טרויעריגע בשׂורה האָט זיך פֿאַרשפּרייט צווישען חיל, איז געוואָרען אַ גרויסע מהומה און צעמישעניש — און די סאָלדאַטען זײַנען זיך צעלאָפֿען פֿון שלאַכט־פֿעלד. דעם גוף פֿון טויטען קעניג האָט מען איבערגעפֿיהרט קיין שומרון און דאָ געבראַכט איהם פֿײַערליך צו קבורה (854).

דער אויפֿשטאַנד אין מואָב. יורָם.

נאָך אחאָב'ס לעבען האָט מישע, דער קעניג פֿון מואָב, אַראָפּגעוואָרפֿען פֿון זיך דעם יאָך פֿון דער ישׂראלישער איבערהערשאַפֿט; ער האָט צוריק פֿאַרנומען די געגענד פֿון מדבא, וועלכע עמרי האָט מיט פֿערציג יאָהר צוריק אָפּגענומען בײַ זײַן פֿאָטער, און האָט דערצו נאָך פֿאַרכאַפּט אַ נײַעם טייל פֿון ישׂראלישען לאַנד. אחאָב האָט קיין צײַט ניט געהאַט איהם צו שטערען, און אויך אחזיהו, זײַן זוהן, האָט איהם געלאָזען צו רוה. אָבער נאָך אחזיהו'ס פֿריהצײַטיגען טויט איז

יורם אנטקעגען איהם ארויס אויף מלחמה צוזאמען מיט די מלכים פון יהודה און אדום. נאך א געלונגענער מלחמה, האבען זיי זיך פון דרום-זייט אריינגעריסען אין לאנד מואב, פארוואָרפען די פעלדער מיט שטיינער, פארשאָטען מיט זאמד די וואסער-קוואלען און אויסגעהאקט די בוימער. מישע האט מיט זיין צעשלאָגענעם חיל זיך בעהאלטען אין זיין פעסטונג. אבער די פאראייניגטע חילות האבען די פעסטונג בעלעגערט. אומזיסט האט ער זיך געפרובט דורכצורייסען דורכ'ן שונא'ס לאגער, און ווען ער האט לסוף דערזעהן, אז זיין לעצטע האפנונג געהט פארפאלען, האט ער גענומען זיין ערשטגעבוירענעם זוהן און האט איהם געבראכט פאר א קרבן אויפ'ן מויער. דאס האט אויפגעוועקט א גרויסען צאָרן אויף ישראל, און זיי האבען געמוזט זיך אומקעהרען אין זייער לאנד.

אשור'ס מלחמה מיט יורם.

יורם האט געקאָנט פיהרען די מלחמה מיט מואב, ווייל זמן די ארמים האבען איהם געלאָזען צו רוה. די לעצטע האבען א לאנגע צייט ניט געקאָנט אויסנוצען זייער נצחון איבער אחאב'ן, ווייל עס האט זיי דערין געשטערט אשור מיט זיינע אנפאלען אין יאהר 850 און 849. ווי נאר די ארמים האבען זיך נאר אויף א וויילע בערוהיגט, זיינען זיי בעפאלען יורם'ען, האבען איהם צוזאמען מיט זיין חיל אָבגעטריבען קיין שומרון און האבען בעלעגערט די שטאָט. אין שומרון איז די נויט שוין דערגאנגען ביז צו דער העכסטער מדרגה, נאר אין איין פריהמאָרגען זיינען די שונאים פלוצלונג אומגעריכטערהייט אוועק פון שטאָט, ווייל צו זיי איז דערגאנגען די ידיעה, אז די „מצרים און חתים“ זיינען בעפאלען זייער לאנד. א דאנק דעם גליקליכען שפיל פון גורל, האט יורם אויף א ווייל פריי אויפגעאָטעמט. אין דמשק איז אויפגעקומען א נייע דינאסטיע, וועלכע האט נאך ניט צייט געהאט צו בעפעסטיגען איהר הערשאפט. יורם האט אויסגענוצט די פאליטישע לאגע און, ווי עס זעהט אויס, האט ער ביי זיי אָבגענומען די פעסטונג רמות-גלעד, וועלכע אחאב האט זיך אומזיסט געפרובט איינצונעמען. נאר גאנץ אומגעריכט איז אָנגעקומען אויף דאס הויז פון עמרי א שרעקליכע קאטאסטראָפע, וואס איז א לאנגע צייט פריהער צוגעגרייט געוואָרען דורך די נביאים, וואס בראש פון זיי איז געשטאנען אליהו.

די מפלה פון עמרי'ס דינאס-טיע.—דער בעל-דינסט אין שומרון

אחאב האט אויפגעבויט אין שומרון לכבוד זיין פרוי איזבל, דער טאָכטער פון צידאָנישען קעניג אתבעל, א גרויסארטיגען טעמפעל פאר דעם פעניקישען בעל און איינגעפיהרט אין איהם א רייכען גאָטעסדינסט. ער האט ניט געהאט דערביי די כונה אָבצוזאגען זיך פון יהוה; יהוה איז געבליבען דער מלוכה-גאָט, וואס נאך איהם האט אחאב א נאָמען געגעבען זיינע ביידע זיהן אחזיהו און יהורם און זיין טאָכטער עתליה. קיין נטיה צו צעשטערען די מזבחות פון יהוה און צו רודפ'ען זיינע נביאים איז נאך ניט געווען ביי איהם. איינצופיהרען דעם גאָטעסדינסט פון בעל אין די איבעריגע שטעט פון דער מלוכה האט מען זיך לגמרי ניט געפרובט. די אמונה אין יהוה, וואס איז געווען די פאָלקס-אמונה פון די ברייטע שיכטען, איז ניט שטארק אָנגערירט געוואָרען דורך די דאָזיגע מעשים פון קעניג, און דאס פאָלק האט זיך צו זיי אויסגעטראָגען גלייכגילטיג, ווי מיט הונדערט יאָהר צוריק צו דיזעלביגע מעשים פון שלמה.

נאָר אליהו, דער שטורמישער נביא פֿון לאַנד גלעד, האָט זיך ניט גע־קאָנט פֿאַרהאַלטן גלייכגילטיג צו די מעשים פֿון קיניג און איז אַרויסגעטראָטן קעגן זיי מיט אַ שאַרפֿן פּראָטעסט. אין זיינע אויגן האָט דאָס אויסגעזען ווי „אַ הינקען אויף ביידע זייטן“, ווי אַ טיפֿער ווידעראַנאַנד, אַז מען זאָל אַ דינען יהוה, דעם גאָט פֿון ישׂראל, און צוגלייך ברענגען אַ טעמפּעל דעם בעל. צווישן יהוה און דעם בעל איז ניט מעגלעך קיין שום פּשרה, זיי שליסן איינע די אַנדערע אויס. אָבער די שטאַרקע פּראָטעסטן פֿון נביא האָבן ניט געפֿונען קיין טיפֿן אָפּקלאַנג אין די פֿאָלקס־מאַסן; זיי פֿלעגן זיך צונויפֿקלייבן אין די טויזנ־טער אַרום איהם, האָבן מיט פֿאַרוואונדערונג און באַגייסטערונג צוגעהערט זיך צו זיינע רייד, פֿאַרשטעהן איהם און מיטפֿיהלען זיינען זיי אָבער נאָך ניט געווען אין שטאַנד.

> דער נָביא אֵליָהו די רעליגיעזע בעוועגונג אין ישׂראל.

אליהו איז געווען איינזאַם אין זיין צייט, און זיין מעכטיגע געשטאַלט דערהויבט זיך איבער אַלע מענשען פֿון זיין דור. די פֿאָלקס־לעגענדע האָט אונז פֿאַראייביגט זיין בילד, אָבער ניט זיין לעבענס־געשיכטע. מען פֿיהלט נאָר, אַז מיט זיין אויפֿטרעטען הייבט זיך אָן אַ נייע תּקופֿה אין דער געשיכטע פֿון דער אמונה, נאָר די יסודות פֿון דער איבערקעהרעניש בלייבן אַליין ניט קלאָר. נאָך דעם ווי יהוה, דער גאָט פֿון מלחמה, האָט מנצח געווען די אויסווייניגסטע שונאים פֿון פֿאָלק, האָט ער זיך איצט גענומען אויסראַמען אַלע פֿרעמדע עלעמענטען, וועלכע האָבן זיך איינגעוואָרצעלט אין פֿאָלקס־לעבען אינעווייניג. אין פֿאָלק האָבן זיך אָנגעהויבן רעליגיעזע בעוועגונגען, וואָס זייער ציל איז געווען דער אומקעהר צו די אַלטע נאַציאָנאַלע פֿאָרמען פֿון גייסטיגען לעבען. די בני־רכב, וואָס זיינען דעמאָלט אויפֿגעקומען, האָבן אויס נקמה פֿאַר יהוה, פּראָטעסטירט קעגן דער גאַנצער קולטור, וואָס איז געבויט געוואָרען אויף דער ערד־אַרבייט, און האָבן זיך אומגעקעהרט צו די אַלטע פֿאָרמען פֿון וואַנדער־לעבען אין מדבר*.

* די בני רֵכב הגם זיי האָבען זיך געהאַלטען ווייט פֿון געזעלשאַפֿטליכען לעבען, האָבען דאָך געשפּילט אַ געוויסע ראָל ביי דעם פֿאָלקס־אויפֿשטאַנד, וואָס דורך איהם איז די פֿאַמיליע אחאב אַראָפּגעזעצט געוואָרען פֿון טראָן. דאָס איז קלאָר קענטיג פֿון די פֿאַרבינדונגען וועלכע יהוא האָט געהאַט מיט יהונדב'ן (זעה מלכים ב', 15—16). דערנאָך פֿאַרשווינדען די בני־רכב ווידער אַמאָל פֿון דער היסטאָרישער אַרענע, נאָר אין דער שטיל פֿיהרען זיי זייער עקזיסטענץ ווייטער און היטען אָב די טראַדיציעס פֿון פֿאַרצייטען ביז דעם אונטערגאַנג פֿון דער מלוכה. וועגען זיי דערצעהלט ירמיהו, אַרויסשטעלענדיג זיי ווי אַ מוסטער פֿון הכנעה און געטריישאַפֿט. ירמיהו דערצעהלט אונז (ל"ה, 5—10) אַזוי: „און איך האָב דערלאַנגט פֿאַר די מענשען פֿון דער פֿאַמיליע רֵכב בעכערס, פֿולע מיט וויין, און גלעזלאַך, און איך האָב צו זיי געזאָגט: „טרינקט וויין“. דאָבען זיי געענטפֿערט: „מיר וועלען ניט טרינקען קיין וויין. וויילע אונז האָט פֿאַרזאָגט אונזער פֿאָטער יונדב, דער זוהן פֿון רֵכב, אַזוי: איהר זאָלט ניט טרינקען קיין וויין, ניט איהר און ניט אייערע קינדער ביז אייביג. און קיין הויז זאָלט איהר ניט בויען, און קיין זאָמען זאָלט איהר ניט זייהען און קיין וויינגאָרטען זאָלט איהר ניט פֿלאַנצען און איהר זאָלט גאָרנישט ניט פֿאַרמעגען, נאָר אין געצעלטען זאָלט איהר וואוינען אייער גאַנץ לעבען, כּדי איהר זאָלט לעבען לאַנגע יאָהרען אויף דער ערד, וואָס איהר וואוינט דאָרטען. און מיר האָבען זיך צוגעהערט צום פֿאַרזאָג פֿון אונזער פֿאָטער יהונדב, דער זוהן פֿון רֵכב, צו אַלץ, וואָס ער האָט אונז פֿאַרזאָגט: ניט צו טרינקען קיין וויין אונזער גאַנץ לעבען, ניט מיר, ניט אונזערע ווייבער, זיהן און טעכטער, און ניט צו בויען אונז קיין הייזער צום וואוינען, און עס זאָל ביי אונז ניט זיין קיין וויינגאָרטען, קיין פֿעלד און קיין זאָמען“.

די נזירים האָבן זיך אָפּגעזאָגט װעגן סמענס פֿון װײַן, דעם װיכטיגן סימבאָל פֿון דער דיאָנײסישער* ציװיליזאַציע. — אליהו האָט ניט נאָכגעטאָן אין דעם אַלעמען דעם המון, װען ניט װאָלט ער איהם געװען בעסער פֿאַרשטאַנדליך. דער בנין פֿון טעמפּעל פֿאַר בעל אין שומרון האָט איהם אויפֿגעװעקט און אויפֿגעמונטערט צו דער מלחמה קעגן בעל-דינסט בכלל, קעגן דער אוממעגליכער פֿאַרבינדונג פֿון ביידע קולטען, װאָס עס האָבן פֿאַרשטאַנען נאָר װעניג אין ישׂראל. יהוה און בעל זײַנען פֿאַר איהם געװען די שאַרפֿסטע היפּוכים, אייביגע שׂונאים, װאָס קאָנען ניט שלום מאַכען מיט אַנאַנד; זיי קאָנען ניט זײַן ביידע געערכט און קאָנען ניט עקסיסטירען איינער נעבען אַנדערן. ניט אין דער פֿאַרגעטערונג פֿון די נאַטור-כחות האָט אליהו געזעהן די גאָטהײַט, נאָר אין די מאָראַלישע נטיות פֿון אַ געזונטער מענשליכער געזעלשאַפֿט. גאָט איז פֿאַר איהם ניט געװען אַ איינגע-שלאָסען, װי בײַ די מענשען פֿון זײַן צײַט, אין דעם ענגען תחום פֿון איין פֿאָלק, און די מלחמה פֿון די געטער האָט ער ניט בעטראַכט, װי די מלחמה פֿון די פֿעלקער. דער גאָט פֿון ישׂראל האָט, ניט-אָפּהענגיג פֿון זײַן פֿאָלק, אַן איי-גענעם אינהאַלט, זײַן קיום שטעהט איבער דעם קיום פֿון פֿאָלק, איבער זײַנע בעדערפֿעניסען און צװעקען.

װען יהוה האָט אָפּגעהאַלטען דעם נצחון איבערן בעל, האָט אליהו זײַן צװעק דערגרייכט, הגם דעם פֿאָלק האָט דער נצחון געקאָסט צו טײַער, און נאָר װעניגע פֿון איהם זײַנען געבליבען, נאָר זיבען טױזענט מאַן, װעלכע האָבן זיך ניט געקניט פֿאַר אָפּגאָט. דאָס איז דער אײַנדרוק, װאָס מיר טראָגען אַרויס פֿון דער געטליכער אַנטפּלעקונג, װאָס אליהו האָט געהאַט בײַם חורב, און װאָס רעדט אויס צו זײַן דער ריכטיגער. אין יענער תקופֿה האָט דער געדאַנק װעגען גאָט, װי עס רעדט אויס, זיך אָנגעהויבען צו דערהויבען איבער די נאַציאָנאַלע גרע-ניצען. פֿון דער ערזעלביגער גײַסטיגער ריכטונג און אַזוי איינזאַם װי ער, איז געװען אויך אַ צװייטער מאַן, מיכה, דער זוהן פֿון ימלא, װאָס האָט געלעבט אין איין צײַט מיט איהם און װאָס האָט פֿאָראויסגעזאָגט זײַנע טרויעריגע נבואות איבער ישׂראל.

דער נביא אֱלישע, אליהו'ס תלמיד, זאַלבט יהוא'ן, דעם חיל-אָנפיהרער אחאָב'ס פֿאַר אַ קיניג איבער ישׂראל.

די אויגען פֿון די דאָזיגע מענער זײַנען געװען געװענדעט צו דער צוקונפֿט. די געגענװאַרט איז פֿאַר זיי געװען פֿאַרשפּילט. די נאָהענטסטע גײַסטיגע יורשים פֿון אליהו זײַנען ניט געװען בכח אַרײַנצודרינגען טיף אין זײַן שיטה און האָ-בען זיך בעגענוגט מיט דעם געדאַנק, אַז דער בעל פֿון שומרון מוז אויסגעראָטעט װערען צוזאַמען מיטן הויז פֿון אחאָב. כדי דאָס אויסצופֿיהרען, האָט אליהו'ס תלמיד אֱלישע, דער זוהן שפֿט'ס, פֿון אָבל מחלה, װאָס בײַם ירדן, אָנגענומען פּראַקטישע מיטלען. דער חיל-פֿיהרער יהוא, דער זוהן פֿון נמשי, איז געװען דערבײַ, בשעת אליהו איז פּלוצלונג געקומען צו אחאָב'ן אויף מאָרגען נאָך דעם, אַז ער האָט געטויט נבות'ען און אָפּגערשנ'ט זײַן װײַנגאָרטען, און האָט איהם פֿאָראויס-

* די דיאָניסישע ציװיליזאַציע בעשטעהט אין דער פֿאַרבינדונג פֿון דער רעליגיעזען קולט מיט דער װיין-גערטנערײַ און װיין-טרינקען, דער קולט אין דאָס גאַנצע רעליגיעזע לעבען טראָגען אַ קאָכיגען, שטורמישען און לעבענסלוסטיגען כאַראַקטער.

געזאָגט דעם בלוטיגען אונטערגאַנג. די ערשיינונג פֿון מעטיגען נביא האָט אויפֿ'ן קריגסמאַן געלאָזען אַ שטאַרקען רושם. איצט איז ער געשטאַנען אין דער שפּיץ פֿון דעם חיל אין רמת-גלעד, נאָכדעם ווי יורם האָט געמוזט פֿאַרלאָזען דאָס מלחמה-פֿעלד און אין דער שענער מלכים-רעזידענץ אין יזרעאל-טאָל היילען זיך פֿון די וואונדען, וואָס ער האָט בעקומען אויפֿ'ן שלאַכט-פֿעלד. אלישע האָט געפֿונען דעם האָזיגען אויגענבליק פֿאַר דעם פּאַסיגען, כּדי אויסצופֿיהרען די שטראָף, וואָס אליהו האָט פֿאָראויסגעזאָגט דער משפּחה פֿון עמרי. ער האָט געשיקט קיין רמה אַ נביא מיט דעם בעפֿעהל פֿון יהוה צו זאַלבען יהוא'ן פֿאַר אַ קעניג איבער ישראל. דער נביא האָט געפֿונען יהוא'ן, בשעת ער איז געזעסען צווישען די אָפֿיצירען, האָט איהם אַריינגערופֿען אין אַ פֿאַרבאָרגענעם צימער, האָט געגאָסען בוימעל אויף זיין קאָפּ און האָט איהם אָנגעזאָגט די בשורה, אַז יהוה האָט איהם געזאַלבט פֿאַר אַ קעניג איבער זיין פֿאָלק ישראל. נאָך דעם האָט ער געעפֿענט די טיר און איז פֿאַרשוואונדען.

יהוא'ס אַרויס-טריט קעגען אחאב'ס הויז און קעגען דעם בעל-דינסט אין שומרון.

ווען יהוא האָט זיך אומגעקעהרט צו זיינע חברים, האָבען זיי איהם געפֿרעגט, וואָס האָט פֿון איהם געוואָלט „דער צעמישטער". ער האָט זיי פֿריהער ניט געוואָלט אויסזאָגען דעם סוד, נאָר ווען זיי זיינען צו איהם לאַנג צוגעשטאַנען, האָט ער זיי דערצעהלט דעם אמת. ווי זיי האָבען נאָר דערהערט זיינע ווערטער, האָבען זיי אויסגעשפּרייט זייערע קליידער איבער די טרעפּ אַלס טעפּיכער אונטער זיין שטול, האָבען געבלאָזען שופר און אויסגעשריען: יהוא איז געוואָרען קעניג! זיי האָבען בעשלאָסען תיכף צו בעפֿאַלען יורם'ען אין יזרעאל-טאָל מיט אַ בעוואָפֿענטען חיל, איידער עס וועט נאָך צו איהם דערגרייכען די בשורה וועגען דער געשעהעניש. דער שומר אויפֿ'ן טורעם פֿון יזרעאל האָט דערזעהן פֿון וויטען דעם שטורמיש אָנקומענדיגען חיל. יורם האָט זיי געשיקט אַנטקעגען איין רייטער נאָכ'ן צווייטען, כּדי צו דערגעהן, וואָס עס איז געשעהן; דערוויל זיינען די רייטער און די רייטוועגען אָנגעקומען נעהנטער; יורם האָט נאָך דער ווילדער יאָגעניש דערקענט יהוא'ן. ער האָט גלייך געהייסען איינשפּאַנען זיין רייטוואָגען און איז אַליין אַרויסגעפֿאָהרען יהוא'ן אַנטקעגען. ביים פֿעלד פֿון נבות האָט ער איהם בעגעגענט און געפֿרעגט, וואָס איז געשעהן. נאָך דעם שרעקליכען ענטפֿער, וועלכען ער האָט בעקומען, האָט ער זיך אומגעקעהרט צוריק, נאָר יהוא האָט אויף איהם פֿון הינטען געשאָסען אַ פֿייל, וואָס איז הורכן רוקען אַריין אין האַרצען, און ער האָט געהייסען דעם שילד-טרעגער, וואַרפֿען דעם קערפּער פֿון גוסס'דיגען אויפֿ'ן פֿעלד פֿון נבות. „זעה איך געדענק, ווי מיר זיינען פֿאָרוויי געפֿאָהרען רייטענדיג הינטער אחאב'ן, זיין פֿאָטער, ווען יהוה האָט איהם פֿאָראויסגעזאָגט: אויב ניט דאָס בלוט פֿון נבות און זיינע קינדער האָב איך נעכטען געזעהן ריגענדיג, און איך בעצאָהל דיר אויף דעם דאָזיגען פֿעלד". בשעת יהוא איז אַריינגעפֿאָהרען אין יזרעאל, האָט דעם קעניגס מוטער, יום-טוב'דיג אויסגעפּוצט, געקוקט הורכ'ן פֿענסטער און האָט איהם מיט פֿאַראַכטונג בעגריסט. ער האָט געהייסען איהרע אייגענע לייב-היטער זי אַראָבוואַרפֿען הורכן פֿענסטער אויף דער גאַס, און איהר בלוט האָט בעשפּריצט די מויערן, און די פֿערד האָבען זי געטראָטען. דערנאָך איז ער פֿול פֿאַראַכטונג געקומען אין פּאַלאַץ אַריין און זיך געזעצט צום געגרייטען טיש.

אויך אַלע איבעריגע הויף-לייט פֿון יזרעאל, דעם קעניגס קרובֿים, בעאַמטע און כּהנים, זיינען איבערגעגעבען געוואָרען צום טויט. אָבער די הויפּט-שטאָט פֿון דער מלוכה, דער אייגענטליכער וואוין-אָרט פֿון דער דינאַסטיע און פֿון איהרע פֿיל אָנהענגער, איז געווען ניט יזרעאל, נאָר שומרון, אַהינצו האָט איצט יהוא געשיקט אַ בריף צו די עלטסטע און פֿיהרער פֿון שטאָט, אַז זיי זאָלען אַרויפֿזעצען אויפֿ'ן טראָן דעם בעסטען פֿון אחאבֿ'ס זיהן און זאָלען פֿאַר איהם מלחמה האַלטען. זיי האָבען איהם אָבער געענטפֿערט: „מיר זיינען דיינע קנעכט, מיר וועלען אַלץ טהון, וואָס דו וועסט אונז זאָגען, מיר וועלען קיינעם ניט מאַכען פֿאַר אַ קעניג: טהו, וואָס דיר געפֿעלט". דאַן האָט ער זיי בעפֿוילען אין אַ צווייטען בריף, אומצובריינגען אַלע קינדער פֿון קעניג אחאבֿ, וועלכע זיינען געווען צווישען זיי; זיי האָבען ערפֿילט זיין פֿאַרזאָג, האָבען אויסגעהרג'ט דעם קעניגס אַלע קינדער, זיבעציג מאַן, און זייערע קעפּ אַריינגעלעגט אין קערב און אָבגעשיקט קיין יזרעאל, וואו מען האָט זיי אויסגעלעגט ביים טויער אין צוויי בערגלעך. בשעת יהוא האָט אויף מאָרגען אין דער פֿריה בעטראַכט די בערגלעך פֿון קעפּ, האָט ער זיך געוואונדערט אויף דער פֿלייסיגקייט פֿון זיינע פֿרייוויליגע מיטאַרבייטער. זיין אונטערנעמונג האָט זיך איהם לייכט איינגעגעבען. איצט איז ער גלייך געפֿאָהרען קיין שומרון און האָט פֿאַרענדיגט זיינע בלוטיגע מעשים, געטויט די איבעריגע מענשען פֿון אחאבֿ'ס הויף. נאָך דעם איז ער איבערגעגאַנגען צום צווייטען טייל פֿון זיין אויפֿגאַבע. ער האָט דערקלערט, אַז ער וויל בלומרשט מאַכען אַ יום-טובֿ פֿאַר'ן בעל, האָט צונויפֿגעקליבען אַלע נבֿיאים און כּהנים פֿון בעל, וואָס זיינען געווען אין דער הויפּט-שטאָט, אין טעמפּעל פֿון זייער גאָט; ער אַליין האָט מקריבֿ געווען דעם קרבן, און אַז ער איז דערמיט פֿאַרטיג געוואָרען, און דאָס יום-טובֿ'דיג געשטימטע פֿאָלק האָט זיך אויפֿגעקליבען מחנות'ווייז אַרום זיין נייעם קעניג, האָט ער געגעבען אַ ווינק זיינע קריגס-האַרען, וועלכע זיינען געבליבען שטעהן אויסערן טעמפּעל: זיי האָבען זיך אַריינגעריסען אין טעמפּעל אַריין און קיינעם ניט אַרויסגעלאָזט קיין לעבעדיגען. דערנאָך האָבען זיי צעבראָכען די זיילען פֿון טעמפּעל און צעשטערט דאָס הויז און זיינע חורבֿות געמאַכט פֿאַר אַן אומריינעם אָרט.

ווי מיר זעהען קלאָר פֿון יהוא'ס מעשים, האָט, קאָנטיג, קיינער אין איהם פֿריהער ניט געזעהן דעם געזאַלבטען פֿון יהוה, דעם קעמפֿער פֿאַר יהוה. מיט די נבֿיאים פֿלעגט ער זיך טרעפֿען אין דער שטיל: אלישע האָט זיך די גאַנצע צייט געהאַלטען אָן דער זייט און פֿון ווייטען בעטראַכט מיט אַ פֿאַרבאָרגענער שמחה דעם בלוטיגען נצחון איבער'ן הויז פֿון עמרי און איבער דעם בעל.

יהוא'ס דינאַסטיע. די מלחמות קעגען די אַרמים פֿון דמשק.

מיט יהוא'ן הויבט זיך אָן די צווייטע און די לעצטע דינאַסטיע פֿון דער ישׂראַלישער מלוכה. דורכדעם, וואָס יהוא האָט איבערגענומען די ירושה פֿון עמרי'ס דינאַסטיע, האָט ער אויך איבערגענומען די התחייבֿות אָבצושלאָגען די אָנפֿאַלען פֿון די אַרמים פֿון דמשק. היות ווי ער איז געווען שוואַכער פֿון זיי, האָט ער געפּרובט פֿאַראייניגען זיך מיט זייער אַלטען פֿיינד, מיט אשור. זיינע שלוחים, וועלכע ער האָט געשיקט קיין אשור, האָבען דערלאַנגט דעם קעניג פֿון אשור רייכע מתנות, און הגם דאָס איז פֿאָרגעקומען נאָר עטליכע געצעהלטע מאָל,

האָט מען דאָס אין אַשור בעטראַכט פאַר צינז=צאָהלונגען פון אַן אונטערטעניגער מלוכה. אויך חזאל, דער קעניג פון ארם, האָט, פאַרשטעהט זיך, געשיקט מתנות קיין אַשור. נאָר זיי האָבען, קאָנטיג, ניט געהאָלפען, — ווייל אין די יאָהרען 842 און 839 איז אַשור ווידער אַרויסגעטראָטען מלחמה צו האַלטען קעגען די ארמים פון סוריא. דערנאָך האָבען די מלחמות צווישען אַשור און ארם אויפגעהערט אויף אַ לענגערער צייט, און יהוא און די צוויי מלכים, וואָס נאָך איהם, האָבען זיך געמוזט ראַנגלען קעגען זיי מיט אייגענע כחות. דאָס זיינען געווען שלעכטע צייטען פאַר ישראל. מיט אַן עקשנות'דיגער גרויזאַמקייט איז פאָרגעקומען אין גלעד די מלחמה פאַר די לאַנד=גרעניצען. און מיטען דערינען האָבען זיך די ארמים אַריינגעריסען אין לאַנד פון ישראל גופא, און חזאל איז מיט זיינע חילות דערגאַנגען ביז צום לאַנד פלשתים און ביז צו די מויערן פון ירושלים. עמון און מואב זיינען מיט איהם געווען פאַר איינס, און אַפילו די פלשתים האָבען געזעהן אויסנוצען די שווערע לאַגע פון זייערע ישראל'ישע שכנים. נאָר אַ דאַנק איהרע גרויסע אָנשטרענגונגען האָט די מלוכה פון ישראל ניט פאַרלאָרען איהר זעלבשטענדיגקייט אין דער דאָזיגער שווערער צייט. נאָך אַמאָל איז די אמונה געגאַנגען האַנט ביי האַנט מיטן פאָלק. אין דער צייט, ווען אליהו האָט מלחמה געהאַלטען מיט די מלכים פון עמרי'ס הויז, איז זיין תלמיד אלישע געווען די וויכטיגסטע גייסטיגע אונטערשטיצונג פאַר די מלכים פון יהוא'ס דינאַסטיע און פאַר די ישראל'ישע ריטער בשעת זייער מלחמה מיט די ארמים. עס האָט לסוף זיך איינגעגעבען יהוא'ס אייניקעל, יואָש דעם זוהן פון יואחז, אָבצוהאַלטען אַ שורה גלענצענדע נצחונות איבער די ארמים. בשעת דער מלוכה=צייט פון יואש'ס זוהן, ירבעם דעם צווייטען, האָט די מלוכה דערגרייכט ביז צו דער העכסטער מדרגה פון איהר אויסוויינגסטער מאַכט. מואב איז ווייטער אונטערגעוואָרפען געוואָרען, די דרום=מזרח=גרעניץ איז דערגאַנגען ביז צום טייך פון מדבר, אין צפון=מזרח האָט מען איינגענומען קרנים און לודבר. גלעד איז געבליבען אין רשות פון ישראל. לבן און יעקב האָבען געשלאָסען אַ שלום=אָבמאַך, וואָס דורך איהם איז געזיכערט געוואָרען די גרעניץ צווישען זייערע פעלקער.

Wellhausen—Israelitische und jüdische Geschichte, 1904.

XVII דאָס אַלטע ישראל'שע געוועהנהייטס=רעכט*.

די ענטשטעהונג פון געשריבענעם רעכט.

די עלטסטע זאַמלונג פון געזעצען, וואָס געהט אַריין אין דער תורה, בעשטעהט פון די קאַפּיטלען כ' כ"ב, כ"ג און ל"ג פון ספר שמות, וועלכע שטעלען פאַר אַ זעלבשטענדיגע גאַנצע זאַך און טראָגען דעם נאָמען, וואָס עס ניט

* געוועהנהייטס=רעכט הייסט דאָס רעכט, וואָס איז ניט געשאַפען און פאַרעפענטליכט געוואָרען דורך אַ יחיד אָדער דורך אַ קאָלעגיע פון יחידים, נאָר עס האָט זיך אין משך פון דורות אומבעמערקטערהייט פעסטגעשטעלט אין לעבען פון פאָלק, ווי אַ מנהג, אַ געוועהנהייט. אין דער עלטסטער צייט האָט די געזעלשאַפט געלעבט דורכאויס לויט די כללים פון געוועהנהייטס=רעכט, וואָס האָט זיך איבערגעגעבען בקבלה פון איין דור צום צווייטען.

מ. סאָלאָווייטשיק—עלטסטע יודישע געשיכטע.

זיי די תורה אַליין (שמות כ"ד, 7) — „ספר הברית", „דאָס בוך פֿון בונד". קלאָרע און זיכערע אָנווייזען אויף דער צייט פֿון זיין ענטשטעהונג, זיינען אונז ניט געבליבען, נאָר לויט זיין אינהאַלט קאָן מען בערך פֿעסטשטעלען די היסטאָרישע תקופֿה, ווען עס האָט געדאַרפֿט אויסוואַקסען אין ישראלישען פֿאָלק די בעדערפֿעניש אין אַזאַ מין געזעצבוך.

די פֿאָר־היסטאָרישע תקופֿה, וואָס צייכענט זיך אויס דורך דער פּשוטקייט פֿון איהרע געזעלשאַפֿטליכע בעציהונגען, ווייס נאָר פֿון אַ ניט־געשריבענעם געוואָהנהייטס־רעכט. די נויטיגקייט אויסצודריקען די לעבענס־כללים, די מנהגים

בילד 10: דער קיניג האמוראבי (אמרפל) פאר דעם זונען־גאָט. דער אויבערשטער טייל פון דעם שטיין, וואָס אויף איהם זיינען אויפגעצייכענט די געזעצען פון האמוראבי.

און מדות אין אַ געשריבענער פֿאָרם ווייזט זיך אַרויס ערשט דעמאָלט, ווען, מחמת דעם שטייגען פֿון קולטורעלען מצב, ווערען ערנסטער די אויפגאַבען פֿון געריכט, אָדער ווען די מלוכה־אינטערעסען פֿאָדערן, אַז די מנהגים פֿון פֿאַרשיידענע ערטער זאָלען געבראַכט ווערען אין הסכם צווישען זיך, און אַז אויף דער גאַנצער טעריטאָריע זאָלען הערשען די גלייכע געזעצען. און פּונקט ווי אין בבל איז די ענטשטעהונג פֿון ערשטען געשריבענעם רעכט פֿאַרבונדען מיטן נאָמען פֿון דעם שאַפֿער פֿון דער בבלישער מאַכט, — האמוראבי (אמרפֿל), בערך

צווי טויזענט יאָהר פאַר דער נייער רעכענונג (זעה בילד 10), אַזוי דאַרף מען אויך רעכענען, אַז די צייט, ווען עס איז צוערשט פאַרשריבען געוואָרען דאָס אַלטע ישראלישע רעכט, איז געפאַלען אין דער תקופה, ווען עס האָט זיך צעבליהט ישראלס פּאָליטישע מאַכט — אין דער תקופה פון שלמה המלך*.

די מקורים פון ישראלישען גע-וועהנהייט-רעכט.

די פּרינציפּען, וואָס ליגען אין יסוד פון ספר הברית, זיינען די גייסטיגע ירושה פון אַן עלטערער צייט, נאָר אין דער פאָרם, ווי דאָס בוך איז צו אונז אָנגעקומען, טראָגט עס אין זיך שוין מעהר ניט קיין סימנים פון דער וואַנדער-תקופה. דער רעכטליכער סדר, וואָס עס שרייבט פאָר, איז צוגעפּאַסט צו דעם לעבענס-שטייגער פון אַ פעסטזיצענדיגען ערד-אַרבייטער- און פּאַסטוכער-פאָלק.

דאָס ישראלישע רעכט איז צום טייל אויסגעוואַקסען אויף אַ נאַטירליכען אופן פון די מנהגים און מדות פון די פּאַסטוכער-וואַנדערער, צום טייל האָט אויף זיין אינהאַלט געווירקט אַ פרעמדער עלעמענט, — דאָס כנענישע רעכט, וואָס מיט איהם האָבען די בני ישראל זיך בעקענט ערשט נאָכ'ן אָנקומען אין לאַנד. אויף דעם אופן האָט זיך פאַרשפּרייט צווישען די בני ישראל דאָס בבלישע רעכט, וואָס איז געווען דעמאָלט אָנגענומען ביי די כנענים. די נאָהענטקייט פון בבלישען און ישראלישען רעכט זעהען מיר באַלד אַרויס, בעת מיר פאַרגלייכען די דינים און רעכטליכע בעציהונגען פון ספר שמות מיט די כללים פון דעם אַזוי גערופענעם „האַמוראַבי-קאָדעקס“, דעם עלטסטען געשריבענעם זאַמעלבוך פון די כללים. אַזוי ווי אין דריטען יאָהרטויזענט פאַר דער נייער צייט-רעכענונג איז דער גאַנצער מערב פון פאָדער-אַזיען געווען אונטערגעוואָרפען אונטער דער ממשלה פון די בבלים, איז קיין ספק ניט, אַז זייער רעכט און זייערע מנהגים זיינען געווען בעקאַנט אין ארץ ישראל, נאָך איידער עס זיינען אַהינצו אָנגעקומען די בני ישראל, און אַז זיי האָבען דורך דער פאַרמיטלונג פון די כנענים געהאַט אַ גרויסע השפּעה אויף דער ישראלישער געזעצגעבונג.

די געזעצגעבונג, ווי דער בונד צווישען יהוה און ישראל.

די געזעצגעבונג האָבען די בני ישראל זיך פאָרגעשטעלט ווי אַן אָפּמאַך צווישען יהוה און ישראל, און איהר פאַרעפענטליכונג האָט זיך אויסגעדריקט דער בונד (ברית) צווישען גאָט און פאָלק. בעת יהוה האָט געשלאָסען דעם בונד, האָט ער געגעבען דעם פאָלק די הבטחה,-אָדער איבערגעחזרט די הבטחה, וואָס ער האָט פריהער שוין געהאַט געגעבען די אָבות — צו שיצען דאָס פאָלק אין מלחמה און שלום; און דאָס פאָלק האָט זיך פון זיין זייט מתחיב געווען היילינג אָפּצוהיטען דאָס געגעבענע געזעץ.

יענעם אָפּמאַך, וואָס איז געשלאָסען געוואָרען איבערן ספר הברית, האָט די לעגענדע איבערגעטראָגען צו דער צייט פון די ישראלישע וואַנדערונגען ביים סיני און האָט געשילדערט אין פּאָעטישע פאַרבען די גרויסאַרטיגע און אימה'דיגע

* עס איז אַ מחלוקת צווישען די היסטאָריקער וועגען דער צייט, ווען עס זאָל זיין צונויפגעשטעלט געוואָרען דער „ספר הברית“, אָבער אַלע זיינען מסכים זיין צונויפשטעלונג צו דער מלוכה-צייט פון איינעם פון די גרויסע מלכים, וואָס פאַר דער נביאישער תקופה: אחאב, יהושפט, מנשה (פאַרגלייך די ערצעהלונג אין דברי הימים ב', קאַפּיטעל י"ט, וועגען אַ גרויסער געריכטליכער רעפאָרם, וואָס איז דורכגעפיהרט געוואָרען פון יהושפט'ן. עס איז מעגליך, אַז די רעפאָרם האָט אַ צוזאַמענהאַנג מיט דער איינפיהרונג פון דעם „ספר הברית“).

סבֿיבֿה, וואו משה האָט דעם ספר אָנגעשריבען לויט די פֿאַרזאָגען פֿון יהוה אַליין.

Gressmann — Die älteste Geschichteschreibung und Prophetie Israels. 1910.

דער ספר הברית.

דער גרונד־געזעץ פֿון בונד.

און יהוה האָט געזאָגט צו משה׳ן: אַזוי זאָג צו די בני ישׂראל: איהר האָט אַליין געזעהן, ווי איך האָב פֿון הימעל גערעדט מיט אייך — מאַכט־זשע זיך ניט קיין אַנדערע געטער אויסער מיר, זילבערנע געטער און גאָלדענע מאַכט זיך ניט.

דער סדר פֿון קרבנות־ברענגען

אַ מזבח פֿון ערד מאַך פֿאַר מיר און ברענג אויף איהם דיינע פֿייער־אָפּפֿער און דיינע שלום־קרבנות, דיינע שעפּסען און דיינע אָקסען; אין יעדען אָרט, וואָס וועט זיין דורך מיר אָנגעוויזען אויף דינען מיר, וועל איך קומען צו דיר און בענשען דיך*.

אויב דו וועסט אָבער וועלען אויפֿבויען פֿאַר מיר אַ מזבח פֿון שטיינער, ניט שטעל איהם אויף פֿון געהאַקטע שטיינער — ווייל, ווי נאָר דו וועסט איבער זיי אויפֿהויבען אַן אייזען, וועסטו זיי פֿאַרשוועכען. און הויב זיך ניט אויף צו מיין מזבח אויף טרעפּ, כדי עס זאָל זיך ניט אָפּדעקען איבער איהם דיין הוילקייט.

די געזעצען וועגען קנעכטשאַפֿט

און אָט זיינען די געזעצען, וואָס דו גיב זיי איבער: ווען דו וועסט קויפֿען אַ קנעכט אַן עבֿרי, זאָל ער דינען זעקס יאָהר און אין זיבעטען יאָהר זאָל ער אַרויסגעהן פֿריי אומזיסט; ווען ער איז אָנגעקומען אַליין, זאָל ער אויך אַוועקגעהן אַליין; און ווען ער איז אַ בעווייבטער, זאָל אויך זיין ווייב אַוועקגעהן מיט איהם. אויב אָבער זיין האַר האָט איהם געגעבען אַ ווייב, און זי האָט איהם געבוירען זיהן אָדער טעכטער, זאָל די ווייב מיט איהרע קינדער בלייבען ביי זיין האַר, און ער זאָל געהן אויף דער פֿריי אַליין. נאָר אויב דער קנעכט וועט זאָגען: איך האָב ליב מיין האַר, מיין ווייב און מיינע קינדער, איך וויל ניט געהן אויף דער פֿריי, זאָל זיין האַר איהם ברענגען צו פֿיהרען פֿאַר גאָט און אַוועקשטעלען איהם נעבען דער טיר אָדער נעבען דעם בײַשטידעל און דורכשטעכען איהם דעם אויער מיט אַ נאָל, און ער זאָל בלייבען זיין קנעכט אויף אייביג. אויב ווער עס איז וועט פֿאַרקויפֿען זיין טאָכטער פֿאַר אַ שקלאַפֿין, קאָן מען זי ניט אָפּלאָזען, ווי מען לאָזט אָפּ אַ שקלאַפֿין; אויב זי געפֿעלט מעהר ניט איהר האַר, וואָס זי איז ביי איהם געווען אַ קעבס־ווייב, קאָן ער ערלויבען זי אויסקויפֿען, אָבער ער האָט ניט די מאַכט צו פֿאַרקויפֿען זי אין אַ פֿרעמדער פֿאַמיליע, ווייל ער האָט קעגען איהר געפֿעלשט. ווען ער וועט זי איבערגעבען זיין זוהן, דאַרף ער זיך מיט איהר בעגעהן, ווי מיט אַ טאָכטער. ווען ער

* דורך דעם געזעץ איז ערלויבט געוואָרען צו דינען גאָט אומעטום, און עס האָט זיך גאַר געפאָדערט, אז דער אָרט זאָל זיין אָנגעוויזען דורך אַ געטליכער אנטפלעקונג, ווי דאָס איז, לויט דער לעגענדע, געשעהן אין באר־שבע, אין בית אל, אין חברון און אין אנדערע ערטער.

ווערט זיך אָבער נעמען נאָך איינע, דאַרף ער פֿון איהר ניט פֿאַרמיידען שפּייז, קליידונג און געשלעכטס־פֿאַרקעהר. און ווען ער וועט דאָס אַלץ ניט ערפֿילען, זאָל זי אַרויסגעהן אויף דער פֿריי אומזיסט, אָהן אויסקויף־געלט.

די קרימינאַל־געזעצען.

ווער עס וועט דערשלאָגען אַ מענשען צום טויט, זאָל געטויט ווערען; נאָר אויב ער האָט דאָס געטאָן ניט מיט אַ כּיון, און גאָט האָט איהם אַזוי צוגעשיקט, וועל איך דיר בּעשטימען אַן אָרט, וואוהין ער זאָל אַנטלויפֿען; און ווען איינער וועט זיך אַזוי בּעגעהן מיט אַ כּיון און אויף הינטערוועגען טויטען דעם צווייטען, פֿיהר איהם אַוועק אַפֿילו פֿון מיין מזבח* צום טויט.

ווען מענשען וועלען פֿאַרפֿיהרען אַ קריג, און איינער וועט דעם אַנדערן געבּען אַ קלאַפּ מיט אַ שטיין אָדער מיט דער פֿויסט, און יענער, — הגם ער וועט ניט שטאַרבּען, — וועט זיך לעגען צו בּעט, זאָל דער שלאָגער זיין פֿריי פֿון שטראָף, אויב יענער וועט געזונט ווערען און וועט אַרוים פֿון שטוב מיט דער הילף פֿון אַ שטעקען. ער דאַרף איהם נאָר אומקעהרען פֿאַרן ליידיג זיצען און היילען מוז ער איהם. נאָר אויב ער האָט איהם געמאַכט אַ בּלייבּענדיגען פֿעהלער, דאַרף דער פֿאַרשאַפֿער אָבּגעבּען דאָס לעבּען פֿאַרן לעבּען, אַן אויג פֿאַר אַן אויג, אַ צאָן פֿאַר אַ צאָן, אַ האַנט פֿאַר אַ האַנט, אַ פֿוס פֿאַר אַ פֿוס, אַ בּרען פֿאַר אַ בּרען, אַ וואונד פֿאַר אַ וואונד, אַ בּראָך פֿאַר אַ בּראָך. ווען איינער וועט שלאָגען מיט אַ שטעקען זיין קנעכט אָדער זיין שקלאַפֿין אַזוי, אַז זיי וועלען שטאַרבּען אונטער זיין האַנט, זאָל ער בּעשטראָפֿט ווערען. אָבּער אויב זיי וועלען שטאַרבּען ערשט אין אַ טאָג אָדער אין צוויי טעג אַרום, דאַרף מען איהם ניט בּעשטראָפֿען, וויל ער האָט שוין היזק. ווען ווער עס איז וועט אַ קלאַפּ טון זיין קנעכט אָדער זיין שקלאַפֿין אין אויג אַריין און וועט עס אויסשלאָגען, זאָל ער זיי אַרויסלאָזען אויף דער פֿריי פֿאַר דעם אויג. און ווען ער וועט אויסשלאָגען אַ צאָן זיין קנעכט אָדער זיין שקלאַפֿין, זאָל ער זיי אַרויסלאָזען אויף דער פֿריי פֿאַר דעם צאָן.

ווען אַן אָקס וועט שטויסען צום טויט אַ מאַנסבּיל אָדער אַ פֿרוי, זאָל מען דעם אָקס פֿאַרוואַרפֿען מיט שטיינער און זיין פֿלייש ניט עסען; און דער בּעל הבּית פֿון אָקס איז פֿריי (פֿון שולד). אָבּער אויב דער אָקס איז אַ שטויסיגער פֿון שטענדיג אָן און דעם בּעל הבּית האָט מען וועגען דעם ניט איין מאָל מתרה געווען, און ער האָט איהם אָבּער ניט געהיט, זאָל דער אָקס, אויב ער האָט געהרג'עט אַ מאַנסבּיל אָדער אַ פֿרוי, פֿאַרוואָרפֿען ווערען מיט שטיינער, און אויך דער בּעל הבּית זאָל געטויט ווערען. אויב אָבּער מען וועט איהם בּעלעגען מיט אויסקויפֿס־געלט, זאָל ער געבּען דעם אויסקויף פֿאַר זיין לעבּען, מיט וויפֿיל מען וועט איהם בּעלעגען. אַ יונגעל אָדער אַ מיידעל אויב ער וועט שטויסען, אַלץ לויט דעמזעלבּיגען געזעץ דאַרף מען זיך מיט איהם בּעגעהן. אויב דער אָקס וועט שטויסען אַ שקלאַף אָדער אַ שקלאַפֿין, דאַרף דער בּעל־הבּית פֿון אָקס בּעצאָהלען זייער האַר דרייסיג שקלים זילבּער, און דער אָקס דאַרף פֿאַרוואָרפֿען ווערען מיט שטיינער.

* דער מזבח איז געווען אַן אָרט, וואוהין עס פֿלעגט זיך ראַטעווען דער צופֿעליגער רוצח. דער נקמה־נעמער האָט ניט געטאָרט פֿאַרגיסען קיין בּלוט ביים מזבח.

ווען ווער עס איז וועט גנב'ען אַן אָקס אָדער אַ שעפּס און וועט קוילען אָדער פאַרקויפן, זאָל ער בעצאָהלען פינף אָקסען פאַרן אָקס און פיר שעפּסען פאַרן שעפּס. ווען דאָס געגנב'עטע — סיי דאָס איז אַן אָקס, סיי אַן אייזעל, סיי אַ שעפּס — וועט געפונען ווערען ביי איהם לעבעדיגערהייט, זאָל ער פאַר זיי בעצאָהלען אין צווייען. בעצאָהלען דאַרף ער איך יעדען פאַל; אויב ער האָט ניט, מיט וואָס, זאָל ער פאַרקויפט ווערען, כדי אײַנצוברענגען דעם ווערט פון דעם, וואָס ער האָט געגנב'עט. ווען מען וועט אַ גנב כאַפּען (ביי דער נאַכט) בשעת זיין אַריינברעכען זיך און איהם טויטען, איז ניטאָ אין דעם קיין בלוט-שולד, נאָר אויב די זון האָט שוין געלויכטען, איז אין דעם פאַראַן אַ בלוט-שולד. ווען ווער עס איז האָט פאַרדאָרבען דעם אַנדערנס פעלד אָדער ווײַנגאָרטען, לאָזענדיג זיין פיך פאַרדאַרבען דאָס פרעמדע פעלד, דאַרף ער אומקערען דעם שאָדען מיט די בעסטע פּירות פון זיין פעלד און פון זיין ווײַנגאָרטען.

ווען עמיצער וועט איבערגעבען דעם אַנדערן צום היטען אַן אייזעל, אָדער אַן אָקס, אָדער אַ שעפּס אָדער אַן אַנדער בהמה, און זי וועט פאַלען אָדער וועט זיך צעשעדיגען, און עס זײַנען ניטאָ דערויף קיין עדות, זאָל די שבועה פאַר יהוה צווישען זיי לייזען דעם קריג, צי האָט ער ניט געלאָזען זיין האַנט אין צווייטענס אייגענס, און דער בעל-הבית דאַרף לײַדען דעם שאָדען, און יענער דאַרף איהם ניט אומקערען. און אויב די בהמה איז ביי איהם געגנב'עט געוואָרען, מוז ער בעצאָהלען איהר בעל הבית: ווען זי איז אָבער צעריסען געוואָרען (דורך חיות), זאָל ער דאָס אַרויסווײַזען — פאַר דער צעריסענער דאַרף ער ניט צאָהלען.

רעליגיעז-זיטליכע כללים.

אַן אַלמנה און אַ יתום דריקט ניט; ווען דו וועסט זיי אָבער נעמען דריקען, און זיי וועלען שרײַען פאַר מיר, וועל איך צוהערען זייער געשריי, און עס וועט זיך צעפלאַקערן מײַן כעס, און איך וועל אייך איבערגעבען דעם שווערד און אייערע ווײַבער וועלען זיין אַלמנות און אייערע קינדער — יתומים. ווען דו וועסט לײַהען געלט אַן אָרעמען פון מײַן פאָלק, בענעה זיך ניט מיט איהם, ווי אַן אונטערדריקער, נעם ביי איהם ניט קיין פּראָצענט. ווען דו וועסט נעמען דעם צווייטענס איבער-בגד אין משכון, קערע איהם עס אום ביז אונטערגאַנג פון דער זון, ווײַל עס איז זיין איינציגער צודעק, די איינציגע קליידונג פאַר זיין לײַב. — אין וואָס וועט ער שלאָפען אָהן איהם? און ווען ער וועט שרײַען צו מיר, וועל איך צוהערען, ווײַל איך בין באַרעמהאַרציג.

זאָלסט ניט שילטען גאָט און זאָלסט ניט זידלען אַ פאָלקס-פאָרשטעהער.

דעם ערשטגעבאָרענעם פון דײַנע זיהן גיב אָב מיר. איך דעמזעלביגען שטייגער בענעה זיך מיט דײַן אָקס און מיט דײַן שעפּס; זיבען טעג זאָלען זיי זײַן נעבען זייער מוטער, און איפין אַכטען טאָג גיב זיי אָב מיר. און ריין זאָלט איהר זיין פאַר מיר, פלייש, וואָס איז צעריסען געוואָרען אין פעלד דורך אַ חיה, עסט ניט: וואַרפט עס פאַר די הינט.

פאַרשפּרייט ניט קיין פאַלשע קלאַנגען; פאַרשאַפט ניט דעם אומגערעכטען קיין הילף דורך פאַלשען עדות-זאָגען. געה ניט נאָך דער מעהרהייט ביי אַ שלעכטער זאַך און ביי אַ רעכט-שטרייט געה ניט נאָך דער מעהרהייט קעגען דער

גערעכטיגקייט. ניט גיב נאָך דעם שטאַרקען אין גערעכט און ניט משפט פאַר־קעהרט דעם אָרעמאַן אין זיין רעכט־שטרייט.

ווען דו וועסט געפינען דיין פיינדס אָקס אָדער זיין אייזעל בלאָנזשענדיג, פיהר איהם אָב צו איהם; און אויב דו וועסט זעהן, ווי דיין פיינדס אייזעל איז געפאַלען אונטער זיין משא, בלייב ניט גלייכגילטיג, נאָר העלף איהם אויסצולאָדען איהם.

מייד אויס אַן אומגערעכטע זאַך און בעטייליג זיך ניט אין אַזאַ זאַך, וואו דער אומשולדיגער און דער גערעכטער דאַרפען ליידען און מאַך ניט גערעכט דעם שולדיגען. ניט נעם קיין שוחד, וויל דער שוחד מאַכט דעם זעהענדיגען בלינד און פאַרקרימט די גערעכטע זאַך.

דעם פרעמדען בעליידיג ניט: איהר ווייסט דאָך, ווי עס איז דעם פרעמדען אויפ'ן האַרצען, וויל איהר זייט דאָך אַליין געווען פרעמדע אין לאַנד מצרים.

זעקס יאָהר פאַרזייה דיין ערד און קלייב צונויף איהר פרוכט און דעם זיבעטען לאָז זי אָב פריי און ניט זאָרג וועגען איהר: זאָלען זיך שפייזען פון איהר די אָרימע פון דיין פאָלק און וואָס זיי וועלען איבערלאָזען, זאָלען אויפעסען די חיות פון פעלד; אַזוי פיהר זיך אויך מיט דיין וויינגאָרטען און מיט דיין אייל־בערט־גאָרטען.

זעקס טעג טו דיין אַרבייט און דעם זיבעטען טאָג זיי פריי, כדי עס זאָל אָפּרוהען דיין אָקס און דיין אייזעל און דיין שקלאַפינס זוהן און דער אָנגעקומענער זאָלען אָפּרוהען.

אַלץ, וואָס איך האָב אייך פאַרזאָגט, היט אָב שטרענג, און די נעמען פון אַנדערע געטער רופט ניט אויס. זיי זאָלען גאָר ניט זיין אויף דיינע ליפען.

דריי מאָל אין יאָהר פייערט אָב פאַר מיר ימים טובים. היט אָב דעם יום טוב פון אומגעזייערטען ברויט; זיבען טעג עס ניט קיין זויערן ברויט, ווי איך האָב דיר פאַרזאָגט בשעת דעם חודש אָביב, וויל אין דער צייט ביסטו אַרויס פון מצרים. און זאָל מען ניט קומען פאַר מיין געזיכט מיט ליידיגע הענט און דער יום טוב פון שניט פון דיין ערשטען געוויקס, וואָס דו האָסט געזייהט אויפ'ן פעלד, און דעם יום־טוב פון זאַמלונג אין סוף יאָהר, ווען דו וועסט אויפקלייבען פון פעלד די פרוכט פון דיין אַרבייט, — דריי מאָל אין יאָהר זאָל ערשיינען דאָס גאַנצע מענליכע געשלעכט פאַרן הערשער יהוה.

דאָס שליסען דעם בונד.

און משה האָט אָנגעשריבען אַלע יהוה'ס פאַרזאָגען, און אויפ'ן צווייטען טאָג אין דער פריה האָט ער אויפגעבויט אַ מזבח צו פוסען פון באַרג, און צוועלף מצבות לויט דער צאָהל פון די צוועלף ישראלישע שבטים. און ער האָט געהייסען די ישראלישע בחורים, זיי זאָלען ברענגען די פייער־אָפּפער און קוילען די אָקסען פאַר שלום־קרבנות פאַר יהוה. און משה האָט גענומען אַ העלפט פון דעם בלוט און איינגעגאָסען אין די קרבן־געפעס און מיט דער צווייטער העלפט האָט ער בעשפריצט דעם מזבח. דערנאָך האָט ער גענומען אַ מגלה מיטן געזעץ פון בונד (ספר הברית) און האָט אויפן קול זי איבערגעלייענט פאַרן פאָלק. און זיי האָבען געזאָגט: אַלץ, וואָס יהוה האָט געזאָגט, זיינען מיר גרייט צו טון און צו היטען. און משה האָט גענומען דאָס בלוט און בעשפריצט מיט איהם דאָס פאָלק,

און געזאָגט: אָט איז דאָס בלוט פון בונד, וואָס יהוה האָט געשלאָסען מיט אייך לויט די דאָזיגע געזעצען.

שמות, קאַפּיטעל כ—כד.

———

XVIII. די מאַטעריעלע און גייסטיגע קולטור פון דער פאַר־נביאים־צייט.

די התחלה פון דער העברעאי־שער שריפטלי־כער ליטעראַטור.

מיר האָבען ניט קיין מעגליכקייט צו שילדערן קלאָר און אויספיהרליך ישראל'ס לעבענס־שטייגער אין משך פון די ערשטע יאָהרהונדערטען פון זיין פעסטען לע־בען אין ארץ ישראל. עס פעהלט אונז דאָס נויטיגע היסטאָרישע מאַטעריאַל דערצו. אויב וועגען וויכטיגע און ניט־געוועהנליכע היסטאָרישע געשעהענישען קאָנען אין פאָלק בלייבען זכרונות אין משך פון אַ לאַנגער צייט, זיינען אָבער צו די שילדערונגען פון דעם טאָג־טעגליכען לעבענס־שטייגער און דעם קולטורעלען מצב פון די ברייטע פאָלקס־שיכטען נויטיג ליטעראַרישע דענקמעלער, וועלכע געהע־רען דוקא צו דער דאָזיגער צייט גופא. די יודישע שריפטליכע ליטעראַטור האָט זיך אָבער ענטוויקעלט ערשט אין דער צווייטער העלפט פון נייַנטען יאָהרהונדערט*.

* בעצם איז דער געברויך פון דער שריפט געווען שוין בעוואוסט פיל פריהער, מען האָט זי אָבער בענוצט נאָר אין אָפיציעלע דאָקומענטען, רעכענונגען, אָבמאַכען און שליחות'ן, ווען מען האָט נעדאַרפט זייער אינהאַלט האַלטען צוליב געוויסע סבות בסוד. די עלטסטע שריפט איז געווען קורץ און ביט־דייטליך, פונקט ווי איהר גאַנצע כּונה וואָלט געווען דירך עטליכע ווערטער אין שטריכען אויפהאַלטען אין זכרון אַ מעהר שווערען און פאַרפלאָנטערטען אינהאַלט.

אַ דאַנק דער ווירקונג פון דער אמונה, וואָס האָט געוועקט ליבע און דרך ארץ צום עבר, האָט זיך פריה ענטוויקעלט דאָס היסטאָרישע בעוואוסטזיין פון פאָלק; די וואונדערבאַרע מעשים פון יהוה זיינען בעזונגען געוואָרען אין קלינגענדיגע לידער, נאָר די דאָזיגע לידער פלעגען די ערשטע צייט איבערגעגעבען ווערען איינעם פון דעם אַנדערן נאָר אויסווייניג. מיטן ערשטען איבערגאַנג צו אַ געשריבענער ליטעראַטור, האָט מען אָנגעהויבען קלייבען און פאַר־שרייבען די דאָזיגע לידער. „דאָס בוך פון יהוה'ס מלחמות" (ספר מלחמות יהוה) און „דאָס בוך פון די גערעכטע" (ספר הישר) זיינען געווען די ערשטע היסטאָרישע ביכער ביי ישראל. באַלד נאָך דעם האָט מען אָנגעהויבען שרייבען אויך געשיכטע אין פּראָזע, און דערביי בענוצט די אָפיציעלע דאָקומענטען און ערצעהלונגען פון די פאַרגאַנגענע צייטען. אין די ביכער שופטים שמואל און מלכים איז געבליבען אַ גרויסער טייל פון אָט דער אַלטער געשיכטס־שרייבונג, וועלכער איז געשטאַנען אין צוזאַמענהאַנג מיט די כראָניקעס פון די מלכים (ספר דברי־הימים למלכי יהודה, ספר דברי הימים למלכי ישראל) און האָט פון זיי געשעפּט איהר מאַטעריאַל. אין דערזעלביגער צייט האָט מען אויך אָנגעהויבען צונויפשטעלען זאַמלונגען פון די יסודות פון די געזעצען און פון דער פאָלקס־חכמה; מוסטערן דערפון זיינען געבליבען ביי אונז אין די קאַפּיטלען כ"א—כ"ג פון ספר שמות. דערנאָך האָט מען אויך גענומען פאַרשרייבען די לעגענדעס וועגען דער יוגענט־צייט פון פאָלק. די דאָזיגע לעגענדעס זיינען דערנאָך פאַראייניגט געוואָרען אין צוויי זאַמלונגען פון עפּישער דיכטונג: פונ'ם יהוה'יסט און אלה'יסט; מען רופט זיי אַזוי, ווייל אין דער איינער הייסט דער געטליכער נאָמען „יהוה", און אין דער צווייטער— „אלהים". דער ערשטער פון די צוויי זאַמלונגען איז צונויפגעשטעלט געוואָרען אין דער מלוכה פון יהודה, בערך אין מיטען פון נייַנטען יאָהרהונדערט פאַר דער געוועהנליכער צייט־רעכענונג; די צווייטע איז צונויפגעשטעלט געוואָרען אין דער ישראל'שער מלוכה אין דער מיט פון אַכטען יאָהרהונדערט. ביידע זאַמלונגען, פאַרפלאָכטענע און פאַראייניגטע צוזאַמען, בילדען דעם יסוד פון אונזערע תנ"ך־ערצעהלונגען.

און דעריבער האָבען מיר ערשט פון דער צייט אָן זיכערע ידיעות וועגען דעם לעבענס-שטייגער און דעם גייסטיגען צושטאַנד פון פאָלק ישראל.

דאָס פאמיליען-לעבען. שקלא-פעריי.

מיר הויבען אָן מיט אַ קורצער שילדערונג פון פאַמיליען-לעבען: פיל-ווייבעריי איז געווען זעהר זעלטען, די פאַמיליע איז געוועהנליך געווען געבויט אויפ'ן יסוד פון דער מאָנאָגאַמיע, דער איינווייבעריי; עס איז נאָר געווען ערלויבט צו האָבען קעבס-ווייבער, פלגשים. די פרוי האָט פאַרנומען אַ בכבוד'יגען אָרט אין דער פאַמיליע, הגם עס זיינען נאָך געבליבען סימנים פון אַן עלטערן רעכטליכען מצב, וואָס דעמאָלט פלעגט מען די פרוי קויפען, און זי פלעגט ווערען דער אייגענס פון איהר מאַן און האָט געקאָנט אַפילו איבערגעגעבען ווערען בירושה. חתונות צווישען נאָהענטע קרובים, אַפילו צווישען שטיף-ברידער און שטיף-שוועסטער, זיינען ניט געווען פאַרבאָטען, און אַ פאָטער פלעגט האַלטען פאַר בעסער אָבצוגעבען זיין טאָכטער פאַר אַ שוועסטער-קינד, איידער פאַר אַ פרעמדען מענשען (פאַרגלייך בראשית כ"ט 19). די שליטה פון די עלטערן איבער די קינדער איז געווען אַ ניט-בעגרעניצטע. זיי האָבען געהאַט דאָס רעכט צו ברענגען זיי פאַר אַ ערבן און צו פאַרקויפען פאַר קנעכט און דינסטען (פאַרגלייך שמות כ"א 7—8).

דער מצב פון די קנעכט איז געווען, ווי עס זעהט אויס, ניט איבעריג שווער. דאָס געזעץ האָט צום טייל געזאָרגט פאַר זייערע מענשליכע רעכט, און אין זייער סאָציאַלען מצב האָבען זיי זיך גאַנץ ווייניג אונטערגעשיידט פון זייערע הערען. בכלל האָט די שקלאַפעריי ניט בעקומען ביי די בני ישראל אַזאַ וויכטיגע פאָליטישע בעדייטונג, ווי אין גריכענלאַנד און רוים, און דעריבער וואָלט דאָ די אָבשאַפונג איהרע לגמרי ניט אונטערגעגראָבען די יסודות פון סאָציאַלען סדר.

די פרנסות: ערד-ארבייט, בהמות-פיטערן, מלאכות.

דאָס וואַנדער-לעבען איז פאַרגעסען געוואָרען, און במילא איז פאַרלאָרען געגאַנגען דער בולט'ער אונטערשייד צווישען די רגילותן, מנהגים און אָנזיכטען פון די בני ישראל און פון די כנענים. אַזאַ לעבען, וואָס עס האָט געפיהרט יפתח און שמשון (זעה שופטים קאַפיטעל י"א און י"ד) אָדער דוד אין מדבר פון יהודה, זיינען געוואָרען איצט אוממעגליך. ניט די פרייע, אומבעגרעניצטע בעוועגליכקייט פון וואַנדערער האָט מען איצט בעטראַכט פאַר אַן אידעאַל, ווי פאַרצייטען, נאָר דעם רוהיגע, פעסטען לעבען „אונטערן וויינשטאָק און פייגענבוים". וועגען דעם זאָגען עדות די לעגענדעס וועגען די אָבות: די פאַסטוכער האָבען אויפגעהערט צו וואַנדערן, און בשעת עשו וואָגעלט אַרום, פאַרנעמט זיך יעקב אין דער היים מיט די סטאַדעס. — אָרטערווייז האָט דער האָדעווען בהמות ניט אויפגעהערט צו זיין די הויפט-אַרבייט אַ שטייגער, אין געוויסע געגענדען פון יהודה און אויף יענעם זייט ירדן. יעדענפאַלס האָט זי ניט געשפּילט קיין גרויסע ראָלע, און דעם וויכטיגסטען אָרט האָט פאַרנומען די ערד-אַרבייט. די ערד-אַרבייט און די גערטנעריי האָבען זיך גערעכענט פאַר דער ריכטיגער פרנסה פון מענשען. כדי די תבואה זאָל זיין געראָטען, האָט מען געדאַרפט עקשנות'דיג אַרבייטען; עס פלעגט אויסקומען אָבצורייסען ביים זאַמדיגען מדבר שטיקער אַקער-לאַנד, — די מענשליכע ענערגיע האָט דאָ געוויזען איהר וואונדערבאַרען כח, דער מענש האָט דאָ מנצח געווען די נאַטור דורך אַ סיסטעמאַטישען טאָג-טעגליכען קאַמף. די בערג-טעראַסעס זיינען געווען בעדעקט מיט וויינשטאָקען און איילבערטען; די טאָל'ען און פליינען האָבען

געבראַכט אין אַ רײַכער מאָס ווייץ און גערשטען, ווײַל די טעכניק פֿון ערד־אַרבײַט איז געשטאַנען שוין דאַן זייער הויך.

אין קונסט און האַנדווערק זײַנען די בני ישׂראל ניט אַוועק בעזונדערס ווײַט. די צוגרייטונג פֿון פֿאַרשיידענע חפֿצים פֿאַר שטובֿיגע בעדערפֿעניש'ן: וועבערײַ, טעפּערײַ, בויערײַ און שמידערײַ זײַנען געווען די געברויכלעכע צווײַגן פֿון האַנט־ווערק. בײַ גאָלדענע חפֿצים האָט מען געשעצט דערהויפּט די וואָג זייערע, און ניט די קונסט־אַרבייט אין, ווי אין גאַנצען מזרח, פֿלעגט מען זיי אָננעמען פֿאַר געלט, אַפֿילו נאָך דעם, ווען עס זײַנען שוין אײַנגעפֿירט געוואָרען בעשטימטע מטבעות.

דער לעבענס־שטייגער. דער געוועהנליכער לעבענס־שטייגער איז געווען זייער אַ פּשוט'ער. די ישובֿים זײַנען געווען דאָס רובֿ אָפֿענע און זײַנען געלעגען אויפ'ן שפּיץ פֿון אַ בערגעל, וואָס אויף זײַן שפּיץ איז געשטאַנען אַ מזבח אין אַ שײַער, און איהם צו פֿיסען האָט זיך געפֿונען אַ טײַך אָדער אַ קוואַל. און אַפֿילו די בעפֿעסטיגטע שטעט זײַנען כּמעט ניט געווען אַרומגערינגעלט מיט מויערן: די פֿעסטונג איז אין דער עלטערער צײַט בעשטאַנען פֿון אַ שטיינערנעם בנין מיט אַ טורעם, וואו די אײַנוואוינער פֿלעגן זיך בעהאַלטען אויפֿן פֿאַל פֿון אַ סכּנה (פֿאַרגלײַך שופֿטים ט' 46—52). די הײַזער זײַנען געוואָרען געבויט פֿון ליים און זײַנען דאָס רובֿ בעשטאַנען פֿון איין אײנציגען חדר. די ליכטיגקײַט פֿלעגט אַרײַנקומען דורך לעכער אין די ווענט בע־צייגענע מיט גראַטעס; די עפֿענונג אין באַלקען האָט געדינט אויף אַרויסצולאָזען דעם רויך. דער פּריפּעטשיק האָט ניט פֿאַרנומען קיין קענטיגען אָרט אין שטובֿ און האָט ניט געהאַט קיין רעליגיעזע בעדײַטונג, ווי דאָס איז געווען דער פֿאַל בײַ אַנדערע פֿעלקער. אין תּנ"ך (מלכים ב' ד—י) איז בעשריבען די מעבלירונג פֿון אַ קליינער שאַלקע (עליה). זי איז בעשטאַנען פֿון אַ בעט, אַ טיש, אַ שטול און אַ לײַכטער. דער געוועהנליכער מלבוש איז בעשטאַנען פֿון אַ העמד און אַן אויבער־בגד, וועלכער האָט געדינט אויך פֿאַר אַ נאַכט־צודעק. עס איז געווען אַ מנהג צו טראָגען אַ שטעקען און אַ פֿינגערל. אויף די פֿיס זײַנען געווען אָנגעטאָן שיך, אָבער דער קאָפּ איז דאָס רובֿ געבליבען ניט צוגעדעקט.

דער מענש פֿון דער מאַסע פֿלעגט עסען פֿלייש נאָר אין די טעג, ווען ער פֿלעגט ברענגען קרבּנות. אין דיועלביגע טעג פֿלעגט ער געוועהנליך טרינקען אויך ווײַן. די טעגליכע שפּײַזען פֿלעגן ווערען צוגעגרייט פֿון מעהל און בוימעל, וואָס מען פֿלעגט האַלטען אין ליימענע טעפּ. ברויט פֿלעגט ווערען געבאַקט די ערשטע צײַט פֿון גערשטען, דערנאָך דאָס רובֿ פֿון ווייץ, און איז געווען געוועהנליך אײַנגעזײַערט. פֿון גרינסען און פּרות פֿלעגט מען דערהויפּט נוצען: ציבעלע, קנאָבעל, אוגערקעס, קירבעס, לינזען, פֿײַגען און ביטערע וואָרצלען. פֿאַר נאַשערײַ פֿלעגט מען באַקען ברויטלעך פֿון געטריקענטע פּרות. די הויפּט־סעודה פֿלעגט מען עסען ניט אין אָוונט, נאָר גיכער נאָך האַלבען טאָג (בראשית מג, 16, 25). אין פֿאַרגלײַך מיט די מצרים האָבען די בני ישׂראל זיך געהאַלטען פֿאַר שטאַרקע, ניט אויסגעצעהרטע און וועניגער נוטה צו קראַנקהײַטען. יהוה איז געווען זייער היילער, און זיי האָבען זיך דעריבער ניט גענויטיגט אין רופֿאים. זייערע פֿרויען פֿלעגן זעלטן אָנקומען צו דער הילף פֿון הייבאַמס (שמות א, 19).

דער האנדעל און די ענטוויקלונג פון גרויס-איי-גענטום.

אָבער די צייטען האָבען זיך אָנגעהויבען בייטען. דער האַנדעל איז געווען אַ לאַנגע צייט קאָנצענטרירט אין די כּנענישע שטעט, אַזוי אַז מ'ט'ן נאָמען „כּנעני" האָט זיך אָנגערופען יעדער סוחר. — נאָר אין משך פון דער צייט האָבען זיך די בני ישׂראל גענומען צו האַנדעל, און דאָס איז ניט געפעלען די נביאים. די מלכים גופא, אָנגעהויבען פון דוד און שלמה, האָבען זיי געווען דערצו דעם וועג און אַמאָל צוזאַמען מיט די פעניקיער, אַמאָל קאָנקורירענדיג מיט זיי, האָבען זיי געפיהרט אַ ים-האַנדעל און אַ גרויסען האַנדעל איף דער יבשה. די שטעט האָבען אָנגעהויבען גיך צו וואַקסען און צו בעקומען אַלץ אַ גרעסערע בעדייטונג. דאָס געלט האָט אָנגעהויבען אַרויסצוווייזען זיין שליטה און ביסלעכ-וויין איז צוגעגרייט געוואָרען אין פאָלק אַן אינעווייניגסטע איבערקערעניש, וואָס קיין התראות און מוסר-ווערטער האָבען זי ניט געקאָנט אָבשטעלען. ספּעקולאַ-ציעס אין ברויט-האַנדעל, די גרויסע פּריצישע נחלאות, די אַלץ עפּטער ווערענדיגע פאַלען פון פאַרמשכּנ'ען דאָס פאַרמעגען און פון פאַרקויפען די בעלי-חובות פאַר קנעכט — דאָס אַלץ זאָגט עדות, אַז אָנשטאָט דער פריהערדיגער גלייכער פאַרטיילונג פון פאַרמעגען איז אויפגעקומען דאָס גרויסע איי'גענטום.

די סאָציאַלע טיי-לונגען.

אַלס פּועל יוצא דערפון האָט אָנגעהויבען צו וואַקסען דער ווידעראַנאַנד צווישען די פאַרמעגליכע און ניט-פאַרמעגליכע, צווישען די מיוחסים און דעם פּשוט'ען המון. די העכערע קלאַסען האָבען דורך זייער לעבענס-שטייגער נאָך מעהר פאַרטיפט דעם תהום און זיך אָבגעגרעניצט און אויסגעטיילט פון די פאָלקס-מאַסען. זיי האָבען זיך געבויט הייזער פון געהאַקטע שטיינער, פלעגען יעדען טאָג עסען יום-טוב'דיגע שפייזען, טרינקען ווין, ווי וואַסער, און זיך זאַלבען מיט'ן בעסטען בוימעל. פון דעם נביא ישעיה'ס ווערטער זעהען מיר, מיט וואָס פאַר אַ בעזונדער געשמאַק עס פלעגען זיך אָנטון די פרויען (ג' 18—23). צי האָט דער עקאָנאָמישער פּראָגרעס זיך אויסגעדריקט אין בויען אַלגעמיין נוצ-ליכע איינריכטונגען, ווי: בריקען, וועגען, וואַסער-לייטונגען, ווייסען מיר ניט ריכטיג. נאָר מיר האָבען אַ גרונד צו רעכענען, אַז עס איז אַזוי געווען. די רעלי-גיעזע קונסט, — אַפילו ניט דורכאויס אַן אָריגינעלע — איז געווען ענטוויקעלט אַ סך מעהר, איידער מען איז געוועהנליך משער.

די מלחמה-פיה-רונג.

די מלוכה האָט נאָך אַלץ ניט אויפגעהערט צו טראָגען אַ מיליטערישען כאַראַקטער, — דערהויפט די ישׂראלישע מלוכה. ביי די לעבענס-תנאים פון יענער צייט, ביי די שטענדיגע מלחמות און ביי דער בעזונדער'ס שוועריגער פּאָליטישער לאַגע, אין וועלכער ארץ ישׂראל האָט זיך שטענדיג געפונען, איז דער קעניג געווען קודם כּל אַ קריגס-מאַן. נאָך איהם איז דער חיל-אָנפיהרער געווען די וויכטיגסטע פּערזענליכקייט אין לאַנד. דאָס גאַנצע פאָלק האָט פאָרגעשטעלט אַ חיל, און די איינציגע געמיינדען זיינען געווען זיינע פאָלקען. דער מיליטער-דינסט איז געווען אַ חוב פון יעדען בערעכטיגטען ערד-אייגענטימער. אַחוץ דעם פאָלקס-חיל, האָט זיך אַרום דער קעניגליכער וואָך און אַרום די קעניגליכע פאַרטרעטער, אין די איינגענומענע לענדער, אָנגעהויבען אויסצובילדען אַן אמת'ער זעלנער-קלאַס, ווייל דער אַלטער מיליטערישער סדר האָט ניט געקאָנט בעפרידיגען די אינטערעסען

פֿון דער ענטוויקעלטער קריגס־קונסט. דער פֿרידליכער ערד־אַרבייטער, וואָס מען רײַסט איהם פּלוצלינג אָב פֿון זײַן פֿעלד, האָט ניט געקאָנט מעהר בײַשטעהן קעגען די געלערנטע און מושטירטע חילות פֿון די שכנישע פֿעלקער. דער גאַנצער חיל איז איצט שוין מעהר ניט געווען נאָר אַ פֿוס־חיל, ווי פֿריהער אין דוד'ס צײַטען. רײַטערײַ און רײַט־וועגען, וועלכע זײַנען שוין לאַנג געווען אײַנגעפֿיהרט בײַ די כנענים און אַרמים, האָט מען אויך בײַ די בני ישראל אָנגעהויבען צו בעטראַכטען ווי אַ הכרחיות. עס האָט זיך איבערגעביטען דער כאַראַקטער פֿון די כלי־זין: דער שווערד און דער שפּיז זײַנען אָבגעטראָטען אָן אַ זײַט, אָנשטאָט זיי איז איצט אויפֿגעקומען דער בויגען. די ווײַטערדיגע ענטוויקלונג פֿון דער מלחמה־טעכניק האָט זיך אויסגעדריקט אין דער בעפֿעסטיגונג פֿון די שטעט, דערהויפּט פֿון די הויפּט־שטעט, דורך מויערן. פֿריהער פֿלעגט די בעפֿעלקערונג בײַם אָנקומען פֿון שונא זיך בעהאַלטען אין די וועלדער און היילען, פֿון איצט אָן האָט זי זיך אָנגעהויבען צו בעשיצען הינטער די שטיינערנע ווענט פֿון די פֿעסטונגען.

דער קיניג און די מלוכה־תקנות.

אויפֿ'ן אינעווייניגסטען לעבען פֿון פֿאָלק האָט די קיניגליכע ממשלה ניט געהאַט קײַן קענטיגע ווירקונג. דער קיניגליכער הויף האָט אייגענטליך געטראָגען דעם כאַראַקטער פֿון ערשטען הויז אין ישראל, און דער ערשטער מלוכה־בעאַמטער האָט געהייסען „הויז־אויפֿזעהער" (אשר על הבית). הגם אין יעדער געגענד זײַנען געווען קיניגליכע פֿאַרטרעטער, אָבער זייער פֿאַרבינדונג מיט'ן מלוכה־צענטער איז געווען זעהר אַ שוואַכע, ווי עס איז דער פֿאַל אין אַלע יונגע מלוכות. די אָבהיטונג פֿון די לאַנד־גרעניצען איז ניט געווען קײַן חוב פֿון דער קיניגליכער מאַכט; ווען אַ פֿײַנד פֿלעגט אָנקומען אין לאַנד אַרײַן, פֿלעגט זיך דער קיניג פֿאַרשפּאַרען אין דער הויפּט־שטאָט, און צו איהם פֿלעגען זיך אויפֿקומען די פּראָווינציעלע פֿאַרטרעטער מיט זייערע חילות. פֿון וואַנען עס האָבען זיך גענומען די מלוכה־הכנסות, איז אונז ניט גענוג קלאָר. דער שניט פֿון די ערשטע גראָז, דער אַזוי גערופֿענער „קיניגליכער שניט" האָט געהערט צו דער מלוכה און פֿלעגט בענוצט ווערען אויף דער אויסהאַלטונג פֿון דער קאַוואַלעריע. עס איז גאַנץ מעגליך, אַז פּונקט אַזוי ווי אין דער מלוכה פֿון יהודה, זײַנען אויך אין דער ישראל'שער מלוכה, געווען מלוכה־קרקעות (שמואל א, ח' 12). וואָס די מלכים פֿלעגען זיי אָבגעבען זייערע מקורבים אויף פֿעאָדאַלע יסודות. וועגען פֿעסט־בעשטימטע און אַלגעמיינע אָבצאָהלונגען ווערט אין תנ"ך ניט דערמאָנט, נאָר אָפֿט רעדט זיך וועגען גרויסע שטײַערן, וואָס זײַנען אַרויפֿגעלעגט געוואָרען אויף די מעהר פֿאַרמעגליכע פֿאָלקס־טיילען. דער צעהנטעל (מעשר) פֿון אַלע תבואות און פֿרוכט האָט געהערט צו גאָט, און ניט צום קיניג. דער מלוכה־אוצר פֿלעגט זיך אָבער אין דער צײַט פֿון נויט ממלא זײַן דורך די געלטען פֿון בית המקדש. לכל הפּחות אין ירושלים זײַנען די דאָזיגע געלטען געווען אין רשות פֿון די מלכים, און יענע האָבען זיך מיט זיי אָפֿט בענוצט, ווען עס איז אין דעם געווען אַ גרויסע הצטרכות.

די געוועהנליכע פֿאָרשטעלונגען וועגען די דעספּאָטען פֿון די מזרח־לענ־

דער פאסען זיך לגמרי ניט צו די ישראל'שע מלכים. לויט זייערע מדות און זייער אויפפיהרונג מאכען זיי לגמרי ניט דעם איינדרוק פון דעספאטען, און דאס פאלקס־ווארט וועגען זייער מענשליכקייט (מלכים א, כ', 31) איז, קאנטיג, ניט ווייט פון אמת.

די געזעצגעבונג. דאס קרימינאל־רעכט.

א געזעצגעבונג אין אמת'ען זין פון ווארט האט ישראל נאך דאן ניט געהאט. אלע סדרים פון לעבען זיינען געווען געבויט אויף די רגילות'ן און מנהגים, וואס זיינען איבערגעגאנגען פון דור צו דור און זיינען ערשט שפעטער פארשריבען געווארען. איינציגע שטיקער פון זיי זיינען נאך ביי אונז פארבליבען (שמות פון קאפיטעל כ"א ביז כ"ג). זיי צייכענען זיך אויס דורך דעם, וואס עס פעהלט אין זיי יעדער פארמאליזם, ד. ה. אז דאס רעכט פין מענשען הענגט ניט אב דערפון, ווי און אין וועלכער פארם ער פארלאנגט עס, נאר פון דעם רעכטליכען אינהאלט. עס זיינען ניטא קיין פארשריפטען, אויף וואס פאר אן אופן מען דארף דערלאנגען אנקלאגען. עס זיינען ניטא קיין סימבאלישע מנהגים, וואס דארפען דינען פאר א רמז אויף א וואסער עס איז פאקט*. ביידע צדדים ביי א משפט הייסען דער עדות און דער בעקלאגטער. אונטער דעם נאמען „עדות" פארשטעהט מען דעם אנקלאגער ביי קרימינעלע פראצעסען, אדער דעם מאנער ביי געלט־פראצעסען. דאס קרימינעלע רעכט, וואס בעווייזט אונז, ווי אזוי עס פארהאלטען זיך צווישען אנאנד די געזעלשאפטליכע גערעכטסבארקייט און די זעלבסטהילף פון יחיד, איז געווען ביים פאלק גענוג ברייט ענטוויקעלט.

ביי די פארצייטיגע אראבער פלעגט דער שבט האבען נאר איין קאמפסמיטעל קעגען דעם, וועלכער פארשטערט דעם שלום און איז עובר אויף די גוטע מדות; ער פלעגט זיך אבזאגען פון איהם, אויסשליסען איהם פון שבטפארבאנד, ניט בעשיצען מעהר זיין לעבען און ניט נוקם זיין זיך פאר זיין טויט. די ישראל'שע געמיינדע האט זיך אבער ניט בעגנוגענט מיט דער פארטרייבונג און פארשטויסונג אליין, נאר זי פלעגט פאר'משפט'ן דעם שולדיגען צום טויט. די עלטסטע פארם פון טויט־שטראף איז געווען די פארווארפונג מיט שטיינער (סקילה), דערביי האבען אלע מיטגלידער פון דער געמיינדע זיך בעטייליגט אין דער אויספיהרונג פון דער שטראף (יהושע ז', 25) און דורכדעם גענומען אויף זיך די אחריות פארן בלוט פון גע'הרג'עטען. עס איז געווען א בעשטימטע שורה פון זינד, וואס פאר זיי האט „ניט געדארפט זיין קיין ארט צווישען ישראל", ווארום זיי זיינען געהאנגען ווי אן אומגליק איבערן גאנצען פאלק און לאנד און האבען געקאנט „אויסגערוימט" ווערען נאר דורך דעם טויט, דורך דער פארטיליגונג פון שולדיגען. פאר אזעלכע חטאים זיינען גערעכענט געווארען: לעסטערן גאט, בעליידיגען דעם קיניג, ניט

* אשטייגער איז געווען בעקאנט די בני ישראל דער סימפאטישער מנהג (רות ד, 7), אז ווען איינער פלעגט זיך בייטען א חפץ מיטן אנדערן אדער אבקויפען עפעס ביי דעם אנדערן, פלעגט דער פארקויפער אויסטון איינעם א שוך און איבערגעבען איהם דעם קויפער, און דאס פלעגט דינען פאר א סימבאל, אז ער גיט איבער דאס אייגענטומס־רעכט אויפן אויסגעבייטענעם אדער געקויפטען חפץ.

אָבגעבען כּבוד עלטערן, די בלוט=פאַרמישונג, ד. ה. געשלעכטליכער פאַרקעהר צווישען זעהר נאָהענטע קרובים, און נאָך אַזעלכע עבֿרות, וואָס ריהרען אָן דאָס געוויסען פון פאָלק, צו זיי האָט געהערט אויך די טויטונג (רציחה).

די בלוט=נקמה.

דער מנהג פון בלוט=נקמה האָט שוין אין משך פון דער מלכים=צייט אָנגעהויבען צו פאַרלירען זיין אַמאָליגע געשטאַלט. פריהער פלעגט די גאַנצע משפחה פון גע'הרג'עטען פיהרען אַ מלחמה מיט דער משפחה פון רוצח, און די נקמה פלעגט זיך ציהען אָהן אַ סוף. איצט איז פון דעם אַלטען מנהג געבליבען נאָר דאָס רעכט פון דעם גע'הרג'עטענס נאָהענטסטען קרובֿ, דעם אַזוי גערופענעם נקמה=נעמער (גואל הדם), נאָכצויאָגען דעם רוצח און צו טויטען איהם אָהן אַ משפּט. ווען דער לעצטער איז אָבער בעגאַנגען די הארגע זינד ניט בכּיון, פלעגט ער געפינען שוץ אין היילינטום ביים מזבח. דאָרטען איז ער געווען זיכער פון דעם גואל'ס שווערד און פלעגט זיך קאָנען אויסקויפען דורך אַ געלט=שטראָף (כּפר). ווען ער האָט אָבער דאָס פאַרברעכען בעגאַנגען מיט אַ כּיון, פלעגט מען איהם „אָפּרייסען אַפילו פון מזבח“ (שמות כ"א 14). דאָ האָט זיך די זאַך אויף אַזאַ אופן ניט בעגאַנגען אָהן דער אַריינמישונג פון דער געזעלשאַפטליכער מאַכט. די געזעלשאַפט איז געווען, ווי ביי די מחמדאַנער, מחויבֿ צו פאַרהאַלטען דעם רוצח און איבערצוגעבען איהם אין די הענט פון גואל, כּדי ער זאָל איהם טויטען. דאָס איז געווען זיין הייליגער חובֿ, פון וועלכען ער האָט זיך ניט געטאָרט אָבזאָגען, אָננעמען אויסקויף=געלט (כּפר) איז איהם געווען פאַרבאָטען: פאַר בלוט האָט מען פאַרלאַנגט בלוט, ווי „אַן אויג פאַר אַן אויג, אַ צאָהן פאַר אַ צאָהן“. דאָס ניט אָבגערעכענטע בלוט „האָט געשריען צו גאָט פון דער ערד“ און געוועקט זיין צאָרן אויף די מענשען. דערפאַר ווען מען פלעגט געפינען אויפ'ן פעלד אַ גוף פון אַ גע'הרג'עטען און מען פלעגט ניט קאָנען דערגעהן, ווער איז דער רוצח, פלעגען די איינוואוינער פון דער נאָהענטסטער שטאָט, כּדי אָבצו=וואַשען פון זיך דאָס בלוט, דאַרפען קוילען אַ קאַלב כּלומר'שט אָנשטאָט דער טויטונג פון אומבעקאַנטען רוצח. אויף אַזאַ אופן האָט די נקמה פאַרלאָרען שוין איהר ענג „פּערזענליכען כאַראַקטער און האָט בעקומען דעם כאַראַקטער פון אַ „יוס טאַליאָנים“ *. דערביי פלעגט די געזעלשאַפט קומען צו הילף די יחידים צו ערפילען זייער חובֿ פון נקמה.

דאָס בירגערליכע רעכט.

פולע בירגערליכע רעכט האָט געהאַט נאָר דער, וואָס האָט געקאָנט ערפילען דעם נקמה=חובֿ און טראָגען כּלי=זין. מיט איינעם און דעמזעלביגען וואָרט: „גואל“ רופט מען אָן דעם נקמה=נעמער און דעם יורש. נאָר די, וואָס טראָגען כּלי=זין, פלעגען ירש'ען, זיין די בעלי=הבתים פון דער קרקע און זיך בעטייליגען ביי דער איינטיילונג פון דעם קהל'שען פעלד, וואָס פלעגט קיי=

* „יוס טאַליאָניס“ הייסט יעדע געזעצליך איינגעשטעלטע שטראָף, וואָס לויט איהר ווערט אָבגעצאָהלט דעם פאַרברעכער פאַר זיינע שלעכטע מעשים און פאַר דעם אָנגעטאָנענעם היזק דורך דעם, וואָס מען טוט איהם דאָסזעלבע, וואָס ער האָט געטאָן, אָדער געוואָלט טון דעם אַנדערן; אין דער תּורה דריקט זיך אויס דער אַזוי גערופענער טאַליאָ=פּרינציפּ אין די ווערטער: „אַ לעבען פאַר אַ לעבען, אַן אויג פאַר אַן אויג, אַ צאָן פאַר אַ צאָן“ און אַזוי ווייטער.

נעם ניט געהערען אויף שטענדיג, נאָר פֿלעגט פֿון צייט צו צייט צעטיילט ווערען על פּי גורל.

האַנט בײַ הײַנט מיט די בירגערליכע רעכט און התחיבֿות'ען זײַנען געגאַנגען די רעליגיעזע. די לעצטע זײַנען געפֿאַלען נאָר אויף די פֿיל=בערעכטיגטע און פֿאַרמעגליכע בני ישראל. די אמונה האָט געטראָגען אַ מענליכען, קעמפֿערישען, אַריסטאָקראַטישען כאַראַקטער; דער גאַנצער גאָטעסדינסט איז בעשטאַנען פֿון קרבנות און מתנות פֿון די פֿעלד=פּראָדוקטען און בהמות, און האָט זיך געשטיצט אויפֿ'ן ערד=פֿאַרמעג. די פֿאַרזאַמלונג פֿון דער געמיינדע (קהל) האָט געטראָגען צוגלייך אַ פּאָליטישען און רעליגיעזען כאַראַקטער. ווער עס איז ניט געווען פּאָליטיש פֿולבערעכטיגט, האָט אויך ניט געהאַט קיין רעליגיעזע גלייכבערעכטיגונג. פֿרעמדע האָבען געקאָנט ערשט נאָך אַ משך פֿון דורות אײַנבירגערן זיך און בעטייליגען זיך אין דער געמיינדע=פֿאַרזאַמלונג („קומען אין קהל אַרײַן"), בני ישראל פֿון אַנדערע שטעט פֿלעגען דאָס בירגער=רעכט בעקומען מסתמא גיכער.

דער בית דין. דער קהל האָט געטראָגען אויך דעם כאַראַקטער פֿון אַ געריכט. די געריכטסבאַרקייט איז געווען, ווי פֿאַר צייטען, אין די הענט פֿון די איינציגע שבֿטים און געמיינדען און זי פֿלעגט געפֿיהרט ווערען דורך די אַריסטאָקראַטישע זקנים=קאָלעגיעס. די ריכטער פֿלעגען זיצען, און די געמיינדע=מיטגלידער פֿלעגען שטעהן אַרום זיי. דער אָרט פֿון געריכט איז געווען דער טויער פֿון שטאָט, און נאָר געוויסע פֿאָרמאַלע אַקטען פֿלעגען דאַרפֿען פֿאָרקומען אין היילינגטום (שמות כ"א, 6; כ"ב 7—8). אַזוי ווי משפּט'ן דאָס פֿאָלק איז געווען דער וויכטיגסטער טייל פֿון דער פֿאָלקס=פֿיהרונג, בעדײַט דאָס וואָרט „שופֿט" סײַ „ריכטער" און סײַ פֿאָלקס=פֿיהרער בכלל. דערפֿון זעהען מיר אַרויס, אַז די ישראל'שע מלוכה האָט נאָך אַלץ געטראָגען דעם כאַראַקטער פֿון אַ קיבוץ פֿון זעלבשטענדיגע געמיינדען, וואָס עס פֿאַרבינדט זיי אינאיינעם דער געפֿיהל פֿון רעליגיעזער אחדות.

נאָך אַ משך פֿון דער צייט, ווען עס האָבען זיך ענטוויקעלט די געזעלשאַפֿטליכע בעציהונגען, האָט זיך דער סדר אַריבערגעוויזען פֿאַר ניט פּאַסיג. די קלאַסען=היפּוכים און די פֿאַרמעגענס=אונטערשיידען האָבען צעשטערט די פּשוטקייט און די איינהייט פֿון קהל און האָבען צונענומען בײַ די זקנים די מעגליכקייט ריכטיג צו פֿיהרען דאָס אַלטע געריכט. עס איז צעבראָכען געוואָרען דער אויטאָריטעט פֿון די זקנים, די אינעווייניגסטע גאַנצקייט און פֿעסטקייט פֿון דער געמיינדע איז צעשטערט געוואָרען, און דער קיניג האָט אויסגענוצט די געלעגענהייט, כדי זיך צו דערקלערן פֿאַר דעם העכסטען שופֿט איבער אַלע געמיינדען פֿון לאַנד. ווער עס האָט ניט געקאָנט דערשלאָגען זיך זײַן רעכט בײַ דער געמיינדע, אָדער ווער עס האָט זיך געוואָלט בעפֿרײַען פֿון זײַן רעכטליכען חוב, האָט זיך אָנגעהויבען צו ווענדען צום קיניג; אָבער די מלכים זײַנען געווען צו שוואַך, כדי צו פֿאַראייניגען אין זייערע הענט די געריכטליכע מאַכט און צו געבען איהר אַן ערנסטען אויטאָריטעטישען כאַראַקטער. זיי פֿלעגען זיך ניט קאָנען בעפֿרײַען פֿון דער ווירקונג פֿון יענע געזעלשאַפֿטליכע קרייזען, וואָס

האָבען זיי אַרויסגעבראַכט אויפֿ'ן טרון, און האָבען זיך שטענדיג געפֿיהלט פֿון זיי אָפּהענגיג. בעזונדערס האָט דאָס, פֿאַרשטעהט זיך, זיך געלאָזט פֿיהלען אין דער ישׂראלישער מלוכה, וואו די אָפֿטע אומבײַטונג פֿון די הערשענדע דינאַסטיעס האָט לגמרי צעשטערט די השגה וועגן די הייליגע און אומבעדינגטע רעכטען פֿון קיניג און האָט אָפֿט געשטעלט אין סכּנה דעם גאַנצען געזעלשאַפֿטליכען סדר.

די יסודות פֿון סאָציאַלן סדר.

בײַ אַזאַ מצבֿ פֿון דער צענטראַלער מאַכט איז דאָס נאַציאָנאַלע לעבען אויך אין דער מלכים=צײַט געבליבען קאָנצענטרירט אין דער פּראָווינץ. קיין מלוכה=שטורעמס, קיין בלוטיגע איבערקעהרענישען אין דער הויפּט=שטאָט זײַנען ניט געווען בכּוח צו צעשטערן דעם רוהיגען לעבענס=גאַנג אין די איבעריגע טיילען פֿון לאַנד. די ענטוויקלונג פֿון געזעלשאַפֿטליכען סדר האָט נאָר געבראַכט דערצו, אַז די ראָל פֿון אַמאָליגען וואַנדערנדיגען בית=אָבֿ איז אַריבער צו דער שטאָט=געמיינדע, וועלכע האָט ביסלעכווײַז בעקומען דעם כאַראַקטער פֿון אַ געריכטליכען צענטער פֿאַר די אַרומיגע ישובֿים און האָט געהייסען — די מוטער זייערע.

דער גרעסטער כּח איז געלעגען אין דעם פֿאַמיליען=פֿאַרבאַנד. דעם המשך פֿון פֿאַמיליען=לעבען האָט מען צוגעגעבען אַ גרויסען ווערט. דאָס איז געווען, לויט דער מיינונג פֿון פֿאָלק, דער איינציגער וועג צו דער אומשטערבליכקייט: דער פֿאָטער האָט געלעבט אין זײַנע קינדער. די משפּחה און די פֿאַמיליע זײַנען געווען, ווי פֿריהער, די אויפֿזעהערינס איבער די מדות; זיי זײַנען געווען דער פֿאַראייניגענדער און פֿאַרבינדענדער כּח אין פֿאָלק און האָבען געהאַט אַ גרויסע מאָראַלישע השפּעה אויף אַלעמען. און דעריבער זײַנען ניט די שוואַכקייט פֿון דער רעגירונג, ניט די איבערקעהרענישען אין דער הויפּט=שטאָט ניט געווען בכּוח אָפּצושטעלען די ריכטיגע ענטוויקלונג פֿון פֿאָלק אָדער אָפּצושוואַכען זײַן רעכטליכען בעוואוסטזײַן און זײַן זיטליכען געפֿיהל. פֿאַרקעהרט, די צײַט פֿון די שטענדיגע הויף=איבערקעהרענישען אין דער ישׂראלישער מלוכה צייכענט זיך אויס מיט אַ פּרעכטיגער ליטעראַטור=רענעסאַנס און בכלל מיט אַזאַ ענטוויקלונג פֿון די גײַסטיגע כּוחות און זיטליכע יסודות, וועלכע עס האָט געוויס קיינמאָל ניט דערגרייכט אַן אַנדער מזרח=פֿאָלק.

די נביאים.

האַנט בײַ האַנט מיט דער קיניגליכער מאַכט און מיט דער אויטאָריטעט פֿון די זקנים האָבען געדינט פֿאַר יסודות פֿון געזעלשאַפֿטליכען לעבען די תּורה פֿון די כּהנים און דאָס וואָרט פֿון די נבֿיאים. בעת מיר רעדען וועגען די נבֿיאים, דאַרפֿען מיר האָבען אין זינען, אַז יענע פֿון זיי, וועלכע מיר האַלטען פֿאַר גרויסע, זײַנען געווען איינציגע ניט געוועהנליכע ערשײַנונגען, יחידי סגולה, און אַז די גרעסטע צווישען זיי האָבען געהאַט אַ סך אַ גרעסערע בעדײַטונג פֿאַר די קומענדיגע דורות, איידער פֿאַר די מענשען פֿון זייער צײַט גופֿא. אָבער די פּשוט'ע, קלענערע נבֿיאים, דאָס הייסט די, וועלכע האָבען ניט געפֿיהרט קיין טיפֿען אינדיווידועלען לעבען און זײַנען געווען פֿאַראייניגט אין גרופּעס (חבֿר), זײַנען ניט נאָר געווען ווײַט פֿון צו זײַן פֿאָלקס=קעמפֿער, נאָר זיי האָבען, פֿאַרקעהרט, געהאַט אָפֿט די נטיה צו רעדען אין פֿריידיגען דאָס, וואָס עס איז געווען

גוט אין אָנגענעם פֿאַר די הערשענדע שיכטען. בכלל איז די אמונה געווען אַ פרידליכע און ניט קיין צעשטערנדע קראַפֿט, זי האָט ניט געקעמפֿט קעגען דעם בעשטעהענדיגען לעבענס-סדר, נאָר זי האָט איהם אונטערגעהאַלטען.

די כהנים. זייערע אויפגאבען און זייער קלאסען-אָרדענונג.

די כהנים האָבען געהאַט אויף דיער דור אַ גרעסערע ווירקונג, איידער די נביאים, ווייל זיי האָבען געהאַט אַ זיכערן געזעלשאַפטליכען מעמד ביי די הייליגטימער. זיי זיינען געווען די עצה-געבערס פון פאָלק ביי אַלע לעבענס-אינטערעסען. נאָר פון זייערע געריכטליכע שטעלען, וועלכע זיי האָבען אַ מאָל דורכאַוס פאַרנומען, האָט מען זיי אין דער מלכים-צייט בעזייטיגט. זייער צאָהל איז געוואַקסען, זייער מצב איז זיכער געוואָרען, און זייער דינסט האָט אָנגע-הויבען איבערצוגעהן צו זייערע קינדער בירושה. די כהנים-משפחות האָבען צווישען זיך געפיהלט אַ געוויסע קרובֿ'שאַפט, די אַלגעמיינע סביבה אין די אַלגעמיינע אינטערעסען האָבען זיי צוגעגעבען דעם כאַראַקטער פון אַ בעזונ-דער געזעלשאַפטליכען קלאַס, און דאָס האָט געבראַכט דערצו, אַז זיי האָבען זיך אַלע אָנגעהויבען צו בעטראַכטען פאַר קינדער פון איין אור-פאָטער און אָנצורופען זיך — „לוים". די כהנים האָבען ניט געהאַט קיין שטענדיגע הכנסות, ווייל דער איינציגער מקור פון הכנסות זיינען געווען די קרבנות, און די לעצטע האָבען נאָך געקאָנט געבראַכט ווערען אין יענער צייט אָהן זייער הילף. זייער גייסטיגע טעטיגקייט איז געווען קאָנצענטרירט אין דער תורה: אין איהר לערנען און דערקלערן. קיין זעלבשטענדיגע וועלטליכע מאַכט האָבען זיי ניט געהאַט. אין בית המקדש פון דער הויפט-שטאָט און אין אַלע אַנדערע הייליגטימער פון לאַנד האָבען זיי געשפילט נאָר די ראָלע פון קעניגליכע בעאַמטע. בית-אל און דן זיינען בעטראַכט געוואָרען פאַר קעניגליכע הייליגטימער. דער קעניג אַליין, ווי דער עלטסטער פון פאָלק און פיהרער אין מלחמה, איז געווען פאַר איין צייט אויך די ערשטע גייסטליכע פערזענליכקייט אין לאַנד, דער העכסטער טרעגער פון דער כהונה.

די פאָלקס-אָמונה

די פאָלקס-אָמונה האָט זיך, ווי פאַרצייטען, אויסגעדריקט אין קרבנות-ברענגען. אין לאַנד איז געווען אַ גרויסע צאָהל ערטער, וואו מען פלעגט „רופען אין נאָמען פון יהוה", ווייל מען האָט גערעכענט, אַז דאָרטען איז זיין וואוינונג. די קרבנות, וואָס מען האָט געבראַכט אין די ערטער, זיינען געווען ניט די סיבה פון זייער הייליגקייט, נאָר דער פועל-יוצא דערפון. די הייליגקייט איז געווען אַ מין נאַטירליכע תכונה פון די דאָזיגע ערטער, ווייל אין זיי האָט זיך יהוה פון פאַרצייטען געוויזען צום פאָלק, נאָך איידער מען האָט דאָרטען מקריב געווען מיט אַ סדר קרבנות*. אַט די הייליגע ערטער זיינען געלעגען דאָס רוב אויף די שפיצען פון די בערג און בערגלעך, און דער-פאַר רופט מען זיי אָן הויכענישען (במות). דעם וויכטיגסטען אָרט האָט אין די פאַרצייטען פאַרנומען דער הייליגער פעלז אָדער שטיין, וואָס האָט גלייכצייטיג געדינט אי פאַר אַ מזבח, אי פאַר אַ סימבאָל און וואָס פלעגט אָפט אַפילו בע-

* פארגלייך אויבען אין דעם „ספר הברית" די שטעל, וואו עס ווערט ערלויבט צו ברענגען קרבנות אין יעדען אָרט, וועלכען „גאָט האָט אָנגעוויזען אויף צו דינען איהם", זייט 100.

טראַכט ווערען ווי די נאַטהייט גופא. אַן אַנדערש מאָל פלעגט מען אָנשטאָט אין איינציגען שטיין אויפלעגען אַ גאַנצע ראָד פון שטיינער (גלגל), אָדער אויפ־שטעלען אַ בערגעל פון שטיינער (גל); אָפט פלעגט מען דערצו נאָך פאַר־פלאַנצען אַ בוים (אַ דעמב, אַ טאַמאַריסק, אַ פאַלמע) אָדער אַ גרופע ביימער. אַמאָל פלעגט ביים מזבח זיין אַ וואַסער־קוואַל, ווי, למשל, אין קדש, אין באר שבע און אין אַנדערע ערטער.

די איינאָרדענונג פון היילגטום. אין משך פון דער צייט האָט אָבער די קונסט אָנגעהויבען אַרויסצושטוי־סען די נאַטור און לעגען איהר שטעמפּעל אויף די פאָרמען פון גאָטעס־דינסט. מען האָט אָנגעהויבען בייען אָדער אויסגיסען גרויסע מאַסיווע מזבחות; די אַלטע שטיינער און פעלזען האָבען נאָך געטראָגען אויף זיך די פאַרצייטיגע קדושה, נאָר זיי האָבען שוין ניט געהאַט מעהר זייער אַמאָליגע בעדייטונג. די מענשלי־כע האַנט האָט איבער זיי געאַרבייט און געמאַכט פון די פאָרמלויזע שטיינער שטאָלצע קאָלאָנעס (מצבות — זעה בילד 11) און ערטערווייז אָנשטאָט זיי



בילד 11: די חורבות פון אַן אלטען טעמפּעל מיט מצבות, וועלכע מען האָט ענטדעקט אין גֶזֶר בשעת די אויסגראָבונגען.

אַוועקגעשטעלט קינסטליכע זיילען. די אַלטע פאַרווילדערטע היילגע ביימער פלעגט מען ניט אַרויסרייסען, און זיי פלעגען ווייטער וואַקסען דאָרטען, וואו זיי זיינען געווען; נאָר אַלין מעהר בעדייטונג האָבען אָנגעהויבען צו בעקומען די אשרות*.

* אָנשטאָט אַ בוים פלעגט מען אָפט שטעלען נאָהענט פון מזבח אַ הילצערנעם זייל, וואָס מען פלעגט פון איהם מאַכען פאַרשיידענע געשטאַלטען און וואָס פלעגט אויך הייסען אֲשֵׁרָה.

וואָס זיינען ביסלעכווייז געוואָרען אַ נויטיגער טייל פון יעדען היילינגטום (זעה בילד 12). דאָרטען, וואו עס איז ניט געווען קיין קוואַל-וואַסער, פלעגט מען אײַנאָרדנען אַ גרויסען וואַסער-רעזערוואַר, וואָס פלעגט טראָגען דעם נאָמען — „דער קופערנער ים“ (ים הנחושת). דער גרעסטער חידוש איז אָבער בעשטאַנען אין דער אײַנפירונג פון געשניצטע (פסל) און אויסגעגאָסענע (מסכה) בילדער פון יהוה. געוועהנליך פלעגט מען יהוה אויסמאָלען אין דער געשטאַלט פון אַן אָקס, ווי דעם סימבאָל פון קראַפט און פרוכפּערקייט*. די מזבחות פלעגען בעפוצט ווערען מיט בילדער פון אָקסענע קעפּ און הערנער. בכלל איז דער אָקס געווען דער הויפּט-מאָטיוו פון דער ישראלישער רעליגיעזער קונסט. די שפּעטערדיגע נביאים האָבען מיט שפּאָט אָנגערופען די דאָזיגע בילדער — „קעלבער“ (הושע י׳. 5). פאַר די יהוה-בילדער האָט מען אויך די הויכענישען געבויט ספּעציעלע טעמפּלען. די עקסיסטענץ פון יעדען „גאָטסהויז“ זאָגט עדות, אַז עס האָט עקסיסטירט אַ גאָטס-בילד, וואָס האָט זיך אין איהם אויפגעהאַלטען (זעה בילד 5).



בילד 12: א כאַר אַרום דער אשרה.

די צערעמאָניע פון קרבנות ברענגען.

דער מזבח איז געווען דער צענטער פון דער רעליגיעזער צערמאָניע אין יעדען טעמפּעל (זעה בילד 13). די וויכטיגסטע קרבנות פלעגען פאַרברענט ווערען אויפ׳ן מזבח. דערמיט איז מען אויסען געווען צוצונעמען ביים קרבן זיין מאַטעריעלן, ערדישען כאַראַקטער און מאַכען איהם הימליש. דערפאַר האָט דער מזבח געהייסען דער פייער-אויוען פון גאָט. פאַרצייטען, ווען דער מענש האָט נאָך ניט געהאַט קיין שטענדיגען וואוין-אָרט, און במילא אויך ניט קיין הויז מיט אַ פייער-אויווען, האָט אויך יהוה איהם ניט געהאַט, און דער פייער האָט ניט געשפּילט אַזאַ ראָלע אין קולט. דאָס פאַרברענען דעם קרבן איז אויך אַזאַ אופן ניט קיין אַלטער, פאַרצייטיגער מנהג; די עלטסטע צערעמאָניע ביים קרבנות-ברענגען פון חיות איז בעשטאַנען דערין, וואָס מען האָט דאָס בלוט געלאָזען אַריינרינען אויף אַ שטיין אָדער אויפ׳ן מזבח, ווי דאָס קומט פאַר ביי די אַראַבער. דאָס פליישׁ ווערט אָבער בענוצט נאָכדעם צום עסען, אָדער עס ווערט געוואָרפען פאַר די פייגלען און ווילדע חיות (פאַרגלייך שמואל א׳ י״ד, 32—35). פונקט אַזוי ווי בלוט, האָט מען געגאָסען אויפ׳ן מזבח אויך וויין און בוימעל.

* ביי די לעצטע אויסגראָבונגען אין שומרון (אין יאָהר 1910) האָט מען געפונען א ליימענעם שערבעל, וואָס אויף איהם האָט מען איבערגעלייענט דעם אלט-ישראל׳שען מענליכען נאָמען: „עגליו“, דאָס הייסט „דאָס קאַלב פון יהוה“ („יהוה“ ווערט פארקירצט אין „יה“ און „יו“). עס זעהט דערפון אויס, אז די פארבינדונג צווישען יהוה און זיין סימבאָלישען בילד האָט זיך טיף איינגעוואָרצעלט אין דער פאָלקס-אמונה און אין די מנהגים.



לד 13: די שפורען פון אַן אַלטען טעמפּעל אין פּעטרא, אין דרום-זייט פון ים המלח. אויפ'ן שפּיץ פון באַרג איז אויסגעהאַקט אין פעלד אַ גלייכער אָרט אין דער פאָרם פון
פּירקאַנטיגער פיגור, וואָס איהרע זייטען בעטרעפען 14 און 6,5 מעטער און זיינען געווענדט קיין מזרח, מערב און דרום. פון די זייטען פלעגען זיך אויסשטעלען די איינטיילנעמער
ן דער קרבן-מאָל-צייט. די פערטע זייט איז געווען נאָהענט צו די צוויי מזבחות, וואָס געפינען זיך אויפן בילד רעכטס און וואָס צו זיי פלעגט מען צוקומען דורך טרעפּ. ביי די
מזבחות האָבען זיך געפונען וואַסער-רעזערוואוארען. אין מיטען דעם אויסגעהאַקטען שטח געפינט זיך אַ קליינע הויכעניש, וואו מען פלעגט אויפלעגען די קרבנות.

קרבנות, ניט פֿון פֿליסיקייטען, ווי, למשל, ברויט, פֿלעגט מען פּשוט אַנידערלייגען אויפֿ׳ן מזבח.

די בעדייטונג פֿון די קרבנות.

די קרבנות זיינען געווען אויך אַזאַ אופֿן פּשוט מתנות, וועלכע מען פֿלעגט ברענגען צו גאָט; זיי פֿלעגען דערפֿאַר אָדער פֿאַרלענדט ווערען אָדער איבערגעלאָזט ווערען אין היילינגטום. אין צווייטען פֿאַל האָבען די קרבנות לייכט אַריינגעפֿירט דעם מענשען אויף דעם געדאַנק, אַז מען קאָן זיי פֿאַרבייטען מיט צדקה. אויף אַזאַ שטייגער האָבען די אָרעמע לייט אָנגעהויבען צו בעקומען דאָס, וואָס עס איז געווען בעשטימט פֿאַר גאָט. נאָר מיט׳ן קרבנות-ברענגען איז געווען אָהן ספֿק פֿאַרבונדען שוין פֿון פֿאַרצייטען די פֿאָרשטעלונג פֿון אַ בונד, וואָס ווערט געשלאָסען מיט יהוה, און די דאָזיגע פֿאָרשטעלונג האָט איבערגעוואויגען די השגה פֿון קרבן, ווי פֿון אַ מתנה. די צערעמאָניע פֿון בלוט-פֿאַרגיסען האָט ניימטיג פֿאַרבונדען גאָט מיט די מענשען*, האָט בענייט און געהייליגט זייער אייביגען בונד. די גלייכע בעדייטונג האָבען געהאַט אויך די היילינגע סעודות, און וועלכע די לעבענס-לוסטיגע שמחה איז געווען פֿאַראייניגט מיט אַ רעליגיעזער פֿאַרטיפֿונג און פֿאַרקלערטקייט און וועלכע האָבען געשפּילט זעהר אַ וויכטיגע ראָל אין אַלטען ישראל׳שען קולט.

שבת און ראש חודש. די לבנה-ימים טובים.

געוויסע טעג האָבען זיך געדערלענט פֿאַר בעזונדערס בעשטימט אויף רעליגיעזע צערעמאָניעס. אַזוי איז אום שבת און ראש חודש דער גאָטעס-דינסט אויסגעפֿירט געוואָרען מיט אַ בעזונדער פֿייערליכקייט. דער שבת האָט זיך שוין אין דער עלטסטער צייט אָנגעהויבען מיט׳ן זונען-אונטערגאַנג, דער חודש — מיט׳ן מולד פֿון דער לבנה. די רוה, וואָס איז פֿריהער געווען נאָר דער נאַטירליכער פּועל יוצא פֿון יום-טוב, פֿון דער יום-טוב׳דיגער שטימונג, האָט ביסלעכווייז אָנגעהויבען צו בעקומען אַליין אַ גרעסערע בעדייטונג, בעזונדערס די שבת-רוה, און מיט דער צייט איז די רוה געוואָרען דער וויכטיגסטער סימן פֿון שבת; שבת האַלטען (שבת) און רוהען האָבען אָנגעהויבען צו בעדייטען איינס און דאָסזעלבע. אין דער מלכים-צייט האָבען אָבער די וויכטיגסטע ראָלע געשפּילט ניט אָט די לבנה-יום טובים, נאָר די יאָהריגע ימים טובים, וואָס האָבען אויך געהאַט זייער יסוד אין דער נאַטור פֿון לאַנד און ניט אין דער געשיכטע פֿון פֿאָלק; זיי זיינען צונויפֿגעפֿאַלען מיט׳ן אָנהייב פֿון פֿריהלינגס-האַלביאָהר און הארבסט-האַלביאָהר, און זייער אָבריכטונג איז בעשטאַנען דערין, וואָס די ערשטע פּירות (בכּורים) און אַ צעהנטעל-חלק פֿון גאַנצען שניט (מעשר) פֿלעגען געבראַכט ווערען אין היילינגטום אַריין, ווי אַ צייכען פֿון דאַנק פֿאַר דער פֿרוכפּערקייט פֿון דער ערד און פֿון די סטאַדעס, און דאָרטען פֿלעגען זיי צום טייל פֿאַרברענט ווערען אויפֿ׳ן מזבח, צום טייל אויפֿגעגעסען ווערען.

פסח.

אַלס ימים-טובים פֿון שניט זיינען די יאָהריגע יום-טובים איבערגענומען געוואָרען דורך די בני ישראל פֿון די כנענים צוזאַמען מיט דער ערד און דער ערד-אַרבייט. אַן אייגענאַרטיגער ישראל׳שער יום-טוב איז געווען נאָר פסח; מען האָט איהם אָבגעריכט, ווי אַ זעלבשטענדיגען יום-טוב צוזאַמען מיט׳ן ערד-

* פֿאַרגלייך אויבען זייט 103 די בעשרייבונג, ווי אַזוי עס איז געשלאָסען געוואָרען דער סיני-בונד.

אַרבייטער־יום־טוב מצות, חג המצות, (פאַרגלייך ויקרא כ״ג, 5, 6), און ער האָט אין זיך נאָך אַלע סימנים פון אַ וואַנדער־פּאַסטוכער־יום־טוב. ער האָט פריהער פון אַלע אַנדערע ימים־טובים בעקומען אַ היסטאָרישע דערקלערונג און איז פאַרבונדען געוואָרען מיט יציאת מצרים. אין דער עלטסטער ערצעהלונג וועגען יציאת־מצרים (שמות ג 18; ה 1; י 9) ווערט דער יום־טוב געשילדערט ניט ווי אַ זכרון נאָך דעם אַרויסגאַנג, נאָר, פאַרקעהרט, ווי אַ סיבה אָדער ריכטיגער: ווי אַן אויסרייד צום אַרויסגאַנג.

דריי־יאָהריגע ימים טובים און זייער צערעמאָניע.

דער וויכטיגסטער פון די יאָהריגע ימים־טובים איז געווען דער האַרבסט־יום־טוב, דער יום־טוב פון דער פרוכט־איינזאַמלונג — אין סוף פון דעם אַרבייטס־יאָהר. ער איז געווען אויך דער שלום־יום־טוב, וואָס דעמאָלט פלעגט מען אָפּדאַנקען יהוה פאַר דער ברכה, וואָס ער האָט געשיקט אויף די פעלדער און גערטנער, פאַר די גוטס, וואָס זיינען איינגעזאַמעלט געוואָרען אין די שפּייכלערס און קעלערס. ער האָט געהייסען יום־טוב סתם (חג). מיט זעקס חדשים פריהער פלעגט מען אָפּריכטען דעם יום־טוב פון ניט־געזייערטען גערשטענעם ברויט (מצות), וואָס איז געווען דער אָנהויב פון די 7 שניט־וואָכען, צום סוף פון שניט — דעם יום־טוב פון געזייערטען ווייצענעם ברויט. מיט׳ן יום־טוב מצות איז צונויפגעפאַלען, ווי מיר האָבען שוין געזאָגט, פסח, דער יום־טוב, ווען מען האָט געבראַכט פאַר גאָט די ערשט־געבוירענע זכרים פון גרויסען און קליינעם פיך. די דריי ימים־טובים זיינען געווען טעג פון גרויסע קרבנות. אין געוועהנליכע טעג זיינען ניט געווען קיין שטענדיגע בלוט־קרבנות.

„דריי מאָל אין יאָהר זאָל זיך יעדער ישראל ווייזען פאַר יהוה, און ניט מיט ליידיגע הענט זאָל ער זיך ווייזען“, — דערין איז בעשטאַנען דער מאַסען־גאָטעס דינסט. די ערשט־געבוירענע בהמות און פירות, וואָס זיינען געבראַכט געוואָרען פאַר אַ קרבן אָדער דאָס געלט, וואָס פלעגט פאַר זיי אויסגעלייזט ווערען, פלעגען בענוצט ווערען אויף איינצואָרדענען סעודות; די בני ישראל האָבען געגעסען, געטרונקען און זיך משמח געווען פאַר יהוה. אַ שטורעמישע פרייד און אַ רוישענדיגער פאַרגעניגען — דאָס איז געווען דער כאַראַקטער פון דעמאָלטיגען יום־טוב; ער האָט נאָך ניט דערמאָנט דעם מענשען אָן זיינע זינד, ווי שפּעטער, און ניט גערופען איהם צו תשובה און ריינונג פאַר גאָט. יום־הכפורים, דער טאָג פון פאַרגעבונג, וואָס האָט געשפּילט אַזאַ וויכטיגע ראָל בּיי די שפּעטערדיגע יודען, ווערט נאָך ערגעץ ניט דערמאָנט. די עלטסטע רשימות פון ימים־טובים (שמות כ״ג 14; דברים ט״ז) דערצעהלען וועגען איהם גאָרנישט, און לויט זיין כאַראַקטער פּאַסט ער זיך לגמרי ניט צו צו דער תקופה פון די מלכים. אין דער בייזער שעה פון אַ פאָלקס־צרה פלעגט דערקלערט ווערען אַ תענית (צום), און עס פלעגען געמאַכט ווערען שוואַכע נסיונות איבערצובעטען יהוה; ווען זיין צאָרן פלעגט זיך ווידער צעפלאַקערן, פלעגט מען בכלל זעהן אויסמיידען צו ווייזען זיך פאַר איהם.

די אָרטיגע ימים טובים.

אויסער די יאָהריגע ימים־טובים, וואָס מען פלעגט האַלטען אין גאַנצען לאַנד, איז געווען נאָך אַ גאַנצע שורה אָרטיגע ימים־טובים, וואָס וועגען זיי דערגעהען מיר נאָר צופעליג פון די תנ״ך־ערצעהלונגען. אַזוי פלעגען, אַשטייגער,

אין גלעד די ישראל'שע מיידלעך בעוויינען אויף די בערג פיר טעג אין יאָהר די יונג-פאַרשטאָרבענע טאָכטער פון יפתח. אין די גאַנצע ערצעהלונג וועגען יפתח'ן האָט בעצם נאָר דעם צוועק צו דערקלערן די סיבה פון דעם דאָזיגען יום-טוב, וואָס דערמאָנט אַ ביסעל לויט זיין כאַראַקטער די בעוויינונג פון גאָט תמוז דורך די ישראל'שע פרויען (יחזקאל ח 14).

די שטובינע רעליגיע.

האַנט ביי האַנט מיט'ן געזעלשאַפטליכען גאָטעסדינסט האָט זיך ענטוויקעלט פון די עלטסטע צייטען אָן אַ שטובינע רעליגיע, פאַרשווערונגען, שבועות, — דאָס הייסט דער מנהג זיך צו פאַרשילטען איפ'ן פאַל, ווען די הבטחה וועט ניט ערפילט ווערען — און נדרים זיינען געווען זעהר אַ געוועהנליכע ערשיינונג. ווער עס האָט אויף זיך גענומען אַ נדר, האָט אין געוויסע פאַלען ניט געטאָרט טרינקען קיין וויין און ניט שערען זיין האָר און האָט געהייסען נזיר, דאָס הייסט אָזעלכער, וואָס האָט זיך אָ ב ג ע ג ע ב ע ן (צו גאָט), אָדער וואָס האָט זיך אָ ב ג ע ז אָ ג ט (פון געוויסע לעבענס-פאַרגעניגענס). אַ סך קליינע מנהגים האָבען זיך אויסגעבילדעט אין משך פון הדורות און אַרויפגעלעגט זייער שטעמפּעל אויפ'ן פאָלקס-לעבען, צוגעגעבען געוויסע פאָרמען און געשטעלט איהם געוויסע גרעניצען. דאָס זיינען ניט געווען קיין לעבענס-כללים, וואָס זיינען געווען פאַרגעשריבען דורך אַ בפרוש'ען געזעץ און וואָס האָבען בעדאַרפט אויסשיידען און אָבזונדערן דאָס פאָלק ישראל פון צווישען אַנדערע פעלקער; נאָר דאָס זיינען געווען אָנגענומענע, פון אַלעמען אָנערקענטע לעבענס-פאָרמען, וואָס האָבען אויסגעזעהן נאַטירליך און האָבען ניט אַרויסגערופען ניט קיין פראַגען, ניט קיין ספקות.

די לויה-מנהגים.

די לויה-מנהגים, וואָס זיינען געווען אָנגענומען ביי אַנדערע פעלקער, זיינען אין דער עלטערער צייט ניט געווען פאַרבאָטען ביי די בני ישראל; עס איז געווען אַ מנהג, בשעת עס שטאַרבט אַ נאָהענטער מענש, צו פאַרדעקען דעם קאָפּ און דעם אונטערשטען טייל פון פנים מיט אַ שלייער, אָנטון אַ זאַק, אַרומגאַרטלען זיך מיט אַ שטריק, בעשיטען דעם קאָפּ מיט אַש אָדער זעצען זיך אויף אַ הויפען אַש; עס זיינען געווען אויך אַנדערע מנהגים: רייסען אויף זיך די קליידער, אָבשערען האָר און באָרד, קריצען דעם לייב און פאַרוואונדיגען זיך. די קלאָגערינס האָבען אויפ'ן קול געיאָמערט און געשלאָגען זיך אין ברוסט. דעם קערפּער פון בר-מינן פלעגט מען זעלטען ווען באַלזאַמירען, דאָס רוב פלעגט מען איהם נאָר איינוויקלען אין בגדים. פאַרברענען דעם טויטען פלעגט בעטראַכט ווערען ווי אַן אַכזריות, וויילע מען פלעגט דערין זעהן די פולשטענדיגע פאַרלענדונג פון טויטען. עס איז אונז געבליבען נאָר איין ערצעהלונג וועגען אַ פייערליכער פאַרברענונג פון טויטע (שמואל ל"א 12), אָבער אויך נאָך דעם זיינען די ביינער פאַרגראָבען געוואָרען. נאָך יעדער ידיעה וועגען דעם טויט פון אַ קיניג ווערט אין תנ"ך דערצעהלט, אַז מען האָט איהם בעגראָבען, און עס ווערט אָנגעוויזען דער אָרט פון זיין קבר. ווען מען פלעגט דעם טויטען בעגראָבען אין דער ערד, פלעגט מען דעם אָרט פון קבר בעצייכענען דורך אַ בוים, דורך אַ שטיין אָדער דורך אַ קופּע שטיינער. דאָס רוב אָבער פלעגט מען בעגראָבען אין היילען אָדער אין סקלעפּען, אויסגעהאַקטע אין די בערג. די

מענשען פון איין פאַמיליע פֿלעגט מען דאַן לעגען איינע נעבען די אַנדערע, און פאַר'ן שטאַרבען פלעגט איטליכער טראַכטען ניט וועגען דעם, אַז ער זאָל אָנקומען אין הימעל אַריין, נאָר אַז ער זאָל זיך בעגעגענען מיט זיין פאָטער און מוטער, מיט זיינע אָבות און זיין פאָלק. בעגראָבען זיין אין אַן אַלגעמיינעם קבר האָט זיך גערעכענט פאַר אַ שאַנד.

דער קולט פון טויטע.

חוץ די אַלע מנהגים, איז אין פאָלק געווען שטאַרק פאַרשפרייט דער קולט פון טויטע. בוימער, שטיינער און קופּעס שטיינער פלעגען אויף די קברים פאַרקומען אַזוי אָפט, ווי ביי די מזבחות. אין דער תורה ווערען דער־מאָנט אַ גאַנצע שורה פון הייליגע קברים, דאָס רוב פון פֿרויען (רחל, דבורה, מרים). זעהר כאַראַקטעריסטיש איז אין דעם פאַל די ערצעהלונג וועגען דעם, אַז משה איז בעגראָבען געוואָרען דורך יהוה אַליין, אין אַ ניט־בעקאַנטען אָרט, כדי זיין קבר זאָל ניט ווערען מיט דער צייט אַן אָרט פון געטליכער פאַר־עהרונג. לויט דער פאָרשטעלונג פון די בני ישראל זיינען אַלע געשטאָרבענע פאַרמישפּט אויף אַ לעבען אָהן געפיהל און פאַרשטאַנד אין דער אונטער־וועלט (שאול), אָבער עס איז אויך מעגליך, אַז די שאָטענס פון די טויטע (רפאים) זאָלען ווייטער לעבען אויף דער ערד, און זיי זיינען זעהר עהנליך צו די גייסטער־דעמאָנען. די, וועלכע זיינען אַראָב אין דער אונטער־וועלט, קאָנען אַרויס־גערופען ווערען אויף דער ערד, כדי פאָראויסצוזאָגען די צוקונפט און דעם גורל פון די לעבעדיגע. מען פלעגט זי אָנרופען אַמאָל אויך — געטער (אלהים) (שמואל א. כ"ח 13).

אָבערגלויבען און די איבער־געבליבענע סימנים פון אני־מיזם.

נאָר דאָס איז געווען ניט דער איינציגער צייכען פון גלויבען אין גייסטער און פון די צערעמאָניעס, וואָס זיינען ענג מיט איהם פאַרבונדען. דאָס גופא, וואָס מען האָט פאַרבאָטען די כישוף־מאַכעריי און די טרעפעניש, זאָגט עדות, אַז זיי זיינען געווען פאַרשפרייט אין פאָלק. עס ווערען דערמאָנט אין תנ"ך אויך פאַרשיידענע מיטלען פון כישוף; צווישען זיי איז דאָס דורכפיהרען דורכ'ן פייער; קמיעות און וואונדער־חפצים זיינען געווען אָנגענומען דורך דער געזעצגעבונג אין הרכבֿן לעבען; זיי האָבען אָבער געהאַט אַ סימבאָלישע בעדייטונג און לגמרי פאַרלאָרען זייער בולט'ען כישוף־כאַראַקטער. אַזוי, אַשטיינער, פֿעדעם צוגע־בונדען צום קאַנט פון בגד (ציצית), רצועות פון פֿעל אויפ'ן שטערן (טוטפות) און אויף די הענט, און מזוזות אויף די טירען. דער מענש פון פאָלק ישראל האָט זיך פאָרגעשטעלט, אַז ער איז פון אַלע זייטען אַרומגערינגעלט מיט גייס־טער; די ערד האָט זיך איהם פאָרגעשטעלט, ווי אַרומגערינגעלט מיט גייסטער־מהנות; דערפון האָט זיך גענומען די אינסטינקטיווע שרעק פאַר דער נאַטור, וואָס מען האָט זי פאָרגעשטעלט, ווי זי וואָלט האָבען אין זיך אַ נשמה און פול זיין מיט לעבען. די דאָזיגע פאָרשטעלונג פון דער אַרומיגער וועלט ווי פון אַ מחנה לעבעדיגע אָרגאַניזמען איז דער אינהאַלט פון דעם אַזוי גערופענעם אַנימיזם („אַנימאַ“ הייסט אין לאַטייניש נשמה). יהוה אַליין איז געווען, לויט דער דאָזיגער פאָרשטעלונג, אַרומגערינגעלט מיט געטליכע ברואים פון אַ נידע־ריגען קלאַס, וואָס צו זיי דאַרף מען צורעכענען אויך די אין דער תורה דער־מאָנטע „גאָטס־זיהן“ (בראשית ו, 2–5), קיין חילוק צווישען גוטע און שלעכטע גייס־

מער איז ניט געווען: מען האָט אין זיי געזעהן מיסטישע בלינדע כּוחות, וואָס האָבען געקאָנט ברענגען סיי נוצען און סיי שאָדען.

די השגות וועגען ריטועלער ריינקייט.

די פאָרשטעלונג פון גוט און שלעכט און זיטליכען זין איז דעם פאָלק ניט אַזוי קלאָר געווען, ווי די פאָרשטעלונג פון ריין און אומריין און ריטועלן זין. אומריין פלעגט מען קאָנען ווערען איבער פאַרשיידענע, אָפט לגמרי פאַר־קעהרטע סיבות; אַשטייגער האָט אַ מענש געקאָנט ווערען אומריין, ווען ער האָט זיך צוגערירט אָדער צו אַן אומריינער זאַך אָדער צו אַ הייליגער זאַך. עס איז געווען פאַרבאָטען צו עסען דאָס פלייש פון געוויסע חיות, אַשטייגער פון חזיר. אויך זיינען דאָס בלוט און די אָדערן פון אויבער־קניה (גיד־הנשה) געווען פאַרבאָטען צום עסען. דאָס בלוט און די אָדערן זיינען געווען הייליג, און דערפאַר האָט מען זיי ניט געטאָרט עסען. אפשר האָט זיך אויך די אומ־ריינקייט פון געוויסע חיות גענומען דערפון, וואָס זיי זיינען געווען פאַרצייטען געהייליגט פאַר אַ וואָסער עס איז גאָט אָדער גייסט.

די תורה.

וואָס איז ריין און וואָס איז אומריין, וואָס מען טאָר און וואָס מען טאָר ניט — איז ניט געווען פעסטגעשטעלט איין מאָל פאַר אַלע מאָל. אין אַ ספק־פאַל פלעגט מען זיך ווענדען צו די כּהנים, וואָס פלעגען דערקלערען און פאַרענטפערן די פראַגען. דערין איז דאָס רוב באַשטאַנען די תורה, וואָס זיי האָבען געלערנט דעם פאָלק. זיי זיינען געווען פאַר איין צייט עצה־געבער און רופאים, און האָבען דעריבער געהאַט אַ גרויסע ווירקונג אין לעבען פון פאָלק. די הייליגטימער בכלל, וואָס אין זיי איז געווען קאָנצענטרירט דאָס שאַפען און ווירקען פון די כּהנים, זיינען געווען באַשטימט ניט נאָר פאַרן געזעלשאַפטליכען גאָטעסדינסט, וואָס פלעגט פאָרקומען בערך זעלטען, נאָר זיי האָבען געהאַט אויך דעם ציל צו באַפרידיגען די אינטערעסען פון פּריוואַטען לעבען. ווען עס האָט עפּעס געפעהלט, האָט זיך געווענדט אַהערצו.

די יסודות פון דעם פאָלקס אמונה.

דער אַלגעמיינער פאָלקס־גאָטעסדינסט האָט געשטאַמט, ווי מיר האָבען שוין באַוויזען, פון די כּנענים, און דער שטובינער קולט האָט געהאַט זיין יסוד נאָך אין דער געצענדינערייַ פון דער וואַנדער־צייט. סיי דער ערשטער און סיי דער לעצטער זיינען, לויט דער השגה פון פאָלק, ניט געשטאַנען אין קיין סתירה צו דער אמונה אין יהוה. די רעליגיעזע פאָרמען, וואָס זיינען באַשטאַנען פון פאַרצייטען אָן, אָדער וואָס מען האָט איבערגענומען ביי די שכנים, האָט מען נאָר איבערגעטראָגען אויף יהוה. עס איז, אַשטייגער, געווען אַ נאַטירליכע ערשיינונג, וואָס צוגלייך מיט דער ערד־אַרבייט האָבען די בני ישראל איבערגע־נומען ביי די כּנענים אויך די יאָהריגע נאַטור־ימים־טובים; אָבער די דאַנק־קרבנות פאַר דער פרוכפּערקייט פון דער ערד פלעגען שוין געבראַכט ווערען ניט ווי פריהער דעם בעל, נאָר יהוה. בכלל איז ניט געווען אין יענער צייט קיין באַוואוסטזיניגע אָבטריניגקייט פון דער אמונה אין יהוה. און די ערצעהלונגען וועגען דעם, ווי דאָס פאָלק האָט זיך אָבגעקעהרט פון יהוה, וועלכע עס ברענגט דער תנ"ך, זאָגען נאָר עדות, אַז די שפּעטערדיגע יודען האָבען געהאַלטען זייער רעליגיעזע געזעצגעבונג פאַר אַ סך עלטערע, איידער זי איז געווען אין דער אמת'ן, און אַז זיי האָבען באַטראַכט ווי אַ זינד אַנטקעגען דעם געזעץ אַ

סך מעשים, וואָס זײַנען באמת געטאָן געוואָרען נאָך דאַן, ווען דאָס געזעץ איז נאָך בכלל ניט געווען.

דער יהוה'יזם.

„יהוה איז דער גאָט ישׂראלס“ — דאָס איז געווען דער ערשטער און דער וויכטיגסטער צווישען די עיקרים, די פּרינציפּען פון דער אמונה. דער בונד צווישען גאָט און פֿאָלק, וואָס איז געשלאָסען געוואָרען אין דער יוגענט־צײַט פון שבֿט, האָט זיך געדרעבענט פֿאַר אַ נאַטירליכען און ניט־צערײַסליכען; דער אינהאַלט פון גאָטס הערשאַפֿט איז געווען: דער קיום און דאָס וואַקסען פֿון פֿאָלק ישׂראל, און דער תּמצית פון ישׂראלס קיום איז געווען די הערשאַפֿט פון זײַן גאָט. די אידעע, אַז יהוה האָט פֿאַרגעלעגט ישׂראל, ער זאָל איהם דינען און פֿאַרעהרען, און אַז ישׂראל האָט אויף זיך גענומען דעם הייליגען חובֿ צו זײַן דער טרעגער און דער פֿריידיגער פון יהוה — די אידעע איז נאָך דאַן ניט געבוירען געוואָרען. דער בונד האָט זיך דאַן אויסגעדריקט: פון ישׂראלס צד, — אין דעם געהאָרכענגטן און די רעליגיעזע צערעמאָניעס, וואָס זײַנען געווען געהייליגט פֿאַר יהוה; פון יהוה'ס צד — אין דער בעשיצונג און הילף, וואָס ער האָט געגעבען זײַן פֿאָלק. די פֿאַרגעבונג פֿון זינד האָט געשפּילט אין דער העמאָלטיגער השגה וועגען גאָט ניט אַזאַ וויכטיגע ראָלע. די איז אַרײַן אין דעם כּלל: „זיך בעפֿרײַען פון שלעכטס“. ניט נאָר דאָס שלעכטס אין דער געזעלשאַפֿט, נאָר אויך דאָס שלעכטס אין מענשען נפֿש, אין דער פֿאַרבאָרגעניש פֿון זײַן נשמה, האָט געדאַרפֿט אויסגעוואָרצעלט און אויסגעראָט ווערען. דער וועג צו צו דער פֿאַרגעבונג פון זינד איז געווען די חרטה און תּשובֿה, — און דאָס איז געווען בעצם ניט קיין זאַך פון גלויבען, נאָר פון געוויסען און איבערלעבעניש. דער שווערפּונקט פון רעליגיעזען בעוואוסטזײַן איז געלעגען דערין, אַז יהוה שיקט רעגען אין שלום־צײַט און נצחון אין מלחמה, ער גיט פּרוכפּערקײַט די פֿעלדער און בעשיצט דאָס פֿאָלק פון זײַנע פֿײַנד. די געטערעניש איז געווען דער באַראָמעטער פון דעם רעליגיעזען בעוואוסטזײַן און שטימונג. אַ רײַכער שניט איז געווען אַ בעווײַז, אַז יהוה איז צופֿרידען מיט זײַן פֿאָלק; אַ טריקעניש און אומגעריכטעניש פֿלעגען אָנגענומען ווערען ווי סימנים פון געטליכען צאָרן, ווי אַ שטראָף, און פֿלעגען בעטראַכט ווערען, ווי דער פּועל יוצא פון דער רעליגיעזער ירידה, פֿון דעם אָפּגעשוואַכטען גלויבען אין יהוה. עס פֿלעגט טרעפֿען, פֿאַרשטעהט זיך, ניט איינמאָל, אַז יהוה פֿלעגט זײַן ניט צופֿרידען מיט זײַן פֿאָלק, פֿלעגט אין כּעס זײַן און שטראָפֿען איהם, נאָר פֿריהער אָדער שפּעטער פֿלעגט ער איהם דאָך קומען צו הילף און בעפֿרײַען איהם פון זײַנע פֿײַנד, וועלכע ער האָט געשיקט איהם פֿאַר אַ נסיון.

די אַרויסשטויסונג פון פֿרעמדע און בעצענדינערישע גלויבונגען דורך דעם יהוה'יזם.

איבער אַלע פֿאַרשיידענע פֿרעמדע און געצענדינערישע גלויבונגען האָט זיך די אמונה אין יהוה איבערגעהויבען ווי אַ מעכטיגער גײַסטיגער כּח, און קיין פֿרעמדע ווירקונגען האָבען ניט געקאָנט אָפּשטעלען און אָפּשוואַכען זײַן ווײַטערדיגען וואַקסען. בהדרגה האָט זיך אָנגעהויבען אַנטוויקלען די השגה, אַז דער יהוה'יזם אַנטהאַלט אין זיך אַ נײַעם רעליגיעזען אינהאַלט, און אַז יהוה פֿאַרטראָגט ניט קיין אַנדערע געטער, ער איז אַן אייפֿערזיכטיגער אַלײנהערשענדיגער גאָט (אל קנא). נאָר זײַן פּרינציפּיעלן כאַראַקטער, דעם כאַראַקטער

פון אַ נײַער, העכערער און געלײַטערטער אמונה, האָט דער יהוה׳יזם בעקומען ערשט נאָך אַ לאַנגער צײַט פון אינעווייניגסטער אויסבילדונג און התנגדות צו דער אַלטער פאָלקס-רעליגיע. דער גאָט פון ישׂראל האָט אַרויסגעשטויסען די איינצעלנע שבטים-געטער. די בילדער פון די פאַמיליען-געטער (תרפים) זײַנען פאַרשוואונדען פון די הײַזער, און אַ זכר פון זיי איז געבליבען נאָר אין די טעמפּלען. לאַנגער און שווערער איז געווען די מלחמה מיט דעם כּנעני׳שען עלעמענט אין דער אמונה. דאָס איז געווען בעצם ניט קיין אויסווייניגסטע, נאָר אַן אינעווייניגסטע מלחמה; זי האָט זיך געפירט ניט קעגען די כּנענים, וואָס האָבען זיך אין משך פון די דורות לגמרי צונויפגעגאָסען מיט דער ישׂראלישער בעפעלקערונג און האָבען מעהר ניט געקאָנט אָבגעטיילט ווערען פון איהר. זי האָט זיך געפירט קעגען די פרעמדע יסודות, וואָס זײַנען אַרײַנגעדרונגען אין ישׂראלס לעבען און האָבען געשטעלט אין סכנה זײַן נאַציאָנאַלע אייגענאַרטיגקײַט, אַנטקעגען דעם לוקסוס, וואָס פאַרשפּיצט די געפילען, אַנטקעגען דער אויסגעלאַסענקײַט און פריץ, אַנטקעגען דער פאַרבינדונג פון גאָט מיט׳ן נאַטור-לעבען, וועלכע פאַרטונקעלט און שוואַכט אָב זײַן פאַרבינדונג מיט׳ן לעבען פון מענש און פאָלק. אַחוץ דעם, האָט דער יהוה׳יזם געדאַרפט אויסשטעהן אַ מלחמה מיט דעם פאָליטעיסטישען תהו ובהו פון פינסטערע געצענדינערישע גלויבענישען, וואָס זײַנען נוטה צו זעהן אין יעדער ערשײַנונג דאָס שפּיל פון פאַרבאָרגענע כּחות, וועלכע דער מענש קאָן דורך כּישוף-מאַכערײַ אויסנוצען צוליב זײַן טובה וועגען. נאָר ביסלעכווײַז האָט מען אָנגעהויבען קוקען אויף כּישוף, ווי אויף אַ געצענדינערײַ, און דער גלויבען אין גײַסטער, די פאַרשווערונג פון טויטע און דער טויטען-קולט האָבען זיך אָנגעהויבען רעכענען פאַר עקלהאַפט פאַר יהוה. אין צוזאַמענהאַנג דערמיט איז כּדאי אָנצוּווײַזען, אַז דער תּנ״ך טראָגט זיך אויך מיט דער פולסטער גלײַכגילטיגקײַט צו דער פראַגע וועגען דער מענשליכער נשמה און וועגען דעם לעבען נאָך טויט. ישׂראל האָט זיך בעגנוגנט און בעפרידיגט מיט דער פאָרשטעלונג וועגען דער אומשטערבליכקײַט פון פאָלק, דער יחיד אָבער פלעגט זיך בײַם סוף פון זײַן ערדישען לעבען אַראָבלאָזען אין תהום פון ניט-זײַן. דעם געצאָהלט פאַר זײַנע מעשׂים, פאַר זײַן שאַפען און קעמפען, האָט ער געדאַרפט געפינען אין דעם גליק פון זײַן פאָלק.

די נבואה. — דער ניצחון פון יהוה׳יזם.

צוזאַמען מיט׳ן כּישוף, וואָס האָט אָנגעוואָרען זײַן בעדײַטונג מיט דער ענטוויקלונג פונ׳ם יהוה׳יזם, האָט אויך אויפגעהערט די טרעפערײַ און גורל-וואַרפעניש, ווײַל זיי זײַנען געווען דערווידער יהוה. ניט מעהר דורך די אבֿרים פון די קרבּנות, ניט דורך די פליהענדיגע פויגלען רעדט איצט יהוה מיט זײַן פאָלק, — זײַן גײַסט רוהט איצט אויפ׳ן פאָלק גופא, ער רעדט דורך דער צונג פון זײַנע אויסדערוועהלטע. ניט אין טויטען אות אַנטפּלעקט זיך גאָט צום מענשען, נאָר אין לעבעדיגען גײַסט, ווען דאָס פאָדערן די בעדערפענישען פון דער צײַט. זײַן תּורה איז נאָך ניט אָבגעגרענעצט און פאַר׳חתמ׳עט, ער לעבט צווישען די מענשען, און זײַן וואָרט איז לעבעדיג, ווײַל ער האָט אין פאָלק שטענדיגע אויסטײַטשער און פריידיגער פון זײַנע מעשׂים און זײַנע כּוונות.

אָט אין דעם בעשטעהט דער כח פון דער גייסטיגער פאַרטיפונג ביי די נביאים. אַ דאַנק זיי האָט זיך די געשיכטע — ניט די פאַרגאַנגענע, נאָר די טאָג-טעגליך געשאַפענע געשיכטע — פאָרגעשטעלט פאַר די מענשען פון יענע דורות ווי אַ רייכע און פילזייטיגע אַנטפּלעקונג פון דעם געטליכען ווילען, וואָס האָט זיין שטענדיגען טיפען זין, אמת און יושר, הן בשעת רחמנות, הן בשעת זיין כעס. אמת, דער געטליכער צאָרן פלעגט זיך צייטענווייז צעגיסען מיט אַ סטיכישער, ניט איינגעהאַלטענער קראַפט, וואָס פלעגט אָנפילען מיט שרעק אַלע הערצער. אָבער ישראלס במדון אין נאָט איז ניט וואַקעליג געוואָרען, ווייל נאָך די יאָהרען פון נסיונות פלעגען שטענדיג אָנקומען יאָהרען פון איבערווייניגסטען שלום און פון אינעווייניגסטען בליהען און וואַקסען.

נאָר עס האָבען שוין גענעהנט די שווערע צייטען פון אַ געפעהרליכער קאַטאַסטראָפע; עס האָט זיך שוין אָנגעצייכענט אַ נייע תקופה אין לעבען פון פאָלק ישראל, און אַ טיפער דורכבראָך אין זיין אמונה.

Wellhausen—Israelitische und jüdische Geschichte. 1904.

————

ה. די צייט פון די גרויסע נביאים און די ירידה פון דער ישראל'שער און יהודה'שער מלוכות.

XIX. די נביאים און זייער צייט.

דער אלגעמיי־נער כאראקטער פון דער נבואה.

די נבואה איז אן ערשיינונג, וואס מיר טרעפען ניט נאר ביים יודישען פאלק, הגם ערגעץ שטעלט זי זיך אונז ניט פאר אין אזא פולער און אידעאלער געשטאלט, ווי דא. אלע פעלקער פון דער פארצייטיגער וועלט האבען געהאט זייערע נביאים, אויב מען זאל פארשטעהן אונטערן ווארט „נביא" בכלל א מענשען, וואס רעדט צום פאלק אין נאמען פון גאט אדער פון וואסער עס איז איבערנאטירליכע קרעפטען, וועלכע האבען די שליטה איבערן לעבען, פיהלען און שאפען פון דער געזעלשאפט. דעם נביא מוז מען שארף אבגרענעצען פון דעם כהן. דער כהן איז ניט קיין אויסדערוועהלטער, גייסטיג דערהויבענער מאן, מיט א קלארען טיפען בליק אויף די ערשיינונגען פון לעבען, מיט אן אנטוויקעלטער פערזענליכקייט. ער איז נאר דער פארטרעטער פון א געוויסען קולט, וואס איז פעסטגעשטעלט און פארגעשריבען דורך די געטליכע געזעצען. אין דעם דאזיגען קולט טאר דער כהן ניט אריינטראגען קיין פערזענליכען עלעמענט, ער טאר גארניט מחדש זיין, נאר ער מוז עס אבהיטען אין אלע זיינע פרטים. איפין מאמין ווירקט נאר ממילא דער קולט גופא, ניט אבהענגיג פון דעם כהנ'ס פערזענליכקייט. אנדערש איז דאס ביי דעם נביא. ער איז א מענש מיט א ריהרענדיגער, טעטיגער נאטור. הגם ער פיהלט, דענקט, רעדט און הטפט אדאנק דער געטליכער השפעה, אבער אין זיין פיהלען און רעדען, אין דעם אופן פון זיינע ארויסטרעטונגען דריקט זיך אויס בולט זיין פערזענליכקייט, ווייל נאר אין איהם, אין זיין נאטור, אין כאראקטער שטראלט זיך אב און אנטפלעקט זיך פארן מענשען דער געטליכער רצון.

די עלטסטע התלהבות'דיגע (עקסטאטישע) נבואה.

אין דער גייסטיגער ערשיינונג, וואס מיר רופען אן „די יודישע נבואה", מוזען מיר אונטערשיידען צוויי תקופות פון ענטוויקלונג: איינע, וואס ציהט זיך פון די עלטסטע צייטען אן, און די אנדערע, וואס קומט אויף פיל שפעטער.

די כאראקטעריסטישע שטריכען פון דער נבואה אין דער עלטערער תקופה זיינען צוויי, וואס זיינען איינע ענג פארבונדען מיט דער אנדערער. פון איין זייט די בעוואוסטזיניגקייט פון דעם נביא'ס ארויסטרעטונגען אין די פלוצלונגקייט פון זיינע פאראיסאזיגען, פון צווייטען זייט — דער שטרענג נאציאנאלער כאראקטער פון דער געטליכער פארשטעלונג. די נביאים פון דער עלטערער צייט זיינען דאס רוב מענשען מיט זעהר אן ענטוויקעלטער פעהיגקייט צו התלהבות, צו עקסטאז, און די מאמענטען, ווען זיי בעקומען די געטליכע

השפעה, ווען עס רוהט איף די גאָטס גייסט, זיינען ניט מינוטען פון געלאַסענער, אָבגעוואויגענער, בעוואוסטזיניגער און טיפער לעבענס-בעטראַכטונג, נאָר פאַרקעהרט, מאָמענטען פון בעוואוסטלויזיגקייט; דאָס הייסט: פון גרויס אויפגערעגקייט גערהט דער נביא אַריין אין אַזאַ אומגעהייער נערוועזען צושטאַנד, אַז פאַר זיינע אויגען שטעהען אויף בילדער, און זיינע אויערן הערען קולות, וואָס ער וואָלט ניט תופס געווען ביי אַ רוהיגען נשמה-צושטאַנד. אָהן הכנות, פּלוצלונג און אומגעריכט, ווי אַ סטיכישע קראַפט, ווי אַ רייסענדיגער שטורעם טראָגט זיך דורך אין דער דאָזיגער תקופה דאָס נביאישע וואָרט און וועקט מעהר אויף די געפיהלען און שטימונגען, איידער דעם פאַרשטאַנד און בעוואוסטזיין.

די פאָרשטעהער פון אָט דער סטיכישער נבואה-פאָרם פלעגען דאָס רוב אַרויסטרעטען גרופּענווייז. די מוזיק פלעגט וועקען און אונטערהאַלטען זייער התלהבות, ווי אַ הייליגען פייער פלאַם. דורך אַ שטורמישען, רוישענדיגען טאַנץ פלעגט די התלהבות זיך נאָך מעהר פונאַנדערוואַקסען, צעפלאַקערן, ביז זי פלעגט דערגרייכען אידר העכסטע מדרגה, און דער התלהבות-פולער, טאַנצענדיגער נביא פלעגט אַריינפאַלען אין צושטאַנד פון אָהנמאַכט, און מיט אָבגעריסענע, סודות-פולע ווערטער, וואָס פלעגען זיך בעוואוסטלויז ציהען, ווי פלאַמען פון זיינע בלייכע ליפּען, אויסדריקען זיין איינגיסונג מיט דער גאָטהייט*. די טענץ פלעגען מעורר זיין און בעהערשען דאָס פאָלק אַזוי שטאַרק,

* פון אָט דער עלטסטער מדרגה פון דער יודישער נבואה זיינען אין דער תנ"ך-ליטעראטור נאָר געבליבען שוואכע סימנים. שפורען פון אַן עקסטאַטישען צושטאַנד קאָן מען נאָך בעמערקען אין אייניגע פאָרשטעלונגען פון נביא אליהו (פאַרגלייך מלכים א י"ח 42); נאָר ווי אויף דעם אמת'ן פאָרשטעהער פון דער דאָזיגער נבואה-ריכטונג דאַרף מען אָנווייזען אויף בלעמ'ען (פאַרגלייך במדבר, קאפּיטעל כב — כד), וואָס דער תנ"ך רופט איהם אָן — מסתמא מחמת זיין ניט-יודישער אָבשטאַמונג — כשוף-מאַכער (קוסם, יהושע, קאפּיטעל י"ג, 22). לויט זייער קראַפט און טעמפּעראַמענט שטעהען די נבואות, וואָס מען איז מיחס צו בלעמ'ען, ניט נידעריגער פון די נבואות פון די בעגייסטערטסטע ישראל'שע נביאים, און, ווי ביי זיי אַלעמען, אַזוי זיינען אויך ביי איהם די נבואה-ווערטער ניט דער אויסדרוק פון פּערזענליכער מיינונג, נאָר ווערטער, „וואָס זיינען אריינגעלעגט געוואָרען אין זיין מויל דורך יהוה", ווי בלעם אַליין חזר'ט דאָס איבער עטליכע מאָל פאַר בלק'ן, דער קעניג פון מואב, וועלכער האָט איהם גערופען צו שילטען ישראל; דערפאַר געהט ער קעגען אייגענעם ווילען און בענשט ישראל, אַנשטאָט איהם צו שילטען.

„פון אדום האָט מיך גערופען בלק, מואב'ס קעניג, פון די מזרח-בערג; קום, שילט מיר יעקב'ן, גיס אויס דעם צאָרן אויף ישראל'ן; ווי קאָן איך שילטען, ווען גאָט האָט אים ניט געשאָלטען? און ווי קאָן איך אויסגיסען דעם צאָרן, ווען יהוה האָט איהם ניט אויסגעגאָסען? אָט לעבט דאָס פאָלק אָבגעזונדערט און צעהלט זיך ניט צווישען די פעלקער. ווער וועט איבערצעהלען די זעמדעלעך פון יעקב און די מיריאַדען פון ישראל... עס ווירקט ניט קיין כישוף אויף יעקב'ן און קיין טרעפעריי אויף ישראל'ן... אָט איז אַ פאָלק, ווי אַ לייבין, ער שטעהט אויף און הויבט זיך אויף, ווי אַ לייב; ער לעגט זיך ניט, ביז ער וועט אויפעסען זיין רויב, ביז ער וועט זיך אָנטרינקען מיט'ן בלוט פון די געהרג'עטע... ווי גוט זיינען דיינע בעצעלטען יעקב, דיינע וואוינונגען, ישראל, גלייך ווי אויסגעברייטע טייכען און בעוואַסערטע גאָרטענס, ווי די דעמבען, וואָס זיינען געפלאַנצט דורך יהוה, ווי די צעדער-בוימער ביים פליסענדיגען וואַסער. די, וואָס בענשען דיך, זאָלען זיין געבענשט, און די, וואָס שילטען דיך, זאָלען פאַרשאָלטען זיין".

לויט דעם כאַראַקטער פון זיינע אַרויסטרעטונגען געהערט ער אָהן ספק צו די עקסטא-

אַז דײַטיגע מענשען פלעגען זיך אָפט בעגײַסטערן און אַרײַנגעצויגען ווערען אין דעם ווילדען, התלהבות'דיגען טאַנץ (פאַרגלײַך אַשטייגער שמואל א, י, 10—12), ווען עס איז געווען פאַר זיי נאָר וויפיל ניט איז פאַרשטענדליך די אידעע, וואָס האָט בײַם נביא אַרויסגערופען די רעליגיעזע התפעלות. די דאָזיגע אידעע איז אָבער געווען אין יענער צײַט זעהר פאָפּולער אין פאָלק, און איהר גרונד-געדאַנק—בעקאַנט אַלעמען; דאָס איז געווען ניט מעהר און ניט וועניגער, ווי די פאָלקס-טימליכע פאַרשטעלונג וועגען יהוה.

די עלטסטע פאָרמען פון דער 'ישראל'. שער אמונה.

די רעליגיעזע פאַרשטעלונג וועגען יהוה האָט דורכגעמאַכט אין משך פון דער פאָלקס-געשיכטע אַ לאַנגע ענטוויקלונג. די עלטסטע עפּאָכע פון אונזער היסטאָרישען לעבען איז די צײַט פון די תרפים, די פאַמיליען-געטער. אַוועקגע-הענדיג פון איהר פאָטערס הויז אין פרעמדען לאַנד אַרײַן, נעמט רחל, מיט אַ געפיהל פון פרומקייט, מיט זיך די תרפים פון איהר פאָטערס הויז (בראשית ל"א 19), וואָס מיט זיי איז ענג פאַרבונדען איהר קינדהייט און איהר גאַנצע ערציהונג. דאָס איז די תקופה, בעת גדעון, דער פון גאָט אויסדערוועהלטער בעפרייער פון פאָלק, שטעלט אויף צום אָנדענקען פון זײַנע נצחונות אַן אפוד, צו וועלכען עס קומען זיך צונויף פון אַלע עקען לאַנד בעגײַסטערטע פאַרעהרער, כדי זיך צו קניהען און בוקען פאַר איהם (שופטים ח' 27). דאָס איז די תקופה, ווען די איינצעלנע שבטים, בעגײַסטערטע דורך דער תאוה צו נצחונות, טרעטען אַרויס אין מלחמה מיט דער כונה צו פאַרכאַפּען אין זייערע הענט די ווירקזאַמסטע, בעריהמטסטע געצען-בילדער (שופטים, קאַפּיטעל י"ח); אין אָט דער צײַט שפּאַצירען מלאָכים איבער שטעט און דערפער, יהוה עסט פּשוט מיטאָג מיט אַברהם'ען און מנוח'ן (בראשית, קאַפּיטעל י"ח, שופטים, קאַפּיטעל י"ג), ווי דער גריכישער גאָט צעוס, וואָס איז אַראָב צו פילעמאָנען. יעדער אַוועקגעשטעלטער שטיין איז אַ הייליגער אָנדענק. מיט איהם איז שטענדיג פאַרבונדען אַן אַלטע לעגענדע וועגען דער אַנטפּלעקונג פון גאָט (בראשית כ"ח 18). יעדער אַלטער בוים טראָגט אין זיך פאַרבאָרגען רעליגיעזע זכרונות. ווי אין די צײַטען פון האָמער אין גריכענלאַנד, איז נאָך דאָ ניטאָ קיין תהום צווישען ביידע וועלטען, צווישען גאָט און מענש, און גאָטס-זיהן זײַנען זיך מזווג מיט די מענשען-טעכטער (בראשית ו 2). דאָס איז די צײַט, ווען מען האָט זיך געקניהט פאַר בילדער און ווען עס האָט געהערשט אַ נאַאיווער, ניט-בעוואוסטזיניגער גלויבען: דאָס בוך שופטים ברענגט פאַר אונז אַ בילד, וואָס איז וואונדערבאַר לויט זײַן פּשוטקייט, פון דער דאָזיגער הפקר-צײַט, ווען עס האָט געפעהלט יעדע אָרדענונג הן אין רעליגיעזען זין, ווען עס איז נאָך ניט געווען קיין פעסטגעשטעלטע אָנגענומענע ממשלה ניט אויף דער ערד, ניט אויפ'ן הימעל, קיין אַלגעמיינע, אָנערקענטע כללים, לויט וועלכע עס דאַרף זיך פיהרען דאָס

טישע נביאים, ווי מיר זעהען דאָס קלאָר פון דעם בעשריבענעם גייסטיגען מצב, אין וועלכע ער געפינט זיך, בשעת ער רעדט זײַנע ווערטער: „די רייד פון בלעם, דעם זוהן פון בעור", —אזוי הויבען זיי זיך דאָס רוב אָן—די רייד פון דעם מאַן מיטן געבלענדעטען אויג; די רייד פון דעם, וואָס הערט די ווערטער פון גאָט; וואָס האָט די השגה פון דעם אויבערשטען, וואָס זעהט דאָס בילד פון אַלמעכטיגען, ליגענדיג מיט געעפענטע אויגען".

אינעווייניגסטע און אויסווייניגסטע לעבען פון מענשען. צו דער בעשרייבענער תקופה פאַסט זעהר גוט דער אויסדרוק פון תנ"ך: „און עס איז ניט געווען דעמאָלט קיין קעניג איבער ישׂראל, און יעדער האָט געטאָן אַלץ, וואָס איהם האָט אויסגעזעהן גלייך". (שופטים כ"א 25).

די געבורט פון יהוה'יזם. יהוה — דער שטאם-גאָט פון ישראל.

אָבער שוין אין דער אַלטער צייט איז געבוירען געוואָרען די פאָרשטעלונג וועגען יהוה, ווי דעם גאָט פון ישׂראל. אַ ראיה דערצו געפינען מיר אין דעם, וואָס די פאָלקס-העלדען פון דער שופטים-צייט טראָגען שוין אַזעלכע נעמען, ווי יהושע (יהוה+ישועה)=„יהוה זיין הילף", יותם (יהוה+תם)= „יהוה דער גאַנצער".

יהוה האָט דאָ שוין אַ בעשטימטע קלאָרע געשטאַלט, ער איז דער נאַציאָנאַלער גאָט, אָדער ריכטיגער דער שטאַם-גאָט, דער גאָט פון די בני ישׂראל. עס פאַרשטעהט זיך גאַנץ גוט, אַז די השגה וועגען יהוה, ווי וועגען אַ נאַציאָנאַלען גאָט, האָט געקאָנט אויפקומען נאָר דאַן, ווען ישׂראל גופא האָט געהאַט שוין וויפיל עס איז דעם אויסזעהן פון אַ נאַציע; אין יענעם אויגענבליק, ווען ער איז אַרויס פון מצרים און אַרויפגעטראָטען אויף דער פרייער ערד, איז אין דער טיפעניש פון דער פאָלקס-נשמה געבוירען געוואָרען אַ נייער גאָט. און ווען די תורה דערצעהלט אונז, ווי יהוה האָט זיך בעוויזען צו די בני ישׂראל דורך משה'ן, בלייבט זי דערביי געטריי דעם גייסט פון דער געשיכטע: ווייל דער אַרויסגאַנג פון מצרים, וואָס איז די ערשטע אַרויסווייזונג פון נאַציאָנאַלען לעבען ביים פאָלק, פאַלט צוזאַמען מיט דעם אויפקומען פון דעם נאַציאָנאַלען גאָט. אָט דער נייער גאָט אונטערשיידט זיך פון אָנהייב אָן גאַנץ ווייניג פון די געטער, וואָס ביי די אַרומיגע פעלקער; ער איז ניט געשטאַנען העכער פון זיי אין מאָראַלישען זין, איז ניט געווען ניט הארציגער, ניט גע-דולדיגער. ער האָט זיך פון אַלע אַנדערע אונטערגעשיידט נאָר אין איין פרט, אָבער אין זעהר אַ וויכטיגען: ער האָט בעפרייט ישׂראל'ן פון מצרישען יאָך.

אין משך פון די קומענדיגע פיר אָדער פינף דורות בלייבט די אידעע פון יהוה אומבעוועגליך, איהר ענטוויקלונג שטעלט זיך אָב, ווייל זי געפינט נאָך ניט קיין ענטוויקעלטע נאַציאָנאַלע סביבה, וואו זי זאָל קאָנען שטייגען. יהוה האָט זיינע כהנים, זיין גייסט שוועבט איבערן הייליגען אָרון פון שבט אפרים*. נאָר מיר פיהלען ניט זיין שליטה אין פאָלקס-לעבען, און גלייך ווי צו איהם, ווענדען זיך די בני ישׂראל גערן אויך צו די געטער פון די שכנישע פעלקער: פון די פעניקיער, פלשתים און בני מואָב. דעם בולטען, אינעווייניגסטען, פרינ-ציפיעלען אונטערשייד צווישען יהוה און די אַנדערע געטער האָט מען נאָך ניט משיג געווען. מען האָט בעטראַכט די זאַך אויבענאויפיג: אַזוי ווי מואָב האָט זיין כמוש, צור — דעם בעל, און די פלשתים — דגון, אַזוי האָט אויך ישׂראל— יהוה**.

* אין דער פאַר-קעניגליכער צייט איז דער אָרון געווען דאָס הייליגטום פון שבט אפרים.

** בעזונדערס קלאָר דריקט זיך אויס די דאָזיגע רעליגיעזע פאָרשטעלונג אין יפתח'ס ווערטער. וועלכע ער זאָגט צום קעניג פון עמון: „איהר הערשט איבער יענעם לאנד, וואָס עס

פון יהוה, דעם שיצענדען פאָלקס־גאָט, איז נאָך זעהר ווייט צו יענעם איינציגען וועלט־גאָט, דעם גאָט פון גערעכטיגקייט; יהוה איז איצט נאָך אַפילו ניט קיין גאָט פון נקמה: יעדענפאַלס לעבט נאָך די אידעע וועגען גאָט פון נקמה נאָר אין דער פאָרשטעלונג פון יחידי סגולה, וואָס זוכען אומזיסט דורכצופיהרען זייערע פרינציפען און לעבען פון פאָלק. אַ לאַנגע צייט קומט אויס די דאָזיגע יחידים צו פיהרען אַן ערנסטע מלחמה קעגען אַלערליי גלויבונגען, קעגען די סתירות און דער אומבעוואוסטזיניגקייט פון דעם הערשענדען אָפיציעלען יהוה־יזם. שלמה, וואָס האָט אויפגעבויט אין ירושלים אַ פּרעכטיגען בית המקדש פאַר יהוה, טראַכט גאָרניט, אַז ער זינדיגט קעגען זיין גאָט און בעליידיגט איהם, ווען ער ברענגט קרבנות פאַר די געטער פון זיינע פרעמדע ווייבער. דער נאַציאָנאַלער גאָט איז אויך אַזאַ אופן ניט דער איינציגער גאָט און ניט אין אַלע פאַלען קאָן ער העלפען. ער אינטערסירט זיך נאָר מיט די וויכטיגסטע ענינים פון פאָלקס־לעבען, זאָרגט פאַר'ן פאָלקס־שלום, פאַר זיין נצחון אין קריג און פאַר דער גערעטעניש פון זיינע תבואות און פירות. עס ליגט ניט אין זיין נאַטור צו זאָרגען אויך פאַר די יחידים און אַריינצוגעהן אין זייערע קליינע אינטערעסען. יעדער גאָט האָט זיינע בעזונדערע אינטערעסען, און דער קיניג אַחזיהו טוט גאַנץ לאָגיש, ווען ער שיקט, בשעת זיין קראַנקהייט, שלוחים צו דעם פלשתים־גאָט בעל־זבוב (מלכים ב. קאַפּיטעל א). ווען ירבעם האָט נאָך דער מלוכה־צעטיילונג אויפגעשטעלט אין דן און אין בית אל גאָלדענע קעלבער, ווי דעם סימבאָל פון יהוה (מלכים א י"ב, 29), האָט ער דערמיט ניט בעליידיגט דעם רעליגיעזען געפיהל פון זיין פאָלק. אַפילו אין ירושלים, אין בית המקדש גופא, האָט ביז די צייטען פון חזקיהו די קופערנע שלאַנג אויסגעהערט די תפלות פון די גלויביגע בני ישראל (מלכים ב' י"ח, 4).

יהוה—דער גאָט פון נקמה.

די השגה וועגען גאָט פון נקמה איז געוואָרען אַ הערשענדע ערשט אין אָנהויב פון זיבעטען יאָהרהונדערט, סך הכל אַ האַלבען יאָהרהונדערט פאַר חורבן ירושלים. אָבער שוין אין דער צווייטער העלפט פון ניינטען יאָהרהונדערט הויבט פאַמעליך אָן קלאָר און בעשטימט צו ווערען די נייע געשטאַלט פון גאָט, דער נייער אינהאַלט פון דער אמונה. דאָס איז געווען אין דער צייט פון קריזיס, וועלכער איז אַרויסגערופען געוואָרען אַ דאַנק דעם, וואָס אין דער מלוכה־צייט פון אַחאָב האָבען זיך די פעניקישע געטער אין רעליגיעזע השגות אַריינגעריכען און איינגעבירגערט זיך אין דער ישראלישער מלוכה.

די תקופה פון דער עמרישער דינאַסטיע און דער אויפבליהען פון פעניקישען גאָטעס־דינסט.

אין ירושלים, דעם אָרט פון בית־המקדש, האָט דער קולט פון יהוה אַרויסגערופען זעהר ווייניג התנגדות און דער רוהיגער, פרידליכער מלוכה־איבערגאַנג פון איין קיניג צום צווייטען אין דער דינאַסטיע פון בית־דוד האָט נירם געווען, אַז דער רעליגיעזער געדאַנק זאָל זיך נאָרמאַל ענטוויקלען, און אַז דער דינסט צום נאַציאָנאַלען גאָט זאָל זיך פאַרשפּרייטען צווישען אַלע שיכטען פון פאָלק. ניט אַזוי איז די זאַך פאָרגעקומען אין דער ישראלישער מלוכה, וואָס איז געווען איינגעוואָרצעלט דורך די שטענדיגע איבערקעהרענישען. בערך:

129 האָט פאַר אייך בעשטימט אייער גאָט כמוש, און מיר וועלען הערשען איבער יענעם לאַנד, וואָס אונז האָט אָבגעגעבען אונזער גאָט יהוה (שופטים יא, 24).

אין יאָהר 900 פֿאַר דער קריסטליכער צייט=רעכענונג איז דער טראָן איבערגעגאַנגען צו דער דינאַסטיע פֿון עמרי, דעם גרינדער פֿון שומרון, און אונטער איהר הערשאַפֿט האָט די ישׂראַלישע מלוכה איפּגעעפֿענט פֿריי איהרע טויער פֿאַר די ציוויליזאַטאָרישע געדאַנקען פֿון איהר רייכען און מעכטיגען שכן — פֿעניקיען. אַחאָב, עמרי'ס זוהן, האָט חתונה געהאַט פֿאַר דער פֿיניקישער פּרינצעסין איזבל. אַ דאַנק איהר, אָדער ריכטיגער, אַ דאַנק דער פֿעניקישער השפּעה בכלל, איז איינגעפֿיהרט געוואָרען דער קולט פֿון די צורישע געטער און דער בעל האָט אַרויסגעשטויסען יהוה. נאָר די געטער נויטיגען זיך, אַזוי ווי די פֿעלקער, אין אַ פֿרעמדען יאָך, כּדי זיי זאָלען קומען צום זעלבסטבעוואוסטזיין און צעברעכען זייערע קייטען. די גאַנצע גדולה פֿון פֿאָלק ישׂראל, וואָס איז בעליידיגט געוואָרען דורך דער פֿעניקישער גרויס=האַלטונג, זיין גאַנצע פֿעראַכטונג צו דער פֿאַרפֿיינערטער און מאַטעריעל=העכערער פֿעניקישער ציוויליזאַציע, די חסרונות און שוואַכע זייטען, וואָס די בני ישׂראל האָבען זיי בעזונדערס טיף געמוזט פֿיהלען, אַלע איינגעאַרטיגע גלויבונגען און מידות פֿון די בעדואינער=קינדער, — דאָס אַלץ האָט זיך פֿאַראייניגט אין איין גרויסען פּראָטעסט אין נאָמען פֿון יהוה, דעם נאַציאָנאַלען גאָט. אַ דאַנק דער ערנסטער גייסטיגער מלחמה, וואָס האָט געוועקט אין פֿאָלק אידעאַלען, איז יהוה געוואָרען מעכטיגער, ווי ביז דאַן, און זיין מאָראַלישע געשטאַלט — העלער און ליכטיגער.

דער נביא אליהו. ווי דער טרעגער פֿון דעם מעכטיגען פּראָטעסט ערשיינט אליהו פֿון גלעד. די גרויסע און מעכטיגע געשטאַלט זיינע, וואָס די לעגענדע האָט איינגעהילט אין אַ שטראַהלענדיגען שלייער, איז טיף איינגעוואַקסען אין זכּרון פֿון די שפּעטערדיגע דורות. דאָס איז אַ מלאך אין אַ מענשליכער געשטאַלט, וואָס האָט זיך אַ לעבעדיגער איפּגעהויבען צום הימעל; אַן אייביגער וואַנדערער, וואָס פֿאַר איהם לאָזט מען נאָך איצט אַן אָרט ביים סדר=טיש; אַ מלאך, וואָס שוועבט איבער די וויגעלעך פֿון שלאָפֿענדיגע קינדער און איז אין לייד און פֿרייד צוזאַמען מיט'ן פֿאָלק. זיין נאָמען דינט פֿאַר אַ סימבאָל פֿון דעם נצחון, וואָס יהוה, דער גאָט פֿון נקמה, האָט אָפּגעהאַלטען איבערן פֿיניקישען גאָט. דער יודישער מאָנאָטעאיזם, דער גלויבען אין איין גאָט איז געוואָרען אויסגעשמידט, ווי אַ שטיק שטאָל, אין דער שולע פֿון די נביאים. וואָס האָט זיך געבילדעט אונטער דער פֿיהרונג פֿון אליהו.

כּמעט נאָר איין הונדערט יאָהר טיילט אָפּ אליהו'ן פֿון די נביאים אין אמת'ן זין פֿון וואָרט, דאָס הייסט פֿון יענע, וועמעס ווערק עס זיינען פֿאַרשריבען געוואָרען. דער דאָזיגער יאָהרהונדערט, וואָס פֿון איהם זיינען אונז געבליבען נאָר לעגענדאַרישע זכרונות, איז, קענטיג, געווען דער פּרוכטבאַרסטער אין דער אינעווייניגסטער ענטוויקלונג פֿון פֿאָלק ישׂראל, ווייל שוין ביי די ערשטע נביאים פֿון דער צייט מערקען מיר אַלע בולט'ע העלע שטריכען פֿון נביאישען גייסט. זייער יהוה איז ניט נאָר דער גאָט פֿון נקמה, וואָס שטראָפֿט און בעשטראָפֿט די, וואָס פֿאַרגעסען און פֿאַראַכטען איהם. מיר זעהען אין איהם דעם גאָט פֿון גוטס, דעם גאָט פֿון גערעכטיגקייט; דאָס איז דער גאָט פֿון אָרימאַן און אונ-

טערגעדריקטען, דעם גאָט, וואָס פֿאַרלאַנגט פֿון די, וואָס דינען צו איהם, ניט קיין קרבנות, נאָר די ריינקייט פֿון זייער הארצען.

די געבורט פון דער נבואה.

אַ גרויסאַרטיגע בלאַט פֿון דער ערצעהלונג וועגען אליהו'ס אַנטלויפֿען פֿאַר איזבל שילדערט אונז אין אַ סימבאָלישער פֿאָרם די גאַנצע איבערקעהרעניש, וואָס איז געשעהן: „און אליהו איז אַוועק אין מדבר אַריין, אַ מהלך פֿון איין טאָג-גאַנג, און זיך אַוועקגעזעצט אונטער אַ רותם-בוים און געבעטען אויף זיך דעם טויט, זאָגענדיג: גענוג איז מיר שוין, יהוה, נעם צו מיין נשמה, דען איך בין ניט בעסער פֿון מיינע עלטערן... און יהוה'ס קול האָט דערגרייכט צו איהם און געזאָגט: וואָס טוסטו דאָ, אליהו? און ער האָט געענטפֿערט: איך בין פֿול געווען מיט אייפֿער פֿאַר יהוה, דעם גאָט פֿון די חילות, ווייל די בני ישראל פֿאַרלאָזען דיינע געבאָטען, דיינע מזבחות האָבען זיי צעשטערט, דיינע נביאים האָבען זיי געהרג'עט מיט'ן שווערד, און איך אַליין בין נאָר געבליבען, און אויך מיין לעבען ווילען זיי צונעמען. און יהוה האָט געזאָגט: געה אַרויס און שטעל זיך אויפֿ'ן באַרג פֿאַר יהוה. און יהוה איז דורכגעגאַנגען; און האָט זיך אַ שטאַרקער שטורעם-ווינט, וואָס רייסט איין בערג און צעברעכט פֿעלזען, דורכגעטראָגען פֿאַר יהוה. — נאָר ניט אין שטורעמווינט איז יהוה; און באַלד נאָכ'ן שטורעמווינט — אַן ערד-ציטערניש; נאָר ניט אין דער ערד-ציטערניש איז יהוה; און נאָך דער ערד-ציטערניש — אַ פֿייער; נאָר ניט אין פֿייער איז יהוה; און נאָכ'ן פֿייער האָט זיך דערהערט אַ צאַרט שוועבען (מלכים א. יט, 4–12)".

אָט דאָס „צאַרטע שוועבען", וואָס מישט זיך אויף מיט די דונערן פֿון יהוה, גיט צו דער נבואה יענע וואונדערבאַרע האַרמאָניע פֿון צאָרן און צאַרטקייט, וואָס אונטער איהר מעכטיגער ווירקונג האָט זיך אויפגעעפֿענט און זיך צעשמאָלצען דאָס שטיינערנע האַרץ פֿון דער פֿאַרצייטיגער מענשהייט.

די פֿאָרגעהער פון די גרויסע נביאים

איין יאָהרהונדערט נאָך אליהו איז אָנגעקומען אויף דער וועלט עפּעס בין אַהער אומבעקאַנטעס, אומגעהערטעס און גרויסעס: גאָט ווערט דער קוואַל און די געזעץ פֿון דער מאָראַל.

מען קאָן ניט אויספאָרשען ביז אין איהרע פֿיינסטע שטריכען די ענטוויקלונג פֿון די רעליגיעזע אידעען אין ישראל, די ענטוויקלונג, וואָס האָט אַרויסגעפֿיהרט יהוה פֿון דעם קרייז פֿון די פֿיל געטער און איהר אַוועקגעשטעלט הויך איבער זיי, וואָס האָט איהם געמאַכט פֿאַר דעם איינציגען הערשער אין דער וועלטעניש פֿון די הימלען און פֿאַראייניגט מיט זיין נאָמען, מיט זיין קולט, די העכסטע גייסטיגע אוצרות פֿון דער מענשהייט. אָט די אידעען-ענטוויקלונג האָט זיך פֿאַרענדיגט שוין אין דער צייט פֿון די ערשטע נביאים, וואָס וועגען זיי וועט נאָך גערעדט ווערען ווייטער — עמוס און הושע. נאָך זייער צייט איז כמעט ניט בעשאַפֿען געוואָרען קיין נייער וויכטיגער געדאַנק, און זיי גופֿא רעכענען זיך, אָהן ספֿק, פֿאַר די ערשטע נביאים, נאָר מחמת דעם צופֿאַל, וואָס עס זיינען פֿאַרלאָרען געגאַנגען די ווערק פֿון זייערע פֿאָרגעהער. אין תנ"ך זיינען נאָך געבליבען די נעמען פֿון די דאָזיגע פֿאָרגעהער, און די מחברים פֿון

די ספרים „מלכים“ און „דברי הימים“, זיינען נאָך, קענטיק, געווען באַקאַנט מיט זייערע ווערק גופא: דאָס זיינען די נביאים: נתן, גד, עידו און אַנדערע. עס איז אַפילו מעגליך, אַז בשעתן קאַמף, וואָס אליהו האָט געפירט אין נאָמען פון יהוה קעגן בעל, האָט זיך שוין געהאַנדעלט ניט נאָר וועגן פּאָליטישע און רעליגיעזע, נאָר אויך וועגן עטישע פראַגן. עס קאָן גראָד זיין, אַז שוין דעמאָלט האָט זיך אָנגעהויבן דאָס מעכטיגע וואַקסען פון נביאישען עטישען יהוה־יזם. ווייל אליהו איז ניט נאָר דער פיינד פון בעל־קולט און געצענ־דינעריי בכלל, ער איז צוגלייך אויך דער קעמפער פאַר גערעכטיגקייט. ער ווערט געשיקט צום קיניג אַחאָב, דעם מערדער פון נבות, אָנצוזאָגען איהם וועגען יהוה׳ס צאָרן און זיין נקמה פאַר דעם אָרעמאַן, וועלכען מען בערויבט און מען הרגעט (מלכים א. קאַפּיטעל כ״א).

דער דור, אין וועלכען עס איז אויסגעוואַקסען די בעוועגונג, שטעלט פאָר איינע פון די גרעסטע עפּאָכען אין דער געשיכטע פון מענשליכען גייסט; דאָס איז געווען אַ צייט פון אַ שרעקליכען מאָראַלישען קריזיס און קרענקליכער אױפ־רעגונג. ישראל האָט געזוכט זיין גאָט און האָט איהם ניט געפונען. אומזיסט האָט ער געזוכט אַן ענטפער אויף דער פראַגע וועגען דעם אינהאַלט פון אמת און גערעכטיגקייט ביי די מאַכטלויזע געצען, וואָס עס האָט אַוועקגעשטעלט לכבוד יהוה, ירבעם, דער ערשטער קיניג פון ישראל, כדי אָבצוציהען דאָס פאָלק פון בית המקדש אין ירושלים. פיל האָבען, פאַרשטעהט זיך, געהאָפט, אַז ווען זיי וועלען אָננעמען דעם פיניקישען קולט, וועלען זיי זיך פאַרשאַפען די גייסטיגער רוהיגקייט, וואָס זיי האָבען געשטרעבט צו איהר; נאָר זיי האָבען זי ניט געפונען און צערייצטע האָבען זיי זיך געוואָרפען פון איין אָרט צום צווייטען, „זיך געוואָרפען צווישען יהוה און בעל“. דאָס איז געווען די צייט פון דער גרעסטער גייסטיגער אויפגערודערטקייט; — נאָר קיין איינציגער זהן פון יע־נעם גרויסען און פיל־געפּרובטען דור האָט ניט איבערגעשריבען זיין ודוי, זיינע ספקות און זיינע ליידען. נאָר איין איינציגער בת־קול פון יענער צערייצטקייט האָט זיך צו אונז דערטראָגען. ער לאָזט זיך הערען פון יעדער שורה אויף יענעם בלאַט, וואָס מיט איהם הויבט זיך אָן די נבואה־ליטעראַטור; דאָ איז אין וועניג ווערטער אויסגעדריקט די גאַנצע דראַמע פון דער דאָזיגער עפּאָכע:

„קומען אָן טעג — זאָגט דער געוועלטיגער יהוה — און איך וועל שיקען אַ הונגער אין דאָרשט אויף דאָס לאַנד, נאָר ניט קיין הונגער נאָך ברויט און ניט קיין דאָרשט נאָך וואַסער, — נאָר אַ דאָרשט צו הערען דאָס וואָרט פון יהוה“.

„און מען וועט וואַנדערן פון ים צו ים און פון צפון קיין מזרח און זוכעניש נאָך דעם געטליכען וואָרט און מען וועט איהם ניט געפינען“.

„און אין יענעם טאָג וועלען פאַלען אָבגעשוואַכטע פון דאָרשט די שענסטע מיידלעך און די בחורים פון דער יוגענד און אַלע, וואָס שווערען מיט שומרונס זינד און זאָגען: „עס לעבט דיין גאָט, דן! עס לעבט דיין גאָט, באר שבע!“— אַלע וועלען זיי פאַלען, כדי מעהר ניט אויפצושטעהן“ (עמוס ח׳, 11–14).

דער פּאָליטי־שער און מאָ־ראַלישער מצב פון ישראל און פון די ארומיגע פעלקער.

כּדי קלאָר צו מאַכען זיך די בעדײַטונג פון דער נבֿואה אין איהר גאַנצען היקף, לאָמיר פריהער פון אַלץ וואַרפען אַ בליק, וואָס פאַר אַ האָריזאָנט האָט זיך געעפענט פאַר די דענקער און טרוימער פון יהודה און ישׂראל אין דער ענטשיידונגס־צײַט פון דער נבֿואה־ליטעראַטור.

מיר זעהען פאַר אונזערע אויגען אַ גרויסע צאָהל קליינע מלוכות, וואָס פיהרען איינע מיט די אַנדערע קליינע עקשנות׳דיגע מלחמות: מואָבֿ, אדום, פּלשתּים, צור, ישׂראל, יהודה; מלחמה און רויב זײַנען אַ געוועהנליכע ער־שײַנונג; די רויב־אָנפאַלען פאַרשאַפען געפאַנגענע פאַר די שקלאַפען־הענדלער פון צור און די גריכישע אינזלען; אַ ביסעל ווײַטער ליגט די טעטיג געוואָרענע מלוכה דמשׂק און נאָך ווייטער — דאָס שרעקענדע אשור מיט זיין מעכטיגען חיל, מיט זײַנע אַכזריות׳דיגע פאַרוויסטענדיגע מלחמות און דער צעשטערענדיגער סיסטעם פון מאַסען־אַריבערטרײַבונגען און געצוואונגענער קאָלאָניזאַציע; אשור, וואָס וואַרפט דעם שאָטען פון טויט אויף דעם גאַנצען המון קליינע, ניט אָרגאַניזירטע, שטרײַטענדיגע פעלקער.

די נבואה, ווי דער אויסדרוק פון געטליכען צאָרן.

די אַכזריות, טעמפּקײַט און אומגערעכטיגקײַט זײַנען געווען, פאַרשטעהט זיך, די איינענשאַפטען פון יענער תקופה ניט ווענינער, ווי פון די פריהערדיגע יאָהרהונדערטער אין דער געשיכטע פון יודישען פאָלק און פון דער שמישער וועלט בכלל. נאָך עפטער האָבען זיך געלאָזט בעמערקען אַזעלכע צעשטע־רענדע ערשײַנונגען אין דער שפּעטערדיגער געשיכטע פון רום און גריכענלאַנד אפילו אין די העכסטע בליהונגס־צײַטען פון דער ליטעראַטור און קונסט. — נאָר דער נבֿיאישער גײַסט האָט זיך געפיהלט בעליידיגט דורך דער מענשליכער אַכזריות, ווי דורך עפּעס אַ זאַך, וואָס איז קעגען דער מענשליכער נאַטור און שׂכל. בשעת זיי האָבען געזעהן די אומגערעכטיגקײַט פון דער וועלט האָט זיך דאָס האַרץ פון די נבֿיאים בעגאָסען מיט בלוט, ווי פון אַ וואונד, וועלכע גאָט האָט זיי געגעבען, און זייערע אויפגערעגטע, שטראָפענדיגע שטי־מען האָבען געקלונגען, ווי אַ בת קול פון געטליכען צאָרן. אויך אין גריכענלאַנד און רום זײַנען געווען רײַכע און אָרימע, ווי אין דער צײַט פון ירבֿעם דעם צווייטען, און אויך דאָרטען האָבען לײַדענשאַפטליך געקעמפט צווישען זיך אין משך פון דורות די פאַרשיידענע קלאַסען פון דער בעפעלקערונג. נאָר דאָרטען האָט זיך בשעתן וואַלדיגען גערויש פון קאַמף ניט געהערט קיין איינציגער רוף צו דער גערעכטיגקײַט און רחמנות. די פעלקער זײַנען געבוירען געוואָרען און געשטאָרבען, לעבענדיג פון טאָג צו טאָג אַ דאַנק דעם צופאַל, אָבגעבענדיג זיך בלויז מיט טאָג־טעגליכע בעדירפעניסען און ניט פאַרשטעהענדיג, אַז כּדי פעלקער זאָלען קאָנען לעבען און האָבען דאָס רעכט צו לעבען, מוזען זיי האָבען אַ הייליגען אידעאַל, וואָס זאָל בעגײַסטערן זייער לעבען; אָהן אַזאַ אידעאַל טראָגט זיך די נאַציע נאָר אַמזיסט איבערן שטראָם פון דער געשיכטע, אָהן אַ צוקונפט, אָהן אַ ציל און אָהן אַ תּכלית אין איהר קיום.

די ערשטע נביאים.

אין איהרע וויכטיגסטע יסודות איז די נבֿואה שוין פּראָקלאַמירט געוואָרען דורך די ערשטע צוויי נבֿיאים, וואָס זייערע ווערק זײַנען צו אונז געקומען: עמוס און הושע. דעם ערשטענס נבֿיאות האָבען אַ מעהר וועלטליכען כאַראַקטער און

זיינען דורכגעדרונגען דערהויפט מיט דער אידעע פון סאציאלער גערעכטיגקייט; דעם צווייטנס נבואות בעריהרען דאס רוב רעליגיעזע פראגען. סיי עמוס און סיי הושע זיינען די פארשטעהער פון דער צפון־ישראלישער נבואה, אייב ניט מיט׳ן ארט פון זייער געבורט (עמוס איז געבוירען געווארען אין יהודה), דאך מיט זייער אלגעמיינעם ציל — דער אויפלעבונג פון דער ישראלישער מלוכה.

און באמת האט די ישראלישע מלוכה, וואס איז אבגעשוואכט און צעריסען געווארען מחמת די איבערקעהרענישען, זיך מעהר געניטיגט אין רעפארמאטארען אין האט זיי געגעבען א סך א גינסטיגערן באדען פאר ארבייט, איידער די יהודה׳שע מלוכה. הגם יהודה האט זיך אויך ניט אויסגעצייכענט דורך א בעזונדער הויכען מצב פון די מידות, האט זי דאך געהאט איין גרויסע מעלה אין פאליטישען זין — א פעסט־אויסגעשטעלטען מלוכה־סדר, וואס האט זיך אין משך פון די דורות פארשטארקט א דאנק דער איינהייט פון דער הערשענדיגער דינאסטיע. דא האט זיך די נבואה ענטוויקעלט ערשט נאך דער מפלה פון דער ישראל׳שער מלוכה. און אין שומרון, אזוי ווי שפעטער אין ירושלים, זיינען די הויפט־אידעע אין די פראגראם פון דער נביא׳שער טעטיגקייט געווען שטענדיג דיזעלביגע: די שאפונג פון א געארדענטער מלוכה, וואס זאל זיין געבויט אין דעם גייסט פון יהוה, דאס הייסט, אויף די יסודות פון גערעכטיגקייט.

עמוס. אין יענער צייט, ווען עמוס האט אנגעהויבען נבואה צו זאגען, האט די ישראלישע מלוכה דערגרייכט צו דער העכסטער מדרגה פון איהר אויסוויינינגמער מאכט. דער קעניג ירבעם דער צווייטער האט צוריק אבגענומען נחלאות, וואס האבען געהערט פריהער דער מאנארכיע פון בית־דוד. ער האט צעשלאגען די מואבים, וועלכע עס האט שוין ניט געקאנט מעהר העלפען זייער גאט כמוש, ווי ער האט דאס געטאן אין דער צייט פון קעניג מישע*; ער האט געבראכט דערצו, אז עס זאל אנטשוויגען ווערען אויף די פעלדער פון חשבון „די פרייד פון די וויין־שניידער און די לידער פון שניט". נאר אלע נצחונות פון שומרון איבער דמשק, גת צור, אדום און מואב דינען דעם נביא נאר פאר א בשורה וועגען יהוה׳ס נקמה, וואס וועט זיך אויסגיסען אויף ישראל. דמשק, צור, גת, מואב און אדום האבען געדארפט בעקומען זייער שטראף פאר זייערע פריהערדיגע אכזריות; ישראל, וואס איז ניט ווייניגער זינדיג פאר זיי, דארף טראגען דיזעלביגע שטראף. ער וועט בעקומען זיין עונש דערפאר, וואס „ער האט פארקויפט דעם גערעכטען פאר זילבער און דעם ארימען — פאר א פאר סאנדאלען" (ב 16), פאר דאס, וואס זיינע מכובדים „לעגען זיך פונאנדער אויף די זאפעס פון העלפאנד־ביין, שפילען אויף דער לירע, טרינקען וויין קריגלעכווייז און זארגען ניט פאר יוספ׳ס צרות" (ו׳, 4—6); און דעריבער זאגט דער נביא: „זאלען זיי בויען הייזער פון געהאקטע שטיינער, — זיי וועלען אין זיי ניט וואוינען, זאלען זיי אנפלאנצען די פרעכטיגסטע ווינשטאקען, זיי וועלען זייער וויין ניט טרינקען; זיי וועלען אוועקגעפיהרט ווערען אין געפאנגענשאפט, און דער שפיץ פון פארטריבענעם פאלק, און עס וועלען אויפהערען זייערע שכור׳ע קולות,

* זעה די „אויפשריפט פון מישע".

ווײַל אַזוי האָט געשוואָרען מיט זײַן נאָמען יהוה, דער נאָט פון די חילות: איך פאַראַכט דעם שטאָלץ יעקבֿ׳ס, עס זײַנען מיר פאַרמיאוסט געוואָרען זײַנע טעמפּלען (ה׳, 11; ו׳, 7—8), און דעריבער וועט יהוה מאַכן אַ פעסטונג אַרום דער שטאָט, וועט זי אויסמאַטערן דורך הונגער, וועט צעשטערן איהרע הייליגקײַטען און וועט אויפהייבן זײַן שווערד איבערן הויז פון ירבעם.

נאָר דאָ קומט אויף די פראַגע: אויב אָט די מפּלה איז אַזוי אונאויסמײַדליך פאַרן פאָלק, דער פּועל יוצא פון וועמעס ווילען האָט זי געקאָנט דען זײַן? פון די אַשורים און זייערע געטער? געוויס, אין פלוג האָט דאָס אויסגעזעהן אַזוי. זיי זײַנען, דוכט זיך, געווען די איינציגע, וואָס זײַנען איסען געווען צו צעשטערן די מלוכה פון יהוה. נאָר מיט דעם ענטפער אַליין האָט מען זיך ניט געקאָנט צופרידען שטעלען. ווײַל, ווי נאָר דער נביא פלעגט טיפער זיך נעמען אַרײַנטראַכטען אין דאָס, וואָס האָט איהם געצוואונגען צו זײַן אַזוי פעסט זיכער — אפשר קעגען זײַן אייגענעם ווילען — אין דעם אונאויסמײַדליכען אונטערגאַנג פון זײַן פאָלק, פלעגט פאַר זײַן נשמה אויפשטעהן דער שווערער חטא ישראל׳ס. און אין דער אמת׳ן וואָלטען די בני ישראל ניט געקאָנט בײַשטעהן פאַר קיין פאַל פאַרן שווערען געריכט פון זייער געוויסען. און אין דעם האָט דער נביא אָנגעהויבען צו זוכען די סיבה פון דאָס, פאַר וואָס זיי וועלען ניט קאָנען אויסהאַלטען אויך דעם אָנפאַל פון די אַשורישע מחנות, וואָס שטעלען אין סכנה זייער נאַציאָנאַל׳ן קיום. נאָר דאָ קומט אויף ווידער די פראַגע: פאַר וועלכען העכסטען ריכטער האָט דאָס זינדיגע פאָלק אָבצוגעבען דין וחשבון? פאַר די געטער פון אַשורישען שונא אָדער פאַרן גאָט פון זײַנע אָבות, פאַר יהוה? אויף דער פראַגע האָבען ניט געקאָנט זײַן קיין צוויי ענטפערן; וואָס פאַר אַ דאַגה האָט געקאָנט זײַן מרדכ׳ן אָדער אשורן* פאַר דער זיטליכער ריינקייט פון ישראל? דער רוט פון אַשורישען אָנפאַל האָט געקאָנט זיך געפינען נאָר אין יהוה׳ס האַנט.

אויב יהוה האָט אין דער אמת׳ן בעשאַפען די וועלט און די פעלקער, און זײַן שרעקעדיגער משפּט האָט זיך שוין ניט איינמאָל אַרויסגעוויזען אין געשיכטליכען לעבען פון דער מענשהייט, איז נאַטירליך, פאַר וואָס דער נביא האָט זיך געדאַרפט אָבשטעלען אויף דעם ענטפער, ווי אויף דעם איינציג מעגליכען. און דאַן האָבען זיך די נסיונות, וועלכע שטעהען פאַר ישראל׳ן, לגמרי איבערגעהערט פאַרצושטעלען זיך איהם, ווי עפּעס אַ רעטעניש. נאָך מעהר — מען האָט זיי געקאָנט בעטראַכטען, ווי אַ נײַעם גליד אין דער קייט פון שטראָפען, וואָס זײַנען שוין ניט איינמאָל אויסגעטראָגען געוואָרען דורך אַנדערע פעלקער.

און ווי קליין און אומבעדײַטענד עס האָט נאָך אַזאַ מין פאָרשטעלונג געדאַרפט פאָרקומען פאַרן נביא פון יהוה דאָס גאַנצע פאָלק ישראל! און אין דער אמת׳ן, וואָס האָט געקאָנט בעדײַטען פאַר יהוה אָט דאָס יונגע פאָלק, וואָס איז נאָך אַזוי ניט לאַנג אַרויסגעטראָטען אויף דער געשיכטליכער אַרענע? עס זײַנען דאָך נאָך ניט אַריבער קיין פינפהונדערט יאָהר, זינט עס איז געוואָרען

* נעמען פון אשורישע געטער.

אַ בעל־הבית פֿון זײַן איצטיגער מדינה, בשעת פֿון כּמה דורות אָן האָבן שוין דעמאָלט עקסיסטירט בבֿל און מצרים. אַ קורצע צײַט נאָכדעם, ווי די בני־ישׂראל האָבן אײַנגענומען כּנען, האָבן די פּלשתּים פֿאַרנומען אַ טײל פֿון דעם ברעג־שטח און האָבן ערנסט פֿאַרטײדיגט זײער רעכט אויף דאָס דאָזיגע לאַנד. אויף'ן גלײַכן שטײגער האָבן אויך זײערע צפֿונ'דיגע שכנים, די ארמים, געקאָנט פֿיל דערצעהלען וועגען זײערע אַמאָליגע וואַנדערונגען, וואָס האָבן זײ געבראַכט קײן ארץ־ישׂראל, און זײ האָבן אַפֿילו געוואוסט גענוי דעם אָרט, פֿון וואַנען זײ זײַנען געקומען. און אויב איצט איז געווען בעשערט דעם פֿאָלק ישׂראל אַראָפּצוגעהן פֿון דער וועלט־סצענע, וואָס געהערט דאָס אײגענטליך אָן דעם אַלמעכטיגען יהוה? זײַנען דען איהם ניט גלײַך נאָהענט געווען די ווײַטסטע פֿעלקער, ווי די עטיאָפּען (כּושים), און צי האָט ער ניט בעשטימט אַלעמען גלײַך זײערע נחלאות? (זעה עמוס ט', 7).

נאָר פֿון דער אַנדער זײַט איז פֿאַר'ן נבֿיא קײן ספֿק ניט, אַז יהוה האָט אויסגעטײלט דאָס פֿאָלק ישׂראל פֿון צווישען אַנדערע פֿעלקער און געמאַכט עס פֿאַר זײַן פֿאָלק — אַ גליק, וואָס איז אויסגעפֿאַלען נאָר אויף זײַן גורל. געוויס איז דאָס אַזוי; אָבער נאָך מעהר איידער יהוה'ן איז נאָהענט זײַן פֿאָלק, איז איהם נאָהענט דאָס רעכט און די גערעכטיגקײַט. די צוויי מידות זײַנען דער אינעווייניגסטער אינהאַלט זײַנער, און פֿאַר גאָטס פֿאָלק האָט ישׂראל נאָר דעמאָלט געקאָנט אָנערקענט ווערען, ווען עס האָט געלעבט לויט די זיטליכע געבאָטען פֿון יהוה. וואָס דען אָבער זעהען מיר?! אַנשטאָט דעם, שטעהט פֿאַר אונז דאָס פֿאָלק פֿאַרפֿלעקט אין בלוט, אַכזריות'דיג, אומרײן, פֿאַרזונקען אין גרויסהאַלטונג און זעלבסטצופֿרידענקײַט — זײַן בונד מיט יהוה האָט ישׂראל פֿאַרשוועכט, ווײַל ער איז פֿאַר איהם געוואָרען דער מקור פֿון נאָך אַ גרעסערער בערימערײַ; יהוה קאָן ניט אָנקוקען די גאוה פֿון יעקבֿ; די קרבנות, וואָס ער ברענגט פֿאַר איהם, פֿילען איהם אָן מיט עקעל און צאָרן. נאָר דער, וואָס אין איהם לעבט די פֿאָרכט פֿאַר גאָט, קאָן שטעהן פֿאַר איהם. אָט דאָס פֿאָלק אָבער טרעט זײַן ווילען מיט די פֿיס נאָך מעהר, איידער די געצענדינער. דער בעוואוסטזײַן פֿון זײַן אויסדערוועהלטקײַט האָט אין עצם געדאַרפֿט מאַכען דאָס פֿאָלק פֿעסטער אין שטאַנדהאַפֿטיגער אין זײַן מלחמה קעגען שלעכטס, אין דער אמת'ן אָבער איז אַרויסגעקומען פּונקט דער היפּוך.

עס איז ניט שווער צו איבערצײַגען זיך, אַז מיר האָבן דאָ צו טון מיט אַ נײַער מדרגה אין דעם רעליגיעזען בעוואוסטזײַן; און אויב די אַלע מאָמענטען פֿון דער ביזאַהעריגער רעליגיעזער ענטוויקלונג אין יודישען פֿאָלק קאָנען בעטראַכט ווערען ווי טײלען פֿון אײן גאַנצער קײט, זעהען מיר דאָ, פֿאַרקעהרט, ווי עס קומט פֿאַר אַ שאַרפֿער איבערגאַנג צו אַ לגמרי אַנדער השקפֿה אויף דער אמונה, וואָס איז אויך פֿון איהר זײַט אויסגעוואַקסען אויף'ן באָדען פֿון פֿאָלקס־לעבען.

עס איז גאַנץ פֿאַרשטענדליך, אַז די כּהנים האָבן זיך בעזונדערס פֿײַנדליך אויפֿגעטראָגען צו די אומבעקאַנטע מענשען, וועלכע האָבן זיך ערלויבט צו רעדען, אָהן וועמעס עס איז הרשאה אין נאָמען פֿון יהוה אַזעלכע זאַכען,

וואָס זײַנען געווען זיי, די כּהנים, לגמרי פֿרעמד. דער כּהן פֿון קיניגליכן טעמפּעל אין בית אל האָט אָנגעקלאָגט פֿאַר ירבֿעם דעם צווייטן דעם ניט גערופֿענעם נבֿיא. „אַוועק, דו קלאָר־זעהער, גײ זיך קיין יהודה, — האָט ער געזאָגט צו עמוס'ן — פֿאַרדין דיר דאָרטן ברויט דורך דײַן נבֿואה“. „איך בין ניט קיין נבֿיא און ניט פֿון די נבֿיאות־זאָגער שטאַם איך, איך בין אַ פּאַסטוך און גײ זיך אַרום די סיקאָמאָרן. נאָר יהוה האָט מיך פֿון די סטאַדעס מײַנע גענומען און געזאָגט צו מיר: גײ, זאָג נבֿואה איבער מײַן פֿאָלק ישׂראל“ (ז׳, 12–15). ווײַל, בשעת גאָט הייסט, מוז דער נבֿיא רעדן, אַפֿילו ווען מען זאָל אים דאָס מויל פֿאַרשטאָפּן; „ווען דער לייב שרײַט, ווער וועט דען ניט פֿאַרציטערט, ווען יהוה רעדט, ווער קאָן דען ניט נבֿואה זאָגן? (ג 8) בײַ עמוס'ן איז אַ גאַנץ אַנדער פֿאַרשטעלונג וועגן דער באַדײַטונג פֿון דער נבֿואה, איידער בײַ די נבֿיאים פֿאַר אים, וועלכע פֿלעגן אַרויסטרעטן מחנות־ווײַז און זיך באַנוצן מיט מוזיק און מיט אַנדערע אויסווייניקסטע מיטלען, כּדי צו דערוועקן די רעליגיעזע התלהבֿות. געוויס איז אויך פֿאַר אים דער פֿאַראויסזעהן די צוקונפֿט ניט קיין פּועל יוצא פֿון באַוואוסטזיניגן דענקען, נאָר עס שווימט אַרויס ווי עפּעס אַ גאַנצעס פֿון די טיפֿסטע נשמה־וואָרצלען, וועלכע פֿאַרפֿלעכטן זיך אויף אַ סודות׳פֿולן אופֿן מיטן לעבן פֿון פֿאָלק, נאָך מעהר — מיטן לעבן פֿון דער גאַנצער מענשהײַט. אויך ער פֿאַרשטעהט אין פֿיהלט געוויס, אויף וואָס זײַן פֿאָלק קאָן זיך ריכטן און וואָס עס איז פֿאַר אים צוגעגרייט דורך דעם פֿאַרבאָרגענעם גאַנג פֿון דער געשיכטע. פֿאַרן נבֿיא איז קיין ספֿק ניט, אַז לויטן ווילן פֿון יהוה „גרייט זיך דער סוף פֿון זײַן פֿאָלק ישׂראל“ (עמוס ח 2) און אויך פֿון זײַנע שכנים, און אַז ער, דער נבֿיא, איז פֿון גאָט געשיקט ווי אַ שומר, אָנצוזאָגן דאָס דעם אומגליקלעכן דור. — דאָס, וואָס צייכנט עמוס'ן גאַנץ באַזונדערס אויס פֿון די התלהבֿות'דיגע נבֿיאים פֿון דער פֿריהערדיגער תּקופֿה, — איז דער צאָרן יהוה'ס, וועלכער האָט אים באַהערשט. דעם נבֿיא אַנטפּלעקט זיך שטענדיג יהוה אין דער געשטאַלט פֿון אַן אויפֿגערייצטן לייב, וועלכער איז יעדן אויגענבליק גרייט צו וואַרפֿן זיך און פֿאַרצוקן זײַן פֿאָלק, וואָס האָט זיך פֿאַרזינדיגט פֿאַר אים. יהוה'ס צאָרנדיגער געשריי שטורעמט אין די אויערן פֿון נבֿיא און צווינגט אים צו רעדן. עמוס זעהט ניט קיין ישועה און קיין אויסוועג פֿאַר ישׂראל, נאָר זײַן ליבע און זײַן האַרציגער צער פֿאַרן אונטערגעהענדיגען פֿאָלק רײַסן אַרויס אַמאָל פֿון זײַנע ליפּען אַ וואָרט פֿון טרייסט: אפֿשר וועט זיך יהוה דאָך מרחם זײַן איבער יעקבֿ, „וועלכער איז אַזוי קליין“. אָפֿט דוכט זיך אים אַפֿילו, אַז אַ טייל פֿון פֿאָלק, אפֿשר אַ צעהנטעל, איז באַשערט אויסצומײַדן דעם אונטערגאַנג. נאָר באַלד נאָך דעם ווערט זײַן טאָן ווידער אַ בייז'דיגער, ווי ווען יהוה וואָלט באַשלאָסן צו פֿאַרדאַרבן אינגאַנצן זײַן פֿאָלק און ניט לאָזן קיין שׂריד ופּליט.

הושע. דעם גלײַכן כאַראַקטער טראָגן אויך הושע'ס נבֿואות; דער חילוק איז נאָר, וואָס בײַ אים איז יהוה מעהר פֿריינדליך, באַהאַרצט און נאָהענט צו ישׂראל.

הושע האָט אָנגעהויבן זײַן נבֿואה אַ ביסעל שפּעטער פֿון עמוס'ן. די

פאליטישע ירידה האט זיך צו יענער צייט נאך מעהר פארשטארקט. עס איז פארשוואונדען דער איינענבליקליכער פארבלענדעניגער גלאנץ פון ירבעם'ס מלוכה. מלכים ווערען ארויפגעבראכט אויפ'ן טרוין און אראבגעזעצט; אויפ'ן האריזאנט קומט שוין אויף אשור, וועלכער גרייט זיך אלץ צו פארשלינגען. ישראל, אנשטאט צו גערן אין יענעם וועג, וואס עס האט פאר איהם אנגעצייכענט יהוה, פארנעמט זיך מיט אינטערנאציאנאלע אינטריגעס, פרובט זיך אריינצוגעהן אין בעציהונגען באלד מיט מצרים, באלד מיט אשור. ער וויל ניט איינפיהרען קיין רעפארמעס אין לאנד, נאר ער נעמט אלץ מעהר איבער די מנהגים און מדות פון זיינע בעלי ברית און בלומרשטיגע אפוטרופסים. ער פרעגט אן די אראקול'ן, ברענגט קרבנות אויף די הויכענישען, רויכערט קטורת פאר די הייליגע בוימער. עס פעהלט איהם געטריישאפט און ליבע צו גאט און א ריכטיגע השגה וועגען איהם. אומעטום הערשט בגידה און אבנארעריי, פארגוואלטיגונג און זנות. און דעריבער וועט קומען דער מעכטיגער שטורעם און זיי אויסקעהרען מיט זיין קראפט; אומזיסט וועלען זיי זיך ווענדען צו אשורן, — ביי אשורן איז ניטא קיין רפואה צו זייערע וואונדען... זאלען זיי זיך אומקעהרען צו יהוה, לאזען זיי צו איהם רופען אין דער צייט פון סכנה...

„א, זאל ישראל זיך אומקעהרען צו יהוה! ער האט צעריסען — ער וועט אויך אויסהיילען; ער האט פארשאפט וואונדען — ער וועט זיי אויך ארומבינדען (ו', 1). „ווייל ער האט זיי ליב, דערפאר שטראפט ער זיי דורך די נביאים און טויט זיי מיט די ווערטער פון זיין מויל. זאלען זיי צו איהם ניט קומען מיט קיין קרבנות: די ליבשאפט איז איהם אנגענעם, און ניט די קרבנות (ו', 5–6). „זאלען זיי זיך אומקעהרען צו יהוה, ווייל אשור וועט זיי ניט העלפען. יהוה, זייער גאט, דער איינציגער גאט זינט זייער ארויסגאנג פון מצרים — איז זייער איינציגער העלפער" (י"ג, 4). זאלען זיי זוכען גאט, עס איז נאך דא צייט; ער וועט ערשיינען, כדי זיי צו לערנען גערעכטיגקייט; זיי האבען געזייט שלעכטס און געשניטען רעכטלאזיגקייט; זאלען זיי זייען גערעכטיגקייט, וועלען זיי שניידען רחמנות (י', 12).

הגם הושע איז ניט אזוי מאיעסטעטיש ווי עמוס, דאך דענקט ער, אהן ספק, ניט ווייניגער טיף פון איהם. הושע האט דער ערשטער משיג געווען דעם אונטערשייד צווישען די וועלטליכע און גייסטליכע יסודות. ער האט דערפיהלט, אז אין די אויגען פון אמת'ן גאט האבען קיין בעדייטונג ניט די דורכ'ן פאלק איינגעפיהרטע ימים-טובים, וואס זיינען פארבונדען מיט דער נאטור, ווי בכלל אלע מנהגים פון פאלקס-לעבען. געוויס איז יהוה דער, וואס גיט דעם פאלק א רייכען שניט און א גערעטעניש אין פירות, אבער מיט דער אמונה אין טיפען און אמת'ן זין פון ווארט האט דאס כמעט ניט וואס צו טון. אין תוך גענומען בעשעפטיגען הושע'ן ניט אזוי פיל די רעכטליכע בעציהונגען פון פאלק, ווי עמוס'ן. ער פאדערט קודם כל די דערקענונג פון גאט, וועלכע איז בכלל אזוי פרעמד דעם פאלק און זיינע כהנים. עס איז אינטערעסאנט, אז אזא השגה וועגען דעם מענשליכען חוב בנוגע צו גאט איז ביי הושע'ן בכלל ענג

פֿאַרבונדען מיטן געפֿיהל פֿון ליבע צום מענשען און צו גאָט — השגות, װאָס פֿעהלען בײַ עמוס'ן.

שומרונ'ס מפּלה

די אויפֿרופֿען און די האַרצרײַסענדיגע בקשות פֿון עמוס און הושע זײַנען געװען אומזיסט פֿאַר ישׂראל. אַװאַנטוריסטישע מלכים פֿאַרבײַטען אײנער דעם צװײטען אויפֿן טרון. דער גוססדיגער ישׂראל װײַזט אַרויס זײַן ענערגיע נאָר אין קאַמף מיט יהודה. אײנער פֿון די ישׂראלישע מלכים פּקח, װאָס האָט געקיניגט מעהר פֿון אַנדערע, שליסט אַ בונד מיטן קיניג פֿון דמשׂק אויף מלחמה צו האַלטען מיט יהודה, און ירושלים טראָגט אויף זיך איבער אַלע פּורעניות און אַכזריות פֿון אַ ברודער־קריג. װען צו אָחז'ן, דעם קיניג פֿון יהודה, דערגרייכט די טרויעריגע בשׂורה, אַז די אַרמים האָבען צעשפּרייט זײערע לאַגערן איבערן לאַנד פֿון אפֿרים, „האָט זיך זײַן האַרץ פֿאַרזוכט, װי עס װיגען זיך די בוימער פֿון װאַלד אין שטורעם". „ניט האָב קײן מורא פֿאַר גאָרנישט — האָט איהם דאַן געזאָגט דער נביא ישעיה, — און פֿאַל ניט אַראָב אין דײַן גײַסט פֿאַר די צװײ רויכערינגע האָלץ־שטיקער" (ז׳, 4). בײדע פֿאַראײניגטע פֿעלקער האָבען נאָך ניט געװאוסט, אַז זײ זײַנען פֿאַרמשפּט צום טויט. פֿון יענער זײַט פּרת זײַנען זיך שוין צונויפֿגעפֿלויגען „די בינען פֿון אַשורישען לאַנד", װאָס יהוה האָט צונויפֿגערופֿען, און בעדעקט די טאָלען און די שפּועים פֿון די בערג בײַ דמשׂק אין לאַנד פֿון אפֿרים (ז׳, 18—19). דער קיניג פֿון אשור, תגלת פלאסר, איז אַרײַנגעקומען קײן דמשׂק, האָט געטויט דעם אַרמישען קיניג און אַװעקגעפֿיהרט זײַן פֿאָלק געפֿאַנגען. די ישׂראלישע מלוכה איז צעשמעטערט געװאָרען און די בעפֿעלקערונג בעלײגט מיט צינז, גליל און דאָס לאַנד נפֿתלי זײַנען אָבגענומען געװאָרען, און זײערע אײנװאוינער זײַנען אַװעקגעפֿיהרט געװאָרען קײן אַשור (מלכים ב׳ ט״ו, 29). נאָר דער דערשלאָגענער און צעבראָכענער אפֿרים האָט אויפֿגעהויבען זײַן קאָפּ מיט מעהר חוצפּה, אײ־דער װען עס איז פֿריהער און געזאָגט: ציגעל זײַנען געפֿאַלען, װעלען מיר אויסבויען הײַזער פֿון געהאַקטע שטײנער, אַנשטאָט די אויפֿגעריסענע סיקאָמאָרען װעלען מיר פֿאַרפֿלאַנצען צעדערן (ישעיה ט׳ 9). דער נײַער קיניג הושע, דער זוהן פֿון אלה, פֿאַרבינדעט זיך איצט מיט מצרים, װאָס איז איצט געװאָרען ניט מעהר װי אַ שאָטען פֿון אַמאָליגען נצחונות'דיגען מצרים, „אַ שװאַך שטעקעל, װאָס שטעכט דורך די האַנט פֿון דעם, װעלכער שפּאַרט זיך אָן אויף איהם". „די פֿיהרער פֿון פֿאָלק פֿיהרען איהם אַראָב פֿון װעג — שרײַט ישעיה — און די, װעמען זײ פֿיהרען, פֿאַלען אין אָבגרונד אַרײַן".

די ישׂראלישע מלוכה, װעלכע איז אַרויסגעטראָטען קעגען אַשור, גײט זיך אונטער נאָך אַ דרײַ־יעהריגער שװערער מלחמה; דער לעצטער קיניג איהרער געפֿינט זײַן טויט אין פֿײַנדליכען לאַנד, אויף די ברעגעס פֿון טיגריס (חדקל).

ישעיה.

ישעיה האָט שוין פֿיל צײַט נבואה געזאָגט אין לאַנד יהודה, װען אַהינצו איז אָנגעקומען די טרויעריגע בשׂורה װעגען שומרונס מפּלה. אין משך פֿון אַ לאַנגער צײַט פּלעגט ער אַרויסטרעטען, אַזױ װי עמוס, מיט שאַרפֿע רעדעס קעגען דער געלט־תאוה פֿון די רײַכע, דער אומגערעכטיגקײט פֿון די שופֿטים און דער פּוסטקײט פֿון גאָטעס־דינסט. אַ פֿײַערדיגער מלאך (שׂרף) האָט זײַנע ליפּען געריינגט מיט אַ קויהל, װאָס איז אָנגעצונדען געװאָרען בײַ גאָטס מזבח.

נאָר דאָס פֿאָלק, וואָס צו איהם ווענדט ער זיך מיט זיין מוסר, איז געבליבען „אומריין", און דעם נביא'ס ווערטער האָבען ניט געקאָנט דערגעהן צו די אויערן פֿון די טויבע און גלייכגילטיגע. דאַן ווענדט ער זיך, ווי אַלע פֿאָלקס-לעהרער, וואָס געפֿינען ניט קיין צוהערער ביי זייערע בני-דור, צו דעם קומענדיגען דור. מיט אַ פֿאַרדראָס איבער'ן איצטיגען מצב און מיט אַ ביטערער איראָניע מאָלט ער זיך אַליין, ווי דעם שליח פֿון גאָט, וועלכער איז געשיקט געוואָרען „צו מאַכען נאָך פֿוילער דאָס האַרץ פֿון פֿאָלק".

„געה און זאָג דעם דאָזיגען פֿאָלק: הערט, הערט, נאָר ניט פֿאַרשטעהט; קוקט, קוקט, נאָר ניט דערקענט. מאַך איינגעשפּאַרט דאָס האַרץ פֿון פֿאָלק, פֿאַרשטאָפּ זיינע אויערן, פֿאַרבלענד זיינע אויגען, כדי עס זאָל ניט זעהן מיט די אויגען, ניט הערען מיט די אויערן, כדי זיין האַרץ זאָל ניט ווערען פֿאַרשטאַנדיג און כדי עס זאָל ניט אויסגעהיילט ווערען אויף דאָס ניי".

„און געזאָגט האָב איך: ביז וואַנען דען, געוועלטיגער? און ער האָט געזאָגט: ביז די שטעט וועלען ניט ווערען צעשטערט און אָהן מענשען, און ביז דאָס לאַנד וועט ניט ווערען אין אַ מדבר. און אויב עס וועט בלייבען אין איהם אַ צעהנטעל פֿון זיינע איינוואוינער, וועלען זיי אויך פֿאַרטיליגט ווערען (ו', 9–13). נאָר אַפֿילו ביי אַ בוים בלייבט דאָך אַ שטאַם, בשעת מען האַקט איהם אוים; אויך פֿון פֿאָלק וועט בלייבען אַ שטאַם, און פֿון איהם וועט, לויט דעם נביא'ס מיינונג, אויסוואַקסען אַ הייליגער שבט.

ישעיה'ס אידעאַל: ישראל דער אויסלייזער פֿון דער וועלט.

ניט געקוקט אויף אַלע מניעות, ווערט דער געדאַנק און דער אידעאַל פֿון די נביאים אַלץ ברייטער; עמוס און הושע האָבען געטרוימט וועגען אַ זיטליכער ווידעראויפֿלעבונג נאָר פֿון ישראל, דעם אויסדערוועהלטען פֿאָלק. די אַנדערע פֿעלקער פֿון דער וועלט זיינען זיי אָבער ניט געווען בעקאַנט, אָדער זיי זיינען פֿאַר זיי ניט מעהר ווי אומבעוואוסטזיניגע כלי-זיין צו ישראלס אומבילדונג און אויסלייזונג. ישעיה'ס אידעאַל איז אָבער ניט נאָר דער אויסגעלייזטער ישראל, נאָר אויך ישראל, וועלכער לייזט אויס די וועלט. צווישען די פֿעלקער, וועלכע האָבען זיך אָפּגעגעבען אינגאַנצען דער שליטה פֿון גראָבען כח, שטעלט זיך ישראל פֿאַר אין געדאַנק פֿון נביא, ווי אַ פֿאָלק, וואָס ווירקט אויף אַלע אַנדערע דורך זיינע מעשים און אידעאַלע שטרעבונגען. ער זעהט פֿאָראויס, אַז עס וועט קומען אַ צייט „אין סוף פֿון די טעג, ווען דער באַרג, וואָס אויף איהם געפֿינט זיך דער הייליגטום פֿון יהוה, וועט זיך דערהויבען איבער אַלע בערג, און עס וועלען זיך אייפֿקומען צו איהם אַלע אומות, און די פֿעלקער וועלען זיך אייפֿקלייבען מחנות-ווייז. מיט די ווערטער: קומט לאָמיר אַרויפֿגעהן אויף דעם באַרג פֿון יהוה, צום הויז פֿון ישראלס גאָט, ער זאָל אונז לערנען זיינע וועגען, כדי מיר זאָלען געהן אין זיינע שטעגען; ווייל פֿון ציון וועט אַרויסגעהן די תורה, און גאָטס וואָרט — פֿון ירושלים" (ב', 2–3). דאָס מעכטיגע וואָרט איז געזאָגט געוואָרען, עס איז בעשאַפֿען געוואָרען די וועלט-רעליגיע.

דער אָבקלאַנג פֿון שומרונס מפּלה אין יהודה.

שומרונס מפּלה אין יאָהר 722 האָט אַרויסגערופֿען אַ גרויסען פּלאָנטער אין די השגות פֿון יענעם דור. פֿון די נביאים'ס מויל האָט זיך אַרויסגעריסען אַ געשריי, וואָס אין איהם האָט זיך די פֿרייד פֿון נצחון אויסגעמישט מיט

אַ דריקענדיגען צער. הזוה, ווי דער אומגליק איז געווען אַזוי גרויס און מען האָט אָנגעוואָרען יעדע האָפענונג, אַז דאָס פֿאָלק זאָל ניצול ווערען, דעריבער האָט בעקומען אַ גרויסע פּאָטאַלע בעדייטונג דער טרוקענער און ענג־האַרציגער פֿאָר־וואורף פֿון די ווייטזעהענדיגע מענשען: מיר האָבען דאָך דאָס פֿאָראויסגעזאָגט... און אין דער אמת׳ן האָט דען גאָט ניט מתרה געווען וועגען דעם אַלץ פריהער? דער פּייער, וואָס האָט פֿאַרברענט שומרון, האָט בעלויכטען די אויגען פֿון יהודה, — די האַלב־דערפרעהטע, האַלב־דערשראָקענע דורך דער מפּלה פֿון דער קאָנקורירענדיגע שוועסטער, — מיט אַ שרעקענדיגען גלאַנץ און אויפגעדעקט דעם בעהאַלטענעם אמת פֿון די נביאים׳ס תורה. פֿאַרוואָס זאָל דען יהודה אויס־מיידען דעם גורל, וואָס האָט געטראָפען איהר שוועסטער, ווען אויך זי איז מויב צום קול פֿון גאָט און איז נאָך בלינדער, הגם זי האָט פֿאַר די אויגען אַ קלאָרען בילד פֿון התראות, וואָס זיינען מקוים געוואָרען? און די שׂרים און דאָס פאָלק האָבען אויפגעהערט אויף אַ צייט צו בעגעגענען מיט שפּאָט די ווערטער פֿון די נביאים, וועלכע האָבען איבערגעטראָגען אויף יהודה די פֿאָרוואורפען, וואָס זיי האָבען געמאַכט ישׂראל און פֿאָראויסגעזאָגט, אַז עס וועט קומען אויפֿן לאַנד אַ ניט־אויסמיידליכע שטראָף פֿאַר דער גרויסהאַלטונג פֿון די רייכע, פֿאַר דער אַכזריות און די פֿאַרדאָרבענע מידות, פֿאַר דער אומ־זיניגקייט פֿון דער פּאָליטיק.

חזקיהו׳ס פרוב צו רעפֿאָרמירען דעם ישראל׳שען גאָטעס־דינסט.

אין דעם מאָמענט פֿון שומרונס מפּלה איז געזעסען אויפֿ׳ן טראָן פֿון יהודה חזקיהו. דאָס איז געווען אַ מענש אַ פעהיגער, אַ געבילדעטער, וואָס האָט געהאַט אַ פיינעם חוש פֿאַר די נייע טענדענצען. מיט זיין גאַנצער התלהבות און זיין גאַנצער מאַכט האָט ער זיך אָבגעגעבען אין רשות פֿון נביא ישעיה, וועלכער האָט פֿאָרגענומען אַ גאַנצע שורה פֿון רעפֿאָרמעס אין גייסט פֿון די נביאים. די רעפֿאָרמעס האָבען קודם כל אָנגעריהרט דעם גאַנצען געביט פֿון גאָטס־דינסט. די כהנים־קאַסטע, וואָס האָט זיך ביז איצט אויפגעטראָגען מיט פיינדשאַפֿט אָדער ווייניגסטענס מיט גלייכגילטיגקייט צו די נייע אידעען און האָט ניט געהאַלטען פאַר נויטיג צו פֿיהרען אַ קאַמף קעגען די פֿרעמדע פֿאָרמען פֿון דער פֿאָלקס־רעליגיע, איז אויך אַריינגעצויגען געוואָרען אין דער נביאישער בעוועגונג. דער פּועל־יוצא דערפֿון איז געווען דער פרוב אָבצושיידיגען דעם בית המקדש און ירושלים פֿון די אַלע פֿאָרמען פֿון אַלטען האַלב־געצענדיענרישען קולט, אַשטייגער פֿון דער קופערנער שלאַנג, און מבטל זיין אין לאַנד אַלע הייליגקייטען, וואָס זיינען צעשפּרייט איבער די בערג (מלכים ב׳, י״ח, 4).

חזקיהו האָט אויסגענוצט די אומרוהען, וואָס זיינען פֿאָרגעקומען אין אַשור נאָכ׳ן טויט פֿון שומרונס בעזיגער, און אויף אַ צייט פֿאַרנומען דאָס לאַנד פֿון דער ישׂראלישער מלוכה, וואָס איז פֿאַרוויסט געוואָרען דורך אַשור. אויף אַזאַ אופן האָט די צעשטערונג פֿון שומרון געבראַכט, כלומרשט, צו דער אויפֿריכטונג פֿון דער נאַציאָנאַלער איינהייט. די מלוכה פֿון דוד האָט מען גערעכענט פֿאַר אַן אויפֿגעריכטע, און דער נביא בעגריסט חזקיהו׳ן, ווי דעם געטרייען זוהן פֿון יהוה מיט אַזאַ בעגייסטערנדיגען פֿייערליכען אויסרוף:

„דאָס פאָלק, וואָס בלאָנדזשעט אין דער פֿינסטערניש, האָט דערזעהן

אַ גרויסע ליכטיגקייט; די איינוואוינער פֿון לאַנד, וואו עס האָט געהערשט נאַכט, האָט באַלויכטען דער מאָרגענשטערן. דען אַ קינד איז אונז געבוירען געוואָרען, אַ זוהן איז אונז געגעבען, וואָס אויף זיינע אַקסלען רוהט די מאַכט. זיין נאָמען איז דער וואונדערליכער ראַטגעבער, דער געטליכער העלד, דער אייביגער פֿאָטער, דער קיניג פֿון שלום, וועלכער איז געבוירען, כּדי צו דערהויבען די מאַכט און פֿאַרשאַפֿען שלום אָהן אַ סוף דעם טראָן פֿון דוד, און זיין מלוכה — כּדי פֿעסטצושטעלען און באַפֿעסטיגען דאָס רעכט און די גערעכטיגקייט — פֿון היינט אָן אויף אייביג. (ט׳, 1—6).

דער צייטווייליגער נצחון פֿון דער נבואה.

שומרונס מפּלה האָט אָהן ספק באַוויזען די געטליכקייט פֿון דער נבואה. די געשיכטע האָט אָבער דורך איהרע מעשׂים נאָך ווייטער געפֿיהרט די פּראָפּאַגאַנדע אין נביאישען גייסט. יהוה האָט געצוואונגען די אומגלויביגע און צעלאָזענע שומרון צו פֿאַלען פֿאַר אשור; אָבער אשור האָט ניט געוואוסט, אַז ער איז געווען נאָר אַן אומבאַוואוסטזיניגער כּלי־זין אין דער האַנט פֿון דער העכערער גערעכטיגקייט, און האָט זיך לוסטיג געמאַכט איבער ירושלים, וועלכע האָט זיך אומגעקעהרט פֿון איהרע זינד און זיך מיט יעדען טאָג דערנעהנטערט צום וועג פֿון גערעכטיגקייט. בשעת סנחריב האָט אין יאָהר 701 מיט זיינע מעכטיגע חילות און מיט אַן אומגעהייערן גלויבען אין זיינע כּוחות בעלאַגערט ירושלים, האָט אַ שרעקליכע מגפֿה געראַטעוועט די שטאָט, און דער נביא, וועלכער איז פֿאַרטרויט אין די געטליכע סודות, שרייט אויס: „וועה געשריען צו אשור, דעם כּלי זין פֿון מיין צאָרן און אומצופֿרידענקייט. קאָן זיך דען באַליידיגען די האַק, אויף דעם, וואָס האַקט מיט איהר, די זעגע אויף דעם, וואָס פֿיהרט זי?! אין אַזוי וועט יהוה אויסטריקענען אשורס פֿעטקייט און זיין מאַכט וועט ער פֿאַרברענען אין פֿייער פֿון שׂרפֿה. האָב ניט מורא, מיין פֿאָלק, וואָס וואוינסט אין ציון, פֿאַר אשור׳ן, וועלכער שמייסט דיך מיט׳ן בייטש און שרעקט דיך אָן אויפ׳ן שטייגער פֿון מצרים. יהוה וועט דורכגעהן מיט דער האַק איבערן וואַלד פֿון אשור. און זיינע מעכטיגע צעדערן וועלען אַנידערגעלעגט ווערען צו דער ערד (קאַפּיטעל י׳).

ישעיהו׳ס זעהונגען וועגען דעם קומענדיגען שלום.

דאַן, ביי דעם בילד פֿון צעבראָכענעם אשור, שטעהט אויף פֿאַרן נביא׳ס בליק דאָס בילד פֿון אייביגען שלום; אַ סוף צו דער מלחמה, צו דער שׂנאה! יהודה וועט ווערען דער שופֿט פֿון די פֿעלקער, און די פֿעלקער וועלען ניט אויפֿהייבען מעהר די כּלי־זין איינע אַנטקעגען די אַנדערע און וועלען איבערשמידען די שווערדען זייערע אין גראָב־אייזענס און זייערע וואָרפֿשפּיזען אין שנייד־מעסערס. פֿון דודס הויז וועט אַרויסקומען אַן אידעאַלער קיניג און שופֿט, וואָס אויף איהם וועט רוהען יהוה׳ס גייסט, דער גייסט פֿון חכמה און פֿאַרשטאַנדיגקייט, דער גייסט פֿון איינזעהן און פֿרומקייט, וועלכער וועט משפּט׳ן ניט לויט דעם, וואָס זיינע אויגען וועלען זעהן און וואָס זיינע אויערן וועלען הערען, נאָר לויט דער גערעכטיגקייט און וועט דורכפֿיהרען אַלץ צום גוטען פֿון די באַליידיגטע. דער וואָלף וועט לעבען צוזאַמען מיט אַ ציגעלע; די קוה, דער לייב און די שעפּסעלע וועלען זיך פּאַשען צוזאַמען און אַ קליין קינד וועט זיי פֿיהרען. דען מען וועט מעהר ניט זינדיגען און ניט טהון מעהר קיין

שלעכטס איבער מיין גאנצען הייליגען בארג און די דערקענונג פון גאט וועט אנפילען די ערד, ווי די וואסערן, וואס פילען אן דעם ים (קאפיטעל י״א).

מנשה'ס מלוכה און די רעליגיעזע רעאקציע.

דער ניצחון פון דער נבואה האט אבער ניט לאנג געדויערט. חזקיהו האט איבערגעלאזט פאר זיין קרוין־יורש דעם צוועלף־יעהריגען זוהן מנשה. אנשטאט דעם יונגען קיניג האבען געפיהרט די מלוכה די הויף־לייט. שוין דעמאלט האט זיך אנגעהויבען צו פיהלען דער רעליגיעזער סינקרעטיזם*, וואס האט זיך געהאלטען אין משך פון 60 יאהר. דעם פאלק איז מיאוס געווארען די מאראל פון ישעיהו און פון זיינע תלמידים, וועלכע האבען איהם אהן איפהער אויפגערעגט מיט זייערע שטורמישע תוכחות און וועלכע האבען מיטן נאמען פון אלמעכטיגען און אייפערנדיגען גאט אויף זייערע ליפען, געפאדערט, אז יעדערער זאל טראכטען נאר וועגען דער טובה פון זיין חבר, אנשטאט צו לעבען צום אייגענעם פארגעניגען. די כוואליע פון דער רעאקציע האט צוריקגעשטויסען די נביאים פון יהוה פון זייער איינגענומענער פאזיציע, און פארווארפען די פרינציפען פון זייער מאראל און סאציאלער שיטה. ירושלים האט מיט פרייד מקבל פנים געווען אלע סירישע געטער; מזבחות פאר זיי האט מען געבויט אפילו אין בית המקדש פון יהוה. לויט ווי עס דערצעהלט די לעגענדע, האט מנשה גופא געבראכט זיינע זיהן פאר א קרבן דעם מולך. בעלי־מופת, מכשפים, טרעפערס זיינען געווארען די איינפלוסרייכסטע מענשען ביים הויף. אזוי האט דאס געדויערט אין משך פון א האלבען יאהרהונדערט. די נביאים האט מען געצוואונגען צו שווייגען; און עס איז אונז דעריבער ניט בעקאנט קיין איין נביא פון מנשה'ס צייט.

די מלוכה פון איין מינדעריעהריגען קיניג (מנשה) האט ביי די נביאים צוגענומען זייער ווירקונג. די מלוכה פון א צווייטען מינדעריעהריגען קיניג (יאשיהו) האט זיי די אומגעקעהרט צוריק. אין פאלקס־לעבען איז פארגעקומען א געוואלדיגע איבערקעהרעניש, וואס וועגען איהר קאנען מיר האבען א השגה נאר לויט די רעזולטאטען איהרע, נאר מיר האבען ניט די מעגליכקייט היסטאריש צו בעטראכטען דעם פראצעס איהרען גופא. די דאזיגע איבערקעהרעניש איז אהן ספק ארויסגערופען געווען דורך די פיל הסרונות פון פריהערדיגען סדר, און דעריבער האט זי בכבוד'דיג אומגעקעהרט די מאכט און די השפעה דער געוועזענער לעהרע פון די נביאים. דער נייער נבואה־שטרוים האט געפינען זיין מעכטיגען פארטרעטער אין דעם יונגען כהן פון לאנד בנימין, אין ירמיהו.

ירמיהו.

וועגען ירמיהו האט זיך ביי אונז אויסגעבילדעט די פארשטעלונג, ווי וועגען דעם מחבר פון די קינות. דאס איז געשעהן דערפאר, וואס איהם איז מען מיחס די זאמלונג פון די קלאג־לידער וועגען חורבן פון ירושלים (איכה), וואס געהערען אבער אין דער אמת'ן ניט איהם. ירמיהו האט אין משך פון זיין פערציג יאהריגער טעטיגקייט געמוסרט, געשטראפט און בעשולדיגט, אבער

* ד. ה. די דערנעהנטערונג און די אויספארשונג פון די פארשיידענע רעליגיעזע אנשויאונגען און צערעמאניעס.

זעהר וועניג געווינט. אמת, ער האָט בעווינט דעם פאַרשטאָרבענעם קיניג יאשיהו; אָבער נאָך דעם דאָזיגען טויט, וואָס האָט צעשטערט אַלע זיינע האָפענונגען אויף דער צוקונפט, זיינען ביי איהם ניט געבליבען קיין טרערען פאַר די אַנדערע מעשים פון זיין צייט.

אָנגעהויבען פון ירמיהו'ן קומען די נביאים צו דעם בעשלוס, אַז עס איז אַן אוממעגליכע זאַך דורכצופיהרען ביים איצטיגען מצב זייערע רעפאָרמען, וואָס וואָלטען געקאָנט ראַטעווען דאָס פאָלק. זיי זאָגען זיך אָב פון דער נאַציע פון היינט, וואָס געהט מיט איהר אייגענעם ווילען און מיט אַ בלינדער זיכער־קייט אין אָבגרונד אַריין, און זיי טראַכטען נאָר וועגען דעם, ווי צו שאַפען אַ נאַציע פון דער צוקונפט, וועלכע זאָל אויסוואַקסען אויף דעם חורבן פון דער איצטיגער.

ירמיהו איז געווען אַ כהן. דאָס איז דער ערשטער נביא פון צווישען די כהנים. נאָר די כהונה איז ביי איהם נאָר דער אויסגאַנגס־פונקט און דער מיטעל צו דער נבואה. סיי ישעיה און סיי ירמיהו זיינען קודם כל רעפאָרמאַטאָרען פון זיטליכען, סאָציאַלען און פּאָליטישען לעבען. אויב עס איז געווען צווישען זיי אַן אונטערשייד, האָט ער זיך גענומען פון דער אינדיווידועלער פאַרשידענקייט פון זייערע ביידענס נאַטורען און פון די היסטאָרישע תנאים. ירמיהו איז דער נאַטירליכער און דער בערעכטיגטער יורש פון ישעיהו, נאָר ער צייכענט זיך אויס דורך אַ גרעסערער כאַראַקטער־פעסטקייט, דורך אַ שטאַרקערער איבערצייגונגס־קראַפט, דורך דער פעסטקייט פון זיינע פאָדערונגען און דורך זיין פאַר־אַכטונג צו די אָנגענומענע מיינונגען און פאָראורטיילען. דערפאַר איז ער די איינציגאַרטיגסטע פיגור אין דער אייגענאַרטיגער נאַציאָנאַלער סביבה. דאָס דערקלערט זיך דערמיט, וואָס איהם איז אויסגעקומען צו אַרבייטען ניט אין אַ בערך רוהיגער צייט, ווי ישעיהו'ן, נאָר אין אַ טרויעריגער צייט פון איינגעוואָרצעלטע אייביגע פעהלערן, אין אַ קאָכיגער צייט פון בעשטימענדע קאַטאַסטראָפען.

ירמיהו האָט אָנגעהויבען צו פאַרשפּרייטען זיינע אידעען נאָך אין זיין היימישען שטעטעל ענתות. נאָר, ווי עס זעהט אויס, איז דאָרטען פאַר איהם ניט געווען קיין גינסטיגער אָרט, אָדער די הערשענדע שיכטען האָבען איהם ניט געוואָלט טראָגען. אַזוי צי אַזוי, זיינע מיטבירגער האָבען איהם פאַרטריבען, סטראַשענדיג איהם מיטן טויט (י"א, 21). ער האָט פאַרלאָזען ענתות מיט אַ ביטערער, צו יהוה געווענדעטער איבּער־פראַגע אויף זיינע ליפּען: „דו ווערסט שטענדיג בלייבען גערעכט, יהוה, — קאָן איך דען זיך קריגען מיט דיר? און דאָך וואָלט איך געוואָלט ביי דיר אַרויסרופען אַן ענטפער: פאַרוואָס האָבען הצלחה די וועגען פון די אומגערעכטע? פאַרוואָס בלייבען די בוגדים ניט־בעשטראָפט? דו האָסט זיי פאַרפלאַנצט, און זיי האָבען געלאָזען וואָרצלען און זיי וואַקסען און ברענגען פירות, און בשעת מעשה ביסטו נאָר נאָהענט צו זייערע ליפען, אָבער וייט פון זייער האַרצען. און מיך, יהוה, קענסטו דאָך; דו זעהסט דאָך מיך דורך און דורך, דו האָסט דאָך אויסגעפרובט מיינע געדאַנקען" (י"ב, 1—3). נאָר ניט געקוקט אוי אַלע שטע־רונגען פילט דאָך אַן די נשמה פון נביא דער פעסטער גלויבען אין זיין בערוף,

זיין ערשטע ארויסטריט.

דער גליפֿען, װעלכער באַהערשט איהם און דערװײטערט איהם פֿון שװאַכקײט און שרעקעדיקײט.

„אײדער איך האָב דיך בעשאַפֿען אין דער מוטערס בױך האָב איך דיר שױן אױסדערװעהלט, — זאָגט יהוה, — אײדער דו ביסט פֿון איהר לײב אַרױס, האָב איך דיך געהײליגט און בעשטימט פֿאַר אַ נביא איבער פֿעלקער. און איך האָב געזאָגט: גאָט מײנער, יהוה! איך קאָן דאָך ניט רעדען — איך בין צו יונג. און יהוה האָט געזאָגט: רעד ניט אַזױ: איך בין צו יונג — און װאוהין איך װעל דיך נאָר שיקען, גײ, און װאָס איך װעל דיר נאָר הײסען, רעד. און האָב פֿאַר זײ קײן מורא ניט, װײל איך בין מיט דיר, כּדי צו בעשיצען דיך — אַזױ זאָגט יהוה. און יהוה האָט אױסגעשטרעקט זײן האַנט און בעריהרט מײן מױל און געזאָגט: אָט לעג איך אַרײן מײנע װערטער אין דײן מױל. זעה נאָר: איצט שיק איך דיך איבער פֿעלקער און מלוכות, כּדי אױסצוװאָרצלען און צו צעשטערען, כּדי צו פֿאַרדאַרבען און פֿאַרטיליגען, כּדי צו בױען און פֿאַרפֿלאַנצען. (א. 5—10).

ירמיהו אין ירושלים.

„דאס בוך פֿון דער תורה“.

פֿון ענתות איז ירמיהו אװעקגעגאַנגען קײן ירושלים, װאו איהם איז פֿאָראױסגעשטאַנען אַלײן צו פֿאַרשפּילען אָדער אַלײן צו געװינען. דאָרטען האָט ער אין בית המקדש גופא געפֿונען אומגעריכטע אָנהענגער. דער כּהן הלקיהו איז געװען נוטה צו די נביאישע אידעען, און אַחוץ דעם האָט די נביאה, װעלכע איז פֿאַרשטיקט געװאָרען אין דער צײט פֿון מנשה, אױפֿגעלעבט אין דער נשמה פֿון אַ פּרוי — דער נביאה חולדה. דער יונגער נביא פֿון ענתות האָט אַרײנגעטראָגען נײע ענערגיע און התלהבות אין דער בעגײסטערטער סביבה, װעלכע האָט נאָר װי געװאַרט אױף אַ שטױס פֿון אױסען. אפשר האָט ער געהאַט אױך אַ פּערזענליכע װירקונג אױפֿן קיניג, װעלכער איז קױם אַלט געװען 22 יאָהר. בכל אופן האָט זיך ירמיהו'ס טעטיגקײט אין דער ריכטונג גוט אײנגעגעבען. עס זײנען ניט אַריבער קײן פֿיר יאָהר, און עס איז פֿאָרגעקומען ממש אַן איבערקערעניש. פּלוצלונג האָט זיך פֿאַרשפּרײט אַ קלאַנג, אַז דער כּהן הלקיהו האָט געפֿונען אין בית המקדש „דאָס בוך פֿון יהוה'ס תורה“. דער קיניג האָט געבעטען, מען זאָל פֿאַר איהם איבערלײענען דאָס בוך פֿון אָנהױב ביזן סוף, און דער לײענען האָט געמאַכט אױף איהם אַן אומגעװעהנליכען רושם, אַזױ אַז ער האָט דאָס געהײסען איבערלײענען אָפֿען פֿאַרן גאַנצען אױפֿגעקומענעם פֿאָלק און האָט עס דערקלערט פֿאַר דער גרונד פֿון דער נאַציע.

„דאָס בוך פֿון יהוה'ס תורה“, װאָס איז איבערגעגעבען געװאָרען יאשיהו'ן, איז אָהן ספק צונױפֿגעשטעלט געװאָרען אונטער דער מיטװירקונג פֿון די נביאים פֿון יענער צײט, און מען איז אױסען געװען מיט דעם צו מאַכען תיכּף אַן אײנדרוק אױף דעם איצטיגען דור. דאָס בוך איז ניט כּולל געװען אין זיך קײן אײן אידעע, קײן אײן כּלל, קײן אײן התראה אָדער פֿאָרזאָג, װאָס זאָלען ניט זײן געזאָגט געװאָרען דורך די נביאים אין משך פֿון די לעצטע צװײ יאָהרהונדערטען. עס איז אין איהר ניט געװען קײן אײן שורה, װאָס איז געשריבען געװאָרען מיט דער כּונה, אַרײנצולעגען אין מױל פֿון אַן אַלטער

אויטאָריטעטער פערזאָן וואָסער עס איז נייע אידעע, ווי דאָס איז שטענדיג דער פאַל ביי די אַפּאָקריפישע *) שריפטען. דאָס געפונענע בוך איז געוועזן מיט אַן אמת „דאָס בוך פון יהוה'ס תורה" אין דער געשטאַלט, ווי זי האָט זיך געטראָגען אין דער לופט פון יהודה זינט די ערשטע נביאים. נאָר ווען די נביאים האָבען גערעדט וועגען דער תורה פון יהוה, פלעגט מען ביי זיי פרעגען: „וואו איז זי דען, די דערהויבענע תורה? דערקלערט אונז איין מאָל פאַר אַלע מאָל, וואָס פאַרלאַנגט זי פון אונז!" עס איז געווען נויטיג, עס זאָל אויפקומען דאָס בוך, כדי צו פאַרשטאָפען די מיילער די חוזק-מאַכער, בעפעסטיגען די איבערצייגונג פון די קרייזען, וואָס שטעהען נאָהענט צו די נביאים, און אַנשטאָט דער גיך פאַרביינעהענדיגער ווירקונג פון פייערדיגען וואָרט, געבען דעם פאָלק די ממשות'דיגע ניט-פאַרענדערליכע ווירקונג פון אַ געשריבענער תורה. דער נביאישער מוסר קען אַרויסרופען אין פאָלק נאָר אַ רעליגיעזע התלהבות. כדי אָבער די דאָזיגע התלהבות זאָל מגולגל ווערען אין אַלעבעדיגען כח, איז נויטיג דאָס בוך. „דאָס בוך פון דער תורה" האָט אויך אין דערמאָהנטען געמאַכט דעם איינדרוק פון עפּעס פרישעס, שטאַרקעס אויף די, וועלכע האָבען זיך שוין גענוג אָנגעהערט מיט מוסר-רעד, שוין דערפאַר אַליין, וואָס די האָט פאָרגעשטעלט אַ גאַנצע און צוזאַמענגעבונדענע סיסטעם.

מיר ווייסען ניט, ווי ווייט מען האָט דעם נייעם געזעץ בענוצט אין פראַקטישען לעבען, און אויף וויפיל ער איז געוואָרען אַ מלוכה-קאָדעקס. דער ספר מלכים, וועלכער איז אָנגעשריבען געוואָרען דורך מענער פון די כהנים-קרייזען, דערצעהלט נאָר וועגען דער רייניגונג פון גאָטעס-דינסט, וואָס האָט, פאַרשטעהט זיך, מעהר פון אַלץ אינטערעסירט די כהנים און איז געווען אַ חוץ דעם אויך אַ גרינגע זאַך. די צערעמאָניעלע חוקים זיינען אָפּגעהיט געוואָרען מיט דער גרעסטער שטרענגקייט. די פרעמדע קולטען זיינען פאַרבאָטען געוואָרען; די כהנים, וואָס פלעגען דינען די געצענבילדער, — פאַרטריבען, און די, וואָס פלעגען ברענגען קרבנות פאַר געצענבילדער גופא אין בית-המקדש פון יהודה, זיינען בעשטראָפט געוואָרען מיט טויט. דער טאָל פון הנום, וואו עס פלעגען געבראַכט ווערען מענשליכע קרבנות דעם מולך, איז געמאַכט געוואָרען פאַר אַן אומרייניגעם אָרט. נאָר דעם קולט האָט זיך לייכטער איינגעגעבען צו רעפאָרמירען, איידער דעם גייסט. און אין משך פון דער גאַנצער צייט פון אויסוויינגסטען נצחון יהודה'ס, הערט ניט אויף צו קלינגען דער אַלטער פּראָטעסט פון די נביאים: ווען איך האָב אייך געגעבען מיינע געזעצען בשעת'ן אַרויסגאַנג פון מצרים, האָב איך דען דאָס געטאָן צוליב אייערע קרבנות?

יאשיהו איז געווען אינגאַנצען אַלט 26 יאָהר, בעת מען איז צוגעטראָטען צו דער רעליגיעזער רעפאָרם (623 יאָהר פאַר דער קריסטליכער צייט). עס

*) מיטן נאָמען „אַפּאָקריפען" הייסען אייגענטליך די ספרים, וואָס זיינען ביי דער קאַנאָניזירונג ניט אַריין אין דעם תנך — אין העברעאיש הייסן זיי ספרים חיצוניים. דאָס רוב זיינען ניט אונטערן נאָמען פון זייער אמתן מחבר, אַזעלכע ספרים רופט מען אויך „פּסעוודאָ-עפּיגראַפען".

איז מעגליך, אַז אויב יאשיהו וואָלט געקיניגט אַ לענגערע צייט, וואָלט זיך איינגעגעבן צו פאַרווירקליכן די תורה ניט נאָר אין געביט פון קולט, נאָר אויך אין די מידות און דער געזעצגעבונג. נאָר צום אומגליק איז יאשיהו אַרייַנגעצויגן געוואָרן אין דער פאַרפּלאָנטערטער אויסלענדישער פּאָליטיק און איז געשטאָרבן אויפן מלחמה־פעלד.

אשורס מפלה.

אַ שרעקליכע איבערקערעניש האָט אין יענער צייט אויפגערודערט גאַנץ אזיען. אשור איז געפאַלן אונטערן קלאַפּ פון די פאַראייניגטע פעלקער, וועלכע זי האָט אַזוי לאַנג אונטערדריקט. איהר מפּלה ווערט בעגלייט דורך דעם נביאישן אויסרוף: „פאַרוויסט איז נינוה! *) ווער וועט אויף איהר רחמנות האָבן? וואו זאָל זי זוכן טרייסטער? דיינע פיהרער שלאָפן, דו קיניג פון אשור! דייַנע קריגס־האַרן האָבן געפונען זייער רוה. און יעדער, וואָס וועט דערהערן וועגן דעם, וועט פּאַטשן מיט די הענט, ווייַל אויף וועמען האָט דען ניט שווער געדרוקט דייַן שטענדיגע גרויזאַמקייַט" (נחום 7, 18—19). בבל האָט אָרגאַניזירט דעם אָנפאַל אויף נינוה. נאָר די אַלטע מצרים, וואָס האָט אויף אַ צייַט אויפגעלעבט אונטער דער פיהרונג פון דער פּסאַמעטיך־דינאַסטיע, האָט געפּרובט פאַרכאַפּן די שליטה איבער דער וועלט, וואָס אשור האָט פאַרלאָרן, נאָך איידער בבל האָט צייַט געהאַט זי צו בעפעסטיגן פאַר זיך. דער מצרישער קיניג נכה האָט זיך געלאָזן צום פרת. אָבער יאשיהו, וואָס איז געווען אָבהענגיג פון בבל, האָט געהאַלטן פאַר זייַן חוב צו פאַרצוימען דעם וועג פאַר דעם פיינד פון בבל. „מיט דיר האָב איך ניט צוטון, קיניג פון יהודה!" — האָט געשיקט איהם זאָגן נכה. פונדעסטוועגן איז יאשיהו אַרויס אַנטקעגען די מצרים און זיך צוזאַמענגעטראָפן מיט זיי ביי מגדו. ער איז געפאַלן אויפן מלחמה־פעלד. אַ דורכגעשאָסענער דורך אַ פייַל און איז אַוועקגעפיהרט געוואָרען אַ פאַרוואונדעטער קיין ירושלים, וואו ער איז געשטאָרבן. גאַנסבילען און פרויען האָבן איבער איהם געזונגען טרויער־לידער, און די טרויער־צערעמאָניע איז פאַרגעקומען זינט דעמאָלט יעדן יאָהר אין טאָג פון אומגליק. ירמיהו האָט פאַרפאַסט אויפן טויט פון יונגען קיניג, מיט וועלכען עס זייַנען פאַרלאָרען געגאַנגען אַלע האָפענונגען פון די רעפאָרמאַטאָרען, אַ טרויער־ליד, וועלכע איז אָבער ניט דערגאַנגען ביז אויף אונזער צייַט.

יאשיהו'ס זוהן יהואחז, וועלכער איז דערקלערט געוואָרען פאַר אַ קיניג באַלד נאָך דעם פאָטערס טויט, איז אַראָבגעזעצט געוואָרען פון טרון דורך פּרעה'ן און נאָך אַ רעגירונג פון דרייַ חדשים אָבגעפיהרט געוואָרען געפאַנגען קיין מצרים. „ניט וויינט וועגן דעם, וואָס איז געשטאָרבן — שרייַט אויס ירמיהו — און ניט קלאָגט איבער איהם; וויינט, וויינט וועגן דעם אוועקגעגאַנגענעם, ווייַל ער וועט זיך ניט אומקעהרען מעהר און ניט זעהן דאָס אייגענע לאַנד (כ"ב, 10).

יהודה'ס נסיסה.

עס האָבן זיך אָנגעהויבן די נסיסה־טעג פון יהודה. נכה האָט אַרויפגעזעצט אויפן טרון דעם צווייטען זוהן פון יאשיהו — יהויקימען. די מלוכה פון יהודה איז געוואָרען ווייַטער דער עפּעל פון מחלוקת צווישען מצרים און בבל. צווישען

*) די הויפּטשטאָט פון אשור.

די צוויי גבורים־שונאים, האָט די קליינינקע מלוכה פֿון יהודה געדאַרפֿט אין זיך האָבן גענוג פֿלינקייט, בעקלערטקייט און אויסגעהאַלטנקייט, כּדי ניט צו ווערן צעדריקט. יאשיהו'ס יורשים זײַנען ניט געווען בעשענקט מיט די אַלע מעלות. די פּאָליטיק פֿון די נביאים איז בעשטאַנען אין אָפּהיטען די געטרײַ־שאַפֿט צו בבל, וואָס מיט איר האָט יהוה געשלאָסן אַ בונד נאָך אין די צײַטען פֿון חזקיהו און וואָס זי האָט בעפֿרײַט די וועלט פֿון נינוה'ס יאָך. האַלטענדיג זיך בײַ די פּרינציפּען פֿון אַזאַ פּאָליטיק, איז יאשיהו געגאַנגען אויף לעבען און טויט קעגן מגדו. אַזאַ איז אויך געווען די פּאָליטיק ירמיהו'ס, וועלכער האָט אָהן ספק מסכּים געווען מיט יאשיהו'ן, אָדער אפשר אפילו איהם גע־ראָטען אַרויסצוטרעטען אין דער דאָזיגער מלחמה. ווען ניט וואָלט אָט דער פֿעסטער און שטאַרקער מאַן אָנגעשטאָט צו טרויערן און געוואַלדעווען איבערן קבר פֿון געפֿאַלענעם קיניג, איהם געשיקט זײַן צאָרענדיגע קללה. אַחוץ דעם, איז אויך געווען פּראַקטיש ניצליכער צו זײַן אויפֿן זײַט פֿון בבל, ווײַל נאָכן צוזאַמענשטויס האָט מצרים אָנגעהויבען אָפּצוטרעטען צוריק. איר גאַנצער כּח איז געלעגען נאָר אין דעם זכרונות־רײַכען עבר, און די מלחמה פֿון מצרים מיט בבל האָט אויסגעזעהן, ווי אַ מלחמה פֿון אַ רעאַלער קראַפֿט מיט אַ שאָטען. נכה, וועלכער האָט באַקומען אַ מפּלה בײַ כּרכּמיש, איז פֿון פּרת געלאָפֿען צוריק צום נילוס. נבוכדנצר האָט זיך דאַן באַוויזען מיט זײַנע חילות בײַ די מויערען פֿון ירושלים און בעקומען פֿון יהויקימען דעם צוזאָג פֿון געטרײַשאַפֿט און הכנעה. נאָך דעם איז געווען קלאָר, אין וואָס עס דאַרף בעשטעהן די פּאָ־ליטישע אויפֿגאַבע פֿון יהודהן. נאָר די יונגע הערשער, וועלכע זײַנען איינע נאָך די אַנדערע געזעסען אויפֿן ירושלימער טראָן, האָבן דאָס ניט פֿאַר־שטאַנען. זיי האָבן געשלאָסען אַ בונד מיט דעם פּאָליטיש גוסס'דיגען מצרים, האָבן זיך סומך געווען אויף זײַנע הבטחות און זיך אָנגעשפּאַרט אויפֿן שטעקעל, וואָס שטעכט דורך די האַנט.

נאָך דרײַ יאָהר פֿון הכנעה צו בבל, האָט יהויקים אַראָפּגעוואָרפֿען פֿון זיך איהר יאָך און אָפּגעזאָגט זיך פֿון צו צאָלען צינס. דאָס איז געווען דער אָנהויב פֿון סוף. אַלס שטראָף פֿאַר דער מרידה האָט בבל פֿאַרטריבען אַ טייל פֿון דער בעפֿעלקערונג און צעראַבירט דעם בית־המקדש. יהויקים איז געשטאָרבען בעת דער מלחמה. נאָך איהם איז אַרויף אויפֿן טראָן זײַן 18־יעהריגער זוהן יהויכין. אָבער עס זײַנען נאָך ניט אַריבער קיין דרײַ חדשים פֿון זײַן רעגירונג, און די בעלעגערטע ירושלים איז אײַנגענומען געוואָרען דורך די בבלישע חילות, און ער איז אַוועקגעפֿירט געוואָרען אַ געפֿאַנגענער קיין בבל, וואו ער איז גע־שטאָרבען. דער לעצטער קיניג פֿון יהודה, צדקיהו, האָט בעגייט דעם משוגע־דיג ווילדען פּרוב — צו שליסען אַ בונד מיט מצרים. דאָס האָט געבראַכט צו אַ בעלעגערונג פֿון ירושלים, צו דער אײַנעמונג און צו דער צעשטערונג פֿון דער שטאָט, און צו דער פֿאַרטרײַבונג פֿון די העכערע פֿאָלקס־קלאַסען קיין בבל. (אין יאָהר 586 פֿאַר דער קריסטליכער צײַט־רעכענונג).

זינט די ערשטע טעג פֿון יהויכימ'ס רעגירונג איז קלאָר געוואָרען, אַז די מלוכה הויבט זיך אָן אָפּצוזאָגען ניט נאָר פֿון דער אויסווייניגסטער, נאָר אויך

ירמיהו'ס ארויסטרעטונג קעגן דעם קיניג און די הערשענדע קלאסן.

פון דער אינעווייניגסטער פּאָליטיק פון קיניג יאשיהו, — פון די רעפאָרמעס און נביאישען גייסט. בעת נכה האָט אַרויפגעזעצט יהויקים'ען אויפן טראָן, האָט ער איהם בעלעגט מיט אַ גרויסען צינס. כדי צו פאַרשאַפען זיך אַזוי פיל געלט, האָט יהויקים געמוזט אונטערדריקען דאָס פאָלק. כדי דורכצופירען רעפאָרמעס אין לאַנד, האָט זיך געפאָדערט מעסיגקייט און שפּאָרזאַמקייט; יהויקים האָט אָבער געזאָרגט נאָר וועגען בנינים פון נייע פּאַלאַצען און האָט צוליב דעם בענוצט, אויפן שטייגער פון אַנדערע מלכים, געזעלשאַפטליכע צוואַנגס-אַרבייט, בעת דאָס געזעץ פון יהוה זאָגט: „האַלט ניט אַיין דעם געצאָלט פון געדונגענעם אַרבייטער". און ירמיהו האָט אויסגעשריען ביי די טויערען פון פּאַלאַץ: „וועה איז דעם, וואָס בויט הייזער מיט אומגעזעצליכקייט און צווינגט אַרבייטען דעם אָרעמען אָהן געצאָהלט. האָט דען דער גורל דיך געמאַכט, כדי דו זאָלסט זיך גרויסען מיט דיין צעדער-פּאַלאַץ? דיין פאָטער האָט אויך געגעסען און געטרונקען, אָבער ער האָט אַלצונג געגעבען אויף דער גערעכטיגקייט און רחמנות — און איהם איז גוט געווען! ער האָט בעשיצט די דערנידעריגטע און אונפאַרמעגליכע, און איהם איז גוט געווען! און דערפאַר זאָגט יהוה אַזוי וועגען יהויקימען, דעם זוהן פון יאשיהו: מען וועט איהם ניט בעווייגען מיט די ווערטער: „אַך, מיין ברודער, אַך, שוועסטער! און מען וועט איהם נאָכזאָגען: וועה, דעם געוועלטיגער! וועה, זיין גלאַנץ! נאָר ער וועט בעגראָבען ווערען, ווי אַן אייזעל,: אַרויסגעשלעפּט און אַוועקגעוואָרפען ווערען הינטער דער שטאָט, ווייט הינטער די מויערן פון ירושלים (כ"ב, 13—19).

און דער נביא דערקלערט דער קיניגליכער דינאַסטיע אָט די לעצטע התראה יהוה'ס:

„דו, קיניג פון יהודה, וואָס דו זיצסט אויף דוד'ס טראָן, דו און דיינע דינער, וואָס קומען צו די טויערן, הערט זיך צו, אַזוי האָט געזאָגט יהוה: בעגעהט זיך עהרליך און מיט רחמנות, ראַטעוועט דעם בערויבטן פון אונטער דעם דריקערס הענט, ניט בעליידיגט, ניט דריקט דעם אויסלענדער, דעם יתום, און די אלמנה, פאַרגיסט ניט קיין אומשולדיג בלוט. אויב איהר וועט זיך פיהרען לויט די דאָזיגע ווערטער, וועלען אַריינגעהן אין די טויערן פון אָט דעם פּאַלאַץ מלכים, וואָס וועלען זיצען אויפן טראָן פון דוד און וועלען פאָהרן אויף פערד און רייטוועגען, און אַלע דינער און דאָס פאָלק וועלען אַהערצו אַריינגעהן. נאָר אויב איהר וועט ניט וועלען הערען אָט די ווערטער, שווער איך מיט מיין נאָמען, — זאָגט יהוה, — וועט דער פּאַלאַץ פאַרוויסט ווערען. איך האָב שוין בעשטימט פאַר דיר צעשטערער, און זיי וועלען אויסהאַקען דיינע בעסטע צעדער-בוימער און וועלען זיי וואַרפען אין פייער אַריין". (כ"ב 2 — 7).

„געהט זי דורך איבער די גאַסען פון ירושלים, זוכט אויף איהרע פּלעצער; אויב איהר וועט דאָרטען געפינען אפילו איין מענשען, וואָס זאָל טון גוטס, זוכען אמת, וועל איך זיי פאַרגעבען די זינד. נאָר הגם זיי זאָגען: „איך שווער ביי יהוה", שווערען זיי פאַלש. די קלעפּ, וואָס זיי בעקומען פון יהוה, פאַרידרען ניט זייערע געפיהלען". געוועהנליכע מענשען זינדיגען אמאָל,

זאָגט דער נבֿיא, פֿון אומוויסענהייט, ווײַל עס זיינען זיי אומבעקאַנט די וועגן פֿון גאָט. לאָז, איך וועל גיין צו די הערשער, וועלכע זיינען געלערנט; אָבער די הערשער זיינען פֿיל ערגער נאָך זייער גראָבקייט און צעלאָזענקייט. יהודה האָט זיי אָנגעזעטיגט, און זיי לויפֿן אין די שאַנד־הײַזער; זיי, די זאַטע און בעל־תאווהדיגע פֿערדלעך (ה׳, 1—8).

זיי רעכענען פֿון אַלץ אויסצוקויפֿן זיך דורך קרבנות. צי דען האָט גאָט קרבנות פֿאַרלאַנגט פֿון זייערע עלטערן, ווען ער האָט זיי אַרויסגעפֿירט פֿון מצרים? (ז׳, 22). ווען זיי גייען אין בית־המקדש אַרײַן, טראַכטן זיי: מיר זיינען בעשיצט. „נאָר צי איז דען אַ הייל פֿון מערדער מײַן טעמפּעל, מיט וועלכן איך האָב פֿאַרבונדן מײַן נאָמען? וואָס דען, זאָלן זיי גיין קיין שילה *) און זאָלן זיי זען, וואָס גאָט האָט געמאַכט מיט דעם ישׂראלישן היילגטום: ער וועט זיך בעגעהן מיט יהודה, ווי ער האָט זיך בעגאַנגען מיט ישׂראל, און — מיטן בית־המקדש אין ירושלים, ווי מיטן היילגטום אין שילה". (ז׳, 10—14).

ירמיהו׳ס נבואה וועגן דער נאָהענטער מפּלה פֿון ירושלים.

מיט יעדן טאָג ווערט אַלץ מער אָן די וואונד, דער יאוש און צאָרן וואַקסן זיך פֿונאַנדער. און אין דער צייט וואַרפֿט יהויקים, אויפֿגעהעצט דורך דעם שוואַכן מצרים, זײַן אַרויסרוף בבל. דאָס איז געווען דער טויט־אורטייל. פֿאַר דער מלוכה פֿון יהודה, דאַן ווערן ירמיהו׳ס רייד צו איין גרויסע לויה־ליד. יהודה׳ס וואונד קאָן מער ניט אויסגעהיילט ווערן; עס איז ניטאָ שוין מער קיין באַלזאַם און געלד; לאָזן די מוטערס לערנען זייערע טעכטער לויה־לידער; ווײַל דער טויט וועט אַרײַן דורך די פֿענסטער, וועט אַרומכאַפּן די פּאַלאַצן, וועט טרעפֿן די קינדער אויף די גאַסן און די בחורים אויף די פּלעצער. די פֿאָראויסזאָגונגען וועגן דער אָנקומענדיגער צעפֿאַלונג, צעשטערונג און פֿאַרטרייבונג וועלכער האָבן אָנגעפֿילט אַלע רעדעס פֿון די נבֿיאים און זיינען געשטאַנען אין משך פֿון צוויי הונדערט יאָהר פֿאַר די אויגען פֿון פֿאַרבלאָנדזשעטן פֿאָלק האָבן לסוף אָנגעהויבן ווערן אַ שרעקלעכע נאָהענטע ווירקלעכקייט. און דער בלינדער קיניג אַליין האָט אויף זיך אָנגעצויגן דעם גאַנצן שטורעם פֿון דער קאַטאַסטראָפֿע.

„איהר האָט ניט געהערט די ווערטער מײַנע; אָט וועל איך צונויפֿטרײַבן אַלע פֿעלקער פֿון צפֿון; מיט זיי געהט נבוכדנצר, דער קיניג פֿון בבל, מײַן קנעכט; און איך וועל זיי פֿיהרן געגן דעם לאַנד און זײַנע אײַנוואוינער.
...און איך וועל פֿאַרשטערן צווישן אײַך די אויסגעשרייען פֿון פֿרייד און לוסטיגקייט, די הוליענדיגע קולות פֿון חתן־כּלה,, דעם גערויש פֿון די מיהלען און דעם שײַן פֿון די פֿאַקעלן". (כ״ה, 8—10).

אַזוי איז דער נבֿיא געגאַנגען יעדן טאָג צו די טויערן פֿון בית־המקדש און פֿון פּאַלאַץ און פֿאָראויסגעזאָגט די אונאויסמײַדלעכע קאַטאַסטראָפֿע, וועלכע, ווי עס האָט איהם זיך פֿאָרגעשטעלט, איז שוין אָנגעקומען, און וועלכע ער האָט ווי אָנגעשיקט דורך זײַנע פֿלאַמענדיגע פֿאָראויסזאָגונגען. דעם נבֿיא

*) אַן אַלטער ישׂראלישער היילגטום (שמואל א. א, 3).

איז ניט איין מאָל אויסגעקומען צו איבערטראָגן דעם צאָרן און די צערייצט־קייט פֿון פֿאָלק, וואָס איז געווען איפֿגעבראַכט קעגן זײַנע שלעכטע נבֿואות. זײַנע ווערטער האָבן בעזונדערס אַרויסגערופֿן אַ צערייצונג צווישן די סאָל־דאַטן און פֿאַלשע נבֿיאים, וואָס האָבן זיך געיאָגט נאָך אַ וואָלוועלער הצלחה און האָבן זיך לוסטיג געמאַכט איבערן פֿאָלק, פֿאַראויסזאָגנדיג איהם אוממעג־ליכע נצחונות. נאָר גאָט האָט ירמיהו'ן אָוועקגעשטעלט, ווי „אַן אייזערנעם שטאַנג", ווי „אַ קופּערנע וואַנט", אַנטקעגן יהודה, אַנטקעגן זײַנע מלכים, כהנים און המון. מינוטענווײַז הויבט דער נבֿיא אמת אָן מאַטערן זיך און לײַדן איבער דער אכזריות'דיגקײַט פֿון זײַן ראָלע און די בעליידיגונגען, וועלכע מען וואַרפֿט איהם אין פּנים אַרײַן. „וועה איז מיר, מוטער מײַנע, וואָס דו האָסט מיך געבוירען פֿאַר „אַ מענש פֿון קריג, וואָס דאַרף מיט אַלעמען שטרײַטען, וואָס אַלע שילטען איהם" (ט"ו, 10). ער וואָלט וועלען שווײַגען, אַנטלויפֿען פֿאַרן קול פֿון זײַן געוויסען און פּטור ווערען פֿון דער שווערער געטליכער שליחות. אָבער יהוה ציהט איהם מיט געוואַלד אַרײַן אין דער אַרענע פֿון שטרײַט. דער נבֿיא איז בײַ אַלעמען צו שפּאָט און צו שאַנד. מען בעטראַכט איהם, ווי דעם טרעגער פֿון אימה און פּורעניות, ווײַל יעדעס מאָל, ווען ער הויבט אויף זײַן קול, קומט איהם אויס צו שרײַען וועגען אומגערעכטיגקײַט און עולות, אָנצווײַזען אויף דער שרעקליכער סכנה, און דאָס געטליכע וואָרט פֿאַר־שאַפֿט איהם שאַנד און בעליידיגונג. „וויפֿיל מאָל האָב איך צו זיך געזאָגט: איך וועל מעהר ניט רעדען וועגען איהם, וועל מעהר ניט רעדען אין זײַן נאָמען; נאָר אין מײַן האַרצען איז געווען אַזוי, גלײַך ווי אַ פֿײַער וואָלט אין מײַנע ביינער געפֿלאַקערט, און איך האָב זיך אויסגעמאַטערט, אײַנהאַלטענדיג אין זיך אינעווייניג אָט דעם פֿײַער, אָבער דאָס איז ניט מעהר אין מײַנע כחות". (כ', 9).

ירושלים ווערט איינגענומען דאָס ערשטע מאָל.

ירושלים איז אײַנגענומען געוואָרען צום ערשטען מאָל אין יאָהר 597. די פֿאָרשטעהער פֿון די העכערע קלאַסען זײַנען אָוועקגעפֿיהרט געוואָרען קײַן בבֿל, דעם אומגליקליכען יונגען קיניג יהויכין איז אויסגעקומען אויסצוקויפֿען דורך זײַן גלות־לעבען די אומזיניגע מעשים פֿון זײַן פֿאָטער. „איך שווער בײַ מײַן עקזיסטענץ, זאָגט יהוה, אַז יהויכין, דער זוהן פֿון יהויקים, דער קיניג פֿון יהודה, וואָלט געווען אפֿילו אַ שטעמפּעל אויף מײַן רעכטער האַנט, וואָלט איך איהם פֿון דאָרטען אויך אַרויסגעריסען. און איך וועל פֿאַרוואַרפֿען דיך און דײַן מוטער, וואָס האָט דיך געבוירען, אין אַ פֿרעמדען לאַנד אַרײַן, וואָס איהר זײַט דאָרט ניט געבוירען, און איהר וועט דאָרטען שטאַרבען. זיי העלען זיך ניט אומקעהרען אין לאַנד אַרײַן, וואוהין עס ציהט זיך זייער נשמה" (כ"ב, 24—27). פֿאַרוואָס דען איז דער קיניג און זײַן פֿאַמיליע פֿאַרוואָרפֿען געוואָרען אין אַ פֿרעמ־דען לאַנד? דערפֿאַר, וואָס די פּאַסטוכער פֿון געטליכען פֿאָלק האָבן געלאָזען זייער שאָף פֿאַרלירען זיך און פֿאַרפֿיהרט ווערען... נאָר גאָט וועט אויסקלײַבען זײַנע פֿאַרבלאָנדזשעטע שעפּעלעך און ער וועט זיי געבען פּאַסטוכער, וועלכע וועלען זיי פֿיהרען אַזוי, אַז קיין איינציג שעפּסעלע וועט מעהר ניט פֿאַרלאָרען געהן (כ"ג, 1—4).

צדקיהו'ס מלוכה

אין דער אמת'ן האָט זיך אָנגעהויבן אַ נײַע רעגירונג. עס איז פֿאָרגע־שטאַנען עפּעס נײַעס, און בפֿירושׁ איז די האָפֿענונג ניט אינגאַנצן פֿאַרלאָרן געגאַנגען. דער נײַער קיניג צדקיהו, דער זון יאשיהו'ס, איז געווען אַ מענטש אַ כאַראַקטער־שוואַכער, נאָר מיט אַ גוטן ווילן. איינע פֿון זײַנע ערשטע מעשׂים האָט אַפֿילו געגעבן האָפֿענונג, אַז אין איהם האָט אָפּגעלעבט דער גײַסט פֿון זײַן גרויסן פֿאָטער, אַז די פּאָליטיק פֿון רעפֿאָרמען וועט זיך ווײַטער אָנ־הויבן, און אַז די תּורה פֿון די נבֿיאים וועט ווײַטער ווערן די וועג־ווײַזערין פֿאַר דער מלוכה. לויט געזעץ, האָט יעדער יודישער קנעכט בעקומען די פֿולקומענע פֿרײַהייט, נאָך דעם, ווי ער האָט אָפּגעדינט זײַנע זעקס יאָהר. צדקיהו האָט צונויפֿגערופֿען אַלע שׂרים און בעלי־בתּים פֿון קנעכט — און האָט זיי געצוואונגען צו בעפֿרײַען זייערע קנעכט. נאָר גלײַך אויפֿן צווייטן טאָג האָבן זיי חרטה געקראָגן אויף זייערע מענשליכע מעשׂים, וואָס זיי האָבן געטאָן אונטער דער ווירקונג פֿון אַן אויסוויינינסטען כּח. דעם בעפֿעהל וועגן בעפֿרײַונג האָט מען מבֿטל געווען, און די בעפֿרײַטע שקלאַפֿען האָבן זיך ווײַטער אומגעקעהרט צו זייער פֿריהערדיגען מצבֿ. אָט דער צופֿאַל האָט העל בעלויכטען די טיפֿע ירידה פֿון דער דעמאָלטיגער געזעלשאַפֿט, וואָס פֿאַר איהר איז שוין ניט געווען מעהר קיין רעטונג. דאָס האָט אַרויסגעריסען פֿון ירמיהו'ס בּרוסט דעם אויסגעשריי פֿון אימה, וועלכער האָט דורכגעהילכט, ווי דער גזר־דין פֿון געטליכער גערעכטיגקייט: איהר האָט אײַערע ברידער אומ־געקעהרט צו דער קנעכטשאַפֿט; איהר האָט זיך אָפּגעזאָגט צו אָנערקענען זייער פֿרײַהייט! און אָט איך שווער בײַ יהוה: איך גיב די פֿרײַהייט אַנטקעגען אײַך דעם שווערד, דער מגפֿה און דעם הונגער (ל"ד, 8—17).

צדקיהו'ס פּאָ־ליטיק און ירמיהו'ס אַרויס־טריט אַנטקעגן איר.

צדקיהו איז פֿון זײַן זײַט אַרײַנגעפֿאַלען אין אַ נעץ דורך דעם, וואָס ער האָט זיך פֿאַראייניגט מיט מצרים. אין אַ קורצער צײַט אַרום האָבן די בבֿלישע חילות ווײַטער צעשפּרייט זייערע לאַגערן אונטער ירושלים. דאָס מאָל האָט מען שוין ניט געקאָנט וואַרטען אויף שׁוינונג מצד דעם קיניג פֿון בבֿל. מצרים האָט פֿאַרלאָזען יהודה אין דעם אויגענבליק פֿון סכּנה. און ירמיהו נעמט זיך ווײַטער מיט אַ שרעקליכען בּרען פֿאַראויסצוזאָגען די מפּלה פֿון לאַנד. מען רעדט איהם צו, ער זאָל זיך ווענדען צו יהוה און בעטען איהם, אַז ער זאָל דאָס מאָל זײַן פֿאָלק ווײַזען וואונדער, וועלכע זײַנען פֿריהער געשעהן אַזוי אָפֿט. אַמאָל האָט בּלעם, וואָס מען האָט איהם גערופֿען שילטען ישׂראל, זיי געבענשט; ירמיהו, וועלכער איז איצט געשיקט געוואָרען צו בענשען, קאָן נאָר שילטען. יהוה — האָט ער פֿאָראויסגעזאָגט — וועט ערשײַנען, כּדי צו צעשטערען די מלוכה פֿון יהודה. ער וועט שיקען אַ פּעסט אויף די מענשען און חיות, וועט איבערגעבען דעם קיניג, די קריג־האַרען און דאָס פֿאָלק נבֿוכדנצר'ן, כּדי ער זאָל זיי פֿאַרלענדען אָהן חסד, אָהן רחמנות. צדקיהו רופֿט בּסוד דעם נבֿיא און פֿרעגט בײַ איהם: „קענסטו מיר וואָס מודיע זײַן אין יהוה'ס נאָמען?" — יאָ, אַז דו וועסט איבערגעגעבן ווערען אין די הענט פֿון בבֿלישען קיניג. און באַלד נאָך דער פֿאָראויסזאָגונג ווענדט זיך דער נבֿיא צום קיניג מיט אַ פֿאָרוואורף און פֿרעגט איהם: וואו זײַנען איצט יענע נבֿיאים, וועלכע

האָבען איהם פאַרפיהרט און געזאָגט, אַז נבֿוכדנצר וועט מעהר ניט בעלאַגערן ירושלים. בשעת מען האָט דעם נביא אַריינגעזעצט אין תפיסה, הערט ער ניט אויף צו רעדען פאַרן פאָלק, וואָס קלייבט זיך אויף איהם צו הערען. „דער, וואָס וועט בלייבען אין אָט דער שטאָט, וועט פאַלען פון שווערד, פון הונגער אָדער פעסט; הער, וואָס וועט זיך איבערגעבען די כשׂדים, וועט ראַטעווען זיין לעבען". די פיהרער פון חיל פאָדערען פון קעניג, ער זאָל הייסען טויטען ירמיהו'ן, ווייל מיט זיינע רעד „שוואַכט ער אָב די הענט פון די קריגס־לייט און פון פאָלק". דעם נביא זעצט מען אַריין אין אַ גרוב, וואו ער זיצט ביזן גאַרטעל פאַרזונקען אין קויט. אָבער ווען מען נעמט איהם אַרויס פון דאָרטען, קאָן מען ביי איהם זיך ניט דערשלאָגען קיין אַנדערע ווערטער, ווי: „ירושלים זאָל זיך אונטערגעבען, אָדער זי וועט צעשטערט ווערען". (קאַפּיטעל ל"ח).

קיינמאָל האָט אַ פאָלקס־רעדנער ניט געקלונגען מיט אַזאַ העלדישקייט און אין אַזאַ שווערער שפּראַך צום קאַמף ביזן לעצטן טראָפּען בלוט, ווי ירמיהו האָט גערופען צום אונטערגעבען זיך, צום אָבזאָגען זיך פון דאָס, וואָס עס האָט זיך גערעכענט פאַרן נאַציאָנאַלן כבוד. לויט די היינטיגע געזעצן און השׂגות איז ירמיהו געווען אַ בוגד, און פאַר אַזאַ האָבען איהם אין דער אמת'ען אויך געהאַלטען די לעצטע פיהרער פון ירושלימער חיל. די מערקווירדיגע גרויסקייט פון נביא בעשטעהט אָבער הערין, וואָס אָט „דער פאַררעטער פון פאָטער־לאַנד" איז געווען דער גרעסטער פּאַטריאָט, און קיינער האָט ניט געטראָגען אַזוי אין זיך דעם צער פון פאָלקס־אומגליק אַזוי ווי ער.

די כאראקטע־ריסטיק פון ירמיהו'ן.

ירמיהו איז ניט געווען קיין היילוגער, קיין פאַנאַטיקער, וואָס פאַרוואַרפט די ערדישע מלוכה און נאָמען פון דער הימעלשער, גלייך ווי אַלע נביאים, וואָס פאַר איהם, טראַכט ער וועגען אַן ערדישער מלוכה, וועגען אַ נאַציאָנאַלער יודישער מלוכה, מיט אַ נאַציאָנאַלער הויפּטשטאָט — ירושלים, מיט אַ נאַציאָנאַלע מלכים־פאַמיליע — דער פאַמיליע פון דוד, אָבער מיט אַ קאָרעקס פון גערעכטיגקייט, ערהאַבענקייט און זיטליכקייט, וואָס איז געגעבען דורך יהוה. די דעמאָלטיגע וועלט־פּאָליטיק דעמאָלטיגע ווייט־בליקענדיגע דענקער האָבען קלאָר געזעהן, וויפיל אומזיניגקייט שטעקט אין דעם שטרעבען פון דער קליינער יודישער מלוכה צו שפּילען די ראָלע פון אַ בעהערשערין צווישען די מעכטיגע קריגס־מאָנאַרכיעס פון אַזיען און אַפריקע. ישׂראל איז ניט געווען צוגעפּאַסט צו דעם, אַז ער זאָל קאָנען אין משך פון עטליכע יאָהרהונדערטער דורכגעהן בשלום דעם בלוטיגען וועג פון געוואַלד און צופאַלען, צו פיהרען אינטריגעס אַמאָל מיט איין מלוכה, אַמאָל מיט דער צווייטער און לעבען אַזוי ווי אַלע אַרומיגע פעלקער, אַמאָל פאַרשלינגענדיג די שכנים, אַמאָל ווערענדיג פאַרשלונגען דורך זיי. זיינע מלכים און פיהרער האָבען געקאָנט שטרעבען צו אַזאַ ראָלע, זיי האָבען אָבער דערצו ניט געהאַט קיין גענוג שטאַרקע נעגעל. דער נביא פון זייט האָט געטראַכט וועגען אַ גאַנץ אַנדער היסטאָרישער ראָלע פאַר ישׂראל'ן: דאָס פאָלק האָט געדאַרפט אויפהויבן הויך צווישען אַנדערע פעלקער די פאָהן פון אייביגער געזעצליכקייט. „איך האָב איך אָוועקגעשטעלט ווי אַ ליכט צווישען די פעלקער".

און אין יענעם אויגענבליק, ווען דער חלום האָט געדאַרפֿט ווערן אַ וואָר, אין דעם אויגענבליק, ווען דאָס געזעץ איז איינגעשטעלט געוואָרן דורך דעם קיניג יאשיהו, — אין דעם אויגענבליק האָבן די צעטומעלטע פּאָליטיקער און אינטריגאַנטן אַריינגעוואָרפֿן ישׂראל'ן אין תּהום פֿון צווייעדיגער ירידה — פֿון מאַטעריעלער און גייסטיגער. צוליב דעם פֿאַרגעניגן, וואָס עס האָט זיי געבראַכט די שפּיל אין דיפּלאָמאַטיע, האָבן זיי מקריב געווען דעם איצטיגן קיום פֿון פֿאָלק און זיינע גייסטיגע אייפֿגאַבן. ירמיהו האָט זיך געקאָנט געפֿינען דעם מוט אויף די מויערן פֿון די בעלעגערטע פֿעסטונגען, אָדער ער האָט געקאָנט, פֿאַרדריקט אין האַרצען דעם יאוש און איבערציינגט, אַז ער האָט זיך ניט וואָס צו פֿרעהען איבער דער מפּלה פֿון פֿאָלק, — שטיל קוקען פֿון דער ווייטען אויפֿן חורבן פֿון ירושלים. נאָר ישׂראל וואָלט דאַן ניט הערען די מעכטיגע ווערטער, וועלכע רופֿען איהם צו בעפֿרייאונג און וועלכע האָבן איהם געדינט פֿאַר אַ טרייסט אין משך פֿון 25 יאָהרהונדערטער. ירמיהו האָט אַרויסגעוויזען אַן אומגעוועהנליכע העלדישקייט, קעמפֿענדיג קעגען דעם זיך אַליין פֿאַרלייקענדיגען פֿאָטערלאַנד פֿון היינט אין נאָמען פֿון יענעם פֿאָטערלאַנד פֿון דער צוקונפֿט, וואָס האָט געלעבט נאָר אין זיין געדאַנק און אין געדאַנק פֿון זיינע עטליכע תּלמידים. ער האָט געהאַלטען פֿאַר גליקליכער — און דאָס האָט ער שטענדיג געזאָגט אָפֿען — אַז דאָס פֿאָלק זאָל זיך באַלד אונטערגעבען בבֿל, ווייל דאַן וואָלט ניט פֿאַרלאָרען געגאַנגען דער אינעווייניגסטער סדר פֿון דער מלוכה, און די קינסטיגע רעפֿאָרם וואָלט געפֿונען איהר יסוד אין בית־המקדש און אין די פּאָליטישע טראַדיציעס. נאָר אַזוי ווי די ראיות פֿון קלאָרען געדאַנק האָבן איצט ניט געהאַט קיין ממשות, איז אויסגעקומען דעם נבֿיא נאָר אויסצוואַרטען, ביז עס וועט געשעהן דאָס, וואָס מוז געשעהן. אַ מעהר פֿולע און ליכטיגע צוקונפֿט האָט געמוזט צוגעגרייט ווערן דורך דעם חורבן פֿון דער געגענוואַרט; עס האָט געמוזט געשאַפֿען ווערן אַן אַנדער פֿאָטערלאַנד — אויף יענער זייט פֿון דער מפּלה.

ירמיהו'ס קוק אויף ישׂראל'ס צוקונפֿט.

נאָך דעם, ווען אַ טייל פֿון פֿאָלק איז פֿאַרטריבען געוואָרן בשעת דער רעגירונג־צייט פֿון יהויכין, האָט זיך ירמיהו איבערציינגט, אַז די נבֿואה קאָן לאָזען איהרע וואָרצלען אין ארץ ישׂראל נאָר, בשעת דאָס פֿאָלק וועט זיך אָברייסען פֿון זיין לאַנד. די ערשטע פֿאַרטריבענע האָט געמאַטערט דער געדאַנק וועגען דער אומענדליכקייט פֿון גלות. זיי האָבן געחלומט וועגען דעם פֿרעהליכען אומקעהר צו זייערע ברידער, און די נבֿיאים־פּאַטריאָטען האָבן זיי פֿאַראויסגעזאָגט, אַז עס וועט געשעהן אַ פּלוצלונגדיגער וואונדער, וואָס וועט זיי בעפֿרייען. צוויי פֿון די נבֿיאים, אחאב און צדקיהו, זיינען אַריינגעוואָרפֿען געוואָרן, לויט דעם בעפֿעהל פֿון נבֿוכדנצר, אין ברענענדיגען פֿייער אַריין. נאָר ירמיהו האָט מיט זיין אומבּרחמנות'דיגער און שאַרפֿער פֿאָראויסזעהונג מבֿטל געמאַכט די בערוהיגענדיגע חלומות מיט מעהר ערפֿאָלג, איידער די דינער פֿון בבֿלישען קיניג. זיינע בריף זיינען איבערגעגאַנגען פֿון האַנט צו האַנט צווישען די פֿאַרטריבענע און האָבן צעשטערט זייער האָפֿענונג אויף אומצוקעהרען זיך אין זייער היים־לאַנד. זיי האָבן געווירקט אויפֿן פֿאָלק, עס זאָל זיך בע-

רוהיגען און זיך צופרידען שטעלען מיט גלות־לעבען, איינלעבען זיך האַרטען פעסט, בויען הייזער, פלאַנצען וויינגערטנער, פיהרען אַ פאַמיליען־לעבען און ניט לאָזען זיך פאַרפיהרען דורך די טרייסט־ווערטער פון די פאַלשע נביאים. דער גאַנג פון דער געשיכטע האָט זיך פאַרגעשטעלט פאַרן נביא גאַנץ קלאָר. אַ גאַנצער תהום, לאַנג ווי אַ מענשען־לעבען, האָט געדאַרפט אָפּטיילען די צום אונטערגאַנג פאַרמשפּטע נאַציע פון דער צוקונפט־נאַציע. אין 70 יאָהר אַרום וועט גאָט, וועלכער בלייבט שטענדיג געטריי זיינע הבטחות, אומקעהרען דאָס פאָלק אין זיין אייגען לאַנד אַריין. מען האָט געדאַרפט, ווי פאַרצייטען בשעת'ן אַרויסגאַנג פון מצרים, אַז קיינער פון דעם דור, וואָס איז פאַרזונקען אין זינד, זאָל ניט קומען צוריק אין געבענטשטען לאַנד אַריין. כדי אויסצובילדען אַ נייעס אין איינהייטליך פאָלק, וואָס לעבט אין גייסט פון יהוה און זיינע נביאים, איז געווען נייטיג אַ נייער דור, וועלכער זאָל ווערען אויפגעצויגען אינגאַנצען אויף דער תורה פון די נביאים, ווייט פון דער שעדליכער ווירקונג פון די אַלטע פאַרטייען, ווייט פון הערשאַפט־תאוה און די פריהערדיגע פאָליטישע פיהרונגען. דאַן וועט רחל, וועלכע בעוויינט אין רמה איהרע פאַרלאָרענע קינדער, אויפהערען צו פאַרגיסען איהרע טרעהרען און וועט זיך טרייסטען (ל"א, 15—14).

יהוה וועט אומקעהרען איהרע קינדער פון אַלע לענדער, וואוהין ער האָט זיי צעזייעט אין זיין גרויסען צאָרן, און וועט זיי ברענגען צופיהרען אין דעם אייגענעם לאַנד אַריין, און ער וועט שליסען אַ בונד מיט די קינדער פון ישראל און יהודה, נאָר ניט אַזאַ, ווי ער האָט געשלאָסען מיט זייערע עלטערען בשעת'ן אַרויסגאַנג פון מצרים; יענעם בונד האָבען זיי גיך צעשטערט. ניין, ער וועט אַריינלעגען די תורה אין זייערע נשמות, ער וועט זי פאַרשרייבען אויף זייערע הערצער, און ער וועט זיין זייער גאָט, און זיי וועלען זיין זיין פאָלק. ירושלים וועט אויף דאָס ניי אויפגעבויט ווערען און וועט מעהר ניט צעשטערט ווערען" (ל"ב, 37—39).

אין דעמזעלביגען יאָהר, ווען עס זיינען געווען געוואָרען די אַלע רעדעס, איז ירושלים און דער בית־המקדש פאַרברענט געוואָרען. דעם קעניג צדקיהו האָט מען אין נבוכדנצרס געגענוואַרט אויסגעשטאָכען די אויגען, נאָכדעם, ווי ער האָט געזעהן, ווי מען האָט אויסגעפיהרט די טויט־שטראָף איבער זיינע זיהן. נייע מחנות פאַרטריבענע האָבען זיך געצויגען איבערן מדבר קיין בבל אַריין.

יחזקאל, זיין קוק אויף דער באַדייטונג פון גאָטעס־דינסט.

צווישען די, וואָס זיינען פאַרטריבען געוואָרען קיין בבל אין דער צייט פון יהויכין, האָט זיך געפונען אַ מאַן, וואָס איז אויסגעוואַקסען און האָט זיך אויפגעצויגען אין דער שולע פון ירמיהו — דאָס איז געווען יחזקאל. ער איז געווען גלייך ווי ירמיהו, אַ כהן, און גאַנצען דורכגעדרונגען מיט די אידעען פון די כהנים. פאַר די אידעען האָט ער זיך געהאַלטען ניט איבער וואָסערע עס איז קליינליכע קאַסטען פניות און פאַראורטיילען, נאָר דערפאַר, ווייל נאָך דעם חורבן פון דער מלוכה, ווען דער פאָליטישער צענטער פון געזעלשאַפטליכען לעבען איז צעשטערט געוואָרען, האָט מען געדאַרפט געפינען אַ וואָסער עס איז נייעם צייכען פון אייניגונג, וועלכער האָט געדאַרפט דינען פאַר אַן אויס־

דרוק, פאר א סימבאל פון דער קומענדיגער נאציע. אזוי ווי עס האט זיך ניט איינגעגעבן צו שאפען א אידעאלע נאציע אויפן וועג פון א מלוכה־רעפארם, האט מען די געדארפט פרובען שאפען דורך דער פארשטארקונג און פארטיפונג פון גאטעסדינסט. די ענטוויקלונג פון די פאלקס־טראדיציעס איז בכלל געווארען א לעבענס־נויטיגקייט נאך דעם חורבן פון פאליטישן סדר.

פארם פון זיין נבואה.

לויט דער פארם פון זיין נבואה ציילענט זיך יחזקאל אוים פון די איבעריגע נביאים דורך דעם, וואס ער האט דערפירט ביז צו דער העכסטער מדרגה דעם געברויך פון פאנטאסטישע בילדער און סימבאלען, וואס קומען שוין פאר אויך ביי די פריהערדיגע נביאים. ער האט איבערגענומען פיל שרייענדיגע, נעפעלדיגע בילדער פון דער משונה'דיגער, פאנטאסטישער וועלט פון דער בבל'שער קינסטלער אין קונסט. יחזקאל איז דער פארגעהער פון די בעלי־קבלה. ער האט דער ערשטער אנגעפילט דעם אפאקאליפטישען *) בעכער, וועלכער איז פון איהם איבערגעגאנגען הערנאך צו דניאלן, צו חנוך'ען, צו יוחנן פון פאט־מאס. נאר פון אונטער דעם צודעק פון די סודות'פולע און ווייניג־פארשטענד־ליכע סימבאלען ענטוויקעלט זיך זיין געדאנק מיט אזא קלארקייט און לאגיק, וואס מיר טרעפען זעלטען ביי אן אנדער נביא.

יחזקאל'ס ערש־טע ארויסטרע־טונגען.

כל זמן ירושלים עקסיסטירט נאך, כל זמן עס ציהט זיך נאך די מלחמה צווישען יהודה און בבל און אין יהודה גופא הערט נאך ניט אויף די מלחמה צווישען די צוויי וועלטען, — דער אלטער, פוסטער, און גשמיות'דיגער, וואס וויל ניט שטארבען, און דער נייער, וואס איז דורכגעדרונגען מיט א געטליכען גייסט אין וואס שטרעבט ארויסצוטרייסלען פון זיך, פון איהר לעבעדיגען ארגאניזם דעם טויטען קערפער, — די גאנצע צייט הערען זיך יחזקאלס ווערטער ווי א בת קול פון ירמיהו'ס נבואות. ער זעהט, ווי יהוה'ס שווערד איז ארויס־גענומען פון זיין שייד און אויסגעשטרעקט אנטקעגען די אומגערעכטע און שלעכטע אויפן שטח פון צפון ביז דרום. אומזיסט גלויבט ירושלים די אומזיי־ניגע נביאים, וועלכע נארען זי אפ, אט די לעמפערטען, וואס ברומען צווישען די חורבות (י"ג, 3—4). „ווען מען וועט ביי דיר פרעגען: וועגען וואס זיפצסטו?" ענטפער: וועגען א בשורה, וואס וועט באלד אנקומען און צעברעכען די הערצער, אפשוואכען די הענט, טעמפ מאכען די מוחות און אונטערברעכען די קניה. דער שווערד איז אנגעשארפט פאר דער הריגה און קיילעריי, ער איז אנגע־שליפט און גלענצט ווי א בליץ; ער איז אנגעשארפט און אנגעשליפט, כדי איבערגעגעבען צו ווערען דעם פארדארבער. אויף מיין פאלק איז ער געשיקט געווארען, אויף ישראלס ברידער. ווייל יהודה איז אן אומריינער מעטאל,

---

*) אפאקאליפסען אדער אנטפלעקונגען ווערען אנגערופען יודישע און קריסטליכע שריפטען צום טייל קאנאניזירטע, צום טייל ניט קאנאניזירטע, וואו עס ווערט אין סודות־פולע פאנטאסטישע בילדער געשילדערט די געגנווארט און אויך די צוקונפט פון יודישען פאלק און אויך פון דער גאנצער מענשהייט. איינציגע פון די שריפטען פארנעמען זיך צום טייל אויך מיט פראגען פון אלגעמיינער וועלט־אנשויאונג און מאראל.

וואָס יהוה קלײַבט צונויף אין ירושלים, ווי אין אַ שמעלץ־אויוון, כּדי צו צעשמעלצן אים אין פֿלאַם פֿון צאָרן" (כ"א, 12—17 ; כ"ב, 19—21).

צולעצט קומט אָן די לאַנג פֿאָראויסגעזאָגטע שרעקלעכע בשורה. ירושלים איז געוואָרן אַ חורבה. דאָ שטילט זיך מיט אַמאָל אײַן דער גאַנצער צאָרן יחזקאלס: ווײַל עס איז אָנגעקומען די שעה, ווען מען דאַרף זיך נעמען פֿאַר דער צוגרייטונגס־אַרבעט — צו שאַפֿן די קומענדיקע מלוכה. יהוה האָט געוואָלט פֿאַרטיליקן ניט זײַנע אַלע שאָף, נאָר די שלעכטע פּאַסטוכער, וואָס האָבן געזאָרגט ניט וועגן דעם, ווי צו פּאַשען זייערע שעפּעלעך, נאָר וועגן דעם, ווי זיך אַליין בעסער צו פּאַשען (קאַפּיטל ל"ד).

דערפֿאַר האָט יהוה צוגענומען זײַן שאָף בײַ די שלעכטע פּאַסטוכער און ער וועט זיי אַליין פּיטערן. אין טאָג פֿון גרימען שטורעם וועט ער אויפֿקלײַבן די צעזייטע שאָף פֿון אַלע לענדער און וועט זיי פּיטערן אויף די בערגלעך פֿון ישראל אונטער דער פֿירונג פֿון די קינדער פֿון די פֿריערדיקע פֿאָלקס־פֿירער. „דאַן וועל איך בעשטימען איבער זיי איין פּאַסטוך, וועלכער וועט זיי פֿירען: צום קנעכט מײַנעם, דוד. און איך, יהוה, וועל זײַן זייער גאָט, און מײַן קנעכט דוד וועט זײַן בײַ זיי דער עלטסטער" (ל"ד, 23—24).

אין דער צײַט פֿון דער צווישן־רעגירונג האָט דער נביא געדינט דעם פֿאָלק אויפֿן אָרט פֿון קיניג. זײַן חוב איז געווען צו זאָרגן וועגן דער נשמה פֿון פֿאָלק, ווײַל גאָט האָט אים בעשטימט פֿאַר אַ פֿאַראַנטוואָרטלעכען שומר פֿון פֿאָלק, ווײַל אַ מענש, וועלכער פֿילט אין זיך די געטלעכע אָנט־פּלעקונג און האַלט זיך פֿאַר זיך אַליין, איז אין דערזעלביגער מאָס שולדיג ווי דער וואָס איז עובֿר אויפֿן געטלעכן געבאָט.

יחזקאל'ס שיטה וועגן מחילה און בעלוינונג (שכר ועונש).

„ווען איך זאָג דעם זינדיגען: דו מוזט שטאַרבען, און דו ביסט אים ניט מתרה און איבערצייגסט אים ניט, כּדי אים אומצוקערען פֿון שלעכטען וועג, און ער זאָל בלײַבען לעבען, — וועט ער, דער זינדיגער, שטאַרבען פֿאַר זײַנע זינד, אָבער פֿון דיר וועל איך פֿאָדערן אַ דין וחשבון פֿאַר זײַן בלוט" (ג', 18). וואָרום עס דאַרף אײַנגעפֿירט ווערען אַ נײַע גערעכטיגקייט, וועלכע וועט צעשטערן דאָס אַלטע שרעקלעכע געזעץ פֿון ירושה, וואָס פֿאַרלאַנגט אַז יעדער דור זאָל זיך פֿאַראַנטווערטלען פֿאַר די זינד פֿון פֿערגאַנגענעם, אַז יהוה זאָל שטראָפֿען פֿאַר די זינד ביז צום פֿערטען דור. מען וועט ניט זאָגען מער: אונזערע עלטערן האָבן געגעסן אומצײַטיגע ווײַנטרויבען, און בײַ אונז זײַנען די ציין הײַליג (י"ח, 12, פֿאַרגלײַך ירמיהו ל"א, 28). די זיהן וועלען מער ניט בעצאָהלען מיטן טויט פֿאַר זייערע עלטערנס זינד: נאָר דער וואָס האָט געזינדיגט, מוז שטאַרבען. דעם גערעכטען וועט ווערען געצאָהלט לויט זײַן גערעכטיגקייט, דעם זינדיגען — לויט זײַן זינד; און אויב דער שלעכטער מענש וועט זיך בעסערן און וועט לעבען ערלעך, וועט ער ניט שטאַרבען און וועט בלײַבען לעבען. האָב ניט אין טויט פֿון זינדיגען איז יהוה'ס פֿרייד „נאָר אין דעם, ער זאָל פֿאַרלאָזען זײַן זינדיגען וועג און בלײַבען לעבען (קאַפּיטל י"ח).

און אָט עפֿענט זיך דער וועג צו דער ישועה, אַ דאַנק דעמזעלביגען נבוכדנצר, וואָס האָט צעשטערט ירושלים. אַלע שונאים פֿון יודישען פֿאָלק,

אַלע, וועלכע האָבען אידם ווען עס איז געדריקט, מורד געווען אין אידם, געבראַכט אידם צו אַנטמין אָדער געפּרעדט זיך איבער זיין מפּלה. — אַלע זיינען זיי פון קליין ביז גרויס געפאַלען אונטערן מעכטיגען קלאַפּ פונם געטליכען כלי זין. עס זיינען געפאַלען די אדומים און פלשתים, וועלכע האָבען אַרויס־געוויזען זייער שמחה, בעת דער בית המקדש איז געוואָרען פאַרברענט, דאָס לאַנד — פאַרוויסט און דאָס פאָלק — פאַרטריבען. עס איז געפאַלען מואב, וועלכער האָט געזאָגט: „וואו איז יהודה? זעהט נאָר, מיט די יודען איז אויך געשעהן דאָס, וואָס מיט אַנדערע פעלקער!“ עס איז געפאַלען צור, די רייכע, פּרעכ־טיגע, געבילדעטע צור, די הערשערין איבערן ים, דער צענטער פון וועלט־האַנדעל, וואוהין מען פלעגט צונויפפיהרען דאָס גאָלד פון תרשיש, די פערד פון אַרמעניען, די טייערסטע סחורות פון ארם, די ווינען פון דמשק, די סטאַדעס פון אַראַביען, בשמים פון שבא און שקלאַפען פון יון. שוין באַלד דרייצעהן יאָהר זינט נבוכדנצר בעלעגערט צור, און באַלד וועט צור אַריינזינקען אין ים אַריין מיט אַלע איהרע סחורות, מאַטראָסען, אַרבייטער, און מען וועט די בעווינען: ווער איז געווען גלייך צו צור, וואָס איז אונטערגעגאַנגען אין, די טיפענישען פון ים! (קאַפּיטעל כ״ו—כ״ח).

דערנאָך וועט אָנקומען די צייט פון דעם אומגעטרייען מצרים, וואָס האָט אומגליקליך געמאַכט יהודה, ווייל זי האָט אידם געגעבען דורך איהר פריינדשאַפט־בונד אַ ופאַלשע האָפענונג אויף אַ נצחון. „אָט איך געה אויף דיר, פרעה, דו קיניג פון מצרים, דו מעכטיקער קראָקאָדיל, וועלכער רוהט אויפן טייך. איך וועל דורכציהען אַ רינג צווישען דיינע באַקען, איך וועל די פיש פון דיין טייך צוקלעפּען צו דיינע שופּען, איך וועל דיך אַוועקשלעפּען אין מדבר אַריין צוזאַמען מיט די פיש פון דיין טייך. און דו וועסט אַרויסגעוואָרפען ווערען אויפען ברעג, און איך וועל דיך אָפּגעבען צום עסען די ווילדע חיות און פויגלען פון הימעל“ (כ״ט, 3—5). דער אומגעקומענער פרעה טרייסט זיך, בשעת ער טרעפט, קומענדיג אין דער אונטער־וועלט (שאול), צווישען די אָנגע־וואָרפענע טויטע קערפערס אויך עילם, משך, תובל, אדום און צידון און אין דער רעכטער טיפעניש פון אָבגרונד — אשור מיט זיינע צאָהלרייכע חילות, וועלכע זיינען געפאַלען אונטערן שווערד, ווייל זיי זיינען מיטן שווערד געקומען אויף דער וועלט (קאַפּיטעל ל״ב).

דעם נביא'ס זעהונגען וועגען ישראל'ס אויפ־לעבונג.

דער פּלאַן, וועלכער איז אָנגעצייכענט געוואָרען דורך יהוה און די נביאים, וויקעלט זיך פונאַנדער פאַר אונזערע אויגען אין זיין גרויסאַרטיגער קלאָרקייט און ערהויבענקייט. כל זמן דאָס פאָלק האָט געלעבט אין זיין לאַנד, האָט ער ז׳ טמא געמאַכט דורך זיין לעבענס־פיהרונג, דורך זיינע פאַרברעכענס. „און איך האָב אויף אידם אויסגעגאָסען מיין כעס, איבער דאָס בלוט, וואָס ער האָט פאַרגאָסען אויף דער ערד, און איבער די געצענבילדער, מיט וועלכע ער האָט טמא געמאַכט דאָס לאַנד, און איך האָב אידם פאַרשפּרייט צווישען די פעלקער. נאָר איך וויל אייך אויפזאַמלען פון אַלע לענדער און ברענגען צו פיהרען אין אייגען לאַנד אַריין. און איך וועל אין אייך אַריינגעבען אַ נייע נשמה; איך וועל פון אייער ברוסט אַרויסנעמען דאָס שטיינערנע האַרץ און אַהין אַריינלעגען

אַ לייבליך הארץ. און איהר וועט לעבען אין לאַנד, וואָס איך האָב געגעבען אייערע עלטערן, און איהר וועט זיין מיין פאָלק, און איך וועל זיין אייער גאָט" (קאַפּיטעל ל"ו). ווי אַזוי? איז דען מעגליך, אַז נאָך דער פאַרטריבונג, פערנידערונג, זאָל נאָך האָבען אַ קיום דאָס פאָלק ישראל, די ישראלישע מלוכה פון נייעם ירושלים? יאָ, עס איז מעגליך. און דער נביא טראָגט זיך גייסטיג איבער אין אַ טאָל, וואָס איז בעדעקט מיט ביינער. „און עס האָט מיך געפרעגט גאָט: דו מענשען-זוהן, צו וועלען אויפלעבען אָט די ביינער? און איך האָב גע-ענטפערט: „מיין האר, יהוה, דו אַליין ווייסט דאָס! און ער האָט געזאָגט צו מיר: זאָג נבואה איבער די ביינער און זאָג צו זיי: איהר טרוקענע ביינער, הערט יהוה'ס וואָרט: איך וועל אין אייך אַריינגעבען אַ נשמה, און איר וועט אויפלעבען". און דער נביא האָט נביאות געזאָגט, ווי עס איז איהם פאַרזאָגט געווען. און עס האָט זיך דערהערט אַ גערויש, און די ביינער האָבען אָנגעהויבען זיך צו דערנעהנטערן איינע צו די אַנדערע מיט גערויש. „און איך האָב דער-זעהן: אָט זיינען אויף זיי אויסגעוואַקסען אָדערלעך און פלייש, און פון אויבען האָט זיי בעדעקט אַ הויט, נאָר קיין גייסט איז אין זיי ניט געווען נאָך. און גאָט האָט געזאָגט צו מיר: זאָג נביאות וועגן דעם גייסט און רוף אויס: פון אַלע פיר זייטען קום, דו גייסט, און בלאָז אויף די הרוגים, און זאָלען זיי אויפלעבען! און עס איז אין זיי אַריין דער גייסט, און זיי האָבען אויפ-געלעבט און האָבען זיך אַנידערגעשטעלט אויף די פיס, און עס איז געוואָרען זייער אַ גרויסער חיל. און ער האָט געזאָגט צו מיר: דו מענשען-זוהן, די ביינער זיינען דאָס גאַנצע הויז ישראל. אָט זאָגען זיי (די פאַרטריבענע): עס זיינען אויסגעטריקענט געוואָרען אונזערע ביינער, עס איז פאַרלאָרען געוואָרען אונזער האָפענונג, מיר זיינען אָפּגעשניטען פון אונזער פאָטערלאַנד. זאָג זיי נאָר נביאות: אַזוי האָט געזאָגט גאָט: איך עפען אויף אייערע קברים און וועל אייך אַרויספיהרען פון אייערע קברים און וועל אייך ברענגען קיין ארץ-ישראל. און וועל אין אייך אַריינגעבען אַ נשמה — און איהר וועט אויפלעבען און איך וועל אייך געבען רוה אין אייער לאַנד, און איר וועט פאַרשטעהן, אַז איך בין יהוה, ווי איך האָב געזאָגט, אַזוי וועל איך טון (קאַפּיטעל ל"ז).

די צוקונפטיגע ירושלים און איהר בית-המקדש.

איבערגעטראָגען זיך גייסטיג אין ירושלים פון דער צוקונפט, ברייט דער נביא אויף אין זיין מחשבה דעם בית-המקדש. ער בעשרייבט אונז דעם פּלאַן פון זיין בנין, און די גרייס פון זיינע איינצעלנע חלקים; אָרגאַניזירט אַ כהנים-סעקטע, פיהרט איין אַ נייעם קולט, צייכענט אָן דעם געאָגראַפישען פּלאַן פון דער קומענדיגער מלוכה און צעטיילט די טעריטאָריע צווישען די שבטים, וועלכע וועלען זיך אומקעהרען פון די פיר זייטען פון גלות (קאַפּיטעל מ'—מ"ח). דער פּלאַן פון קומענדיגען בנין, וואָס האָט אין זיך פיל אוממעגליכע איינ-צעלהייטען, איז אַ האַלב-אידעאַלער, האַלב-משלדיגער. דער טייל, וועלכער רעדט וועגען דער אָרגאַניזאַציע פון כהנים-קלאַס, איז שפּעטער דורכגעפיהרט געוואָ-רען אין לעבען, דער איבריגער איז געבליבען אַ פאַנטאַסטישע פאַרשטעלונג.

דער גאַנצער געווינשטער געדאַנק פון דער דאָזיגער זעהונג איז אויסגעדריקט

אין יחזקאלס לעצטע ווערטער: „און פון איצט אָן זאָל די שטאָט טראָגן דעם נאָמען: „דאָ איז יהוה". (מ"ח 34).

דער צווייטער ישעיהו. כדי צו שאַפן אַ נייע נאַציע איז ניט נייטיג געווען אַפילו קיין 70 יאָהר, וועלכע זיינען פאָראויסגעזעהן געווען דורך ירמיהו. קוים האָבן צייט געהאַט פאַרביי צו געהן צוויי דורות, ערשט עס איז געפאַלען שוין אויך בבל, און כורש האָט געגעבן די פאַרטריבענע די פרייהייט אומצוקעהרען זיך קיין ארץ-ישראל (אין יאָהר 538). די אויפגאַבע איבערצודערציהען דאָס פאָלק, וואָס עס האָבן אויף זיך גענומען די נביאים, איז געווען שוין פאַרענדיגט.

דאָס מעכטיגע נביאישע וואָרט, וואָס האָט אין משך פון צוויי יאָהרהונדערטען באַגלייט אַלע גרויסע איבערקעהרענישען פון דער געשיכטע און דערקלערט זיי, ווי דעם פּועל יוצא פון געטליכען ווילען, האָט איצט געקלונגען פון די ליפּען פון אַ גרויסען דיכטער, וואָס זיין נאָמען איז אונז געבליבען אומבעקאַנט. עס איז אָנגענומען אָנצורופען איהם מיטן נאָמען ישעיהו דער צווייטער, ווייל אין תנ"ך זיינען זיינע רעדעס אַוועקגעשטעלט נאָך די רעדען, פון ישעיהו בן אמוץ — וועלכער האָט געלעבט מיט 156 יאָהר פריהער — און אונטער זיין נאָמען. דער אַנאָנים אונטער'ן נאָמען ישעיהו דער צווייטער איז דער מחבר פון קאַפּיטעל מ' ביז צום קאַפּיטעל נ"ה פון ספר ישעיהו. די קאַפּיטלען נ"ו—ס"ו געהערען צו אַ שפּעטערדיגער צייט, און זייער מחבר, וועלכער איז אונז אויך אומבעקאַנט, רופט מען אָן מיטן נאָמען ישעיהו דער דריטער.

די פריידענס-אויסרופען, מיט וועלכע ער באַגעגענט כורשן, דערמאָנען אונז לגמרי ניט יענע אויסרופען, מיט וועלכע ירמיהו האָט באַגעגענט דאָס אָנקומען פון נבוכדנצר. אָנשטאָט וואָס דער בבלישער קיניג איז געקומען ווי דער דורכפיהרער פון דעם געטליכען צעשטערונגס-ווילען, איז דער פּערסישער קיניג געקומען אַלס באַפרייער און אויפריכטער. נבוכדנצר איז געווען דער כלי-זיין פון יהוה'ס צאָרן, כורש — דער כלי-זיין פון זיין רחמנות; וואָרום אין משך פון דער צייט איז דער איבערגעבליבענער טייל פון ישראל אויף אַ פרעמדען באָדען אויפגעוואַקסען אין גייסט פון געטליכען רצון: דער גלות האָט אויסגעקויפט די זינד.

כורש. די אומקערונג פון גלות ווען עס האָט זיך פאַרשפּרייט די בשורה, אַז כורש געהט אַנטקעגען בבל, האָט זיך דער אויסגעשריי פון פרייד און נצחון אַרויסגעריסען ביי די נביאים. די שוין לאַנג פאָראויסגעזעהענע באַפרייאונג האָט געדאַרפט איצט מקוים ווערען. עס האָט זיך אָנגעהויבען דער לעצטער אַקט פון דער נביאישער דראַמע. דער פּלאַן, וועלכער איז געווען אָנגעצייכענט פון אויבען, האָט זיך אָנגעהויבען פאַרווירקליכען. אַליין בוגט זיך פאַרן מנצח, וועלכער איז געשיקט געוואָרען דורך אַ גאָט, וואָס איהם גופא אומבעקאַנט. גאָט וויל, אַז די יודישע מלוכה זאָל בעניט ווערען, און ירושלים זאָל אויפגעריכט ווערען. און דערפאַר נעמט ער פאַרן האַנט כורשן און געהט פאַר איהם פאָראויס, מאַכט גלייך אויף זיין וועג די בערגלעך, ברעכט איין די קופּערנע טירען, צעשטערט די אייזערנע

ריגלען און גיהט אים איבער די פארגראבענע אוצרות (ישעיהו מ"ה, 1—3). נאך צעברעכט דעם הערשער־רוט פון זינדיגען, דעם שטעקען — פון דעם דריקער. אן אויסגעשריי פון פרייד טראגט זיך פון דער גאנצער וועלט; עס פרעהען זיך אפילו די קפאריסען און צעדערן פון לבנון, וועלכע בבל האט געהאקט פאר זיינע פאלאצען: „ווי באלד דו ביסט שוין אוועקגעלעגט צו דער ערד, וועט אונז שוין די האק ניט בעריהרען".

ווי האט דאס ישראל געקענט פארלירען יעדען געפיהל און זאגען: „יהוה איז גלייכגילטיג צו מיין גורל, גאט האט מיך פארגעסען". פארגעסט דען די פרוי דאס קינד, וועלכע זי האט געזויגען? די מוטער — די פרוכט פון איהר לייב? „גיכער וועט זי שוין פארגעסען, איידער איך, יהוה, וועל אן דיר פארגעסען!" (מ"ט, 14—15). צו ווייסטו ניט, ישראל, צו פארשטעהסטו ניט, אז יהוה איז שטענדיג דיין גאט? ווער דען האט גערופען פון מזרח דעם, נאך וועמעס טריט עס געהט דער נצחון, ד. ה. כורש? „און דו, ישראל מיין קנעכט, דו אייניקעל פון מיין ליבען אברהם, דו, וועמען איך האב גענומען פון עק וועלט און גערופען פון איהרע ווייטע קאנטען, ניט האב פאר גארנישט קיין מורא, ווייל איך בין מיט דיר, איך בין דיין גאט. די, וואס ווינשען דיר שלעכטס וועלען זיך שעמען". „ניט האב פאר גארנישט קיין מורא ווערעמעל יעקב, מיין דעמערלע ישראל" (מ"א, 8—14).

ישעיהו דעם צווייטענס קוק אויף ישראל'ס שליחות.

די ליידען, וועלכע עס האט איבערגעטראגען דאס פאלק ישראל, בעקומען איצט א גאנץ אנדערע בעליכטונג ביי די פארשטעהער פון דער נצחונות'דיגער נבואה: דורך די ליידען איז געקויפט געווארען די רעטונג פון דער מענשליכער נשמה. יהוה האט אריינגעגעבען זיין גייסט אין פאלק ישראל, כדי אויפצווייזען דורך איהם אלע פעלקער זיין גערעכטיגקייט; דאס פאלק פון טרויער, וואס איז געוואוינט געווארען צו אומגליקען, האט ניט אומזיסט געליטען, איז ניט אומזיסט געווען פארהאסט און פארשטויסען. עס איז געווען געשיקט צו פארשפרייטען דאס געטליכע ווארט אין דער וועלט און איז ניט אפגעטראטען פון זיין שליחות, ניט געקוקט אויף זיינע פיל יסורים. ער האט אונטערגעשטעלט די פלייצע זיינע שלעגער, די באק — זיינע בעליידיגער, עס האט ניט אפגעקעהרט דאס פנים פאר שפאט און בעשפייאונג, גלייך ווי דאס קרבן־שאף, וואס ווערט געפיהרט צו דער שחיטה, ווי די אונטערטעניגע שעפעלע, וועלכע מען שערט, האט עס זיין מויל ניט געעפענט — און דערפאר וועט עס ניט אונטערגעהן: מענשען מיינען, אז גאט האט ישראל'ן צעבראכען, און דער אמתען אבער האט איהם גאט נאר געצוואונגען צו ליידען, כדי צו דערווייטערן איהם פון זינד, געשטראפט, כדי צו ראטעווען (נ"ג, 3—6). און דאס פאלק וועט ניט מיד ווערען און ניט פארלירען זיין מוט, ביז עס וועט ניט איינגעפיהרט ווערען די גערעכטיגקייט אויף דער ערד. די ווייטע אינזלען ווארטען אויף זיין תורה, יהוה וועט איהם מאכען פאר א געזעצגעבער פון די פעלקער. אפילו יענע פעלקער, וואס קענען איהם ניט, וועלען זיך צונויפקומען צו איהם. ער וועט ברענגען די אויסלענדער צום הויז, וואס אויף גאטס הייליגען בארג, ווייל יהוהס הויז וועט זיך רעכענען פאר א הויז פון תפלה פאר אלע פעלקער (נ"ו, 7).

און דער נביא זעהט אין זיין גייסט, א נייגעבוירענע וועלט, וואו דאכו געוועזענע וועט פארגעסען ווערען, און וואו עס וועלען זיך ניט הערען קיין טרויער-ליעדער, וואו מען וועט ניט זינדיגען און וואו מוטערס וועלען ניט געבוירען קיין קינדער צו א פריה-צייטיגען טויט, וואו עס וועלען ניט שטארבען אפילו קיין זקנים, וועלכע האבען נאך ניט פארענדיגט זייער לעבענס-וועג, וואו קיינער וועט ניט שטארבען פאר הונדערט יאהר.

בעגייסטערט דורך די גרויסע האפנונגען, האט א טייל פון די פארטריבענע זיך גענומען פארן וואנדער-שטעקען. זיי האבען אראבגענומען די הארפען, וואס זיינען געהאנגען אויף די ווערבעס ביי די טייכען פון בבל און האבען זיך געלאזען איבערן מדבר צום בארג ציון מיט א ליעדער-געזאנג:

„ווען יהוה האט אומגעקעהרט ציונ'ס פארטריבענע,
זיינען מיר געווען ווי פארחלומטע,
אונזערע ליפען זיינען געווען פול פרייד
און אונזער צונג — מיט לוסטיגען געזאנג.

(תהילים ב כ"ז, 1—2).

דאן האט ישראל געפרובט איבערהיערען דעם געדאנק פון די נביאים, און אנשטאט דער מלוכה פון די פריהערדיגע צייטען, שאפען א מלוכה, וואס זאל בלייבען אמת, אן ערדישע, נאר זי זאל אויך זיין א גייסטיגע, — א מאטעריע-לע און אידעאלע. אבער דאס לעבען האט גראב צעשטערט דעם דאזיגען שענעם חלום...

כראָנאָלאָגישע איבערזיכט פון דער עלטערער יידישער געשיכטע און פון דער געשיכטע פון דער תנ״ך־ליטעראַטור:

(צונויפגעשטעלט נאָך ע. קאוטצש).

(Die Heilige Schrift des alten Testaments 1910).

די יאָהרען פאַר דער כריסטליכער צייט	די געשעעגישען פון ישראלס געשיכטע	די ליטעראַטור־געשיכטע	געשעעגישען אין לעבען פון אנדערע פעלקער
בערך 2000			האמוראַב, דער קיניג פון בבל.
״ 1400	דאָס לאַנד (לויט די ליימענע טאַבלען פון תל־אל־אמרנא) אונטער דער הערשאַפט פון מצרים.		אין מצרים—פרעה אמענאָפיס III און IV.
״ 1320	דער ארויסגאַנג פון מצרים. ישראל באַפעסטיגט זיך אין מזרח־זייט פון ירדן.		אין מצרים—פרעה מערנעפטא I.
״ 1280	די איינגעהמונג פון יריחו און די לאַנגזאַמע בעפעסטיגונג פון ישראלשען ישוב צווישען די כנענים.		
״ 1250	די מלחמה מיט סיסרא׳ן.	דאָס דבורה־ליד.	פרעה רעמסס III גרינדעט די 20־סטע דינאַסטיע אין מצרים.
״ 1020	ישראל אונטערן יאָך פון די פלשתים. שאול פון שבט בנימין, דער אָנפירער פון פאָלק, פירט מלחמה מיט די פלשתים, די גרינדונג פון דער מלוכה.		
״ 1000	דוד ווערט ערקלערט אלס קיניג אין חברון. די גרינדונג פון ירושלים. די אראָפּוואַרפונג פון פלשתים׳שען יאָך. די אונטערוואַרפונג פון אדום, מואָב און עמון.	דאָס קלאָג־ליד פון דוד אויפן טוידט פון שאול און יהונתן (שמואל ב. 1. 17 און ווייטער. די העלדען־ערציילונגען וועגען די שופטים.	
״ 970	דוד׳ס טוידט.		
״ 97033	שלמה. די אדמיניסטראַטיווע איינאָרדנונג פון דער מלוכה. פערבינדונג מיט צור. דער בנין פון ירושלים׳ער בית־המקדש.	דער ספר „מלחמות יהוה" (פערגלייך במדבר 21, 14) אין „ספר הישר (פערגלייך יהושע 10, 12 אין וו. שמואל ב. 1. 18).	

די יאָהרען	ישראל	יהודה	געשיכטע פון דער ליטעראטור	געשעענישן פון דער געשיכטע פון אנדערע פעלקער
933-912	ירבעם I. די איינפיהרונג פון קולט פון די הייליגע קעלבער אין בית-אל און אין דן.	933-917 רחבעם.	די ערציילונגען וועגען שאול און דוד אין זייער עלטערער געשטאַלט.	
911	די פארניכטונג פון ירבעם I דינאַסטיע דורך נדב.	913-873 אָסאָ.		בן הדד, דער קיניג פון דמשק.
911-888	בעשא.			אשור נעמט איין די פיניקישע שטעדט (פון 858 הערשט אין אשור שלמנאסר II)
883-877	עמרי, די גרינדונג פון שומרון, דער נייער הויפטשטאָדט פון דער ישראלשער מלוכה.			
876-854	אחאָב און זיין פרוי איזבל, דער אָנהויב פון דער נבואה-בעוועגונג אין דער צפון-מלוכה. (אליהו) 854. דער בונד פון אחאָב אין יהושפט געגען די אראַמייער.	873-849 יהושפט.	ספר הברית (שמות 21-23).	די אויפשריפט פון משע, דעם קיניג פון מיאָב (געפונען אין יאָהר 1869). דער עלטסטער דענקמאַל פון דעם אַזוי-גערופענעם פיניקישען כתב אין כנען.
853-842	יורם, זיין מלחמה-ארויסטריט צוזאַמען מיט יהושפטן אנטקעגען משע.	849-842 יורם, זיין ווייב עתליה, די טאָכטער פון אחאָב.	דער יהוהישער מקור פון דער תורה.	
842 842-815	יהוא פארניכטעט די דינאַסטיע פון עמרי, זיין מלחמה געגען דעם בעל-קולט.	עתליה—נעמט פאַר א מלוכה-איבערקעהרעניש צו איר נוצן. פון דודס פאַמיליע ווערט גערעטעט נאָר יואָש, וועלכער ווערט בעהאַלטן אין בית-המקדש.	די ערציילונגען וועגען די נביאים אליהו און אלישע.	חזאל, דער קעניג פון דמשק,—די סכנה פון ישראל.
836		דער כהן יהוידע מאַכט א מלוכה-איבערקעהרעניש און זעצט ארויף אויפן טראָן יואָש'ן.		
836-797		יואָש.		נצחונות-רייכע מלחמות פון די מלכים פון אשור אין סוריא און ארץ ישראל.

די יאָהרען	ישראל	יהודה	געשיכטע פון דער ליטעראטור	געשעענישען פון דער געשיכטע פון אנדערע פעלקער
814-798	יהואָחז. אין זיין מלוכה-צייט איז חזאל בעפאלען די ישראלשע מלוכה און האָט זי שטאַרק צושלאָגען.			
798-783	יואָש. זיינע נצחונות איבער בן-הדד II, דעם קיניג פון דמשק.	797-779 אמציה.	די ברכה פון משה (דברים קאפ. 33).	
783-743	ירבעם II.	779-740 עזריה (עוזיה)	די נבואה פון עמוס. דער אלהיסטישער מקור פון דער תורה.	
743-722	דאָס לאנגזאמע פאַלען פון דער ישראלשער מלוכה אונטער אשור'ס דריקענדער האנט.			
740-736		יותם.		
736-728		אָחז.		733 די איינעהמונג פון דמשק דורך תגלת פלאסר.
727-699		חזקיהו—דער באסאל פון אשור. דער פרוב צו רייניגען דעם ירושלימער געטעס-דינסט.	די נבואה פון הושע דער אָנהייב פון ישעיה'ס ארויסטרעטען. די נבואה פון מיכה.	
722	די איינעהמונג פון שומרון דורך סרגון; ביז 25,000 מאַן פון ישראל אַוועקגעפיהרט געפאנגען. דאָס לאנד איז קאָלאָניזירט געוואָרען דורך איבערוואנדערער פון מזרח.			
705-701		חזקיהו'ס מרידה געגען אשור. דער פארניכטענדער מלחמה-ארויסטריט פון סנחריב קיין יהודה. דער פלוצלונגדיגער אוועקגאנג פון די אשור'שע חילות פון הינטער די ווענט פון ירושלים.		

קאַרטען און בילדער:

קאַרטען:

1. די קאַרטע פון ארץ ישראל אין דער ביבלישער תקופה.
2. די קאַרטע פון אַמאָליגען מזרח.
3. די עטנאָגראַפישע קאַרטע פון ארץ ישראל אין דער פאַר מלכים־צייט.

בילדער:

1. אַ ראָד פון שטיינער (גלגל) ניט ווייט פון בית־אל.
2. די סטאַטוע פון בעל־חמון, דעם זונען (חמה)—גאָט, אין קאַרטאַגען
3. אַ קאָלאָנגע (מצבה) אין פעטראַ.
4. די מתפללים פאַר דער אַשרה.
5. אַ פעניקישער טעמפל פון אינזל קיפר.
6. תרפים.
7. דער פלשתים׳שען גאָט דגין.
8. אַלט־שמישע כלי־זמר.
9. אַ געגאָסענעס קאַלב (געפונען אין יענעם זייט ירדן).
10. דער קיניג האמוראבי (אַמרפל) פאַר דעם זונען־גאָט.
11. די חורבות פון אַן׳אַלטען טעמפעל מיט מצבות אין גזר.
12. אַ כאָר אַרום דער אַשרה.
13. די שפורען פון אַן׳אַלטען הייליגטום אין פעטראַ.


ארץ־ישראל
אין די ביבלישע צייטן
10 5 0 10 20 30
קילאמעטער
עיטנאגראפישע גרענעצן
די ציפער באצייכענען
די הויך אין מעטער
ארם
דמשק
חורן
גלעד
שמרון
שכם
כבוד
ים המלח
עמון
מואב
יהודה
גליל
30°
35°
36°
33°
32°
А. Блоницкий



דער אַמאָליקער
מזרח
מאַסשטאַב 1:12,000000
די וועגן פֿאַר האַנדל

יסודות
פון
דער עלטסטער יידישער קולטור-געשיכטע

צוזאַמענגעשטעלט און רעדאַקטירט
דורך מ. סאָלאָווייטשיק.
באַאַרבעט און איבערזעצט אויף יידיש
דורך ד״ר שמואל אייזענשטאַדט.

: : : אין צוויי טייל : : :

צווייטע טייל.

ווילנע — 1923
ווילנער פאַרלאַג פון ב. א. קלעצקין

Zasady Starodawnej Historji Kultury Żydowskiej.
redag. przez M. Sołowejczyka.

Drukarnia „Wydawnictwo Wileńskie“ B. Kleckina, M.-Stefańska 23

דרוקעריי „ווילנער פארלאג״ פון ב. א. קלעצקין, ווילנע, קליין סטעפן-גאס 23.

XX. די רעדעס פון די נביאים פון אַכטן יאָרהונדערט.

הערט מיין וואָרט, איך וועל אין אים אויפהויבן אַ טרויער־געוויין איבער דיר, דו הויז ישראל. עמוס.

געפאַלן און וועט מער ניט אויפשטיין איז דאָס מיידל ישראל, צו איר ערד איז זי אַנידערגעפאַלן; און קיינער איז ניטאָ, ווער עס זאָל זי אויפהויבן.

ווייל אַזוי זאָגט גאָט יהוה: אין דער שטאָט, וועלכע האָט אַרויסגעשטעלט טויזנט, וועט בלייבן נאָר הונדערט, און אין דער, וואָס האָט אַרויסגעשטעלט הונדערט, וועט בלייבן נאָר צען פאַרן הויז ישראל.

ווייל אַזוי זאָגט יהוה דעם הויז ישראל: זוכט מיך, — וועט איר לעבן. פרעגט מער ניט אָן אין בית אל, גייט ניט קיין גלגל און לאָזט זיך ניט קיין באר־שבע. ווייל גלגל וועט גיין אין געפאַנגענשאַפט, און פון בית אל וועט ווערן גאָרנישט. זוכט יהוה — וועט איר לעבן; און ווען ניט, וועט ער שיקן אַ פייער אויף אייך, איר שבט יוסף, און ער וועט אײַך פאַרברענען, און עס וועט ניט זיין ווער עס זאָל אים לעשן, אין דער ישראלשער מלוכה.

ווי איז צו די, וועלכע פאַרוואַנדלען דאָס געריכט אין אַ גיפט, רעכט און גערעכטיקייט האָבן זיי מיט די פיס געטראָטן. זיי האָבן פיינט דעם, וועלכער שטעלט זיך איין אין געריכט פאַר דער גערעכטיקייט, און קאָנען ניט אָנקוקן דעם, וואָס זאָגט דעם אמת. און אָט דערפאַר, וואָס איר פאַרשטויסט דעם אָרימאַן און נעמט ביי אים שוחד אין ברויט, וועט איר בויען הייזער פון געהאַקטע שטיינער און וועט אין זיי אָבער גיט וואוינען, איר וועט אָנפלאַנצן גרויסאַרטיקע וויינגערטנער, אָבער זייער וויין וועט איר ניט טרינקען, וואָרים — איך ווייס — צאָלרייך זיינען אייערע זינד, און אָן אַ שיעור — אייערע עברות. איר דריקט די אומשולדיקע, איר נעמט שוחד און פייניקט די ניט־פאַרמעגלאַכע אין געריכט.

דערפאַר שווייגט דער קלוגער אין אַזאַ צייט, ווייל דאָס איז אַ שלעכטע צייט. זוכט גוטס און ניט שלעכטס, כדי איר זאָלט בלייבן לעבן, נאָר דאַן וועט יהוה, דער גאָט פון די חילות, זיין מיט אייך, ווי ער האָט געזאָגט.

ער, וואָס האָט באַשאַפן די זיבן שטערן און דעם אָריאָן *) און וועלכער האָט געהייסן דעם אָקס *) אויפגיין פאַר דער ציג *) און אונטערגיין נאָך דעם וויינגערטנער, *) וועלכער האָט פאַרוואַנדלט די פינסטערע נאַכט אין אַ פרי־

*) נעמען פון שטערן־בילדער.

מאָרגן און דעם טאָג אין אַ טיפן חושך, וועלכער האָט צענויפגערופן די ים-וואַסערן און זיי פונאַנדערגעגאָסן איבער דער ערד—יהוה איז זיין נאָמען!

האָט פיינט שלעכטס, ליבט גוטס, פירט איין דעם אמת אין געריכט, אפשר וועט דאַן יהוה, דער גאָט פון די חילות, רחמנות האָבן איבער דעם רעשט פון יוסף.

אַזוי זאָגט דערפאַר יהוה, דער גאָט פון די חילות: אויף אַלע פּלעצער וועט זיך הערן אַ געוויין, און אין אַלע גאַסן וועט מען שרייען: וויי! וויי! די אַקערער וועלן רופן די קלאָגער, זיי זאָלן מתפלל זיין און קלאָגן, און אין אַלע ווייַנגערטנער וועט זיין אַ זיפצעריי, ווען איך וועל נאָר דורכגיין צווישן דיר,— האָט געזאָגט יהוה.

אַן אומגליק אויף די, וועלכע רופן צו דעם טאָג פון יהוה! אויף וואָס איז אייך דער טאָג פון יהוה? ער איז דאָך פינסטערניש און ניט ליכט. גלייך ווי איינער וואָלט אַנטלויפן פון אַ לייב און אַריינפאַלן צו אַ בער, אָדער ער וואָלט קומען אַהיים און זיך אָנגעשפאַרט מיטן האַנט אָן דער וואַנט, און אַ שלאַנג וואָלט אים אַ ביס געגעבן. יאָ, דער טאָג פון יהוה איז פינסטערניש און ניט ליכט, אַ שרעקלאַכע פינסטערניש.

איך האָב פיינט, איך פאַראַכט אייערע יומים-טובים, און איך וויל ניט דעם ריח פון אייערע יום-טובדיקע קרבנות. — און בשעת איר דערלאַנגט מיר אייערע פייער-אָפּפער, נעם איך ניט אָן מיט פרייד אייערע מתנות און אויף אייערע דאַנק-אָפּפער פון פעטע קעלבער קוק איך ניט. אַוועק פון מיר מיטן טומל פון אייערע לידער, דעם נגון פון אייערע האַרפן וויל איך ניט הערן. זאָל בעסער, ווי דאָס וואַסער זיך גיסן די גערעכטיקייט און די גערעכטיקייט — ווי אַ ניט אויפהערלאַכער שטראָם.

האָט איר מיר דען געבראַכט קרבנות און מתנות אין מדבר אין משך פון פערציק יאָר, איר הויז ישראל? נאָר אָט וועל איך אייך אַוועקפירן אין גלות, ווייט הינטער דמשק,—זאָגט יהוה, דער גאָט פון די חילות — איז זיין נאָמען!

הערט, כהנים! הערט צו, דו הויז ישראל, פאַרנעם אויך דו קיניגלאַכער הויף, ווייל איך פאַרלאַנג פון אייך אַן ענטפער. הושע.

ווייל איר זייט געוואָרן אַ פאַסטקע אין מצפה און אַ נעץ, וואָס איז פאַרשפרייט איבערן תבור, און אין שטים האָבן זיי אויסגעגראָבן אַ טיפע גרוב... *) עס איז פאַר זיי ניטאָ קיין בעסערונג. איך קען דאָך אפרימען, און ישראל וועט זיך ניט באַהאַלטן פאַר מיר. דו ביסט מזנה, אפרים, און ישראל איז פאַראומרייניקט. זייערע געשעפטן ערלויבן זיי ניט זיך ווענדן צו זייער גאָט, ווייל דער גייסט פון זנות לעבט אין זיי און יהוהן קענען זיי ניט.

מיט זייערע שעפסן און אָקסן וועלן זיי גיין זוכן יהוה און וועלן אים ניט געפינען; ער האָט זיך אָפּגעקערט פון זיי. ווייל זיי האָבן מורד געווען

*) דער נביא מיינט דערמיט דעם פרעמדן און פון יהודה פאַרהאַסטן קולט, וואָס קומט פאַר אין דידאָזיקע ערטער.

אין יהוה און האָבן געבראַכט אויף דער וועלט אַ דור פון זינדיקע, דערפאַר זאָל דער יום־טוב פון לבנה־מולד פאַרדאַרבן זייערע פעלדער. *)

דעם שופר צו דיינע ליפּן! ווי אַן אָדלער — אויף יהוהס הויז! דערפאַר, וואָס זיי האָבן פאַרשטערט מיין בונד! נאָך דעם אַלעמען רופן זיי צו מיר: אונזער גאָט! מיר קענען דאָך דיך!

ישראל האָט אָפּגעוואָרפן דאָס גוטע, — דער פיינט וועט אים רודפן.

שומרון ברענגט קרבנות דעם קאַלב — מיין צאָרן וועט זיך צופלאַקערן אויף זיי. ווען וועלן זיי זיך אַמאָל אָפּרייניקן? ווייל דאָס קאַלב איז אַ שאַפונג פון ישראלס הענט, דער קינסטלער האָט אים געמאַכט און דאָס איז ניט קיין גאָט. —

יאָ, אויף שטיקער וועט זיין צעבראָכן דאָס קאַלב פון שומרון! ווייל זיי זייען אַ ווינט און שניידן אַ שטורים, אַ זריעה, וואָס וועט ניט אויפגיין און ניט געבן קיין ברויט־קערנער, און ווען עס וועט אַפילו געבן, וועלן פרעמדע זיי דערשלינגען.

וויפל איך האָב אים ניט געגעבן קיין געשריבענע פאַרזאָגן, זעען זיי אַלץ פאַר אים אויס פרעמד!

און דערפאַר, וואָס ישראל האָט פאַרגעסן זיין באַשעפער און האָט זיך אָנגעבויט הויפן אין יהודה — באַפעסטיקטע שטעט, וועל איך שיקן אַ פייער אויף זיינע שטעט, און ער וועט אויפעסן זיינע פּאַלאַצן.

ישעיהו. די זעאונגען פון ישעיהו, דעם זון פון אָמוץ, וואָס ער האָט געזען איבער יהודה און ירושלים, אין דער צייט פון עוזיהו, יותם, אָחז, חזקיהו, די מלכים פון יהודה:

הערט צו, הימלען, פאַרנעם, דו ערד, ווייל יהוה רעדט.
זין האָב איך געהאָדעוועט און דערהויבן, און זיי האָבן געפעלשט אין מיר.
דער אָקס ווייס זיין בעל־הבית און דער אייזל — זיין האַר,
און ישראל ווייס ניט. יעקב טראַכט זיך ניט צו.
ווי איז דער זינדיקער אומה, דעם פאָלק, וואָס איז אָנגעלאָדן מיט
געזעצלאָזיקייט,
דעם מערדער־געשלעכט, דעם פאַרברעכערישן דור,
זיי האָבן פאַרלאָזן יהוה, באַליידיקט דעם הייליקן פון ישראל און
זיך אָפּגעקערט פון אים.
ווי זאָל מען אייך נאָך שלאָגן, ווען איר וועט זיך איינעקשענען אין
אייער מרידה?

---

*) דאָס הייסט, דער טאָג פון זייער פאַלשן דינסט צו יהוה זאָל ווערן דער טאָג פון זייער אומגליק.

אײַער גאַנצער קאָפּ איז דאָך אין געשווירן, און דאָס האַרץ איז אָפּגעשוואַכט,
פון דער פוס־זויל ביזן שפּיץ קאָפּ איז ניטאָ אויף אים קיין געזונטער אָרט,

נאָר געשווירן און בײַלן
און אײַטעריקע וואונדן, ניט אַרומגעשמירטע מיט בוימל.
אײַער לאַנד איז אַ מדבר, אײַערע שטעט — איבערגעגעבן דעם פײַער.
פרעמדע עסן פאַר אײַך אין די אויגן די פּרות פון אײַערע פעלדער.
אַלץ איז פּוסט געוואָרן, ווי נאָך דער צעשטערונג פון סדום.
און די טאָכטער פון ציון איז געבליבן ווי אַ ביידל אין אַ ווײַנגאָרטן,
ווי אַ שומר־געצעלט אין אַ גאָרטן, ווי אַ וואַך־טורעם.
ווען יהוה פון די חילות וואָלט אונז ניט איבערגעלאָזט קיין קלײַנעם רעשט,
וואָלט מיט אונז געוואָרן כּמעט דאָס גלײַכע וואָס מיט סדום, מיר וואָלטן געגליכן זײַן צו עמורה.
הערט־נאָר צו די ווערטער פון יהוה, איר מלכים פון סדום!
פאַרנעמט די תּורה פון אונזער גאָט, איר פאָלק פון עמורה!
צו וואָס דאַרף איך אײַערע פיל קרבנות? — זאָגט יהוה.
איך בין זאַט מיט די פײַער־אָפּפער פון די שעפּסן־בעק
און מיט דעם פעטס פון די געשמאָפּטע קעלבער
און דאָס בלוט פון די אָקסן, ציגעלאַך און בעק וויל איך ניט.
איר קומט פאַר מײַן געזיכט, — אָבער ווער בעט אײַך, איר זאָלט טרעטן מײַנע הויפן!
ברענגט מער ניט קיין ניט־נײַטיקע מתּנות, זיי זײַנען פאַר מיר אַן עקלהאַפטער ווײַראַך.
די ראשי חדשים, שבּתים און פײַערלאַכע פאַרזאַמלונגען, די תּעניתים און ימים־טובים אײַערע טראָג איך ניט אַריבער.
זיי זײַנען מיר צו לאַסט, איך בין מיד זיי צו טראָגן.
און ווען איר שפּרײַט אויס אײַערע הענט, קער איך אָפּ פון אײַך מײַנע אויגן,

וויפל איר זאָלט ניט בעטן, הער איך ניט: —
אײַערע הענט זײַנען פאַרפלעקט אין בלוט. וואַשט זיך אַרום, רייניקט זיך,
מײַנע אויגן זאָלן ניט זען אײַערע שלעכטע מעשׂים;
הערט אויף צו טאָן שלעכטס, לערנט זיך אויס טאָן גוטס;
זוכט דעם אמת; האַלט אָפּ דעם געוואַלד־טוער;
באַשיצט דעם יתום, שטעלט זיך אײַן פאַר דער אַלמנה!
קומט, לאָמיר באַטראַכטן, זאָגט יהוה:
ווען אײַערע זינד זײַנען ווי דער רויטער ווערימל, קאָנען זיי דען ווײַס ווערן ווי שניי?
אָדער אויב זיי זײַנען רויט, ווי פּורפּור, קאָנען זיי דען ווײַס ווערן ווי וואָל?

ווען איר וועט זיין אונטערטעניק און צוהערן זיך, וועט איר געניסן
פון דער ערדס גוטס.
ווען איר וועט אָבער ניט וועלן און וועט ווידערשפּעניקן, וועט אַייך
אויפעסן דער שווערד.
אמת, — אַזוי זאָגט יהוה.
אָ, ווי איז געוואָרן צו אַ זונה די געטרייע הויפּט־שטאָט!
ציון, וואָס איז געווען פול מיט געזעצלאַכקייט, אמת, האָט אין איר
גערוט, און איצט — מערדער!
דיין זילבער איז געוואָרן פסולת, דיין ריינער ווין איז געמישט
מיט וואַסער.
דיינע האַרן זיינען פאַרברעכער און חברה־לייט פון גנבים,
אַלע נעמען זיי מיט פאַרגעניגן מתנות און יאָגן זיך נאָך שוחד,
די רעכט פון יתום פאַרטיידיקן זיי ניט, און די טענה פון אַלמנה
קומט ניט פאַר זיי.
דערפאַר איז אַזוי דאָס וואָרט פון יהוה צבאות, דעם מעכטיקן פון ישראל
אָ, איך וועל חוזק מאַכן איבער מיינע געגנער, און רעכענען זיך מיט
מיינע פיינט.
און איך וועל קעגן דיר שיקן מיין האַנט, און איך וועל פון דיר אַראָפּ
נעמען ווי מיט זייף דיינע פסולת.
און וועל אָפּטיילן פון דיר די צומישונג פון בליי,
און וועל אויף דאָס ניי באַשטימען איבער דיר אַזעלכע ערטער ווי
אַמאָל, און עצה־געבער ווי פאַרצייטן.
דאַן וועט מען ווערן דיר זאָגן: די וואוינונג פון אמת, די געטרייע
הויפּטשטאָט.
ציון וועט זיך ראַטעווען דורך געזעצלאַכקייט, און אירע צוריקגעקערטע—
דורך גערעכטיקייט.
אויף אַלע אָפּטריניקע און זינדיקע — די מפּלה,
און אויף די, וואָס פאַרלאָזן יהוה — דער אונטערגאַנג!
און זיי וועלן זיך שעמען פאַר די דעמבן, וועלכע זיינען זיי אַזוי ליב
און זיי וועט זיין אַ חרפּה פאַר די וועלדלאַך, וואָס זיינען זיי אַזוי טייער
ווייל עס וועט מיט זיי געשען ווי מיטן דעמב, וואָס פון אים זיינען
אַראָפּגעפאַלן די בלעטער,
אינמיטן גערטנדל, וואָס האָט קיין וואַסער ניט,
און די שטאַרקע וועלן זיין ווי פלאַקס
און די מעשים פון זייערע הענט — ווי אַ פונק,
און זיי וועלן צוזאַמען ברענען, און קיינער וועט ניט לעשן.

ישעיהוס משל
וועגן ווייגגאַרטן

אָט וועל איך אייך זינגען וועגן מיין פריינט דאָס ליד פון מיין פריינט וועגן
זיין ווייגאַרטן. עס איז געווען אַ ווייגאַרטן ביי מיין פריינט אויף

אַ פּעטן באַרג־שפּיץ. ער האָט אים אַרומגעגראָבן, אויסגערייניקט פון שטיי־ נער, און אין אים פאַרפּלאַנצט די בעסטע ווײַנשטאָק־צווײַגן, און האָט אין אים אויפגעבויט אַ טורעם, און אַ קעלטער האָט ער אין אים אויסגעהאַקט. און ער האָט געהאָפט, אַז ער וועט געבן גוטע ווײַנטרויבן, — ערשט עס זיינען אויסגעוואַקסן ווילדע. און אַט, איר אײַנוואוינער פון ירושלים און מענער פון יהודה, משפּט צווישן מיר און צווישן מיין ווײַנגאָרטן. וואָס קען מען נאָך טאָן פאַר מיין ווײַנשטאָק, וואָס איך האָב ניט געטאָן? פאַרוואָס האָט ער געבראַכט ווילדע ווײַנטרויבן, בשעת איך האָב געהאָפט, אַז ער וועט ברענ־ גען גוטע? און איצט וועל איך אײַך זאָגן, וואָס איך וועל טאָן מיט מיין ווײַנגאָרטן:

איך וועל אַראָפּנעמען זיין צוים, און זאָל ער זיין אויף צעשטערונג;
איך וועל צעברעכן זיינע ווענט — און זאָל ער זיין אויף צעטרעטן,
און איך וועל אים מאַכן פאַר אַ וויסטעניש:
מען וועט אים ניט אַרומשניידן, ניט אַרומהאַקן, און ער וועט פאַר־ וואַקסן מיט דערנער און ווילדע גראָז.
און איך וועל פאַרזאָגן די וואָלקנס, זיי זאָלן אויף אים קיין רעגן ניט גיסן.
ווײַל דאָס הויז ישראל איז — דער ווײַנגאָרטן פון יהוה — צבאות, און די מענער פון יהודה — זיין געליבטע פלאַנצונג.
און ער האָט געוואַרט אויף אמת, און עס איז אַרויסגעקומען אַ שקר,
ער האָט געוואַרט אויף גערעכטיקייט, און עס איז אַרויס אַ ווײ־געשריי.

די נבואה וועגן דער קומענדי־ קער מפּלה.

ווײ איז צו די, וואָס זאַמלען אויף אַ הויז נאָך אַ הויז און פאַרכאַפּן אַ פעלד נאָך אַ פעלד, אַזוי אַז פאַר אַנדערע בלייבט קיין אָרט ניט, און איר אַליין וועט זיין די הערשער אין לאַנד! און דערפאַר האָט מיר יהוה געשוואָרן:

אָט די צאָלרייכע הייזער וועלן זיין ליידיק, די גרויסע און שיינע — אָן אײַנוואוינער.
צען חלקים ווײַנגאָרטן וועלן געבן איין עמער ווײַן, און אַ פערטל איינ־ געזייטע קאָרן וועט קוים געבן אַ מעסטל.
ווײ איז צו די, וואָס זוכן פון אינדערפרי־אָן ביר,
וואָס פאַרזיצן זיך ביז שפּעט אין דער נאַכט, דערהיצטע דורך ווײַן.
די ציטרע, די האַרפע, דער טימפּאַן און דער פלייט, און דער ווײַן — דאָס אַלץ איז אויף זייערע שמחות,
און אויף יהוהס מעשים קוקן זיי ניט, און זיינע טואונגען זעען זיי ניט.
און דערפאַר וועט דאָס פאָלק אַוועקגיין אין געפאַנגענשאַפט אומגעריכ־ טערהייט,
און זיינע מכובדים וועלן הונגערן, און די אויסברענגער וועלן זיך מאַ־ טערן פון דאָרשט.
און דערפאַר וועט דער שאול עפענען זיין שפּאַלט, און אויסברייטן זיין מויל אָן אַ גרעניץ,

אוּן עס וועט אַהינצו אַראָפּלאָזן זיך זיין פּראַכט אוּן טומל, געריש אוּן פרייד,
(אוּן עס וועלן זיך איינבויגן די מענטשן אוּן זיי וועלן ערגסט ווערן,
אוּן די אויגן פוּן די גרויסהאַלטער וועלן זיך אַראָפּלאָזן,
אוּן יהוה צבאות וועט זיך דערהויבן דורך זיין משפּט,
אוּן דער הייליקער גאָט וועט אַרויסווייזן זיין הייליקייט דורך זיין גע-
רעכטיקייט).
אוּן עס וועלן זיך פּיטערן דאָרטן די שעפּסן פּונקט ווי אויף זייערע
לאָנקעס, אוּן די ציגן, וועלן זוכן שפּייז צווישן די חורבות.
ווי איז צו די, וועלכע ברענגען אויף זיך די שטראָף דורך ליגנס,
וועלכע זאָגן, זאָל ער זיך אײַלן אוּן גיכער מאַכן זיין זאַך, אַז מיר זאָלן
דערלעבן צו דעם,
זאָלן גיכער זיך ערפילן די געדאַנקען פוּן ישראלס הייליקן, מיר זאָלן
זיי זיך דערוויסן!
ווי איז צו די, וואָס רופן אָן שלעכטס גוטס, אוּן גוטס—שלעכטס,
וואָס רעכענען די פינסטערניש פאַר ליכטיק אוּן די ליכטיקייט פאַר
פינסטער,
וואָס פאַר זיי איז דאָס ביטערע זיס אוּן דאָס זיסע איז ביטער!
ווי איז צו די, וועלכע זיינען חכמים אין זייערע אייגענע אויגן אוּן
דוכטן זיך אליין פאַר קלוגע!
ווי איז צו די, וועלכע זיינען גבורים אויף צו טרינקען ווין אוּן העלדן—
אויף צו גרייטן ביר;
וואָס מאַכן פאַר געלט גערעכט דעם שולדיקן, אוּן ביים גערעכטן נע-
מען זיי צו זיין געזעצלאַכעס רעכט!
אוּן דערפאַר—איז אַזוי, ווי דער פייער עסט אויף די שטרוי, אוּן ווי
די היי גייט צו גרונט אין פלאַם,
אַזוי וועט פאַרלענדט ווערן זייער וואָרצל, אוּן זייער בליאונג וועט זיך
צעטראָגן ווי דער שטויב,—
ווייל זיי האָבן פאַרוואָרפן דאָס געזעץ פוּן יהוה צבאות אוּן פאַראַכט
דאָס וואָרט פוּן ישראלס הייליקן.

דערפאַר וועט זיך צעפלאַקערן יהוה׳ס צאָרן אויף זיין פאָלק, אוּן ער וועט אויסשטרעקן זיין האַנט קעגן אים אוּן וועט אים פלאָגן אַזוי, אַז עס וועלן פאַרציטערט ווערן די בערג, אוּן די טויטע קערפּערס וועלן ליגן ווי די מיסט אויף די גאַסן.

אשור דער כלי-זין פון גבעס-לאכן צאָרן.

אוּן פוּנדעסטוועגן וועט זיך ניט איינשטילן זיין כעס אוּן זיין האַנט וועט נאָך זיין אויסגעשטרעקט.

אוּן ער וועט געבן אַ צייכן אַ וויַיטן פאָלק, אוּן וועט אים צורופן פוּן עק וועלט.

אוּן ער וועט גלייך קומען צופליען. עס זיינען ניטאָ צווישן אים קיין איינגעמאַטערטע, קיין אָנמעכטיקע (קיינער דרעמלט ניט אוּן שלאָפט ניט).

און עס וועט זיך ביי זיי ניט אָפּבינדן דער גאַרטל,
און עס וועט זיך ניט צעררייסן דער רימען פון זייערע סאַנדאַלן,
זיינע פיילן זיינען פאַרשפּיצט, און אַלע זיינע בייגנס זיינען אָנגעצויגן,
די קאָפּיטעס פון זיינע פערד זיינען אַזוי ווי אַ צינד־שטיין, און זיינע רעדער גלייך ווי אַ שטורים.
זיין ברומען איז ווי דאָס ברומען פון אַ לייב, ער צעשרייט זיך גלייך ווי אַ לייב,
ער צעשרייט זיך און כאַפּט זיין רויב, און ער טראָגט אַוועק, און קיי־נער קאָן ניט ראַטעווען.

ישעיהו קאַפּיטל א און ה.

XXI. די תנך־ערציילונגען וועגן דער מפּלה פון דער ישראלישער מלוכה און וועגן דער מלחמה פון דער יידישער מלוכה מיט אַשור.



בילד 14. די אַשורישע פאָן מיט דעם בילד פון גאָט אשור.

די לעצטע אויפ־בליאונג און די בסדרדיקע ירידה פון דער ישראלי־שער מלוכה.

אין פופצנטן מלוכה־יאָר פון אמציה, דעם זון פון יואש, דעם קיניג פון יהודה, איז אַרויף אויפן מלוכה־שטול אין שומרון ירבעם, דער זון פון יואש, און האָט געקיניגט איין־און־פער־ציק יאָר. און ער האָט זיך געפירט אַזוי, ווי עס איז ניט געפעלן יהוה, האָט זיך ניט אָפּגעקערט פון אַלע זינד פון ירבעם בן נבט, וועלכער האָט אַריינגעפירט ישראל אין זינד *). ער האָט צוריק אָפּ־גענומען די ישראלישע שטעט ביז צו דעם אָרט, וואו עס הייבט זיך אָן דער וועג קיין חמת, ביזן ים פון דער וויס־טעניש (ים המלח), לויט דעם וואָרט פון יהוה, ישראלס גאָט, וואָס ער האָט אַרויסגעזאָגט דורך זיין קנעכט דעם נביא, יונה, דעם זון פון אמתי, וואָס שטאַמט פון גת החפר. ווייל יהוה האָט דערזען ישראלס ביטערן גורל, אַז קיינער איז ביי אים ניט געבליבן און פון קיינעם

*) אונטער דעם וואָרט: „זינד פון ירבם בן נבט״ פאַרשטייט מען דאָס, וואָס ער האָט אין דן און באר שבע אוועקגעשטעלט צוויי בילדער פון יהוה אין דער געשטאַלט פון אַן אָקס. פון נביאישן שטאַנדפּונקט איז דאָס, פאַרשטייט זיך, בעוועך געצנדינעריי.״

האָט ער ניט צו וואַרטן קיין הילף, און יהוה האָט ניט געוואָלט אויסוואָרצלען ישראלס נאָמען פון אונטער די הימלען, און האָט אים געראַטעוועט דורך דער האַנט פון ירבעם דעם זון פון יואש" *).

אַלץ דאָס איבעריקע וועגן ירבעמען און אַלץ, וואָס ער האָט געטאָן, אין זיינע העלדן-מעשים און דאָס, ווי ער האָט מלחמה געהאַלטן און אומגעקערט

בילד 16. דער קאָפּ פון אַן אשורי.

בילד 15. דער מלוכה-שטעמפּל פון ירבעם II, דעם קיניג פון ישראל, וואָס איז געפונען געוואָרן ביי די אויסגראָבונגען אין מגדו. די אויפשריפט אויף איר הייסט „לשמע, עבד ירבעם", ד. ה. צו שמע, דעם קנעכט פון ירבעם. (שמע איז, מסתמא דער היטער פון שטעמפּל).

ישראלן זיינע געוועזענע נחלאות.—דאָס אַלץ איז באַשריבן אין דער כראָניק פון די ישראלישע מלכים **). און ירבעם איז געשטאָרבן, און מען האָט אים

---

*) די גליקלאַכע מלוכה-צייט פון ירבעם II איז אַ סתירה צו דער רעליגיעזער שיטה פון דער ערציילונג וואָס לויט איר ווערט דאָס גלייך געשיקט די מלכים ווי אַ מתנה פאַר אַ לעבנס-פירונג, וואָס געפעלט יהוהן, דערהויפּט פאַר דער מלחמה מיט די אָרטיקע געטער-קולטן. יהוהס רחמנות אויף זיין פאָלק קומען איצט און באַזייטיקן די סתירה צווישן דעם היסטאָרישן פונקט אין דער רעליגיעזער כוונה.

**) דאָס איז אַ פאַרלאָרן געגאַנגען ווערק פון דער אַלט-ישראלישער ליטעראַטור, וואָס האָט כולל געווען אַ רשימה פון אַלע מעשים פון דער קיניגלאַכער תקופה. דאָסדאָזיקע ווערק האָט געדינט, קאָנטיק, אַלס ערשטער מקור פאַר די מחברים פון די ביידע ספרים מלכים, וועלכע מיר האָבן און וועלכע זיינען אין דער אמתן ניט קיין געשיכטלאַכע ביכער אין עצם זין פון וואָרט, נאָר ביכער היסטאָריש-רעליגיעזע ווערק, וועלכע שטעלן זיך פאַר אַ ציל דורכצופירן אין לעבן געוויסע טענדענצן, פאַרצושטעלן די גאַנצע געשיכטע פון ישראלישן פאָלק, ווי די פאַרווירקלאַכונג פון אַ פּלאַן, וועלכן יהוה האָט פריער פאַרטראַכט מיט דער כוונה צו פירן ישראל צו דער אמתער דערקענונג פון גאָט.

באַגראָבן אין שומרון, אין קבר פון די ישראלישע מלכים. און עס איז געוואָרן אַ קיניג אָנשטאָט אים זיין זון זכריהו.

אין 39-טן מלוכה-יאָר פון עזריהו, דעם קיניג פון יהודה, איז מנחם, דער זון פון גדי, געוואָרן אַ קיניג איבער ישראל און שומרון און האָט געקיניגט 10 יאָר. און ער האָט זיך געפירט אַזוי, ווי עס איז ניט געפעלן יהוה, און האָט ניט אָפּגעטראָטן פון די זינד פון ירבעם, דעם זון פון נבט, וועלכער האָט אַריינגעפירט ישראלן אין זינד. דעמאָלט איז אָנגעפאַלן פול *), דער קיניג פון אשור, אויפן לאַנד, און מנחם האָט געגעבן פולן טויזנט ככר זילבער, כדי ער זאָל האַלטן פאַר אים און באַפעסטיקן די ממשלה אין זיינע הענט. און מנחם האָט דעם גאָב פאַרטיילט צווישן אַלע בני ישראל, אַלע פאַרמעגלאַכע

בילד 17. די בני ישראל שיקן צינז דעם קיניג פון אשור. איינע פון די באַרעליעף-פיגורן אויפן זייל פון שלמנאסר II. דער אָנהייב פון דעם אָנגעשריבענעם טעקסט איז אויף בבליש: „מדתו שה יאוא מר חומרי כספי חורצי“, אין העברעאיש: „מס של יהוא מבית עמרי כסף חרוץ“, אין יידיש: „צינז פון יהוא, פון דער עמרישער דינאַסטיע, זילבער, גאָלד“.

מענטשן צו פופציק שקל זילבער אויף יעדן מענטשן, כדי אָפּצוגעבן זיי דעם קיניג פון אַשור (זע בילד 17). און דער קיניג פון אַשור איז אַוועק און איז ניט געבליבן אין לאַנד.

אַלץ דאָס איבעריקע וועגן מנחמען און אַלץ, וואָס ער האָט געטאָן, איז באַשריבן אין דער כראָניק פון די ישראלישע מלכים.

*) תגלת פלאסר דער דריטער.

אין צוויי־און־פופציקסטן מלוכה־יאָר פון עזריהו, דעם קיניג פון יהודה, האָט פקח בן רמליהו איבערגענומען די מלוכה איבער ישראל און שומרון, און האָט געקיניגט 20 יאָר. און ער האָט זיך געפירט ווי עס איז ניט געפעלן יהוה, און האָט זיך ניט אָפּגעקערט פון די זינד פון ירבעם, דעם זון נבטס, וואָס האָט אַריינגעפירט ישראלן אין זינד. אין דער צייט פון פקח, דעם קיניג פון ישראל, איז אָנגעקומען תגלת פלאסר, דער קיניג פון אשור, האָט אײַנגענומען עיון, אָבל בית מעכה, יענח, קדש און חצור (גלעד און גליל), דאָס גאַנצע נפתלי־לאַנד און האָט אַוועקגעפירט זייערע איינוואוינער קיין אַשור, און הושע, דער זון פון אלה, האָט אויפגעהויבן אַ מרידה אַנטקעגן פקחן, דעם זון פון רמליהו, האָט אים דערשלאָגן און איבערגענומען די מלוכה אָנשטאָט אים אויפן צוואַנציקסטן מלוכה־יאָר יותמס, דעם זון פון עוזיהו.

אַלץ דאָס איבעריקע וועגן פקחן און אַלץ וואָס ער האָט געטאָן, איז באַשריבן אין דער כראָניק פון די ישראלשע מלכים.

די מפלה פון דער ישראלישער מלוכה און אירע סבות.

אין צוועלפטן מלוכה־יאָר פון אחז, דעם קיניג פון יהודה, האָט הושע דער זון פון אלה איבערגענומען די מלוכה איבער ישראל אין שומרון און האָט געקיניגט ניין יאָר. און ער האָט זיך געפירט אַזוי, ווי עס איז ניט געפעלן יהוה, אָבער דאָך ניט אַזוי פיל, ווי די ישראלישע מלכים, וואָס האָבן געקיניגט פאַר אים. אַנטקעגן אים איז אַרויס אויף מלחמה שלמנאסר, דער קיניג פון אַשור, און הושע האָט זיך אים אונטערגעגעבן און געצאָלט צינזנאָר ווען דער קיניג פון אַשור האָט באַמערקט, אַז ער טראַכט וועגן אַ מרידה, (און ער האָט אין דער אמתן געשיקט שלוחים די סוא, דעם קיניג פון מצרים, און האָט אויפגעהערט צו צאָלן דעם יערלאַכן צינז דעם קיניג פון אַשור), איז ער אַרויסגעטראָטן אַנטקעגן אים און געבונדן אים און פאַרשלאָסן אין געפענקעניש. און דער קיניג פון אַשור איז אַרויסגעטראָטן אַנטקעגן דעם גאַנצן לאַנד, האָט זיך געלאָזן אויף שומרון און האָט זי געהאַלטן אין באַלאַגערונג דריי יאָר. אויפן ניינטן מלוכה־יאָר פון הושע האָט שלמנאסר איינגענומען שומרון, האָט איבערגעפירט די בני ישראל קיין לאַנד אשור און האָט זיי באַזעצט אין חלח און חבור, ביי דעם טייך גוזן און אין די מדי־שטעט.

דאָס אַלץ איז געשען דערפאַר, וואָס די בני ישראל האָבן אָנגעהויבן זינדיקן אַנטקעגן יהוה, זייער גאָט, וועלכער האָט זיי אַרויסגעפירט פון לאַנד מצרים, און דערפאַר, וואָס זיי האָבן אָנגעהויבן צו פאַרערן אַנדערע געטער און זיך פירן מיט די מידות פון די פעלקער, וועלכע יהוה האָט פאַרטריבן צוליב די בני ישראל. און די בני ישראל האָבן זיך גענומען פירן אַזוי, ווי עס איז ניט געפעלן יהוה, זייער גאָט, און זיך געבויט הויכענישן (במות) אין זייערע וואוין־ערטער, אָנגעהויבן פון אַ וואַך־טורעם און ביז אַ באַפעסטיקטער שטאָט, און האָבן ביי זיך אַוועקגעשטעלט מצבות און אשרות אויף יעדן הויכן בערגל און אונטער יעדן צווייגיקן בוים און האָבן דאָרטן אָנגעהויבן צו רויכערן ווייראַך אויף אַלע הויכענישן אויפן שטייגער פון די פעלקער, וועלכע יהוה האָט צוליב זיי פאַרטריבן. און זיי האָבן אָנגעהויבן צו טאָן שלעכטע מעשים, וואָס רופן אַרויס יהוהס צאָרן, און זיי האָבן געדינט צו די געצן,

וואס וועגן זיי האט יהוה זיי געזאגט: פירט זיך ניט אזוי. און די בני ישראל זיינען געגאנגען אויפן זינדיקן וועג פון ירבעם, ניט אפגעקערט זיך פון אים אויף א האר, ביז יהוה האט פארשטויסן ישראל פון זיינע אויגן, ווי ער האט זיי פאראויסגעזאגט דורך זיינע קנעכט די נביאים. און ישראל איז אוועקגעפירט געווארן פון זיין לאנד קיין אשור, וואו ער לעבט נאך ביז איצט.

און דער קיניג פון אשור האט איבערגעפירט מענטשן פון בבל, פון כותה, פון עוה, פון חמת און פון ספרוים און האט זיי באזעצט אין די שטעט פון שומרון אנשטאט די בני ישראל. און זיי האבן פארנומען שומרון און זיך איינגעלעבט אין אירע שטעט.*) נאר אזוי ווי זיי האבן אין דער ערשטער צייט פון זייער וואוינען דארט ניט געדינט צו יהוה, האט יהוה אויף זיי אנגעשיקט לייבן, וועלכע פלעגן זיי באפאלן. און מען האט דעם קיניג פון בבל אנגעזאגט אזוי: די פעלקער, וועלכע דו האסט אוועקגעפירט פון זייער היים און באזעצט אין די שטעט פון שומרון, ווייסן ניט, ווי צו דינען דעם גאט פון יענעם לאנד.*) און דערפאר שיקט ער אויף זיי אן לייבן, און זיי באפאלן זיי, ווייל זיי ווייסן ניט, וואס עס פארלאנגט דער גאט פון יענעם לאנד. און דער קיניג פון אשור האט געגעבן אזא באפעל. שיקט אהינצו איינעם פון די כהנים, וועלכע איר האט פארטריבן פון דארטן; זאל ער אוועקגיין אהינצו, זיך דארטן באזעצן און זיי אויסלערנען, ווי צו דינען דעם גאט פון יענעם לאנד. און עס איז געקומען איינער פון די כהנים, וואס מען האט ארויסגעשיקט פון שומרון, און האט זיך באזעצט אין בית-אל און האט זיי גענומען לערנען, ווי זיי האבן צו דינען יהוה.

די מלוכה פון חזקיהו. די רעפארם פון גאטעס-דינסט.

אויפן דריטן מלוכה-יאר פון הושע דעם זון פון אלה, דעם קיניג פון ישראל, האט איבערגענומען די מלוכה חזקיהו דער זון פון אחז, דער קיניג פון יהודה, 25 יאר איז ער אלט געווען, ווען ער האט איבערגענומען די מלוכה, און 29 יאר האט ער געקיניגט אין ירושלים; זיין מוטער איז געווען אבי, די טאכטער פון זכריהו און ער האט זיך געפירט ווי יהוה איז געפעלן, פונקט אזוי ווי זיין עלטער-זיידע דוד.

---

*) פון דער פארמישונג פון די נייע איינוואוינער מיט דער ישראלישער באפעלקערונג, וואס איז פארבליבן אין לאנד, זיינען ארויסגעקומען די שפעטערדיקע „שומרונים", אדער, ווי מען האט זיי דערנאך אנגערופן „כותים", נאכן נאמען פון די שטאט—כותה.

*) די פרעמדע, וואס האבן זיך באזעצט אין שומרון-לאנד זיינען מחויב געווען, ווי עס זעט אויס, צו דינען יהוה, ווי דעם האר פון דעמדאזיקן לאנד. די פארבינדונג פון יהוה מיט זיין לאנד האט אויסגעזען, ווי א נאטירלאכע און ניט-צערייסלאכע. כאראקטעריסטיש איז אין דעם פרט די ערצעלונג וועגן דעם ארמישן מלחמה-פירער נעמן (מלכים ב קאפיטל ה) וואס בעת ער האט געהאט בדעה אויפצובויען אין זיין לאנד א מזבח פאר יהוה, האט ער גענומען מיט זיך קיין דמשק א וואגן ערד פון ארץ ישראל, כדי יהוהס מזבח זאל שטיין אויף אזא אופן אויף זיין אייגענער ערד.

ער האָט באַזייטיקט די במות, צעבראָכן די מצבות, אויסגעהאַקט די אשרות, צעשטויסן די קופערנע שלאַנג, וועלכע משה האָט געמאַכט, ווייל ביז דעמאָלט האָבן די בני ישראל נאָך גערויכערט פאַר איר און זי אָנגערופן נחושתן (ד. ה. די קופערנע). און ער האָט זיך פאַרלאָזן אויף יהוה, דעם גאָט פון ישראל, און קיינער איז צו אים ניט געווען גלייך פון די יידישע מלכים, וואָס פאַר אים און נאָך אים. און ער איז געווען טריי יהוה און האָט זיך פון אים ניט אָפּגעקערט און האָט אָפּגעהיט זיינע פאַרזאָגן, וועלכע ער האָט געגעבן משהן. און יהוה איז געווען מיט אים און אַלץ, וואָס ער האָט נאָר פאָרגענומען, האָט ער באַגליקט. און ער האָט מורד געווען אין קיניג פון אַשור און האָט אים אויפגעהערט צו צאָלן צינז. ער האָט צעשלאָגן די פלשתים ביז צו גת, ביז צו איר גרעניץ, פון אַ וואַך-טורים ביז אַ באַפעסטיקטע שטאָט.

סנחריבס אָנקומען.

אויפן פערצענטן מלוכה-יאָר פון חזקיהו האָט זיך סנחריב, דער קיניג פון אַשור, געלאָזן אויף אַלע באַפעסטיקטע שטעט פון יהודה און זיי איינגענומען, און חזקיהו, דער קיניג פון יהודה, האָט געשיקט צום קיניג פון אַשור קיין לכיש (בילד 19) אָנזאָגן אים: איך האָב זיך פאַרשולדיקט, אָבער דו לאָז מיך אָפּ, און איך בין גרייט אויסצוטראָגן, וואָס דו וועסט נאָר אויף מיר אַרויפלייגן, און דער קיניג פון אַשור האָט אַרויפגעלייגט אויף חזקיהון, דעם קיניג פון יהודה, אַ צינז פון דריי הונדערט ככר (טאַלאַנט) זילבער און דרייסיק ככר גאָלד, און חזקיהו האָט אָפּגעגעבן דאָס גאַנצע גאָלד, וואָס עס האָט זיך געפונען אין בית-המקדש פון יהוה. און אין די אוצרות פון קיניגלאַכן הויף. דעמאָלסט האָט חזקיהו אַראָפּגענומען דאָס גאָלד פון די טירן פון בית-המקדש פון יהוה און פון די זיילן, וועלכע חזקיהו האָט באַדעקט מיט בלעטער-גאָלד און האָט עס אָפּגעגעבן דעם קיניג פון אַשור.

בילד 18. דער קיניג סנחריב אויפן טראָן.

אנטקעגן אים — זיין גרויסוויזיר, וואָס קומט צו אים מיט אַ באַריכט. פון הינטן — צוויי לייב-היטער מיט פאָכערס.

נאָך דעם האָט דער קיניג פון אַשור געשיקט רבשקה פון לכיש מיט אַ גרויסן חיל צום קיניג חזקיהו קיין ירושלים, און ער איז אַוועק, איז צוגעגאַנגען און האָט זיך אָפּגעשטעלט ביי דער וואַסער-לייטונג פון אויבערשטן טייך, אויפן וועג צום וועשער-פעלד. ווען ער האָט געפאָדערט צו זיך דעם קיניג, איז אַרויס אליקים, דער זון פון חלון יהו, דער האַר פון הויף, און שפנא, דער קיניגלאַכער שרייבער, און יואח, דער זון פון יוסף, דער קיניגלאַכער עצה-געבער.

און רבשקה האָט צו זיי געזאָגט: גיט איבער חזקיהון אָט וואָס: אַזוי זאָגט דער גרויסער קיניג, דער קיניג פון אַשור: אויף וואָס פאַרטרויסטו דיך דאָס אַזוי? צו דען טראַכסטו, אַז פוסטע ווערטער זיינען גענוג, כדי מלחמה צו פירן און אַז מען דאַרף דערצו ניט קיין קלוגקייט און קיין קראַפט? אויף וועמען פאַרלאָזטו דיך דען, וואָס דו האָסט אין מיר מורד געווען? אפשר

טראַכסטו זיך אָנשפאַרן אויף דעם אײַנגעבראָכענעם שטעקל, אויף מצרים, וועלכער וועט זיך אַרײַנשניידן אין האַנט יעדערן, וואָס וועט וועלן זיך אויף אים אָנשפאַרן, און זי דורכשטעכן? אַזוי איז אויך פּרעה, דער קיניג פון מצרים פאַר אַלעמען, וועלכע פאַרלאָזן זיך נאָר אויף אים. און אויב איר וועט זאָגן מיר: אויף יהוה אונזער גאָט פאַרלאָזן מיר זיך, איז ער דאָך דאָס דערזועל־ביקער, וועמעס במות און מזבחות חזקיהו האָט אָפּגעשאַפט, פאַרזאָגנדיק יהודה



בילד 19. די באלאגערונג פון דער שטאָט לכיש דורך סנחריב: אין דער מיטן ווערט פארגעשטעלט דער טורים פון דער באלאגערטער שטאָט, וואָס פון דאָרט שיסן די באלאגערטע פון בויגנס, ווארפן שטיינער און ברענענדיקע פאקלען. די פיינט האָבן ארומגערינגלט די שטאָט מיט א באלאגערונגס־וואל, וואָס דערויף פירן זיי איבער זייערע ווענט־ברעכנדיקע כלי־זין. פון לינקס זעען מיר א מלחמה־פור מיט א באוועגלאכן שפיץ אויף ארויסצווייסן שטיינער פון די פעסטונגס־מויערן. אויף דער פור שטייט א זעלנער, וועלכער גיסט וואסער, כדי צו לעשן די פלאַנדיקע פאקעלן. אים קומען צוהילף די פיילן־שיסער. פון רעכטס זעען מיר געפאנגענע מאנסבילן און פרויען. דריי געפאנגענע ווערן ארויפגעשטאָכן אויף א פלאָקן.

אין ירושלים: בוקט זיך נאָר פאַר דעם מזבח אין ירושלים! דעריבער וועט זיך מיט מיין האַר, דעם קיניג פון אַשור, איך וועל דיר געבן 2000 פערד, וועסטו דען קענען אויף זיי אַרויפזעצן רייטער? ווי וועסטו דען גובר זיין אַפילו איין (שטאַטהאַלטער) פון מיין האַרס קלענסטע דינער? און דאָך פאַר־

לאָזסטו דיך אויף מצרים, פון וועגן זייערע רייטוועגן און רייטער? און אַחוץ דעם,—בין איך דען אָן יהוהס צושטימונג געקומען אין דעם אָרט אַריין, כּדי צו צעשטערן אים? יהוה אַליין האָט צו מיר געזאָגט: גיי אין לאַנד אַריין און פאַרוויסט עס.

און עס האָבן געזאָגט אליקים, דער זון פון חלקיהו, און שבנא און יואח צו רבשקה: רייד מיט דיינע קנעכט אויף אַרמיש, ווייל מיר פאַרשטייען, און רייד מיט אונז ניט אויף יידיש פאַר די אויגן פון פאָלק, וואָס אויף דער



בילד 20. אַן אשורישער מלחמה־רייטוואָגן. (אַ בולט בילד אין סנחריבס פּאַלאַץ).

מויער. און עס האָט צו זיי געזאָגט רבשקה: צי דען צו דיין האַר און צו דיר האָט מיך געשיקט מיין האַר איבערצוגעבן אָט די ווערטער? צי דען ניט גיכער צו אָט די מענטשן, וואָס זיצן אויף דער מויער? און רבשקה האָט זיך אויפגעהויבן און האָט אויסגערופן אויפן קול אויף יידיש אַזוי: הערט צו די ווייד פון גרויסן קיניג, דעם קיניג פון אַשור! אַזוי זאָגט דער קיניג: לאָזט ניט חזקיהון אָפּצונאַרן אַייך, ווייל ער קען אייך ניט ראַטעווען פון מיין האַנט. און זאָל אַייך ניט טרייסטן חזקיהו מיט דעם בטחון אויף יהוה, און זאָל ער ניט זאָגן: יהוה וועט אונז געוויס ראַטעווען, און די שטאָט וועט ניט איבערגע-

געבן ווערן אין די הענט פון קיניג פון אשור. הערט ניט חזקיהון, דען אַזוי זאָגט דער קיניג פון אשור: שליסט מיט מיר שלום און גיט זיך מיר אונטער און זאָל יעדערער פון אייך עסן רואיק די פרוכט פון זיין וויינשטאָק און פייגנבוים, און זאָל יעדערער טרינקען וואַסער פון זיין ברונים, ביז איך וועל קומען און וועל אייך אַוועקפירן אין אַ לאַנד, וואָס איז פונקט אַזאַ ווי אייערע, אין אַ לאַנד, וואָס איז פול מיט קאָרן און וויין, אַ לאַנד פון ברויט און וויינגערטנער, אין אַ לאַנד פון איילבערטן און האָניק, און איר וועט לעבן און ניט שטאַרבן. ניט הערט חזקיהון, ער פאַרפירט אייך נאָר, זאָגנדיק: יהוה וועט אונז ראַטעווען. האָבן דען די געטער פון די [איבעריקע] פעלקער געראַטעוועט זייערע לענדער פון די הענט פון אשורישן קיניג? וואו זיינען די געטער פון חמת און ארפד? וואו — די געטער פון ספרוים, הנע און עוה? וואו זיינען די געטער פון לאַנד שומרון? האָבן זיי דען געראַטעוועט שומרון פון מיין האַנט? קען דען זיין, אַז יהוה וועט ראַטעווען ירושלים פון מיין האַנט?

און זיי האָבן געשוויגן און אים קיין וואָרט ניט געענטפערט, ווייל אַזוי איז געווען דער באַפעל פון קיניג: ענטפערט אים ניט. און עס איז געקומען אליקים, דער זון פון חלקיהו, דער פירער פון הויף און שבנא, דער קיניגלאַכער שרייבער, און יואח, דער זון פון אסף, דער קיניגלאַכער עצה-געבער, צו חזקיהון מיט צעריסענע קליידער און זיי האָבן איבערדערציילט רבשקהס רייד.

ישעיהוס ארויסטריט.

ווען דער קיניג חזקיהו האָט דאָס דערהערט, האָט ער צעריסן זיינע קליידער, זיך באַדעקט מיט אַ זאַק און איז אַוועקגעגאַנגען קיין בית-המקדש פון יהוה, און אליקימען, דעם פירער פון הויף און שבנא דעם שרייבער און די אָנגעזעענסטע כהנים האָט ער געשיקט באַדעקטע מיט זעק צום נביא ישעיהו, דעם זון פון אמוץ.

און עס זיינען אָנגעקומען דעם קיניג יחזקיהוס דינער צו ישעיהון, און ישעיהו האָט צו זיי געזאָגט: גיט איבער אייער האַר: אַזוי זאָגט יהוה: ניט האָב מורא פאַר די ווערטער, וועלכע דו האָסט געהערט, מיט וועלכע עס האָבן מיך באַליידיקט די דינער פון קיניג פון אשור. אָט וועל איך אין אים אַריינגעבן אַ גייסט, ער וועט דערהערן אַ בשורה, ער וועט זיך אומקערן אין זיין לאַנד און איך וועל אים אין זיין לאַנד באַזיגן דורך דעם שווערד.

און רבשקה האָט זיך אומגעקערט און האָט געטראָפן דעם קיניג פון אַשור בשעת זיין באַלעגערונג פון לבנה. ער האָט שוין געהערט, אַז יענער איז אַוועק פון לכיש. און ווען סנחריב האָט באַקומען אַ ידיעה וועגן תרהקה, דעם קיניג פון כוש, אַזוי: ער גייט מלחמה האַלטן מיט דיר,—האָט ער ווייטער געשיקט שלוחים צו חזקיהון, כדי צו איבערצייגן אים: [אַזוי זאָגט צו חזקיהו, דעם קיניג פון יהודה]: לאָז דיך ניט פאַרפירן דורך דיין גאָט, וואָס דו פאַרלאָזסט זיך אויף אים און טראַכסט, אַז ירושלים וועט ניט איבערגעגעבן ווערן אין די הענט פון קיניג פון אַשור. דו האָסט דאָך געהערט, וואָס די מלכים פון אַשור האָבן געטאָן מיט אַלע לענדער, וועלכע זיי האָבן איבערגעגעבן דעם שווערד,—ווערסטו דען זיך ראַטעווען? דען האָבן די געטער פון די פעלקער, וועלכע מיינע עלטערן האָבן פאַרטיליגט, זיי געראַטעוועט? גוזן און חרן און

רצף, און די איינוואוינער פון עדן, וואָס אין תל־אשר. וואו איז דער קיניג פון חמת און דער קיניג פון ארפד און דער קיניג פון דער שטאָט ספרוים, פון הנע און עוה?



בילד 21: די אויפשריפט פון שליח, די עלטסטע פון די ביז איצט געפונענע אויפשריפטן אויף העברעאיש, וואָס איז געפונען געוואָרן אין ירושלים און וואָס דערציילט וועגן דער דורכגראָבונג פון אַ קאַנאַל דורכן ציון־באַרג אין דער מלוכה־צייט פון חזקיהו.

העברעאישער טעקסט.

1 [הן . הנ]קבה . וזה . היה . דבר . הנקבה . [בע]ו[ד החצבם העלו]
2 [הגר]זן איש אל . רעו . ו[בעו]ד . שלש אמ[ה] . לה[פ.....מא] . קל . [א]ש ק
3 [ר]א אל רעו . כי הית . זדה בצר . מימן [קמו הכ]ו ביכה
4 נקבה הכו החצב[ם] . איש לקרת . רעו [ג]רז[ן א]ל [ג]רזן [ו]ילכו
5 המים . מן . המוצא אל הברכה . במאתי[...] . אלף אמה ו[...]
6 ת א[מה] . היה . גבה . הצ[ר] על . ראש [החצב זה]

יידישע איבערזעצונג.

1. [אַט די] דורכגראָבונג... און אַט ווי עס איז געווען דער גאַנג פון דער דורכגראָבונג... ווען [די שטיינהאַקער האָבן אויפגעהויבן]

2. די האַק איינער אַנטקעגן דעם אַנדערן, און ווען עס איז נאָך [געבליבן דורכצוגראָבן] דריי איילן, [האָט זיך דערהערט] דער קול פון איינעם,

3. וועלכער האָט געשריען צום אַנדערן, ווייל עס איז געווען אַ שפּאַלט (?) אין פעלז רעכטס, און [עס זיינען אויפגעשטאַנען] אין דעם טאָג

4. פון דער דורכגראָבונג די שטיינהאַקער און האָבן אַ האַק געגעבן איינער אַנטקעגן דעם אַנדערן, אַ האַק צו אַ האַק און עס האָט אָנגעהויבן צו רינען

5. דאָס וואַסער פון דעם אַרויסגאַנגס־לאָך אין רעזערוואואַר אַריין אויף דער לענג פון 1200 איילן און הונדערט זעקס איילן איז געווען די הייך פון פעלז איבערן קאָפּ [פון שטיינהאַקער].

און חזקיהו האָט גענומען דעם בריוו פון די שלוחימס הענט און אים דורכגעלייענט און איז אַוועק אין בית המקדש פון יהוה, האָט אים פונאַנדער־

געוויקלט פאַר יהוה. און חזקיהו האָט געבעטן פאַר גאָט אַזוי: יהוה, גאָט פון ישראל, וואָס דו זיצסט איבער די כּרובים! דו אַליין ביסט דער גאָט איבער אַלע מלוכות פון דער ערד, דו ביסט דער, וואָס האָט באַשאַפן דעם הימל און די ערד; נייג אָן, יהוה, דיין אויער און הער מיך צו! עפן אויף, יהוה, דיינע אויגן און זע! הער אויך אויס די ווערטער פון סנחריב, וועלכע ער האָט איבערגעגעבן, אום צו באַליידיקן דעם לעבעדיקן גאָט! אמת, יהוה, די מלכים פון אַשור האָבן פאַרטיליגט פעלקער און לענדער און זייערע געטער אַריינגעוואָרפן אין פייער, אָבער דאָס זיינען דאָך קיין געטער ניט געווען, נאָר שאַפונגען פון מענטשלאַכע הענט, האָלץ און שטיינער, דערפאַר האָבן זיי געקאָנט זיי פאַרטיליגן. און איצט יהוה, אונזער גאָט, ראַטעווע אונז פון זיינע הענט, און זאָלן אַלע מלוכות וויסן, אַז נאָר דו, יהוה, ביסט אַ גאָט.

און ישעיהו, דער זון פון אָמוץ, האָט געשיקט זאָגן חזקיהון: אַזוי זאָגט יהוה, דער גאָט פון ישראל: איך האָב צוגעהערט דיין געבעט וועגן סנחריבן דעם קיניג פון אַשור. אָט איז דאָס וואָרט, וואָס יהוה האָט אַרויסגערעדט וועגן סנחריבן, דעם קיניג פון אַשור: ניט אַריינגיין וועט ער אין דערדאָזיקער שטאָט, און וועט אויף איר קיין פייל ניט וואַרפן, און וועט ניט צו גיין צו איר מיט קיין פאַנצער, און וועט ניט אָנשיטן לעבן איר קיין וואַל; אויפן זעלביקן וועג, אויף וועלכן ער איז געקומען, וועט ער זיך אומקערן און אין שטאָט וועט ער ניט אַריינגיין, זאָגט יהוה. און איך וועל אָפּהיטן די שטאָט, כּדי צו ראַטעווען זי פון מיינטוועגן און פון וועגן דוד, מיין קנעכט.

און יענער נאַכט איז אַרויס אַ מלאך פון יהוה און האָט געטויט אין לאַגער פון אַשור 85 טויזנט מאַן. און ווען מען איז אויפגעשטאַנען פרי פאַרטאָג, האָט מען דערזען—אַלץ טויטע קערפּערס. סנחריבס אוועקגאַנג.

און סנחריב, דער קיניג פון אַשור, האָט זיך אַוועקגעלאָזן, איז אַוועקגעגאַנגען *) און זיך אומגעקערט אין זיין לאַנד און געלעבט דאָרטן. און ווען ער האָט זיך איינמאָל געקניט אין טעמפּל פון נסרך, זיין גאָט, — האָבן אים אדרמלך און שראצר, זיינע זין, געטויט און זיינען אַליין אַנטלאָפן קיין לאַנד אררט. און עס האָט איבערגענומען די מלוכה אָנשטאָט אים אסר=חדן, זיין זון.

אַלץ דאָס איבעריקע וועגן חזקיהון, און אַלע זיינע העלדן=מעשים, און דאָס, וואָס ער האָט געמאַכט אַ רעזערוואואַר און אַ וואַסער=לייטונג און אַריינגעפירט וואַסער אין שטאָט (זע בילד 21) — דאָס אַלץ איז באַשריבן אין דער כּראָניק פון די יידישע מלכים. און עס איז געשטאָרבן חזקיהו און עס איז געוואָרן אַ קיניג אָנשטאָט אים מנשה, זיין זון.

מלכים ב. קאַפּיטל י״ד—ט״ו, י״ז כ׳.

---

*) דער פּלוצלונגדיקער אוועקגאַנג פון אַשורישן חייל (אין יאָר 701) איז געווען אַרויסגערופן דורך דער פּלוצלונגדיקער פּעסט, מגפה, וואָס האָט זיך פאַרשפּרייט אין סנחריבס לאַגער

XXII. די נביאישע רעפאָרם.

די רעפאָרם און די סיבות, פאַר־וואָס זי האָט זיך איינגעגעבן.

די וואַקסנדיקע מאַכט פון דער אַשורישער מאָנאַרכיע, וואָס האָט דער־
גרייכט צו איר העכסטן פונקט אין VII־טן יאָרהונדערט, האָט נאַטירלאַך גע־
דאַרפט אַרויסרופן אַ נאַציאָנאַלע באַוועגונג צווישן אַלע פעלקער פון פאָדער־
אַזיען, ווייל דער נצחונישער אשורישער חייל האָט געשטעלט אין סכנה ניט
נאָר זייער פאָליטישע זעלבשטענדיקייט, נאָר אויך זייער גייסטיקע אייגנאַר־
טיקייט. און אין דער אמתן, צייכנט זיך אויס די צווייטע העלפט פונם VII־טן
יאָרהונדערט דורך אַ מערקטיקער באַוועגונג, וואָס טראָגט אַ נאַציאָנאַל־קאָנסער־
וואַטיווען כאַראַקטער. די באַוועגונג כאַפּט אַרום בבל, מדי און אַפילו מצרים.
עס איז דעריבער גאַנץ פאַרשטענדלאַך, אַז אויך פאַר ישראל איז די צייט גע־
ווען באַזונדער מסוגל פאַר דער נאַציאָנאַלער תורה פון די נביאים, וואָס האָבן
איצט ווידער אויפגעהויבן זייער קול און אָנגעהויבן צו שטרעבן צו זייער
פריערדיקער ווירקונג, וואָס זיי האָבן אינגאַנצן פאַרלאָרן אין דער מלוכה־צייט
פון מנשה. דער רוף פון די נביאים צום נאַציאָנאַלן גאָט—יהוה און צוריק צו
די מנהגים פון דער גוטער אַלטער צייט, זייערע שאַרפע רייד קעגן די פרעמ־
דע געטער און קעגן די אשורישע מנהגים האָבן איצט געפונען אַ שטאַרקן
אָפּקלאַנג אין פאָלק, וואָרים עס האָט זיך איצט געביטן די שטימונג פון די
גרייטע שיכטן. אין דעם דאַרף מען זען די ריכטיקסטע סיבה, פאַרוואָס די
רעפאָרם פון רעליגיעז־נאַציאָנאַלן לעבן, וואָס איז צוגעגרייט געוואָרן דעמאָלט
אין די נביאישע קרייזן, האָט ניט געפונען קיין התנגדות פון קיינעמס צד.
עס איז לייכט צו פאַרשטיין, פאַרוואָס די ירושלימער כהנים האָבן זיך גע־
שטעלט אויפן צד פון די נביאים: די דורכפירונג פון די אָנגעצייכנטע רע־
פאָרמעס האָט געדאַרפט פאַרשאַפן דעם בית־המקדש אין ירושלים אַ גאַנץ באַ־
זונדערע ווירקונג און אַוועקשטעלן אים אויף אַזאַ הייך, ווי עס איז נאָך ביז
דעמאָלט ניט געשטאַנען קיין איין הייליקטום אין ארץ־ישראל. נאָר די נביאישע
אידעען האָבן געהאַט, אָן ספק, ערפאָלג אויך צווישן די כהנים אין דער פראָ־
ווינץ, ווייל אויך זיי האָבן אָנגענומען די רעפאָרם אָן וואָסער־עס־איז התנגדות.

די צענטראַליזירונג פון גאָטעס־דינסט—ווי אַ יסוד פון דער רעפאָרם.

אַנטקעגן די פלאַסטישע בילדער פון יהוה — איז אַרויסגעטראָטן שוין
ישעיהו. איצט זיינען די נביאים אַרויסגעטראָטן אין שאַרפע רייד אויך קעגן
די נאַטור־סימבאָלן פון גאָטעסדינסט: קעגן די הייליקעביימער און שטיינער,
קעגן די מצבות (קאָלאָנען) און אשרות (זיילן), וואָס האָבן געשפּילט זייער
אַ גרויסע ראָלע אין אַלט־ישראלישן קולט. שוין הושע איז אַרויסגעטראָטן מיט
שטאַרקע רעדעס קעגן דעם דינסט פון יהוה אויף די בערגלאַך און אונטערן
שאָטן פון די ביימער; איצט זיינען די נביאים דערגאַנגען ביז צום לאָגישן
סוף, ביז צו דער פולשטענדיקער אָפּשאַפונג פון דעם גאָטעסדינסט, וואָס
ווערט אָפּגעריכט אומעטום, און האָבן אָנגעהויבן צו פּריידיקן, אַז יהוה לעבט
נאָר אין ירושלים, און אַז נאָר אין בית־המקדש אין ירושלים קען מען קומען
„פאַרן געזיכט פון יהוה". אַ גרויסע ראָלע האָט געשפּילט ביי דער פאַרגרעסע־
רונג פון ירושלימס צוציאונגס־קראַפט אויך די גרויסע געשעעניש פון יאָר

701, בעת סנחריבס חייל, וועלכער האָט באַלאַגערט ירושלים, איז פּלוצלונג אַוועק פון אונטער אירע מויערן, און ירושלים איז ווי דורך אַ נס געראַטעוועט געוואָרן פון דער סכנה. אָט דעם „נס" האָט מען, פאַרשטייט זיך, פאַרשטאַנען ווי אַ צייכן פון יהוהס באַזונדערער ליבשאַפט צום באַרג ציון און צום בית־המקדש, וואָס באַקרוינט אים (זע מלכים ב קאַפּיטל י"ט און ישעיה קאַפּיטל ל"ח). און די נביאים האָבן דעם „נס" דערקלערט אויף דעם אופן, אַז לא די וואָס יהוה פאַרטראָגט ניט קיין אַנדערע געטער אין זיין בית־המקדש, נאָר ער פאַרלאַנגט אויך, אַז דאָס הויז, וואָס טראָגט זיין נאָמען, זאָל זיך רעכענען פאַר זיין איינציקן דערהויבענעם וואוין־אָרט, פונוואַנען ער קיניגט איבער ישראל. עס איז מעגלאַך, אַז אין אַנדערע ערטער פון לאַנד, וואָס זיינען געהייליקט דורך די אַלטע פאָלקס־מנהגים, וואוינט אויך אַ וועלכע עס איז גאָטהייט, אָבער דאָס איז ניט יהוה און איז ניט בכוח עמיצן צו העלפן.

די נייע פאָדערונגען האָבן געפונען זייער אויסדרוק אין „בוך פון דער תורה" (ספר התורה), וואָס איז געפונען געוואָרן אין יאשיהוס 18-טן מלוכה־יאָר (623) אין בית־המקדש דורך דעם כהן־גדול חלקיהו, און וואָס איז דער־קלערט געוואָרן, לויטן ווילן פון קיניג, ווי דער הייליקער געזעץ פון די בני־ישראל. די תנ"ך־ערציילונג שטעלט זיך לענגער אָפּ אויף דער געשעעניש, וואָס האָט געהאַט אַזאַ גרויסע ווירקונג אויפן ווייטערדיקן גורל פון ישראל און זי דער־ציילט אונז אָט וואָס.

דער כהן־גדול חלקיהו געפינט אין בית־המקדש דאָס בוך פון דער תורה (ספר התורה).

אינם 18-טן מלוכה־יאָר פון יאשיהו, אין אַכטן חודש האָט דער קיניג געשיקט שפנען, דעם זון פון אצליהו, דעם זון פון משולם, דעם קיניגלאַכן שרייבער, אין בית־המקדש פון יהוה און געזאָגט צו אים: גיי צום כהן [גדול] *) חלקיהו, און זאָל ער איבערציילן דאָס געלט, וואָס איז געבראַכט געוואָרן אין בית־המקדש פון יהוה, וואָס איז אויפגעקליבן געוואָרן פון פאָלק דורך די טיר־היטער, און זאָל מען עס איבערגעבן די מייסטערס, וועלכע זיינען באַשטימט געוואָרן ביים בית־המקדש פון יהוה. און יענע זאָלן עס פאַרטיילן צווישן די, וואָס אַרבעטן ביים בית־המקדש אויף צו פאַרריכטן די געשעדיקטע ערטער: די סטאָלערס און די בויער און די שטיין־מייסטערס און אויף צו קויפן האָלץ און געהאַקטע שטיינער צו פאַרריכטן דעם בית־המקדש. נאָר אַ חשבון פון דעם געלט, וואָס מען האָט זיי איבערגעגעבן, איז איבעריק פון צו פאַרלאַנגען, ווייל זיי אַרבעטן ערלאַך.

און עס האָט געזאָגט דער כהן (גדול) חלקיהו צו שפנען: „דאָס בוך פון דער תורה" האָב איך געפונען אין בית־המקדש. און חלקיהו האָט דער־לאַנגט דאָס בוך שפנען, און ער האָט עס געלייענט. און עס איז געקומען דער שרייבער שפן צום קיניג און אָנגעזאָגט דעם קיניג: דיינע דינער האָבן איבערגעציילט דאָס געלט, וואָס געפינט זיך אין בית־המקדש און זיי איבער־געבן, די מייסטערס, וואָס זיינען באַשטעלט ביים בית־המקדש. און עס האָט

---

*) דאָ קען מען ריידן נאָר וועגן דעם הויפּט־כהן, דעם עלטסטן צווישן די כהנים; די שטעלע פון אַ כהן־גדול אין שפּעטערדיקן זין, איז נאָך דאַן געווען אומבאַקאַנט.

געזאָגט דער שרייבער שפן צום קיניג: דער כהן חלקיהו האָט מיר געגעבן אַ בוך, און שפן האָט אים איבערגעלייענט דעם קיניג.

ווען דער קיניג האָט דערהערט די ווערטער פון ספר־תורה, האָט ער צעריסן זיינע קליידער און געהייסן דעם כהן חלקיהו און אחיקם, דעם זון פון שפן, און עכבורן, דעם זון פון מיכיה, און שפנען, און עשיהן, דעם קיניגלאַכן דינער, אַזוי: גייט און בעט יהוה אין מיין נאָמען און אין נאָמען פון פאָלק און פון גאַנץ יהודה איבער דעם געפונענעם בוך, ווייל גרויס איז דער צאָרן פון יהוה, וואָס האָט זיך צעפלאַקערט איבער אונז דערפאַר, וואָס אונזערע עלטערן האָבן ניט געפאָלגט די ווערטער פון דעם בוך און זיך ניט געפירט, ווי עס איז אין אים פאָרגעשריבן. און עס זיינען אַוועק דער כהן חלקיהו און אחיקם און עכבור און שפן און עשיה צו דער נביאה חולדה, דער ווייב פון שלום דעם קליידער־היטער, דעם זון פון תקוה, דעם זון פון חרחס. געלעבט האָט זי אין ירושלים, אין צווייטן טייל פון שטאָט, און זיי האָבן זי געפרעגט.

און זי האָט צו זיי געזאָגט: אַזוי זאָגט יהוה, דער גאָט פון ישראל. זאָגט דעם מאַן, וואָס האָט אייך געשיקט צו מיר, אַזוי זאָגט יהוה: איך וועל אָנשיקן אַן אומגליק אויף דעם אָרט און אויף זיינע איינוואוינער,—אַלע שטראָפן פון דעם בוך, וואָס עס האָט געלייענט דער קיניג פון יהודה, דערפאַר וואָס זיי האָבן מיך פאַרלאָזן און רויכערן פאַר אַנדערע געטער, אויפצורייצן מיך דורך אַלע זייערע מעשים, און עס וועט אויפפלאַקערן מיין צאָרן קעגן דעם אָרט און וועט ניט שטיל ווערן. און צום קיניג פון יהודה, וואָס האָט אייך געשיקט אַהער, כדי אָנצופרעגן ביי יהוה, זאָגט: אַזוי זאָגט יהוה, דער גאָט פון ישראל: אַזוי ווי עס איז ווייך געוואָרן דיין האַרץ, און דו האָסט זיך אונטערגעגעבן פאַר יהוה, ווען דו האָסט דערהערט, וואָס איך האָב פאָרויסגעזאָגט וועגן דעם אָרט און וועגן זיינע איינוואוינער, אַז זיי וועלן ווערן אַ וויסטעניש און אַ קללה, און דו האָסט צעריסן דיינע קליידער און געוויינט פאַר מיר,—האָב איך דיר צוגעהערט, זאָגט יהוה. אָט דערפאַר וועל איך דיך צורעכענען צו דיינע עלטערן, און דו וועסט בשלום קומען צו דיין קבר, און דיינע אויגן וועלן ניט זען דעם גאַנצן אומגליק, וואָס איך וועל ברענגען אויף דעם אָרט.

דאָס אַלץ האָבן זיי איבערגעגעבן דעם קיניג.

די פייערלאכע פארעפנטלאכונג פון ספר־התורה.

און דער קיניג האָט געשיקט רייטער, און זיי האָבן צונויפגעקליבן צו אים אַלע זקנים פון יהודה און ירושלים. און דער קיניג איז אַוועק אין בית־המקדש פון יהוה, און אַלע מענער פון יהודה און אַלע איינוואוינער פון ירושלים מיט אים, און די כהנים, און די נביאים, און דאָס גאַנצע פאָלק פון קליין ביז גרויס, און ער האָט פאַר זיי דורכגעלייענט אויפן קול אַלע ווערטער פון בוך, וואָס איז געפונען געוואָרן אין בית־המקדש פון יהוה. דערנאָך האָט זיך דער קיניג אַוועקגעשטעלט ביים זייל און האָט געשלאָסן פאַרן געזיכט פון יהוה דעם בונד—צו פאָלגן יהוה און צו ערפילן זיינע מצוות, געבאָטן און געזעצן מיטן גאַנצן האַרצן און מיט דער גאַנצער נשמה, כדי מקיים צו זיין

די ווערטער פון בונד, וואָס זיינען פאַרשריבן אין דעם בוך. און דאָס גאַנצע פאָלק איז אַריינגעטראָטן אין בונד.

די פאַרטיליקונג פון די פרעמדע קולטן און פון די אָרטיקע הייליקטימער.

און עס האָט באַפוילן דער קיניג דעם כהן (גדול) חלקיהו און די טיר־היטער און דעם צווייטן כהן אַרויסצוטראָגן פון יהוהס בית־המקדש אַלע זאַכן, וואָס זיינען געמאַכט געוואָרן פאַרן בעל און פאַר דער אשרה *) און פאַר דעם גאַנצן הימלשן חיל, און האָט זיי געהייסן פאַרברענען הינטער ירושלים אין טאָל פון קדרון און זייער אַש אַוועקטראָגן קיין בית־אל. און ער האָט באַזייטיקט די פריסטער, וואָס עס האָבן באַשטימט די מלכים פון יהודה, און וואָס פלעגן רויכערן ווייראַך אויף די הויכענישן אין די שטעט פון יהודה און אַרום ירושלים, און יענע, וואָס האָבן געריכערט צום בעל, צו דער זון, צו דער לבנה און די שטערן און דעם גאַנצן חייל פון הימל. און ער האָט געהייסן אַרויסטראָגן די אשרה פון יהוהס בית־המקדש הינטער ירושלים אין טאָל פון קדרון און האָט זי דאָרט פאַרברענט און האָט זי צעריבן אויף שטויב, און דעם שטויב צעשפרייט איבער די קברים פון די מענטשן פון פאָלק. און ער האָט צעשטערט די הייזער פון די פאַרהייליקטע, וועלכע זיינען געווען ביים בית־המקדש פון יהוה, וואו פרויען האָבן געוועבט קליידער פאַר דער אשרה. און ער האָט אויפגעקליבן אַלע פריסטער פון די שטעט פון יהודה און האָט פאַרשוועכט די הויכענישן, וואָס דאָרט פלעגן די פריסטער רויכערן, פון גבע ביז צו באר־שבע, און האָט צעשטויסן די הויכענישן מיט די ציגן־בילדער, וואָס זיינען געווען ביים אַריינגאַנג אין טויער פון דעם שטאָט־פירער יהושע, צו דער לינקער זייט פון דעם אַריינקומענדיקן אין די שטאָט־טויערן, (די פריסטער פון די הויכענישן האָבן ניט געטאָרט ברענגען קיין קרבנות אויפן מזבח פון יהוה אין ירושלים און זיי האָבן ניט געגעסן קיין מצות צוזאַמען מיט זייערע ברידער). און ער האָט פאַרשוועכט דעם אָרט פון שרעק, וואָס אין בן־הנום־טאָל, אַז קיינער זאָל מער ניט דורכפירן זיין זון אָדער זיין טאָכטער דורכן פייער לכבוד מולך (מלך). און ער האָט באַזייטיקט די פערד, וואָס עס האָבן אַוועקגעשטעלט די מלכים פון יהודה פאַר דער זון ביים אַריינגאַנג אין בית־המקדש פון יהוה, ניט ווייט פון דער קאַמער פון דעם באַדינער נתן־מלך, וועלכע געפינט זיך אין פרורים. די רייטוועגן פון דער זון האָט ער פאַרברענט אין פייער, און די מזבחות, וואָס אויפן דאַך, וואָס עס האָבן אויפגעבויט די מלכים פון יהודה, און די מזבחות, וואָס מנשה האָט געמאַכט אויף ביידע הויפן בית־המקדש פון יהוה, האָט דער קיניג צעשטערט און זייער אַש אַוועקגעוואָרפן אין טאָל פון קדרון. און די הויכענישן, וואָס פון מזרח־זייט פון ירושלים, אין דרום־זייט פון הר־הזיתים, וואָס שלמה, דער קיניג פון ישראל, האָט אויפגעבויט פאַר דער עשתרות, דער צידונישער מיאוס־

---

*) דאָס איז אַ צווייטער נאָמען פון דער כנענישער געטין „עשתרות“ אָדער אַ זעלבשטענדיקע באַטהייט, וואָס איז נאָנט צו עשתרות. מיט דעם קולט פון דער אשרה זיינען באַזונדערס ענג געווען פאַרבונדן די ביימער און הילצערנע זיילן (אשרות), וואָס זיינען אַריבער פון די כנענים צום אַלט־ישראלישן קולט.

קייט, און פאַר כּמוש, דער מיאוסקייט פון מואב, און פאַר מלכּם, דער מיאוסקייט פון עמון, האָט דער קיניג געהייסן אומריין מאַכן. און ער האָט צעבראָכן די זיילן און צעהאַקט די אשרות, און אָנגעפילט זייער אָרט מיט מענטשלאַכע ביינער. אויך דעם מזבח, וואָס איז געווען אין בית=אל, די הויכעניש, וואָס עס האָט געבויט ירבעם, דער זון פון נבט, וועלכער האָט פאַרפירט ישראל צו זינד,—אויך יענעם מזבח און יענע הויכענישן האָט ער צעשטערט.

און יאשיהו האָט זיך אַרומגעקוקט און דערזען די קברים, וואָס זיינען דאָרטן געווען אויפן באַרג, און האָט געשיקט דאָרטן אַרויסנעמען די ביינער פון די קברים און האָט זיי פאַרברענט אויפן מזבח און אים טמא געמאַכט, לויט יהוהס רייד, וואָס עס האָט דערקלערט דער געטלאַכער מאַן, וועלכער עס האָט פאָראויסגעזאָגט די אַלע געשעענישן. און ער האָט געפרעגט: וואָס פאַר אַ דענקמאָל זע איך דאָרטן? און עס האָבן אים געזאָגט די איינוואוינער פון שטאָט: דאָס איז דער קבר פון אַ געטלאַכן מאַן, וועלכער איז געקומען פון יהודה און פאָראויסגעזאָגט וועגן מזבח פון שמרון דאָס, וואָס דו טוסט איצט. און ער האָט געזאָגט: לאָזט אים צו רו, זאָל קיינער ניט אָנרירן זיינע ביינער. און זיינע ביינער זיינען געבליבן ניט אָנגערירט, און אויך די ביינער פון נביא, וועלכער איז געקומען פון שומרון *).

אויך האָט יאשיהו צעשטערט אַלע הויכענישן אין די שטעט פון שומרון, וועלכע עס האָבן געבויט די מלכים פון ישראל און דערמיט אַרויסגערופן דעם צאָרן פון יהוה, און ער האָט זיך מיט זיי באַגאַנגען, ווי מיט די מזבחות פון בית=אל. און ער האָט דערשטאָכן אַלע פריסטער, וואָס זיינען דאָרט געווען אויף די מזבחות און האָט פאַרברענט אויף זיי מענטשלאַכע ביינער—און האָט זיך אומגעקערט קיין ירושלים.

פּסח.

און דער קיניג האָט באַפוילן דעם גאַנצן פאָלק: פייערט דעם פסח פאַר יהוה, אייער גאָט, ווי עס איז פאָרגעשריבן אין ספר=התורה,—ווייל אַזוי האָט מען דעם פסח ניט געפייערט זינט דער צייט פון די שופטים, וואָס האָבן געמשפּט ישראל, און פאַר דער גאַנצער צייט פון די ישראלישע מלכים און די יידישע מלכים. נאָר אין 18=טן יאָר פון יאשיהו האָט מען אָפּגעריכט דעם פסח פאַר יהוה אין ירושלים.—אויך האָט יאשיהו פאַרטיליקט די, וואָס מאַכן כּישוף איבער טויטע און די וואונדער=ווייזער, און די תּרפים (הויז=געצן) און די געצנבילדער, און אַלע מיאוסקייטן, וועלכע זיינען געווען אין לאַנד יהודה און אין ירושלים, כּדי אויסצופירן די ווערטער פון דער תּורה, וועלכע זיינען אָנגעשריבן אין דעם בוך, וואָס דער כּהן חלקיהו האָט געפונען אין בית=המקדש פון יהוה.

און עס איז ניט פאַר אים געווען קיין קיניג גלייך צו אים, וועלכער זאָל זיך אומקערן צו יהוה מיט זיין גאַנצן האַרצן און

---

*) זע מלכים א' קאַפּיטל י"ג. אַזוי ווי דער ערשטער נביא איז געקומען, לויט דער ערציילונג פון תּנ"ך, פון בית=אל, דאַרף מען דאָ אונטערן וואָרט „שמרון" פאַרשטיין די ישראלישע מלוכה בכלל.

מיט זיין גאַנצער נשמה און מיט אַלע זיינע קרעפטן, און אַלץ לויט דעם געזעץ פון משה; עס איז ניט געווען אויך נאָך אים אַ גלייכער צו אים. אָבער יהוה האָט ניט אָפּגעטאָן זיין גרויסן גרימצאָרן, וואָס האָט זיך צעפלאַקערט איבער יהודה פאַר זייער גאַנצער איינגעשפּאַרטקייט און זינד, דורך וועלכע עס האָט אים אויפגערייצט מנשה. און יהוה האָט געזאָגט: אויך יהודה וועל איך פאַרשטויסן פון מיין פּנים, ווי איך האָב פאַרשטויסן ישראל, און איך וועל פאַרשטויסן די שטאָט ירושלים, וועלכע איך האָב אויסדערוויילט, און דאָס הויז, וואָס וועגן דעם האָב איך געזאָגט: מיין נאָמען זאָל דאָרטן זיין! —

מלכים ב' קאַפּיטל כ"ב—כ"ג.

די גרונט־שטריכן פון דעם „ספר־התורה" און זיין ארט אין תנ"ך.

אַז מיר קוקן זיך נעענטער צו צו דער ביבלישער ערציילונג, קענען מיר, לויט די פאַרגענומענע רעפאָרמען פון יאשיהו, פעסטשטעלן די גרונד־יסודות פון יענעם געזעצגעבונגס־קאָדעקס, דעם ספר־התורה, וואָס האָט פאַרגעשריבן די־דאָזיקע רעפאָרמען. דערביי וועט זיך דער אינהאַלט פון ספר־התורה אויפדעקן מיט אַזאַ קלאָרקייט, אַז געפינען אים צווישן די ספרים פון חומש וועט שוין ניט זיין באַזונדערס שווער. לויט דעם, ווי אַזוי דער קיניג האָט זיך באַצויגן צום לייענען פונם דאָזיקן ספר, ווייזט אויס, אַז ער האָט געמאַכט דעם איינדרוק פון אַ פאַרצייטיקן געזעצבוך, וואָס איז כולל אַזעלכע געזעצן, וועלכע זיינען געווען פאַרגעשריבן די אבות מיט כמה דורות צוריק. פון יאשיהוס רעפאָרמאַטאָרישע מעשים גופא קאָנען מיר אַרויסזען, אַז דערדאָזיקער ספר האָט: 1) פאַרבאָטן יעדן קולט, אַחוץ דעם קולט פון יהוה; 2) האָט פאַרלאַנגט, אַז די קרבנות און די פּסח־צערעמאָניס זאָלן פאָרקומען נאָר אין קיניגלאַכן בית־המקדש אין ירושלים, 3) האָט פאַרגעשריבן אָפּצושאַפן אַלע אַטריבוטן פון אַלט־ישראלישן קולט, וואָס האָבן אין זיך געהאַט בולטע סימנים פון געצנדינעריי.

די אַלע פאָדערונגען געפינען מיר אויפן קלאָרסטן אופן אויסגעדריקט אין ספר דברים, אין דעם פינפטן בוך פון חומש, דערהויפּט אין זיין מיטלסטן טייל — פון קאַפּיטל י"ב ביז כ"ו. דער טייל פון בוך טראָגט דעם כאַראַקטער פון געבאָטן, וואָס משה האָט געגעבן ישראלן פאַר זיין אַריינדרינגען אין דעם מערבדיקן ארץ־ישראל. דערביי ווערן — לויט דעם תנך — די געבאָטן גילטיק ניט באַלד, נאָר ערשט דעמאָלט, ווען עס וועט אָנקומען פאַר ישראלן די צייט פון „רו", ד. ה. ווען זיי וועלן זיך פעסט באַזעצן אין זייער לאַנד. לויט דער השקפה פון דעם ספר, איז דערדאָזיקער מאָמענט אָנגעקומען ערשט אין דער מלוכה־צייט פון שלמה, און די פעסטשטעלונג פון אָט דעם מאָמענט דערקלערט זיך דערמיט, וואָס ביז שלמהן איז די ערפילונג פון די געזעצן, וואָס געפינען זיך אין די קאַפּיטלען י"ב ביז כ"ו פון ספר, געווען אוממעגלאַך, ווייל זיי אַלע זיינען ענג פאַרבונדן מיט דער עקזיסטענץ פון אַ צענטראַלן היילקטום, און ווי אַזעלכער ווערט באַטראַכט נאָר דער בית־המקדש, וואָס שלמה האָט אויפגעבויט אויפן באַרג־ציון.

דאָס געזעץ־בוך הייבט זיך אָן (קאַפּ. י"ב) מיט דעם פאַרזאָג צו צעשטערן נאָך דער אייננעמונג פון מערבדיקן ארץ־ישראל אַלע גאָטעס־דינסט־ערטער פון די כנענים, און נאָכן אָנקומען פון דער „רו־צייט" דינען יהוה נאָר אין איין אָרט.

אין דעם אָרט, וואָס ער וועט אויסקלייבן פון צווישן אַלע שבטים. אַזוי ווי דער געזעץ איז, לויטן תנ״ך, געגעבן געוואָרן משהן אויף יענער זייט פון ירדן, קאָן נאָך, פאַרשטייט זיך, אין אים ניט זיין דערמאָנט דאָס וואָרט „ירושלים״, און אַנשטאָט אים קומט דער אויסדרוק: „דער אָרט, וואָס יהוה וועט אויסקלייבן״, און דער אויסדריק חזרט זיך איבער זייער פיל מאָל, ווי אַ וויכטיקע נייס, וואָס איז ביז דעמאָלט געווען אומבאַקאַנט און איז, קענטיק, דער צענטראַלער טייל פון דער גאַנצער געזעצגעבונג. דער געזעץ פאַרבאָט און באַלייגט מיט די האַרבסטע שטראָפן יעדן געצנדינערישן קולט, פאַרלאַנגט, אַז פּסח זאָל אָפּגעריכט ווערן דורך אַלעמען אויף איין אויסגעוויילטן אָרט (קאַפּ. ט״ז), פאַרזאָגט פיל מאָל וועגן דער צעשטערונג פון די מצבות און אשרות און פאַרבאָט צו דינען צו יהוה, אַזוי ווי מען דינט די געצנדינערישע געטער.

דורך פאַרגלייכן די ערציילונג וועגן יאשיהוס רעליג. רעפאָרמען מיט דעם געזעצגעבערישן קאָדעקס דברים י״ב — כ״ו, איז מען געקומען צו דער אַלגעמיין אָנגענומענער הנחה, אַז „דאָס בוך פון דער תורה״, וואָס האָט געגעבן דעם שטויס צו די רעפאָרמען פון יאָר 623, איז געווען דער הויפּט־חלק, דער תוך, פון איצטיקן ספר דברים.

דער פועל־יוצא פון דער נביאי־שער רעפאָרם אין געביט פון קולט.

דורך דעם, וואָס די אָפּהיטונג פון ספר־התורה איז דערקלערט געוואָרן פאַר אַן אַלגעמיינעם חוב, איז ניט נאָר דאָס רעליגיעזע, נאָר אויך דאָס גייסטיקע און געזעלשאַפטלאַכע לעבן פון די בני־ישראל אַוועקגעשטעלט געוואָרן אויף אַנדערע יסודות, און די איינגעפירטע שינויים האָבן געלאָזן אַ טיפן רושם אויפן גאַנצן גאַנג פון אַלטעגליכן לעבן. מען דאַרף האָבן אין זינען, וואָס פאַר אַ ראָלע עס האָט געשפּילט דער קולט אין פאַרצייטיקן פאָלקס־לעבן, כּדי ריכטיק תּופס צו זיין, וואָס פאַר אַן איבערקערעניש אין אַלע פאָלקס־פירונגען עס האָט געדאַרפט אַרויסרופן אַזאַ גרינדלאַכע רעליגיעזע רעפאָרם, ווי די אויבנבאַשריבענע.

מיר וועלן אָנהייבן פון דעם, וואָס אַלע הייליקטימער און מזבחות, אַחוץ דעם ירושלימער בית־המקדש, ווערן צעשטערט. דאָס אַליין האָט שוין אַרויסגערופן דעם אונטערגאַנג פון די געוויינלאַכע צערעמאָניעס און ימים־טובים, וואָס זיינען געווען ענג פאַרבונדן מיט יעדן הייליקטום און זיין קולט, און קודם־כּל האָט דאָס געבראַכט דערצו, עס זאָלן זיך איבערבייטן די אַלטעגלאַכע לעבנס־פירונג און די מנהגים פון פאַמיליען־און געזעלשאַפטלאַכן לעבן. דאָס קוילן בהמות און באַנוצן דאָס פלייש צום עסן איז פאַר די בני ישראל געווען אַ רעליגיעזער אַקט, ווייל יעדע געטויטע בהמה איז אין דערזעלביקער צייט שוין אויך געווען אַ קרבן. דער עלטסטער פון דער משפחה פלעגט אויספירן די צערעמאָניע פון קוילן. עס פאַרשטייט זיך, אַז וויבאַלד מען האָט צעשטערט אַלע אָרטיקע מזבחות, האָט מען מער ניט געקאָנט פאַרלאַנגען פון די איינוואוינער פון יהודה, זיי זאָלן יעדעס מאָל, ווען דער מנהג אָדער די מידה פון הכנסת־אורחים פאָדערן, מען זאָל דערלאַנגען פלייש (זע בראשית י״ח 7), גיין מיט די קרבן־בהמות און מיט דער גאַנצער יום־טובדיקער פּראָצעסיע קיין ירושלים,

וואָס נאָר דאָרט האָט געקאָנט פאָרקומען, לויטן נייעם געזעץ, די צערעמאָניע פון קרבנות=ברענגען. אויף אַזאַ אופן האָט די צענטראַליזירונג פון קולט אין ירושלימער בית=המקדש, נאַטירלאַך, געמוזט פירן דערצו, אַז מען זאָל ערלויבן קוילן שאָף אויך ניט פאַר אַ קרבן (דברים י״ב 15). דאָס קוילן הערט אויף צו זיין אַ רעליגיעזער אַקט, און במילא פאַרלירן די מאָלצייטן זייער אַמאָליקן רעליגיעזן כאַראַקטער „פון עסן און טרינקען און משמח זיין זיך פאַר יהוה" *).

די שפּאַלטונג צווישן דער אמונה און דעם פאָלקס-לעבן.

די איינפירונג פונם ניט=ריטועלן קוילן האָט געבראַכט, פאַרשטייט זיך, דערצו, אַז עס זאָל וויניקער ווערן די צאָל פון די קרבנות: דורך דעם, וואָס עס זיינען פאַרבאָטן געוואָרן די אָרטיקע קולטן און בטל געוואָרן די אָרטיקע יום=טובים, האָט זיך די צאָל פון די ימים=טובים גופא נאַטירלאַך געמוזט פאַרקלענערן; אין דערזעלבער ריכטונג האָט געווירקט די נייטיקייט צו גיין קיין ירושלים צוליב יעדן קרבן. דער אויסגערעכנטער, פּראַקטישער פאַמיליענמענטש פלעגט געוויס ניט איין מאָל איבערטראַכטן און איבעררעכענען אַלע שוועריקייטן און הוצאות פון דער לאַנגער נסיעה, איידער ער האָט זיך באַשלאָסן צו פאָרן קיין ירושלים. אויף אַזאַ אופן, האָט זיך דער קולט פון קרבנות, וואָס איז געווען אַזוי ענג פאַרבונדן מיט די ערשיינונגען פון אַלטעגלאַכן הויז=לעבן, אָפּגעריסן פון אים. אַלע פרייוויליקע קרבנות פאַסן זיך צו געוויינלאַך צו די יום=טובים, ווען עס איז אויף יעדן פאַל אַ חוב צו קומען אין בית=המקדש — און דורך דעם ווערט דורכגעפירט אַ שאַרפע גרעניץ צווישן פשוטן אַלטעגלאַכן לעבן און דער יום=טוב צייט, צווישן דער וואָכעדיקער און יום=טובדיקער שטימונג. דאָס צייכנט אָן אַ שפּאַלטונג צווישן דעם אַלטעגלאַכן לעבן און דער אמונה, וואָס זיינען פריער געווען ענג פאַרפלאָכטן מיט אַנאַנד.

די באַדייטונג פון די יעריקע יום-טובים.

דורך דעם איז גרעסער געוואָרן די באַדייטונג פון די דריי גרויסע יעריקע יום=טובים, וואָס האָבן איצט באַקומען דעם כאַראַקטער פון נאַציאָנאַלע ימים-טובים. זיי האָבן געדאַרפט צונויפקלייבן אַלע בני-ישראל אַרום דעם מזבח פון יהוה אין ירושלים. דאָס רעליגיעזע געבאָט, וואָס איז באַשטאַנען נאָך פון פאַרצייטן, אַז יעדער מאַן פון פאָלק זאָל דריי מאָל אין יאָר קומען פאַרן געזיכט פון יהוה (שמות כ״ג, 17), ווערט איצט דערגאַנצט אין דעם זין, אַז דער עולה=רגל=זיין מוז פאָרקומען נאָר קיין ירושלים (דברים ט״ז, 16). לייכטער פון אַלץ האָט דאָס געבעט געקאָנט אויסגעפירט ווערן אין די האַרבסט-ימים-טובים. דער מנהג צו האַלטן יום-טוב צום סוף פון דער פירות= און וויינטרויבן-זאַמלונג ערגעץ-וואו ביי אַ וויכטיקן הייליקן טעמפל — איז געווען זייער אַן אַלטער, און ווי עס ווייזט אויס, האָבן די איינוואוינער פון יהודה אָפּגעריכט געוויינלאַך דעם יום-טוב אין ירושלים שוין אין דער

---

*) דערמיט דערקלערט זיך, וואָס אויף די שמחות ווערט ערלויבט די „אומריינע" אין ריטועלן זין צונויפצוקומען זיך מיט „ריינע" (דברים י״ב, 15) — ווייל אויף דעם אַקט, וואָס ווערט פון איצט אָן אַ וועלטלאַכער, איז ניט חל מער דער רעליגיעזער איסור.

צייט פון ישעיהו. נאָר בנוגע צום יום-טוב פון שניט (חג הקציר) און צו פסח האָט דער נייער געזעץ אויפגעטאָן עפּעס אַ נייע זאַך, וואָס איז געווען שווער אויסצופירן. אין דער אמתן, ווי האָט מען געקאָנט פאַרלאַנגען פון דעם ערד-אַרבעטער, ער זאָל אין אָנהייב פון דער שניט-צייט פאַרלאָזן אויף עטלעכע טעג זיין פעלד? דערפאַר באַגענוגנט זיך דער געזעץ דערמיט, וואָס ער פאַרלאַנגט נאָר, אַז דער קרבן-פסח זאָל געבראַכט ווערן „אויף יענעם איינציקן אָרט", און ערלויבט אומצוקערן זיך אויפן צווייטן טאָג אַהיים און אָפּריכטן דעם יום-טוב פון מצות אויפן אָרט (דברים ט"ז 7).

אין איין פּרט האָבן די ימים-טובים נאָך ניט אָנגעוואָרן זייער פריער-דיקן כאַראַקטער, וואָס זיי האָבן געהאַט, איידער עס איז איינגעפירט געוואָרן דער ספר-התורה, און האָבן זיך שטאַרק אונטערגעשיידט פון די ימים-טובים פון די שפּעטערדיקע דורות. אין די גרויסע יום-טובים גיסט זיך דאָס פאָלק ניט צונויף אין איין יום-טובדיקער פאַרזאַמלונג, וואָס אין איר נאָמען ווערן געבראַכט אַלגעמיינע קרבנות. די נייס איז באַשטאַנען נאָר דערין, וואָס די פאַמיליען-אָדער געמיינדע-קרייזן, וועלכע פלעגן זיך אויך פריער פאַראייניקן צו די יום-טובדיקע שמחות און צום יום-טוב-קולט, זיינען זיך פון איצט אָן צונויפגעקומען קיין ירושלים, אָבער דערביי האָבן זיי אינגאַנצן אָפּגעהיט זייער אָפּגעזונדערטקייט און זעלבשטענדיקייט: דער דאָרפס-מאַן פון חברון, בית-לחם אָדער גבע, וואָס האָט פריער אָפּגעריכט דעם יום-טוב פון פּירות-זאַמלונג אין דער סביבה פון זיין פאַמיליע און פריינט ביי זיך אינדערהיים, ריכט אים אָפּ איצט אין דערזעלביקער סביבה אין ירושלים. אַלע ריכטן אָפּ דערווייל דעם יום-טוב אין איין אָרט, אָבער ניט צוזאַמען, — און נאָר פאַמעלאַך, האַנט ביי האַנט מיט דעם גאַנצן איבערבויען פון נאַציאָ-נאַלן לעבן, ווערט די ביז איצט נאָר געאָגראַפיש פאַראייניקטע יום-טוב-פייע-רונג, צו אַן אַלגעמיינער פאַראייניקטער יום-טוב-פאַרזאַמלונג פון דער שפּע-טערדיקער יידישער עדה מיט די אַלגעמיינע פאָלקס-קרבנות.

אַן איבערקע-רעניש אין דער גייסטיקער פיזיאָנאָמיע פון ישראל.

ניט נאָר אין געביט פון קולט זיינען פאָרגעקומען גרויסע שינויים אַדאַנק דעם אָפּשאַפן פון די הויכעניש און דעם צעשטערן פון די הייליק-טימער. די ראָל פון דידאָזיקע הייליקטימער איז ניט געווען אַ ריינע קולט-זאַך: די שותּפישע קרבנות און די תּפילות-בצבור, די אַלגעמיינע לעגענדע וועגן הייליקטום און וועגן זיין אַנטשטייאונג, האָבן געדינט פאַרן גרעסטן כוח, וואָס האָט פאַראייניקט די איינוואוינער פון דעם דאָרף אָדער פון דער גאַנ-צער געגנט. אַלע אָרטיקע מנהגים און טראַדיציעס, האָבן זיך געפונען אונ-טערן שוץ פון הייליקטום. זיינע כהנים האָבן געזאָרגט דערפאַר, אַז אַלץ, וואָס די עלטערן האָבן איבערגעלאָזט בירושה, זאָל אָפּגעהיט ווערן אויך דורך די קינדער. און פּלוצלונג איז דאָס אַלץ בטל געוואָרן: דער אַוטאָריטעט פון די כהנים איז אינגאַנצן צו נישט געוואָרן. דער איינציקער מקור, פון וואַנען מען קאָן איצט דערגיין, וואָס איז אָנגענעם פאַר יהוה, ד. ה. ווי איז דער ריכטיקער אָנערקענטער מנהג אין ישראל, — איז דאָס בוך און די קיניגלאַכע כהנים אין ירושלים. די אַלטע כהנים, וואָס זיינען נאָך געווען געטרייע און

זיכערע עצה=געבער פון די אָבות, וועלכע האָבן זייערע ידיעות באַקומען בירושה, אפשר, פון די גרעסטע פאַרצייטיקע חכמים, זיינען אראָפּ פון דער סצענע און לגמרי באַזייטיקט געוואָרן פון יעדער ווירקונג אויפן אָרטיקן לעבן, און זיינען אַוועקגעשטעלט געוואָרן אויף דער מדרגה פון שטוב=מענטשן ביי די כהנים פון ירושלימער בית=המקדש (דברים י"ז 8; י"ח 7).

די שאפונג פון נייע רעטונגס=ערטער.

אין דעם אַלטן סדר פון געריכט זיינען אויך אַיינגעפירט געוואָרן נייע וויכטיקע שינויים. אַלע הייליקטימער, וואָס יאשיהו האָט אין יאָר 623 צעשטערט, זיינען פאַר איינס געווען אויך רעטונגס=ערטער: ביים מזבח האָט יעדערער, וואָס האָט געטויט אַ מענטשן, געזוכט רעטונג פון דער בלוטיקער נקמה, ביז דער בית-דין פון די זקנים האָט אויסגעפאָרשט, צי דער פאַרברעכער האָט מיט אַ כיוון באַגאַנגען דאָס פאַרברעכן, און צי דאַרפן זיי אים איבערגעבן די קרובים פון דעם געטויטן, די נקמה-נעמער פאַר דעם פאַרגאָסענעם בלוט. דער נייער געזעץ וויל אָבער, אַז די גערעכטע באַגרעניצונג פון דער בלוט-נקמה זאָל ניט אונטערגיין נאָך דער צושטערונג פון די טעמפּלען און מזבחות, און דערפאַר שרייבט ער פאָר (דברים קאַפּ. יט), אַז אין פאַרשיידענע געגנטן פון ארץ=ישראל זאָלן אויסגעטיילט ווערן דריי באַזונדערע שטעט, אַלס רעטונגס-שטעט (ערי=מקלט), וועלכע זאָלן פון איצט אָן שפּילן די ראָל, וואָס עס האָבן ביז איצט געשפּילט די אַלע מזבחות און פאַרשיידענע הייליקטימער אין לאַנד.

דער „ספר התורה" — די ערשטע הייליקע שריפט.

דאָס, וואָס דער ספר דברים איז געוואָרן אָנערקענט פאַר אַ מלוכה=געזעץ, איז געווען אַ פּרוב צו גרינדן דורך צוואַנג=מיטלען די „מלוכה פון גאָט", וואָס וועגן איר האָבן אָן אויפהער גערעדט די נביאים. דורך דעמדאָזיקן געזעץ זיינען פאַר דעם פאָלק ישראל, אַלס גאַנצן, אַוועקגעשטעלט געוואָרן גאַנץ נייע צילן, — ניט פּאָליטישע, נאָר רעליגיעזע, און זייער אויסדרוק האָבן זיי געפונען אין דעם געשריבענעם ווילן=אויסדרוק פון גאָט. און אין דעם זין קאָן מען זאָגן, אַז די רעפאָרמען פון יאָר 623 לעבן נאָך אויך איצט, ווייל דורך דעם, וואָס דאָס בוך איז אָנגענומען געוואָרן ווי אַ גייסטיקע אויטאָריטעט אין רעליגיעזע פראַגן פאַר אַ גאַנצן פאָלק, איז באַשאַפן געוואָרן דער באַגריף פון אַ הייליקער שריפט.

Stade—Geschichte des Volkes Israel I. 1887.

XXIII. דער ספר התורה.

דער גרונד=געזעץ פון ספר=התורה.

דאָס זיינען די געזעצן און געבאָטן, וואָס איר, כל=זמן איר לעבט אויף דער ערד, דאַרפט איר אָפּהיטן אין יענעם לאַנד, וואָס יהוה, דער גאָט פון דיינע עלטערן, האָט דיר געגעבן:

צעשטערט ביזן גרונד אַלע ערטער, וואו די פעלקער, וועלכע איר וועט פאַרטרייבן, האָבן געדינט זייערע געטער, אויף די הויכע בערג, אויף די בערגלאַך און אונטער יעדן צווייגיקן בוים. צעשטערט די מזבחות זייערע און

צעברעכט זייערע מצבות, האַקט אויס די אשרות און פאַרברענט די בילדער פון זייערע געטער, און מעקט אויס דעם זכר זייערן פון יענע ערטער. איר דאַרפט זיך ניט פירן לויט זייער שטייגער בנוגע צו יהוה, אייער גאָט; נייערט אין יענעם אָרט אַליין, וואָס יהוה, אייער גאָט, וועט אויסקלייבן פון אַלע אייערע שבטים, אַז דאָרטן זאָל רוען זיין נאָמען,—דאָרט זאָלט איר אים זוכן, אַהין ברענגט אייערע עולות און אייערע קרבנות און אייערע מעשרות און אייערע נדבות און אייערע נדרים און די ערשט-געבאָרענע פון אייערע רינדער און שאָף. און איר זאָלט עסן פאַר יהוה, אייער גאָט, און פרייט זיך מיט אַלץ, וואָס איר האָט זיך פאַרשאַפט דורך אייער אַרבעט, איר און אייער הויזגעזינד, מיט אַלץ, וואָס עס האָט דיך געבענטשט יהוה, דיין גאָט.

איר דאַרפט זיך ניט פירן אַזוי ווי מיר פירן זיך איצט דאָ; יעדערער ווי עס געפעלט אים. דען עס איז נאָך פאַר אייך ניט אָנגעקומען די צייט פון רואיקער הערשאַפט איבער דער נחלה, וואָס יהוה, דיין גאָט, האָט דיר געגעבן. אָבער ווען איר וועט איבערגיין דעם ירדן און וועט זיך באַזעצן אין דעם לאַנד, וואָס יהוה, אייער גאָט, גיט אייך פאַר אַ נחלה, און ווען ער וועט אייך לאָזן רוען פון אַלע אייערע פיינד, וואָס אַרום אייך, און איר וועט לעבן זיכער, — דאַן זאָל יענער אָרט, וואָס יהוה, אייער גאָט, וועט אויסקלייבן, אַז דאָרטן זאָל רוען זיין נאָמען, זיין אויך דער איינציקער, וואו אַהין איר ברענגט אַלץ, וואָס איך פאַרזאָג אייך: אייערע עולות און אייערע קרבנות, אייערע מעשרות און נדבות, און אַלע אייערע אויסגעקליבענע נדרים, וואָס איר זאָגט צו פאַר יהוה. און איר זאָלט זיך פרייען פאַר יהוה, אייער גאָט, איר און די זין אייערע און די טעכטער אייערע און די קנעכט אייערע און די דינסטן אייערע און דער לוי, וואָס לעבט אין אייערע וואוין=ערטער, ווייל ער האָט ניט קיין ערד=נחלה און קיין אייגנס צווישן אייך.

די ערלויבעניש צו קוילן בהמות ניט פאַר קרבנות

היט זיך צו ברענגען דיינע עולות אין אַ וואָסער עס איז אָרט, וואו דיר וועט איינפאַלן. נייערט אין דעם אָרט, וואָס יהוה וועט אויסקלייבן אין איינעם פון דיינע שבטים, זאָלסטו ברענגען דיינע עולות און דאָרט זאָלסטו טאָן אַלץ, וואָס איך פאַרזאָג דיר.

דו טאָרסט ניט עסן אין דיינע ווייגערטנער דעם מעשר פון דיין ברויט און דיין וויין און דיין בוימל און די ערשט-געבאָרענע פון דיינע רינדער און שאָף און אַלע דיינע נדרים, וואָס דו וועסט צוזאָגן, און די נדבות דיינע און דיינע מתנות. דאָס קאָנסטו עסן נאָר פאַר יהוה, דיין גאָט, אין יענעם אָרט, וואָס יהוה, דיין גאָט, וועט אויסקלייבן, — דו און דיין זון און דיין טאָכטער און דיין קנעכט און דיין דינסט און דער לוי, וואָס אין דיינע וואוין=ערטער; און פריי זיך פאַר יהוה, דיין גאָט, מיט אַלץ, וואָס דו האָסט זיך אָנגעשאַפט דורך דיין אַרבעט. זע, פאַרגעס ניט וועגן דעם לוי, כּל=זמן דו וועסט לעבן אויף דיין לאַנד. ווען אָבער יהוה, דיין גאָט, וועט פאַרברייטערן דיינע גרעניצן, לויט זיין צוזאָג, און דו וועסט זאָגן: איך וואָלט וועלן עסן פלייש, ווייל דיר וועט זיך פאַרוועלן עסן פלייש, דאַן קענסטו, לויט דיין ווילן, עסן פלייש. אויב יענער אָרט, וואָס יהוה, דיין גאָט, וועט אויסקלייבן, אַז דאָרטן זאָל

רוען זיין נאָמען, וועט זיין צו ווייט פון דיר, טאָ קוילע (ווי איך האָב דיר פאַרזאָגט) פון דיינע שאָף און רינדער, וואָס יהוה האָט דיר געגעבן, און עס אין דיינע וואוין-ערטער, וויפל דיין האַרץ געלוסט. נאָר עס זיי אַזוי, ווי מען עסט אַן אינד און אַ הירש; דער אומריינער ווי דער ריינער קענען עס עסן. נאָר היט זיך שטרענג אָפּ פון צו עסן בלוט, ווייל בלוט — איז דאָס לעבן; עס ניט דאָס לעבן צוזאַמען מיטן פלייש. עס דאָס ניט, גיס דאָס אויס אויף דער ערד, ווי וואַסערן. עס דאָס ניט, כּדי עס זאָל גוט זיין דיר און די קינדער דיינע נאָך דיר, ווען דו וועסט טאָן דאָס, וואָס איז וואוילגעפעלן אין יהוהס אויגן. נאָר די הייליקע מתּנות דיינע, וואָס עס וועלן זיין ביי דיר, דיינע נדרים נעם מיט זיך און גיי אין דעם אָרט, וואָס עס וועט אויסקלייבן יהוה. און ברענג דיינע עולות, דאָס פלייש און בלוט אויפן מזבח פון יהוה, דיין גאָט, און דאָס בלוט פון דיינע אַנדערע קרבּנות זאָל אויסגעגאָסן ווערן אויפן מזבח פון יהוה, דיין גאָט, דאָס פלייש אָבער עס.

היט אָפּ און פיר אויס אַלע געבאָטן, וואָס איך פאַרזאָג דיר איצט, כּדי עס זאָל גוט זיין דיר און דיינע קינדער נאָך דיר אויף אייביק, ווען דו וועסט טאָן דאָס, וואָס איז גוט און רעכט אין די אויגן פון יהוה, דיין גאָט.

געזעץ וועגן די ימים-טובים.

היט אָפּ דעם חודש אביב און ריכט אָפּ דעם פּסח פאַר יהוה, דיין גאָט, וואָרים אין חודש אביב האָט דיך יהוה, דיין גאָט, ביינאַכט אַרויסגעפירט פון מצרים. און שעכט אַ קרבּן פּסח פאַר יהוה, דיין גאָט, שעפּסן און רינדער אין דעם אָרט, וואָס יהוה וועט אויסקלייבן צו לאָזן רוען זיין נאָמען דאָרט. ניט עס מיטן קרבּן פּסח קיין געזייערטעס; זיבן טעג עס מיט אים מצות, ברויט פון פּיין, ווייל אין איילעניש ביסטו אַרויס פונם לאַנד מצרים, כּדי דו זאָלסט געדענקען דעם טאָג פון דיין אַרויסגאַנג פון מצרים אַלע טעג פון דיין לעבן. און עס זאָל ניט געזען ווערן ביי דיר קיין איינגעזייערטעס אין אַלע דיינע וואוין-ערטער אין משך פון זיבן טעג, און פון דעם פלייש, וואָס דו האָסט געבראַכט פאַר אַ קרבּן אינם אָוונט פונם ערשטן טאָג, דאַרף קיינזאַך ניט בלייבן ביז אינדערפרי. דו טאָרסט ניט ברענגען דעם קרבּן פּסח אין איינעם פון דיינע וואוין-ערטער, וואָס יהוה, דיין גאָט, וועט דיר געבן, נאָר אין יענעם אָרט, וואָס יהוה, דיין גאָט, וועט אויסקלייבן צו לאָזן רוען דאָרט זיין נאָמען — דאָרט ברענג דיין קרבּן פּסח, אינאָוונט ביי זונען-אונטערגאַנג, אין דערזעלביקער צייט, ווען דו ביסט אַרויס פון מצרים. און קאָך און עס דעם קרבּן פּסח אין יענעם אָרט, וואָס עס וועט אויסקלייבן יהוה, דיין גאָט, און אויפן אַנדערן טאָג קענסטו אויפשטיין און לאָזן זיך אַהיים. זעקס טעג עס ניט קיין געזייערטע ברויט און דעם זיבעטן טאָג — איז אַ יום-טוב-פאַרזאַמלונג לכּבוד יהוה, דיין גאָט: טו ניט קיין אַרבעט.

זיבן וואָכן צייל זיך אָפּ פון יענער צייט, ווען דער סערפּ וועט צוערשט דורכגיין איבער די זאַנגען, זאָלסט אָנהייבן ציילן זיבן וואָכן *). און דערנאָך

*) אין ארץ-ישראל ענדיקט זיך דער שניט פון ווייץ אין זיבן וואָכן אַרום נאָכן אָנהייב פון גערשטן-שניט. דער יום-טוב פון מצות איז אויף אַזאַ אופן די שמחה פון אָנהייב שניט, דער יום-טוב שבועות — פון סוף שניט.

ריכט אָפּ דעם יום־טוב שבועות פאַר יהוה, דיין גאָט, מיט פרייוויליקע מתנות, וועלכע דו וועסט געבן, לויט ווי עס וועט דיך בענטשן יהוה, דיין גאָט. (און דו זאָלסט זיך פרייען פאַר יהוה, דיין גאָט, דו און דיין זון און דיין טאָכטער און דיין קנעכט און דיין דינסט און דער לוי, וואָס אין דיינע וואוין־ערטער און דער אָנגעקומענער און דער יתום און די אלמנה, וואָס לעבן צווישן דיר אין דעם אָרט, וואָס יהוה, דיין גאָט, וועט אויסקלייבן צו לאָזן רוען זיין נאָמען. געדענק וועגן דעם, אַז דו ביסט געווען אַ קנעכט אין לאַנד מצרים, און היט אָפּ און פיר אויס אָט די חוקים.

דעם יום־טוב סוכות ריכט אָפּ אין משך פון זיבן טעג, ווען דו וועסט אויפקלייבן פון דיין שפייכלער און פון דיין קעלטער. און דו זאָלסט זיך פרייען אין דעם יום־טוב, דו און דיין זון און דיין טאָכטער און דיין קנעכט און דיין דינסט און דער לוי און דער גר און דער יתום און די אלמנה, וועלכע זיינען אין דיינע וואוין־ערטער. זיבן טעג ריכט אָפּ דעם יום־טוב פאַר יהוה, דיין גאָט, אין דעם אָרט, וואָס יהוה, דיין גאָט, וועט אויסקלייבן. ווייל יהוה, דיין גאָט, וועט דיך בענטשן מיט אַלץ, וואָס עס ברענגט דיר דיין פעלד און אין יעדער טואונג דיינער, און דעריבער מאַך דיך נאָר פריילאַך.

דריי מאָל אין יאָר דאַרף דער גאַנצער מענלאַכער מין ערשיינען פאַרן געזיכט פון יהוה, דיין גאָט, אין דעם אָרט, וואָס ער וועט אויסקלייבן: אין יום־טוב פון מצות, אין יום־טוב פון שבועות, אין יום־טוב סוכות; און קיינער זאָל ניט קומען פאַרן געזיכט פון יהוה מיט ליידיקע הענט. נאָר יעדערער זאָל קומען מיט אַ געשאַנק, לויט דער ברכה פון יהוה, דיין גאָט, וואָס ער האָט דיר געגעבן.

פלאַנץ דיר ניט אַיין קיין הייליקן בוים ביים מזבח פון יהוה, דיין גאָט, וואָס דו וועסט אויפבויען, און שטעל ניט קיין מצבה, ווייל דאָס האָט פיינט יהוה, דיין גאָט.

עס זאָל ניט זיין ביי די כהנים—די לויים [פון גאַנצן שבט לוין] *) קיין ערד־נחלה און קיין ירושה־אייגנטום, ווי ביי די איבעריקע בני־ישראל. זייער שפייז זאָלן זיין די קרבנות פון יהוה, און דאָס וואָס וועט אים אָפּגעגעבן. [נאָר קיין ירושה־אייגנטום זאָל ניט זיין ביי אים צווישן זיינע ברידער; יהוה אַליין איז זיין נחלה, ווי ער האָט אים געזאָגט]. אָט וואָס עס דאַרף באַשטימט זיין פאַר די כהנים דורכן פאָלק, דורך די, וואָס ברענגען פאַר אַ קרבן אַן אָקס אָדער אַ שעפּס: זיי דאַרפן אָפּגעבן דעם כהן דעם פאָדערשטן פוס, די באַקן און דעם מאָגן. אויך דאָס ערשט־געבוירענע פון דיין ברויט, פון דיין

---

*) אין ספר־התורה באַטייט דער נאָמען „לוי" דאָסזעלביקע, וואָס דער נאָמען „כהן". זע אויבן די ביבל. ערציילונג וועגן פסל מיכה ז. 59. דער אויסדרוק „שבט לוי", וואָס דאַרף באַצייכענען אַ גאַנצן קלאַס פון דינער אין בית־המקדש, וואו דידאָזיקע התמנות גייט איבער בירושה פון פאָטער צו די קינדער, קומט ערשט אויף שפּעטער און איז, קענטיק, ערשט שפּעטער אַריינגעשטעלט געוואָרן אין „ספר־התורה". דערווייל שטעלן די לויים פאָר נאָר אַ באַשטימטע פּראָפעסיאָנעלע גרופּע.

ווײַן, פון דײַן בוימל און די ערשטע וואָל פון דײַנע שעפּסן גיב אים אָפּ. [דען אים האָט אויסגעקליבן יהוה, דײַן גאָט, פון אַלע דײַנע שבטים, אַז ער זאָל שטיין און דינען אין יהוהס נאָמען, ער און זײַנע זין אַלע צײַטן]. און אויב עס וועט קומען אַ לוי פון איינעם פון דײַנע וואוין־ערטער, וואָס געפינען זיך אין גאַנץ ארץ־ישראל, וואו ער האָט געלעבט ביז איצט *), אין דעם אָרט, וואָס עס וועט אויסקלײַבן יהוה — און קומען אַהין האָט ער די פרײַהייט — קאָן ער דאָרטן דינען אין נאָמען פון יהוה, זײַן גאָט, ווי אַלע זײַנע ברידער די לויים, וואָס שטייען דאָרט פאַר יהוהן, און זאָל אויף אַ גלײַכן חלק זיך באַטייליקן אין די הכנסות.

דער פאַרבאָט פון כּישוף.

ווען דו וועסט קומען אין לאַנד אַרײַן, וואָס יהוה, דײַן גאָט, גיט דיר, טו ניט נאָך די מיאוסקייטן, וואָס עס האָבן געטאָן יענע פעלקער: עס דאַרף ניט זײַן צווישן דיר קיין מאַן, וואָס זאָל דורכפירן זײַן זון אָדער טאָכטער דורכן פײַער **), ניט קיין שטראָפער, ניט קיין טרעפער, ניט קיין אויסוואָרפער, ניט קיין וואונדערמאַכער, ניט קיין וואָרזיידער, ניט דער וואָס רופט אַרויס גייסטער, ניט קיין בעל־מופת, ניט דער וואָס רופט אַרויס טויטע. דען עס איז מיאוס אין יהוהס אויגן יעדערער, וואָס טוט דאָס, און אָט פאַר די מיאוסקייטן פאַרטרײַבט זיי יהוה, דײַן גאָט, פאַר דיר. זײַ געטרײַ צו יהוה, דײַן גאָט. ווײַל די פעלקער, וועלכע דו טרײַבסט אַרויס, הערן צו די טרעפער און פאָראויסזאָגער, דיר אָבער ערלויבט דאָס ניט יהוה, דײַן גאָט.

וועגן די נביאים און פאַלשע נביאים.

אַ נביא וועט שיקן דיר יהוה, דײַן גאָט, פון דײַנע פאָלקס־ברידער, גלײַך ווי איך, אים הערט צו. און עס וועט זײַן, אַזוי ווי דו האָסט געבעטן בײַ יהוה, דײַן גאָט, אין דעם טאָג פון דײַן פאַרזאַמלונג בײַ חורב, אַזוי צו זאָגן: איך וויל ווײַטער ניט הערן דעם קול פון יהוה, מײַן גאָט, און זען דעם שרעקלאַכן פײַער, כּדי איך זאָל ניט שטאַרבן. און יהוה האָט מיר דעמאָלט געזאָגט: זיי האָבן ריכטיק גערעדט. איך וועל זיי שיקן אַ נביא פון זייערע פאָלקס־ברידער, אַזעלכן ווי דו, און איך וועל אַרײַנגעבן מײַנע ווערטער אין זײַן מויל, און ער וועט צו זיי ריידן אַלץ, וואָס איך וועל אים הייסן. און עס וועט זײַן, ווער עס וועט ניט הערן זײַנע ווערטער, וואָס ער וועט ריידן אין מײַן נאָמען, וועל איך מיט יענעם זיך רעכענען. אָבער דער נביא, וואָס וועט זיך דערוועגן צו ריידן אין מײַן נאָמען דאָס, וואָס איך האָב ניט געהייסן ריידן, אָדער וואָס וועט ריידן אין נאָמען פון אַנדערע געטער, אַזאַ נביא מוז שטאַרבן. און ווען דו וועסט זיך פרעגן: ווי זאָלן מיר וויסן, וואָס יהוה האָט ניט גערעדט? — (טאָ וויס): ווען דער נביא וועט ריידן אין נאָמען פון יהוה, אָבער זײַן נבואה וועט ניט זײַן און ניט מקויים ווערן, האָט דאָס ניט יהוה געזאָגט, דער נביא אַליין האָט דאָס געזאָגט — דו האָסט דאַן ניט, פאַרוואָס מורא צו האָבן.

---

*) דאָ רעדט זיך וועגן די, וועלכע האָבן ביז דאַן געפירט דעם גאָטעס־דינסט בײַ די אָפּגעשאַפטע אָרטיקע הייליקטימער.

**) „די דורכפירונג דורכן פײַער" האָט געהערט צום קולט פון דעם פעניקישן בעל, מלך (מֹלך)

ווען יהוה, דיין גאָט, וועט פאַרטיליקן די פעלקער, וואָס זייער לאַנד גיט דיר יהוה, דיין גאָט, און דו וועסט עס פאַרנעמען נאָך זיי און דו וועסט זיך באַזעצן אין זייערע שטעט און אין זייערע הייזער, — דאַן טייל זיך אויס דריי שטעט אין דיין לאַנד, וואָס יהוה, דיין גאָט, גיט דיר פאַר אַ נחלה. דו דאַרפסט אַהינצו דורכפירן אַ וועג און צעטיילן דיין גאַנץ לאַנד, וואָס יהוה, דיין גאָט, האָט דיר געגעבן פאַר אַ נחלה, אויף דריי טיילן. דאָס אַלץ דאַרף זיין צוליב דעם, אַז יעדער רוצח זאָל קענען אַנטרונען ווערן אַהין. און אָט וואָסער רוצח עס קאָן אַנטלויפן אַהינצו און בלייבן לעבן: ווער עס וועט טויטן זיין חבר ניט ווילנדיק, ניט זייענדיק אים קיין פיינד. אַשטייגער, ווען ער וועט גיין מיט זיין חבר אין וואַלד אַריין האַקן האָלץ, און עס וועט זיך אויסשטרעקן זיין האַנט מיטן האַק אויסצוהאַקן אַ בוים און דאָס אייזן וועט אָפּשפּרינגען פון האָלץ און טרעפן דעם חבר און וועט אים טויטן — אַזעלכער זאָל אַנטלויפן אין איינע פון יענע שטעט און זאָל בלייבן לעבן. עס זאָל דער נקמה-נעמער פון בלוט (גואל) היציקערהייט ניט נאָכיאָגן זיך נאָכן רוצח און ניט כאַפּן אים, וויבאַלד דער וועג *) וועט זיין ווייט, און ער זאָל אים ניט טויטן. אים קומט ניט קיין טויט, ווייל ער איז פריער ניט געווען אים קיין פיינד. דערפאַר גיב איך דיר אָט דעם פאַרזאָג: טייל זיך אויס דריי שטעט.

ווען אָבער יהוה, דיין גאָט, וועט פאַרברייטערן דיינע גרעניצן, ווי ער האָט געשוואָרן דיינע עלטערן, און וועט דיר געבן דאָס גאַנצע לאַנד, וואָס ער האָט צוגעזאָגט דיינע עלטערן צו געבן, אויב דו וועסט זען צו ערפילן אַלע פאַרזאָגן, וועלכע איך גיב דיר איצט, ליב האָבן יהוהן, דיין גאָט, און גיין שטענדיק אין זיינע וועגן — דאַן גיב צו צו די דריי שטעט נאָך דריי שטעט, כדי עס זאָל ניט פאַרגאָסן ווערן קיין אומשולדיק בלוט אין דיין לאַנד, וואָס יהוה, דיין גאָט, גיט דיר פאַר אַ נחלה, און כדי עס זאָל אויף דיר ניט פאַלן די בלוטיקע שולד. אויב עס וועט אָבער זיין עמיצער, וואָס האָט פיינט זיין חבר, און ער וועט אויף אים לאָקערן און שלאָגן אים צו טויט, און דערנאָך וועט ער אַנטלויפן אין איינער פון די שטעט, — דאַן זאָלן די זקנים פון זיין שטאָט שיקן און אים צונעמען פון דאָרטן און איבערגעבן אין די הענט פון דעם נקמה-נעמער פאַרן בלוט, ער זאָל אים טויטן. זאָלסט אים ניט שוינען. וואַש אָפּ פון ישראל דאָס אומשולדיקע בלוט, און דיר וועט גוט זיין.

געזעצן וועגן ריכטיקן משפט.

זאָל ניט גענוג זיין איין עדות צו באַשולדיקן עמיצן אין אַ פאַרברעכן אָדער חטא, אָדער אין אַ זינד, וואָס איינער באַגייט. לויט דעם באַווייז פון צוויי אָדער דריי עדות האָט די באַשולדיקונג איר קראַפט. ווען עס וועט אַרויסטרעטן קעגן וועמען עס איז אַ פאַלשער עדות און וועט אים באַשולדיקן אין אַ פאַרברעכן, זאָלן זיך שטעלן די צוויי מענטשן, וואָס האָבן צווישן זיך דעם שטרייט, פאַר יהוה, פאַר די כהנים און פאַר די שופטים, וואָס וועלן זיין

*) דאָ רעדט זיך וועגן דעם וועג צום מזבח, וואָס האָט ביז דאַן געדינט פאַר אַן אָרט פון רעטונג פאַרן רוצח און וואָס איז פון איצט אָן געווען אַן איינאיינציקער — אין ירושלים.

אין יענע טעג, און זאָלן די שופטים גוט אויספאָרשן די זאַך, און אויב עס וועט זיך אַרויסווייזן, אַז יענער עדות איז אַ פאַלשער, אַז ער האָט פאַלש געזאָגט קעגן זיין ברודער, — דאַן טוט אים דאָס זעלבע, וואָס ער האָט געטראַכט צו טאָן זיין ברודער, און אַזוי וועסטו פאַרטיליקן דאָס שלעכטע פון צווישן דיר. און די איבעריקע וועלן דערהערן און וועלן מורא האָבן, און ניט טאָן מער ביי דיר דיזעלבע פאַרברעכן. דו זאָלסט קיינעם ניט שוינען: אַ לעבן פאַר אַ לעבן, אַן אויג פאַר אַן אויג, אַ צאָן פאַר אַ צאָן, אַ האַנט פאַר אַ האַנט, אַ פוס פאַר אַ פוס.

עטישע געבאָטן.

ווען דו וועסט זען אַ פאַרבלאָנדזשעטן אָקס אָדער שעפס פון דיין ברודער, זאָלסטו זיך ניט אָפּקערן פון זיי, נאָר ברענג זיי צוריק צו דיין ברודער. און ווען דיין ברודער וואוינט ווייט פון דיר, באַהאַלט זיי אין דיין הויז, ביז דיין ברודער וועט קומען נאָך זיי, און דו וועסט זיי דעמאָלט אים אָפּגעבן. אַזוי באַדאַרפסטו זיך אויך באַגיין מיט אַן אייזל און מיט אַ קלייד און מיט יעדער זאַך, וואָס דיין ברודער וועט פאַרלירן, און וואָס דו וועסט געפינען. פון קיין זאַך דאַרפסטו זיך ניט אָפּקערן.

ווען דו וועסט זען, אַז דיין ברודערס אייזל אָדער אָקס איז געפאַלן אין וועג, זאָג אים ניט אָפּ אין הילף, נאָר העלף אים אויפשטיין.

ווען עס וועט זיך דיר טרעפן אין וועג אויף אַ בוים אָדער אויף דער ערד אַ נעסט פון אַ פויגל מיט יונגע פייגעלאַך אָדער אייער, און די מוטער זיצט איבער די פייגעלאַך אָדער איבער די אייער, נעם ניט צו די מוטער צוזאַמען מיט די פייגעלאַך, נאָר לאָז אָפּ די מוטער, און די פייגעלאַך קאָנסטו נעמען זיך, כדי עס זאָל דיר גוט זיין, און כדי דו זאָלסט לאַנג לעבן.

דעם קנעכט, וועלכער איז צו דיר אַנטלאָפן פון זיין האַר, גיב ניט אַרויס, זאָל ער בלייבן אין דיין נחלה, אין דעם אָרט, וואָס ער וועט זיך אויסקלייבן, אין איינעם פון דיינע וואוינערטער, וואו אים וועט געפעלן, — באַדריק אים ניט.

מען טאָר ניט נעמען פאַר אַ משכון אַ האַנט-מיל און אויך ניט דעם אויבערשטן שטיין, ווייל דאָס וואָלט הייסן נעמען דאָס לעבן אין משכון.

אויב דו וועסט דיין חבר געבן עפעס אויף באָרג, גיי ניט צו אים אין שטוב אַריין צו נעמען ביי אים אַ משכון. שטעל זיך אָפּ אויפן גאַס און יענער, וועמען דו האָסט געגעבן אויף באָרג, וועט דיר אַרויסטראָגן זיין משכון אויפן גאַס; ווען ער איז אַן אָרימער מענטש, לייג זיך ניט שלאָפן כל-זמן דו האָסט ביי זיך זיין משכון. גיב אים אָפּ צוריק דעם משכון ביזן זונען-אונטערגאַנג, כדי ער זאָל גיין שלאָפן אין זיין קלייד, און דיך בענטשן, — און דו וועסט זיין גערעכט אין די אויגן פון יהוה, דיין גאָט.

אונטערדריק ניט דעם געדונגענעם אַרבעטער, דעם אָרימען און נויט-באַדערפטיקן פון דיינע ברידער אָדער פון די אָנגעקומענע, וואָס לעבן אין דיין לאַנד, אין דיינע וואוין-ערטער. אין דעמזעלביקן טאָג גיב אים אָפּ זיין לוין, איידער די זון וועט אונטערגיין, ווייל ער איז אָרים און גאַרט אים צו באַקו-

מען; ווען ניט, וועט ער זיך קלאָגן פאַר מיר איבער דיר, און דאָס וועט דיר גערעכנט ווערן פאַר אַ זינד.

עלטערן דאַרפן ניט באַשטראָפט ווערן מיט טויט פאַר זייערע קינדער, און קינדער דאַרפן ניט באַשטראָפט ווערן מיט טויט פאַר זייערע עלטערן. יעדערער דאַרף געשטראָפט ווערן מיט טויט פאַר זיינע אייגענע זינד.

משפט ניט אומגערעכט דעם פרעמדן און דעם יתום און ניט נעם בײַ דער אַלמנה איר קלייד אין משכון. געדענק, אַז דו ביסט געווען אַ קנעכט אין מצרים, און יהוה, דיין גאָט, האָט דיך אויסגעלייזט פון דאָרטן: דערפאַר הייס איך דיר אויך באַגיין זיך אַזוי.

ווען דו וועסט שניידן אויף דיין פעלד, און דו וועסט פאַרגעסן אַ גאַרב אויפן פעלד, קער זיך ניט אום אויף צו נעמען אים; זאָל ער בלייבן פאַרן פרעמדן, פאַרן יתום און פאַר דער אַלמנה, כדי יהוה, דיין גאָט, זאָל דיך בענטשן אין אַלע דיינע מעשים. ווען דו וועסט אַראָפּשלאָגן דיינע איילבערטן, קוק ניט אַרום די צווייגן; זאָל זיין דאָס, וואָס איז געבליבן אויף זיי, פאַרן פרעמדן, פאַרן יתום און פאַר דער אַלמנה. ווען דו וועסט אַראָפּנעמען דיינע וויינטרויבן אין דיין וויינגאָרטן, קלייב ניט אַראָפּ נאָכאַמאָל די געבליבענע יאַגדעס; זאָלן זיי בלייבן פאַרן פרעמדן, פאַרן יתום און פאַר דער אַלמנה; און געדענק, אַז דו ביסט געווען אַ קנעכט אין לאַנד מצרים; דערפאַר הייס איך דיר אויך באַגיין זיך אַזוי.

דברים קאַפּיטל י״ב, ט״ז, י״ח—י״ט, כ״א, כ״ד.

XXIV. די נביאים פון 7=טן יאָרהונדערט.

צפניה. יהוהס וואָרט, וואָס איז געווען צו צפניה, דעם זון פון כושי, דעם זון פון גדליה, דעם זון פון אַמריה, דעם זון פון חזקיה; אין דער מלוכה=צייט פון יאשיהו, דעם זון פון אָמון, דעם קיניג פון יהודה.

אַלץ וועל איך אָפּווישן און פאַרטיליקן פון דער ערד — זאָגט יהוה: איך וועל פאַרטיליקן די מענטשן און בהמות, איך וועל פאַרטיליקן די פייגלען פון הימל און די פיש פון ים, איך וועל פאַרלענדן די מענטשן פון דער ערד, זאָגט יהוה. און איך וועל ווענדן מיין האַנט אַנטקעגן יהודה און אַנטקעגן אַלע איינוואוינער פון ירושלים, און איך וועל אויסוואָרצלען פון יענעם אָרט דעם נאָמען פון בעל און דעם נאָמען פון זיינע פריסטער (כהנים) און די, וועלכע בוקן זיך אויף די דעכער פון די הייזער צו דעם חייל פון הימל, און די, וועלכע שווערן זיך אין נאָמען פון יהוה און שווערן זיך אין דערזעלבער צייט אויך מיטן נאָמען פון מלכּם, און די, וועלכע האָבן זיך אָפּגעקערט פון יהוה, האָבן ניט געזוכט יהוה און האָבן ניט נאָכגעפרעגט וועגן אים.

ווערט אַנטשוויגן פאַרן הערשער יהוה! דען עס איז נאָענט דער טאָג

פון יהוה: עס האָט שוין יהוה אָנגעגרייט דעם קרבן, ער האָט שוין געהיי-
ליקט זיינע געבעטענע געסט.

און עס וועט זיין אין יענעם טאָג, זאָגט יהוה, וועט שטיין אַ געוויין אין פיש-טויער, און אַ וויי-געשריי אין דער פאָרשטאָט, און אַ גרויסער קראַכצן אויף די בערג. קלאָגט, ווייל עס וועט פאַרשווינדן דאָס גאַנצע האַנדלס-פאָלק, און עס וועלן פאַרטיליקט ווערן די אַלע, וואָס זיינען איבערגעלאָדן מיט זילבער. און עס וועט זיין אין יענער צייט, וועל איך דורכזוכן ירושלים מיט ליכט און איך וועל באַשטראָפן די, וואָס זיינען פאַרגליווערט געוואָרן אויף זייערע הייוון, און טראַכטן זיך: יהוה קאָן ניט טאָן ניט קיין גוטס, ניט קיין שלעכטס. און זייער רייכקייט וועט אָפּגעגעבן ווערן צום רויב, און זייערע הייזער — אויף פאַרוויסטונג. זיי וועלן אויסבויען הייזער, אָבער זיי וועלן אין זיי ניט וואוינען, זיי וועלן פאַרפלאַנצן וויינגערטנער, אָבער קיין וויין וועלן זיי פון זיי ניט טרינקען.

עס איז נאָענט דער גרויסער טאָג פון יהוה. ער איז נאָענט און ער קומט אָן געשווינד. הערט איר? דער טאָג פון יהוה! ביטער וועט דאַן קלאָגן אַפילו דער גבור! דער טאָג איז אַ טאָג פון צאָרן, אַ טאָג פון ליידן און שרעק, אַ טאָג פון פאַרוויסטונג און צעשטערונג, אַ טאָג פון וואָלקנס און שטורעם-וואָלקנס, אַ טאָג פון חושך ואפלה, אַ טאָג פון שופר-בלאָזן און טרומייטערן, אַנטקעגן די באַפעסטיקטע שטעט און אַנטקעגן די הויכע טורעמס.

און איך וועל אָנשיקן אַ שרעק אויף די מענטשן, און זיי וועלן אומגיין ווי בלינדע, ווייל קעגן יהוה האָבן זיי געזינדיקט. און זייער בלוט וועט פונאַנדערגעשפּריצט ווערן, ווי דער שטויב, און זייער פלייש — ווי מיסט. ניט זייער זילבער, ניט זייער גאָלד וועט זיי ניט קענען ראַטעווען אין דעם טאָג פון יהוהס צאָרן. אינם פייער פון זיין אייפער וועט פאַרברענט ווערן אָט דאָס גאַנצע לאַנד, ווייל דעם אונטערגאַנג, דעם פּלוצלונגדיקן אונטערגאַנג, גרייט ער פאַר אַלע איינוואוינער פון לאַנד.

צפניה קאפ. 1.

ירמיהו וועגן ישראלס מרידה קעגן יהוה.

און עס איז געווען צו מיר אַנטפּלעקט דאָס וואָרט פון יהוה, אַזוי צו זאָגן: גיי און רוף אין די אויערן פון ירושלים, אַזוי זאָגט יהוה: איך געדענק דיר די ליבע פון דיינע יוגנט-יאָרן, די געטריישאַפט, ווען דו ביסט געווען אַ כלה, ווען דו ביסט געגאַנגען נאָך מיר אין מדבר אַריין, איבער אַ ניט-פאַרזייטן לאַנד. ישראל איז געווען דאָס הייליקטום פון יהוה, ער איז געווען פאַר אים דאָס ערשט-געבוירענע פון די פרוכט *), און ווער עס האָט זיי נאָר געגעסן, האָט געמוזט באַקומען זיין שטראָף. אַן אומגליק האָט געמוזט זיי טרעפן, זאָגט יהוה.

הערט אויס דאָס וואָרט פון יהוה, דו הויז יעקב, און איר אַלע משפחות פון הויז ישראל.

*) די ערשט-געבוירענע פרוכט (ביכורים) זיינען, לויט דער פאַרשטעלונג פון די בני-ישראל, געווען הייליק, און דעריבער האָט מען זיי ניט געטאָרט נוצן.

אַזוי זאָגט יהוה: וואָס פאַר אַ פעלער האָבן אין מיר געפונען אייערע עלטערן, וואָס זיי האָבן זיך דערווייטערט פון מיר און געלאָזן זיך נאָך נאַרישע אָפּגעטער, און זיינען אַליין געוואָרן נאַריש. און זיי האָבן ניט געזאָגט: וואו איז יהוה, וועלכער האָט אונז אַרויסגעפירט פון מצרים און געפירט איבערן מדבר, איבער אַן אויסגעבריגטער און ווילדער ערד, איבער אַן ערד אַ טרוקענער און פינסטערער, וואָס קיינער גייט איבער איר ניט, און עס וואוינט אין איר נישט קיין מענטש? און איך האָב אייך אַריינגעפירט אין אַ פרוכטבאַר לאַנד, כדי איר זאָלט זיך שפייזן מיט זיין פרוכט און מיט זיין גוטס. און איר זייט געקומען און מיאוס געמאַכט מיין לאַנד, און פאַרשמוצט מיין גאָב. די כהנים האָבן ניט געזאָגט: וואו איז יהוה? און די היטער פון געזעץ האָבן ניט געטראַכט וועגן מיר, און די הערשער האָבן אין מיר מורד געווען, און די נביאים האָבן פאָראויסגעזאָגט אין נאָמען פון בעל, און זיינען געגאַנגען נאָך יענע, וואָס קאָנען ניט העלפן.

דערפאַר וועל איך זיך נאָך פונאַנדעררעכענען מיט אייך, זאָגט יהוה, און מיט אייערע קינדס-קינדער וועל איך זיך נאָך משפטן. גייט נאָר צו די ברעגעס פון כתים און טוט אַ קוק; שיקט קיין קדר *) און פאָרשט אויס ריכטיק, דערגייט, צי איז געווען ערגעץ-וואו עפּעס גלייכעס. צי האָט געביטן אַ פאָלק זיין גאָט? און דאָס זיינען דאָך אַפילו ניט קיין געטער! און מיין פאָלק האָט אויסגעביטן זיין פראַכט אויף די, וואָס זיינען ניט אימשטאַנד צו העלפן!

ווערט פאַרציטערט פון דעם, איר הימלען, פאַרטרייסלט זיך און ווערט פאַרגליווערט, זאָגט יהוה, וואָרים אַ צווייענדיק שלעכטס האָט געטאָן מיין פאָלק. מיך, דעם קוואַל פון לעבעדיקן וואַסער, האָבן זיי פאַרלאָזן, און האָבן זיך אויסגעהאַקט צעבראָכענע וואַסער-גריבער, וואָס קאָנען ניט איינהאַלטן אין זיך קיין וואַסער.

אַזוי ווי עס שעמט זיך אַ גנב, ווען מען כאַפּט אים, וועט זיך שעמען דאָס הויז ישראל: זיי און זייערע מלכים און זייערע הארן, זייערע כהנים און נביאים, זיי — וועלכע האָבן געזאָגט צו דעם בוים: „דו ביסט מיין פאָטער!" און צום שטיין: „דו האָסט מיך געבאָרן!" ווייל זיי האָבן צו מיר אומגעקערט דעם אַקן און ניט דעם פנים, און ווען עס קומט אויף זיי אַן אומגליק, דאַן זאָגן זיי: קום, העלף אונז".

וואו זיינען דיינע געטער, וואָס דו האָסט זיך געמאַכט? זאָלן זיי אויפשטיין און העלפן דיר, ווען דו ביסט אין אַן אומגליק: ווייל וויפל שטעט עס איז דאָ ביי דיר, אַזויפיל געטער זיינען ביי דיר געוואָרן, יהודה!

און דו, שלעכטער דור! הערט צו די ווערטער פון יהוה! צי בין איך דען געווען אַ מדבר פאַר ישראלן אָדער אַ פינסטער לאַנד? פאַרוואָס דען

*) כתים — דאָס זיינען די איינוואוינער פון אינזל קיפּרוס (כפתור, קפריסין), וועלכע מען רופט אזוי אַן נאָכן נאָמען פון זייער הויפּטשטאָט קיטיאָן (פאַרגלייך בראשית י' 4); קדר — איז אַן אַלגעמיינער נאָמען פאַר די וואַנדער-שבטים פון סיריש-אַראַבישן מדבר.

זאָגט מיין פאָלק: מיר האָבן זיך שוין באַפרייט פון דיר, און וועלן זיך ניט אומקערן צו דיר?

צי פאַרגעסט דען אַ מיידל איר צירונג, און די כלה איר קליידונג? און מיין פאָלק האָט מיך פאַרגעסן, — עס איז שוין פאַרגעסן געוואָרן די צאָל פון די טעג.

אויף דיינע הענט זיינען דאָך קענטיק נאָך די צייכנס פון בלוט פון די אָרימע אומשולדיקע! און פונדעסטוועגן זאָגסטו: איך בין אומשולדיק, און אַט האָט זיך שוין זיין צאָרן אויף מיר איינגעשטילט. און אויך דערפאַר וועל איך זיך משפטן מיט דיר — דערפאַר, וואָס דו זאָגסט: איך האָב ניט געזינדיקט.

ווי דיר איז אָבער לייכט צו בייטן דיינע וועגן! נאָר אויך פון מצרים *) וועסטו פאַרשעמט ווערן, ווי דו ביסט פאַרשעמט געוואָרן פון אַשור. און פון דאַנען וועסטו אַרויסגיין מיט די הענט ביים קאָפּ פאַר יאוש, ווייל יהוה האָט אָפּגעשטויסן די, אויף וועמען דו פאַרלאָזט זיך, און דו וועסט ניט האָבן מיט זיי קיין הצלחה.

די נבואה וועגן קומענדיקן גלות.

און עס איז געווען צו מיר דאָס וואָרט פון יהוה אַזוי צו זאָגן: נעם זיך ניט קיין ווייב, און זאָלן ביי דיר ניט זיין קיין זין און קיין טעכטער אין דעם אָרט. ווייל אַזוי זאָגט יהוה וועגן די זין און וועגן די טעכטער, וואָס וועלן געבוירן ווערן אויף דעם אָרט, און וועגן זייערע מוטערס, וועלכע וועלן זיי געבוירן, און וועגן זייערע פאָטערס, וועלכע וועלן זיי ברענגען אויף דער וועלט אין דעם לאַנד. אַ שווערן טויט וועלן זיי שטאַרבן און וועלן ניט באַוויינט ווערן, ניט באַגראָבן ווערן; זיי וועלן זיין ווי מיסט אויפן פעלד, דורכן שווערד און דורכן הונגער וועלן זיי פאַרלענדט ווערן, און זייערע קערפּערס וועלן אָפּגעגעבן ווערן פאַר שפּייז די פייגלען פון הימל און די חיות פון פעלד.

יאָ, אַזוי זאָגט יהוה: גיי ניט אַריין אין הויז פון די קלאָגעדיקע; און גיי ניט באַוויינען אָדער באַדויערן, ווייל אָפּגענומען איז ביי דעם פאָלק מיין שלום, זאָגט יהוה, מיין גנאָד און מיין רחמנות. און עס וועט שטאַרבן גרויס און קליין אין דעם לאַנד, און זיי וועלן ניט באַגראָבן ווערן, און מען וועט זיי ניט מאַכן קיין וואונדן און ניט רייסן זיך די האָר נאָך זיי. און מען וועט ניט צעברעכן פון זייערטוועגן ברויט פאַר די טרויערנדיקע, צום טרייסט איבער דעם טויטן, און מען וועט אים ניט דערלאַנגען קיין טרייסט-בעכער, כדי צו טרינקען נאָך זיין פאָטער און זיין מוטער *). אָבער גיי אויך ניט אין שטוב, וואו מען הוליעט, און ניט זעץ זיך מיט זיי עסן און טרינקען. ווייל אַזוי זאָגט יהוה צבאות, דער גאָט פון ישראל: אָט וועל איך הייסן, עס זאָל אַנטשוויגן ווערן אין דעם אָרט און פאַר אייערע אויגן און אין אייערע טעג

*) דער נביא האָט דערביי אין זינען דעם בונד מיט מצרים קעגן בבל, וועלכער איז געשלאָסן געוואָרן דורך יהויקים אין יאָר 602, זע זייט 148.

**) דאָס זיינען אַלץ געווען מנהגים פון קבורה און אבלות; פאַרגלייך זייט 119.

דער קול פון לוסט, דער קול פון פרייד, דער קול פון חתן און דער קול פון כלה.

ווען דו וועסט איבערזאָגן דעם פאָלק אַט די אַלע ווערטער, און זיי וועלן דיר זאָגן: פאַרוואָס האָט גאָט אויף אונז אויסגערופן אַזאַ שרעקלאַכן אומגליק, און אין וואָס איז אונזער שולד און וואָס איז אונזער זינד אַנטקעגן יהוה, אונזער גאָט? — דאַן זאָג זיי: דערפאַר, וואָס אייערע עלטערן האָבן מיך פאַרלאָזן, זאָגט יהוה, און זיינען אַוועק צו אַנדערע געטער און געדינט צו זיי און געבוקט זיך צו זיי, און מיך האָבן זיי פאַרלאָזן און מיין געזעץ ניט געהיט. און איר פירט זיך נאָך ערגער, איידער אייערע עלטערן, און גייט נאָך דער עקשנות פון אייער שלעכטן האַרץ, און הערט מיך ניט. דערפאַר, וועל איך אייך אַרויסשטויסן פון דעם לאַנד און וועל אייך אַוועקפירן אין אַ לאַנד, וואָס עס האָבן ניט געקענט ניט איר, ניט אייערע עלטערן, און דאָרטן וועט איר דינען אַנדערע געטער טאָג און נאַכט, און איך וועל צו אייך ניט אַרויסווייזן קיין רחמנות.

דערפאַר — אָט קומען אָן טעג, זאָגט יהוה, ווען מען וועט ניט זאָגן מער: איך שווער ביי יהוה, וועלכער האָט אַרויסגעפירט די בני ישראל פון לאַנד מצרים, נאָר: איך שווער ביי יהוה, וועלכער האָט אַרויסגעפירט די בני־ישראל פון צפון־לאַנד און פון אַלע לענדער, וואוהין ער האָט זיי פאַרטריבן; און איך וועל זיי אומקערן אין זייער לאַנד, וואָס איך האָב געגעבן זייערע אָבות.

אין אָט וועל איך שיקן אַ גרויסע צאָל פישער, זאָגט יהוה, און זיי וועלן זיי כאַפּן; און דערנאָך וועל איך שיקן אַ גרויסע צאָל יעגער און זיי וועלן זיי טרייבן פון יעדן באַרג און פון יעדן בערגל און פון די פעלזן־שפּאַלטן. וואָרים מיינע אויגן זיינען געווענדט אויף אַלע זייערע וועגן; זיי זיינען ניט פאַרבאָרגן פון מיר, און זייער זינד איז ניט פאַרשטעלט פון מיינע אויגן. נאָר פריער וועל איך זיי באַצאָלן פאַר זייער פאַרברעך, און פאַר זייער זינד שטרענג, פאַרוואָס זיי האָבן פאַרשוועכט מיין לאַנד דורך די מיאוסקייטן פון זייערע אומרייניגע מעשים און מיט זייער עקל האָבן זיי אָנגעפילט מיין נחלה.

יהוה, מיין קראַפט און מיין פעסטונג, מיין שוץ אין טאָג פון ליידן! צו דיר וועלן קומען די פעלקער פון אַלע עקן וועלט און וועלן זאָגן: נאָר ליגן איז געווען דאָס, און וואָס עס האָבן זיך געהאַלטן אונזערע עלטערן, געצן, וואָס פון זיי איז קיין נוצן ניטאָ. צי קאָן זיך דען אַ מענטש מאַכן געטער? דאָס זיינען דאָך ניט קיין געטער!

דערפאַר וועל איך זיי דאָס מאָל לאָזן פילן מיין האַנט און מיין קראַפט, און זאָלן זיי דערקענען, אַז מיין נאָמען איז — יהוה.

ירמיהו קאַפּיטל ב׳ און ט״ז.

XXV. די תנ"ך=ערציילונג וועגן דער מפלה פון דער יידישער מלוכה.

יהויקימס רעגירונג.

25 יאָר איז אַלט געווען יהויקים, ווען ער האָט איבערגענומען די מלוכה, און 11 יאָר האָט ער געקיניגט אין ירושלים. זיין מוטער איז געווען זבודה, די טאָכטער פון פדיה, פון רמה, און ער האָט זיך געפירט אַזוי, ווי עס איז ניט געפעלן יהוה, גלייך ווי זיינע עלטערן.

אין דער צייט איז געקומען נבוכדנצר, דער קיניג פון בבל, און יהויקים האָט זיך אים אונטערגעגעבן אויף דריי יאָר. נאָך דערנאָך האָט ער מורד געווען אין אים. און נבוכדנצר האָט אויף אים געשיקט מחנות פון די כשדים, און מחנות פון די ארמים, מחנות פון מואב און מחנות פון עמון — אַלעמען האָט ער זיי געשיקט אויף יהודה, כדי צו פאַרטיליקן אים, לויטן וואָרט פון יהוה, וואָס ער האָט אַרויסגעזאָגט דורך זיינע קנעכט, די נביאים. נאָר איבער יהוהס צאָרן איז דאָס אָנגעקומען אויף יהודה, און ער האָט אים אָפּגעשטויסן פון זיין געזיכט פאַר די זינד פון מנשה און פאַר אַלץ, וואָס יענער האָט געטאָן, און פאַר דאָס אומשולדיקע בלוט, וואָס ער האָט פאַרגאָסן און באַפאַרבט מיט אים ירושלים, — דאָס האָט יהוה ניט געוואָלט מוחל זיין.

אַלדאָס איבעריקע, וועגן יהויקימען און אַלץ, וואָס ער האָט געטאָן, איז באַשריבן אין דער כראָניק פון די יידישע מלכים. און יהויקים איז אַוועק צו רוען מיט זיינע עלטערן, און עס איז געוואָרן אָנשטאָט אים אַ קיניג יכניה (יהויכין) זיין זון.

דער קיניג פון מצרים האָט פון יענער צייט אָן מער ניט פאָרגענומען קיין קריג אויסערהאַלב די גרעניצן פון זיין לאַנד, ווייל דער קיניג פון בבל האָט אָפּגענומען אַלץ, וואָס עס האָט געהערט צום קיניג פון מצרים, פון מצרישן טייך (נילוס) אָן ביז צום טייך פרת.

יכניה און נבוכדנצרס אָנקומען.

18 יאָר איז אַלט געווען יכניה, ווען ער איז געוואָרן קיניג, און דריי חדשים האָט ער געקיניגט אין ירושלים. זיין מוטער איז געווען נחושתא, די טאָכטער פון אלנתן פון ירושלים, און ער האָט זיך געפירט אַזוי, ווי עס איז ניט געפעלן יהוה, פונקט אַזוי ווי זיין פאָטער. אין יענער צייט האָבן זיך געלאָזן די דינער פון נבוכדנצר, דעם קיניג פון בבל, אויף ירושלים, און די שטאָט איז באַלעגערט געוואָרן. און אַז נבוכדנצר איז באַפאַלן די שטאָט, אין דער צייט, ווען זיינע דינער האָבן זי באַלעגערט, איז יכניה, דער קיניג פון יהודה, אַרויס צום קיניג פון בבל, ער און זיין מוטער, און זיינע קנעכט, און זיינע האַרן, און זיינע סריסים, — און דער קיניג פון בבל האָט אים גענומען געפאַנגען אויפן אַכטן יאָר פון זיין מלוכה. (און ער האָט אַרויסגעפירט פון דאָרטן אַלע אוצרות פון יהוהס בית=המקדש און די אוצרות פון קיניגל כן הויף, און צעבראָכן אַלע גאָלדענע כלים, וואָס שלמה, דער קיניג פון ישראל, האָט געמאַכט פאַרן בית=המקדש פון יהוה, ווי יהוה האָט דאָס פאָראויסבאַשטימט; גאַנץ ירושלים, און דעם גאַנצן אַדל, און אַלע פעאיקע צו טראָגן

געווער, אין צאָל פון צען טויזנט, האָט ער אַוועקגעפירט מיט זיך געפאַנגען, און דערצו נאָך אַלע שמידן און שלאָסערס; קיינער איז ניט געבליבן אויסער דער אָרימער דאָרפישער באַפעלקערונג).

און ער האָט איבערגעפירט יכניהן קיין בבל, און אויך דעם קיניגס מוטער, און דעם קיניגס ווייבער און זיינע באַדינער, און ער האָט אַוועקגעפירט אַלע אָנגעזעענסטע איינוואוינער פון ירושלים קיין בבל, און אַלע פעאיקע צו טראָגן געווער, אין צאָל פון זיבן טויזנט, און די שמידן און שלאָסערס אין צאָל פון טויזנט — אַלץ מענטשן פעאיקע צו מלחמה, האָט דער בבלישער קיניג אַוועקגעפירט געפאַנגען קיין בבל. און דער קיניג פון בבל האָט באַשטימט אַ קיניג אָנשטאָט אים מתניה, יהויכינס פעטער, און האָט איבערגעמאַכט זיין נאָמען אויף צדקיהו.

צדקיהו.

איין און צוואַנציק יאָר איז אַלט געווען צדקיהו, ווען ער איז געוואָרן קיניג, און עלף יאָר האָט ער געקיניגט אין ירושלים. זיין מוטער איז געווען חמוטל, די טאָכטער פון ירמיהו, פון לבנה. און ער האָט זיך געפירט אַזוי, ווי עס איז ניט געפעלן געווען יהוהן, פונקט אַזוי ווי יהויקים. און איבער יהוהס צאָרן איז דאָס אַלץ געקומען אויף ירושלים און אויף יהודה, און ער האָט זיי אָפגעשטויסן פון זיין געזיכט.

די מפלה פון ירושלים און די פאַרטרייבונג פון אירע איינוואוינער.

און צדקיה האָט מורד געווען קעגן דעם קיניג פון בבל; און דאַן, אויפן צענטן־יאָר פון זיין מלוכה, אין צענטן חודש, אין צענטן טאָג פון חודש איז געקומען נבוכדנצר, דער קיניג פון בבל, מיט זיין גאַנצן חייל קיין ירושלים, האָט זי באַלעגערט, און געמאַכט אַרום איר אַ וואַל. און די שטאָט איז געווען אין באַלעגערונג ביז דעם עלפטן יאָר פון צדקיהוס מלוכה. אין ניינטן טאָג פון חודש האָט זיך פאַרשטאַרקט דער הונגער אין שטאָט, און עס איז ניט געווען קיין ברויט ביי דער באַפעלקערונג. און אין שטאָט אַריין איז דורכגעבראָכן געוואָרן אַ לאָך, און דער קיניג און אַלע קריגסלייט זיינען ביינאַכט אַנטלאָפן דורך די טויערן, צווישן די צוויי ווענט, וואָס געפינען זיך ביים קיניגלאַכן גאָרטן, אין דער צייט, ווען די כשדים זיינען געשטאַנען אַרום דער שטאָט און האָבן זיך אָפגעקערט אויפן וועג צו ערבה. און עס האָבן נאָכגעיאָגט די כשדישע חייל נאָכן קיניג, און האָבן אים געטראָפן אין די סטעפעס פון יריחו, נאָכדעם ווי זיין גאַנצער חייל האָט אים פאַרלאָזן און זיך צעלאָפן. און זיי האָבן גענומען דעם קיניג און האָבן אים אָפגעפירט צום קיניג פון בבל קיין רבלה, און יענער האָט אים אַרויסגעטראָגן דעם פסק־דין. די קינדער צדקיהוס האָט מען דערשטאָכן פאַר זיינע אויגן, און צדקיהון אַליין האָט מען אויסגעשטאָכן די אויגן און געשמידט אין קייטן. נאָכדעם האָט מען אים אָפגעפירט קיין בבל.

אין פינפטן חודש, אין זיבעטן טאָג פון חודש, ד. ה. אין ניינצנטן מלוכה־יאָר פון נבוכדנצר, דעם קיניג פון בבל, איז געקומען נבוזראדן, דער עלטסטער פון די לייב־היטער, דער דינער פון קיניג פון בבל, קיין ירושלים און האָט פאַרברענט דעם בית־המקדש פון יהוה און דעם הויף פון קיניג און אַלע הייזער פון ירושלים. די מויערן אַרום ירושלים האָבן צעשטערט כשדישע

חיילות, וואָס זיינען געווען מיט דעם עלטסטן פון די לייב-היטער. און דאָס פאָלק, וואָס איז געבליבן אין שטאָט, און די איבערגעלאָפענע, וועלכע האָבן זיך אונטערגעגעבן דעם קיניג פון בבל, האָט נבוזראדן, דער עלטסטער פון די לייבהיטער, אַוועקגעפירט קיין בבל. נאָר פון דער אָרימסטער באַפעלקע-רונג פון לאַנד. האָט דער עלטסטער פון די לייבהיטער געלאָזן עטלאַכע וויינ-גערטנער און ערד-אַרבעטער. און די קופערנע זיילן, וואָס זיינען געווען ביים בית-המקדש פון יהוה, און די באַוועגלאַכע קרוגן (זע בילד 22), און דעם קופערנעם ים *), וואָס איז געווען אין בית-המקדש פון יהוה, האָבן די כשדים

בילד 22. א פעניקישער באַוועגלאַכער קרוג, וואָס איז געפונען געוואָרן אין לאַרנאַך אויפן אינזל קיפּרוס.

צעבראָכן, און דאָס קופער אַוועקגעטראָגן קיין בבל; און די כלים, און די לאָפּעטקעס, און די מעסער, און די קרוגן, און די גאַנצע קופערנע איינ-ריכטונג, וואָס פלעגן באַנוצט ווערן ביים גאָטעס-דינסט, האָבן זיי גענומען מיט זיך. און די קטורת-פאַנען, און די קרוגן, אַלץ, וואָס עס איז געווען גאָלד און זילבער, האָט אַוועקגעטראָגן דער עלטסטער פון די לייב-היטער.

---

*) „קופערנער ים" האָט זיך גערופן א גרויסער וואסער-רעזערוואואר, וואָס איז גע-שטאַנען אין בית-המקדש; אים האָבן אונטערגעהאַלטן 12 אויסגעגאָסענע אָקסן. פון אים האָט מען געשעפּט וואסער דורך 10 באַוועגלאַכע קרוגן, וועלכע מען פלעגט פונאַנדערפירן איבערן בית-המקדש, און זיך באַנוצן מיט זיי אויף ארומוואשונגען.

צוויי זיילן, איין ים און באוועגלאַכע קרוגן, וועלכע עס האָט געמאַכט שלמה פאַרן בית־המקדש פון יהוה, — די וואָג פון קופער פון די אַלע זאַכן איז געווען זייער גרויס: 18 איילן די הייך איז געווען איין זייל; אַ קרוין איז געווען אויף אים אַ קופערנע, און די הייך פון דער קרוין איז געווען פינף איילן, און אַ נעץ און גראַנאַט־עפּל זיינען געווען אַרום דער קרוין — אַלץ פון קופער. דאָסזעלבע איז געווען אויך אויפן צווייטן זייל, ביי דער נעץ. און דער עלטסטער פון די לייבהיטער האָט גענומען דעם עלטסטן פון די כהנים שריה, און צפניה, דעם צווייטן כהן, און דריי שוועל־היטער. און פון שטאָט האָט ער גענומען איין סריס, וועלכער האָט געוועלטיקט איבער די קריגסלייט, און פינף מענטשן פון דעם קיניגס מקורבים, וועלכע ער האָט דערוויסט אין שטאָט, און דעם שרייבער, דעם אָנפירער פון חייל, וועלכער פלעגט צונויפרופן די באַפעלקערונג צו מיליטער, און זעכציק מענטשן פון דער דאָרפישער באַפעלקערונג, וועלכע ער האָט דערוויסט אין שטאָט; און עס האָט זיי גענומען נבוזראדן, דער עלטסטער פון די לייבהיטער, און האָט זיי אַוועקגעפירט צום קיניג פון בבל קיין רבלה. און דער קיניג פון בבל האָט געהייסן זיי טויטן אין רבלה, וואָס אין לאַנד חמת.

אַזוי איז יהודה פאַרטריבן געוואָרן פון זיין לאַנד.

מלכים ב׳ קאַפּיטל כ״ד—כ״ה.

ו. די תקופה פון ווידעראויפלעבונג.

XXVI. די פאַרטריבענע אין בבל.

דער מצב פון יהודה נאָך דער פאַרטרייבונג.

ירושלים איז געווען צעשטערט, יהודה פאַרוויסט, אַ קאָנטיקערן טייל פון דער באַפעלקערונג איז אַוועקגעפירט געוואָרן געפאַנגען דורך דעם קיניג פון בבל, פיל ווינען זיך צעלאָפן קיין מצרים, א׳ן אין ארץ־ישראל זיינען געבליבן נאָר די נידעריקערע שיכטן פון דער באַפעלקערונג, וואָס האָבן ניט געהאַט ניט קיין מיטלען, ניט קיין קרעפטן, צו באַשיצן דאָס לאַנד, ווייל זיי זיינען געווען פאַרלאָזן. די האַלב וואַנדערנדיקע שבטים פון מדבר־יהודה: די כְּלֵבִים און ירחמיאלים, וואָס זיינען געווען אָפּגעשטויסן פון דרום־זייט, האָבן אָנגעהויבן צו פאַרכאַפּן די פאַרוויסטע שכנישע געגנטן פון יהודה האַרט ביי בית־אל און ירושלים. פון יענער זייט ירדן אַריבער זיינען אָנגעקומען די עמונים און האָבן ניט באַגעגנט קיין ווידערשטאַנד מצד די ווייַנגערטנער און ערד־אַרבעטער, וואָס זיינען געווען צעזייט איבער די קליינע דערפער, וואָס נבוזראדן האָט זיי איבערגעלאָזט אין לאַנד, און פון צפון־זייט האָבן אָנגעהויבן אָנצוקומען די נייע איינוואוינער פון דער אַמאָליקער ישראלשער מלוכה און די קאָלאָניסטן פון מעסאָפּאָטאַמיע, וואָס האָבן זיך דאָרטן באַזעצט.

די ווייטערדיקע געשעענישן פון דער יידישער געשיכטע, וואָס איז אַרויסגעריסן געוואָרן דורך נבוכדנצרס אָנפאַל פון איר נאַטירלאַכער קרקע, שפּילן איצט זיך אָפּ ניט מער אין פאַרלאָזענעם לאַנד יהודה, צווישן דער צעשפּרייטער און אויסגעמישטער באַפעלקערונג זיינער, נאָר אין בבל, וואוהין די זיגער האָבן אַוועקגעפירט ניט נאָר די העכערע קלאַסן, נאָר אויך די טרעגער פון ישראלס גייסטיקער און רעליגיעזער קולטור.

די לאַגע פון די פאַרטריבענע אין בבל.

די רעכטלאַכע לאַגע פון די פאַרטריבענע אין בבל איז געווען אַ גאַנץ גינסטיקע, ווייל אין יענעם פילפאַרביקן מיש־מאַש פון פעלקער, וואָס עס האָט אַרומגענומען די בבלישע מאָנאַרכיע, האָבן די איינציקע פעלקער געהאַט אַ ברייטע זעלבסט־פאַרוואַלטונג. די יידן האָבן געקענט לעבן און זיך אַנטוויקלען אָן צו פילן איבער זיך די פאַרגוואַלטיקנדיקע ווירקונג פון דער בבלישער ציוויליזאַציע. פאַר די פאַרטריבענע פון ישראל איז געווען אָפּגעטיילט אַ באַזונדער אָרט ביים טייך כבר (איינער פון די פרת־קאַנאַלן) אין תל־אביב און אין אַנדערע ערטער. דערביי איז זיי געגעבן געוואָרן דאָס רעכט אומעטום צו באַזעצן זיך אין געדיכטע מאַסן, אַזוי אַז זיי האָבן געהאַט די מעגלאַכקייט צו אָרגאַניזירן זיך אין זעלבשטענדיקע געמיינדעס און איבערטראָגן אויפן פרעמדן

באַדן די יסודות פֿון זייער פֿריערדיקער געזעלשאַפֿטלעכער אָרדענונג. די פֿאָרשטייער פֿון די איינצעלנע פֿאַמיליעס און שבט־גרופּעס האָבן געדינט פֿאַר די פֿאַרטריבענע ווי דער פֿאַרוואַלטונגס־אָרגאַן. אין זייערע הענט האָבן די בבֿלים איבערגעגעבן די גאַנצע פֿירונג פֿון די אינעווייניקסטע געמיינדע־ענינים. די אַלטע שבט־פֿאַרבאַנדן האָבן צוריק באַקומען די באַדייטונג, וואָס זיי האָבן שוין געהאַט אָנגעוואָרן, און זייערע מיטגלידער זיינען געווען פּינקטלעך אַריינגעטראָגן אין די יחוס־צעטלען. אַזוי האָבן די יידן אין בבֿל זיך ווייטער געפֿילט ווי אַ גאַנץ און פֿאַרבונדן פֿאָלק, וואָס וויל אָפּהיטן זיין אייגנאַרטיקייט און וויל ניט אונטערגיין אָן אַ זכר, צונויפֿגעמישט מיט אַנדערע פֿעלקער פֿון דער מעכטיקער מאָנאַרכיע.

די עקאָנאָמישע לאַגע זייערע איז אין בבֿל געווען ניט קיין שלעכטע. די זיגער האָבן ביי זיי ניט צוגענומען דאָס פֿאַרמעגן, וואָס זיי האָבן געבראַכט מיט זיך אין גלות אַריין. אַדאַנק דעם האָבן זיי געהאַט די מעגלעכקייט אָנצושאַפֿן זיך הייזער און קרקעות און זיך פֿעסט באַזעצן אין לאַנד. די פֿרוכפּערקייט פֿון לאַנד האָט זיי רייך באַלוינט פֿאַר זייער אַרבעט און האַנט ביי האַנט מיט דער ערד־אַרבעט האָט דער גרויסער האַנדל פֿון בבֿל פֿאַר זיי געעפֿנט דעם וועג צו נייע פּרנסות און רייכקייט. די האַנדלס־קאָנטראַקטן פֿון יענער תּקופֿה, וואָס זיינען געפֿונען געוואָרן ביי די אויסגראָבונגען אין בבֿל (דערהויפּט אין ניפּור) זאָגן עדות וועגן דער לעבהאַפֿטער באַטייליקונג פֿון די יידן אין האַנדל פֿון לאַנד, און עס איז קיין חידוש ניט דעריבער, אַז צווישן די, וואָס האָבן זיך אומגעקערט אין צוויי דורות אַרום קיין ארץ־ישראל, באַגעגענען מיר ניט ווייניק מענטשן מיט גרויסע פֿאַרמעגנס.

בבֿל האָט דער יידישער קיבוץ אין גלות פֿאָרגעשטעלט אַ קראַפֿט, וואָס מען האָט זיך געמוזט רעכענען מיט איר אויך אין פּאָליטישן לעבן. דאָס זעען מיר גענוג קלאָר פֿון כּורשס און דריושס באַציאונג צו זיי. זייער פּאָליטישע באַדייטונג איז באַזונדערס אונטערגעשטראָכן געוואָרן אין דער מלוכה־צייט פֿון נבוכדנצרס יורש אויל מרדך, וועלכער האָט אין זיין ערשטן מלוכה־יאָר (562) באַפֿרייט פֿון געפֿענגעניש דעם יידישן קיניג יהויכין און האָט אָנערקענט זיין קיניגלעכע ווערדע (מלכים ב׳ כה 28.) דאָס האָט געדאַרפֿט פֿאַרשטאַנען ווערן ווי אַן אָנערקענונג פֿון דער יידישער מלוכה און פֿון איר רעכט אויף אַ ווייטערדיקן קיום, ווי אַן אונטערטעניקע מלוכה מיט אַן אייגענער קיניגלעכער דינאַסטיע. דאָס דאָזיקע רעכט איז, אַגבֿ, ניט פֿאַרווירקלעכט געוואָרן, ווייל מחמת דער איבערקערעניש, וואָס איז באַלד אָנגעקומען אין דער בבֿלישער מאָנאַרכיע, האָט זיך אויך שאַרף געביטן די באַציאונג צו די יידן. נאָר שוין די אָנערקענונג אַליין איז ניט געבליבן אָן אַ ווירקונג אויף דעם באַוואוסטזיין פֿון די פֿאַרטריבענע, וואָס האָבן ביז איצט געלעבט מיטן פֿעסטן גלויבן, אַז די באַפֿרייאונג פֿון געפֿאַנגענשאַפֿט און די צוריקקערונג אַהיים איז נאָר אַ פֿראַגע פֿון דער צייט, און זיי האָבן געוואַרט אויף איר אָנקומען אין דער נאָענטער צוקונפֿט.

דאָס רעליגיעזע לעבן אין גלות.

חוץ אַלעמען, איז געווען איין זייט פון פאָלקס-לעבן, וואָס דער גלות האָט געבראַכט זייער פיל שאָדן—דאָס איז געווען דער געוויינלאַכער גאָטעס-דינסט. די פאָרשטעלונג, אַז פאַר יהוה קאָן מען ברענגען קרבנות אויסשליסלאַך אין ירושלים און פאַר קיין פאַל ניט אין אַ געצנדינערישן און אומריינעם לאַנד, איז שוין אַריין אין פלייש און בלוט פון די בני-ישראל. אין רעליגיעזן לעבן פון די פאַרטריבענע איז געוואָרן אַ ליידיקער חלל, און מען האָט אים געדאַרפט מיט עפּעס פאַרפילן. דער פועל-יוצא דערפון איז געווען: אַז עס האָבן זיך אָנגעהויבן צו פאַרשטאַרקן אַנדערע פאָרמען פון רעליגיעזן לעבן, וואָס האָבן פריער געשפּילט אַ ווייניקער וויכטיקע ראָלע, ווי די קרבנות, למשל: שבת, מילה און די תפלות. די באַדייטונג פון שבת און מילה איז באַזונדערס אויסגעוואַקסן מחמת דעם, וואָס דורך זיי האָט זיך שאַרף דורכגעפירט דער גרעניץ צווישן די בני-ישראל און די געצנדינער, אַזוי אַז מען האָט דערין געזען אַ מעכטיקן מיטל, בכדי אויפצוהיטן די נאַציאָנאַלע אייגנאַרטיקייט. די צוגעבונדנקייט צו דער אַלטער היים האָט געפונען איר אויסדרוק דערין, וואָס בשעתן לייענען די תפילות, פלעגן זיך אַלע אומקערן מיטן פנים צו ירושלים, און וואָס די וויכטיקסטע טעג אין דער געשיכטע פון ירושלימס באַלעגערונג און מפלה זיינען באַשטימט געוואָרן פאַר טעג פון פאָלקס-תעניתים און תשובה.

די אנטוויקלונג פון געזעץ.

עס פאַרשטייט זיך, אַז ביי אַזאַ גייסטיקן מצב האָט באַזונדערס געדאַרפט אויסוואַקסן דער אָנזען און די השפעה פון יענע רעליגיעז-ערציערישע ווערק און דענקמעלער פון דער פאָלקס-ליטעראַטור, וואָס די יידן האָבן געבראַכט מיט זיך אין גלות, און קודם-כל, פאַרשטייט זיך, „דאָס בוך פון דער תורה", וואָס זיין געטלאַכקייט איז באַשטעטיקט געוואָרן אויף אַזאַ וואונדערלאַכן אופן דורך דעם גאַנג פון די טרויעריקע היסטאָרישע געשעענישן. די פולע פאַרטיפונג אין דעם גייסט פון דער תורה איז באַטראַכט געוואָרן ווי אַ שולע צו דער קומענדיקער באַפרייאונג. דעריבער האָט מען אָנגעהויבן דעמדאָזיקן ספר מיט התמדה צו לערנען, און ביסלאַכווייז האָט זיך אָנגעהויבן אויסצובילדן אַ באַזונדער קלאַס מענטשן — די שפּעטערדיקע סופרים, וואָס האָבן זיך געשטעלט פאַר אַ לעבנס-ציל דעם שטודיום און די ווייטערדיקע פאַרטיפונג פון געזעץ. די פאַרטיפונג און פונאַנדעראַרבעטונג איז געגאַנגען אין דעם וועג, וואָס איז געווען אָנגעוויזן דורך דעם ספר-התורה. דער עיקר האָט מען געשטרעבט דערצו, אַז דער גאָטעס-דינסט זאָל ווערן צענטראַליזירט, און אַז פון די צערעמאָניעס זאָל אויסגעמעקט ווערן איטלאַכער סימן פון די אַמאָליקע נאַטור-קולטן. צוגלייך איז פאָרגעקומען אַ פולקומע איבערשאַצונג פון רעליגיעזן עבר, וואָס מען האָט אָנגעהויבן צו באַטראַכטן אים, ווי אַ געצנדינערישן, וואָס יהוה האָט אים פיינט *).

אַזוי האָט זיך אין דער שטיל פון גלות פּאַמעלאַך אויפגעבויט יענע אידעען-

*) וועגן יחזקאלן, ווי דעם בולטסטן אויסדריקער פון אָט דער ריכטונג, זע אויבן זייט 155.

וועלט, וואָס האָט דערנאָך באַקומען איר אויסדרוק אין דער היעראַקראַטיע *) פון צווייטן בית-המקדש.

Benzinger—Geschichte Israels bis auf die griechische Zeit, 1908.

XXVII. די נביאים פון וועקסטן יאָרהונדערט.

יחזקאל. דו מענטשן-זון, זאָג אַרויס די נבואה וועגן די בערג פון ישראל און זאָג: איר בערג פון ישראל, הערט דאָס וואָרט פון יהוה! אַזוי זאָגט דער הערשער יהוה: אַזוי ווי דער פיינד האָט אויסגעשריען וועגן אייך: „ווי, אייביקע מדבריות זייגען אונז אויסגעפאַלן פאַר אַ נחלה!" — טאָ זאָג אַרויס די נבואה און זאָג: אַזוי זאָגט דער הערשער יהוה: דערפאַר, דוקא דערפאַר, וואָס מען שענדט אייך פון אַלע זייטן, וואָס אַלע פעלקער האָבן אויף אייך אַרויפגעלייגט די האַנט, וואָס איר זייט אונטערגעפאַלן אונטער רכילות און באַריידעריי פון מענטשן, — דערפאַר הערט אויס, איר בערג פון ישראל, דאָס וואָרט פונם הערשער יהוה. אַזוי זאָגט דער הערשער יהוה צו די בערג און בערגלאַך, שפּאַלטן און טאָלן, און צו די פּאַרוויסטע חורבות און צו די פאַרלאָזענע שטעט, וועלכע זייגען איבערגעלאָזן אויף צערויבונג און שפּאָט די אַנדערע פעלקער פון אַרום. — ווייס, אַז אין מיין צאָרן און אין מיין צערייצונג רייד איך דאָס אַרויס, ווייל איר זייט איבערגעגעבן אַלע פעלקער צו שפּאָט. דערפאַר זאָגט אַזוי דער הערשער יהוה: איך הייב אויף מיין האַנט און איך שווער, אַז די פעלקער, וואָס אַרום אייך, וועלן אַליין אָפּגעגעבן ווערן צו שפּאָט. און איר, בערג פון ישראל, לאָזט פונאַנדער אייערע בלעטער און ברענגט אייערע פרוכט פאַר מיין פאָלק ישראל, ווייל זיי וועלן זיך באַלד אומקערן. איך וועל זיך צו אייך אומקערן, און איר וועט געאַקערט ווערן און פאַרזייט ווערן. און איך וועל באַזעצן אויף אייך פיל מענטשן — דאָס גאַנצע הויז ישראל — און אייערע שטעט וועלן באַפעלקערט ווערן, און אייערע חורבות אויפגעבויט. און איך וועל פאַרמערן די מענטשן און די פיך, און זיי וועלן זיך פרוכפּערן און מערן, און איך וועל אייך באַזעצן, בערג, ווי אין אַמאָליקע צייטן אייערע, און איר וועט דערקענען, אַז איך בין יהוה. און איך וועל ברענגען צו אייך מענטשן — מיין פאָלק ישראל, און זיי וועלן אייך באַהערשן, און איר וועט זיין זייער נחלה, און איר וועט ביי זיי מער ניט אוועקנעמען קיין קינדער.

אַזוי זאָגט דער הערשער יהוה, דערפאַר וואָס זיי האָבן געזאָגט וועגן דיר! „דו ביסט אַ לאַנד, וואָס עסט אויף מענטשן און וואָס דו טראָגסט אוועק קינדער ביי דיין פאָלק", — דערפאַר וועסטו מער ניט אויפעסן קיין מענטשן און ניט אוועקטראָגן קיין קינדער ביי דיין פאָלק. אַזוי זאָגט דער הערשער יהוה:

---

*) כהנים-הערשאַפט.

און דיר וועט מער ניט אויסקומען צו הערן דעם שפּאָט פון די פעלקער און דו וועסט מער ניט איבערטראָגן די קללות פון די שבטים, — אַזוי זאָגט דער הערשער יהוה.

און עס איז געווען צו מיר דאָס וואָרט פון יהוה: דו מענטשן-זון! ווען דאָס הויז ישראל איז געזעסן אויף זיין לאַנד, האָבן זיי עס טמא געמאַכט דורך זייער לעבנס-פירער און דורך זייערע שלעכטע מעשים. און איך האָב אויסגעגאָסן אויף זיי מיין צאָרן פאַרן בלוט, וואָס זיי האָבן פאַרגאָסן אין לאַנד, און דערפאַר, וואָס זיי האָבן עס מטמא געווען דורך זייערע געצן-בילדער. און איך האָב זיי צעזייט צווישן די פעלקער, און זיי זיינען צעשפּרייט געוואָרן איבער די לענדער. לויט זייער לעבנס-פיר און זייערע שלעכטע מעשים האָב איך זיי באַצאָלט. און זיי זיינען געקומען צו די פרעמדע פעלקער, און וואוהין נאָר זיי זיינען געקומען, האָבן זיי פאַרשוועכט מיין הייליקן נאָמען, ווייל מען רעדט וועגן זיי: „זיי זיינען דאָס פאָלק פון יהוה — און זיינען אַוועק פון זיין לאַנד". און עס איז מיר געוואָרן באַנג מיין הייליקער נאָמען, וואָס דאָס הויז פון ישראל האָט אים פאַרשוועכט צווישן די פעלקער, וואָס זיי זיינען געקומען אַהין. דערפאַר זאָג דעם הויז ישראל: אַזוי זאָגט דער הערשער יהוה: ניט פון אייערטוועגן וועל איך דאָס טאָן, הויז ישראל, נאָר פון וועגן מיין הייליקן נאָמען, וואָס איר האָט פאַרשוועכט צווישן די פעלקער, וואָס איר זייט געקומען צו זיי. און איך וועל הייליקן מיין נאָמען, וואָס איר האָט פאַרשוועכט צווישן די פעלקער, וואָס איר האָט אים פאַרשוועכט פאַר זיי, און עס וועלן די פעלקער דערקענען, אַז איך בין יהוה, ווען איך וועל אייך אַמאָל אַרויסווייזן מיין הייליקייט פאַר זיי אין די אויגן, — זאָגט דער הערשער יהוה. און איך וועל אייך אַרויסנעמען פון צווישן די פעלקער, און איך וועל אייך צענויפקלייבן פון אַלע לענדער און וועל אייך ברענגען צו פירן אין אייער לאַנד אַריין. און איך וועל אייך באַשפּריצן מיט ריינעם וואַסער, — און איר וועט ריין ווערן. פון אַלע אייערע מיאוסקייטן און פון אַלע אייערע געצן וועל איך אייך ריין מאַכן. און איך וועל אייך געבן אַ נייַ האַרץ, און איך וועל אין אייך אַריינגעבן אַ נייעם גייסט, און איך וועל אַרויסנעמען פון אייער לייב דאָס שטיינערנע האַרץ און וועל אייך געבן אַ לייבלאַך האַרץ. און איך וועל אייך אָנפילן מיט מיין גייסט און אייך מאַכן אַזוי, אַז איר וועט זיך פירן לויט מיינע געבאָטן, און אָפּהיטן און אויספירן מיינע פאַרזאָגן. און דאַן וועט איר בלייבן לעבן אין לאַנד, וואָס איך האָב געגעבן אייערע עלטערן, און איר וועט זיין מיין פאָלק, און איך וועל זיין אייער גאָט. און ווען איך וועל אייך באַפרייען פון אַלע אייערע אומריינקייטן, וועל איך דאַן צורופן דעם ברויט און פאַרמערן אים, און איך וועל אויף אייך ניט ברענגען קיין הונגער. און איך וועל פאַרמערן די פרוכט אויף דיביימער און דעם שניט פון די פעלדער, כדי איר זאָלט פון הונגער ווייטער ניט ווערן צו שפּאָט ביי די פעלקער. דאַן וועט איר זיך דערמאָנען אָן אייערע שלעכטע וועגן און אָן די ניט-גוטע מעשים אייערע און וועט דערפילן אַן עקל צו זיך אַליין פאַר די אומגעזעצלאַכקייטן און שענדלאַכקייטן אייערע. ניט פון אייערטוועגן טו איך דאָס, זאָגט דער הערשער יהוה, זאָל אייך דאָס זיין באַ-

וואוסט. ווערט רויט און שעמט זיך פאַר אייערע וועגן, איר הויז ישראל.

אַזוי זאָגט דער הערשער יהוה: אין יענעם טאָג, ווען איך וועל אייך אָפּרייניקן פון אַלע אייערע אומגעזעצלאַכקייטן, וועל איך באַזעצן די שטעט, און די חורבות וועלן זיין אויפגעבויט, און די פאַרוויסטע ערד וועט באַאַרבעט ווערן און וועט מער ניט אויסזען ווי אַ מדבר פאַר יעדערן, ווער עס גייט פאַרביי. און מען וועט זאָגן דאַן: דאָס לאַנד, וואָס איז געווען פאַרוויסט, איז געוואָרן ווי דער גאָרטן פון עדן און אָט די שטעט, וואָס זיינען געלעגן אין חורבות און געווען פאַרוויסט און צעשטערט—זיינען באַפעלקערט און גוט באַפעסטיקט. דאַן וועלן זיך די פעלקער, וואָס וועלן בלייבן אַרום אייך, דערוויסן, אַז איך—יהוה—האָב צוריק באַשאַפן דאָט צעשטערטע און די וויסטעניש געלאָזט אויפבליען. איך, יהוה, האָב דאָס געזאָגט און וועל דאָס טאָן.

אַזוי זאָגט דער הערשער יהוה: און אָט אין דעם וועל איך נאָך אויסדריקן מיין גוטסקייט צום הויז ישראל: איך וועל פאַרמערן אייער צאָל, ווי אַ טשערעדע פון שעפסן, און אַזוי ווי ירושלים פלעגט זיין פול מיט קרבנות־שעפסן אין דער יום־טוב־צייט, אַזוי וועלן זיין פול די פאַרוויסטע שטעט מיט מענטשן, און זיי וועלן וויסן, אַז איך בין יהוה.

יחזקאל קאפּ. ל״ו.

ישעיה דער צווייטער.

הער, יעקב, מיין קנעכט,
ישראל, מיין אויסדערווייլטער!
אַזוי זאָגט יהוה, ישראלס קיניג,
זיין באַפרייער, יהוה וואָס איבער די חיילות.
איך בין דער ערשטער און דער לעצטער בין איך,
און אַחוץ מיר איז ניטאָ מער קיין גאָט,
— ווייל ווער איז גלייך צו מיר? זאָל ער אַרויסטרעטן פאָראויס
און הויך מעלדן וועגן דעם און דערקלערן מיר דאָס.
ווער האָט פון די אַמאָליקע צייטן אָן פאָראויסגעזאָגט די צוקונפט
און דאָס, וואָס דאַרף געשען? — זאָל ער זאָגן.
שרעקט זיך ניט און ציטערט ניט,
פון פאַרצייטן אָן האָב איך אַלץ פאָראויסגעזאָגט
און אָנגעזאָגט, איר זייט אַליין עדות פון דעם.
עס איז דען דאָ אַ גאָט אויסער מיר?
— אַ פעסטיקייט, וועלכע איז נאָך ניט באַקאַנט?
און די, וואָס מאַכן די געצן—זיינען אַלע גאָרנישט, קליינלאַך
און זייערע געליבטע ברענגען ניט קיין נוצן,
און די וואָס וואַרטן פון זיי הילף באַקומען גאָרנישט.
זיי וויסן גאָרנישט און זיי טראָגן נאָר שאַנד.
איר, וואָס האָט געמאַכט אַ גאָט און אַ געץ
און אויסגעגאָסן אַ בילד, וואָס טויג אויף גאָרנישט!
אָט שטייען דאָך אַלע מייסטערס פאַרשעמטע,
ווייל זיי זיינען דאָך אויך מענטשן!

זאָלן זיי זיך אַלע אויפקלייבן און קומען,
זיי וועלן דאַרפן פאַרציטערט ווערן און טראָגן זייער שאַנד.
דער שמיד באַאַרבעט דאָס אייזן אויף די קוילן,
מיט די האַמערס גיט ער אים צו אַ פאָרם
און מאַטערט זיך איבער אים מיט אַלע קרעפטן,
ביז צו הונגער און מידקייט.
ער טרינקט ניט קיין וואַסער און ווערט אָנמעכטיק.
דער בויער, נאָכן אויסקלייבן דאָס האָלץ, פירט איבער אים דורך
דער שנור,
דורך אַ שאַרפן געצייג מאַכט ער אויף אים צייכנס,
שניצט אים אויס מיט אַ שנייד־מעסער,
גיט אים צו די געשטאַלט פון אַ מענטשן,
די שיינקייט פון אַ מענטשן, כדי אים אַוועקצושטעלן אין הויז.
און ער קלייבט אויס אַ דעמבן־בוים,
וואָס וואַקסט צווישן די ביימער אין וואַלד,
פאַרזעצט אַ סאָסנע, און דער רעגן לאָזט זי אויסוואַקסן,
און דאָס דינט דעם מענטשן צום הייצן,
און ער פירט פונאַנדער אַ פייער און וואַרימט זיך,
פאַרברענט און באַקט זיין ברויט, —
און פון דאָסזעלבע מאַכט ער אַ גאָט און ער פאַלט פאַר אים,
מאַכט אַ געץ און בוקט זיך צו אים!...
אַ טייל פון האָלץ האָט ער פאַרברענט אין פייער,
און אויף די קוילן האָט ער ברויט געבאַקן,
אויף דעם אַנדער טייל בראָט ער פלייש
און עסט דאָס געבראָטנס ביז צו זאַט,
וואַרימט זיך אָן און זאָגט:
אַך, ווי איך האָב זיך אָנגעוואַרימט, ווי עס איז מיר ליכטיק
געוואָרן, —
און פון דעם געבליבענעם רעשט מאַכט ער אַ גאָט,
זיין געץ, כדי זיך צו בוקן פאַר אים, זיך צו וואַרפן פאַר אים!
און ער בעט צו אים און זאָגט:
„העלף מיר, ווייל דו ביסט מיין גאָט“.
און ער טראַכט זיך ניט אַריין,
און ער האָט ניט קיין פאַרשטאַנד,
כדי צו זאָגן: אַ העלפט האָב איך פאַרברענט אין פייער,
אויף זיינע קוילן געבאַקן ברויט,
אויסגעבראָטן פלייש און עס געגעסן —
קאָן דען זיין, אַז פון דעם געבליבענעם זאָל איך מאַכן אַן עקל־
האַפטן געץ?!
אַז איך זאָל זיך בוקן צו אַ שטיק האָלץ?!

געדענק־זשע, יעקב
און ישראל, ווייל דו ביסט מיין קנעכט.
איך האָב דיך געמאַכט פאַר מיין קנעכט,
דו, ישראל, וועסט מיך ניט פאַרגעסן.
איך וועל צעזייען דיינע אומגעזעצלאַכקייטן, ווי אַ לייכטן וואָלקן,
און דיינע זינד, ווי אַ נעפּל;
קער זיך אום צו מיר, ווייל איך באַפריי דיך!
פרייט זיך, הימלען, ווייל יהוה האָט דאָס געטאָן!
שאַלט, איר טיפענישן פון דער ערד!
ווערט פאַרהילכט פון פרייד, איר בערג,
וואַלד און אַלע זיינע ביימער,
ווייל יהוה האָט באַפרייט יעקבן
און אויף ישראלן ווייזט ער אַרויס זיין כבוד!

אַזוי זאָגט יהוה, וועלכער האָט דיך באַפרייט
און וועלכער האָט דיך באַשאַפן אין דיין מוטער־לייב:
איך בין יהוה, וועלכער האָט באַשאַפן אַלץ,
אַליין צעשפרייט די הימלען
און אויסגעברייט די פעסטע ערד;
וועלכער מאַכט צו גאָרנישט די וואונדער פון די פאַלשע נביאים;
וועלכער דעקט אויף דעם ליגן פון די פּאָראויסזאָגער,
שטויסט אָפּ די כלומרשטע קלוגע
און דעקט אויף די נישטיקייט פון זייערע קענטעניש;
וועלכער באַשטעטיקט דאָס וואָרט פון זיין קנעכט
און פירט אויס זיינע באַשלוסן;
ער, וועלכער זאָגט צו ירושלים: דו וועסט זיין באַוואוינט,
און צו דעם בית־המקדש: דו וועסט זיין געגרינדעט,
און צו די שטעט פון יהודה: איר וועט זיין אויפגעבויט.
און זייערע חורבות וועל איך אויפשטעלן.
ער, וועלכער זאָגט צום אָפּגרונט: נעם זיך אויס,
און דיינע טייכן וועל איך טרוקן מאַכן;
וועלכער זאָגט צו כורשן: מיין פירער,
זאָל ער אויספירן מיינע באַשלוסן.

אַזוי זאָג איך צו מיין געזאַלבטן, צו כורשן,
וואָס איך האָב אים גענומען פאַר דער רעכטער האַנט
און אים איבערגעגעבן די הערשאַפט איבער פעלקער;
פאַר אים האָב איך אַנטוואָפנט מלכים,
אויפגעעפנט פאַר אים די טירן,
אַז די טויערן זאָלן זיך מער ניט פאַרשליסן.

איך וועל גיין דיר פאָראויס
און אויסגלייכן די וועגן
און צעברעכן די קופּערנע טויערן
און צעשטערן די אייזערנע ריגלען
און דיר אָפּגעבן די אוצרות, וואָס זיינען אין דער פינסטערניש,
וואָס זיינען באַהאַלטן אין פאַרבאָרגענע ערטער,
כדי דו זאָלסט דערקענען, אַז איך בין יהוה,
וועלכער האָט דיך גערופן, — דער גאָט פון ישראל.
פון וועגן יעקבן, מיין קנעכט,
און פון וועגן ישראלן, מיין אויסדערוויילטן
האָב איך דיך גערופן מיטן נאָמען,
האָב דיר געגעבן כבוד, הגם דו האָסט מיך ניט געקענט.
איך בין יהוה, און עס איז ניטאָ קיין אַנדערער,
עס איז ניטאָ קיין גאָט אויסער מיר.
איך האָב דיך אַרומגעגורט, הגם דו האָסט מיך ניט געקענט.
זאָל מען זיך איצט דערוויסן פון זונען-אויפגאַנג
ביז צום זונען-אונטערגאַנג, אַז עס איז ניטאָ אויסער מיר.
איך בין יהוה, און עס איז ניטאָ קיין אַנדערער,
וועלכער האָט באַשאַפן ליכט און באַשאַפן די פינסטערניש,
וועלכער גיט שלום און שיקט אומגליקן, —
איך — יהוה שאַף דאָס אַלץ.

טריפט, איר הימלען, פון דער הייך,
און די וואָלקנס זאָלן אויסגיסן דעם אמת,
זאָל זיך עפענען די ערד און זאָל פאַרטיק ווערן די הילף,
און זאָל מיט איר צוזאַמען אויפשפּראָצן דער אמת;
איך, יהוה, האָב דאָס באַשאַפן.

וויי צו דעם, וועלכער עקשנט זיך מיט זיין באַשעפער,
אַ שערבל צווישן די שערבלאַך פון דער ערד!
קאָן דען דער ליים זאָגן צום טעפּער: וואָס טוסטו?
און דיין שאַפונג קען דען זאָגן: ער האָט קיין הענט ניט?
וויי צו דעם, וואָס זאָגט צום פאָטער, פאַרוואָס האָסטו מיך גע-
בראַכט אויף דער וועלט?
און צו דער מוטער: פאַרוואָס האָסטו מיך געבוירן?
אַזוי זאָגט יהוה,
דער הייליקער פון ישראל און זיין באַשעפער:
איר פרעגט מיך וועגן דער צוקונפט
און ווילט מיר געבן עצות וועגן דער שאַפונג פון מיינע הענט?
איך האָב דאָך דאָס באַשאַפן די ערד

און באַשאַפן אויף איר דעם מענטשן;
מיינע הענט האָבן צעשפּרייט די הימלען
און איך האָב צונויפגערופן זייער גאַנצן חייל;
איך האָב גערופן כּורשן צו גוטס
און איך גלייך אויס אַלע זיינע וועגן...
ער וועט אויפבויען מיין שטאָט
און אָפּלאָזן מיינע געפאַנגענע,
ניט פאַר אַן אויסקויף און פאַר געצאָלט —
זאָגט יהוה צבאות.

אַזוי זאָגט יהוה:
דאָס וואָס די מצרים האָבן באַשאַפן דורך אַרבעט און די כּושים דורך האַנדל—וועט זיין דיינס
און די הויך-געוויקסיקע בני שבא, געשמידטע אין קייטן, וועלן זיך ציען נאָך דיר
און וועלן פאַלן פאַר דיר צו דער ערד און דיך בעטן:
ביי דיר אַליין איז נאָר דאָ אַ גאָט, און עס איז ניטאָ קיין אַנדערער, עס איז ניטאָ קיין גאָטהייט, אויסער אים.
דו ביסט דער אמת פאַרבאָרגענער גאָט—גאָט פון ישראל!
צו שאַנד און צו שפּאָט זיינען אַלע, וואָס זיינען אויפגעשטאַנען קעגן אים;
און עס וועלן אונטערגיין מיט שאַנד די געצן-מאַכער.
ישראל אָבער איז געהאָלפן דורך יהוה אַן אייביקע הילף,
איר וועט ניט זיין פאַרשפּעט און פאַרשעמט אויף אייביקע צייטן!

ישעיהו קאַפּיטל מ״ד, מ״ה.

XXVIII. דער אומקער פון גלות און עזראס און נחמיהס טעטיקייט.

כּורש און די מפּלה פון בבל.

די אויפריכטונג פון דער יידישער געזעלשאַפטלאַכער אָרגאַניזאַציע נאָכן גלות בבל איז ענג פאַרבונדן מיט דעם גרויסן פּערסישן קיניג כּורשן. אַלס קריגפירער און מענטש איז כּורש, אָן שום ספק איינע פון די גרעסטע פּערזענלאַכקייטן פון אַלטן מזרח. אין משך פון 12 יאָר האָט ער מיט אַ הייפעלע פּערסן צעשטערט דריי גרויסע מלוכות, זיך אונטערטעניג געמאַכט גאַנץ אַזיע און פאַרזיכערט פאַר זיין פאָלק די וועלט-הערשאַפט אויף אַ משך פון 2 יאָרהונדערטער. אין זיין פּערזאָן איז די אויבערהערשאַפט, די העגעמאָניע, איבער אַזיע אַריבער פון די שמישע פעלקער צו די אינדאָ-גערמאַנען.

די שרעק פאַרן נייעם מנצח האָט גיך אַרומגעכאַפּט אַלע פעלקער פון פאָדער-אַזיע, און אין יאָר 549 איז געוואָרן געשלאָסן אַ מלחמה-בונד צווישן לידיע, בבל און מצרים; צום דאָזיקן בונד איז צוגעשטאַנען אויך די גריכישע

רעפּובליק ספּאַרטאַ. דער מלחמה־בונד האָט געהאַט בכּוונה צונישט צו מאַכן די וואַקסנדיקע מאַכט פון די פּערסער אין איר ערשטער יוגנט. נאָר ס׳האָט ניט אָפּגעהאָלטן. נאָך דעם אונטערגאַנג פון סאַרדעס, דער הויפּטשטאָט פון לידיע, איז געפאַלן אויך בבל, און אין יאָר 538 איז כּורש אַריינגעפאָרן פייערלאַך אַלס מנצח קיין בבל און האָט אָפּגעווישט פון דער ערד די מלוכה פון נבוכדנצר.

מיט וואָסערע האָפענונגען און מיט וואָס פאַר אַ התלהבות די יידישע פאַרטריבענע האָבן באַגריסט דעם פּערסישן קיניג, וואָס אין אים האָבן זיי געזען זייער באַפרייער און אויסלייזער — וועגן דעם דערציילט אונז אין פולער קלאָרקייט די יידישע ליטעראַטור פון יענער צייט.

און אין דער אמתן איז איינער פון די ערשטע רעגירונגס־מעשים פון נייעם בבלישן הערשער געווען די ערלויבעניש, וואָס ער האָט געגעבן די יידישע פאַרטריבענע אומצוקערן זיך צוריק אין זייער היים און אויפבויען צוריק זייער גענעלשאַפטלאַך לעבן. שפּעטער האָט כּורש אויך געזען מיט אַלערליי מיטלען צו העלפן דער הצלחה פון דער יידישער מדינה. ער האָט דערביי געקענט האָבן אין זינען, פאַרשטייט זיך, נאָר פּאָליטישע צילן. ער האָט פאָראויסגעזען, אַז אַ צעזאַמענשטויס פון דער נייער מאָנאַרכיע מיט מצרים איז ניט אויסצומיידן, און ער האָט געוויס געדאַרפט פאַרשטיין, אַז די אמתע אינטערעסן פון דער פּערסישער מלוכה פאַרלאַנגען, אַז האַרט ביים גרעניץ פון מצרים זאָל לעבן אַ באַפעלקערונג, וואָס איז מיט די ענגסטע פּעדים פון דאַנקבאַרקייט פאַרבונדן מיט דער הערשנדיקער דינאַסטיע, אַזוי אַז אויף איר געטריישאַפט זאָל מען קאָנען זיין זיכער פאַרלאָזן.

דער אומקער פון די פאַרטריבענע אהיים.

אין פרי־יאָר פון יאָר 537, 49 יאָר נאָך חורבן ירושלים, האָבן די יידן זיך געלאָזן אין וועג אַריין. זיי זיינען געווען בערך 50 טויזנט מאַן. מסתּמא זיינען צווישן זיי געווען פאָרשטייער פון אַלע אַלטע פאַמיליען, און זיי האָבן זיך געפילט, ווי די פאָרשטייער פון גאַנצן פאָלק. מיר זעען דאָס אַרויס פון דעם, וואָס די פירונג פון אַלע מלוכה־ענינים האָבן זיי איבערגעגעבן אַ קאָלעגיע פון 12 „זקנים פון יהודה". די צאָל האָט געדאַרפט, ווי עס זעט אויס, שטימען מיט דער צאָל פון די „שבטים". די קאָלעגיע האָט זיך פאַרנומען מיט אַלע אינעווייניקסטע ענינים און געמיינדע־אינטערעסן, וואו אין זיי האָט די פּערסישע מלוכה זיך ניט אַריינגעמישט. צווישן די 12 זקנים ווערט דערמאָנט קודם־כּל זרובבל, יהויכינס אייניקל, און יהושע, דער אייניקל פון לעצטן כּהן־גדול פון ירושלימער בית־המקדש, וועלכן נבוכדנצר האָט געטויט. דער אַזוי אָפט דערמאָנטער ערשטער שטאַטהאַלטער פון יהודה, ששבצר, איז געווען, עס זעט אויס, דער עלטסטער זון פון יהויכין. ער איז געבאָרן געוואָרן שוין אין בבל, און די פּערסער האָבן אים, לויט זייער מנהג, איבערגעגעבן די פירונג פון זיין אייגענעם פאָלק.

אויף דעם אָרט, וואו עס האָט זיך געפונען דער קופּערנער מזבח פון בית־המקדש, איז באַלד אויפגעבויט געוואָרן אַ נייער, און דער נאָענטסטער יום־טוב סוכּות פון יאָר 537, איז געווען געפייערט דורך צאָלרייכע קרבנות.

דערביי האָט מען אויפגעקליבן פרייוויליקע נדבות אויף די אינטערעסן פון גאָטעסדינסט און אויף די גאָטעסדינסטלאַכע קליידער פון די כהנים. נאָר מקורים פון יענער צייט זאָגן עדות, אַז צום בויען פון בית־המקדש איז מען נאָך ניט צוגעטראָטן. אַ סך זאָרג האָט פאַרשאַפן די ערשטע צייט דאָס באַזעצן זיך אין וויסטן לאַנד און דאָס אָפּבויען פון ירושלים. בערך אַ צענטל פון אַלע, וואָס האָבן זיך אומגעקערט פון גלות, האָבן זיך באַזעצט אין ירושלים גופא; די איבעריקע — אין דער נאָענטסטער סביבה.

די איבעראָרגאַניזירונג פון דעם כהנים־קלאַס. דער כהן גדול.

קיין קלאָרע ידיעות וועגן די ערשטע צען יאָר האָבן מיר ניט, נאָר מיר האָבן אַ גרונד משער צו זיין, אַז אין דער כהנים־סביבה זיינען פאָרגעקומען ערשיינונגען, וועלכע האָבן געלאָזן אַ שטאַרקן רושם אויף דער ווייטערדיקער אַנטוויקלונג פון דער יהדות. דאָס זעט מען קלאָר דערפון, וואָס אין יאָר 520 טרעט פּלוצלונג אַרויס אויף דער סצענע דער אויבנדערמאָנטער יהושע אין דער ראָלע פון אַ „כהן גדול“.

נאָך יחזקאל האָט אין זיין אוטאָפּיע (קאַפּיטל מ׳ מ״ח) גאָרנישט גע־וואוסט וועגן דער שטעל פון כהן גדול. איצט אָבער ווערט ער זייער גיך די ערשטע פּערזענלאַכקייט אין פאָלק און שטויסט אָפּ אויפן הינטערגרונד דאָס הויז פון דוד. אַלץ זאָגט עדות, אַז ביי די כהנים איז פאָרגעקומען אַ פולשטענ־דיקע איבערקערעניש און איבעראָרגאַניזירונג. עס איז באַוואוסט, אַז פיל כהנים־פאַמילעס, וועלכע האָבן ניט געקאָנט דערווייזן זייער אָפּשטאַמונג, זיי־נען פון אָנהייב ניט אויפגענומען געוואָרן אין כהנים־קלאַס, פונדעסטוועגן זעען מיר אין 80 יאָר אַרום די פאָרשטייער פון דיזעלביקע פאַמילעס אויף די העכסטע כהנים־שטעלן. עס איז קלאָר, אַז, ניט געקוקט אויף דער ערשטער התנגדות, האָבן זיי זיך דערשלאָגן צו זייער רעכט. דאָס קאָן אונז דינען פאַר אַ שליסל צו פאַרשטיין די ניט גענוג קלאָרע געשעענישן פון יענער צייט. לויט יחזקאלס מיינונג, דאַרף דאָס רעכט אויף אַלע פונקציעס און פריווילעגיעס פון די כהנים געהערן נאָר די בני־צדוק, ד. ה. די וואָס שטאַמען פון צדוק, דעם עלטסטן כהן אין דער צייט פון דוד און שלמה. נאָר דורכפירן די באַ־גרענעצונג האָט זיך, זעט אויס, ניט איינגעגעבן. אַליין די צאָל 4289 פון די צוריקגעקערטע כהנים, וועלכע האָבן באַטראָפן אַ צענטל פון אַלע צוריקגעקו־מענע בכלל, וועקט ביי אונז אויף דעם געדאַנק, אַז אַזאַ גרויסע צאָל כהנים האָט ניט געקאָנט באַשטיין פון לויטער בני־צדוק. עס איז אויסגעקומען צו אָרגאַניזירן דעם כהנים־קלאַס אויף ברייטערע יסודות: פאַר זייער מיטגלידער האָט מען אָנגעהויבן רעכענען ניט נאָר די, וואָס שטאַמען פון צדוק, נאָר אַלע וואָס שטאַמען פון אהרונען בכלל. די טענות פון די בני־צדוק האָט מען, קענ־טיק, פאַרענטפערט אויף דעם אופן, וואָס מען האָט איינגעפירט די שטעל פון אַ כהן־גדול, וואָס דאָס רעכט אויף איר איז איבערגעגעבן געוואָרן אויס־שליסלאַך זיי.

דער בנין פון בית־המקדש.

ערשט אין 520־טן יאָר איז מען צוגעטראָטן צו דער באַנייאונג פון בית־המקדש. דאָס לאַנד האָט געליטן פון אומגערעטעניש און יקרות, און דער נביא חגי האָט דאָס דערקלערט, ווי אַ געטלאַכע שטראָף דערפאַר, וואָס יהודה

לעבט אין הייזער, באַפּוצטע מיט שניצערייען, און יהוהס הויז איז נאָך אַלץ חרוב. אין דעמזעלביקן גייסט איז געפירט געוואָרן די טעטיקייט פון דעם צווייטן נביא, דעם כהן זכריהו. אונטער זייער ווירקונג האָט זיך דאָס רוב פון דער באַפעלקערונג גענומען פאַר דעם בנין פון בית-המקדש, און דער ערשטער שיין פון דעם קינפטיקן בנין איז אַוועקגעלייגט געוואָרן דורך דודס אייניקל זרובבל, וועלכער איז באַשטימט געוואָרן פאַר אַ פאַרוואַלטער אָנשטאָט דעם פאַרשטאָרבענעם ששבצר. דער בנין פון בית-המקדש איז געווען אין עצם אַן אייגנוויליקער אַקט מצד דער געמיינדע: זי האָט ביי דער פּערסישער רעגירונג קיין ערלויבעניש דערצו ניט געבעטן. נאָר די פּערסישע מאָנאַרכיע איז געווען אין יענער צייט זייער שוואַך, און דאָס גאַנצע לאַנד איז געווען אַרומגעכאַפּט דורך אַן אויפשטאַנד קעגן דעם נייעם קיניג דריוש. דער סאַטראַפּ תתני, וואָס אונטער זיין רשות איז זרובבל געשטאַנען, האָט באַמערקט בשעת איינער פון זיינע נסיעות איבערן לאַנד דעם בנין, וואָס בויט זיך, און האָט געפאָדערט אַן ערקלערונג. ער האָט וועגן דעם געשיקט אַ מעלדונג דריושן, וועלכער האָט געענטפערט, אַז דאָס רעכט צום בויען איז געגעבן געוואָרן נאָך דורך כורשן, און אַז אים אַליין וואָלט אויך זיין אָנגענעם צו קומען צו הילף אָט דער אונטערנעמונג. אין יאָר 516 איז דער בנין פאַרענדיקט געוואָרן, און דער בית-המקדש פייערלאַך געהייליקט.

וועגן די ווייטערדיקע 60 יאָר האָבן מיר כמעט קיין ידיעה ניט, נאָר, ווען מען נעמט אין די באַשרייבונגען פון בוך מלאכי, זעט מען, אַז די געשעענישן האָבן אָנגענומען אַ ניט-גינסטיקע ווענדונג. נאָך דער ערשטער תקופה פון באַגייסטערונג איז אָנגעקומען די צייט פון אָפּקילונג און גלייכגילטיקייט. אַ קראַנקהאַפטער יאוש האָט באַהערשט אַלעמען. יעדערער האָט זיך געאיילט, אויף וויפל עס איז מעגלאַך, הנאה צו האָבן פון לעבן. פון די רעליגיעזע התחייבותן האָט מען געזוכט זיך אָפּצוזאָגן, און אין בעסטן פאַל האָט מען זיי מקיים געווען נאָר אויסווייניק, אָן געפיל. אמת, עס איז נאָך געבליבן אַ קליינע גרופּע פון איבערגעגעבענע צו דער אמונה, אָבער פיל אויפצוטאָן זיינען זיי ניט געווען מער בכוח. אין דער צייט איז אָבער די הילף געקומען פון בבל.

עזרא. די וואָס זיינען געבליבן לעבן אין בבל, זיינען געשטאַנען מיט די אומגעקערטע קיין ארץ-ישראל אין אַ שטענדיקער פאַרבינדונג, און וועגן אַלץ, וואָס עס איז פאָרגעקומען אינדערהיים, האָט מען געהאַט אין בבל די פּינקטלאַכסטע ידיעות. די אַנטוויקלונג פון רעליגיעזן לעבן אין גלות איז זיך געגאַנגען אין איר באַזונדערן וועג. דער יידישער קיבוץ אין בבל האָט ניט געוואוסט פון קיין שווערער מלחמה פאַרן קיום, וואָס איז אויסגעפאַלן אויפן גורל פון די ארץ-ישראלדיקע איינוואוינער, און דערפאַר האָט ער זיך אינגאַנצן אָפּגעגעבן מיט זיינע רעליגיעזע הצטרכותן. לעבנדיק צווישן געצנדינער, האָבן זיי זיך געשטעלט פאַר זייער חוב, אַלס יידן, באַוואוסטזיניק צו אַנטוויקלען די יהדות און פאַרווירקלאַכן זי אין לעבן. און דערפאַר איז טאַקע אין בבל אויסגעוואַקסן אַן אמתע טעאָלאָגישע שול, וואָס האָט זיך אָפּגעגעבן מיט דער אויספאָרשונג פון דעם געזעץ און מיט ליטעראַרישע באַאַרבעטונגען. אין דער סביבה איז געמאַכט

געוואָרן די התחלה אויפצוקלייבן און צו אָרדענען דאָס געזעץ און אויך עס ווייטער צו אַנטוויקלען. באַזונדער אויסגעצייכנט פון די געלערנטע האָט זיך עזרא, וועלכער האָט געהערט צו די בני־צדוק און איז געווען אַ קרוב פון ירושלימער כהן־גדול.

ווען אין ירושלים איז אָנגעשטאַנען דער קריזיס, האָט זיך עזראַן איינגעגעבן צו פאַראינטערעסירן מיט דער יידישער לאַגע דעם קיניג אַרטאַקסערקסעס (ארתחשסתא) דעם ערשטן, לאָנגימאַנוס, און האָט געפועלט ביי אים אַ קיניגלאַכן בריוו (עזרא קאַפּ. ז), וואו ער, עזרא, ווערט באַשטימט פאַר אַ ספּעציעלן קאָמיסאַר מיט אומבאַגרענעצטע רעכט צו רעפאָרמירן דאָס געזעלשאַפטלאַכע לעבן אין ירושלים. דעם ערשטן אַפּריל 468 איז דער וואַנדערצוג פון עזראַן געווען פאַרטיק. ער איז באַשטאַנען פון 1772 מענער, די צאָל פון די פרויען און קינדער איז ניט אָנגעוויזן. פון אַ באַלייטונג מצד דעם פּערסישן מיליטער האָט זיך עזרא אָפּגעזאָגט, און, נאָכדעם ווי זיי האָבן זיך צוגעגרייט דורך תעניתים און תפילות, האָט זיך דער וואַנדער־צוג געלאָזן אין וועג אַריין דעם צוועלפטן אַפּריל, און איז דעם ערשטן אויגוסט אָנגעקומען קיין ירושלים.

עזראס קאמף קעגן די געמישטע שידוכים

גלייך נאָך זיין אָנקומען, טרעט עזרא צו צו דער אַרבעט, און קודם־כל דערקלערט ער אַן אָפענע מלחמה די געמישטע שידוכים. היות ווי אין יענער צייט איז די אמונה און דער פאָלקס־באַוואוסטזיין שטאַרק געווען געפאַלן, דעריבער האָבן אַזעלכע שידוכים געטראָגן אין זיך אַן ערנסטע סכנה: די וואָס האָבן זיך אָפּגעזאָגט פון נאַציאָנאַלער ריינקייט און אָפּגעזונדערטקייט, איז אויסגעקומען אָפּצוזאָגן זיך אויך פון דער אמונה, און דאַן איז זיי ניט געבליבן קיין אַנדער זאַך, ווי צונויפצומישן זיך מיט די געצנדינער. אָט פאַרוואָס מען האָט געדאַרפט אויף דער קראַנקער פּראַגע אָנווענדן אַלע כוחות און אַרויסטרעטן אויף דעם באַשלאָסנסטן אופן. עזרא קלייבט אויף דאָס פאָלק, און רופט אַרויס אַ שטאַרקע רעליגיעזע התעוררות, וואָס אונטער איר ווירקונג ווערט אָנגענומען דער באַשלוס, וואָס וואָלט ביי אַן אַנדער פאַל קיינמאָל ניט אָנגענומען געוואָרן. עזרא רייסט אויף זיך די קליידער, די האָר פון קאָפּ, ווי אים וואָלט אָנגעכאַפּט אַ שרעק פאַר אַלץ, וואָס ער האָט געזען און געהערט, און ער זיצט ביזן אָוונט אָן ווערטער און באַוועגונג; אַרום אים קלייבן זיך צונויף גרויסע מחנות פון פאָלק, און לסוף אינאָוונט שטייט ער אויף, וואַרפט זיך אויף די קני און הויך, מיט טרערן אין די אויגן, לייענט ער זיין ווידוי, וואו עס ווערט געשילדערט אין טונקעלע שטריכן די פאַרשיי־קייט פון פאָלק; דער עולם ווערט אַלץ מערער, עס לויפן זיך צונויף פרויען און קינדער, און אַלע צעגיסן זיך אין אַ הויכן געוויין. אין נאָמען פון פאָלק נעמט איינער, וואָס איז איינשטימיק מיט עזראַן, דאָס וואָרט; ער זאָגט: „יאָ, מיר זיינען שווערע זינדיקע! מיר וועלן פייערלאַך שווערן צו דערווייטערן אונזערע פרעמדע פרויען און זייערע קינדער! נעם זיך, עזרא, דו פאַר דער זאַך, מיר וועלן זיין מיט דיר!"

עזרא איילט צו שמידן דאָס אייזן, כל זמן עס איז נאָך הייס — ער

האָט אַרויסבאַקומען די פייערלאַכע שבועה פון אַלע פאַרזאַמלטע (עזרא קאַפּיטל י׳).

עס פאַרשטייט זיך, אַז דערמיט איז די זאַך נאָך ניט פאַרענדיקט געוואָרן. די גאַנצע שווערקייט פון דער אויפגאַבע איז קלאָר געוואָרן ערשט דאַן, ווען מען האָט זיך גענומען זי צו פאַרווירקלאַכן. הגם דאָס געזעץ האָט יעדן געגעבן בכלל די פרייהייט צו גטן זיין פרוי, נאָר ביי די חתונות, וואָס זיינען געשלאָסן אויס ליבע, און דערצו נאָך, ווען עס זיינען פאַראַן קינדער, איז געווען ניט קיין גרינגע זאַך אָן שום טענות צו דערווייטערן פון זיך ווייב און קינדער. שווערער פון אַלץ איז געווען צו קעמפן מיט די אָנגעזעענע מענער פון דער קהילה. זיי זיינען געשטאַנען אין קרובהשאַפט מיט דער שכנותדיקער געצנדינערישער אַריסטאָקראַטיע און מיט די פּערסישע באַאַמטע, און די צערייסונג פון אַזעלכע שידוכים האָט געקאָנט אויפרייצן קעגן דעם יונגן, נאָך גיט באַפעסטיקטן ישוב די אַיינפלוסרייכע קרייזן פון דער פּערסישער מדינה.

אויף אַזאַ אויפן זיינען פאַרביי פינף חדשים זינט דער ניט־פאַרגעסלאַכער פאָלקס־פאַרזאַמלונג, און די זאַך האָט זיך נאָך ניט אָנגעהויבן צו פאַרווירקלאַכן, נאָר אָט איז 20 טעג אין דעצעמבער פון יאָר 458 צונויפגערופן געוואָרן קיין ירושלים אַ פאָלקס־פאַרזאַמלונג, אויף וועלכע עס איז געווען מחוייב צו קומען די גאַנצע מענלאַכע באַפעלקערונג, און מען האָט מתרה געווען, אַז ווער עס וועט ניט קומען, וועט אויסגעשלאָסן ווערן פון כלל ישראל. אַז עזרא האָט נאָכאַמאָל איבערגעחזרט זיין פאָדערונג וועגן דער שיידונג פון די געמישטע שידוכים, האָבן אַלע מסכים געווען מיט אים, אַז די זאַך איז זייער וויכטיק, נאָר זיי האָבן געפונען, אַז דאָס איז אַ צו שווערע, צו פאַרפלאָנטערטע פראַגע, און אַז דעריבער קען זי ניט פאַרענטפערט ווערן אויף גיך (עזרא י׳ 13). מען דאַרף דעריבער צענויפשטעלן אַ קאָמיסיע אונטער דער פירונג פון עזרא, וואָס זאָל אויספאָרשן יעדן פאַל פון די געמישטע שידוכים און דערנאָך זיך רעכענען מיט יעדן שולדיקן באַזונדער. אמת, פיר אָנהעגגער עזראס האָבן פראָטעסטירט קעגן אַזאַ פאַרציאונג פון דער זאַך, אָבער דער פאָרשלאָג איז דורכן פאָלק אָנגענומען געוואָרן.

די קאָמיסיע איז צענויפגעשטעלט געוואָרן דעם ערשטן יאַנואַר 457 און אין משך פון דריי חדשים האָט זי אַזויפיל אויפגעטאָן, אַז זי האָט פעסטגעשטעלט די פולשטענדיקע רשימה פון די מענער, וועלכע לעבן מיט ווייבער פון אַנדערע פעלקער. נאָר ביי דערדאָזיקער מעלדונג רייסן זיך איבער די היסטאָרישע ידיעות, וואָס עס דערציילט אונז דער ספר עזרא, און וועגן די ווייטערדיקע דרייצן יאָר, ביז צו אַפּריל פון יאָר 444, זיינען ביי אונז ניטאָ קיין ידיעות.

די צעשטערונג פון די מויערן, וואָס מען האָט אָנגעהויבן בויען אַרום ירושלים.

די ידיעות, וואָס זיינען שייך צו דער צייט, זיינען מסתמא מיט אַ כּיוון באַהאַלטן געוואָרן, ווייל עזראס אונטערנעמונג האָט זיך ניט איינגעגעבן. ערשט פון ספר נחמיה (א 3) ווערן מיר געוואָר, אַז אין אַפּריל פון יאָר 444 זיינען די מויערן פון ירושלים צעשטערט געוואָרן און

די טויערן פאַרבּרענט. ווי עס זעט אויס, איז דער גאַנג פון די געשעענישן געווען אַזעלכער: עזרא האָט, קענטיק, פאַרשטאַנען, אַז פריער דאַרף מען באַפעסטיקן דעם מעמד אין לאַנד, און דערנאָך ערשט קאָן מען צוטרעטן צו אַזעלכע ערנסטע רעפאָרמען. אַזוי ווי ירושלים איז געווען אַן אָפענע שטאָט, וואָס איז לגמרי ניט באַשיצט, האָט עזרא זיך גענומען בויען מויערן אַרום דער שטאָט, און האָט זיך דערביי סומך געווען אויף די רעכט, וואָס עס האָט אים געגעבן דער קיניג דריוש. די פיינדלאַכע שכנים האָט די מעשה באַאומרואיקט, און זיי האָבן גלייך וועגן דעם אָנגעזאָגט אין פערסישן הויף און, פאַרשטייט זיך, אויסגעמאָלט די זאַך אַזוי, אַז עזראָס אויפטו זאָל טראָגן אַ פּאָליטישן כאַראַקטער. לאָמיר זיך דערמאָנען, אַז אין יענער צייט האָבן די מצרים פון זיך אַראָפּגעוואָרפן די פערסישע הערשאַפט; אמת, באַלד האָבן די פערסער ווייטער אָפּגעהאַלטן אַ נצחון איבער זיי, אָבער דאָס לאַנד איז נאָך געווען ניט אינגאַנצן רואיק. נאָך אין יאָר 449 און 443 האָט זיך די אויפרעגונג אין מצרים ניט איינגעשטילט. די פערסער זיינען, באַטירלאַך, געווען צעטומלט און האָבן מורא געהאַט, דער אויפשטאַנד זאָל ניט אַרומכאַפּן אויך אַנדערע פעלקער. דעריבער איז אָנגעקומען אַן ענטפער פון אַרטאַקסערקסעס, אַז דער בנין פון די מויערן זאָל אָפּגעשטעלט ווערן. און אָט דער באַפעל איז אויסגעפירט געוואָרן דורך די יידישע שונאים און די אָנגעהויבענע בנינים זיינען דורך זיי צעשטערט געוואָרן.

נאָר אין יענעם אויגנבליק, ווען עס האָט זיך געדוכט, אַז עזראָס טעטיקייט איז אינגאַנצן צו גרונט געגאַנגען, איז פּלוצלונג ווידער געקומען די הילף. אַ בבלישער ייד, מיטן נאָמען נחמיה, האָט באַקומען אַן איינפלוס אויפן קיניג אַרטאַקסערקסעס און זיין ווייב דאַמאַספּיאַ און איז באַשטימט געוואָרן פאַר אַ שר-המשקים. ער האָט דערהערט וועגן די טרויעריקע געשעענישן אין ירושלים און האָט ניט געקאָנט פאַרבאָרגן זיין טרויער. אַז דער קיניג איז געוואָר געוואָרן די סיבה פון זיין טרויער, האָט ער באַשטימט נחמיהן פאַר אַ פאַרוואַלטער איבער יהודה און האָט אים אָפּגעלאָזן אויף צוועלף יאָר. נאָכדעם ווי נחמיה האָט געקראָגן אַ ברייטע פולמאַכט און ברוו צו די פערסישע הויכע באַאַמטע (נחמיה ב׳ 9), האָט ער זיך באַלד געלאָזן אין וועג אַריין כדי צו טאָן זיין חוב.

נאָכדעם ווי ער איז אָפּגעווען אין ירושלים דריי טעג, איז נחמיה, אין דער באַגלייטונג פון אַ קליינער סוויטע און ביינאַכט אַרומגעפאָרן איבער דער שטאָט, כדי ביים שיין פון דער לבנה בעסער צו באַקוקן אירע חורבות. ווייט פאָרן איז אים ניט אויסגעקומען. בערג פון מיסט און צעבראָכענע בנינים האָבן אים פאַרשטעלט דעם וועג. נחמיה האָט זיך אומגעקערט. נאָך דעם רופט ער צונויף דאָס פאָלק, די כהנים און די זקנים, שילדערט פאַר זיי די גאַנצע טרויעריקע לאַגע פון שטאָט און איז זיי מודיע וועגן דער פולמאַכט, מיט וועלכער ער איז געקומען קיין ירושלים.

תיכף איז מען צוגעטראָטן צוריק צו דער אַרבעט פון בויען, וואָס מען האָט צעטיילט צווישן אַלע בירגער. יעדער פאַמיליע האָט באַקומען אַ באַשטימטן טייל פון דער מויער, און אויף אַזאַ אופן איז די אַרבעט געמאַכט געוואָרן אין

נחמיה.

דער בנין פון די מויערן אַרום ירושלים.

איין צייט אויף דעם גאַנצן שטח, און די ווענט פון דער שטאָט־מויער האָבן גיך אָנגעהויבן צו וואַקסן. די גאַנצע צייט, ווען עס האָט געקאָכט די אַרבעט, האָט נחמיה פון זיך ניט אויסגעטאָן די קליידער. טאָג און נאַכט האָט ער פאַרבראַכט ביים אָרט פון בנין. ווי אַ געוויינלאַכער אַרבעטער, האָט ער זיך פאַר אַלץ געגומען, אויף אַלץ אַכטונג געגעבן, באַגייסטערנדיק און וועקנדיק דורך זיין ביישפיל אַלעמען פון גרייס ביז קליין.

מיט אומרואיקייט האָבן די יידישע שונאים געקוקט אויף אַלץ, וואָס איז פאָרגעקומען אין ירושלים. צווישן זיי האָבן זיך אויסגעצייכנט סנבלט פון חרן, טוביה דער עמוני און דער קנעכט גשם, וועלכע האָבן געזוכן מיט אַלע מיטלען צו שטערן די אַרבעט. זיי האָבן געמאַכט צו שפּאָט די גאַנצע אונטער־נעמונג נחמיהס און האָבן אַפילו געפּרובט אָננעמען פיזישע מיטלען. נאָר נחמיה האָט געהאַט שטענדיק גרייט אַ געגוגע צאָל זעלנער, כּדי אָפּצושלאָגן יעדן אָנפאַל (נחמיה ד׳ 10). עס איז נאָך געבליבן די מעגלאַכקייט צו שטערן די אַרבעט דורכדעם, וואָס מען וועט אויפהעצן דאָס פאָלק. קיין אומצופרידענע האָבן מסתּמא ניט אויסגעפעלט, און אַ סך האָבן געוואָלט געפינען אַ געהעריקן אויסרייד צו וואַרפן די אַרבעט. די פיינד לאָזן זיך אויך אויף דעם מיטל און נוצן אויס די נידעריקע, פאַרקויפטע עפּיגאָנען פון דער נבואה, וועלכע האָבן דורך ליגנערישע פאָראויסזאָגונגען געקענט אַריינטראָגן אַ צעמישעניש צווישן די אַרבעטער. נאָר נחמיהן האָט זיך איינגעגעבן גובר זיין אויך דידאָזיקע שטערונגען.

אָבער ניט אַלע שטערונגען זיינען נאָך געווען באַזייטיקט. די אַרבעט בעתן בויען די מויערן האָט צוגענומען ביים אָרימען המון אַ סך צייט און די מעגלאַכקייט צו פאַרדינען צום לעבן. די אָפּצאָלונגען האָבן אָבער געמוזט אַריינגעטראָגן ווערן וואָס פריער, און צו דעם אַלעמען איז אָנגעקומען אַ יאָר פון אומגערעטעניש, די אָרימע באַפעלקערונג איז אַריינגעפאַלן אין חובות, וועלכע זי איז ניט בכוח געווען צו באַצאָלן: די וויינגערטנער און די פעלדער זיינען געווען פאַרמשכּונט, און טייל זיינען געווען געצוואונגען צו פאַרקויפן פאַר די חובות זייערע קינדער אין קנעכטשאַפט. די טענות פון די אָרימע־לייט דערגרייכן צום פאַרוואַלטער. אויף אַ פייערלאַכער פאַרזאַמלונג גיסט ער אויס זיין גאַנצן צאָרן אויף די רייכע בעלי־עוולהס, אויף זייער אומברחמנות־דיקער באַציאונג צו די אָרימע. ער ווייזט זיי אָן אויף זיין אייגענער פירונג; ער האָט זיך אָפּגעזאָגט פון דעם געהאַלט, וואָס ער דאַרף באַקומען אַלס פאַרוואַלטער, פאַר אַלץ צאָלט ער פון אייגענע מיטלען, און אַחוץ דעם עסן ביי זיין טיש 150 מאַן. זיין רעדע האָט געהאַט אַ פּעולה, און די גבירים האָבן זיך פייערלאַך געשוואָרן, אומצוקערן די פאַרמשכּונטע האָב־און־גוטס און מוחל צו זיין די חובות.

די אַרבעט איז איצטער אַוועק געשווינד פאָראויס און איז געוואָרן פאַרענדיקט באַך אַ משך פון 250 טעג. אַ פייערלעכע פראָצעסיע מיט תהלים־געזאַנג און כּלי־זמר איז דורכגעגאַנגען איבער די מויערן, און די יידן האָבן געלויבט און געדאַנקט גאָט פאַר דעם גליקלאַכן סוף פון דער אונטערנעמונג.

די פייערלאכע פארעפנטלאכונג פון „בוך פון געזעץ".

איצט, ווען פון אויסווייניק האָט קיינער מער ניט געקאָנט שטערן, איז געוואָרן מעגלאַך צוצוטרעטן צו דעם, פון וואָס עזרא איז געווען געצוואונגען פריער זיך אָפּצוזאָגן, ד. ה., צו דער אינעווייניקסטער אָרגאַניזירונג פון דער יידישער עדה. אָט־וואָס עס דערציילט וועגן דעם דער תנ"ך:

ווען עס איז אָנגעקומען דער זיבעטער חודש, האָט זיך דאָס גאַנצע פאָלק אויפגעקליבן, ווי איין מענטש, אויפן פלאַץ, וואָס ביי דעם וואַסער־טויער, און זיי האָבן געזאָגט צו עזרא דעם סופר, ער זאָל ברענגען דעם ספר פון משהס תורה, וואָס יהוה האָט געגעבן ישראלן. און דער כהן עזרא האָט געבראַכט דעם ספר־תורה פאַר דער פאַרזאַמלונג פון מענער, פרויען און אַלע, וואָס האָבן געקאָנט פאַרשטיין, אין ערשטן טאָג פון זיבעטן חודש, און האָט געלייענט פון אים אויפן פלאַץ, וואָס ביי דעם וואַסער־טויער, פון פרימאָרגן ביזן האַלבן טאָג. און דאָס גאַנצע פאָלק האָט צוגעהערט דעם ספר התורה. עזרא האָט זיך געשטעלט אויף אַ הילצערנער בימה, וואָס איז צוליב אים געמאַכט געוואָרן, און לעבן אים פון דער רעכטער האַנט זיינען געשטאַנען מתתיהו, שמע, עניה, אוריה, חלקיה און מעשיה, און פון דער לינקער האַנט פדיה, מישאל, מלכיה, חשבדנה, זכריה און משולם. עזרא האָט געקאָנט עפענען דעם ספר פאַר די אויגן פון גאַנצן פאָלק, ווייל ער איז געשטאַנען העכער, איידער דאָס גאַנצע פאָלק, און אַז ער האָט אים געעפנט, האָט זיך דאָס גאַנצע פאָלק אויפגעהויבן, און עזרא האָט אָפּגעגעבן זיין לויב יהוה, דעם גרויסן גאָט, און דאָס גאַנצע פאָלק האָט געענטפערט: אָמן, אָמן, און אויסגעשטרעקט די הענט אינדערהויך. דערנאָך זיינען זיי געפאַלן כורעים, און ביז צו דער ערד איינגעבויגן זייער פנים פאַר יהוהן. און די לויים האָבן דערקלערט דאָס געזעץ דעם פאָלק, נאָכדעם ווי דאָס פאָלק איז אויפגעשטאַנען. און זיי האָבן געלייענט שטיקער פון „בוך פון געזעץ" און האָבן צו זיי צוגעגעבן ערקלערונגען אַזוי, אַז דאָס פאָלק האָט פאַרשטאַנען דאָס געלייענטע. נאָכדעם האָט נחמיה (ער הייסט אויך תרשתא) און דער כהן עזרא דער סופר, און די לויים, וואָס האָבן געלערנט מיטן פאָלק, געזאָגט צום גאַנצן פאָלק: אָט דער טאָג איז הייליק פאַר יהוה, אונזער גאָט. זייט ניט אומעטיק און וויינט ניט. ווייל דאָס גאַנצע פאָלק האָט אָנגעהויבן וויינען, בעת עס האָט געהערט די ווערטער פון געזעץ. און ער האָט ווייטער געזאָגט: גייט, עסט פעטע שפייז, טרינקט זיסע געטראַנקען און שיקט פון אַלציִנג צו יענע, וואָס ביי זיי איז גאָרנישט ניט צוגעגרייט; וואָרים דער טאָג איז הייליק פאַר אונזער הערשער. זייט ניט אומעטיק, ווייל די פרייד פאַר יהוה — דאָס איז אייער כוח. און די לויים האָבן בארואיקט דאָס גאַנצע פאָלק, אַזוי צו זאָגן: הערט אויף, ווייל דער טאָג איז הייליק — זייט ניט טרויעריק. און דאָס גאַנצע פאָלק איז אַוועקגעגאַנגען עסן און טרינקען, און מהנה זיין אַנדערע, און אָפּריכטן אַ גרויסע שמחה, ווייל זיי זיינען געוואָרן דורכגעדרונגען פון דעם, וואָס מען האָט צו זיי געזאָגט.

די פייערונג פון יום־טוב סוכות

אויפן צווייטן טאָג האָבן זיך אויפגעקליבן די פאָרשטייער פון די משפחות פון גאַנצן פאָלק, און די כהנים און די לויים צו עזרא דעם סופר,

כּדי אויפֿמערקזאַם צו הערן די ווערטער פֿון געזעץ. און זיי האָבן געפֿונען געשריבן אין געזעץ, וואָס יהוה האָט געגעבן דורך משהן, אַז די בני־ישראל דאַרפֿן אין זיבעטן חודש אָום יום־טוב לעבן אין ביידלאַך, און אָנזאָגן און דערקלערן אין אַלע זייערע שטעט און אין ירושלים אַזוי: גייט אין די בערג און ברענגט צווייגן פֿון גאָרטן־אייבערט און פֿון ווילדן אייבערט און מירטן־צווייגן און פּאַלמען־צווייגן און צווייגן פֿון אַנדערע געדיכטבלעטערדיקעביימער אויף צו מאַכן ביידלאַך, לויט ווי עס איז באַפֿוילן. און עס איז געגאַנגען דאָס פֿאָלק, האָט געבראַכט און געמאַכט זיך ביידלאַך. יעדערער אויף זיין דאַך אָדער אין זיינע הויפֿן, און אויף די הויפֿן פֿון גאָטס־הויז, און אויפֿן פּלאַץ ביים וואַסער־טויער, און ביים טויער פֿון אפֿרים. און אַט אַזוי האָט די גאַנצע קהילה פֿון די, וואָס האָבן זיך אומגעקערט פֿון גלות, געמאַכט ביידלאַך און געלעבט אין די ביידלאַך. אַזוי האָבן די בני־ישראל ניט אָפּגעריכט דעם יום־טוב זינט דער צייט פֿון יהושע דעם זון פֿון נון און ביז דעמדאָזיקן טאָג. און עס האָט געהערשט אַ גרויסע פֿרייד. און זיי האָבן געלייענט פֿון בוך פֿון געטלאַכן געזעץ פֿון טאָג אויף טאָג, פֿון ערשטן טאָג ביז צום לעצטן. און זיי האָבן אָפּגעריכט דעם יום־טוב אין משך פֿון זיבן טעג, און דער אַכטער טאָג איז געווען אַ שלוס־פֿאַרזאַמלונג, ווי עס געהער צו זיין.

די פֿאָלקס־פֿאַרזאַמלונג פֿון 24 תשרי. עזראס רעדע.

24 טעג אין דעמזעלביקן חודש האָבן זיך אויפֿגעקליבן אַלע בני־ישראל און האָבן אָפּגעהיט דעם תּענית אין זעק און מיט אַש אויף די קעפּ. און די וואָס זיינען געווען פֿון ישראלשער אָפּשטאַמונג האָבן זיך אויסגעטיילט פֿון די פֿרעמדע און זיינען צוגעגאַנגען און מתודה געווען זיך אויף זייערע זינד און אויף די פֿעלערן פֿון זייערע עלטערן. און זיי האָבן זיך געשטעלט אויף זייערע ערטער און דריי שעה לאַנג געלייענט אין געזעץ־בוך פֿון יהוה, זייער גאָט, און דריי שעה לאַנג זיך מתודה געווען און געפֿאַלן כּורעים פֿאַר יהוה, זייער גאָט. אויף דער בימה פֿון די לויים האָבן זיך געשטעלט: יהושע, בני, קדמיאל, שבניה, בניה, שרביה און כּנני, און האָבן הויך אויסגעשריען צו יהוה זייער גאָט: „לויבט יהוה, אונזער גאָט, פֿון דור צו דור". און זיי האָבן אָנגעהויבן אָפּגעבן זייער שבח דעם פֿילבאַרימטן נאָמען פֿון דעם, וואָס איז העכער פֿון יעדן לויב און רום.

און עס האָט געזאָגט עזרא: „אָ, יהוה, דו ביסט איינער, דו האָסט באַשאַפֿן דעם הימל און די הימל־הימלען און זייער גאַנצן חייל, די ערד און אַלץ, וואָס לעבט אויף איר, די ימים און אַלץ, וואָס לעבט אין זיי. דו ביסט יענער, וואָס שענקט אַלעמען לעבן, און פֿאַר ווענען עס בוקן זיך די חיילות פֿון הימל. דו, יהוה, ביסט יענער גאָט, וועלכער האָט אויסגעוויילט אַברמען און אַרויסגעפֿירט אים פֿון אור, וואָס אין לאַנד כּשדים, און האָסט אים געגעבן דעם נאָמען אַברהם. דו, יהוה, האָסט געפֿונען, אַז זיינע געדאַנקען זיינען געטריי צו דיר, און האָסט מיט אים געשלאָסן אַ פֿייערלאַכן אָפּמאַך דאָס לאַנד פֿון די כּנענים, חתּים, אמורים, פּריזים, יבוסים און גרגשים — אָט דאָס לאַנד האָסטו אָפּגעגעבן זיינע קינדער. און דו האָסט ערפֿילט דיין וואָרט

ווייל דו ביסט אמת. און דו האָסט דערזען דעם פּיין פון אונזערע עלטערן אין מצרים, און האָסט דערהערט זייער זיפצן ביים ים סוף און דו האָסט אַרויסגעוויזן וואונדער און מופתים איבער פּרעה און איבער אַלע זיינע דינער און איבער דעם גאַנצן פאָלק פון זיין לאַנד. וואָרים דו האָסט געוואוסט, אַז זיי האָבן זיך מוטוויליק באַגאַנגען מיט זיי. און דו האָסט זיך דורך דעם פּאַרשאַפט אַ נאָמען ביז אויף היינטיקן טאָג. דו האָסט צעשפּאָלטן פאַר זיי דעם ים, און זיי זיינען דורכגעגאַנגען דורכן ים אין דער טריקעניש, און די וואָס האָבן זיי נאָך געיאָגט, האָסטו אַריינגעוואָרפן אין אָפּגרונט, ווי אַ שטיין אין שטורמישע וואַסערן. מיט אַ וואָלקן-זייל האָסטו זיי געפירט ביי טאָג, און מיט אַ פייער-זייל ביי נאַכט, כדי צו באַלייכטן פאַר זיי זייער וועג. און דו האָסט אַראָפּגענידערט אויפן סיני און גערעדט צו זיי פון הימל און האָסט זיי געגעבן גערעכטע געזעצן, זיכערע אָנווייזונגען, גוטע חוקים און געבאָטן. און דו האָסט זיי געגעבן צו וויסן דיין הייליקן שבת, און דו האָסט געגעבן געבאָטן און חוקים אין דיין תורה דורך משה דיין קנעכט. און ברויט פון הימל האָסטו זיי געגעבן, כדי צו שטילן זייער הונגער, און וואַסער פון שטיין האָסטו זיי געלאָזט רינען, כדי צו שטילן זייער דאָרשט. און דו האָסט זיי פאַרזאָגט, זיי זאָלן גיין און באַהערשן דאָס לאַנד, וואָס דו האָסט געשוואָרן צו געבן זיי. אָבער זיי, אונזערע עלטערן, האָבן ווידערשפּעניגט און האָבן זיך איינגעעקשנט און האָבן ניט געהערט דיינע פאַרזאָגן. זיי האָבן ניט געוואָלט פאָלגן און האָבן ניט געדענקט דיינע וואונדערלאַכע מעשים, וואָס דו האָסט זיי געוויזן; זיי האָבן זיך אויף אַזויפיל איינגעעקשנט, אַז זיי האָבן זיך פאַרגעבן מיטן געדאַנק, צוריק אומצוקערן זיך צו דער קנעכטשאַפט קיין מצרים. נאָר דו, דער גאָט פון פאַרגעבונג, דו גוטער און דערבאַרימדיקער, לאַנגגעדולדיקער און פילגנאָדיקער — דו האָסט זיי ניט פאַרלאָזן. און אַפילו ווען זיי האָבן זיך געמאַכט אַ געגאָסן קאַלב און האָבן אויסגערופן: „אָט איז דיין גאָט, וועלכער האָט דיך אַרויסגעפירט פון מצרים“, און ווען זיי האָבן דיך געלעסטערט, האָסטו אַלץ, מחמת דיין גרויס באַרימהאַרציקייט, ניט פאַרלאָזן זיי אין מדבר. זיי האָבן אין קיין זאַך ניט געליטן קיין נויט; זייערע קליידער האָבן זיך ניט אָפּגעטראָגן, און זייערע פיס זיינען ניט געשוואָלן געוואָרן. און דו האָסט זיי אָפּגעגעבן קיניגרייכן און פעלקער און צעטיילט צווישן זיי. און זיי האָבן באַהערשט דאָס לאַנד פון סיחון, דעם קיניג פון חשבון, און דאָס לאַנד פון עוג, דעם קיניג פון בשן. און דו האָסט געמערט זייערע קינדער, ווי די שטערן פון הימל, און דו האָסט זיי געבראַכט אין לאַנד, וואָס דו האָסט געזאָגט צו זייערע עלטערן, זיי זאָלן גיין אַהין און עס באַהערשן. און זייערע זין זיינען געקומען און באַהערשט דאָס לאַנד, און דו האָסט זיי אונטערטעניק געמאַכט, די איינוואוינער פון לאַנד — די כנענים, און האָסט אָפּגעגעבן אין זייערע הענט זייערע מלכים און די פעלקער פון לאַנד, זיי זאָלן מיט זיי זיך באַגיין לויט זייער ווילן. און זיי האָבן פאַרנומען באַפעסטיקטע שטעט און פעטע אַקער-פעלדער און באַהערשט הייזער, אָנגעפילט מיט אַלדאָס גוטס; וואַסער-ברינימער, אויסגעהאַקטע פון שטיין, ווייַנגערטע-

נער און איילבערט=גערטענער און אַ גרויסע צאָל פרוכט=ביימער. נאָר ווען זיי האָבן געגעסן און זיך אָנגעזעטיקט און פעט געוואָרן און געהאַט הנאה פון דער שפע פון די גוטס, וואָס דו האָסט זיי געגעבן, האָבן זיי ווידערשפעניגט און מורד געווען קעגן דיר און פאַרוואָרפן דיין תורה. זיי האָבן געטויט דיינע נביאים, וואָס האָבן זיי מתרה געווען אומצוקערן זיך צו דיר, און האָבן אָפּגעטאָן גרויסע עוולות. האָסטו זיי אָפּגעגעבן אין די הענט פון זיינע פיינט, וועלכע האָבן זיי געדריקט. נאָר יעדעס מאָל, אין צייט פון אומגליק, האָבן זיי גערופן צו דיר, און דו האָסט שטענדיק צוגעהערט פון הימל און פיל מאָל אויסגעלייזט פון וועגן דיין גרויסער באַרימהאַרציקייט... און הגם דו האָסט זיי מתרה געווען, כדי זיי אומצוקערן צו דיין תורה, זיינען זיי געווען ווידערשפעניג און האָבן ניט געהערט דיינע פאַרזאָגן און האָבן עובר געווען אויף דיינע געזעצן, וואָס ווען אַ מענטש היט זיי אָפּ, לעבט ער מיט זיי. נאָר זיי האָבן אָפּגעקערט זייער אַקסל און געווען ווידערשפעניג און האָבן דאָך ניט געהערט. און הגם דו האָסט אַזויפיל יאָרן געוואַרט און מתרה געווען זיי דורך די נביאים פון דיין הייליקן גייסט, וואָס דו האָסט צו זיי געשיקט, האָבן זיי אַלץ ניט געהערט. דאַן האָסטו זיי אָפּגעגעבן אין די הענט פון פרעמדע פעלקער. נאָר — מחמת דיין גרויסער באַרימהאַרציקייט, האָסטו זיי פאָרט ניט פאַרלענדט אינגאַנצן און זיי ניט אַוועקגעוואָרפן, ווייל דו ביסט אַ גוטער און באַרימהאַרציקער גאָט.

און איצט, יהוה, אונזער גאָט, גרויסער גאָט, מעכטיקער און פאָרכטיקער, וואָס היט אָפּ דעם בונד און גענאָד! זאָלן ניט זיין ווינציק אין דיינע אויגן די אַלע ליידן, וואָס האָבן געטראָפן אונז, אונזערע מלכים, אונזערע הארן, אונזערע כהנים און אונזערע נביאים און אונזערע אבות און דיין גאַנצן פאָלק פון דער צייט פון די אַשורישע מלכים ביז אויף היינטיקן טאָג. אין אַלץ, וואָס איז מיט אונז געשען, ביסטו גערעכט, ווייל דו האָסט זיך שטענדיק באַגאַנגען מיט אונז לויטן אמת, און מיר האָבן געזינדיקט. אונזערע מלכים, אונזערע הארן, אונזערע כהנים, און אונזערע אבות האָבן ניט אָפּגעהיט דיין געזעץ און האָבן ניט אַכטונג געגעבן אויף דיינע געבאָטן און אויף דיינע התראות, וואָס דו האָסט זיי מתרה געווען.

און טאַקע דערפאַר, וואָס זיי האָבן אין זייער אייגענער מלוכה, ביי דער שפע פון גוטס, וואָס דו האָסט זיי געשיקט, אין דעםברייטן און פרוכטבאַרן לאַנד, וואָס דו האָסט זיי געגעבן, ניט געדינט צו דיר און ניט פאַרלאָזן זייערע שלעכטע מעשים, — טאַקע דערפאַר זיינען מיר איצט אין קנעכטשאַפט און דאַרפן לעבן ווי קנעכט אין דעם לאַנד, וואָס דו האָסט געגעבן אונזערע עלטערן, אַז זיי זאָלן זיך שפייזן פון זיין פרוכט און געניסן פון זיין גוטס. זיינע רייכע תבואות געהערן צו די מלכים, וואָס דו האָסט געשטעלט איבער אונז פון וועגן אונזערע זינד — זיי הערשן לויט זייער ווילן איבער אונזערע לייבער און איבער אונזערע פיך, און מיר זיינען אין אַ גרויסער נויט.

און אָט זיינען מיר זיך מתחייב און אויף אַ געשטעמפּלטן אָפּמאַך שרייבן זיך אונטער אונזערע הארן, אונזערע לויים, אונזערע כהנים (נאָך דעם קומען

אויסגערעכנט 84 אונטערשריפטן פון כהנים, לויים און פאָלקס־פאָרשטייער מיט נחמיהן אָן דער שפּיץ), און דאָס גאַנצע איבעריקע פאָלק, די כהנים, די לויים, די טויער־היטער, די זינגער, די בית־המקדש־דינער און אַלע, וואָס האָבן זיך אויסגעשיידט פון דער פרעמדער באַפעלקערונג און זיינען איבערגעגאַנגען צום געטלאַכן געזעץ, זייערע ווייבער, זייערע זין און טעכטער, און אַלע וואָס האָבן פאַרשטאַנען און אָנערקענט, פאַראייניקן זיך מיט זייערע ברידער, מיט די אָנ־געזעענסטע פון זיי, און נעמען אויף זיך אַ נדר און אַ שבועה — צו פירן זיך לויטן געטלאַכן געזעץ, וואָס איז געגעבן געוואָרן דורך משה, גאָטס קנעכט, און אָפּצוהיטן און ערפילן אַלע געבאָטן פון יהוה אונזער גאָט און זיינע געזעצן און חוקים.

1) מיר וועלן ניט אויסגעבן אונזערע טעכטער פאַר די אָרטיקע איינ־וואוינער און ניט נעמען זייערע טעכטער פאַר אונזערע זין.

2) ווען די אָרטיקע באַפעלקערונג וועט ברענגען סחורות און אַלערליי תבואה אום שבת, וועלן מיר ביי זיי גאָרניש ניט קויפן אום שבת אָדער אין אַן אַנדער הייליקן טאָג.

3) מיר וועלן ניט אויפקלייבן דעם שניט אין זיבעטן יאָר, און מיר וועלן ניט מאָנען קיין חובות אין דעם יאָר.

4) מיר זיינען זיך מתחייב געזעצלאַך אַרופצולייגן אויף זיך אַ יערלאַכע אָפּצאָלונג, אַ דריטל פון שקל פאַר דעם גאָטעס־דינסט אין הויז פון יהוה, אונ־זער גאָט: אויף דעם לחם־הפּנים, אויף דעם טעגלאַכן ברויט־קרבן און דער טעגלאַכער עולה, אויף די שבתדיקע און ראש־חודשדיקע קרבנות, אויף די יום־טובדיקע קרבנות און אויף די ריי ניקונגס־קרבנות צו ריי ניקן ישראל און אויף אַלע אַרבעטן ביי דעם הויז פון יהוה, אונזער גאָט.

5) מיר פאַרטיילן על־פּי גורל די צעשטעלונג פון האָלץ, און אַט ווי: יעדער פאַמילע פון צווישן אונז דאַרף אין אַ באַשטימטער צייט, יעדן יאָר ברענגען צו פירן האָלץ אין הויז פון יהוה, אונזער גאָט, ווי עס שטייט געשריבן אין דער תורה. אויך זיינען מיר זיך מתחייב צוצושטעלן יעדן יאָר אין הויז פון יהוה די ערשט־געבוירענע פון אונזערע פעלדער און די ערשטע פּירות פון אַלערליי מינים ביימער און אויך די ערשט־געבוירענע פון אונזערע זין און פון אונזער פיך, ווי עס שטייט געשריבן אין דער תורה.

6) מיר זיינען זיך מתחייב צוצושטעלן פאַר די כהנים אין זייערע שפּייכ־לערס אַריין, וואָס ביים בית־המקדש פון אונזער גאָט, אונזערע בעסטע מעל און די בעסטע פּרות פון אונזערע ביימער און וויין און בוימל און דעם מעשר פון אונזער ערד אָפּגעבן די לויים.

7) מיר זיינען זיך מתחייב צו היטן דאָס הויז פון אונזער גאָט.

נחמיה י׳—י״.

נחמיהס ווייטער־דיקע טעטיקייט.

דער ניט־פאַרגעסלאַכער טאָג פון 24־טן תשרי (444), ווען עס איז דורך דער פייערלאַכער הבטחה פון פאָלק געלייגט געוואָרן דער יסוד פאַר דעם נייעם רעליגיעז־געזעלשאַפטלאַכן סדר, איז בעצם דער געבורטס־טאָג פון דער

יהדות, איינער פון די וויכטיקסטע טעג אין דער געשיכטע פון דער גאַנצער מענטשהייט. דער אמונה אין דער געטלאַכער אַנטפּלעקונג האָט זיך איינגעגעבן צו געפינען איר ריכטיקן יסוד, וואָס אַדאַנק אים האָט זי זיך געקאָנט פאַרשפּרייטן איבער דער וועלט און ערפילן איר גרויסע אויפגאַבע אין לעבן פון דער מענטשהייט.

עס פאַרשטייט זיך, אַז נאָך דער פאָלקס־פאַרזאַמלונג איז ניט אַלץ נאָך געווען פאַרטיק. עס האָבן ניט געפעלט אַזעלכע, וואָס האָבן אויף דער פאַרזאַמלונג זיך אָפּגעגעבן דער אַלגעמיינער שטורמישער שטימונג, נאָר דערנאָך איז זיי געווען שווער פאַרטיק צו ווערן מיט די התחייבותן, וואָס זיי האָבן אויף זיך גענומען. כל־זמן נחמיה איז געבליבן דער פאַרוואַלטער, האָט ער געקאָנט מיט זיין שטאַרקער ענערגיע גובר זיין יעדע התנגדות, נאָר די צייט פון זיין צוועלף־יאָריקן אורלויב האָט גענענט צום סוף, און ער האָט געדאַרפט זיך אומקערן צום פּערסישן הויף. און אין יאָר 432 האָט ער זיך טאַקע אומגעקערט צו זיין שטעל ביים קיניגלאַכן הויף. גאָר אינגיכן האָט ער ווידער געפּועלט, מען זאָל באַשטימען אים פאַר אַ פאַרוואַלטער פון ירושלים. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די גאַנצע רעפאָרם־טעטיקייט איז געווען ענג פאַרבונדן מיט דער פּערזענלאַכקייט פון נחמיה. שוין דאָס, וואָס ער האָט אויף אַ קורצער צייט פאַרלאָזן ירושלים, האָט זיך אָפּגערופן צום שלעכטן אויף אַלע ענינים, און דער נייער בנין האָט זיך אַ טרייסל געטאָן: דער שבת איז ניט אָפּגעהיט געוואָרן, די אָפּצאָלונגען פאַרן בית־המקדש האָט מען אויפגעהערט רעגולער אַריינצוטראָגן, און פון דאָס ניי האָט מען אָנגעהויבן צו שליסן געמישטע שידוכים. טרויעריקער פון אַלץ איז געווען דאָס, וואָס דער כהן־גדול אלישיב גופא איז אַריין אין קרובהשאַפט מיטן דערמאָנטן עמוני טוביה און האָט אים אָפּגעטראָטן איינעם פון די חדרים אין בית־המקדש, און דעם כהן־גדולס אייניקל האָט חתונה געהאַט מיט נכסה, דער טאָכטער פון נחמיהס ערגסטן פיינד, סנבלט. מחמת דעם אַלעמען האָט אויך נחמיה אָנגעהויבן אַרויסצוטרעטן ענערגישער. ער איז אַרומגעפאָרן איבערן לאַנד, האָט אויסגעפאָרשט וועגן די געמישטע שידוכים, האָט געפּרובט זיך דורך פּערזענלאַכער ווירקונג זיי צו שיידן און האָט אַרויפגעלייגט שטראָפן פאַר ניט אָפּהיטן שבת. לויט זיין באַפעל פלעגן פון איצט אָן די טויערן פון שטאָט פאַרשלאָסן ווערן פרייטאָג פאַרנאַכט און פלעגן בלייבן פאַרשפּאַרט אין משך פון גאַנצן שבת. ער האָט אויך פאַרבאָטן די געצנדינערישע הענדלער איינצואָרדענען אום שבת אַ מאַרק ביי די מויערן פון שטאָט. מען האָט אויך גענומען שטרענג אַכטונג צו געבן אויף די אָפּצאָלונגען פון בית־המקדש און זאָרגן, אַז זיי זאָלן רעגולער געצאָלט ווערן. ער האָט זיך אויפן אַנטשלאָסנסטן אופן באַגאַנגען אויך מיטן כהן־גדול: טוביהס זאַכן זיינען אַרויסגעוואָרפן געוואָרן פון בית־המקדש־חדר, און נאָכדעם איז דער חדר אויף דאָס ניי געהייליקט געוואָרן. מנשהן, דעם כהן־גדולס אייניקל, וואָס האָט זיך אָפּגעזאָגט צו גטן זיין ווייב, האָט מען אַרויסגעטריבן פון דער געמיינדע.

די גרינדונג פון דער שומרוני־שער סעקטע.

עס זיינען פאַראַן אומקלאָרע רמזים דערויף, אַז אַ גאַנצע גרופּע כּהנים, וואָס זיינען געווען ניט צופרידן מיט נחמיהן, האָבן צוזאַמען מיט מנשהן פאַרלאָזן ירושלים. מנשה איז אַוועקגעפאָרן צו זיין שווער און האָט איינגעפירט אַ זעלבשטענדיקן יידישן גאָטעס־דינסט אויפן אַלטן שטייגער. צו אים האָבן זיך אָנגעהויבן אויפקלייבן אַלע, וואָס זיינען געווען אומצופרידן מיט נחמיהס רעפאָרמעס, און אָט די נייע רעליגיעזע געמיינדע האָט געלייגט דעם יסוד פאַר דער שומרונישער סעקטע. די אָפּגעטיילטע געמיינדע האָט געבראַכט זייער פיל נוצן דער רעפאָרם־באַוועגונג, ווייל זי האָט אָפּגעטיילט אַלע אומצופרידענע און אַלע, וואָס זיינען נאָר צום טייל געווען צופרידן מיט דער נייער גייסטיקער ריכטונג פון דער יהדות. אויף אַזאַ אופן האָט דער יידישער קיבוץ איצט פאָרגעשטעלט אַ געאייניקטע געשלאָסענע מאַסע, וואָס איבער איר האָט געהערשט אין פולן זין פון וואָרט די רעפאָרם־פּאַרטיי. פאַר אַלע אומצופרידענע איז קיין צאַנדער וועג ניט געבליבן, ווי פאַראייניקן זיך מיט די שומרונים. אָט דער פּראָצעס פון אָפּשיידונג איז, פאַרשטייט זיך, ניט פאָרגעקומען אינגאַנצן בשלום; ביידע צדדים האָבן אין זיך געטראָגן שנאה און פאַראַכטונג צו אַנאַנד. אָבער אין דער ווייטערדיקער אַנטוויקלונג פון דער יידישער אמונה האָבן שוין די שומרונים ניט גענומען קיין אָנטייל. צו איז נאָך נחמיה דערנאָך אַ לאַנגע צייט געבליבן אַ פאַרוואַלטער פון ירושלים, און וואָס איז געווען זיין ווייטערדיקער גורל — איז אונז ניט באַקאַנט. די געשיכטע האָט שפּעטער געוויזן, אַז זיין לעבנס־אויפגאַבע איז ערפילט געוואָרן, אַז אים האָט זיך איינגעגעבן אַרויפצולייגן אויפן יידישן פאָלק דעם שטעמפּל פון זיין פּערזענלאַכקייט, און איז געגאַנגען אין די וועגן, וואָס ער האָט אָנגעצייכנט.

Cornill. Geshichte des Volkes Israel 1898.

XXIX. דער גייסטקער מצב פון יידישן פאָלק אין דער צייט פון עזרא און נחמיה.

עזרא און נחמיה.

וועגן דער געשיכטע פון פאָלק אין משך פון 5־טן יאָרהונדערט, ד. ה. אין די ערשטע צענדליק יאָרן נאָכן אויפבויען דעם צווייטן בית־המקדש, זיינען ביי אונז ניט געבליבן קיין ידיעות. די קליינע און ניט־פאַרענדיקטע ביכער פון דער שפּעטערדיקער צייט, די צוויי ביכער דברי הימים, עזרא און נחמיה, דערציילן אונז גאָרנישט פון דער תקופה, און דער קול פון די נביאים, וואָס האָט זיך צום לעצטן מאָל געהערט אין די ווערטער פון מלאכי, איז פאַרשוויגן געוואָרן אויף אייביק.

נאָר אין דער מלוכה־צייט פון איינעם פון דריוש דעם ערשטנס יורשים, אין דער צייט פון אַרטאַקסערקסעס I (אַרתחששתא) לאָנגימאַנוס, שטייען אויף פון דער טונקלקייט פון דער געשיכטע צוויי ליכטיקע היסטאָרישע פיגורן: עזרא און נחמיה, וואָס זייער טעטיקייט איז אויבן געשילדערט געוואָרן.

דער פּאָליטישער מצב פון לאַנד.

דער פּאָליטישער מצב איז אין אָנהייב פון דער תקופה לחלוטין ניט געווען גינסטיק פאַרן נייעם ישוב. דאָס לאַנד האָט געליטן פון די פסדרדיקע מלחמות. די פאַרוואַלטערס פון לאַנד האָבן זיך שטענדיק געטראָגן מיטן געדאַנק וועגן אַן אויפשטאַנד קעגן פרס און האָבן ניט געלאָזן דעם לאַנד אײַנצולעבן זיך אין שלום און רו. די אומרואיקע שכנים האָבן מיט פלערליי מיטלען געזוכט צו שטערן די אַנטוויקלונג פונם יונגן ישוב. מחמת אָט דער טרויעריקער לאַגע פון לאַנד האָט זיך אָנגעהויבן אַ מאַסנהאַפטע אויסוואַנדערונג. די באַפעלקערונג איז מיט יעדן טאָג געוואָרן קלענער; די אָרימע הייזלאַך האָבן אָנגעהויבן ליידיק צו ווערן, און צו די אַלטע חורבות זיינען צוגעקומען נייע. דאָס האָט, פאַרשטייט זיך, געמוזט לאָזן אַ טיפן און שרעקלאַכן רושם אויפן גייסטיקן מצב פון ישוב: די כהנים האָבן פאַרלאָרן יעדן אָנזען, די אָרגאַניזירטקייט פון דער געמיינדע, וואָס האָט זיך נאָר־וואָס אָנגעהויבן אויסצובילדן, איז אָפּגעשוואַכט געוואָרן, און געמישטע שידוכים זיינען געוואָרן אַ געוויינלאַכע ערשיינונג, וואָס האָט אַוועקגעשטעלט אין סכנה דעם אייגנאַרטיקן קיום פון פאָלק.

אָט צו דער גאַנצער מאַטעריעלער און גייסטיקער ירידה איז גיך געמאַכט געוואָרן אַ סוף דורך עזראַן און נחמיהן. אין משך פון צוויי צענדליק יאָר פון קאָכעדיקער טעטיקייט האָבן זיי באַפעסטיקט די פּאָליטישע לאַגע פון יידישן פאָלק, געזיכערט זיין מאַטעריעלן וואוילשטאַנד און אויסגעשמידט פעסטע פאָרמען פון דער נייער יהדות, — די געזעצגעבונג, דעם גאָטעסדינסט און דעם רעליגיעז־געזעלשאַפטלאַכן סדר.

רעליגיעזע רע־פאָרמעס.

ווי נאָר די אויסוויינקסטע סכנה איז געווען ווי עס איז אויסגעמידטן דורך דעם בנין פון די מויערן אַרום ירושליי, זיינען עזרא און נחמיה צוגעטראָטן צו דעם, וואָס עס איז געווען לויט זייער מיינונג די וויכטיקסטע הצטרכות — די אָרגאַניזירונג פון נייעם ישוב אויף די יסודות פון אַ רעליגיעזער געמיינדע. זיי האָבן באַשטימט אַ פעסטן סדר פון גאָטעסדינסט און אײַנגעפירט אַ סיסטעם פון אָפּצאָלונגען, אַרויפגעלייגט אויף יעדן די התחייבות צו ברענגען די ערשט־געבויערענע פרוכט און בהמות אין בית־המקדש אַריין, אָפּצושיידן דעם מעשר און אַריינצוטראָגן די בית־המקדש־אָפּצאָלונג, דעם שקל. די פּינקטלאַכע אָפּהיטונג פון שבת און דער פאַרבאָט פון געמישטע שידוכים, וואָס איז דורכגעפירט געוואָרן מיט דער גאַנצער שטרענגקייט, האָבן גורם געווען דערצו, אַז דאָס יידישע פאָלק זאָל זיך אינגאַנצן אָפּזונדערן פון דער אַרומיקער וועלט, און אַז דער פעסט־צוזאַמענגעשלאָסענער און מאַטעריעל־פאַרזיכערטער כהנים־קלאַס זאָל באַקומען די אומבאַדינגטע שליטה איבער דעם אָפּגעשלאָסענעם און אָפּגעזונדערטן פאָלקס־אָרגאַניזם.

דער כהן־גדול און די זקנים־פאַרזאַמלונג.

בראש פון דער געמיינדע איז פון איצט אָן געשטאַנען דער כהן גדול; דער פּרינציפּ פון ירושה ביי דער כהונה־גדולה, האָט געמאַכט גרעסער איר באַדייטונג און אָנזען און האָט אין אַ געוויסן זין ווידער אויפגעלעבט די פאַרצייטיקע נאַציאָנאַלע מאָנאַרכיע. דאָס, וואָס דער כהן גדול אַליין האָט געהאַט דאָס רעכט צו געוועלטיקן איבערן פאַרמעגן פון בית־המקדש, האָט אים

געגעבן אויך די מאַטעריעלע מאַכט איבערן פאָלק. דאָס האָט, פון איין זייט, אָן ספק, געבראַכט צו דער פאַרשטאַרקונג פון נאַציאָנאַלן באַוואוסטזיין אין יידישן פאָלק, פון אַנדער זייט אָבער האָט דאָס אויפגעוועקט אַ חשד אין די אויגן פון די פרעמדע הערשער צו די טרעגער פון דער כהונה-גדולה. שפּעטער איז געגרינדעט געוואָרן אונטער דער פירונג פון כהנים אַ פאַרזאַמלונג פון זקנים, — דאָס פאָרבילד פון שפּעטערדיקן סנהדרין, — וואָס איז באַשטאַנען פון זיבעציק מיטגלידער, וואָס זיינען גענומען געוואָרן פון די כהנים און מיוחסדיקע בירגער, אַזוי אַז דידאָזיקע פאַרזאַמלונג האָט געטראָגן אַן אַריסטאָקראַטישן כאַראַקטער. די פאַרזאַמלונג פון די זקנים איז געווען דער העכסטער בית-דין, און דערביי אויך די געטרייע היטערין פון די פרינציפּן פון דעם נייעם רעליגיעז-געזעלשאַפטלאַכן סדר ביים יידישן פאָלק, וועלכער האָט אין משך פון עטלאַכע דורות פאַרנומען דעם אָרט פון אַ מלוכה-סדר.

די תורת-כהנים. זייער אויסדרוק האָבן די פרינציפּן געפונען אין דעם געזעצגעברישן קאָדעקס, וואָס שטעלט פאָר דעם הויפּט-חלק פון תורת-משה, ווי זי איז ביי אונז געבליבן ביז אויף היינטיקן טאָג. דער קאָדעקס נעמט אַרום פאָלגנדיקע טיילן פון חומש: די קאַפּיטלען כ״ה—ל און ל״ה—מ״א פון ספר שמות, דעם גאַנצן ספר ויקרא (דאָס בוך פון די לויים) און די קאַפּיטלען א׳—י׳, ט״ו, י״ח—י״ט, און צום טייל אויך די קאַפּיטלען כ״ו—ל״ו פון ספר במדבר. לויט דעם כאַראַקטער פון זיין אינהאַלט ווערט דערדאָזיקער קאָדעקס אָנגערופן דער כהנים-קאָדעקס, די תורת-כהנים *). ער איז אין זיך כולל געזעצן, וואָס זיינען שוין פריער צום טייל געווען באַקאַנט און זיינען איצט נאָר צוגעפּאַסט געוואָרן צו די נייע לעבנס-באַדינגונגען, צום טייל אָבער האָט ער אויך פרינציפּיעל נייע איינריכטונגען, וואָס דערצו געהערט קודם-כל דער קאָפּשטייער לטובת דעם בית-המקדש, וואָס איז ביז דאַן געווען לגמרי ניט באַקאַנט. (יחזקאל אין זיין אוטאָפּישער שילדערונג, קאַפּיטל מ׳—מ״ח, ווייס נאָך גאָרנישט פון אַזאַ מין אָפּצאָלונג). דער כהנים-קאָדעקס באַשטייט כמעט דורכאויס נאָר פון דינים וועגן די פאָרמען פון קולט, וועגן דעם אופן פון קרבנות-ברענגען, וועגן דער אינעווייניקסטער איינטיילונג און אָרגאַניזאַציע

---

*) דער ספר ויקרא ווערט אין תלמוד אָנגערופן „תורת-כהנים״, אַזוי אַז דער נאָמען, וועלכער איז אָנגענומען אין דער מאָדערנער תנ״ך-וויסנשאַפט, שטימט אינגאַנצן מיט דער יידישער טראַדיציע. וועגן דעם, אַז אין דער צונויפשטעלונג פון דער תורת משה האָט געשפּילט אַ גרויסע ראָל עזרא, איז געבליבן אַ זייער פעסטע און קלאָרע טראַדיציע אין תלמוד. אַזוי לייענען מיר אין בבלישן תלמוד: „ראוי היה עזרא שתנתן תורה על ידו לישראל, אילמלא קדמו משה״ (סנהדרין בלאַט כ״א ע״ב): „עזרא איז ווערט געווען, אַז דורך אים זאָל די תורה געגעבן ווערן ישראל, ווען משה וואָלט ניט געווען פריער פאַר אים״. און אין תלמוד ירושלמי געפינט זיך נאָך אַ מער כאַראַקטעריסטישע שטעל: „ראוי היה עזרא שתנתן תורה על ידו לישראל, אלא שקדמו ד ו ר משה״. (ירושלמי, מסכתא מגילה פ״א ה״ט): „עזרא איז ווערט געווען, אַז די תורה זאָל געגעבן ווערן דורך אים ישראלן, אָבער דער ד ו ר פ ו ן מ ש ה איז געווען פריער פאַר אים״.

פון כּהנים־קלאַס און וועגן דער ריטועלער ריינקייט, — ער האָט צו טאָן אויף אַזאַ אופן נאָר מיט רעליגיעזע פראַגן *).

איר היסטאָרישער טייל.

די געזעצן זיינען אַיינגעפּאַסט און אַיינגעשלאָסן געוואָרן אין אַ היסטאָרישער ערציילונג, וועלכע הייבט זיך אָן פון דער וועלט־באַשאַפונג און ענדיקט זיך מיט דער אַיינגעמונג פון לאַנד דורך יהושע. דערביי ווערט אָנגעוויזן, אַז די תורה איז געגעבן געוואָרן אין דער צייט, בעת די יידן האָבן געוואַנדערט אין מדבר סיני, און אַלע געזעצן ווערן אָנגעקליידט אין דער געשטאַלט פון פאַרזאָגן, וואָס זאָלן זיין איבערגעגעבן געוואָרן דעם פאָלק דורך משהן אין נאָמען פון גאָט.—

אין דער פאָרם, ווי די היסטאָרישע ערציילונג פון תורת כּהנים איז געקומען צו אונז, איז זי אויסגעמישט מיט די איבעריקע טיילן פון תנ״ך. פונדעסטוועגן קאָן מען זי אָן איבעריקער מי אויסטיילן אַדאַנק די כאַראַקטעריסטישע באַזונדערקייטן פון איר פאָרם און אינהאַלט **).

די אידעאַליזירונג פון דעם עבר.

ווי אויך אַ באַזונדער טיפּישן שטריך פון תנ״ך, דאַרף מען אָנווייזן אויף דער נטיה צו שילדערן דעם עבר אין ליכטיקע פאַרבן און אידעאַליזירן אים. נאָר דער כאַראַקטער פון דער אידעאַליזירונג איז אַזאַ, אַז מען קאָן זי ניט רעכענען פאַר אַ פּועל־יוצא פונם געוויינלאַכן טעות, וואָס מען מאַכט ביים באַטראַכטן געשעענישן פון אַמאָליקע צייטן. מען דאַרף זי באַטראַכטן ווי די פרוכט פון פאַנטאַזיע, וואָס הינטער איר זיינען געשטאַנען באַשטימטע אידעען און השגות.

אין מיטלפונקט פון דער גאַנצער פאַנטאַסטישער וועלט פון דער „תורת כּהנים״ שטייט דאָס באַוועגלאַכע הייליקטום, דער אוהל מועד אָדער דער משכּן, וואָס די טראַדיציע וויל אין אים זען דעם מוסטער־בילד פאַרן בית־המקדש אין ירושלים, נאָר אין דער אמתן איז ער געווען נאָר אַן אָפּשפּיגלונג פון בית־המקדש, — אַן אָפּשטראַלונג פון זיין גלאַנץ, וואָס די פאַנטאַזיע האָט אים איבערגעטראָגן אין וויטן עבר אַריין, אין דער תקופה פון די מדבר־וואַנדערונגען ***). כּדי צו איבערצייגן זיך דערין, איז גענוג צו שטעלן

---

*) זע דעם ארטיקל: דער תנ״ך ווי א היסטארישער מקור.״

**) דאָס געזעץ וועגן שמיטה־יאָר, וואָס געהערט לויט זיין אינהאלט צו דער סאָציאַלער געזעצגעבונג, איז בעצם די ווייטערדיקע אנטוויקלונג פון דער רעליגיעזער אידעע פון שבת.

***) מיטן משכּן, אוהל מועד, ווי ער איז באשריבן אין ספר שמות (ל״ו מ׳), דארף מען ניט פארביטן די צייטווייליקע געצעלטן, וואָס זיינען אין פארשיידענע צייטן פון וואנדער־לעבן און אויך פון פעסטן לעבן איינגעאָרדנט געוואָרן צוליב פארשיידענע רעליגיעזע צוועקן. אזוי, א שטייגער, האָט משה, ווי עס דערציילט די לעגענדע, אויפגעבויט ביים סיני א פשוטן געצעלט, כּדי צו באצייכענען דעם אָרט פון זיין באגעגעניש מיט יהוה (שמות ל״ג 7—11), און דוד האָט צעשפּרייט אויפן בארג ציון א געצעלט פארן אָרון פון יהוה. משהס געצעלט האָט, קענטיק, געדינט פאר דעם יסוד, וואָס די שפּעטערדיקע פאנטאזיע האָט דערהויבן צו דער מדרגה פון א משכּן, א בית־המקדש אין קליינעם פאָרמאַט. אין די ערציילונגען וועגן דער צייט, ווען דאָס פאָלק איז שוין געווען אריינגעקומען קיין ארץ־ישראל, ווערט דער משכּן אינגאנצן ניט דער־

זיך די פראַגע, ווי אַזוי האָט אין אַ ניט=באַזעצטן און ניט=באַוואַסערטן מדבר געקאָנט אויפגעבויט ווערן אַזאַ שווערער בנין, ווי דער משכן. זעגן ברעטער, שמעלצן מעטאַלן, וועבן טעפּיכער, פאַרבן וועבערייען, אויסציען דראָט, שמידן טשוועקעס, גאַרבן פעל, שלייפן דימענטן — אַזויפיל פערשיידענע און פיינע אינסטרומענטן און איינריכטונגען האָט מען דערצו געדאַרפט האָבן, און וואָס פאַר אַ גרויסע צאָל מייסטערס=קינסטלער! עס קומט אויס אָנצונעמען, אַז שוין אין גושן האָבן זיך די בני ישראל פאַרנומען מיט די אַלע מינים מלאכות און קונסט=אַרבעטן, און אַז אין דער נאַכט פון אויסוואַנדערונג האָבן זיי צייט געהאַט צו פאַרכאַפּן מיט זיך אַלע מאַטעריאַלן, וואָס זיינען נייטיק געווען צום קינפטיקן בנין: גאָלד, זילבער, קופער, ליין, פורפור, בוימל און אַזוי ווייטער. היינט די טעגלאַכע רייכע קרבנות, וואָס פלעגן פאַרברענט ווערן יעדן טאָג אויפן מזבח, אין דער צייט ווען דאָס גאַנצע פאָלק האָט זיך געדאַרפט ביז צו עקל שפּייזן נאָר מיטן מן, — אויך דאָס אַליין איז אַ טייל פון דעם פאַנטאַסטישן בליק אויפן עבר, אויך דאָס געהערט צו דער וועלט פון אויסגעקלערטע פאָרשטעלונגען, וואָס זיינען דער פועל=יוצא פון דער רעליגיעזער שאַפונגס=קראַפט אין געביט פון קולט, דער שאַפונגס=קראַפט, וואָס אַדאַנק איר איז אַנטשטאַנען די גאַנצע תורת=כהנים.

בכלל איז אָט די גאַנצע היסטאָרישע ערציילונג דורכגעדרונגען מיט דעם געדאַנק פון כהנים=הערשאַפט (היעראָקראַטיע), און שטעלט פאָר איין גאַנצעס מיט דעם געזעצגעבערישן אינהאַלט פון דער תורת=כהנים, וואָס זי איז לכתחילה נאָר אויסן געווען אים צו באַלייכטן און צו אילוסטרירן. כדי בולטער צו באַצייכענען דעם אינעווייניקסטן צוזאַמענהאַנג צווישן דער היסטאָרישער ערציילונג און דער געזעצגעבונג, באַצייכנט מען מיטן נאָמען „כהנים=קאָדעקס", תורת=כהנים, ניט נאָר די צווייטע, נאָר אויך די ערשטע, וואָס ווערט אויפגעקליבן און צונויפגעשטעלט פון די פאַרשיידענע פראַגמענטן, וואָס זיינען צעזייט אין דער תורה.

די באַדייטונג פון דער תורת=כהנים.

„דער ספר פון משהס תורה", וואָס וועגן זיין פייערלאַכער פאַרעפנטלאַכונג עס ווערט דערציילט אין נחמיה*), איז געווען טאַקע אָט די תורת=כהנים, וואָס האָט דורך איר געזעצגעבונג אַריינגעטראָגן אַ סדר אין דער נייער אָרגאַניזאַציע פון יידישן קיבוץ**) און דורך איר געשיכטלאַכן טייל

מאַנט. און ער האָט אין דער אמתן ניט געקאָנט האָבן קיין אָרט אין דעם דעמאָלטיקן רעליגיעזן לעבן פון ישראל, ווי עס שטעלן דאָס פאָר די ספרים שופטים און שמואל. עס איז נאָך געבליבן די אַלטע פאָלקס=ערציילונג, וועלכע זאָגט בפירוש, אַז ביז דעם בנין פון בית=המקדש האָט יהוה ניט געהאַט קיין פעסטן וואוין=אָרט אין ישראל: „דען איך בין ניט געזעסן אין קיין הויז זינט דעם טאָג, ווען איך האָב אַרויסגעפירט ישראלן, ביז אויף היינטיקן טאָג, און איך האָב געוואַנדערט פון געצעלט צו געצעלט, פון מש"ן צו משכן (דברי הימים א' י"ז—5).

*) זע אויבן זייט 223.

**) די איינרעגולירונג און איינאָרדענונג פון נייעם געזעלשאַפטלאַכן סדר איז אָבער נאָך ניט פאַרענדיקט געוואָרן מיט דער פאַרעפנטלאַכונג פון דעם כהנים=קאָדעקס, נאָר זי האָט גע=

איבערגעשאַפן און איבערגעדיכטעט די מיטאָלאָגיע און דעם עפּאָס און זיי צוגעפּאַסט צו די אַנדערש געוואָרענע אָנשויאונגען און באַדערפענישן פון דעם נייעם דור. פון איצט אָן האָבן יהוהס ווילן און דער גורל פון זיין אויסדערוויילטן פאָלק געפונען זייער פולן אויסדרוק אין דעם ספר, וועלכן מען האָט באַטראַכט ווי די דירעקטע אַנטפּלעקונג פון גאָט.

די געזעלשאַפטלאַך־ערציערישע טעטיקייט פון עזרא און נחמיה.

אומגעקערט זיך צו דער טעטיקייט פון עזרא און נחמיה, איז כדאי אָנצוווייזן אויף איין זייער כאַראַקטעריסטישן שטריך, וועלכער ווייזט אונז בולט דעם געזעלשאַפטלאַך־ערציערישן כאַראַקטער פון דערדאָזיקער טעטיקייט. די סביבה, וואָס אין איר האָבן זיך אָפּגעשפּילט זייערע רעפאָרמאַטאָרישע מעשים, און וואו עס האָט זיך אַרויסגעוויזן זייער השפּעה, איז בכלל געווען אַ באַגרענעצטע אין אַלע פּרטים שוין דערפאַר, וואָס די צאָל פון די, וואָס האָבן זיך אומגעקערט, איז געווען קליין, און זיי האָבן זיך געאָגראַפיש קאָנצענטרירט אויף איין קליינעם שטח, אין ירושלים און איר סביבה. נאָר דווקא די קאָנצענטרירונג האָט אין אַ גרויסער מאָס געווירקט, אַז זייער טעטיקייט זאָל האָבן אַ פּעולה: אין אָט די ענגע געאָגראַפישע גרעניצן איז די זיכערע דורכפירונג פון נייעם רעליגיעז־געזעלשאַפטלאַכן סדר געווען לויט די קרעפטן פון ד רעפאָרמאַטאָרן, און יעדע נייע איינפירונג האָט תיכף געקאָנט פאַרווירקלאַכט ווערן אונטער זייער שטרענגער השגחה.

אויף אַזאַ אופן האָבן זיך כמעט אַלע מענטשן פון יענער צייט געפונען כלומרשט ווי אונטער דער דירעקטער השפּעה פון עזרא און נחמיה, פון זיי־

דויערט כסדר, האָט זיך אַנטוויקלט און זיך צוגעפּאַסט צו די באַדערפענישן פון דער צייט. עס ווערן דערמיט געמיינט ניט נאָר די געזעצן, וואָס זיינען שוין לגמרי ניט אַריין אין תנ״ך, און וואָס האָט געדינט פאַר אַ התחלה פאַר דער תורה שבעל־פּה, דער אויסוויינקסטער תורה, דאָס הייסט, דער משנה און דער גמרא, נאָר אויך אַ גאַנצע שורה כללים, וואָס זיינען נאָך אַריינגעטראָגן געוואָרן אין חומש—און טאַקע אין כהנים־קאָדעקס—וואָס האָבן פאַרענדיקט אָדער ממלא געווען דידאָזיקע געזעצגעבונג.

צו זיי געהערן אַזעלכע וויכטיקע גרונד־רעפאָרמעס, ווי די העכערונג פון דער בית־המקדש אָפּצאָלונג, (פאַרגלייך דעם דין פון שמות ל׳ 13 וועגן דער חוב־אָפּצאָלונג פון אַ האַלבן שקל מיט דער פריייוויליקער אָפּצאָלונג פון אַ דריטל שקל לויט נחמיה י׳ 33. דער ערשטער געזעץ געהערט, פאַרשטייט זיך, צו אַ שפּעטערדיקער צייט). די אומבייטונג אין דער דינסט־צייט פון די לויים (פאַרגלייך במדבר ד׳ 3 און ח׳ 24) און די איינפירונג פון יום־כפּור, וואָס איז אין דער צייט פון עזרא, ווי עס זאָגט קלאָר עדות נחמיה (זע זייטע 224)—נאָך ניט געווען באַקאַנט. דער תענית, וואָס ווערט דאָרטן באַשריבן, פאַלעגט אָפּגעריכט ווערן 24 טעג אין 7־טן חודש, דאָס הייסט, נאָכן יום טוב סוכּות, און לויט זיין כאַראַקטער איז ער געווען לגמרי פאַרשיידן פון דעם יום־כּיפּור־תענית, וואָס ווערט באַשריבן אין קאַפּיטל ט״ז פון ספר „ויקרא״ און וואָס איז אויף אַזאַ אופן איינגעשטעלט געוואָרן ערשט אין דער תקופה פון עזרא און נחמיה.

ער גרויסער פּערזענלאַכקייט און אָנציִענדיקער גייסטיקער קראַפט. אַדאַנק דעם איז דער פּראָצעס פון אויפנעמען די נייע רעליגיעזע אידעען און צופּאַסן זיך צו נייע סאָציאַלע לעבנס־פאָרמען געגאַנגען פאָראויס אין דער נייער אויפֿקומענדיקער געזעלשאַפט אויפן וועג פון דער אינדיווידועלער ערציאונג פון אירע מיטגלידער. דערביי דאַרף מען ניט פאַרגעסן, אַז די ערשטע צייט איז די באַפעלקערונג באַשטאַנען כמעט אויסשליסלאַך פון צוויי שיכטן, פון כהנים און פון אָרימעלייט. עס האָט נאָך לגמרי געפעלט אַ וועלטלאַכער, באַמיטלטער קלאַס. אַזאַ צוזאַמענשטעלונג פון דער באַפעלקערונג האָט שוין במילא געפירט דערצו, אַז די הערשאַפט זאָל זיך געפינען אין די הענט פון די כהנים, און האָט ניט דערלאָזן קיין התנגדות מצד דעם וועלטלאַכן עלעמענט. און הגם אין לאַנד זיינען מיט יעדן טאָג אָנגעקומען אַלץ נייע און גאַנץ גרויסע מאַסן איינוואַנדערער, נאָר דער ניי־אָנגעקומענער איז שוין דאָס רוב געווען צוגעגרייט אויפצונעמען די נייע אָרדענונג, ווען ניט — איז ער געווען געצוווּנגען צוצופּאַסן זיך צו דעם בולט אויסגעדריקטן גייסטיקן פּרצוף פון דער באַפעלקערונג, וואָס איז שוין דורכגעגאַנגען די שול פון עזרא און איז שטאַרק געווען אויף איר פעסטער אָרגאַניזאַציע.

די באַדייטונג פֿינם יידישן קיבוץ אין ארץ־ישראל פאַר די געמיינדעס אין די גלות־לענדער

אָט דער קערן פון נייעם יידישן קיבוץ, וואָס איז אַלץ געוואַקסן און האָט זיך באַפעסטיקט, האָט פאַרשפּרייט זיין ווירקונג אויפן יידישן ישוב פון חוץ־לארץ, וואָס פאַר אים איז דער נייער בית־המקדש געוואָרן דער צענטער פון נאַציאָנאַלן לעבן, דאָס הייסט, ער האָט באַקומען די באַדייטונג, וואָס דער בית־המקדש פון שלמה האָט געהאַט נאָר אין דער פאָרשטעלונג און אין די רעדעס פון די נביאים.

אָט אַזוי איז פאָרגעקומען די איבערבייטונג פון דער ישראלשער פאָלקס־פּסיכיק, וועלכע איז די הויפּט־סיבה פון דעם גרויסן אונטערשייד צווישן אַמאָליקן ישראל און דער יידישער עדה פון דער תקופה, וואָס ווערט דאָ באַשריבן.

עס איז שטאַרק פאַרשפּרייט די מיינונג, אַז אָט די איבערקערעניש איז כלומרשט פאָרגעקומען פּלוצלונג, אַז פון גלות בבל האָט זיך ישראל שוין אומגעקערט אַן איבערגעשאַפענער, מיט נייע רעליגיעזע אידעען און כמעט אַפילו מיט אַ נייעם לשון. להיפּוך צו דער לחלוטין פאַלשער פאָרשטעלונג, וואָס נעמט זיך פון די צוויי פאַלשע הנחות — וועגן דער מאַסנהאַפטער פאַרטרייבונג אין יאָר 586 און וועגן דער מאַסנהאַפטער אומקערונג אין יאָר 538 — איז אין דעם קאַפּיטל שוין אָנגעוויזן געוואָרן אויף יענע גרונד־סיבות, וואָס האָבן אויפן וועג פון עוואָלוציע געבראַכט צו דער אַנטשטייאונג פון דעם אַזוי גערופענעם „יידנטום פון צווייטן בית־המקדש". נאָר ווען מען זאָל אַפילו אָנערקענען די גאַנצע לאַנגזאַמקייט פון דעם פּראָצעס, קאָן מען ניט אָפּלייקענען יענעם טיפן און פּרינציפּיעלן אונטערשייד, וואָס באַשטייט צווישן דעם אָנהייב און דעם סוף פון דעמדאָזיקן גייסטיקן פּראָצעס. מיר זעען דאָ פאַר אונז יענע גרויסע אידעען־וועלט, וואָס מיר באַצייכענען מיט דעם נאָמען יהדות.

די יהדות.

אין דער אמתן האָט פאַרן צענטער פון נייעם לעבן אין יידישן פאָלק געדינט איצט דאָס לאַנד יהודה. די קינדער פון יהודה האָבן אויף דאָס ניי, ווי אַמאָל אין די טעג פון זייער גרויסן פירער און העלד, זיך געשטעלט אין דער שפּיץ פון ישראל. נאָך מער—זיי זיינען געוואָרן זיין פאַרקערפּערונג, די שאַפער און אָפּהיטער פון אַן איינהייטלאַכן נאַציאָנאַלן הייליקטום. אויף אַזאַ אופן האָט דעם אָרט פון פריערדיקן גרויסן נאָמען פון גאַנצן פאָלק פאַרנומען דער מער באַשיידענער נאָמען פון איין טייל זיינעם און אונטער דעם נאָמען איז ישראל פון איצט אָן געגאַנגען ווייטער זיין היסטאָרישן וועג.

די תּורה און דער אַלגעמיינער שטודיום.

פון אַלע רעפאָרמעס, וואָס זיינען דורכגעפירט געוואָרן אין דערדאָזיקער תּקופה, האָט די וויכטיקסטע באַדייטונג פאַר דער קומענדיקער אַנטוויקלונג פון יידישן פאָלק געוויס געהאַט די פאַראייניקונג פון גאַנצן פאָלק אַרום דער תּורה און די אַלגעמיינע התחייבות, וואָס איז אַרויפגעלייגט געוואָרן אויף אים — די תּורה צו לערנען. אַן אָנהייב דערצו איז געמאַכט געוואָרן דורך דעם עפנטלאַכן פייערלאַכן לייענען דעם געזעץ, בכדי צו באַקענען מיט אים דאָס פאָלק, וואָס האָט נאָך אַליין לייענען ניט געקאָנט. ביסלאַכווייז איז אַזאַ מין לייענען געוואָרן אַ שטענדיקער מנהג; די פאַסיקסטע צייט פאַרן תּורה־לייענען איז געוויס געווען שבת, ווען עס ווערן פאַרגעסן די מי און זאָרגן פון דער וואָך, און ווען אַן אָנגענעמע רואיקע שטילקייט באַהערשט די געמיינדע. און אַזוי איז דאָס תּורה־לייענען אום שבת אַריין אין לעבן און איז געוואָרן אַפילו דער אויסדרוק פון דער שבת־הייליקייט. ביסלאַכווייז האָט זיך איינגעשטעלט דער מנהג איבערצולייענען די גאַנצע תּורה פאַר אַ געוויסער צייט. שפּעטער האָט מען אומעטום איינגעפירט זי איבערצולייענען אין משך פון אַ יאָר צייט, און אויף דעם סמך זי איינגעטיילט אויף סדרות לויט דער צאָל פון די וואָכן אין יאָר. צום תּורה־לייענען פלעגן צונויפגערופן ווערן שטענדיק פאָלקס־פאַרזאַמלונגען, און אין די געמיינדעס זיינען געגרינדעט געוואָרן ספּעציעלע פאַרזאַמלונגס־ערטער, וואָס האָבן געדינט פאַר פאָרבילדער אונזערע היינטיקע בתּי־מדרשים.

די געשיכטע — ווי דער מקור פון גייסטיקן לעבן אין יידישן פאָלק.

צוגלייך מיטן תּורה־לייענען פלעגן נאַטירלאַך אויך געהאַלטן ווערן דרשות, וואָס פלעגן דערמאָנען דעם פאָלק אָן דעם גרויסן מוסר־השכל, וואָס מען דאַרף אַראָפּנעמען פון דער פאָלקס־געשיכטע, און וואָס האָבן געהאַט די כּוונה אָנצוווייזן די צוהערער דעם ריכטיקן לעבנס־וועג. אָבער ניט נאָר דערין אַליין, נאָר אויך אין אַלע אַנדערע געביטן פון גייסטיקן לעבן פון יידישן פאָלק איז פון איצט אָן דער גלענצנדער און נסיונות־רייכער עבר געוואָרן דער מקור פון זיין ווייטערדיקער אַנטוויקלונג. ערציילונגען וועגן עבר, פון אויסווייניק צוגעפּאַסט צו די באַדערפענישן פון דער צייט, האָבן געגעבן אַ באַשטימטע פאָרם און אינהאַלט דעם לעבן פון דער געגנוואַרט. דערמיט דערקלערט זיך די גרויסע באַדייטונג, וואָס עס האָט באַקומען פאַרן פאָלק זיין געשיכטע. קיין איינציק פאָלק פון דער אַלטער צייט האָט זיך ניט פאַרנומען אַזוי פיל מיט דער געשיכטע, ווי ישראל, נאָר אויך קיינער האָט זיך אַזוי ניט באַמיט ווי ישראל צו פאַרוויקלען זיין עבר אין אַזעלכע אידעאַלע פאָרמען און מאַכן

אים פאַרן צענטער פון זיין גייסטיקן קיום, פאַר אַ יסוד פון זיין גלויבן, פאַר אַ מקור פון זיין רעליגיעזער באַגייסטערונג. די בילדער פון עבר האָבן אויפגעלעבט פאַר די אויגן פון פאָלק אין זייער גלאַנץ און גרויסקייט און ניט געלאָזן אים צו באַפרידיקן זיך מיט דער טונקעלער געגנוואַרט, און אזוי האָבן זיי אין אים געוועקט האָפענונגען אויף אַ גרויסער ליכטיקער צוקונפט.

נייע יסודות פון נאציאָנאַלן לעבן

די אַלע אַלגעמיינע זכרונות און אַלגעמיינע האָפענונגען האָבן שטאַרקער פון יעדן מלוכה-סדר צענויפגעשמאָלצן דאָס יידישע פאָלק און האָבן באַשאַפן אַ פעסטע און אייגנאַרטיקע נאַציע, וואָס האָט צו זיך קיין גלייכן ניט, אַ נאַציע, וואָס איז פאַרבונדן ניט נאָר דורך איר אַלגעמיינעם גייסט און אַלגעמיינעם געזעלשאַפטלאַכן סדר, נאָר אויך דורך איר אינעווייניקסטער אייגנאַרטיקייט און דורך איר אויסווייניקסטער אָפּגעזונדערטקייט פון דער גאַנצער איבעריקער וועלט. אָט דער נייער נאַציאָנאַלער באַנד האָט זיך פאַרשפּרייט ניט נאָר אויף דעם ענגן קרייז פון די איינוואוינער פון יהודה, נאָר אויף אַלע יענע יידן פון די גלות-לענדער, וואָס האָבן ניט אויפגעהערט זיך צו רעכענען פאַר אייניקלאַך פון אברהם אבינו און זיך ניט אויפגעמישט אינגאַנצן מיט די אַרומיקע פעלקער. אַלע האָבן זיי מיט גלויבן און האָפענונג געקוקט אויפן נייעם בית-המקדש, וואָס האָט באַקרוינט די הייליקע שטאָט. און וואָס ווייטער פון זייער היים עס האָט זיי פאַריאָגט דער גורל און די ניט-ערמידלאַכע אונטערנעמונגס-קראַפט, אַלץ שטאַרקער איז געוואָרן דער רעליגיעזער פאַרבאַנד, וואָס האָט זיי פאַראייניקט איינע מיט די אַנדערע און אַלעמען צוזאַמען מיטן היימישן לאַנד. און הגם עס האָט זיך פון זיי ביסלאַכווייז אָנגעהויבן אויסצובילדן דער טיפּ פון וועלט-בירגער, און הגם זיי האָבן זיך אויסגעלערנט צו האַלטן פאַר זייער פאָטערלאַנד יעגס לאַנד, וואו זיי פלעגן געפינען זייערע לעבנס-מיטלען,—פונדעסטוועגן איז פאַרט דאָס בילד פון אידעאַלן פאָטערלאַנד ניט פאַרשוואונדן פון זייער זכרון, און ארץ-ישראל איז פאַר זיי שטענדיק געבליבן, אויב ניט אַלעמאָל דער אָרט, וואוהין זיי פלעגן עולה-רגל זיין, אָבער שטענדיק דער וועגווייזנדיקער שטערן אין זייערע דורות-לאַנגע וואַנדערונגען און דער צענטער פון זייער גייסטיקער וועלט.

די ווייטערדיקע אַנטוויקלונג פון דער געזעצגעבונג.

הגם די אידעאַליזירונג פון עבר איז געוואָרן פון איצט אָן, ווי מיר האָבן אָנגעוויזן, דער הויפּט-יסוד פון גייסטיקן און רעליגיעזן לעבן אין יידישן פאָלק, אָבער דיווירקלאַכקייט מיט אירע אמתע באַדערפעענישן, וואָס בייטן זיך אָפּט, האָט אָנגעהויבן אַרויסשטעלן אויך אירע פאָדערונגען. און דאָס האָט זיך געלאָזן פילן קודם-כל אין דער געזעצגעבונג. ווען דאָס געשריבענע געזעץ האָט, אַדאַנק די אומגעביטענע און אויסגעוואַקסענע געזעלשאַפטלאַכע באַציאונגען, אויפגעהערט צו באַפרידיקן, איז אויפגעקומען אַן ערנסטע נייטיקייט דאָס דאָזיקע געזעץ ממלא צו זיין, איבערצואַרבעטן און בכלל צופּאַסן צו די באַדערפעענישן פון דער צייט. באַר היות ווי מען האָט זיך גערעכנט מיט דעם גייסט פון דער תקופה, וועלכע האָט געהייליקט און ערלאַך געהאַלטן נאָר די געבאָטן פון פאַרצייטן, האָט מען די שינויים געמוזט דורכפירן אין לעבן ניט אין דער פאָרם פון זעלבשטענדיקע געזעצן, נאָר ווי אויסטייטשונגען פון דער

אָנגענומענער געשריבענער תורה. אין אַזאַ מין געשטאַלט זיינען זיי איבערגעגעבן געוואָרן פון דור צו דור. נאָך מער — די כללים און פּרינציפּן גופא, וואָס לויט זיי דאַרף אויסגעטייטשט ווערן די געשריבענע תורה, האָט מען געוואָלט באַטראַכטן ווי פעסטגעשטעלטע דורך דער דורות-לאַנגער טראַדיציע. אין יענער תקופה האָט מען זיך פאָרגעשטעלט, אַז נאָך די נביאים, די היטער פון געזעץ, איז גלייך אויפגעקומען אַ שורה פון די אַזויגערופענע „מענער פון דער גרויסער פאַרזאַמלונג" (אנשי כנסת הגדולה), און דערמיט איז פעסטגעשטעלט געוואָרן אַן אינעווייניקסטער צוזאַמענהאַנג צווישן אַלע אָנגענומענע מדרגות פון דער געזעצגעבונג. די פרקי אבות הייבן זיך אָן מיט אַזאַ הקדמה: „משה האָט באַקומען די תורה פון סיני און האָט זי איבערגעגעבן יהושען, יהושע — די זקנים, די זקנים — די נביאים, די נביאים — די מענער פון דער גרויסער פאַרזאַמלונג" *). נאָר וועגן דער אמתער עקסיסטענץ פון דער גרויסער פאַרזאַמלונג, ווי וועגן אַן אַנשטאַלט, וואָס האָט פונקציאָנירט פּינקטלאַך אַ געוויסע צייט, איז אין דער געשיכטע קיין זכר ניט געבליבן. און דער נאָמען גופא איז, קאָן זיין, געבויט אויפן סמך פון דער פאָלקס-פאַרזאַמלונג, וואָס עזרא האָט צונויפגערופן, כדי צו פאַרעפנטלאַכן דאָס נייע געזעץ.

די תורה שבעל-פה. די סופרים.

נאָר ווען אַפילו עס איז נאָך ניט געווען אין יענער צייט קיין שטענדיקע אינסטיטוציע, וואָס זאָל האָבן די מאַכט אויסצוטייטשן די תורה, האָט דאָך די באַדערפעניש אין אַ ווייטערדיקער אַנטוויקלונג פון דער געזעצגעבונג געשאַפן אַ ספּעציעלן קלאַס מענטשן, וואָס האָבן זיך אָפּגעגעבן מיט דעם שטודיום פון געשריבענעם געזעץ און מיט דער אַלץ וואַקסנדיקער, אַלץ ברייטער ווערנדיקער תורה שבעל פה. דידאָזיקע אויסווייניקדיקע ערקלערונגען פון געזעץ האָבן געדאַרפט צופּאַסן די געשריבענע תורה, וואָס מען האָט זי דאָך ניט געטאָרט משנה זיין צו דעם גייסט פון דער צייט און צו די באַדערפענישן פון די ברייטע קרייזן פון יידישן פאָלק, וואָס האָבן די תורה אָפּגעהיט. אויף אַזאַ אופן קומט אויף לעבן די כהנים, די אָפּהיטער פון דער טראַדיציע און גלויבן, אַ קלאַס פון געלערנטע געזעץ-קענער (סופרים). אָנשטאָט וואָס די כהנים זיינען געווען אין זייער טעטיקייט צוגעבונדן צום בית-המקדש אין ירושלים, האָבן די סופרים געקאָנט ברענגען נוצן דורך זייערע קענטענישן און לעבנס-געניטקייט אומעטום, וואו עס איז נאָר געווען אַ יידישע באַפעלקערונג. דעריבער האָבן די לעצטע גיך אָנגעהויבן צו שפּילן אין לעבן אַ מער וויכטיקע און קענטלאַבע ראָל, איידער די כהנים, און אין די הענט פון די לעצטע איז געבליבן נאָר די אויבערשטע הנהגה פון דער טעאָקראַטישער מלוכה.

די שולן פון די געלערנטע.

די אויסטייטשונגען און די החלטות פון די אָנערקענטע סופרים זיינען איבערגעגעבן געוואָרן פון דור צו דור און אין משך פון דער צייט האָבן זיי באַקומען דעם כאַראַקטער פון אַלגעמיין-אָנגענומענע לעבנס-

---

*) נאָך קלאָרער האָט זיך דאָס אויסגעדריקט אין דעם תלמודישן וואָרט: „אפילו כל מה שתלמיד ותיק עתיד לחדש הלכה למשה מסיני", — „אַפילו וואָס אַן אויסגעצייכנטער תלמיד וועט אויפטאָן, איז שוין געגעבן געוואָרן דורך משהן אויפן סיני" (ירושלמי חגיגה פ"א, ה"א).

כּללים, און דאָס פאָלק האָט זיי באַטראַכט ווי געזעצן. אויב עס האָבן זיך געבילדעט ביים באַטראַכטן אַ פראַגע צוויי סותרדיקע מיינונגען, האָט דאָס געבראַכט ביידע צדדים דערצו, אַז זיי זאָלן זיך נאָך מער פאַרטיפן אין דער אויספאָרשונג פון דער פראַגע, וואָס האָט ביי זיי אַרויסגערופן די מחלוקת. וואָס מער די אויסווייניקדיקע תורה האָט זיך אַנטוויקלט, אַלץ אָפטער פלעגן טרעפן אַ זעלכע חילוקי־דעות, און דאָס האָט גורם געווען דערצו, עס זאָלן זיך אויס־בילדן באַזונדערע גייסטיקע ריכטונגען, באַזונדערע שולן און יורידישע שיטות, וואָס דער קאַמף צווישן זיי איז אין משך פון אַ שורה דורות געווען דער וויכ־טיקסטער אינהאַלט פון גייסטיקן לעבן אין יידישן פאָלק.

האַנט ביי האַנט מיט די טעאָרעטישע חילוקי־דעות האָט זיך אין דער־דאָזיקער תקופה אָנגעהויבן צו באַמערקן יענע רעליגיעז־סאָציאַלע טיילונג, וואָס האָט שפּעטער געבראַכט צו אַ טיפער שפּאַלטונג אין יידישן פאָלק.

דאָס אויפקומען פון רעליגיעזע סעקטע.

די קלאַסן־אָרגאַניזאַציע פון די כּהנים מיט זייער הערשאַפט, וואָס פלעגט דאָס איבערגיין בירושה, און מיט זייערע גרויסע אַלץ וואַקסנדיקע הכנסות האָבן, פאַרשטייט זיך, געמוזט ברענגען דערצו, אַז ביי זיי זאָלן אויפקומען באַזונדע־רע קאַסטן־אינטערעסן. דידאָזיקע קאַסטן־אינטערעסן האָבן אַדאַנק דעם דעמאָל־טיקן אַריסטאָקראַטישן מלוכה־סדר פון יידישן פאָלק געשפּילט, פאַרשטייט זיך, די וויכטיקסטע ראָלע צווישן די פראַגן פון געזעלשאַפטלאַכן לעבן. קעגן אָט דער יחוס־אַריסטאָקראַטיע, וואָס האָט, ווי אין אַלע געזעלשאַפטן פון דער אַ מאָ־ליקער וועלט, געשטרעבט איינצוהאַלטן די מאַכט אין אירע הענט, האָט אָנגע־הויבן אויפצוקומען בהדרגה, צוגלייך מיט דער מאַטעריעלער און גייסטיקער אַנטוויקלונג פון יידישן פאָלק, אַ מעכטיקע אָפּאָזיציע. די טרעגער פון דער אָפּאָ־זיציע זיינען אָבער געווען ניט קיין פּאַראייניקטע וועלטלאַכע קלאַסן, ניט די ברייטע שיכטן פון פאָלק, נאָר מענטשן, וואָס האָבן אָנגעשריבן אויף זייער פאָן און פאַנאַטיש אָפּגעהיט אין לעבן די־זעלביקע פּרינציפּן פון רעליגיעז־געזעל־שאַפטלאַכן סדר, וואָס זיינען אָוועקגעלייגט געוואָרן אין יסוד פון דער יהדות, און וואָס זיי גופא האָבן געוואָלט זיי אָפּהיטן אין זייער פולער און ניט געריר־טער ריינקייט. אַזוי ווי זיי האָבן דערביי געפאָדערט, עס זאָלן אויסגעשלאָסן ווערן פון דער יידישער עדה אַלע די, וואָס האָבן ניט אָנגענומען די מיינונגען, וואָס זיי האָבן פאַרטיידיקט, דעריבער האָבן זיי שפּעטער באַקומען דעם נאָמען פּרושים. ד. ה. סעפּאַראַטיסטן, אָפּגעשיידענע. דער העכערער קלאַס ווידער, וואָס מיט אים האָבן די פּרושים געקעמפט, האָט זיך אָנגעהויבן רופן צדוקים—נאָכן נאָמען פון זייער כּלומרשטיקן עלטער פאָטער צדוק, וואָס איז געווען דער עלטסטער כּהן ביים הויף פון דוד המלך.

אויף אַזאַ אופן זיינען שוין אין דער פריער תקופה געבוירן געוואָרן אין דער טיפעניש פון יידישן פאָלק יענע ריכטונגען און שטרעבונגען, וואָס האָבן אויף אַ משך פון פיל דורות אַרויפגעלייגט זייער חותם אויפן גאַנג פון זיין פּאָליטישן און גייסטיקן לעבן.

239 Reuss — Die geschichte der Heiligen Schriften Alten Testaments 1890.

XXX. די תורת־כּהנים.

די הייליקונג פון כּהן.

און יהוה האָט געזאָגט צו משהן *) אַזוי: נעם אַהרנען און זיינע זין מיט אים און דערצו די הייליקע קליידער און דעם בוימל צו זאַלבן און אַן אָקס פאַר אַ ריייניקונגס־קרבּן און צוויי שעפּסן־בּעק און אַ קערבל מצות, און קלייב צונויף די גאַנצע געמיינדע ביים אַריינגאַנג אין געצעלט פון ערשיינונג. און משה האָט געטאָן אַזוי ווי עס האָט אים געהייסן יהוה. און די געמיינדע האָט זיך אויפגעקליבן ביים אַריינגאַנג אין געצעלט פון ערשיינונג. און משה האָט געזאָגט צו דער געמיינדע: אָט וואָס יהוה האָט געהייסן טאָן. און משה האָט געהייסן אַהרנען און זיינע זין צוגיין און האָט זיי געוואַשן מיט וואַסער. און ער האָט אים אָנגעטאָן דעם אונטער־העמד און אים אַרומגעגאַרטלט מיטן גאַרטל און אָנגעטאָן אויף אים דאָס אייבערקלייד און אַרויפגעלייגט אויף אים דעם אפוד **) און האָט פאַרבונדן דעם גאַרטל פון אפוד און האָט אויף אַזאַ אופן באַפעסטיקט דעם אפוד. און אויף אים האָט ער אָנגעטאָן דעם חשן און אין חשן האָט ער אַריינגעלייגט די אורים און תּומים ***) און האָט אים אָנגעטאָן דעם קאָפּ־צודעק און אויף דעם קאָפּ־צודעק פון פאָרנט באַפעסטיקט אַ גאָלדענע ברעטל, אַ הייליקן צייכן, ווי יהוה האָט באַפוילן משהן. און משה האָט גענומען דעם זאַלב־בוימל און האָט געזאַלבּט דעם משכּן און אַלץ, וואָס אין אים, און עס געהייליקט. און האָט באַשפּריצט מיט אים זיבן מאָל דעם מזבח און האָט געזאַלבּט דעם מזבח און זיינע כּלים אין דעם וואַסער־רעזערוואַר און זיין אונטערשטן טייל, כּדי זיי צו הייליקן. און משה האָט געגאָסן דעם זאַלב־בוימל אויף אַהרנס קאָפּ און האָט אים געזאַלבּט, כּדי אים צו הייליקן. און משה האָט צוגערופן אַהרנס קינדער און האָט זיי אָנגעטאָן אונטער־העמדער און האָט זיי אַרומגעגאַרטלט מיט גאַרטלען און האָט זיי אָנגעטאָן קאָפּ־צודעקן, ווי יהוה האָט באַפוילן משהן. און משה האָט צוגעפירט דעם אָקס פאַר אַ ריייניקונגס־קרבּן און אַהרן און זיינע

---

*) דער סדר פון דער גאַנצער צערעמאָניע פון הייליקונג און פון דעם גאַנצן ריטואַל פון יום־כּפּור ווערט איבערגעגעבן אין דער פאָרם פון אַ פּאַרצייטיקער ערציילונג וועגן דער הייליקונג פון אהרון דורך משהן.

**) צום אונטערשייד פון פאַרצייטיקן אפוד, וואָס איז אַ געוואַנטענער מלבוש, וואָס דער כּהן און אַנדערע פּעריזאָנען פלעגן אָנטאָן בשעת דער עבודה (זע זייט 52), קומט דאָ דער אפוד פאַר אויסשליסלאַך ווי אַ קליידונג פון כּהן גדול. לויט דער באַשרייבונג (שמות כ״ח 6) איז דאָס געווען אַ גרויסאַרטיקער מלבוש פון גאָלד, פּורפּור און העל־בלאָע בעוועבן.

***) דער חשן איז, לויט דער באַשרייבונג (שמות כ״ח 15), אַ פירקאַנטיקע שטיק געוואַנט (פון דעמזעלבן, וואָס אויך דער אפוד איז פון אים געמאַכט געוואָרן), אויסגעזעצט מיט 12 דימענטן נאָך דער צאָל פון די 12 ישראלשע שבטים. דאָס פלעגט דער כּהן גדול אָנטאָן אויפן ברוסט. אין חשן איז, קאַנטיק, בעווען אַ טאַש, וואו עס פלעגן זיין אַריינגעלייגט די אורים ותומים, וואָס האָבן אין דער צייט פאַרלאָרן שוין דעם כאַראַקטער פון אַ גורל (זע זייט ב) און האָבן געהאַט נאָר אַ סימבאָלישע באַדייטונג.

זײַן האָבן אָנגעשפּאַרט זײערע הענט אויפן קאָפּ פון קרבן-אָקס און משה האָט אים געקוילעט.

און ער האָט גענומען זײַן בלוט און מיטן פינגער באַשמירט די ווינקלען פון מזבח פון אַלע זײַטן און דערמיט גערייניקט דעם מזבח. און דאָס איבעריקע בלוט אויסגעגאָסן ביים מזבח אויף דער ערד. אַזוי האָט ער געהייליקט דעם מזבח, גערייניקט אים.

און משה האָט גענומען אַ טייל פון זאַלב-בוימל און פון בלוט, וואָס איז געווען אויפן מזבח, און האָט באַשפּריצט אַהרנ׳ען און זײַנע קליידער און אויך זײַנע זין און זײערע קליידער און ער האָט געהייליקט אַהרנ׳ען און זײַנע קליידער און אויך זײַנע זין און זײַנע זינס קליידער. און משה האָט געזאָגט צו אַהרנען און צו זײַנע זין: קאָכט אָפּ דאָס קרבן-פלייש ביים אַרײַנגאַנג אין געצעלט פון ערשײַנונג און דאָרטן עסט עס צוזאַמען מיטן ברויט, וואָס אין קערבל, וועלכער איז צוגעגרייט פאַר דער הייליקונג, ווי עס איז פאַרזאָגט געוואָרן: אַהרן און זײַנע זין דאַרפן אים עסן. און דאָס, וואָס עס וועט בלייבן פון פלייש און פון ברויט, זאָלט איר אין פייער פאַרברענען. זיבן טעג צייט דאַרפט איר ניט אַוועקגיין פון די טירן פון משכּן פון ערשײַנונג, ביז עס וועט פול ווערן די צייט פון אײַער הייליקונג, ווייל זיבן טעג דאַרף געדויערן אײַער הייליקונג. און פונקט אַזוי ווי דאָס איז געמאַכט געוואָרן הײַנט, אַזוי האָט דאָס יהוה געהייסן טאָן אויך ווייטער צו אײַער רייניקונג. אין משך פון זיבן טעג דאַרפט איר זיך געפינען טאָג און נאַכט ביים אַרײַנגאַנג אין געצעלט פון ערשײַנונג, און אָפּהיטן די געבאָטן פון יהוה, ווען ניט וועט איר שטאַרבן; אַזוי איז מיר געזאָגט געוואָרן. און אַהרן און זײַנע זין האָבן געטאָן אַלץ, וואָס יהוה האָט זיי פאַרזאָגט דורך משהן.

די צערעמאָניע פון רייניקונג.

און יהוה האָט געזאָגט צו משהן: זאָג אַהרנ׳ען, דײַן ברודער, אַז ניט אין יעדער צייט דאַרף ער אַרײַנגיין אין הייליקטום הינטערן פאָרהאַנג און זיך שטעלן פאַרן צודעק פון אָרון; ווען ניט וועט ער שטאַרבן; ווייל אין וואָלקן איבערן צודעק פון פאָרהאַנג וועל איך זיך אַנטפּלעקן. נאָר צוליב דעם דאַרף אַהרן אַרײַנגיין אין הייליקטום, כדי צו ברענגען אַ יונגן אָקס פאַר אַ רייניקונגס-קרבן און אַ שאָף-באָק פאַר אַ פייער-קרבן. ער דאַרף זײַן אָנגעטאָן אין אַ הייליקן ליין-העמד, אין אַ ליינענעם לײַב-קלייד און אַרומגעגאַרטלט מיט אַ ליינענעם גאַרטל און מיט אַ ליינענעם צודעק אויפן קאָפּ. דאָס זײַנען די הייליקע קליידער, און זיי זאָל ער אָנטאָן נאָכדעם, ווי ער וועט אײַנוואַשן זײַן לײַב. בײַ דער געמיינדע פון די בני-ישראל זאָל ער נעמען צוויי בעק פאַר אַ רייניקונגס-קרבן און איין שאָף-באָק פאַר אַ פייער-קרבן. און זאָל אַהרן ברענגען זײַן אייגענעם אָקס פאַר אַ רייניקונגס-קרבן און דערמיט רייניקן זיך און זײַן הויז. און דערנאָך זאָל ער נעמען די צוויי בעק און אַוועקשטעלן זיי פאַר יהוה ביים אַרײַנגאַנג אין משכּן פון ערשײַנונג. און ער זאָל וואַרפן צווישן ביידן דעם גורל, איין גורל פאַר יהוה און

איין גורל פאַר עזאזל *). און ער זאָל נעמען דעם באָק, וואָס אויף אים איז אויסגעפאַלן דער גורל: „פאַר יהוה“, און זאָל אים ברייגנען פאַר אַ רייניקונגס=קרבן; און דעם באָק, וואָס אויף אים איז אויסגעפאַלן דער גורל: „פאַר עזאזל, זאָל ער אַוועקשטעלן אַ לעבעדיקן פאַר יהוה, כּדי אויסצופירן איבער אים די רייניקונג און אָפּשיקן אים אין מדבר פאַר עזאזל.

און זאָל אהרון אָנשפּאַרן זיינע הענט אויפן קאָפּ פון לעבעדיקן באָק און זאָל אויף אים מתודה זיין זיך פאַר אַלע זינד פון די בני=ישראל און אַלע איבערטרעטונגען, וואָס זיי זיינען באַגאַנגען, און אַרויפלייגן זיי אויפן קאָפּ פון באָק און אַוועקשיקן דורך אַ באַזונדער מענטשן קיין מדבר; און דער באָק זאָל אַוועקטראָגן אויף זיך אַלע אומגעזעצלאַכקייטן אין אומפּרוכטבאַרן לאַנד אַריין; און ווען זיי וועלן שוין זיין אין מדבר, קאָן ער אָפּלאָזן דעם באָק **). און זאָל אהרון אַריינגיין אין משכן פון ערשיינונג און אויסטאָן פון זיך די ליין=בגדים, וואָס זיינען געווען אויף אים, ווען ער איז אַריין אין הייליגטום, און איבערלאָזן זיי דאָרטן און אייַנוואַשן אויף אַ הייליקן אָרט זיין לייב מיט וואַסער און אָנטאָן זיינע געוויינלאַכע קליידער און זאָל אַרויסגיין און ברענגען זיין פייער-קרבן און דעם פייער=קרבן פון פאָלק.

(און דאָס זאָל אייך זיין פאַר אַ באַשטימונג אויף דור—דורות! אין זיבעטן חודש, אין צענטן טאָג פון חודש פייניקט זיך, טוט ניט קיין אַרבעט. סיי דער בירגער און סיי דער פרעמדער, וואָס האָט זיך באַזעצט צווישן אייך, ווייל אין דעם טאָג וועט געמאַכט ווערן איבער אייך די רייניקונג, כּדי אייך צו רייניקן, פון אַלע אייערע זינד וועט איר זיין ריין פאַר יהוה).

די ימים טובים.

און יהוה האָט געזאָגט צו משה: גיב איבער די בני=ישראל אָט וואָס: די ימים=טובים פון יהוה, וואָס איר דאַרפט באַשטימען פאַר פאַרזאַמלונגס=טעג אין הייליקטום (מקראי=קדש),—דאָס זיינען מיינע ימים=טובים ***): זעקס טעג

---

*) דער גראַמאַטישער בנין פון וואָרט „עזאזל“ איז ניט קלאָר. על כּל פּנים איז דאָס אַן אייגן=נאָמען, וואָס מיט אים האָט מען פאַרצייטן מסתמה באַצייכנט דעם פירער פון די בעקיענלאַכע דעמאָנען (שעירים), וואָס האָבן געלעבט, לויט דער פאָרשטעלונג פון די בני ישראל, אין מדבר. אויב דאָס ברענגען אַ באָק „פאַר עזאזל“ האָט אַמאָל געטראָגן דעם כאַראַקטער פון אַ קרבן, וואָס מען ברענגט, כּדי איבערצובעטן די בייזע מדבר גייסטער, האָט עס דאָ שוין לחלוטין פאַרלאָרן דעמדאָזיקן כאַראַקטער און האָט נאָר געדאַרפט פאָרשטעלן די רייניקונג פון הייליגן לאַנד פון זיינע איינוואוינערס זינד.

**) לויט דער עדות פון תלמוד (מסכתא יומא פרק ו') פלעגט מען אים אין דער שפּעטערדיקער צייט אוועקפירן קיין מדבר יהודה, (קיין בית חדודו, 12 מייל אין דרום זייט פון ירושלים) און דאָרטן פלעגט מען אים אַראָפּשטויסן פון אַ הויכן פעלז.

***) די פינף יאָריקע ימים=טובים מיט זייער שווערן ריטואל און געזעלשאַפטלאַכע קרבנות (במדבר קאַפּ. ז'ח—כ'ט), וואָס מיר געפינען אין דער תורת=כּהנים, איז כּדאי צו פאַר

מעגסטו טאָן אַרבעט און דער זיבעטער טאָג איז אַ טאָג פון פולער רו (שבת שבתון) אין אַ פאַרזאַמלונגס־טאָג ביים הייליקטום: קיין אַרבעט טוט ניט. דאָס איז אַ טאָג פון רו פאַר יהוה אין אַלע אייערע וואוינערטער.

אָט זיינען די ימים־טובים פאַר יהוה מיט פאַרזאַמלונגען ביים הייליקטום, וואָס איר זאָלט צונויפרופן יעדערן אין אַ באַשטימטער צייט. אין ערשטן חודש, 14 טעג אין חודש פאַרנאַכט,—דעם יום־טוב פון פסח פאַר יהוה, אין 15 טעג פון זעלביקן חודש דעם יום־טוב פון מצות פאַר יהוה*). זיבן טעג מוזט איר עסן מצות; דעם ערשטן טאָג מוז צונויפגערופן ווערן אַ פאַרזאַמלונג ביים הייליקטום, קיין וואָכעדיקע אַרבעט טוט דאָן ניט. אין משך פון זיבן טעג פאַרברענט קרבנות פאַר יהוה, דעם זיבעטן טאָג—ווידער אַ הייליקע פאַרזאַמלונג ביים הייליקטום, קיין וואָכעדיקע אַרבעט טוט ניט.

און יהוה האָט געזאָגט צו משהן: גיב איבער די בני־ישראל און זאָג צו זיי: ווען איר וועט קומען אין לאַנד, וואָס איך וועל אייך געבן, און איר וועט שניידן אייער תבואה, ברענגט דעם ערשטן גאַרב פון אייער שניט צום כהן. און ער וועט אויפהויבן **) דעם גאַרב פאַר יהוה, כדי צו ברענגען אויף אייך זיין ברכה; דעם צווייטן טאָג נאָך שבת זאָל אים אויפהייבן דער כהן. און אין דעם טאָג פון אויפהויבן דעם גאַרב ברענגט אַן איינִיאָריק שעפּ־סעלע אָן אַ פעלער פאַר אַ פייער־קרבן פאַר יהוה, און דערצו אַ ברויט־קרבן— צוויי צענטל פון אַן איפה זעמל־מעל, אויסגעמישט מיט ביימאייל, אַ וואויל־שמעקנדן קרבן פאַר יהוה, און דערצו אַן אויסגיסונג־קרבן: אַ פערטל הין ווייַן. ניט קיין ברויט, ניט קיין געטריקנטע, ניט קיין געשטויסענע קערנער זאָלט איר ניט עסן ביז יענעם טאָג, ווען איר וועט ברענגען די מתנות אייער גאָט. דאָס איז אַ באַשטימונג אויף אייביקע דורות, און איר זאָלט זי אָפּהיטן אין אַלע אייערע וואוין־ערטער פון דור צו דור.

אָנגעהויבן פון דעם אַנדער טאָג נאָך שבת, פון יענעם טאָג, ווען איר וועט ברענגען, דעם גאַרב צום אויפהייבן, זאָלט איר אָפּציילן 7 פולע וואָכן: ביז דעם ערשטן טאָג נאָך דעם זיבעטן שבת ציילט אָפּ פופציק טעג, און דאַן ברענגט אַ נייעם ברויט־קרבן פאַר יהוה. פון אייערע וואוין־ערטער ברענגט צוויי ברויטן צום אויפהייבן. אין זיי מוזן זיין צוויי צענטל איפה זעמל־מעל,

---

גלייכן מיט די געהעריקע ערטער פון „ספר הברית" (זייט 103) און „ספר התורה" (זייט 190). דאָרטן רעדט זיך נאָר וועגן דריי יאָריקע יום־טובים, וואָס זייער צייט ווערט ניט גענוי באַשטימט, און זייער גאַנצער ריטואַל באַשטייט נאָר אין דעם „זיך משמח זיין פאַר יהוה".

*) וועגן יום־טוב פון מצות, ווי וועגן אַ באַזונדער ערד־אַרבעטער־יום־טוב, חוץ דעם יום־טוב פסח זע זייט 117.

**) דער ריטואַל פון אויפהויבן (תנופה) איז באַשטאַנען דערין וואָס דאָס פאַר אַ קרבן געבראַכטע (דער גאַרב, די טיילן פון אַ בהמה) פלעגט מען באַוועגן אַהין און אַהער איבערן מזבח. דאָס האָט באַדייט, אַז דער אויפגעהויבענער חפץ ווערט געהייליקט דורך זיין דערנענטערונג צום קרבן־פייער. אין עטוואָס אַן אַנדער פאָרם איז די תנופה, פאָרגעקומען אויך בשעת דער הייליקונג פון די לויים (במדבר ח׳—11).

און באַקן זאָל מען זיי פאַרזייערט,—אַ קרבן פאַר יהוה פון די ערשטע געבוי=רענע פון דער ערד. צוזאַמען מיט די ברויטן ברענגט 7 איינאָריקע שעפּסע=לאַך אָן פעלערן, איין קאַלב און צוויי שאָף-בעק. זאָלן זיי געבראַכט ווערן פאַר אַ פייער-קרבן פאַר יהוה צוזאַמען מיט דעם געוויינלאַכן ברויט-קרבן און דער אויסגאַנג—אַ וואויל=שמעקנדער קרבן פאַר יהוה. חוץ דעם ברענגט איין באָק פאַר אַ רייניקונגס=קרבן און צוויי איינאָריקע שעפּסעלאַך פאַר אַ שלום=קרבן. און דער כהן זאָל זיי אויפהויבן פאַר יהוה, ווי אין אויפהייבונגס-קרבן. צוזאַמען מיט די ערשטגעבוירענע ברויטן און די צוויי שעפּסעלאַך, און זיי זאָלן זיין געהייליקט פאַר יהוה און אָפּגעגעבן ווערן דעם כהן צום נוצן און רופט צונויף אין דעם טאָג אַ פאַרזאַמלונג ביים הייליקטום און טוט ניט קיין וואָכעדיקע אַרבעט. דאָס איז אַ באַשטימונג אויף אייביקע צייטן, און איר דאַרפט זי אָפּהיטן אין אַלע אייערע וואוין-ערטער פון דור צו דור.

ווען דו ווערסט אַראָפּנעמען דעם שניט פון דיין פעלד, דערשנייד ניט ביזן עק פון דיין פעלד און דאָס, וואָס בלייבט איבער פון דיין שניט, קלייב ניט אויף. פאַר דעם אָרימאַן און דעם אָנגעקומענעם לאָז איבער דאָס איינע און דאָס אַנדערע. איך בין יהוה, אייער גאָט.

און יהוה האָט געזאָגט צו משה: גיב איבער די בני-ישראל אָט-וואָס: אין זיבעטן חודש זאָל ביי אייך דער ערשטער טאָג זיין אַ טאָג פון רו, פון רופנדיקן שופר-בלאָזן און פון אַ פאַרזאַמלונג ביים הייליקטום. קיין וואָכעדיקע אַרבעט טוט ניט און פאַרברענט דעם קרבן פאַר יהוה.

און יהוה האָט געזאָגט צו משה: דער צענטער טאָג פון זיבעטן חודש איז אַ טאָג פון פאַרגעבונג (יום=הכפורים). איר זאָלט אויפרופן אַ פאַרזאַמלונג ביים הייליקטום, זיך פייניגן און פאַרברענגען אַ קרבן פאַר יהוה. קיין וואָכעדי-קע אַרבעט טוט ניט אין דעם טאָג, ווייל דאָס איז אַ טאָג פון פאַרגעבונג, כדי איר זאָלט זיך אָפּרייניקן פאַר יהוה, אייער גאָט. און יעדערער, וואָס וועט זיך ניט פייניקן אין דעם טאָג וועט אַרויסגעשטויסן ווערן פון צווישן זיין פאָלק. און יעדערן, וואָס וועט טאָן אַן אַרבעט אין דעם טאָג, וועל איך אַרויס=שטויסן פון צווישן זיין פאָלק. קיין אַרבעט דאַרפט איר ניט טאָן. דאָס איז אַ באַשטימונג אויף אייביקע צייטן, און איר מוזט זי אָפּהיטן אין אַלע אייע-רע וואוין=ערטער פון דור צו דור. ער דאַרף ביי אייך זיין אַ טאָג פון פולער רו, און איר דאַרפט זיך פייניקן. אין אָוונט פון ניינטן טאָג אין דעם חודש—פון אָוונט ביז אָוונט—זאָלט איר אָפּהיטן די רו, וואָס איז אייך באַפוילן.

און יהוה האָט געזאָגט צו משה: גיב איבער די בני=ישראל אָט-וואָס: פופצן טעג אין דעמזעלביקן זיבעטן חודש ריכט אָפּ פאַר יהוה דעם יום=טוב סוכות אין משך פון זיבן טעג. דעם ערשטן טאָג—אַ פאַרזאַמלונג ביים הייליק=טום; מען טאָר אין דעם טאָג ניט טאָן קיין וואָכעדיקע אַרבעט; אין משך פון זיבן טעג פאַרברענט קרבנות פאַר יהוה; אויפן אַכטן טאָג רופט צונויף אַ פאַרזאַמלונג ביים הייליקטום און פאַרברענט דעם קרבן פאַר יהוה, — דאָס איז דער טאָג פון יום=טובדיקער פאַרזאַמלונג, און מען טאָר דאַן ניט טאָן קיין וואָכעדיקע אַרבעט.

דאָס זיינען די ימים־טובים פון יהוה, ווען עס דאַרפן צונויפגערופן ווערן פאַרזאַמלונגען בייס הייליקטום, כדי צו פאַרברענגען קרבנות: פייער־קרבנות ברויט־קרבנות, שלום־קרבנות און אויסגיסונגען, ווי עס איז באַפוילן אויף יעדן טאָג, חוץ די שבתים פון יהוה און חוץ אייערע מתנות, און אויך חוץ אייער קרבן־נדרים און חוץ אַלע אייערע פרייוויליקע דערלאַנגונגען, וואָס איר וועט וועלן אָפּגעבן יהוה.

און פופצן טעג אין זיבעטן חודש, ווען איר וועט פאַרענדיקן די זאַמלונג פון די ערד־פרוכט, ריכט אָפּ אַ יום־טוב פאַר יהוה אין משך פון זיבן טעג, דער ערשטער טאָג איז אַ טאָג פון רו און דער אַכטער טאָג איז אַ טאָג פון רו. און נעמט זיך דעם ערשטן טאָג פרות פון שיינע ביימער, פאַלמען־צווייגן און אויך צווייגן פון געדיכט־בלעטערדיקע ביימער און טייך־ווערבעס און זייט זיך משמח פאַר יהוה, אייער גאָט, אין משך פון זיבן טעג. און ריכט אָפּ די טעג ווי אַ יום־טוב פון יהוה יעדן יאָר אין משך פון זיבן טעג. דאָס איז אַ באַשטימונג אויף אייביקע צייטן, און איר מוזט דאָס אָפּהיטן פון דור צו דור; אין זיבעטן חודש ריכט אָפּ דעם יום־טוב. זיבן טעג לעבט אין ביידלאַך; אַלע בירגער פון ישראלישן לאַנד מוזן וואוינען אין ביידלאַך, כדי עס זאָלן וויסן די קומענדיקע דורות אייערע, אַז אין ביידלאַך האָב איך געלאָזט וואוינען די בני־ישראל, ווען איך האָב זיי אַרויסגעפירט פון לאַנד מצרים *). איך בין יהוה, אייער גאָט.

און משה האָט איבערגעגעבן די בני־ישראל וועגן די ימים־טובים פון יהוה.

דאָס שמיטה־יאָר און דאָס יובל־יאָר.

און יהוה האָט געזאָגט צו משהן אויפן באַרג סיני: גיב צו וויסן די בני ישראל אָט וואָס: ווען איר וועט קומען אין לאַנד, וואָס איך וועל אייך געבן, זאָל די ערד האָבן איר רו־צייט פאַר יהוה. זעקס יאָר זיי דיין פעלד און זעקס יאָר שנייד אַרום דיין ווייַנגאָרטן און קלייב אויף די וואַקסונגען פון דיין ערד. נאָר אויפן זיבעטן יאָר זאָל געגעבן ווערן דער ערד אַ פולע רו — אַ רו פאַר יהוה. דיין פעלד פאַרזיי דאַן ניט, אין דיין ווייַנגאָרטן שנייד ניט אַרום. וואָס עס וועט אַליין אויסוואַקסן אויף דיין פעלד, שנייד ניט אָפּ און די הענגלאַך פון דיינע ניט אַרומגעשניטענע ווייַנטרויבן נעם ניט אַראָפּ; זאָל דאָס יאָר זיין אַ יאָר פון פולער רו (שבת שבתון) פאַר דער ערד. דאָס, וואָס די ערד וועט אַליין ברענגען אין רו — יאָר, דאָס זאָל אייך דינען פאַר שפּייז: פאַר דיר און פאַר דיין קנעכט, און פאַר דיין דינסט און פאַר דיין געדונגענעם אַרבעטער און פאַר דעם אויסלענדער, וואָס וואוינען צוזאַמען מיט דיר,

*) דאָ ווערט דער יום־טוב סוכות און דער מנהג צו זיצן אין די ביידלאַך ניט געשטעלט אין צוזאַמענהאַנג מיט דער אויפזאַמלונג פון די פרות, נאָר מיט אַ היסטאָרישער געשעניש. אין דעם וועג איז געגאַנגען די ענטוויקלונג פון דער פאָלקס־פאָרשטעלונג וועגן אַלע ימים־טובים, וואָס האָבן מיט דער צייט אַלע באַקומען אַ היסטאָרישע דערקלערונג.

און אויך פֿאַר דײַנע בהמות און פֿאַר די חיות, וואָס זײַנען אין דײַן לאַנד — זאָלן אַלע געוויקסן דינען פֿאַר שפּײַז.

און דערנאָך צייל אָפּ זיבן רו—יאָרן — זיבן מאָל צו זיבן יאָר, אַזוי אַז די צווישן־צײַט פֿון די זיבן רו—יאָרן זאָל באַטרעפֿן 49 יאָר, און דאַן אין זיבעטן חודש, אין צענטן טאָג פֿון חודש זאָל דורכשאַלן בײַ דיר דער רופֿנדער שופר־בלאָז; אין פֿאַרגעבונגס־טאָג (יום־כפור) זאָל דורכשאַלן דער שופר אין אײַער גאַנצן לאַנד. און אָט אַזוי הייליקט דאָס פֿופֿציקסטע יאָר און דערקלערט אין גאַנצן לאַנד פֿרײַהייט זײַנע אײַנוואוינער. זאָל דאָס בײַ אײַך זײַן אַ יובל יאָר אַן אויסרוף־יאָר. *) און דאַן זאָל זיך יעדערער אומקערן צו זײַן נחלה און צו זײַן פֿאַמיליע. ווי אַ יובל־יאָר זאָל זיך בײַ אײַך רעכענען דאָס פֿופֿציקסטע יאָר. זייט דאַן ניט און שנײַט ניט דאָס, וואָס עס וועט אַליין אויסוואַקסן פֿון דער ערד, און נעמט ניט אַראָפּ די ווײַנטרויבן פֿון די ניט־אַרומגעשניטענע ווײַנשטאָקן, ווײַל דאָס איז אַ יובל־יאָר. האַלט אים הייליק. פֿון פֿעלד מעגט איר עסן דאָס, וואָס ער וועט אײַך אַליין ברענגען. —

אין יובל־יאָר זאָל זיך יעדערער אומקערן צו זײַן נחלה. ווען דו וועסט עפּעס פֿאַרקויפֿן דײַן חבר אָדער דו וועסט קויפֿן עפּעס בײַ דײַן חבר, דאַרפֿסטו האָבן אין רעכענונג די צאָל פֿון די יאָרן, וואָס זײַנען אַריבער זינט דעם לעצטן יובל־יאָר, און ער דאַרף פֿאַרקויפֿן לויט דער צאָל פֿון די גערעטעניש־יאָרן. בײַ אַ גרעסערע צאָל יאָרן העכער דעם פּרײַז און בײַ אַ קלענערע צאָל יאָרן נעם אַראָפּ פֿון פּרײַז, ווײַל ער פֿאַרקויפֿט דיר אַ באַשטימטע צאָל פֿון שניטן. אַזוי באַרײַסט ניט אײַערע נאָענטע, און האָט מורא פֿאַר גאָט, ווײַל איך בין יהוה, אײַער גאָט. ערפֿילט מײַנע באַשטימונגען און היט אָפּ מײַנע געזעצן און ערפֿילט זיי און פֿירט זיך לויט זיי, כּדי איר זאָלט לעבן רואיק אין לאַנד. און די ערד וועט דאַן געבן אירע פּירות, כּדי איר זאָלט קאָנען עסן צו זאַט און לעבן אויף איר רואיק. און אויב איר וועט זאָגן: וואָס וועלן מיר דען עסן אין זיבעטן יאָר, ווען מיר וועלן ניט זייען און ניט אויפֿקלײַבן קיין פּירות? טאָ ווייסט, אַז איך וועל אײַך אַריבערשיקן מײַן ברכה אויפֿן זעקסטן יאָר אַזוי, אַז עס וועט אײַך געבן זײַן שניט אויף אַלע דרײַ יאָר, און בשעת איר וועט זייען אין אַכטן יאָר, וועט איר נאָך אַלץ עסן די פּירות פֿון אַלטן שניט, ביז צום נײַעם יאָר, ביז עס וועט פֿאַרטיק ווערן זײַן שניט, וועט איר אַלץ עסן דאָס אַלטע.

די ערד טאָר מען ניט פֿאַרקויפֿן אויף שטענדיק, ווײַל די ערד איז מײַנע איר זײַט פֿרעמדע און אַלט־געזעסענע בײַ מיר. דערפֿאַר דאַרפֿט איר ערלויבן אין גאַנצן לאַנד, וואָס איר הערשט איבער אים, אויסצוקויפֿן צוריק די ערד. ווען דײַן ברודער וועט פֿאַראָרימט ווערן און וועט זײַן געצוואונגען צו פֿאַרקויפֿן אַ טייל פֿון זײַן נחלה, זאָל קומען זײַן נאָענסטער קרוב (גואל) און אויסקויפֿן, וואָס זײַן ברודער האָט פֿאַרקויפֿט; ווען עס איז אָבער קיינער ניטאָ, ווער עס זאָל אויסקויפֿן פֿאַר אים, נאָר מיט דער צײַט קלײַבט ער אַליין אָן אַזוי

*) שנת היובל—דאָס הייסט בוכשטעבלאַך „דאָס יאָר פֿון שאָף־באָקס־האָרן”, דאָס יאָר פֿון שופר שאַלן. (דער שופר פֿלעגט געמאַכט ווערן פֿון אַ האָרן פֿון אַ שעפּסן־באָק).

פיל, וויפל מען דאַרף צום אויסקויפן, זאָל ער אַראָפּרעכענען די יאָרן וואָס זיינען אַריבער זינט דעם פאַרקויף, און דאָס איבעריקע זאָל ער אָפּגעבן דעם, וועמען ער האָט פאַרקויפט, און זיך אויף דאָס ניי אומקערן צו זיין נחלה. — אויב אָבער ער וועט ניט האָבן ביי זיך דאָס, וואָס ער דאַרף אומקערן זאָל דאָס פאַרקויפטע בלייבן אין די הענט פון קונה ביזן יובל-יאָר, און אין יובל-יאָר זאָל דאָס אומזיסט אַריבערגיין צו יענעם, און ער זאָל זיך אויף דאָס ניי אומקערן צו זיין נחלה.

אויב דיין ברודער וועט פאַראָרימט ווערן און וועט זיך פאַרקויפן דיר, צווינג אים ניט צו ערפילן קיין קנעכטישע אַרבעט. ער דאַרף ביי דיר זיין אַזוי ווי אַ געדונגענער אָדער ווי דער אויסלענדער, וואָס וואוינט ביי דיר. ביזן יובל-יאָר זאָל ער אַרבעטן ביי דיר; און דערנאָך זאָל ער און זיינע קינדער מיט אים אַוועקגיין פון דיר אויף דער פריי און זאָל ער זיך אומקערן צו זיין משפחה און צו דער נחלה פון זיינע עלטערן זיך אומקערן, ווייל זיי זיינען מיינע קנעכט, וואָס איך האָב אַרויסגעפירט פון לאַנד מצרים: מען דאַרף זיי ניט פאַרקויפן, ווי מען פאַרקויפט קנעכט. הערש ניט איבער זיי גרויזאַם און האָב מורא פאַר דיין גאָט.

און בנוגע צו שקלאַפן און שקלאַפינס, וואָס דו וואָלסט וועלן האָבן, טאָ קויף זיך אַ שקלאַף און שקלאַפין ביי די פעלקער, וואָס אַרום אייך; און די קינדער פון די אויסלענדער, וואָס האָבן זיך באַזעצט ביי אייך, קאָנט איר אויך קויפן, און אויך די-דאָזיקע וואָס שטאַמען פון זייער פאַמיליע, וואָס לעבן צווישן אייך און וואָס זיינען ביי זיי געבוירן געוואָרן ביי אייך אין לאַנד, — זיי קאָנען זיין אייער אייגנטום; זיי קאָנט איר איבערגעבן בירושה אייערע קינדער נאָך זיך ווי אַן אייגנטום. אייביק געוועלטיקט איבער זיי, ווי איבער קנעכט. און איבער אייערע ברידער די בני-ישראל, איינער איבערן אַנדערן געוועלטיקט ניט גרויזאַם.

אויב אַ פרעמדער אָדער אַן אויסלענדער, וואָס וואוינט ביי דיר, וועט זיך פאַרשאַפן פאַרמעגן, און דיין ברודער, וואָס לעבן אים, וועט אָרים ווערן און וועט זיך פאַרקויפן דעם אָנגעקומענעם, וואָס האָט זיך באַזעצט ביי דיר, אָדער וועמען עס איז פון דעם אָנגעקומענעמס פאַמיליע, דאַרף ער, — נאָכדעם ווי ער האָט זיך שוין פאַרקויפט — צוריק אויסגעקויפט ווערן. ווער עס איז פון זיינע ברידער זאָל אים אויסקויפן, אָדער זיין פעטער אָדער זיין פעטערס זון זאָל אים אויסקויפן, אָדער עמיצער פון זיינע קרובים, פון זיין שטאַם זאָל אים אויסקויפן, אָדער, ווען ער וועט זיך אַליין פאַרשאַפן פאַרמעגן, זאָל ער זיך אַליין אויסקויפן.

און ער דאַרף באַרעכענען זיך מיט דעם, וואָס האָט אים געקויפט. די צאָל פון די יאָרן, וואָס זיינען אַריבער פון יענעם יאָר, ווען ער האָט זיך פאַרקויפט, ביזן יובל-יאָר, און דער פרייז, פאַר וועלכן ער האָט זיך פאַרקויפט, דאַרף באַרעכנט ווערן לויט דער צאָל פון די דינסט-יאָרן. ער איז דאָך ביי אים ווי אַ צייטווייליקער אַרבעטער, וואָס איז געדונגען אויף אַ באַשטימטער צאָל יאָרן. און אויב עס איז נאָך געבליבן אַ גרויסע צאָל יאָרן, אַזוי דאַרף

ער לויט זייער צאָל נאָך אָפּצאָלן פאַר זיך דאָס אויסקויף־געלט. ער דאַרף זיין ביי אים ווי אַן אַרבעטער אויף שכירות פון יאָר אויף יאָר; דו דאַרפסט ניט פאַרטראָגן, אַז ער זאָל גרויזאַם געוועלטיקן איבער אים. אָבער אויב ער וועט אויף דעם שטייגער ניט אויסקויפן זיך, זאָל ער אין יובל־יאָר אַרויס אויף דער פריי צוזאַמען מיט זיינע קינדער, ווייל די בני־ישראל געהערן מיר ווי קנעכט: מיינע קנעכט זיינען זיי, וואָס איך האָב אַרויסגעפירט פון לאַנד מצרים. איך בין יהוה, אייער גאָט.

די ברכה פאַרן ערפילן דאָס געזעץ.

אויב איר וועט לעבן לויט מיינע געזעצן און פאָלגן און ערפילן מיינע פאַרזאָגן, וועל איך אייך שיקן די רעגנס אין דער צייט, און די ערד וועט געבן איר תבואה, און די ביימער — זייערע פרות; גלייך נאָך דעם מאָלן פון די תבואה וועט אָנקומען דער שניט פון די וויינטרויבן, און נאָכן שניט פון די וויינטרויבן — די צייט פון זייען, און איר וועט האָבן ברויט בשפע און איר וועט לעבן רואיק אויף אייער ערד.

און איך וועל אַראָפּשיקן שלום אויף אייער ערד; ווען איר וועט זיך לייגן, וועט קיינער ניט שטערן אייער רו; איך וועל פאַרטרייבן די ווילדע חיות פון אייער לאַנד, און קיין שווערד וועט ניט אַריינדרינגען אין אייער לאַנד. און איר וועט מאַכן אַנטלויפן אייערע שונאים, און זיי וועלן פאַלן פאַר אייך פון שווערד. און איך וועל זיין לייטזעליק צו אייך און וועל אייך לאָזן פרוכפערן און מערן זיך און וועל פאַרפעסטיקן מיין בונד מיט אייך. און איר וועט עסן די פאַרלעגענע פאַראַיאָריקע תבואה און איר וועט מוזן אַרויסוואַרפן די אַלטע תבואה, כדי צו מאַכן אַן אָרט פאַר דער נייער. און איך וועל אַוועקשטעלן מיין וואוינונג צווישן אייך און איך וועל זיך ניט אָפּקערן פון אייך. און איך וועל זיין צווישן אייך און איך וועל זיין אייער גאָט און איר וועט זיין מיין פאָלק. איך, יהוה, אייער גאָט, וואָס האָט אייך אַרויסגעפירט פון לאַנד מצרים, כדי איר זאָלט ניט זיין דאָרטן מער קיין קנעכט, און האָב צעריסן די שטריק פון אייער יאָך און האָב אַרויסגעפירט אייך מיט אַן אויפגעהויבענעם קאָפּ.

די קללה פאַרן ניט ערפילן דאָס געזעץ.

נאָר אויב איר וועט מיך ניט הערן און וועט ניט ערפילן די אַלע מצוות און וועט אָפּוואַרפן מיינע באַשלוסן, און וועט אָנהויבן ניט רעכענען זיך מיט מיינע געזעצן און וועט ניט מקיים זיין פינקטלאַך מיינע פאַרזאָגן און וועט אַזוי צעשטערן דעם בונד מיט מיר, — וועל איך זיך מיט אייך באַגיין לויט אייערע מעשים און וועל אויף אייך אָנשיקן אַ שרעק: דאַרעניש און אָנצינדונג וואָס פאַרפינסטערן די אויגן און צעברעכן די נשמה, און איר וועט דאַן אומזיסט פאַרזייען אייערע קערנער, ווייל אייערע שונאים וועלן די פאַרזייטע פעלדער אייערע פאַרוויסטן, און איך וועל אייך יאָגן און איר וועט ווערן באַזיגט דורך אייערע שונאים און וועט אַנטלויפן פאַר זיי. און אייערע פיינד וועלן געוועלטיקן איבער אייך, און איר וועט לויפן אויך דאַן, ווען מען וועט אייך אַפילו ניט יאָגן.

און אויב איר וועט מיך אויך דאַן ניט הערן, וועל איך אין זיבן מאָל מער פאַרגרעסערן די שטראָף פאַר אייערע חטאים און וועל צעברעכן די עזותדיקע איינגעשפאַרטקייט אייערע און וועל מאַכן אַזוי, אַז די הימלען אייערע וועלן ווערן ווי אייזן און די ערד אייערע ווי קופער, און אומזיסט וועט איר דאַן פאַלן אונטער אייער אַרבעט. די ערד אייערע וועט אייך ניט געבן איר תבואה, און די ביימער—זייערע פרות.

און אויב איר וועט גיין קעגן מיר אויף צו להכעיס און וועט זיך מיר ניט אונטערגעבן, וועל איך אין זיבן מאָל פאַרמערן די קלעפ מיינע, ווי אייערע זינד וועלן דאָס פאַרדינען. איך וועל אויף אייך אָנשיקן ווילדע חיות, וואָס וועלן ביי אייך אַוועקנעמען אייערע קינדער, וועלן שטיקן אייערע בהמות און פאַרוויסטונג ביי אייך מאַכן, אַז די וועגן אייערע וועלן ווערן פוסט, אָן מענטשן. און אויב איר וועט נאָכדעם אויך ניט בעסער ווערן און וועט זיך אויפפירן מיר אויף צו להכעיס, וועל איך אַרויסגיין קעגן אייך און אָנשיקן אויף אייך קלעפ אין זיבן מאָל גרעסערע — פאַר אייערע זינד און וועל אָנווענדן קעגן אייך דעם שווערד פון נקמה, וואָס וועט זיך נוקם זיין פאַרן צעשטערטן בונד. און אויב איר וועט זיך דאַן פאַרקלייבן אין אייערע שטעט, וועל איך אויף אייך אָנשיקן אַ מגפה, און איר וועט איבערגעגעבן ווערן אין די הענט פון שונא. איך וועל אייך ניט איבערלאָזן אייער טעגלאַך ברויט, און צען פרויען וועלן באַקן פאַר אייך ברויט אין איין אויוון, און וועלן ברענגען ברויט אויפן וואָג, און איר וועט עסן, אָבער ניט זאַט ווערן.

אויב אָבער נאָך דעם אַלעמען וועט איר מיר נאָך אַלץ ניט הערן און טאָן מיר אויף צו להכעיס, וועל איך אין מיין גרימצאָרן אַרויסטרעטן אַנט־קעגן אייך און וועל אַייך שטראָפן זיבן מאָל מער, ווי אַייערע זינד. און איר וועט עסן דאָס פלייש פון די קינדער אַייערע און דעם לייב פון די טעכטער אייערע וועט איר עסן. איך וועל צעשטערן אייערע הויכענישן און אייערע זיילן *) און איך וועל פונאַנדערוואַרפן אייערע טויטע קערפּערס אויף די צע־בראָכענע שטיקלאַך פון אַייערע אָפּגעטער, און איר וועט ווערן מיר פאַר־מיאוסט. פון די שטעט אַייערע וועל איך מאַכן חורבות, און די הייליקע ער־טער אַייערע וועל איך פאַרוויסטן און וועל ניט אָנהייבן שמעקן מער דעם געשמאַקן ריח פון אַייערע קרבנות. איך אַליין וועל וויסט מאַכן דאָס לאַנד, אַז עס וועלן פאַרטרייסלט ווערן פון פחד די שונאים אַייערע, וואָס האָבן זיך אין אים באַזעצט. און אייך וועל איך צעזייען צווישן די פעלקער און וועל הינטער אַייך דעם שווערד אַנטבלויזן, און זיין וועט אייער לאַנד אַ מדבר, און די שטעט אייערע — חורבות. דאַן וועט זיך ערפילן פאַר דער ערד די צייט פון איר רו: די גאַנצע צייט, וואָס זי וועט זיין פאַרלאָזן, כל־זמן איר וועט בלייבן אין לאַנד פון די שונאים אַייערע, וועט אייער ערד האָבן מנוחה, און דערמיט וועט זי ממלא זיין די באַשטימטע שמטה־יאָרן. די גאַנצע צייט

*) ד. ה. זיילן, וואָס זיינען אוועקגעשטעלט געוואָרן לכבוד דער זון — (חמנים), פאַרגלייך זייט 50.

פון פאַרלאָזנקייט וועט זי האָבן מנוחה, יענע מנוחה, וועלכע איר האָט, וואו־נענדיק אויף איר, איר ניט געגעבן אין די אייגעשטעלטע שמטה־יאָרן. און יענע פון אייך, וואָס וועלן בלייבן אין לאַנד פון די שונאים, וועל איך אַריינגעבן אַ פּחד אין האַרצן, אַז אַ גערויש פון אַן אַראָפּגעפאַלענעם בלאַט וועט זיי מאַכן אַנטלויפן, און זיי וועלן לויפן ווי פאַר אַ שווערד און פאַלן, הגם קיינער וועט זיי ניט יאָגן. און זיי וועלן געשטרויכלט ווערן איינער אָן דעם צווייטן, ווי בשעת מען אַנטלויפט פון שווערד, הגם קיינער וועט זיי ניט יאָגן. און עס וועט ביי אייך ניט זיין קיין כוח אויף בייצוקומען אייערע שונאים. און איר וועט כאַרפאַלן ווערן צווישן די פרעמדע פעלקער, און די ערד פון די שונאים וועט אייך אויפפרעסן. און די פון אייך, וועלכע וועלן גאַנץ בלייבן וועלן פאַרשמאַכט ווערן פאַר זייערע זינד אין די לענדער פון אייערע שונאים, און אויך פאַר די זינד פון זייערע עלטערן וועלן זיי פאַרשמאַכט ווערן. און אויב זיי וועלן זיך דערנאָך מודה זיין אין זייערע זינד און אין די זינד פון זייערע עלטערן, און אויך אין זייער בגידה, וואָס זיי האָבן בוגד געווען אין מיר, און אין דעם, וואָס זיי האָבן מיר אויף צו להכעיס געטאָן, ביז איך האָב געמוזט אַרויסטרעטן אַנטקעגן זיי און אַוועקפירן זיי אין לאַנד פון די שונאים זייערע; אויב זייער האַרטע האַרץ וועט ביי זיי דאַן עניוותדיק ווערן, און זיי וועלן זיך האָבן אויסגעצאָלט פאַר זייערע זינד,—וועל איך זיך דאַן דערמאָנען אָן דעם בונד מיינעם מיט יעקבן, אָן דעם בונד מיינעם מיט יצחקן און אָן דעם בונד מיינעם מיט אברהמען וועל איך זיך דערמאָנען, און אָן דער ערד וועל איך זיך דערמאָנען. נאָר די ערד וועלן זיי נאָך אַלץ מוזן איבערלאָזן, און יענע צייט, ווען זי וועט זיין פאַרלאָזן און זיי—אין גלות, וועט איר אומגעקערט ווערן די צייט פון איר רו (וועלכע זי האָט ניט געהאַט) און זיי גופא וועלן באַקומען די שטראָף פאַר זייערע זינד דערפאַר, וואָס זיי האָבן פאַרמיאוסט מיין רעכט און זיך אָפּגעווענדט פון מיינע געזעצן. אָבער אויך דאַן, ווען זיי וועלן זיין אין לאַנד פון זייערע שונאים, וועל איך זיי ניט פאַרמיאוסן און זיך ניט אָפּווענדן פון זיי אויף אַזויפיל, אַז זיי זאָלן אונטערגיין, און דערמיט צעשטערן דעם בונד מיינעם מיט זיי, וואָרים איך בין יהוה, דער גאָט זייערער. און איך וועל זיך דערמאָנען פון זייערטוועגן אָן דעם בונד מיט די אבות זייערע, וואָס איך האָב זיי אַרויסגעפירט פון לאַנד מצרים פאַר די אויגן פון די פעלקער, כדי צו זיין זייער גאָט; איך בין יהוה.

דאָס זיינען די געזעצן, די רעכט און די לערן, וועלכע יהוה האָט געגעבן (פאַר אַן אָפּמאַך) צווישן אים און צווישן די בני־ישראל אויפן באַרג סיני דורך משה.

ויקרא קאַפּיטל ח׳, ט״ז, כ״ג, כ״ה, כ״ו.

הוספות.

װעגן די מקורים פון דער תנ״ך-געשיכטע.

1. די פּראָבלעם פון דער תנ״ך-װיסנשאַפט.

דער תנ״ך און זײַן אָרט אין דער װעלט-ליטעראַטור.

די װעלט-ליטעראַטור װײס ניט קײן אײנציק װערק, װאָס זאָל הן לױט זײַן גרױס, הן לױט זײַן װירקונג קאָנען זיך פאַרגלײַכן מיטן תנ״ך, דערהױפּט מיט זײַנע פינף ערשטע ספרים, װאָס מיר רופן תורה אָדער חומש. אַפילו די גרעסטע שאַפונגען פון דער װעלט-ליטעראַטור האָבן זיך פאַרשפּרײט נאָר אין די גרעניצן פון אַ געװיסער ראַסע, שפּראַך אָדער — קולטור-סביבה, און קײן אײנציקע פון זײ איז ניט געװאָרן קײן אײגנס פון דער גאַנצער מענטשהײט אין ברײטן זין פון װאָרט. נאָר דער תנ״ך האָט דערגרײכט צו אַזאַ מדרגה, נאָר דער תנ״ך האָט באַקומען אַזאַ גרױסע באַדײַטונג. און דאָס אױך ניט נאָר װי אַ הײליקער ספר, װאָס שפּילט אַ געװיסע ראָלע בײ דעם גאָטעס-דינסט און אין רעליגיעזן לעבן בכלל, נאָר װי אַן אַלגעמײן-אָנגענומען און אמת פאָלקס-בוך. דערמיט דערקלערט זיך שױן, פאַרװאָס דער תנ״ך דינט אױך װי אַן אײגנאַרטיקער, אומגעהײער רײַכער מקור פון שאַפן אױף אַלע געביטן פון ליטעראַטור, װיסנשאַפט און קונסט.

די װיסנשאַפטלאַכע פאָרשונג פון תנ״ך.

אַדאַנק דער רעליגיעזער באַדײַטונג און דער הײליקער אומבאַרירלאַכקײט פון תנ״ך האָט מען בערך זײער שפּעט אָנגעהױבן די תנ״ך ליטעראַטור װיסנשאַפטלאַך צו פאָרשן. ערשט אין יאָר 1753 האָט דער פראַנצױזישער דאָקטאָר פון יידישער אָפּשטאַמונג, זשאַן אַסטריוק, דער לײַב-מעדיקער פון קיניג לודװיג XV, פאַרעפנטלאַכט זײַן באַרימט-געװאָרענע מאָנאָגראַפיע („די השערה װעגן די זעלבשטענדיקע מקורים, מיט װעלכע משה האָט זיך, זעט אױס, באַנוצט בײַם צונױפשטעלן דעם ספר בראשית״) און האָט געמאַכט דערמיט אַ התחלה דעם אַנאַליז פון תנ״ך-טעקסט *). זינט דעמאָלט האָט די פראַגע װעגן דער געשיכטע פון תנ״ך ניט אױפגעהערט צו אינטערעסירן די אײראָ-

*) אַסטריוק איז געװען דער ערשטער, װאָס האָט אָנגעמערקט, װי עס בײַטן זיך אין די פאַרשײדענע ערטער אין תנ״ך די גאָטס-נעמען „יהוה״ און „אלהים״, און ער האָט דעמדאָזיקן נאָמען-אונטערשײד געמאַכט פאַר אַ יסוד פון זײַן טעקסט-אַנאַליז. איצט זײַנען שױן פאַרשטײט זיך, די רעזולטאַטן פו אַסטריוקס פאָרשונגען פאַרעלטערט, און די װיסנשאַפט איז אין משך פון די אַנדערהאַלב הונדערט יאָר אַװעק װײַט פאָראױס. אָבער ער האָט דאָך זײַן אײביקן פאַרדינסט אין דער װיסנשאַפט: ער האָט אונז דער ערשטער געגעבן די ריכטיקע שיטה צו אױספאָרשן דעם תנ״ך-טעקסט.

פּאָעטישע וויסנשאַפט, — עס האָט זיך אויפגעעפנט אַ פעלד פאַר אַ ברייטער היסטאָרישער פאָרשונג. און אין דער אמתן שטעלט דער תנ״ך געוויס פאָר די קאָמפּליצירטסטע שאַפונג פון מענטשלאַכן גייסט, און דעריבער אויך איינע פון די אינטערעסאַנטסטע היסטאָרישע און ליטעראַרישע פּראָבלעמעס, וואָס דערויף מוז זיך אָנשטויסן יעדערער, וועלכער נעמט זיך אויפמערקזאַם לייענען דעם תנ״ך און דערהויפּט דעם חומש אָן פאָראויס אָנגענומענע מיינונגען.

די גרונט-אידעע פון דער תנ״ך-ליטעראַטור.

אויפן ערשטן קוק שטעלט זיך אונז דער חומש פאָר ווי אַ פאַרענדיקט היסטאָריש ווערק מיט אַן אַלגעמיינעם גרונט-געדאַנק, וואָס נעמט אַרום און פאַראייניקט די עלטערע תקופה פון דער ישראלישער געשיכטע זינט דער וועלט-באַשאַפונג ביזן טויט פון משה, אָדער ריכטיקער ביז דער איינגעמונג פון לאַנד און זיין צעטיילונג דורך יהושע. די עיקר-כוונה פון די תנ״ך-ערציילונגען, וואָס זי לייגט איר שטעמפּל אויף דעם אופן פון ערציילן, איז ניט אויפצוהיטן אין זכרון פון די קומענדיקע דורות „די גרויסע וואונדערבאַרע מעשים״ פון אייגענעם פאָלק און פון די אַנדערע פעלקער, — ווי אַ שטייגער עס דערקלערט העראָדאָט, דער גריכישער היסטאָריקער, דעם ציל פון זיין געשיכטע. דער תנ״ך האָט אַ גאַנץ אַנדער כוונה. ער וויל קלאָר מאַכן ישראלן, וואָס פאַר אַן אָרט ער פאַרנעמט אין ים פון דער מענטשהייט און דעם תכלית פון זיין קיום, וואָס איז אים אָנגעוויזן דורך גאָט אַליין. דעריבער ווערן אין תנ״ך באַשריבן ניט „גרויסע וואונדערבאַרע מעשים״ פון די בני ישראל און פון די אַרומיקע פעלקער, נאָר די ג ר ו י ס ע מ ע ש י ם פ ו ן ג אָ ט, וואָס ער האָט אַרויסגעוויזן די פעלקער צוליב ישראל (זע דברים קאַפּ. י״א). דערפאַר ווערן די אַנדערע פעלקער דערמאָנט אין תנ״ך נאָר אויף אַזוי פיל, אויף וויפיל זיי האָבן אַ שייכות צו דעם אייגנציקן העלד פון דער תנ״ך-געשיכטע — צו ישראלן. ניט געקוקט אויף זיין נאַציאָנאַלן אינהאַלט, אָדער ריכטיקער: דוקא אַדאַנק אים, איז די תנ״ך-געשיכטע אינאיינעם מיט דער גרונט-אידעע, וואָס ליגט אין איר פאַרבאָרגן, געוואָרן די ערשטע וועלט-געשיכטע. ישראל איז אויסגעטיילט געוואָרן פון אַלע אַנדערע פעלקער אַדאַנק דעם גרויסן רעליגיעזן געדאַנק, וואָס אים האָט דאָסדאָזיקע פאָלק געדאַרפט דינען; דאָס איז: ווירקן אויף אַלע פעלקער פון דער ערד, זיי זאָלן אָנערקענען יהוה פאַר זייער איינציקן גאָט. אמת, דערדאָזיקער געדאַנק האָט אויסגעזען פאַרבונדן מיט דער פּאָליטישער הכנעה פון אַלע פעלקער צו ישראל. נאָר דאָס איז געווען ניט מער ווי אַ שריד ופליט פון דעם פאַרצייטיקן מאָנאָטעאיזם (איין-גאָטהייט), וואָס לויט אים איז יהוה געווען אויסשליסלאַך דער גאָט פון ישראל, אַזוי אַז דינען צו יהוה האָט מען געקאָנט נאָר, אויב מען גיסט זיך צונויף מיט ישראל אָדער מען גיט זיך אים אונטער.

אויף אַזאַ אופן גייט דורך דורך דער תנ״ך-דערציילונג איין וועלט-געשיכטלאַכע אידעע, און ביים העלן שיין פון דערדאָזיקער אידעע האָט די וועלט באַקומען איר ציל און תכלית און די געשיכטע האָט אויפגעהערט צו זיין נאָר אַ שורה פון צופעליקע געשעענישן און איז געוואָרן אַ קוואַל פון גלויבן און דערציאונג צום גלויבן.

אויב דער ציל פון די תנ"ך־שילדערונגען איז געווען אויף אזא אופן קלאָר צו מאַכן די בני־ישראל זייער אָרט און ראָלע אין דער וועלט, מוז דער צענטער פון חומש ליגן ניט אין די געשיכטלאַכע דערציילונגען, נאָר אין דער געזעצגעבונג. די געשיכטלאַכע חלקים טראָגן נאָר דעם כאַראַקטער פון אַ לייוונט, וואָס אויף אים שפּיגלט זיך אָפּ פּאַר אונזערע אויגן די געטלאַכע אַנטפּלעקונג אין אירע פאַרשיידענע תקופות איינע נאָך די אַנדערע. דערפאַר רופן מיר טאַקע אָן דעם חומש מיטן נאָמען תורה, ד. ה. לערע.

ווען מיר לייענען אויפמערקזאַם דעם חומש, באַמערקן מיר באַלד אין דער געזעצגעבונג אַ סך סתירות, איבערחזרונגען און ניט דערעדטע געדאַנקען *) וואָס צווינגען אונז צו טראַכטן, אַז דער אויסווייניק איינהייטלאַכער חומש טראָגט אין זיך פאַרבאָרגן אַ פילהייט, און צו זוכן די סיבות פון דערדאָזיקער ערשיינונג.

דער קוק פון די תלמודיסטן אויף דער תנ"ך־ליטעראַטור.

די יידישע געלערנטע פון דער תלמודישער צייט, וואָס האָבן דערקענט די סתירות, וואָס זיינען פאַראַן אין דער תנ"ך־געזעצגעבונג, האָבן אונז געלערנט „אין מוקדם ומאוחר בתורה" "אין דער תורה איז ניטאָ קיין פריערס און קיין שפּעטערס," (פסחים ו:), אַז תורה מגילה מגילה ניתנה" „די תורה איז געגעבן געוואָרן אין איינציקע מגילות" (גיטין ס:), אַז „לא ניתנו פרשיותי׳ה של תורה עפ"י הסדר" די פרשיות פון דער תורה זיינען ניט געגעבן געוואָרן אין דעם באַשטימטן סדר" (מדרש תהלים ג.), אַז הרבה פרשיות סמוכת זו לזו ורחוקות זו מזו כרחוק מזרח ממערב",—„פיל פרשיות שטייען איינע לעבן די אַנדערע נאָר זיי זיינען ווייט איינע פון די אַנדערע, ווי עס איז ווייט דער מזרח פון מערב". (ספרי, אָנהויב פרשה בלק). אָפּצושטעלן זיך אויף דער סיבה פון דער ערשיינונג האָבן אָבער די חכמים פון דער תלמודישער תקופה ניט געקאָנט; עס האָבן זיי אין דעם געשטערט די פּרינציפּן פון זייער רעליגיעזער שיטה.

די מיינונגען פון דער מאָדערנער תנ"ך־קריטיק.

ערשט בעת דער מענטשלאַכער שכל האָט זיך באַפרייט פון די קייטן, וואָס עס האָבן אויף אים אַרויפגעלייגט די ענגע רעליגיעזע טראַדיציעס, איז די פראַגע וועגן דעם פילזייטיקן און פאַרשיידנאַרטיקן אינהאַלט פון חומש אויפגעשטאַנען אין איר גאַנצער גרויס און ברייט און זי האָט אָנגעהויבן אַרומצונעמען ניט נאָר די טיילן פון דער געזעצגעבונג, נאָר אויך די געשיכטלאַכע שילדערונגען. אויך אין די לעצטע האָט מען אָנגעהויבן צו באַמערקן אַלערליי סתירות און פאַרשיידענע נוסחאות ביי דער באַשרייבונג פון די געשעענישן, טעותן אין די נעמען פון די העלדן און אין חשבון פון דער צייט, און אַ סך איבערחזרונגען און איבערהיפּונגען, וואָס שטערן דעם נאַטירלאַכן

---

*) פארגלייך א שטייגער די פארשיידענע חוקים פון „ספר הברית" און "ספר דברים" וועגן דעם אָרט פון גאָטעסדינסט (איינער ערלויבט און דער אנדערער פארבאָט צו דינען גאָט אומעטום) אָדער די לגמרי פארשיידענע חוקים וועגן די דריי יאָריקע יום־טובים; זע אויך די באמערקונג צו זייט 234.

גאַנג פון דער ערציילונג *). אויף דידאַקטיקע פּראָבלעמעס האָט מען געקאָנט געבן—פריער בדרך השערה, דערנאָך ווי אַ זיכערע וויסנשאַפטלאַכע טעאָריע—נאָר איין ענטפער: די פּילזייטיקייט און פאַרשיידנקייט פון די געזעצן, לעגענדעס און ערציילונגען נעמט זיך דערפון, וואָס דער חומש איז אין משך פון דורות צענויפגעשטעלט געוואָרן פון פאַרשיידנאַרטיקע עלעמענטן. דערדאָזיקער פּראָצעס פון צענויפשטעלונג און פאַרייניקונג איז אָבער געשען אַזוי, אַז דעם גאַנצן שווערן און קאָמפּליצירטן ליטעראַרישן בנין פון חומש קאָן מען פונאַנדערנעמען אָן איבעריק גרויסער מי אויף זיינע ערשטע יסודות און יענע פון זיי, וואָס ווייזן זיך אַרויס ענלאַך איינע צו די אַנדערע. פאַראייניקן אין איין גאַנצן קאָמפּלעקס. מיט דעמדאָזיקן פּראָצעס פון פונאַנדערקלייבן זיך אין די עלטערע תנ״ך-יסודות פאַרנעמט זיך די אַזוי אָנגערופענע „תנ״ך-קריטיק".

כדי בולט פאָרצושטעלן די אויפגאַבע און די מעטאָדע פון דעמדאָזיקן וויסנשאַפטלאַכן צווייג, לאָמיר, אַ שטייגער, אָננעמען אַז אין אַ וואַנט זיינען איינגעמויערט אַ סך גרויסע און קליינע שפּליטערס פון פאַרשיידנאַרטיקע זיילן. ווען מען הייבט אָן די וואַנט אַראָפּצוטראָגן, געפינט מען צווישן די שטיקלאַך וואַפנע, וואָס פאַלן אַראָפּ, פיל שטיקער פון דידאָזיקע זיילן, וואָס אייניקע פון זיי זיינען פון ווייסן מירמלשטיין, די אַנדערע פון שוואַרצן און אַזוי ווייטער. ווען מען זאָל צענויפקלייבן די אַלע שפּליטערס, וואָס זיינען ענלאַך איינע צו די אַנדערע און צענויפשטעלן זיי אין אַ באַשטימטן סדר, קאָנען מיר באַ-

---

*) מיר ברענגען נאָר אייניקע ביישפּילן: לויט דעם ערשטן קאַפּיטל פון בראשית איז דער מענטש באשאַפן, געוואָרן נאָך די חיות, לויט דעם צווייטן—פאַר זיי. לויט איין יחוס—טאַבעלע (קאַפּיטל ד') איז פון אָדמען ביז למכען 7 דורות, נאָך אַ צווייטער (קאַפּ. ה')—ניין, לויט דער ערשטער שטאַמט למך פון קינען, לויט דער צווייטער—פון שתען. לויט איין נוסח (ז'—12) האָט דער מבול געדויערט 40 טעג, לויט „אַ צווייטן ז'—11 ; ח'—14) כמעט אַ יאָר. צוויי מאָל טרייבט אברהם ארויס הגר'ן" (קאַפּ. ט"ז און כ"א), ישמעאל, וואָס זי טראָגט אים בשעת דער וואַנדערונג אויפן אַקסל (כ"א—14) איז דעמאָלט אַלט געווען (י"ז—24—כ"א—5) מער פון 15 יאָר. די ערציילונג וועגן דער פרוי, וואָס גיט זיך אויס פאַר אַ שוועסטער, חזרט זיך איבער 3 מאָל ; צוויי מאָל וועגן שרהן (קאַפּ. י"ב און כ') און איינמאָל וועגן רבקהן (קאַפּ. כ"ו) ; אין צוויי פון די ערציילונגען וועגן שרהן און וועגן רבקהן קומט פאָר די מעשה מיט אבימלכן, דעם קיניג פון גרר. וועגן דעם, ווי אַזוי עס איז אַנטשטאַנען דער נאָמען בית אל, זיינען פאַראַן צוויי פאַרשיידענע נוסחאות (כ"ח—19 ; ל"ה—15), אין דער ערציילונג פון ספר שופטים (א—22) אין סותר ביידע. משהס שווער ווערט, אָנגערופן אַ מאָל רעואל (שמות ב,—18), אַמאָל יתרו (שמות ג'—1) אַמאָל יתר (שמות ד' 18) און אַ מאָל חובב (במדבר י'—29) און לויט זיין באַציאָנאַליטעט איז ער אָט אַ מדינו (שמות ב'—16) אָט אַ כושי (במדבר י"ב—1) און אָט אַ קיני (שופטים א'—16). דער משכן איז געבויט געוואָרן לויט איין נוסח דורך בצלאלן (שמות קאַפּ.—ל"ז) לויט אַ צווייטן—דורך משהן (דברים קאַפּ.—י'). וועגן מן אין די פליייש, וואָס גאָט האָט געשיקט דעם פאָלק אין מדבר, ווערט דערציילט צוויי מאָל (שמות—ט"ז, במדבר—י"א) און ביידע מאָל ווערט דער מן אַנדערש באַשריבן.

קומען צוריק די אַלטע צעשטערטע זײלן, אויב ניט אינגאַנצן, איז ווײניקסטנס אין זײערע וויכטיקסטע חלקים, אַזוי אַז די פעלנדיקע טײלן, וואָס זײנען פאַר־לאָרן געגאַנגען בשעתן בנין, קאָן מען במילא דערקענען לויט די פאַראַנענע חלקים.

לויט דערדאָזיקער מעטאָדע פון פאָרשונג, האָט די תנ״ך־קריטיק אַנטדעקט אין דעם גרויסן בנין פון תנ״ך, אין זײן אַזוי גערופענער „לעצטער רעדאַקציע", דרײ *) זעלבשטענדיקע ווערק, וואָס זײנען צונויפגעשטעלט געוואָרן אין פאַרשײדענע צײטן און וואָס זײנען אַרײן אין אים צעשפּליטערטע באַלד אויף גרויסע, באַלד אויף קלײנע חלקים; נאָר דידאָזיקע שטיקער האָבן אַזוי ווײניק אומגעביטן זײער אַלטע פאָרם, אַז עס איז ניט איבעריק שווער לויט די צע־זײטע און צעוואָרפענע שטיקער צוריק אויפשטעלן די דרײ מקורים פון תנ״ך.

די השקפה וועגן די דרײ עלטערע מקורים פון תנ״ך.

דערדאָזיקער אויספיר פון דער תנ״ך־וויסנשאַפט איז ניט קײן בלויזע השערה, וואָס יעדערער קאָן לויט זײן ווילן און געשמאַק אָננעמען אָדער ניט, מסכים זײן מיט איר אינגאַנצן אָדער נאָר צום טײל—דאָס איז אַ זיכערער היסטאָ־רישער פאַקט, וואָס די וויסנשאַפט איז צו אים דערגאַנגען נאָך אַ לאַנגער, כסדרדיקער אַרבעט פון אָנדערטהאַלבן הונדערט יאָר און וואָס איז איצט אָנ־גענומען געוואָרן דורך אַלע געלערנטע, וואָס אַרבעטן אויפן געביט פון דער תנ״ך־וויסנשאַפט.

הגם די דרײ ערשטע מקורים, וואָס פון זײ איז צונויפגעשטעלט דער תנ״ך, זײנען זײער פאַרשײדן פון אַנאַנד, האָבן זײ דאָך געקאָנט לײכט פאַר־אײניקט און פאַרפלאָכטן ווערן פשוט מעכאַניש דורך די שפּעטערדיקע פאַרפאַסער און רעדאַקטאָרן, אַדאַנק דעם וואָס זײ האָבן אַלע אײן שטריך, וועלכער איז כאַראַקטעריסטיש פאַרן חומש אויך אין זײן הײנטיקער געשטאַלט: אין זײ אַלעמען האָבן די היסטאָרישע ערצײלונגען — ווי עס איז שוין אָנגעוויזן גע־וואָרן—צו דינען נאָר ווי אַ מין ראַם, ווי אַ פוץ פאַר דער לערע פון געזעץ, וועלכע איז דער עיקר־ציל,—אויב ניט דער אײנציקער—פון דידאָזיקע ספרים. דערפאַר פאַרנעמט דאָס געזעץ דעם צענטראַלן אָרט אין יעדן פון די ספרים.

די בני־ישראל האָבן זיך פאָרגעשטעלט דאָס געזעץ ווי אַ פּעסטן, ניט־צעשטערלאַכן אָפּמאַך און בונד (ברית) צווישן גאָט און דעם פאָלק, און די אַלע ערצײלונגען פון חומש האָבן די עיקר־כוונה נאָר צו דערצײלן די געשיכ־טע, ווי אַזוי דערדאָזיקער בונד איז געשלאָסן געוואָרן, און אויך וועגן די עלטסטע תקופות פון דעם בונד, ד. ה. וועגן די אָפּמאַכן, וואָס זײנען גע־

---

*) די דרײ ווערק רופט די וויסנשאַפט אָן מיט די נעמען: יהוהיסט, ספר דברים און תורת כהנים. אויספירלאַך וועגן דעם זע אין דעם ווײטערדיקן קאַפּיטל. דאָ ווילן מיר נאָר קורץ אָנווײזן אויף דעם, אַז דאָס ערשטע ווערק באַשטײט אין דער אמתן פון צווײ צונויפגע־גאָסענע חלקים, יהוהיסט און אלהיסט, נאָר אַזוי ווי זײ זײנען נאָענט אײנע צו די אַנדערע הן לויט זײער גײסט, הן לויט דער צײט פון זײער פאַרפאַסונג, קען מען זײ אין קולטור־היסטאָ־רישן זין באַטראַכטן ווי אײן ווערק.

שלאָסן געוואָרן צווישן גאָט און די גרויסע מענער פון די פּאַרצייטיקע דורות.

צוגעפּאַסט צו די דריי אויבנדערמאָנטע פאַרשיידענע מקורים, איז דער חומש כּולל אין זיך דריי פאַרשיידענע געזעצביכער: דעם „ספר הברית“, דעם „ספר התורה“ (דברים) און די „תורת כּהנים“. דורך זייער פאַראייניקונג און פאַרפלעכטונג האָבן מיר באַקומען די גרויסע צאָל ריטואַל-געזעצן, וואָס מיר רופן זיי אָן מיט איין נאָמען—„תורת משה“.

פונאַנדערלייגנדיק אויך די געזעצגעבונג פון חומש אויף אירע פאַרשיידענע חלקים און פאַראייניקנדיק דערנאָך יעדן זעלבשטענדיקן חלק צוזאַמען מיט די היסטאָרישע ערציילונגען, וואָס געהערן צו אים, וועלן מיר באַקומען דריי הויפּט-שיכטן פון דער תנ"ך-ליטעראַטור, וואָס קאָנען אונז דינען פאַר אַן אומגעהייער רייכן מקור צו שטודירן די מנהגים און די קולטור פון פאָלק ישראל אין דריי פאַרשיידענע תקופות פון זיין געשיכטע: דער פאַר-נביאישער, דער נאָך-נביאישער און דער תקופה פון בית-שני.

אויף אַזאַ אופן איז די פעסטשטעלונג פון תנ"ך-נוסח די ערשטע און נייטיקע באַדינגונג פאַר יעדערן, וואָס זוכט אין תנ"ך דעם וועג צו באַנעמען ריכטיק דעם יידישן עבר. נאָר דורך דעם קאָן מען אויסמיידן דעם טעות — צו שילדערן אַ היסטאָרישע תקופה מיט אַזעלכע שטריכן, וואָס זיינען אין דער אמתן גענומען פון אַ ליטעראַרישן ווערק, וואָס איז געשריבן מיט כּמה דורות פריער אָדער שפּעטער.

Merx. Die Bücher Moses und Iosua, 1907.

2. דער תנך ווי אַ היסטאָרישער מקור.

די אַנטשטייאונג פון דער תנ"ך-ליטעראַטור.

די היסטאָרישע ביכער, וואָס גייען אַריין אין תנ"ך-קאַנאָן, זיינען דער הויפּט-מקור פון דער אַלטער יידישער געשיכטע. אָבער די דאָזיקע היסטאָרישע ביכער זיינען לגמרי נים קיין געוויינלאַכע ווערק, וואָס זיינען פאַרפאַסט געוואָרן אין איין צייט דורך איין פּערזאָן און מיט איין באַשטימטער גייסטיקער ריכטונג. זיי זיינען דער פּועל-יוצא פון אַ פילפאַכיקער פלאַנמעסיקער איבעראַרבעטונג פון נאָך עלטערע מקורים און פאַראייניקן אין זיך אַ סך פאַרשיידנאַרטיקע פאַרצייטיקע דענקמעלער אין איין גאַנצעס. דערפאַר האָבן פאַרן היסטאָריקער נים אַלע תנך-מעשיות דעם גלייכן ווערט. די עלטסטע איינצייכענונגען, אויף וויפל זיי קענען אויסגעטיילט ווערן אין זייער ריינער געשטאַלט פון דעם פאַראַנענעם קאָמפּליצירטן מאַטעריאַל, גיבן אונז אַבסאָלוט זיכערע, טיילמאָל אפילו דאָקומענטאַלע פאַקטן וועגן די היסטאָרישע געשעענישן פון יענער צייט. די שפּעטערדיקע הוספות, וואָס זיינען אַריינגעטראָגן געוואָרן אין די ערציילונגען, בייטן גאַנץ שטאַרק אום די באַשרייבונג פון דעם ריכטיקן היסטאָרישן לעבנס-גאַנג און פאַרדאַרבן אַמאָל דעם אינהאַלט פון דער

ערציילונג, איר גאַנצקייט און אויפגעהאַלטנקייט. מחמת דעם קאָן דער היסטאָריקער ניט באַנוצן איין אָנגעגעבענעם פאַקט פון דידאַקטיקע היסטאָרישע ביכער, ביז זיי גייען אַלע ניט דורך דורכן פאָרזיכטיקן קריטישן אַנאַליז.

דאָס איז געווען געזאָגט קודם-כּל וועגן די חומשים. לויט זייער אינהאַלט זיינען זיי צופיל פאַרבנרייך, און דערצו ציט זיך די צייט פון זייער אַנטשטייאונג מער ווי אַ האַלבן יאָרטויזנט. פון דער אַנדער זייט איז אָבער פאַראַן אין די ספרים איין צענטראַלער געדאַנק, וועלכער באַהערשט זיי און פאַראייניקט זיי: דער געדאַנק איז: צו באַווייזן, ווי אַזוי גאָט האָט פון אַלע שבטים און אומות פון דער ערד זיך אויסדערוויילט איין איינציק פאָלק און געמאַכט עס פאַר זיין אייגן פאָלק, דאָס פאָלק פון גאָט, און אַרויפגעלייגט אויף אים אַ באַזונדער הייליקע שליחות. די אויסדערוויילונג פון ישראל איז פאָרגעקומען אויף דעם אופן, אַז דער קרייז פון גאָטס נבחרים ווערט אַלץ ענגער, ביז דער געטלאַכער רצון שטעלט זיך לסוף אָפּ אויף איין ישראלן. דער ספר בראשית האָט די כּוונה צו באַווייזן אונז, ווי אַזוי עס איז פאָרגעקומען די אויסשיידונג פון די משפּחות און שבטים, ביז גאָט האָט אויסדערוויילט פון זיי אַלעמען ישראלן. ווי אַ מיטל צוצוגרייטן און צו דערציען דאָס אויסדערוויילטע פאָלק ישראל צו זיין שליחות דינען דאַן די געזעצן, וואָס נעמען אַרום די איבעריקע פיר חומשים; און דער ספר יהושע דערציילט, לסוף, ווי אַזוי ישראל האָט באַקומען זיין לאַנד ווי אַ געטלאַכע ירושה, כּדי ער זאָל קאָנען, וואוינענדיק דאָרט, ערפילן דער הייליקן דינסט פון זיין גאָט. דער ספר יהושע שטעלט דעריבער פאָר איין גאַנצעס מיט די 5 חומשים, און די ליטעראַרישע באַזונדערקייטן פון דער תּורת משה באַמערקן מיר גאַנץ בולט אויך אין ספר יהושע. אין דער מאָדערנער תּנ"ך-וויסנשאַפט האָבן מיר דערפאַר צו טאָן מיט אַ זעקס-טייליקן ליטעראַרישן ווערק (Hexateuch), וואָס אין אים גייען אַריין די פינף ספרים פון דער תּורה און דער ספר יהושע.

די תּורת משה. אַ בערך שפּעט אויפגעקומענע טראַדיציע האַלט משהן פאַר דעם מחבר פון די פינף חומשים און האָט אָנגערופן די אַלע פינף ספרים — „תּורת משה". אַזאַ באַצייכענונג פּאַסט לגמרי ניט פאַר די ספרים, ווייל נאָר אַ גאַנץ קליינער טייל זייערער, באַזונדערס די געזעצן און לעבנס-כּללים, זיינען פאַרפאַסט געוואָרן דורך משהן; דער ערשטער ספר „בראשית" איז ניט כּולל אין זיך קיין איינציק וואָרט און קיין שום רמז, וואָס זאָל אָנווייזן אויף זיין ליטעראַרישער שייכות צו משהן. זיין נאָמען ווערט דאָ בכלל ניט דערמאָנט. אַזוי ווי די באַצייכענונג „תּורת משה" איז אין משך פון פיל דורות אונז אַריין אין מאַרך און בלוט, בלייבט דערדאָזיקער נאָמען באַשטיין; מען קאָן אָבער זיכער זאָגן, אַז די היינטיקע מיינונג פון אַלע געבילדעטע לייט איז, אַז די פינף חומשים אין זייער היינטיקער געשטאַלט שטאַמען צום גרעסטן טייל ניט פון משהן. עס האָט שוין אָבער געדאַרפט אַריינדרינגען אין די ברייטע קרייזן אויך די דערקענטעניש, אַז די 5 ספרים זיינען ניט קיין ווערק פון איין מקור, נאָר צונויפגעשטעלט פון פאַרשיידענע חלקים, וואָס זיינען פאַרפאַסט געוואָרן

אין פאַרשיידענע צייטן און וואָס האָבן אָפּט געטראָגן אויך אַ פאַרשיידענעם כאַראַקטער.

עס איז אָפטמאָל גאַנץ שווער צו באַווייזן און צו דערקלערן, פאַרוואָס די פינף חומשים אַלס גאַנצע קאָנען ניט שטאַמען פון משהן. עטלאַכע פון זיי וועלן מיר אָבער דאָ פרובן געבן. דער שרייבער פון דברים קאַפּיטל א׳ פסוק 1, 3, 8 רופט אָן דאָס לאַנד אויף יענעם זייט ירדן די מזרח-זייט פון ירדן (עבר הירדן מזרחה), בעת משה, וואָס איז נאָך, לויט דער איינשטימיקער טראַדי-ציאָנעלער מיינונג, דעם ירדן ניט אַריבערגעגאַנגען, האָט דאָס לאַנד געדאַרפט אָנרופן די מערב-זייט פון ירדן. אין ספר בראשית (י״ב 6; י״ג 7) חזרט זיך עטלאַכע מאָל איבער: „עס זיינען אָבער דעמאָלט געווען די כנענים (און אַנדערע פעלקער) אין לאַנד, און מען זעט, אַז דער שרייבער רעדט דאָ וועגן משהס צייט און וועגן די פריערדיקע תקופות, ווי וועגן אַלטע לאַנג-פאַרגאַנגענע צייטן. אויף אַזאַ אופן קאָן דאָ דער שרייבער ניט לויט דער צייט און ניט לויטן אָרט פאַר קיין פאַל ניט זיין משה.

און ווען מען זאָל אַפילו ניט וועלן רעכענען זיך מיט אַזוינע פּרטים, איז ווי קאָן אָבער משה זיין דער פאַרפאַסער פון „ספר הברית“ (שמות קאַפּ. כ״א—כ״ג), וועלכער האָט אין זינען אַ פאָלק, וואָס זיצט פון לאַנג אָן אויף זיין ערד, איז פעסט צוגעבונדן צו איר, פאַרנעמט זיך מיט ערד-אַרבעט און וויין-גערטנערייי, — בעת אין משהס צייט זיינען די בני ישראל געווען ניט מער ווי פאַראייניקטע וואַנדער-שבטים, וואָס פאַרנעמען זיך נאָר מיט בהמות-פיטערן; אָדער ווי פאַסן פאַר די דעמאָלדיקע לעבנס-תנאים פון די שבטים אַזעלכע געזעצן פון גאָטעסדינסט, וואָס האָבן אַ זין ערשט ביי אַן אַנטוויקלטער קולטור און ביי אַ געוויסן לוקסוס פון לעבן?

די פינף חומשים זיינען בכלל ניט קיין ווערק, וואָס קאָן שטאַמען פון אַן איינצלנעם מענטשן. דאָס איז אַן אַרבעט פון דורות, אַ ספר, וואָס אין אים שפּיגלען זיך אָפּ פאָלקס-דערציילונגען און טראַדיציעס פון פאַרשיידענע צייטן און וואָס איז צונויפגענומען און צוזאַמענגעשטעלט פון פאַרשיידענע שריפטלאַכע מקורים. — דאָס באַווייזן די איבערחזרונגען און די סתירות, וואָס זיינען פאַראַנען אין אים איבער געניג; ביישפּילן דערפון האָבן מיר אויבן אָנגעפירט *).

די מיינונג, אַז די פינף—אָדער ווי מיר קענען שוין איצט זאָגן די זעקס-ספרים, זיינען צוזאַמענגעשטעלט פון פאַרשיידענע מקורים, האָט—ווי מיר האָבן שוין דערמאָנט, אַרויסגעזאָגט זשאַן אַסטריוק, און ניט אומזיסט האַלט מען אים פאַר דעם פאָטער פון דער תורה-פאָרשונג. נעמענדיק פאַר אַ יסוד די צוויי פאַרשיידענע גאָטס-נעמען „אלהים“ און „יהוה“, איז ער געקומען צו דער מיי-נונג, אַז עס זיינען אַמאָל געווען צוויי שריפטן, און אַז דער מחבר פון איין שריפט האָט באַנוצט דעם גאָטס-נאָמען „אלהים“, און דער מחבר פון דער אַנדער שריפט—דעם גאָטס-נאָמען „יהוה“. די דאָזיקע דערקענונג איז נאָך אויך היינט איינער פון די וויכטיקסטע יסודות פון דער תנ״ך-וויסנשאַפט, הגם מיר

*) זע זייט 233 באַמערקונג.

זיינען ניט זיכער, אַז דער גאָטס-נאָמען איז אין פֿיל ערטער ניט אומגעביטן געוואָרן אין משך פֿון דער צייט. מען איז זיך איצט נוהג אין דער וויסנשאַפֿט צו באַצייכענען יענע ערטער, וואו עס קומט פֿאָר דער גאָטס-נאָמען „יהוה״, מיטן נאָמען יהוהיסט, און וואו עס קומט פֿאָר דער גאָטס-נאָמען „אלהים״—מיטן נאָמען אלהיסט. אָבער פֿונאַנדערטיילן ביידע מקורים פֿון אַנאַנד אינגאַנצן זיינען מיר ניט בכּוח, ווייל צו גרויס איז זייער קרובֿהשאַפֿט און צו ענג זיינען זיי איינע מיט אַנאַנד פֿאַרבונדן און אויפֿגעגאָסן.

אַחוץ דעם, אונטערשיידט מען נאָך היינט צוויי אלהיסטישע שריפֿטן, אַן עלטערע און אַ ייִנגערע; די ייִנגערע, וואָס געהערט צו דער לעצטער אַנטוויקלונגס=צייט פֿון דער תּורה, באַצייכנט מען מיטן נאָמען „תּורת כּהנים״. צו די דריי קומט נאָך צו אַ פֿערטער מקור, וועלכער פֿאַרנעמט אַ וויכטיקן אָרט אין דער מאָדערנער תּורה=פֿאָרשונג, דאָס איז דער ספֿר דברים.

אַ פֿולע פֿאָרשער האַלטן פֿאַר דער עלטסטער פֿון די פֿיר מקורים די שריפֿט פֿון יהוהיסט און זיי זיינען, זעט אויס, גערעכט. ניט ריכטיק איז נאָר, בשעת מען רעכנט, אַז די שריפֿט איז צונויפֿגעשטעלט געוואָרן דורך אַ שולע, דורך אַ גרעסערן קרייז פֿון פּערזאָנען. דער פֿאַרפֿאַסער פֿון איר מוז זיין אַן איינצלנע גרויסע פּערזענלאַכקייט מיט אַ גאַנץ באַשטימטן פֿעסטן כאַראַקטער. פֿאַרשטייט זיך, אַז מעשׂיות, פֿאָלקס=לידער און לעגענדעס, וואָס האָבן זיך אויפֿגעהיט אין משך פֿון פֿיל דורות און וואָס זיינען אפֿשר טיילווייז אויך פֿאַרשריבן געוואָרן, האָבן אים געדינט פֿאַר מאַטעריאַל צו זיין ווערק,—אָבער דאָס אַלץ איז ניט דורך אַ וואונדערלאַכן אופֿן צוזאַמענגעשטעלט געוואָרן אין איין האַרמאָנישעס גאַנצעס. עס איז שטאַרק ניכּר, ווי איבער דעם מאַטעריאַל האָט געאַרבעט ניט ליבע אַ גרויסער אָרדנדיקער און באַלייכטנדיקער גייסט, אַ מאַן מיט באַשטימטע מאָראַליש=רעליגיעזע אידעען, וועלכער האָט ביים צונויפֿשטעלן דאָס ווערק געהאַט אַ באַשטימטע כּוונה, באַשטימטע צילן. מיר זעען, אַשטייגער, קלאָר, ווי ער מאָלט אונז אין די מעשׂיות פֿון דער וועלט=באַשאַפֿונג דעם פֿאַמעלאַכדיקן וואַקסן פֿון דער מענטשלאַכער זינדיקייט—אָדם און חוה, קין, למך, די מענטשן פֿון זייער דור, (פֿאַרגלייך בראשית ב 10, און ווו.; ד 10׳ 23 און ווו. ו׳ 5) — און די געטלאַכע שטראָף, וואָס איז באַלד אָנגעקומען— דעם מבול. דער קוק זיינער אויף גאָט קאָן באַצייכנט ווערן ווי אַ נאַאיווער, טעאָרעטיש נאָך ניט דורכגעטראַכטער מאָנאָטעאיזם. יהוה האָט הימל און ערד באַשאַפֿן; ער האָט דעם מענטשן דאָס וואָרט געגעבן, ער מאַכט אים שטום אָדער טויב, זעענדיק אָדער בלינד (שמות ד׳ 11). ער באַגלייט די זייניקע, „באַשיצנדיק זיי אומעטום, קיין מצרים און ארם נהרים (בראשית י״ב כ״ד, ל״ז). ער באַשטראָפֿט פֿאַר די זינד, האָט אָבער רחמנות אויף דעם פֿרומען, ווי עס באַווייזט אונז דער משל מיט נחן. עס איז אָבער אַ גאָט, וואָס אים זיינען נאָך ניט פֿרעמד מענטשלאַכע שוואַכקייטן און פֿעלערן: אָט שפּאַצירט, אַ שטייגער, יהוה אין קילן אָוונט אין גן=עדן אָדער ער עסט ביי אברהמען (בראשית ג׳ 8; י״ח 18); ער שטעלט זיך איין פֿאַר אברהמען, אַפֿילו בשעת יענער זאָגט אַ ליגן, און הייסט די בני=ישׂראל באַגנבֿענען די מצרים (בראשית י״ב 10 און

ו.; שמות ג׳ 21 און ו.). דער יהוהיסט דאַרף זיין אויף אַזאַ אופן אַ גאונישע רעליגיעזע פּערזענלאַכקייט, ענלאַך צו די גרויסע נביאים־שריפטשטעלער, אָבער אַזוי ווי יענע, איז ער אויך אַ קינד פון זיין צייט, און אין זיין גייסט שפּיגלט זיך אָפּ די קינדהייט פון מענטשלאַכן דענקען, די אומפּולקומענהייט פון די מענטשלאַכע השקפות איבער גאָט און נאַטור. דער יהוהיסט איז אָבער עלטער פאַר די פּריסטע נביאים שרייבער: מען האַלט, אַז ער האָט געלעבט אין ניינטן יאָרהונדערט פאַר דער קריסטלאַכער צייט, בערך 850, און זיין היים זוכט מען אין יהודה. די יהוהיסטישע קוועלן־שריפט איז אָבער ניט קיין אייג־הייטלאַכע; מען האָט שפּעטער צוגעגעבן צו איר הוספות און איז באַארבעט. מען רעכנט, אַז דערדאָזיקער ליטעראַרישער פּראָצעס האָט זיך אָפּגעשפּילט בערך פון 850 ביז 750.

דער אלהיסט איז בכלל ייגער פאַרן יהוהיסט, און הגם צו אונז איז דערגאַנגען נאָר אַ קלענער טייל זיינער, — בשעת דער צונויפשטעלונג פון די ספרים האָט מען אים באַנוצט נאָר ווי אַ הוספה צום יהוהיסט — פונדעסטוועגן קאָן מען אַרויסזען אין זיינע געבאָטן און געדאַנקען־גאַנג אַ טיפערע רעליגיעזע און זיטלאַכע פאַרפיינערונג.

ער ווייס פון אַ פּאַמעלאַכדיקער אַנטוויקלונג, אין דער פאָרשטעלונג וועגן גאָט, וואָס ציט זיך פון דור צו דור, די אבות האָבן נאָך גע־גלויבט אין פיל געטער; דערנאָך איז אָנגעקומען די צייט, ווען מען האָט באַצייכנט גאָט מיטן נאָמען — „אלהים"; אין דער צייט פון משה האָט זיך אָבער גאָט אַנטפּלעקט אַלס יהוה, דעם נאָמען „יהוה" זוכט ער צו דערקלערן אויף זיין שטייגער (פאַרגלייך יהושע כ״ד 2, 14; בראשית ט״ז 6; שמות ג׳ 14 און ו.). ווי אַזוי ער שטעלט זיך פאַר דאָס געטלאַכע פאַראויסזען פון דער צוקונפט, זעען מיר פון דער מעשה מיט יוסףן. דאָס שלעכטע פאַרהאַלטן זיך פון די ברידער צו יוסףן האָט גאָט אומגעביטן צום גוטן (בראשית מ״ד 5 ג׳—20). אַז די השגות וועגן גאָט פון דעם אלהיסטישן מקור זיינען העכערע לאָזט זיך באַמערקן אין דעם, וואָס דער פּרצוף פון גאָט איז דאָ מער גייסטיק און דערהויבן. גאָט באַווייזט זיך ניט מער דעם מענטשן אין אַ לייבלאַכער גע־שטאַלט, נאָר ער אַנטפּלעקט זיין רצון אין די חלומות (בראשית כ״ח 12) אָדער ער שיקט צום מענטשן זיין מלאך צו דערקלערן זיין הייליקן ווילן (בראשית כ״א 17).

בעת דער יהוהיסט דאַרף, אַדאַנק דער קלאַסישער שיינקייט פון זיין שילדערונג, באַטראַכט ווערן ווי אַ דיכטער, איז דער אלהיסט אַ טעאָלאָג מיט אַ שטאַרקער נטיה צו דאָגמאַטיק. מען איז משער, אַז דער אלהיסטישער מקור, וואָס איז שפּעטער אויך אומגעאַרבעט געוואָרן, איז פאַרפאַסט געוואָרן, אין דער צייט צווישן 750 און 650, און זיין היים איז די צפונדיקע מלוכה.

מען רעכנט, אַז די ביידע מקורים זיינען בערך אין יאָר 630 פאַראייניקט און איבערגעאַרבעט געוואָרן. גלייך נאָך דעם איז אַנטשטאַנען דער דריטע טייל פון חומש, דער ספר דברים, אין זיין אַלטער געשטאַלט, דאָס הייסט, אָנגעהויבן מיטן קאַפּיטל י״ב און געענדיקט מיטן קאַפּיטל כ״ו וועגן זיין אַנטשטיין

און וועגן זיין פאַרעפנטלעכונג געפינען מיר אין תנ"ך אַ קלאָרע, הגם אומגעאַרבעטע באַשרייבונג: לויט דער דאָזיקער באַשרייבונג איז אויפן 18-טן מלוכה-יאָר פון קיניג יאשיהו, 623 פאַר דער קריסטלעכער צייט-רעכענונג, געפונען געוואָרן אין בית המקדש פון ירושלים דער „ספר התורה" — דאָס איז, לויט אַלעמענס מיינונג, אונזער ספר דברים,— וואָס דער קיניג האָט אים גלייך דערקלערט פאַר אַ געזעץ, נאָכדעם ווי ער האָט זיך פריער געהאַלטן אַן עצה מיט די נביאים און געפרעגט די מיינונג פון יהוה.

דער „ספר התורה" איז געקומען אויף דער וועלט אין דער בליאונגס-צייט פון די נביאישע רעדעס, און דעריבער איז ער אַזוי רייך אין אויסדרוק און אַזוי לעבעדיק און בילדלאַך אין זיינע שפּראַכלעכע פאָרמען. די סאָציאַלע נויט האָט דאַן אַרויפגעלייגט אירע שווערע הענט אויפן פאָלק, דערפאַר שטעלט ער זיך איין פאַר די אָרימע און אונטערדריקטע, פאַר די אַלמנות און יתומים. אין יענער צייט איז מען געקומען צום באַוואוסטזיין, אַז דורך זיין רעליגיעזן דענקען און דורך זיין זיטלעכער פירונג שטייט ישראל העכער פאַר די אַרומיקע פעלקער, דעריבער זעען מיר אין דעם ספר אַ באַציאונג צום אויסלענדער, ווי צו אַ נידעריקערן מין מענטש; ביי אים מעגסטו געמען פּראָצענט (דברים ט"ו—3). דאָס פאָלק גלויבט, אַז פאַרן אָפּהיטן דאָס געזעץ וועט עס געניסן גליק און רייכטום, און דעריבער פאַרזאָגט דער ספר צו פירן זיך זיטלאַך, „כדי דיר זאָל זיין גוט, און דו זאָלסט לאַנג לעבן אויף דער ערד" (דברים ה' 16).

אין דער צייט פון גלות בבל איז דער ספר דברים פאַראייניקט געוואָרן מיט די פריער פאַראייניקטע ביידע מקורים. דעמאָלט איז אַנטשטאַנען אויך דער פערטער חלק פון חומש — די „תורת כהנים", — וואָס איז אויך געווען אַ כהנים-געזעצבוך, נאָר מיט אַ מער שאַרפן און בולטן כאַראַקטער—אַזוי, אַז מען קאָן אים לייכט דערקענען צווישן די איבעריקע טיילן פון חומש. די „תורת-כהנים" האָט די כוונה צו באַשרייבן, ווי אַזוי עס איז אַנטשטאַנען די מלוכה פון גאָט אין אירע פאַרשיידענע אַנשטאַלטן. ווי אַ שאַפונג פון דער כהנים-סביבה, האָט זי די נטיה אויסצושיידן גאָט פון דער וואָכעדיקער וועלט: דאָס געטלעכע טאָן און שאַפן באַצייכנט זי מיט אַ באַזונדער וואָרט, כדי עס שטרענג אָפּצושיידן פון דעם פשוטן טאָן און שאַפן פון מענטשן. דער רעליגיעז-נאַציאָנאַלער זעלבסט-באַוואוסטזיין, וואָס מיר באַמערקן אים שוין אין ספר דברים, דערגרייכט דאָ ביז זייער אַ הויכער מדרגה. די „תורת-כהנים" האָט געהאַט דעם צוועק זיטלאַך און רעליגיעז צו באַפעסטיקן די געמיינדע, וואָס איז געטריי און איבערגעבן צו יהוה, כדי צוצוגרייטן זי פאַר אַ גרויסער און ליכטיקער צוקונפט. די „תורת כהנים" גלויבט, אַז דערצו קאָן מען קומען דורך אַ שטענדיקער גייסטלעכער ערציאונג פון די מאַסן און דורכדעם, וואָס מען וועט זיי צוגעוויינען צו פעסטע פאָרמען פון גאָטעסדינסט. עס איז כדאי צו באַמערקן, אַז דער נביאישער גייסט שפּיגלט זיך אָפּ אויך אין „תורת כהנים", דהיינו אין דער מעכטיקער קראַפט פון גלויבן, וואָס דורך אים גרייט זי צו פאַרן פאָלק אַ גרויסע צוקונפט, אין דער זעלבער צייט, בעת עס ליגט פאַקטיש אינגאַנצן אַ דערשלאָגנס, און זיין פּאָליטישער קיום שטייט אין אַ גרויסער סכנה. דאָס פאָלק האָט

מען געדאַרפט דאַן וועקן און דערהויבן און פאַרהיטן עס צוליב הויכע צוקונפ־טיקע צילן.

דער חומש ווי אַ גאַנצער איז איינער פון די ספרים, וואָס זיינען זעלטן אין דער וועלט־ליטעראַטור. ער איז דער שפיגל פון גייסטיקן לעבן פון פאָלק זינט זיין פריסטער יוגנט און ביז צו די טעג פון זיין רייפקייט. און פון דעם שטאַנדפונקט מוז מען מודה זיין, אַז ער איז אַ ווערק פון אַ טיפן און גרויסן אינהאַלט.

דער ספר שופטים.

אין די יאָרן פון גלות־בבל האָבן זיך די לערער פון פאָלק אָפּגעגעבן ניט נאָר מיט דער אויספאָרשונג און באַאַרבעטונג פון די קולט־געזעצן, זיי האָבן אויך די היסטאָרישע ערציילונגען פון פאָלק באַלויכטן און באַאַרבעט. אַן עדות דערצו איז דער ספר שופטים אין זיין עלטערער געשטאַלט, וואָס מען קאָן זי גרינג דערקענען אין אונזער ספר שופטים. ער נעמט אַרום די קאַפּיטלען פון ב׳ פסוק 6 ביז ט״ז פסוק 31 און שטעלט פאָר אַ שורה פון העלדן־מעשיות און שבטים־געשיכטע, וואָס זיינען מסתמא שוין פריער אויפגעקליבן און מיטגע־נומען געוואָרן אין גלות. עס געהערן אַהערצו די מעשיות וועגן די שופטים עתניאל, אהוד, דבורה און ברק, גדעון, יפתח און שמשון. די אַלע מעשיות האָט מען אין גלות־בבל איינגעפּאַסט אין אַ רעליגיעזן ראַם, און אין דער פאָרם זיי־נען זיי געקומען צו אונז. יעדעס מאָל שטייט געשריבן בערך אַזוי: און די בני־ישראל האָבן געטאָן, וואָס יהוה איז ניט געפעלן, און האָבן פאַרגעסן אָן יהוה, זייער גאָט, און האָבן געדינט דעם בעל און די עשתרות. דאַן האָט זיך צע־פלאַקערט דער צאָרן פון יהוה איבער ישראל און ער האָט אים איבערגעגעבן אין רשות פון דעם און דעם. יענער האָט געדריקט ישראל אַזויפיל און אַזויפיל יאָר. דאַן האָבן די בני ישראל געשריען צו יהוה, און יהוה האָט זיי געשיקט אַן אויסלייזער, דעם שופט דעם און דעם, וועלכער האָט זיי געראַטעוועט. און דאָס לאַנד האָט זיך באַרואיקט אויף אַזויפיל און אַזויפיל יאָר. דערנאָך איז געשטאָרבן דער שופט. (זע שופטים ג׳ 7; י״ב; ט״ו, ד׳ 1 און ווייטער; ו׳ 1 און ו.; ח׳ 33 און ווייטער; י׳ 6 און ו.; י״ג 1). דער שטענדיקער בייט פון זינד און שטראָף, חרטה און רחמנות, און דאָס, וואָס מיטן וואָרט זינד ווערט געמיינט אויסשליסלאַך די געצנדינערײַ, שטימט לגמרי מיט דעם גייסט פון ספר דברים. מען דאַרף משער זיין, אַז אין דער סביבה פון די רעליגיאָנס־געלערנ־טע פון דער גלות־צייט איז פאַרפאַסט געוואָרן דער עלטערער ספר שופטים, דער, אַזויגערופענער, דייטעראָנאָמישער ספר שופטים, וועלכער איז באַשטימט גע־וואָרן צום לייענען פאַר דער געמיינדע בשעת די שבת־פאַרזאַמלונגען און וועקן זי צו תשובה; אויף צו באַווייזן איר, אַז זינט דער צייט פון די אבות באַלויכט יהוה אַלע די, וואָס זייַנען אים געטריי און באַשטראָפט די אומגעטרייע. עס איז וויכטיק אָנצוווייזן אויף דער הוספה צום אַלטן ספר שופטים, די קאַפּיטלען י״ז—כ״א, וועלכע דעקן פאַר אונז אויף דעם גורל פון די ישראלשע שבטים נאָך זייער איינוואַנדערונג אין מערב־זייט פון ירדן. אין דידאָזיקע קאַפּיטלען ווערט דערציילט, ווי אַזוי דער שבט דן, וועלכער איז אָפּגעשוואַכט געוואָרן דורך די שטענדיקע גרעניץ־מלחמות מיט די פלשתים, קאָן זיך מער ניט האַלטן

אין טאָל און לאָזט זיך וואַנדערן ווייטער. ער וואַנדערט איבער די אפרים־בערג,—וואו ער באַרויבט, אגב, אַ פּריוואַטן הייליקטום,— לאָזט זיך קיין צפון און שאַפט זיך דאָרטן ביי די ירדן־קוואַלן אַ נייע היים, דורכדעם וואָס ער נעמט איין די צידונישע קאָלאָניע, וואָס האָט זיך דאָרטן פריער געפונען.

די ביידע ספרים שמואל.

3. אַ מער פאַרפלאָנטערטע זאַמלונג זיינען די ביידע ספרים שמואל. זיי הייסן אַזוי, ווייל זיי הייבן זיך אָן מיט אַ דערציילונג וועגן שמואלס געבורט, און ניט דערפאַר, וואָס זיי זיינען כלומרשט דורך אים פאַרפאַסט. שמואל, שאול און דוד, דער לעצטער—די הויפּט־פּערזאָן, זיינען די העלדן פון די דאָזיקע ביכער. די דערציילונגען פון זייער לעבן און פון זייערע מעשים זיינען אָבער ניט קיין גאַנצע, קיין געבונדענע, נאָר חלקים און שפּליטער פון פאַרשיידענעם גייסט און כאַראַקטער, וואָס זיינען אָוועקגעשטעלט איינע לעבן די אַנדערע אָדער אַפילו פאַרפלאָכטן איינע אין די אַנדערע. שוין פון דעם רייכן און פילפאַרביקן אינהאַלט פון די ביכער שמואל קאָן מען לייכט אַרויסזען, אַז אונזערע ביכער שמואל האָבן דורכגעמאַכט זייער אַ לאַנגע אַנטוויקלונגס־געשיכטע, איידער זיי האָבן באַקומען זייער היינטיקן פּנים. די פּרטים פון דער דאָזיקער אַנטוויקלונג זיינען אונז ניט גענוג קלאָר, ווייל מיר ווייסן ניט גענוי, ווי אַלט איז דער אָדער יענער טייל. אויף דעם סמך, וואָס אין די ספרים שמואל ווערט די אַנטשטייאונג פון דער מלוכה באַשריבן אויף צוויי פאַרשיידענע אופנים, נעמט מען אָן, אַז זיי זיינען גענומען געוואָרן פון צוויי באַזונדערע מקורים, וואָס זיינען שפּעטער פאַרשמאָלצן געוואָרן. צו דעם ערשטן מקור געהערט די עלטערע פאָרשטעלונג וועגן דער אַנטשטייאונג פון דער מלוכה, וואָס ווערט אונז איבערגעגעבן אין שמואל א׳ קאַפּיטל ט׳ 1—10, 16; י״א 1—11, 15; דאַן נאָך דער גרויסער שטיק וועגן דוד און זיין פאַמיליע (שמואל ב׳ פון קאַפּיטל ט׳ ביז כ׳) און אַ גאַנצע שורה ערטער, ווי שמואל א׳ ד׳—ו׳; י״ג און ווייטער; ט״ז 14—23; שטיקער פון קאַפּיטל י״ז און י״ח; קאַפּיטל כ׳, כ״ב, כ״ד כ״ה און כ״ז; דער אָנהייב פון קאַפּיטל כ״ח, די קאַפּיטלען כ״ט—ל׳, צולעצט שמואל ב׳ 11, 17—6, כ״ג. נאָר ווען מיר באַטראַכטן די אַלע חלקים פון ערשטן מקור, וואָס זיינען אין פלוג דורכגעדרונגען מיט איין גייסט און מיט איין פאָרשטעלונג, זעען מיר, ווי געשיכטלאַכע געשעענישן זיינען אין זיי פאַרפלאָכטן מיט אַלטע פאָלקס־לעגענדעס, און דאָס זאָגט עדות, אַז אויך זיי האָבן שוין דורכגעמאַכט אַ געוויסע אַנטוויקלונגס־געשיכטע.

נאָך פאַרפלאָנטערטער איז דער איבעריקער טייל פון די ספרים, וואָס מיר האָבן ווידער געוואָלט אָננעמען פאַר אַ גאַנצן מקור אויפן סמך פון דער צווייטער, ייִנגערער באַשרייבונג, ווי אַזוי די מלוכה איז געוואָרן. דאָ איז נאָך פאַראַן אַ מחלוקת צווישן די געלערנטע וועגן איינצלנע שטיקער. קורץ, צו אַ קלערערער מיינונג וועגן דער אַנטשטייאונג פון די ביכער איז די וויסנשאַפט נאָך ניט געקומען. קלאָר איז נאָר דאָס, אַז די וויכטיקסטע חלקים פון די ביכער האָט ישראל שוין מיטגענומען מיט זיך אין גלות אַריין, און אַז די אַרבעט פון די סופרים האָט זיך דאָ אָפּגעשפּיגלט אויפן אינהאַלט פון די ספרים ווייניקער, איידער ביים ספר שופטים. דאָס זיינען בכל אופן צוויי

ספרים פון גרויסן היסטאָרישן און ליטעראַטור=געשיכטלאַכן ווערט און זיי
עפענען פאַר אונז אַ פרוכטבאַר פעלד פאַר דער פאָרשונג פון פאָלקס=עבר.

די ביידע ספרים פון די מלכים.

4. נאָך זיי קומען די צוויי ספרים פון די מלכים. דאָ פילט זיך שטאַר-
קער די טעאָלאָגישע באַאַרבעטונג. אין דעם געשיכטלאַכן מאַטעריאַל זיינען
אַריינגעטראָגן געוואָרן בולטע כוונות און טענדענצן; עס איז אים געגעבן גע=
וואָרן אַ באַשטימטע באַלייכטונג אין דעם גייסט פון דער כהנים-גזעצגעבונג.
דערפאַר אָבער איז אונז דאָ פיל גרינגער צו דערקענען דעם אופן, ווי אַזוי
דידאָזיקע ספרים זיינען אַנטשטאַנען, איידער ביי די ספרים שמואל. די ביכער
דערציילן אונז די געשיכטע פון ישראל זינט דער צייט פון שלמה ביז גלות
בבל. לענגער פון אַלעמען שטעלן זיי זיך אָפּ אויף שלמהן (מלכים א׳ קאַפּ.
א—י״א). דעם מיטלפּונקט פון דער ערציילונג פאַרנעמט דאָ דער בנין פון
בית המקדש, און דערפאַר ווערט דערציילט וועגן שלמהן אַזויפיל און אין
אַזאַ פייערלאַכן טאָן. דער בית המקדש, וועלכער איז געווען נאָר אַ טייל פון
דער פעסטונגס=שטאָט, ווערט דאָ באַטראַכט ווי אַ זעלבשטענדיקער בנין. שלמה,
דער ווירקלאַכער קיניג פון די צוועלף ישראלשע שבטים, ווערט דאָ באַטראַכט,
ווי דער רייכסטער און באַרימטסטער הערשער אין דער וועלט. זיין מלוכה=צייט,
וואָס דעמאָלט האָבן באמת ניט געפעלט אַלע טונקעלע שטריכן פון די מזרח-
דיקע דעספּאָטיעס, ווערט באַטראַכט, ווי די גלענצנדסטע תקופה אין דער
ישראלשער געשיכטע. וועגן דערדאָזיקער צייט ווערט דערציילט: די בני
ישראל זיינען דאַן געווען צאָלרייך, ווי דער זאַמד ביים ים, האָבן געגעסן
און געטרונקען און געווען פריילאַך. מיר געפינען צום גליק אויך עטלאַכע
פסוקים (ד׳ 7—19), וואָס לאָזן אונז אָנזען אויך די שאָטן-זייטן פון שלמהס
קיניגן; דאָס גאַנצע לאַנד ווערט פאַרטיילט אין צוועלף חלקים, מיט צוועלף
פאַרוואַלטער (נציבים) איבער זיי. דאָס איז איינגעפירט געוואָרן, כדי איינצו=
מאָנען די אָפּצאָלונגען פון לאַנד.

נאָך דער ערציילונג וועגן שלמהס רעגירונג קומט די ערציילונג וועגן
דער צעשפּאַלטונג פון ישראל אויף אַ צפון-מלוכה און דרום=מלוכה (933), און
אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם—די פּאַראַלעלע געשיכטע פון ביידע מלוכות ביז
צום יאָר 722, ווען עס איז אונטערגעגאַנגען די צפון=מלוכה. נאָכדעם ווערט
אין מלכים ב׳ י״ח—כ״ה דערציילט דער איבעריקער טייל פון יהודהס געשיכ-
טע ביז צום גלות-בבל (586). די ערציילונג פאַרענדיקט זיך מיט דער באַגנע-
דיקונג פון דעם יידישן קיניג יהויכין דורך אויל מרודך, דער קיניג פון בבל.
(מלכים ב׳ כ״ה, 27—30). דער סדר איז אַ שטרענג-כראָנאָלאָגישער. די מלכים
פון יהודה און ישראל קומען כסדר איינער נאָך דעם אַנדערן. כסדר איז גע=
נוי אָנגעגעבן, וויפל יעדערער פון זיי האָט געקיניגט. יעדערער ווערט קורץ
און אין אַ באַשטימטן נוסח כאַראַקטעריזירט. יעדעס מאָל שטייט געשריבן
בערך אַזוי: „אין דעם און דעם יאָר פון דעם און דעם קיניג פון ישראל איז
יענער און יענער געוואָרן קיניג איבער יהודה. ער האָט געקיניגט אַזויפיל
און אַזויפיל יאָר. זיין מוטער האָט געהייסן אַזוי און אַזוי”. דערנאָך קומט די
קריטיק פון דעם קיניגס מעשים. אָדער ער האָט געטאָן, וואָס יהוה איז ניט

געפעלן, אָדער,—וואָס עס קומט פאַר זעלטענער—ער האָט געטאָן, וואָס יהוה איז יאָ געפעלן. די מלכים פון דער צפון-מלוכה זײַנען פאַרהאַסט אין די אויגן פון יהוה, ווײַל זיי גייען אין די זינדיקע וועגן פון ירבעם, ד. ה. זיי פאַרגעטערן געגאָסענע געצן-בילדער; די מלכים פון יהודה דערוועקן יהוהס צאָרן דורכדעם, וואָס זיי ברענגען קרבנות אויסער דער שטאָט ירושלים. און אומעטום ענדיקט זיך די דערציילונג מיט די קורצע ווערטער: „אַלץ דאָס איבעריקע, וואָס דער און דער קיניג האָט געטאָן, שטייט פאַרשריבן אין געשיכטס-בוך פון די ישראלשע (אָדער יידישע) מלכים". (פאַרגלייך מלכים א׳ י״ד 21; ט״ו 1 און װ.; מלכים א׳ י״ד, 19 און װ.; ט״ו, 7 און װ.).

פאַרביי אַ גאַנצע שורה מלכים גייט דער דערציילער אויף אַזאַ שטייגער געשווינד אַריבער; ווי ווייניק ער האַלט פון דער געשיכטלאַכער באַדייטונג פון די איינצלנע מלכים, זעען מיר אַ שטייגער פון עמרי, דעם קיניג פון ישראל (מלכים א ט״ז, 23—28). ער איז געוויס געווען איינער פון די באַדייטנדסטע מלכים אין ישראל, און צווישן זײַנע אַנדערע מעשים האָט ער אויך אויפגעבויט די נייע הויפּטשטאָט פון זײַן מלוכה,—שומרון. דער גאַנצער זאַך ווערט דאָ אָבער אָפּגעגעבן נאָר איין פסוק, אַלץ דאָס איבעריקע איז נאָר אַ פאַרטיקער נוסח, וואָס חזרט זיך איבער אומעטום. נאָר אין איינציקע פאַלן איז די דערציילונג אַן אויספירלאַכע, דאָס רוב, ווען עס רעדט זיך וועגן ענינים, וואָס זײַנען וויכטיק פון שטאַנדפּונקט פון דער רעליגיע, אַשטייגער אין דער מלוכהצייט פון אַחאָב, וואו עס ווערן דערציילט די נביאים-געשיכטן וועגן אליהו און אלישע, אָדער ביי יאשיהו, וואו עס ווערט גענוי געשילדערט די רעפאָרם פון גאָטעס דינסט.

די פאַרטיקע נוסחאות, די פאָרמעלן, באַווייזן אונז, אַז עס שטייט פאַר אונז אַ מאַן, וועלכער באַטראַכט דעם געשיכטלאַכן גאַנג ווי אַ גאַנצן, און אַ דענקער, וועלכער טראָגט אַריין אין דער געשיכטע זײַן אידעע. דערדאָזיקער גייסט לאָזט זיך דערקענען ביז צו דער מלוכה-צייט פון יהויקים, דעם קיניג פון יהודה, וואָס ביי אים שטייט צום לעצטן מאָל דער באַקאַנטער נוסח: „אַלץ דאָס איבעריקע, וואָס עס איז דאָ צו דערציילן וועגן יהויקימען, שטייט פאַרשריבן אין געשיכטע-בוך פון די יידישע מלכים" (מלכים ב׳ כ״ד, 5). דער באַאַרבעטער פון דעם ספר האָט אויף אַזאַ אופן, קאָנטיק, געשריבן גלייך נאָך דעם יאָר 596. די קאַטאַסטראָפע פון יאָר 586, די מפּלה פון יהודה, איז אים, זעט אויס, בשעתן שרייבן נאָך ניט באַקאַנט געווען. מיט אָט דעמדאָזיקן געשיכטע-בוך, וואָס איז געווען באַאַרבעט אין גייסט פון ספר דברים, איז דאַן יהודה אַוועק אין גלות, און דאָ איז דער ספר בערך מיט אַ דור שפּעטער אויפדאָס ניי רעדאַקטירט געוואָרן מיט הוספות. רעדאַקטירט איז ער געוואָרן אויף אַזאַ אופן, אַז עס זײַנען אין פאַרשיידענע ערטער אַריינגעשטעלט געוואָרן פסוקים, וואָס זײַנען כולל אין זיך רמזים אויפן נאָענטן גלות (פאַרגלייך, אַשטייגער, מלכים ב׳ ח׳, 44—51, אָדער כ״א, 7 — 15; כ״ב 15 און װ; כ״ג, 26 און װ.). די הוספות ווידער באַשטייען דערין, וואָס די געשיכטלאַכע ערציילונג ענדיקט זיך שוין ניט מער מיטן אונטערגאַנג פון קיניגרייך יהודה

און מיט דער פאַרטרייבונג פון פאָלק, נאָר ערשט מיט דער באַגנעדיקונג פון דעם אומגליקלאַכן קיניג יהויכין דורך אויל מרודך.

דער ערשטער צונויפשטעלער פון ספר האָט באַנוצט אומגעהייער רייכע מקורים, קודם כל אַן אויספירלאַכע געשיכטע פון שלמהס רעגירונג, און אַחוץ דעם דאָס געשיכטע-בוך פון די ישראלשע און יידישע מלכים.

מיט די ביכער מלכים איז אייגנטלאַך געמאַכט געוואָרן די התחלה צו אַ טענדענציעזער שילדערונג פון ישראלשן לעבן, אַ שילדערונג, וואָס דער היס־טאָרישער מאַטעריאַל איז אין איר דורכאויס צוגעפּאַסט געוואָרן צו דער הערשנ־דיקער רעליגיעזער אָנשויאונג.

דיביידע ספרים דברי הימים. 5. נאָך בולטער ווייזן זיך אַרויס די טענדענצן פון פאַרפאַסער אין אַ שפּעטערדיקן ווערק, אין די צוויי ביכער דברי-הימים. ביידע ביכער דברי-הימים זיינען געווען אַמאָל פאַראייניקט מיט די ביכער עזרא און נחמיה אויף דעם אופן, אַז די לעצטע האָבן געדינט פאַר אַ געשיכטלאַכן המשך פון די ערשטע (פאַרגלייך דברי-הימים ל״ו, 23 מיט עזרא א׳ 1)

דער פאַרפאַסער פון דברי-הימים דערציילט אונז די געשיכטע זינט די צייטן פון אדם ביז צו דער גרינדונג פון דער נייער יידישער מלוכה — אין דער צייט פון עזרא און נחמיה דורך דער פאַרעפנטלאַכונג פון דער „תורת כהנים”. בעת די ביכער מלכים טראָגן אויף זיך דעם שטעמפּל פון ספר דברים, טראָגן די ביכער דברי-הימים אויף זיך דעם שטעמפּל פון תורת כהנים. בערך צוויי הונדערט יאָר זיינען אַריבער זינט דער פאַרפאַסונג פון דברי-הימים. מען באַצייכנט די אַנטשטייאונגס-צייט פון די לעצטע בערך מיטן יאָר 300 פאַר דער קריסטלאַכער צייט-רעכענונג. אין ירושלים האָט זיך פעסטגעשטעלט אַ ברייט גייסטיק לעבן, אונטער דער הערשאַפט פון דעם געזעץ און דער אמונה, און דאָסדאָזיקע לעבן האָט געהאַט אַ גרויסע השפעה אויך אויף דער באַטראַכטונג פון עבר. די ספרים דברי-הימים זיינען דער בעסטער סימן, אויף וויפל מענטשן, וואָס פאַרטיפן זיך אין אַ באַשטימטער גייסטיקער פאָרשטעלונג, קענען זיך אָפּ־קערן פון דער ריכטיקער געשיכטלאַכער השגה.

דער פאַרפאַסער פון דברי-הימים ווייס שוין וואָס צו פאַרשווייגן. וואָס עס איז אים ניט באַקוועם, לאָזט ער דורך אַזוי, אַז מען קאָן רעכענען, אַז דאָס איז לגמרי ניט געשען. אַזוי, אַשטייגער, דערציילט ער אונז פון שאולן, דעם פון גאָט פאַרשטויסענעם קיניג, נאָר זיין עלנדן סוף. לויט אים, קומט אויס, אַז דוד איז געוואָרן קיניג איבער גאַנץ ישראל באַלד נאָך שאולן; די אַלע מלחמות צווישן דער פאַמיליע פון שאול און דוד היפּט ער איבגאַנצן אי־בער. אַ ניט-אָנגענעמער בלאַט פון דער ישראלשער געשיכטע ווערט אינגאַנצן פאַרשוואונדן: די מעשה מיט בת-שבע ווערט אויך ניט דערמאָנט. אויף אַזאַ אופן שטעלט זיך אונז פאָר די פּערזענלאַכקייט פון דוד, וועלכער איז אין דער אמתן באַשענקט מיט פיל מענטשלאַכע שוואַכקייטן, ווי אַ הייליקע. פריער פון אַלץ איז דוד אין ספר דברי-הימים — דער תהלים-דיכטער.

עס פאַרשטייט זיך, אַז ניט דורך אינטריגעס און בלוט-פאַרגיסונג קומט

שלמה צו דער מלוכה, נאָר דער פֿאָטער גיט איבער בשעת דער פֿייערלאַכער פֿאָלקס-פֿאַרזאַמלונג דעם זון די קרוין.

די השגחה וועגן שכר און עונש שפּיגלט זיך אָפּ אויף אַלע מעשים פֿון דער וועלט. נאָך זינד קומט די שטראָף, און נאָך גוטע פֿרומע מעשים — די באַלוינונג. ער פֿאַרשטייט צו באַלייכטן די היסטאָרישע מעשים און צו דערציילן זיי אַזוי, אַז זיי זאָלן שטימען מיט זיין השגחה. דער אומגליקלאַכער סוף פֿון דעם איידעלן און גאָט-געטרייען קיניג יאשיהו, וואָס איז געפֿאַלן בשעת דער שלאַכט ביי מגדו קעגן פּרעה נכה, האָט אַמאָל אויפֿגערעגט טיף אַלע פֿרומע מענער פֿון יהודה. דער פֿאַרפֿאַסער פֿון ספֿר דברי-הימים געפֿינט, אַז אויך דאָ זיינען די גאָטס מעשים גערעכט: דער אומגליק פֿון יאשיהו איז געווען די שטראָף פֿאַר אַ זינד; און די זינד איז לויט זיין מיינונג די: פּרעה נכה האָט יאשיהון געגעבן צו וויסן, אַז ער קומט אין גאָטס שליחות, און האָט אים מתרה געווען, אַז אויב ער וועט אַרויסטרעטן אַנטקעגן אים, זינדיקט ער קעגן דעם גאָט. יאשיהו הערט זיך ניט צו צו דער התראה, טרעט אַרויס קעגן פּרעה נכה, און באַקומט דעריבער די שטראָף.

עס איז אינטערעסאַנט, ווי אים גיט זיך איין צו פֿאַראייניקן פֿאַרשיידענע ידיעות, וואָס זיינען סותר איינע די אַנדערע. לויט דער באַקאַנטער מעשה האָט דוד דערשלאָגן גליתן. לויט אַן אַלטער, היסטאָריש-וויכטיקער נאָטיץ, וואָס איז ביי אונז געבליבן, האָט דאָס גאָר געטאָן אלחנן פֿון בית-לחם. דער פֿאַרפֿאַסער פֿון דברי-הימים לאָזט אָבער, פֿאַרשטייט זיך, דודן דעם כּבוד פֿון גליתס באַזיגער; ער דערציילט אונז נאָר, אַז גלית האָט געהאַט אַ ברודער לחמי, וואָס אלחנן האָט דערשלאָגן — („לחמי" נעמט זיך פֿון „בית-הלחמי", דער בית-לַחְמער, פֿאַרגלייך שמואל ב, כ״א, 19).

אויך דער פֿאַרפֿאַסער פֿון דברי-הימים האָט באַנוצט צו זיין ווערק אַ סך עלטערע מקורים, און מיר וואָלטן זיין גליקלאַך, ווען מיר וואָלטן זיי נאָך איצט געהאַט.

די התימה פֿון דער תנ״ך-ליטעראַטור. (קאַנאָניזירונג).

דאָס איז דער גורל פֿון די היסטאָרישע ספֿרים, וואָס פֿון זיי שעפּן מיר די געשיכטע פֿון ישראל, און וואָס געהערן צום תנ״ך-קאַנאָן. דער תנ״ך איז פֿון אָנהייב אָן לגמרי ניט געווען פֿאַרענדיקט און פֿאַרחתמעט (קאַנאָניזירט); פֿעסט און אומפֿאַרענדערלאַך איז געווען נאָר דאָס געזעץ (די תורה) און, ווי באַוואוסט, זיינען די ביכער פֿון געזעץ צוזאַמען מיט די אין זייער גייסט באַאַרבעטע עלטערע היסטאָרישע ווערק צוויי מאָל קאַנאָניזירט געוואָרן: איינמאָל אין יאָר 623 און דעם צווייטן מאָל אין יאָר 444. דערנאָך האָט מען דערקלערט פֿאַר הייליק אויך אַלע אַנדערע היסטאָרישע ביכער, אויך די איבערגעבליבענע ווערק פֿון דער נבֿואה-ליטעראַטור (נביאים אחרונים) און לסוף אַ שורה „הייליקע שריפֿטן" (כּתובֿים), וואָס אַ טייל איז מען מיחס צו דוד און שלמה, נאָר אינדערעמתן זיינען זיי, דאָס רובֿ, אַנטשטאַנען אין דער צייט פֿון צווייטן בית-המקדש. עס פֿאַרשטייט זיך, אַז דער נוסח פֿון דידאָזיקע „שריפֿטן"

איז אייניקע מאָל פאַרריכט און סטיליסטיש באַאַרבעט געוואָרן, באַפרייט געוואָרן פון די פאַרשיידענע מעגלאַכע סתירות און אפשר אויך פאַרברייטערט געוואָרן דורך הספּות. ערשט אין צווייטן יאָרהונדערט נאָך דער קריסטלאַכער צייט־רעכענונג איז די צונויפשטעלונג פון דידאָזיקע ספרים לחלוטין פאַרענדיקט געוואָרן — און פון דאַן אָן ווערט דער טעקסט שטרענג אָפּגעהיט און אָן די קלענסטע שינויים ווערט ער איבערגעגעבן פון דור צו דור אין זיין טראַדיציאָנעלן נוסח, דער אַזוי גערופענער מסורה.

דער אַלטער נוסח פון תנ״ך. דער תרגום השבעים.

בשעת מיר ווילן פעסטשטעלן דעם אַלטן, לכתחילהדיקן נוסח פון תנ״ך, איז זייער וויכטיק צו באַנוצן די אַלטע גריכישע תנ״ך־איבערזעצונג, דעם תרגום־השבעים (Septuaginta), וואָס איז געמאַכט געוואָרן אין III־טן און II־טן יאָרהונדערט פאַר דער קריסטלאַכער צייט. דער נוסח אירער שטימט אָפּט ניט מיטן העברעאישן מקור, און ניט זעלטן מוזן מיר דערקלערן דאָס דערמיט, וואָס די גריכישע איבערזעצונג איז געמאַכט געוואָרן לויט דעם אַלטן תנ״ך־נוסח, הגם אין משך פון דער צייט האָבן געקאָנט געוויס אַריינפאַלן טעותן אויך אין דער גריכישער איבערזעצונג; זי האָט אויך געקאָנט אומגעאַרבעט ווערן און אָפּטמאָל דווקא אין יענע ערטער, וואו אונזער העבּרעאישער מקור איז געבליבן אָן שינויים. און דעריבער קאָן מען פעסטשטעלן דעם אַלטן ריינעם תנ״ך־נוסח נאָר דורך פאַרגלייכונגען פון דער מסורה און דעם תרגום־השבעים מיט אַנדערע עלטערע איבערזעצונגען און כתבי־יד.

M. Löhr—Einführung in das Alte Testament 1912.

---

3. די וויכטיקסטע רעזולטאַטן פון די אויסגראָבונגען אין די מזרח־לענדער.

די אויסגראָבונגען אין די מזרח־לענדער. די טאָוולען מיט דער פלעקל־שריפט.

די כסדרדיקע אויסגראָבונגען, וואָס ווערן געפירט דורך אייראָפּעאישע געלערנטע זינט דעם מיטן פון 19־טן יאָרהונדערט אין מצרים, מעסאָפּאָטאַמיע און דער האַלבאינזל איראַן, האָבן באַלויכטן אין העלע פאַרבן די אַלטע געשיכטע פון שמישן מזרח. דידאָזיקע אויסגראָבונגען האָבן ניט נאָר אַרויסגעבראַכט פון דער ערד־טיפעניש דענקמעלער פון דער קולטור פון לאַנג־פאַרשוואונדענע פעלקער, נאָר זיי האָבן אויך אַנטדעקט צווישן די חורבות פון טעמפּלען און פּאַלאַצן אַ גרויסע צאָל ליימענע טאָוולען, וואָס זיינען באַדעקט מיט אַן אייגנאַרטיקן כתב. דעם כתב פלעגט מען, קאָנטיק, אָנקריצן אויף די ליימענע טאָוולען, בשעת זיי זיינען געווען ווייך, מיט אַ מין גריפעל אָדער פלעקל, און דער כתב גופא טראָגט דעם כאַראַקטער פון פלעקעלאַך,—אַזוי אַז מען האָט אים אַ נאָמען געגעבן די פלעקל־שריפט. בשעת די געלערנטע האָבן זיך אויסגעלערנט לייענען דעמדאָזיקן כתב, האָבן זיי געפונען, אַז דער אינהאַלט פון די אַלע טאָוולען איז אַ רעליגיעזער, היסטאָרישער און וויסנשאַפטלאַכער, און צום טייל אַנטהאַלטן זיי אויך דאָקומענטן פון דער מלוכה און פון פּריוואַטע

מענטשן, וועלכע זיינען געשריבן דערהויפּט אויפן בבלישן לשון, וועלכער איז זייער נאָענט דעם העברעאישן. דאָס רוב פון די כּתבים און די וויכטיקסטע פון זיי האָט מען געקאָנט געפינען אַדאַנק דעם, וואָס די מלכים פון אשור, וועלנדיק שטיצן די וויסנשאַפט, פלעגן אײַנאָרדענען רייכע ביבליאָטעקן פון דידאָזיקע ליימענע טאָוולען. דערפאַר האָט מען אויך אָנגערופן די וויסנשאַפט, וואָס באַשעפטיקט זיך מיט דער אויספאָרשונג פון דידאָזיקע טאָוולען—אַשוראָלאָגיע (Assyrologie).

די אַלגעמיינע באַדייטונג און די כאַראַקטעריסטיק פון די געפונענע דענקמעלער.

די באַדייטונג פון דידאָזיקע טאָוולען און פון די אַלטע דענקמעלער בכלל פאַר דער היסטאָרישער וויסנשאַפט איז זייער גרויס; ווייל די ידיעות, וואָס ווערן אין זיי געבראַכט וועגן פאַרשיידענע היסטאָרישע געשעענישן, און אויך די באַשרייבונגען פון דער אמונה, געזעצגעבונג און מדות, וועלכע געפינען זיך אין די דאָקומענטן, האָבן זיך ערהאַלטן אין זייער אַלטער ריינער געשטאַלט און דינען אַלס די בעסטע היסטאָרישע מקורים.

הגם די דענקמעלער פון דידאָזיקע טאָוולען געהערן דאָס רוב צו דער געשיכטע פון בבל און אַשור, אָבער אין זיי געפינען זיך ידיעות, וועלכע זיינען וויכטיק אויך פאַר דער ישראלשער געשיכטע, ווייל זיי כאַראַקטעריזירן דעם אַלגעמיינעם קולטור־צושטאַנד פון שמישן מזרח אין יענער צייט, ווען די בני־ישראל זיינען אַרויסגעטראָטן אויף דער היסטאָרישער אַרענע, ווייל זיי באַלייכטן די געשיכטע פון לאַנד כּנען איידער עס זיינען אין אים אָנגעקומען די ישראלשע וואַנדערער, און ווייל זיי גיבן אַ שורה פּאַראַלעלע ידיעות וועגן געשעענישן, וועלכע מיר האָבן געוואוסט ביז איצט נאָר פון דער תּורה; דערמיט גיבן זיי אונז, פאַרשטייט זיך, די מעגלאַכקייט צו פאַרגלייכן די ערציילונגען פון דער תּורה און פון די געפונענע טאָוולען און זען, אויף וויפל זיי שטימען איינע מיט די אַנדערע.

אין די לעצטע צענדליקער יאָרן האָט מען אָנגעהויבן צו מאַכן אויסגראָבונגען אויך אין ארץ־ישראל גופא, און הגם ביז איצט האָט מען געפונען דערהויפּט חורבות פון אַלטע פעסטונגען, און פאַרשיידענע כּלים פון גאָטעסדינסט און הויז־געברויך, מיט וועלכע עס האָבן זיך באַנוצט די בני־ישראל און די פעלקער, וואָס זיינען געזעסן אין לאַנד פאַר זיי, אָבער אפילו דידאָזיקע אַנטדעקונגען גיבן שוין אונז אַ רייכן מאַטעריאַל צו דער פאָרשונג און צום ריכטיקן פאַרשטיין פון דער ישראלשער קולטור און מדות אין די פאַרשיידענע געשיכטלאַכע תּקופות.

מיר ווילן דאָ איצט געבן אַ קורצע כאַראַקטעריסטיק פון די וויכטיקסטע דענקמעלער, וועלכע זיינען אַנטדעקט געוואָרן דורך די אויסגראָבונגען און וועלכע באַלייכטן פון דער אָדער יענער זייט די ישראלשע געשיכטע.

די אשור־בבלישע פּאַראַלעלן צו די תּנ״ך־ערציילונגען.

ווי עס איז באַקאַנט, געפינען זיך ערציילונגען וועגן דער באַשאַפונג פון דער וועלט ניט נאָר אין דער תּורה, נאָר אויך אין די דענקמעלער פון פיל ציוויליזירטע פעלקער פון דער אַלטער צייט, אָבער הגם פיל פון זיי זיינען זייער ענלאַך צו די ערציילונגען וועגן דער וועלט־באַשאַפונג, וואָס אין דער

תּורה *), דאָך קאָן מען קיין איינציקע פון זיי ניט באַטראַכטן אַלס אַ פּאַראַלעל צו די חומש-ערציילונגען, אַחוץ דער בבלישער ערציילונג

דער אינהאַלט פון דערדאָזיקער ערציילונג איז בערך אַזעלכער: פון אָנהייב זיינען ניט געווען קיין געטער. עס איז נאָר געווען אַ געדיכטע מאַסע — אַ תּוהו ובהו, אַ כאַאָס, וועלכער האָט זיך פאַרקערפּערט אין צוויי מיסטישע ברואים: דעם אָקעאַן (אַפּסו) און דעם ים (תּיאמאַת), פון זיי זיינען אַרויסגעקומען די געטער, וועלכע האָבן באַשלאָסן אַריינצוטראָגן אַ סדר אין דער הפקרדיקער און פאָרמלאָזער מאַסע, ד. ה. באַשאַפן די וועלט. די פאָרשטייער פון תּוהו ובוהו ווילן פאַרשטערן דעם שאַפונגס-ווילן פון די געטער און טרעטן אַרויס מלחמה צו האַלטן מיט זיי. די צענטראַלע קעמפנדיקע פּערזאָנען זיינען מרדוך, דער גאָט פון דער פרילינגס-זון און דער תּיאמאַת — אָקעאַן אין דער פאָרם פון אַ דראַקאָן (בילד 23). מרדוך איז ענדלאַך מנצח דעם תּיאמאַת, צעשפּאַלט אים אויף צוויי חלקים; פון איינעם באַשאַפט ער דעם הימל און פון דעם אַנדערן — די ערד. דערנאָך באַשאַפט מרדוך די הימלשע ליכטיקייטן, די זון און די לבנה, און צום סוף די שאַפונג פון די פלאַנצונגען, פון די חיות און פון מענטשן.

פאַרגלייכנדיק דעם בבלישן מיטוס מיט דער ערציילונג פון דער תּורה, דאַרף מען אָנווייזן אויף אַ שורה ענלאַכע שטריכן. אין ביידע שטעלט זיך פאָר די וועלט פאַר דער יצירה אין דער געשטאַלט פון אַ תּוהו ובוהו, אין ביידע ווערט דאָס וואַסער, וואָס איז עלטער פון אַלץ אין דער וועלט. (תּיאַמאַת=תּהום, בראשית 1, 2) צעטיילט אויף אייבערשטע און אונטערשטע וואַסערן, אין ביידע זעען מיר דעמזעלביקן סדר פון דער יצירה. מיר זעען אָבער אויך טיפע אונטערשיידן צווישן די ביידע ערציילונגען, די וויכטיקסטע פון וועלכע זיינען: אין דער תּורה איז גאָט דאָ נאָך פאַרן כאַאָס און די וועלט באַשאַפט ער דורך זיין שאַפנדן וואָרט; אין דער בבלישער ערציילונג וואַקסן די געטער אַרויס פון דעם תּוהו ובוהו און די וועלט ווערט באַשאַפן דורך קאַמף און קריג.

נאָך אַ בעסערע פּאַראַלעל צו דער תּורה-ערציילונג געפינען מיר אין דער בבלישער לעגענדע וועגן מבול, וועלכע גייט אַריין אין דעם אַזוי גערופענעם „עפּאָס וועגן גילגאַמעש”, און שטאַמט פון 3-טן יאָרטויזנט פאַר דער קריסטל. צייט. ער דערציילט וועגן אַ פרומען מאַן מיטן נאָמען קסיזוטראָס, וועלכן גאָט וויל ראַטעווען פון מבול, וואָס ער שיקט אָן אויף דער וועלט, און צו דעם צוועק הייסט ער אים אופבויען אַ ספּעציעלע שיף און נעמען אַהין מיט זיך

---

*) דאָ רעדט זיך נאָר וועגן דער ערציילונג וועגן דער וועלט-באַשאַפונג, וואָס אין ערשטן קאַפּיטל פון ספר בראשית. דער צווייטער קאַפּיטל שטעלט מיט זיך פאָר אַ גאַנץ אַנדערע, מער נאַאיווע און פּשוטע בילד און אַנטהאַלט אין זיך אַ פיל עלטערע פאָרשטעלונג וועגן דער וועלט: אין איר ווערט די באַשאַפונג פונם מענטשן געשילדערט ניט ווי דאָס לעצטע וואָרט פון דער יצירה, נאָר פאַרקערט ווי איינע פון די ערשטע געטלאַכע שאַפונגען, און די באַשאַפונג פון די חיות שטעלט זיך פאָר, ווי אַ ניט געלונגענער פּרוב פון גאָט אַרויסצופירן דעם מענטשן פון מצב פון איינזאַמקייט.

פאַרש־ידענע חיות, בהמות און פייגלען. פונקט ווי נח, לאָזט קסיזוטראס אַרויס צום סוף פון דער מבול־צייט דורכן פענסטער פון שווימענדיקן הויז די טויב, דערנאָך די שוואַלב און ענדלאַך די קראָ, כדי צו דערגיין צי עס האָט זיך שוין אויסגעטריקנט די ערד.



בילד 23. דער קאַמף פון מרדוך מיט דעם תיאַמאַט־דראַקאָן.

כדי צו ערקלערן די וואונדערלאַכע נאָענטקייט צווישן די תורה־מעשיות און דער בבלישער מיטהאָלאָגיע, האָבן די געלערטע אַרויסגעזאָגט פאַרשיי־דענע השערות. די איינע רעכענען, אַז די בני ישראל האָבן זיך באַקאַנט

מיט דער בבלישער פאַרשטעלונג וועגן דער וועלט-באַשאַפונג ערשט אין דער צייט פון גלות בבל, ד. ה. אין VI יאָרהונדערט. אַנדערע מיינען, אַז די בבלישע קולטור און וועלט-השקפה זאָלן האָבן אַריינגעדרונגען קיין ארץ ישראל שוין אין דער צייט פון עמרי און אַחאָב, ווען די ישראלשע מלכים זיינען געשטאַנען אין אַ שטענדיקער פּאָליטישער באַציאונג מיט אַשור, ד. ה. אין ניינטן יאָרהונדערט. נאָר זינט דער צייט ווען מען האָט אַנטדעקט די טאַבעלן פון תל-אל-אמרנא (זע ווייטער וועגן זיי), האָט מען דערגאַנגען, אַז שוין אין 15-טן יאָרהונדערט פלעגן די איינוואוינער פון כנען, וואָס האָבן געלעבט אין לאַנד פאַר די בני ישראל, לייענען און לערנען די בבלישע לעגענדן; און דעריבער, איז גאַנץ מעגלאַך, אַז אויך די בני ישראל האָבן זיך באַקאַנט מיט די דאָזיקע לעגענדן שוין אין די ערשטע יאָרהונדערטן פון זייער לעבן אין לאַנד און איבערגעבנדיק זיי פון דור צו דור, האָבן זיי זיי פיל מאָל אומגעאַרבעט און צוגעפּאַסט צו זייערע רעליגיעזע השקפות.

2. דאָס געזעצבוך פון האַמוראַבי (אַמרפל).

אין יאָר 1901—1902 האָט מען בשעת די אויסגראָבונגען אויפן אָרט פון דער אַלטער פּערסישער הויפּט-שטאָט שושן געפונען אַ גרויסן שטיין, (זע בילד 10) וועלכער איז דורכאויס באַדעקט מיט ווערטער, געשריבענע מיטן פלעקל-כתב. ווי עס האָט זיך דערגאַנגען איז עס (דאָס געזעצבוך, וואָס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן דורך דעם בבלישן קיניג האמוראַבי (אַמרפל) בערך 2100 פאַר דער כריסטל. צייט. די באַדייטונג פון דערדאָזיקער אַנטדעקונג פאַר דער היסטאָרישער וויסנשאַפט בכלל און פאַר דער תנ"ך-וויסנשאַפט באַזונדער איז אומגעהויער גרויס. און דאָס געזעצבוך גופא איז איינער פון די אויסגעצייכנטסטע דיינקמעלער פון דער אַלטער וועלט. נאָך אויך פאַר דער צייט פון האמוראַבי זיינען געוויס באַשטאַנען אין בבל פאַרשיידענע געזעצן, נאָר דער גרויסאַרטיקער סדר פון די געזעצן, וועלכן מיר געפינען אין דעם געזעצבוך פון האמוראַבי, און דער ברייטער פּלאַן זייערער, וועלכער נעמט אַרום אַלע זייטן פון דאַמאָלסדיקן לעבן, מאַכן אים פאַר איינע פון די גאוני-שע שאַפונגען פון דער אַרט. עס איז קיין ספק, אַז דאָסדאָזיקע געזעצבוך איז ניט איינמאָל איבערגעשריבן געוואָרן און איז געווען פאַרשפּרייט אין אַלע טיילן פון דער בבלישער מלוכה.

אַזוי ווי ארץ ישראל, און באַזונדער איר צפונדיקער טייל, זיינען פון די עלטסטע צייטן אָן געשטאַנען אונטער דער השפעה פון בבל און די ווירקונג פון דער בבלישער קולטור אויף די כנענים האָט קיינמאָל ניט אויפגעהערט, קאָן מען משער זיין, אַז שוין בערך אין סוף פון צווייטן יאָרטויזנט איז דאָס געזעצבוך געווען באַקאַנט אין צפונדיקן כנען און אַז דורך דער פאַרמיטלונג פון די כנענים האָבן זיך מיט אים באַקאַנט אויך די בני ישראל.

עס איז קיין ספק ניט, אַז דאָס געזעצבוך פון האמוראַבי האָט געהאַט אַ ווירקונג אויף די רעכטלאַכע השקפות פון די בני ישראל. דאָס זעען מיר קלאָר ניט נאָר פון דער ענלאַכקייט פון דער אַלט-ישראלשער און בבלישער געזעצגעבונג, נאָר אויך פון פילע תנ"ך-מעשיות, וועלכע שילדערן אונז קלאָר די מנהגים פון פאַמיליען-רעכט און ירושה-רעכט, וועלכע זיינען באַשטאַנען

אין די עלטסטע צייטן אין כנען. כדי דאָס בולט צו באַמערקן איז כדאַי נאָר צו פאַרגלייכן די באַקאַנטע מעשה פון דער תורה וועגן דער פאַרטרייבונג פון הגר דורך אַברהמען (בראשית קאַפּ. 16) מיט דעם פאָלגנדן געזעץ פון האַמוראַבי: „ווען ווער עס איז וועט נעמען זיך אַ ווייב און זי וועט אים געבן אַלס אַ ווייב איר דינסט, און די דינסט אָבער, געבוירנדיק קינדער, וועט זיך האַלטן פאַר גלייך צו איר האַרנטע, ווייל זי האָט דאָך געבוירן קינדער, דאַן טאָר איר האַרנטע זי ניט פאַרקויפן פאַר געלט, זי (די דינסט) בלייבט פונדעסטוועגן ביי איר (ביי דער האַרנטע) אין אונטערטעניקייט און דאַרף זיך רעכענען פאַר איר דינסט (§ 146).

עס איז גאַנץ מעגלאַך, אַז פאַרצייטן איז ביי ישראל אויך באַשטאַנען אַזאַ געזעץ, וועלכער איז ניט אַריין אין דער תנ"ך-געזעצגעבונג. אַזוי אָדער אַנדערש איז די באַציאונג צווישן דער האַרנטע און דער דינסט, וועלכע איז פאָרגעשטעלט געוואָרן אין דעמדאָזיקן געזעץ פון האַמוראַבי, געווען באַקאַנט דעם פאַרפאַסער פון דער מעשה מיט הגר, און לויט דעם געזעץ האָט מען זיך באַגאַנגען אין ענלאַכע פאַלן.

כדי צו פאַרגלייכן דאָס געזעצבוך פון האַמוראַבי מיט דער געזעצגעבונג פון דער תורה, דאַרף מען, פאַרשטייט זיך, נעמען די עלטסטע געזעצגעבונג פון „ספר הברית". לאָמיר ברענגען אַ שורה פאַראַלעלע ערטער פון ביידע געזעצביכער:

שמות 21, 23. ווען ווער עס איז פאַרשאַפט אַ שאָדן, וועלכן מען קאָן ניט פאַרריכטן, דאַרף באַצאָלן אַ לעבן פאַר אַ לעבן.

21, 24. אַן אויג פאַר אַן אויג, אַ צאָן פאַר אַ צאָן, אַ האַנט פאַר אַ האַנט, אַ פוס פאַר אַ פוס.

21, 28. ווען אַן אָקס וועט שטויסן אַ מאַנסביל אָדער אַ פרוי אויף טויט, איז דער בעל-הבית פון אָקס פריי (פון צו באַצאָלן).

21, 29. נאָר אויב דער אָקס איז געווען אַ שטויסיקער פון לאַנג אָן און דעם בעל-הבית האָט מען וועגן דעם מתרה געווען, נאָר ער האָט אים ניט געהיט, דאַרף דער אָקס, אויב ער האָט געטויט אַ מאַנסביל אָדער אַ פרוי פאַרוואָרפן ווערן מיט שטיינער און אויך דער בעל-הבית דאַרף געטויט ווערן.

21, 32. ווען אַן אָקס וועט שטויסן אַ קנעכט אָדער אַ שקלאַפין, דאַרף דער בעל-הבית פון אָקס באַצאָלן זייער האַר 30 שקלים און דער אָקס דאַרף פאַרוואָרפן ווערן מיט שטיינער.

22, 9. ווען ווער עס איז וועט געבן אַ צווייטן זיטן אַן אייזל אָדער אַן אָקס אָדער אַ שעפס אָדער אַן אַנדער בהמה, און זי וועט פאַלן אָדער זיך צעשעדיקן און עס זיינען ניטאָ דערביי קיין עדות,

22, 10. זאָל אַ שבועה פאַר יהוה זיין צווישן זיי דעם קריג, אַז ער (דער היטער) האָט ניט געשיקט זיין האַנט אויף דעם צווייטנס אייגנטום, און דער בעל-הבית דאַרף ליידן דעם שאָדן און יענער דאַרף אים ניט אומקערן.

22, 11. און אויב די בהמה איז ביי אים געגנבעט געוואָרן, דאַרף ער באַצאָלן איר בעל-הבית.

22, 12. אויב זי איז אָבער צעריסן געוואָרן, דאַרף ער דאָס באַווייזן, פאַר אַ צעריסענע (בהמה) דאַרף ער ניט באַצאָלן.

געזעצבוך פון האַמוראַבי 196: ווען ווער עס איז שלאָגט אויס אַ צווייטן אַן אויג, דאַרף מען אים אויסשלאָגן אַן אויג.

197. ווען ווער עס איז צעברעכט אַ צווייטן אַ ביין, דאַרף מען אים צעברעכן אַ ביין.

200. ווען ווער עס איז שלאָגט אויס אַ צווייטן אַ זיך גלייכן, אַ צאָן, דאַרף מען אים אויסשלאָגן אַ צאָן.

250. ווען אַן אָקס, גייענדיק אין גאַס, וועט ווּעמען עס איז שטויסן, גיט דער צופאַל קיינע רעכט צו פאָדערן געצאָלט.

251. אויב אָבער עמיצנס אָקס איז אַ שטויסיקער און דערדאַזיקער חסרון זיינער איז דעם בעל־הבית געווען באַוואוסט, נאָר ער האָט אים ניט אַרומגעבראָכן די הערנער און ניט צוגעבונדן דעם אָקס, וועלכער האָט געשטויסן אַ פרייען, דאַרף דער בעל־הבית באַצאָלן אַ האַלבע מנה זילבער.

252. ווען ער וועט שטויסן עמיצנס אַ קנעכט, דאַרף ער (דער בעל־הבית פון אָקס) באַצאָלן אַ דריטל מנה.

266. אויב אין שטאַל וועט טרעפן אַן אומגליק פון גאָט אָדער אויב אַ לייב וועט צערייסן, דאַרף דער פאַסטוך באַווייזן פאַר גאָט זיין אומשולדיקייט און די געפאַלענע בהמה דאַרף דער בעל־הבית צוריק אומקערן אין שטאַל אַריין.

267. אויב דער פאַסטוך פאַרזעט עפּעס און פאַרשאַפט (דורך דעם) אין שטאַל אַ שאָדן, דאַרף דער פאַסטוך אומקערן דעם בעל־הבית דעם ווערט פון דעם אים פאַרשאַפענעם שאָדן מיט גרויס־פי אָדער קליין־פי.

244. ווען איינער לייט אַן אָקס אָדער אַן אייזל און עס דערשלאָגט אים אַ לייב אין פעלד, ליידט דעם שאָדן דער בעל־הבית.

---

3. די בריוו פון תל אל אמרנא.

אין יאָר 1887—1888 האָט מען געפונען בשעת די אויסגראָבונגען אין תל־אל־אמרנא, אין מיטלסטן טייל פון מצרים, פול ליימענע טאָוולען מיט אויפשריפטן אין דעם פלעקל־כּתב, וועלכע אַנטהאַלטן די פּאָליטישע קאָרעספּאָנדענץ פון די מצרישע פּרעהס אַמענאָפיס דעם III און דעם IV מיט זייערע וואַסאַלן, מיט די מלכים פון כּנען און מערב־אזיען. דידאָזיקע אַנטדעקונג האָט גלייך געוואָרפן ליכט אויף דער פּאָליטישער און קולטורעלער לאַגע פון לאַנד כּנען אין 14־טן יאָרהונדערט פאַר דער קריסטלאַכער צייט. פון דעם אינהאַלט פון די בריוו איז קאָנטיק, אַז גאַנץ סוריאַ האָט זיך געפונען דאַמאָלסט אונטער דער הערשאַפט פון מצרים, אָבער דידאָזיקע הערשאַפט איז געווען ניט מער ווי אַ פאָרמאַלע, אין דער אמתן זיינען אַלע קליינע מלכים, וואָס האָבן געהערשט אין סוריאַ, ניט אָפּהענגיק געווען פון פּרעהן, נאָר קיין איינציקער פון זיי איז ניט געווען גענוג שטאַרק אויף צו אונטערוואַרפן זיך די איבעריקע און צו פאַראייניקן אין זיין האַנט די הערשאַפט איבערן גאַנצן לאַנד. אויף אַזאַ אופן שטעלט זיך אונז פאָר די לאַגע פון לאַנד אין דער צייט ווי אַ מלחמה פון אַלעמען קעגן אַלעמען. Bellum omnium contra omnes, פון ניט אויפהערלאַכע אָנפאַלן, קליינע צוזאַמענשטויסן און שטענדיקע קלאָגעניש פון איין קיניג אויפן צווייטן פאַר זייער אויבערהאַר, פאַר פּרעהן. אָבער די הערשאַפט פון מצרים איבער סוריאַ איז דאַן שוין געווען אויף אַזוי פיל אָפּגעשוואַכט, אַז די פּרעהס האָבן זיך ניט צוגעהערט ניט צו די פאָרוואורפן פון די סירישע מלכים איינע קעגן די אַנדערע, ניט צו זייערע עקשנות וועגן הילף, און האָבן זיך ניט אָפּגערופן אפילו דאַן, ווען די הילף איז געווען נייטיק, אויף אָפּצושטויסן דעם אָנפאַל פון נייע וואַנדער־שבטים, וועלכע— אויף וויפל מען קאָן דערקענען פון זייער נאָמען „חבירי *)" — האָבן געהערט

צו די שבטים פון די עברים, וואָס זײַנען אַרײַנגעטראָטן אין די גרענעצן פון לאַנד מיט דער אָפענער כּוונה זי צו באַהערשן. מיר האָבן פאַר זיך, אויף אַזאַ אופן, אַ קלאָרן בילד פון דער לאַגע, אין וועלכער עס האָט זיך געפונען דאָרט פאַרן אָנקומען פון די ישראלישע שבטים.

אַ גרויסע באַדײַטונג פאַר דער היסטאָרישער וויסנשאַפט האָט אויך דער פאַקט, אַז די גאַנצע קאָרעספּאָנדענץ צווישן די מצרישע פּרעהס און די מלכים פון כנען ווערט געפירט אין דער בבלישער שפּראַך און מיטן בבלישן כּתב. פון דאָס זעען מיר, וואָס פאַר אַ טיפע וואָרצלען די בבלישע קולטור האָט געלאָזן אין לאַנד כנען, איידער עס זײַנען אין אים אָנגעקומען די בני ישראל, אַפילו בשעת דער מצרישער הערשאַפט. די בריוו פון תּל-אל-אמרנא דינען פאַר אַ זיכערן באַווײַז, אַז די בבלישע גײַסטיקע וועלט האָט געהאַט אַ טיפע ווירקונג אויף דער וועלט-השקפה און אויף די רעכטלאַכע השגות פון די בני-ישראל.

מיר ברענגען אַלס בײַשפּיל עטלאַכע ערטער פון די בריוו, וועלכע עס האָט געשריבן דער קיניג פון ירושלים עבד-חבה צו פּרעה, אַמענאָפיס IV:

צום קיניג מײַן האר, עבד-חבה דײַן קנעכט. צו די פיס פון מײַן האר פאַל איך צו זיבן מאָל און (נאָך אמאָל) זיבן מאָל. זאָל דער קיניג צוהערן די ווערטער פון זײַן קנעכט, וועלכע מען וועט אים איבערגעבן, זאָל דער קיניג וויסן: אַלע מלוכות האָבן געמאַכט אַ בונד אנטקעגן מיר, דעריבער זאָל דער קיניג זאָרגן פאַר זײַן לאַנד. ווײַס אַז די געגנט גזרי און אשקלון און די שטאָט לכיש האָבן זיי געגעבן שפּײַז, בוימאייל און אַלץ דאָס נויטיקע. דערפאַר זאָל דער קיניג צוגרייטן זײַן חיל און שיקן זײַן חיל אנטקעגן די מלכים, וועלכע זײַנען אַרויסגעטראָטן קעגן דעם קיניג, מײַן האר. אויב אין דעם יאָר וועלן קומען די חילות וועט דאָס לאַנד און די פירסטן בלײַבן (אין רשות פון) קיניג, מײַן האר, אויב אָבער עס וועלן ניט זײַן קיין חילות, דאַן וועט ניט דאָס לאַנד, ניט די חילות ניט בלײַבן (אין רשות פון) קיניג, מײַן האר. זע, אָט דאָס לאַ.ד אורושלם (ירושלים), ניט מײַן פאָטער האָט מיר עס דאָך געגעבן, ניט די מוטער האָט מיר געגעבן, נאָר די מעכטיקע האַנט פון קיניג האָט מיר עס געגעבן. זע דאָס איז די אַרבעט פון (די הענט פון) מל.יאל און די אַרבעט פון (די הענט פון) די בני-לפּאי, וועלכע גיבן איבער דאָס לאַנד פון קיניג (אין די הענט פון) די חבירי. די קאַראַוואַנען פון קיניג זײַנען געוועזן באַרויבט ניט ווײַט פון אילון. זאָל וויסן דער קיניג, מײַן האר, אַז דערפאַר קאָן איך ניט שיקן דעם קאַראַוואַן צום קיניג, מײַן האר. טאָ געדענק נאָר דאָס. זע, דער קיניג האָט אויסגעבריייט זײַן נאָמען איבער ירושלים אויף אייביק, דערפאַר קאָן ער ניט פאַרלאָזן (אָן הילף) די געגנט פון ירושלים.

אַ צווייטן בריוו הייבט דער זעלביקער עבד-חבה ווידער אָן מיטן פאַר-מעלן גערוס און דערנאָך שרייבט ער אַזוי:

„זע, דער קיניג האָט אויסגעבריייט זײַן נאָמען איבערן מזרח און מערב. איך בין דאָך ניט קיין קיניג, איך בין אַ באַאַמטער בײַם קיניג, מײַן האר, איך בין אַן אָפיציר פון קיניג, איינער פון יענע, וועלכע ברענגען אים צינז. ניט מײַן פאָטער און ניט מײַן מוטער, נאָר די מעכטיקע האַנט פון קיניג האָט מיך אוועקגעזעצט אין מײַן פאָטערס נחלאות. ווען שוטה, דער באַאַמטער פון קיניג איז געקומען צו מיר, האָב איך אים בעגעבן איין און צוואַנציק שקלאַפינס

און צוואנציק... (ניט קאַנטיק דער כתב) האָב איך געגעבן שוטהן, אלס א מתנה דעם קיניג, מיין האר. זאָל דער קיניג זאָרגן וועגן זיין לאנד. עס גייען פארלאָרן אלע נחלאות פון קיניג, וואָס זיינען פיינדלאך אַרויסגעטראָטן אנטקעגן מיר. כל־זמן אויפן ים זיינען געווען שיפן האָט די מעכטיקע האנט פון קיניג פארנומען נחרימה און קש, איצט אָבער פארנעמען די שטעט פון קיניג די חבירי. ניט איין קיניג וועט ניט בלייבן ביי דעם קיניג מיין האר, אלע וועלן זיי גיין פארלאָרן. זאָל דער קיניג זאָרגן פאר זיין לאנד, ווענדן צו אים זיין אויפמערקזאמקייט, און שיקן חילות אין דער געגנט פון ירושלים, ווייל אויב עס וועלן ניט קומען קיין חילות אין דעם יאָר, דאן זיינען פאר־פאלן אלע נחלאות פון קיניג, מיין האר, אויב אין דעם יאָר וועלן ניט זיין קיין חילות, זאָל דער קיניג שיקן זיין באאמטן, און זאָל ער מיטנעמען מיך און מיינע קרובים, כדי מיר זאָלן שטארבן ביים קיניג מיין האר".



בילד 24. דער שטיין פון מישע, דעם קיניג פון מואב.

אין איינעם פון די ווייטערדיקע בריוו לייענען מיר:

„די נחלאות פון קיניג זיינען פארלאָרן געגאנגען און זיינען אריבער צו די חבירי. זאָל דער קיניג זיך צוהערן (צו די ווערטער פון) עבד־חבה, דיין קנעכט, און שיקן חילות, כדי איך זאָל אומקערן די נחלאות פון קיניג דעם קיניג, ווייל אויב עס וועלן ניט זיין קיין חילות, וועלן די נחלאות פון קיניג (אינגאנצן) איבערגיין צו די חברי *).

4. די אויסגראָבונגען אין ארץ ישראל און אויף יענעם זייט ירדן.

א. דער שטיין פון מישע (בילד 24), וועלכער איז געפונען געוואָרן אין יאָר 1868 אין דיבן, אין עבר הירדן, איז דער עלטסטער דענקמאָל פון דעם מין, וועלכער איז געפונען געוואָרן אין דער היסטאָרישער סביבה פון די תנ"ך־געשעענישן. (ער געפינט זיך אין לובר־מוזעאום אין פאַריז). די

*) די ווערטער פון די בריוו זיינען איבערגעזעצט נאָכן בוך פון: Winckler. Die Thon -Tafeln von Tel-el Amarna 1896.

אויפשריפט אויפן שטיין, וועלכע איז געמאַכט געוואָרן דורך מישע, דעם קי־
ניג פון מואב (פאַרגלייך מלכים ב 3, 4), וואָס האָט געלעבט אין איין צייט
מיט אַחאָב און יורם, דערציילט אַז, מיט דער הילף פון גאָט כמוש האָט מישע
אומגעקערט צו מואב די שטעט מידבא, נבו, יהץ און עטרות, וואָס זיינען באַ־
זעצט דורך די בני גד, און וועלכע זיינען אָפגענומען געוואָרן דורך עמרי און
אַחאָב ביי זיין פאָטער כמשכן. דערמיט ווערט באַשטעטיקט די תנ"ך־דערציי־
לונג וועגן דעם, אַז האַרט ביז צום טויט פון אַחאָב האָט מואב געצאָלט ישראלן
צינז (מלכים ב. 1. 1) און נאָר די געלונגענע מלחמה פון מישע מיט ירמען,
וועגן וועלכער דער ספר מלכים דערציילט אונז גאָרניט, האָט אומגעקערט
מואבן זיין פריערדיקע זעלבסטשטענדיקייט. אַ באַזונדער וויכטיקע באַדייטונג
באַקומט די אויפשריפט פון מישע דורך דעם, וואָס זי ווייזט אונז, ווי ווייט
ענלעך עס זיינען געווען די שפּראַך, דער כתב און די וועלט־השקפות פון
מואב און ישראל אין IX־טן יאָרהונדערט.

מיר ברענגען אַלס ביישפּיל די שורות 1 — 5 און 14 — 18 פון מישע'ס
אויפשריפט, געשריבן מיטן היינטיקן העברעאישן כתב *):

1. אנך. מישע. בן. כמשכן. מלך. מאב. הד.
2. יבני | אבי. מלך. על. מאב. שלשן. שת. ואנך. מלכ
3. תי. אחר. אבי | ואעש. הבמת. זאת. לכמש. בקרחה | במת. י
4. שע. כי. השעני. מכל. השלכן. וכי. הראני. בכל. שנאי | עמר
5. י. מלך. ישראל. ויענו. את. מאב. ימן. רבן. כי יאנף. כמש. בארצה |
14. ויאמר. לי. כמש. לך. אחז. את. נבה. על. ישראל | וא
15. הלך. בללה. ואלתחם. בה. מבקע. השחרת. עד. הצהרם | ואח
16. זה. ואהרג. כלה. שבעת. אלפן. גברן. וגרן | וגברת. וגר
17. ת. ורחמת | כי. לעשתר. כמש. החרמתה. ואקח. משם. את. כ
18. לי. יהוה ואסחב. הם. לפני. כמש |

איבערזעצונג:

1. איך מישע, דער זון פון כמשכן, דער קיניג פון מואב, פון ד.
2. יבן. מיין פאָטער האָט געקיניגט איבער מואב דרייסיג יאָר און איך האָב געקי־
3. ניגט נאָך מיין פאָטער און האָב אויפגעבויט אָט דאָס הייליקטום אין קרחה, דאָס הייליגטום פון הי—
4. לץ, ווייל ער האָט מיך געהאָלפן פון אַלע מיינע פיינט און האָט מיר באַוויזן (די מפּלה פון) אַלע מיין שונאים. עמר
5. י, דער קיניג פון ישראל, האָט געדריקט מואב לאַנגע טעג, ווייל כמש איז געווען אין כעס אויף זיין לאַנד.
14. און עס האָט געזאָגט צו מיר כמש: גיי, נעם אָפּ נבה (נבו) ביי ישראל, און איך

*) דער כתב אויפן שטיין פון מישע איז כמעט דער גלייכער ווי דער שליח־
אויפשריפט (זע זייט 179).

15. בין געגאַנגען בײַנאַכט און האָב מלחמה געהאַלטן פון זון־אויפגאַנג ביז האַלבן טאָג און האָב זיי אײַנגע־

16. נומען און אויסגעהרגעט אַלעמען, זיבן טויזנט מאַנסביל און אויסלענדער און פרויען, אויסלענדער—

17. קעס און מיידלעך, ווייל פאַר דער עשתּרות פון כמוש האָב איך זיי מקדיש געווען, און איך האָב גענומען פון דאָרטן די כ—

18. לים פון יהוה און האָב זיי געבראַכט צושלעפּן פאַר כמוש.

ב. די אויפשריפט פון שליח (זע בילד 21, זייט 179) איז אַנטדעקט געוואָרן אין יאָר 1880 אויף דער וואַנט פון דער דרום־אַרויסגאַנג פון אונטערערדישן קאַנאַל, וועלכער איז דורכגעגראָבן געוואָרן אין באַרג ציון אין דער צייט פון די יידישע מלכים און וועלכער איז געווען באַשטימט אויף אַרײַנצופירן די וואַסער פון גיחון־קוואַל קיין ירושלים. די אויפשריפט באַשרייבט אונז דעם גאַנג פון דער אַרבעט בשעתן דורכגראָבן פון קאַנאַל. מיר זעען, אַז דעם קאַנאַל האָט מען אָנגעהויבן דורכגראָבן פאַר איין צייט פון ביידע זייטן, און אַזוי ביידע אונטערערדישע טונעלן האָבן זיך באַגעגנט אַזוי אַז „עס איז געקומען אַ האַק צו אַ האַק". כדי צו פאַראייביקן דעם גלענצנדן רעזולטאַט פון דער אַרבעט האָט מען, קאָנטיק, געמאַכט דידאָזיקע אויפשריפט. אויפן סמך פון דער תנ"ך־ערציילונג וועגן די פאַרשיידענע וואַסערלייטונג אײַנריכטונגען, וועלכע דער קיניג חזקיהו האָט געמאַכט אין ירושלים (מלכים ב' 20, 20), איז מען דידאָזיקע אויפשריפט מיחס צו זיין צייט.

ג. די אויסגראָבונגען אין גזר, וואָס ליגט ביי דעם אַלטן וועג פון ירושלים קיין יפו האָבן אַנטדעקט אַ גרויסן הייליקטום מיט מצבות (זע בילד 11 זייט 114), וועלכער האָט ניט קיין גלייכן צו זיך הן נאָך זיין גרויס, הן נאָך דעם צושטאַנד, אין וועלכן ער האָט זיך ערהאַלטן. דאָס הייליקטום געהערט, זעט אויס, צו דער תּקופה, אין וועלכער די בני ישראל האָבן זיך באַזעצט אין לאַנד.

ד. די אויסגראָבונגען פון תּענך, וועלכער ליגט ניט ווייט פון מגדו, ביים דרומדיקן עק פון יזרעאל־טאָל, האָבן אונז אַנטדעקט ליימענע טאַבעלן, באַדעקטע מיט אַן אויפשריפט אין בבלישער שפּראַך מיטן פלעקלשריפט; זיי שטעלן מיט זיך פאָר דעם אַרכיוו פון קיניג עשתר ואַשור, וועלכער באַשטייט פון בריוו פון די אַרומיקע קליינע מלכימלאַך. די פולע ענלאַכקייט פון דידאָזיקע טאַבעלן מיט די טאַבעלן פון תּל־אל־אמרנא, וואָס שטאַמען פון איין צייט מיט זיי באַווייזן אונז ווידער, ווי ווייט עס האָט געהערשט די בבלישע קולטור אין כנען, איידער עס זיינען אַהינצו אָנגעקומען די בני ישראל בפרט, אַז די בריוו פון עשתר ואַשור שמועסן ניט וועגן הויכע ענינים פון מלוכה־פּאָליטיק — פון וואָס מען וואָלט געקאָנט דרינגען, אַז די בבלישע שפּראַך איז געווען פאַר די אַרומיקע פעלקער נאָר די שפּראַך פאַר דיפּלאָמאַטישע באַציאונגען, — נאָר וועגן אַ פּאָר אָקסן, וועגן דער צושטעלונג

פון עטלאַכע סאָלדאַטן און קנעכט און וועגן נאָך אַזעלכע ענינים פון טאָג־טעגלאַכן לעבן.

ה. די אויסגראָבונגען אין מגדו, וועלכער האָט געהאַט אַ גרויסע סטראַטעגישע באַדייטונג הן אין דער צייט פון דער כנעני־שער הערשאַפט, הן אין דער צייט פון די ישראלשע מלכים, האָבן אויפגעדעקט די חורבות פון די שטאָט־מויערן און די פעסטונגס־בנינים, פון וועלכע מיר זעען, אַז די איינוואוינער פון פאַרצייטיקן כנען זיינען געוועזן באַהאַבנט אין דער קונסט פון קריגס־בנינים. אַחוץ דעם האָט מען געפונען צווישן די חורבות פון פאַלאַצן און טעמפלען אַ גרויסע צאָל כלים און אַנדערע זאַכן פון הויז־געברויך פון שטיין, בראָנזע, אייזן און גאָלד, בילדער פון געצן, און אַלטע שטעמפּלען, דער אינטערעסאַנטסטער פון וועלכע איז דער שטעמפּל פון שמע, דעם קנעכט פון קיניג ירבעם II, מיט אַ גרויסאַרטיקן בילד פון אַ לייב (זע בילד 15 זייט 171). ווי עס זעט אויס, איז דאָס געוועזן דער מלוכה־שטעמפּל, וועלכער איז געוועזן אונטערגעשריבן דורכן מיניסטער פון ישראלשן קיניג ירבעם.

Kittel.—Die alttestamentliche Wissenschaft 1910.

כראָנאָלאָגישע איבערזיכט פון דער עלטערער יידישער געשיכטע און פון דער געשיכטע פון דער תנ"ך-ליטעראַטור:

(צונויפגעשטעלט נאָך ע. קאוטצש).

(Die Heilige Schrift des alten Testaments 1910).

די יאָרן	יהודה	געשיכטע פון דער ליטעראַטור.	געשעענישן פון דער געשיכטע פון אנדערע פעלקער
698-643	מנשה. די אויפלעבונג פון בעל-גאָטעסדינסט. מענטשלאַכע קרבנות אין ירושלים.	די פאַראייניקונג פון אלהיסטישן און יהוהיסטישן מקורים, אין איין גאַנצעס.	670. די איינגעמונג פון מצרים דורך אשור,
640-609	יאשיהו.	דער אָנהייב פון ירמיהוס אַרויס-טרעטן. — דער עיקר-טייל פון ספר דברים.	
623	די רעליגיעזע רעפאָרם פון יאשיהו: די צענטראַליזירונג פון גאָטעס-דינסט אין ירושלים. די פאַרניכטונג פון די אָרטיקע טעמפלען און פון די פאַרשיידענע תכשירים פון פריערדיקן קולט.		
608-597	יהויקים די לאַנגזאַמע ירידה פון דער יידישער מלוכה אונטער די הענט פון בבל.	די נבואה פון חבקוק און צפניה.	
605	יהויקים נאָך דער מלחמה ביי כרכמיש—אַ וואַסאַל פון בבל.		604-562 נבוכדנצר, דער קיניג פון בבל.
597	יהויכין (יכניה) און 7000 אַדעליקע פון יהודה—אַוועקגעפירט געפאַנגען קיין בבל דורך נבוכדנצר נאָך דער ערשטער באַלאַגערונג פון ירושלים.		
593		דער אָנהייב פון יחזקאלס אַרויס-טרעטן.	
586	דער סוף פון דער יידישער מלוכה. ירושלים און דער בית-המקדש—צעשטערט; די צווייטע פאַרטרייבונג.		סאָלאָן—דער געזעצגעבער אין אַטען (גריכנלאַנד).
573-560		די פאַראייניקונג פון ירמיהוס רעדן און פון די דערציילונגען וועגן אים אין איין בוך.	
בע' 550		די אנטשטייאונג פון ספר דברים אין זיין היינטיקער געשטאַלט. די באַאַרבעטונג פון בוך שופטים, שמואל און מלכים דורכן מחבר פון ספר דברים.	

די יאָרן	יהודה	געשיכטע פון דער ליטעראַטור.	געשעענישן פון דער געשיכטע פון אַנדערע פעלקער
550-538		די טעטיגקייט פון ישעיהו דעם צווייטן.	כורשס נצחונות, די פולשטענדיקע ירידה פון בבל.
538	כורש ערלויבט די יידן אומצוקערן זיך אין זייער היים.	די נבואה פון חגי און זכריה.	די מפלה פון בבל
516	די חנוכת הבית פון צווייטן בית-המקדש.		
בע׳ 500		די צונויפשטעלונג פון דעם עיקר-טייל פון תורת-כהנים אין בבל.	490. די מלחמה צווישן פרס און גריכנלאַנד ביי מאַראַטהאָן.
475		דער נביא מלאכי.	
458	עזרא דער סופר ברענגט מיט זיך פון בבל די צווייטע פאַרטיע פאַרטריבענע.		
458-444	עזרא און נחמיה פירן דורך אין לעבן די פולשטענדיקע אָפּגעזונדערטקייט פון די יידן. דער פאַרבאָט פון געמישטע חתונות.	דאָס בוך רות, די עלטסטע זאַמלונג פון גאָטעסדינסט-לידער (תהילים קאַפּ. 3—41).	ארטאַקסערקסעס I (ארתחששתא) לאַנגימאַן.
444	די פאַ-עפנטליכונג פון „בוך פון משהס לערע" דורך עזרא. די פּילשטענדיקע אָרגאַניזאַציע פון דער כהנים-הערשאַפט.	עזראס נאָטיצן (אין בוך עזרא און נחמיה).	
בע׳ 432		נחמיהס נאָטיצן (אין בוך נחמיה).	
בע׳ 400		די אנטשטייאונג פון די פינף חומשים אין זייער איצטיקער געשטאַלט.	דער פילאָסאָף פלאַטאָן אין אטען.
332	די יידן גיבן זיך אונטער אלעקסאַנדער דעם גרויסן.		
301	ארץ ישראל אונטער דער הערשאַפט פון דער תלמישער דינאַסטיע.	דאָס היסטאָרישע ווערק פון דעם דברי-הימים-פאַרפאַסער: עזרא און נחמיה.	
בע׳ 250		קהלת. דער אָנהייב פון דער גריכישער תנ״ך-איבערזעצונג. (דעם אזוי גערופענעם תרגום השבעים-LXX).	

די אַלטע ישׂראלשע מאָסן, וואָג, מטבעות און צייט־רעכענונג.

1. די מאָסן פון דער לענג.

די מאָס פון לענג, וועלכע איז מער פון אַנדערע באַנוצט געוואָרן און וועלכע ווערט אויך אָפטער פון אַנדערע דערמאָנט אין תנ״ך, איז געווען די אייל, (אַמה), וועלכע האָט זיך געציילט פון איילנבויגן ביז צום שפּיץ פון מיטלסטן פינגער, און האָט זיך צעטיילט אויף צוויי שפּאַן (זרת); די זרת האָט זיך פון איר זייט צעטיילט אויף צוויי טפּחים (טפח—די ברייט פון דעם האַנטלעפל), יעדער טפח — אויף 4 פינגער (אצבעות). אויסער דער געוויינלאַכער אייל—איז געווען נאָך אַ פאַרלענגערטע אייל, וועלכע האָט געהאַלטן אַן אייל מיט אַ טפח, די פאַרלענגערטע אייל קומט פאָר ביי דער באַשרייבונג פון בנין פון שלמהס בית־המקדש (דברי־הימים ב. 3, 3); זי ווערט דאָרטן אָנגערופן די „פאַרצייטיקע מאָס״ (מדה ראשנה) און זי איז דערנאָך קאָנטיק פאַרביטן געוואָרן דורך דער געוויינלאַכער אייל. (אין דער אויפשריפט פון שליח איז דער שטח דורכאויס אָנגעגעבן אין געוויינלאַכע איילן). און בשעת יחזקאל האָט אָנגעצייכנט דעם פּלאַן פון דעם קומענדיקן בית־המקדש, האָט ער צוריק פעסטגעשטעלט די אַלטע אייל און ער וויזט דערביי אָן געני׳ איר גרויס (יחזקאל 43, 13). ווען מען זאָל די אַלטע ישׂראלשע מאָסן פאַרגלייכן מיט די היינטיקע אייראָפּעאישע, אַזוי וועט אויסקומען, אַז די געוויינלאַכע אייל האַלט 45—49 סענטימעטער, די פאַרלייגערטע 52—55 סענטימעטער.

אַלס גרויסע מאָסן פון דער לענג ווערט באַנוצט דער שטאַנג (קנה), וועלכער האָט געהאַלטן 6 פאַרלייגערטע איילן (יחזקאל 5,40). די לענג פון וועג פלעגט זיך אָפטער פון אַלץ (שמות 18,3 און פיל אַנדערע) מעסטן נאָך דער צאָל פון די רייזע־טעג (דרך ימים).

פון די שטח־מאָסען ווערט דערמאָנט דער געשפּאַן (צמד), ד. ה. דער ערד־שטח, וועלכן אַ פּאָר איינגעשפּאַנטע אָקסן קאָנען דורכאַקערן פאַר אַ טאָג צייט.

2. די מאָסן פון אינהאַלט.

די מאָסן פון אינהאַלט הן פאַר גיסיקע הן פאַר שיטנדיקע זאַכן פעסט־געשטעלט צום טייל נאָכן צענדליקער *) — און צום טייל נאָכן זעכציקער **) — סיסטעם. אין תנ״ך ווערן דערמאָנט אָט די מאָסן:

„חמר״ אָדער „כר״	= 364,4	ליטער		
„לתך״	= 182,2	ליטער	=	אַ האַלבער חמר
„איפה״ אָדער „בת״	= 36,44	ליטער	=	אַ צענטל המר

*) „צענדליקער—סיסטעם״, ווען יעדער מאָס ווערט צעטיילט אויף 10 קלענערע מאָסן.

**) „זעכציקער—סיסטעם״, ווען זי ווערט צעטיילט אויף 60 קלענערע מאָסן.

„סאָה" = 12,148 ליטער = אַ דרייסיקטל חמר
„הין" = 6,074 ליטער = אַ זעכציקסטל חמר
„עמר" אָדער „עשרון" = 3,64 ליטער = אַ הונדערטל חמר
„קב" = 2,024 ליטער = אַ הונדערט אַכציקסטל חמר
„לג" = 0,506 ליטער = אַ 720־סטל חמר.

ווי אין בבל, אַזוי אויך ביי די בני־ישראל איז דאָס עלטסטע מאָסן־סיסטעם געווען דאָס זעכציקער און אין איר יסוד איז געלעגן די איפה. דאָס צענדליקער־סיסטעם האָט זיך ערשט שפּעטער אויסגעבילדעט און דער „עמר" אָדער „עשרון" (וואָרט אין וואָרט: — „אַ צענטל חלק") ווערן דערמאָנט ערשט אין תורת כהנים (פאַרגלייך די דערקלערונג אין שמות 16, 36, פון וועלכער מען זעט קלאָר, אַז דער „עמר" איז אין פאַרגלייך מיט דער „איפה" אַ נייע מאָס.

3. די וואָג. דער „כּכּר" (טאַלענט) = 60 מנה = 3600 שקלים. די וואָגן שטאַמען פון בבל, וואו עס זיינען באַנוצט געוואָרן צוויי סיסטעמען: „די קיניגלאַכע" און „די געוויינלאַכע" וואָג.

אַדאַנק די וואָג־שטיינער, וועלכע מען האָט געפונען בשעת די אויסגראָבונגען, זיינען מיר איצט בכוח צו פאַרגלייכן זיי מיט די היינטיקע וואָגן:

דער קיניגלאַכער כּכּר = בערך 60 קילאָגראַם	דער געוויינלאַכע׳ כּכּר = בערך 59 קילאָגר׳
די קיניגלאַכע מנה = „ 1 „	די געוויינלאַכע מנה = „ 980 גראַם
דער קיניגלאַכער שקל = „ 17 גראַם.	דער געוויינלאַכער שקל = „ 16 גראַם

אויסער די „שווערע" וואָגן זיינען באַנוצט געוואָרן אויך „גרינגע", וועלכע זיינען געווען פונקט די העלפט פון זיי: אַ האַלבער כּכּר, אַ האַלבע מנה, אַ האַלבער שקל (מחצית השקל).

די אַלטע־ישראלשע וואָגן האָבן געשטימט מיט די „געוויינלאַכע" בבלישע וואָגן. דער „שווערער" שקל האָט געהאַלטן גענוי 16,37 גראַם.

פונקט ווי אין די אינהאַלט־מאָסן, אַזוי איז אויך אין די וואָגן דאָס זעכציקער־סיסטעם אַרויסגעשטויסן געוואָרן דורך דעם צענדליקער סיסטעם און די מנה האָט מען אָנגעהויבן טיילן אויף 50 שקלים, נאָר דערביי איז די וואָג פון שקל געבליבן די זעלביקע און די מנה און דער כּכּר זיינען פאַרקלענערט געוואָרן אויף אַ זעקסטל (פאַרגלייך יחזקאל 45, 13), וואו ער זאָגט אָן אַ זאַך, וואָס איז ביז דאַן, קאָנטיק, ניט געווען גוט באַקענט: „און די מנה רעכנט פאַר 50 שקלים").

אויסער די הויפּט־וואָגן, ווערט נאָך דערמאָנט אַלס קליינע וואָג־איינהייט: דער בקע, אַ האַלבער שקל, און די גרה, אַ צוואַנציקסטל שקל. די מאָסן זיינען, קאָנטיק, שפּעטערדיקע, ווייל זיי געהערן שוין צום צענדליקער־סיסטעם.

4. דאָס מטבעות־סיסטעם. בשעת מען פלעגט זיך באַנוצן פאַרצייטן מיט די איידעלע מעטאַלן אין בייט־האַנדל, פלעגט מען זיי יעדן מאָל פאַר דער צאָלונג אָפּוועגן אויף אַ וואָג (מאזנים), וועלכע מען פלעגט טראָגן צוזאַמען מיט די שטיקער זילבער

אָדער גאָלד אין אַ באַזונדער בייטל (כיס). אָפטער פון אַלץ פלעגט מען באַנוצן אַלס אַ בייט־מיטל דאָס זילבער; דאָס זעען מיר דערפון, וואָס דאָס „כסף" (זילבער) האָט באַקומען די באַדייטונג—„געלט" און „צאָלונג".

נאָר שוין אין אַ גאַנצער פריערדיקער תקופה האָט מען אָנגעהויבן צו באַנוצן אָפגעווייגענע שטיקלאַך מעטאַל, מסתמא מיט אַ וועלכן עס איז צייכן, וואָס באַווייזט זייער וואָג. דער נאָמען „ככר", וועלכן די בני ישראל האָבן געגעבן דעם בבלישן „טאַלענט", הייסט „קרייז" און זאָגט עדות, אַז דעם שטיק מעטאַל פון דעם דאָזיקן ווערט האָט מען שוין אין דער עלטערער צייט צוגעגעבן די קיילעכדיקע פאָרם, אַזוי אַז ער האָט מער אָדער ווייניקער אויסגעזען, ווי די היינטיקע מטבעות.

דאָס סיסטעם פון די מטבעות איז געווען אין גאַנצן געבויט אויפן סיסטעם פון די וואָגן: ד. ה. דער ווערט פון דער מטבע האָט זיך געווענדט אָן איר וואָג און דעם מקח פון איר מאַטעריאַל: די הויפּט־מטבע איז געווען דער גאָלדענער שקל, וועלכער איז געווען $^1/_{60}$ טעל (שפּעטער $^1/_{50}$ טעל) פון אַ מנה אין $^1/_{3600}$ טעל (שפּעטער $1/_{3000}$ טעל) פון אַ ככר (טאַלענט). דער אונטערשייד צווישן ווערט פון זילבער און גאָלד איז באַשטימט איין מאָל פאַר אַלע מאָל, כדי עס זאָלן ניט פאָרקומען קיין קריזיסן אויפן געלט־מאַרק: דאָס גאָלד איז געווען $13^1/_2$ מאָל טייערער פאַרן זילבער אַזוי, אַז דער „לייכטער" אָדער „קליינער" גאָלדענער שקל, ד. ה. 8185 גראַם גאָלד, זיינען געווען גלייך אַ שטיק זילבער, וואָס וועגט $13^1/_2$ שקלים, ד. ה. 109,13 גראַם. צוליב דער באַקוועמליכקייט פון די געלט־באַציאונגען איז געווען נייטיק איינצופירן אַ נייע זילבערנע איינהייט, וועלכע זאָל זיך אַנטהאַלטן אַ גאַנצע צאָל מאָל אין גאָלדענעם שקל און וועלכע זאָל אויך שטימען מיטן עקסיסטירנדן וואָג־סיסטעם. אַזוי ווי אַ שקל (ד. ה. $1/60$ מנה) גאָלד באַטרעפט $13^1/_3$: 60, ד. ה. $^{10}/_{45}$ מנה זילבער, האָט מען, נעמענדיק פאַר אַ זילבערנער מטבע־איינהייט $1/_{15}$ פון דעם דאָזיגן וואָג זילבער (ד. ה. 7,275 גראַם), באַקומען אַזאַ מטבע־איינהייט, וועלכע איז געווען נאָכן ווערט אין 15 מאָל ביליקער פאַר דער גאָלדענער איינהייט און נאָכן וואָג $^2/_{185}$ פון דער מנה־וואָג, און אַחוץ דעם איז זי געווען נאָך איר גרויס גאַנץ באַקוועם צום געברויך. אָט די זילבערנע איינהייט איז דאָס דער „שקל כסף" (אַ שקל זילבער), וואו דאָס וואָרט „שקל" האָט שוין די באַדייטונג פון אַ געלט־מטבע און ניט פון קיין וואָג, ווייל דערדאָזיקער שקל האָט געווייגן נאָר $^8/_9$ פון דעם וואָג־שקל.

אַזוי איז אויך דער „שווערער" אָדער „גרויסער" שקל גאָלד (16,37גראַם) געווען גלייך 15 „גרויסע" שקלים זילבער, יעדערער צו 14,55 גראַם וואָג.

איבערפירנדיק אים אויף היינטיקע געלט, קומט אויס דער ווערט פון די אַלטע יידישע געלט־איינהייטן אַזאַ:

1	גרויסער שקל גאָלד	=	16,37	גראַם	=	בערך 22	רובל.
1	גאָלדענע מנה	=	50	שקלים	=	„ 1050	„
1	גאָלדענער טאַלענט	=	3000	„	=	„ 63.000	„

1 גרויסער זילבערנער שקל	= 14.55 גראַם	= בערך 1.20 רובל.
1 זילבערנע מנה	= 50 שקלים	= " 60 "
1 זילבערנער טאַלענט	= 3000 "	= " 3600 "

5. די צייט־רעכענונג. דער אַלט יידישער יאָר איז געווען אַ זונען־יאָר. דאָס קאָן מען אַרויסזען פון די אַמאָליקע נעמען פון די חדשים, ווי מיר געפינען זיי אין תנ"ך און וועלכע באַווייזן, אַז די חדשים זיינען צונויפגעפאַלן מיט די צייטן פון יאָר, *) און אויך פון דעם, וואָס די יום־טובים, וועלכע זיינען געווען ענג פאַרבונדן מיט דער תבואה־גערעטעניש, זיינען געווען אָפּגעשטעלט אויף באַשטימטע חדשים, — און האָבן ווי עס זעט אויס, געדאַרפט שטימען מיט דער לענג פון דעם זונען־יאָר. אַלס דער אָנהויב פון יאָר פלעגט זיך אין אַמאָליקע צייטן רעכענען דער הערבסט (תשרי), און ערשט אין דער צייט פון גלות־בבל האָט מען אָנגעהובן צו רעכענען דעם יאָר פון פרילינג (ניסן).

דעם זונען־יאָר האָבן די בני־ישראל איבערגענומען ביי די כנענים צוזאַמען מיט דער ערד־אַרבעט; אָבער די חדשים זיינען ביי זיי געבליבן דיזעלביקע ווי אין דער וואַנדערונגס־תקופה, ד. ה. לבנה־חדשים. דערפון שטאַמט דער נאָמען „ירח" (פון ירח־די לבנה) און „חודש" (פון חודש, ד. ה. דער נייער לבנה־שיין נאָכן מולד).

די וואָך איז באַשטאַנען פון זיבן טעג. („שבוע"—פון וואָרט „שבעה"—זיבן.) די טעג האָט מען אין דער אַלטער צייט געציילט פון אָוונט ביז אָוונט (אַזוי ווי דעם יאָר פון האַרבסט ביז האַרבסט) און שפּעטער (זע בראשית 1, 5, 8, 13 און אַנדערע) פון פרימאָרגן ביז פרימאָרגן (אַזוי ווי דעם יאָר פון פרילינג ביז פרילינג.)

דער טאָג איז געווען צעטיילט אויף: פרימאָרגן, האַלבן טאָג, און אָוונט (בוקר, צהרים, ערב) און די נאַכט אויף דריי וואַכן (אַשמורה), פון וועלכע די לעצטע האָט געהייסן „די פרימאָרגעדיקע" (שמואל א. 11, 11.)

---

*) אָביב — דער חודש פון די זאַנגען, אָדער דער זיבעטער, (שפּעטער דער ערשטער אונטערן נאָמען — ניסן); זיו—דער חודש פון (בלומען) שענקייט, אָדער דער אכטער (שפּעטער דער צווייטער אונטערן נאָמען אייר) איתנים — דער חודש פון די שטענדיקע וואַסער־שטראָמען (ד. ה. אין וועלכן עס פליסן נאָר די שטענדיקע טייכן, וואָס טריקענען ניט אויס פאַרן זומער) אָדער דער ערשטער (שפּעטער דער זיבעטער, אונטערן נאָמען תשרי). בול, דער חודש פון האַרבסט־רעגן אָדער דער צווייטער, (שפּעטער דער אכטער אונטערן נאָמען מרחשון.)

פאַרצייכענונג פון ליטעראַטור.

איבער דער יידישער געשיכטע אין דער תנ״ך־תקופה.

יוסף קלויזנר — היסטוריה ישראלית חלק א׳ אודיסה, תרס״ט.

„ „ שלמה המלך ומלכת שבא (השלח, כרך י״ג).

С. М. Дубновъ. Всеобщая исторія евреевъ т. I

Э. Ренанъ. Исторія израильскаго народа т. I и II (С. Петербургъ изданіе Брокгаузъ-Эфронъ)

Г. Масперо. Древняя исторія народовъ востока (Москва, изд. Солдатенкаго).

Н. Никольскій. Древній Израиль (Москва, изд. „Міръ“).

К. Бецольдъ. Ассирія и Вавилонія, (С.-Петербургъ изд. Брокгаузъ-Эфронъ).

Тураевъ. Исторія древняго Востока т. I-II (С.-Петербургъ 1911).

I. Wellhausen. Israelitische und jüdische Geschichte

R. Kittel. Geschichte des Volkes Israel

B. Stade. Geschichte des Volkes Israel

C. F. Lehmann Haupt. Israel. Seine Entwicklung im Rahmen der Weltgeschichte

E. Meyer. Geschichte des Altertums.

A. Klostermann. Geschichte des Volkes Israel bis zur Restauration unter Esra und Nehemia.

H. Guthe. Geschichte des Volkes Israel.

I. Benzinger. Geschichte Israels bis auf die grichische Zeit.

C. H. Cornill. Geschichte des Volkes Israel

«Religionsgeschichtliche Volksbücher»:
- C. F. Lehmann-Haupt. Israels Geschichte im Rahmen der Weltgeschichte
- G. Beer. Saul, David, Salomo

B. Baentsch. Dawid und sein Zeitalter («Wissenschaft und Bildung»).

קולטור־געשיכטע און ארכעאָלאָגיע.

וו. נובק. הליכת המדינה של עברים בימי קדם ורשוי 1904.

ש. ברנפלד. מריבי כהן (השלח כרך ג׳)

א. ש. הרשברג. ההלבשה העברית הקדומה. תקירה בארכאולוגיה העברית בתקופת כתבי הקודש, ורשוי 1911.

יוסף קלוזנר. הרעיון המשיחי בישראל בתקופת־הנביאים, קראקוי 1908.

ד. נימרך. תולדות העברים בישראל כרך ראשון אודיסה 1913.

I. Коринъ. Очерки по исторіи и культурѣ еврейскаго народа (Екатеринославъ, изданіе „Южная заря“)

А. Глаголевъ. Соціальныя отношенія Израилитянъ (С.-П.-бургъ 1912)

К. Каутскій. Античный міръ, Іудейство и Христіанство изд. „Шиповникъ“ 1909.

Ю. Велльгаузенъ. Введеніе въ исторію Израиля (Москва, изданіе „*П*ирамида„).

„ *И*зраильско-Іудейская религія („Европейская культура“ т. V изданіе Брокгауза-Эфрона).

Дж. *Ф*ентонъ. Древнѣйшая жизнь евреевъ (Москва, изд. ред. „Юридическаго Вѣстника“.

Л. Каценельсонъ. Религія и политика въ исторіи древнихъ евреевъ Сборникъ *Б*удущности 1900.

Д. Шантепи де ля Соссей. Иллюстрированная исторія религій т. I. (Москва, изд. „Книжное дѣло“).

В. Потемкинъ. Очерки по культурной исторіи древнихъ евреевъ. („Восходъ“, 1904 г. 6—11 кн.)

I. Benzinger. Hebräische Archäologie.

W. Nowack. Lehrbuch der hebräischen Archäologie.

C. H. Cornill. Der israelitische Prophetismus.

K. Marti. Geschichte der israelitischen Religion.

A. Jeremias. Das Alte Testament im Lichte des Alten Orients.

R. Kittel. Die alttestamentliche Wissenschalt in ihren wichtigsten Ergebnissen.

F. Giesebrecht. Die Grundzüge der israelitischen Religionsgeschichte.

J. Darmesteter. Les prophètes d'Israël.

P. Kleinert. Die Propheten Israels in socialer Beziehung.

F. Buhl. Die sozialen Verhältnisse der Israeliten.

H. Gunkel. Elias Jahve und Baal. } Religionsgeschichtliche Volksbücher».

I. Benzinger. Wie wurden die Juden ein Volk des Gesetzes. } Religionsgeschichtliche Volksbücher».

Fr. Küchler. Hebräische Volkskunde. } Religionsgeschichtliche Volksbücher».

איבער דער געשיכטע פון די ליטעראַרישע דיינקמעלער.

י. קלוזנר. כתבי-קדשנו, יפו, התרעב'.

ש. קרויס. חקי יחזקאל ביחוסם אל תורת משה (כרך ח').

מאיר איש שלום. ע"ד בקרת כתבי הקדש (כרך ט').

ש. ברנפלד. „כתב בית ישראל" (כרך י').

הנ"ל. ספרי הזכרונות (כרך י').

אפרים ירושלימסקי. ספר דברים ותורת כהנים (כרך כ"ב).

ש. ברנפלד. דורשי רשימות (כרך ב').

I. Сендерлендъ. Библія. (Спб., складъ изд. „Право“).

Э. Рейсъ. Пророки. („Восходъ“, 1885 г., 10—12 кн.).

Э. Рейсъ. Поэзія древнихъ евреевъ. („Восходъ“, 1888 г., 1—2 кн.).

А. Куэненъ. Критическій методъ въ изслѣдованіи библейской исторіи („Восходъ“, 1895 г., 11—12 кн.).

I. Клауснеръ. Очеркъ происхожденія и развитія древне-евр. письменности (Одесса, 1911).

Н. Никольскій. Царь Давидъ и *П*салмы (С.П.Б., 1908).

289 H. Anz. Literaturgeschichte des Alten Testaments (Berlin, 1911).

E. Hühn. Einführung in die biblischen Bücher (Tübingen, 1909).
M. Löhr. Einführung in das Alte Testament (Leipzig, 1912).
K. Budde. Geschichte der althebräischen Literatur.
C. H. Cornill. Einleitung in das Alte Testament.
H. Gressmann. u. a. Die Schriften des Alten Testaments.
E. Reuss. Die Geschichte der Heiligen Schriften des Alten Testaments.
E. Kautzsch. Abriss der Geschichte des alttestamentlichen Schrifttums.
A. Merx. Die Bücher Moses und Josua. } «Religionsgeschichtliche Volksbücher».
W. Nowack. Amos und Hosea.
K. Budde. Das prophetische Schrifttum.
H. Guthe. Jesaia.

אינהאלט פון צווייטן טייל.

XX. די רעדן פון די נביאים פון אכטן יאָרהונדערט . . . 163

עמוס.—הושע.—ישעיהו.—ישעיהוס משל וועגן ווייגאָרטן.—די נבואה וועגן דער קומענדיקער מפלה.—אשור—דער כלי-זיין פון געטלאכן צאָרן.

XXI. די תנ״ך-ערציילונגען וועגן דער מפלה פון דער ישראל-שער מלוכה און וועגן דער מלחמה פון דער יידישער מלוכה מיט אשור 170

די לעצטע אויפבליאונג און די לאנגזאמע ירידה פון דער ישראלשער מלוכה.—די מפלה פון דער ישראלשער מלוכה און אירע סיבות.

די מלוכה פון חזקיהו און די רעפאָרם פון גאָטעסדינסט.—סנחריבס אָנקומען.—ישעיהוס אַרויסטריט.—סנחריבס אַוועקגאַנג.

XXII. די נביאישע רעפאָרם 181

די רעפאָרם און די סיבות, צוליב וועלכע זי האָט זיך איינגעגעבן.—די צענטראַליזירונג פון גאָטעסדינסט אַלס אַ יסוד פון דער רעפאָרם.—דער כהן גדול חלקיהו געפינט אין בית-המקדש „דאָס בוך פון דער לערע״ („ספר התורה״).—די פייערלאַכע פאַרעפנטלאַכונג פון „ספר התורה״.—די פאַרניכטונג פון די פרעמדע קולטן און פון די אָרטיקע הייליקטימער. — די פייערונג פון פסח.—די גרונד-שטריכן פון דעם „ספר התורה״ און זיין אָרט אין תנ״ך.

די רעזולטאַטן פון דער נביאישער רעפאָרם אין געביט פון קולט.—דער פרוד צווישן דער אמונה און פאָלקס-לעבן.—די באַדייטונג פון די יאָריקע יום-טובים.—אַן איבערקערעניש אין דער גייסטיקער פיזיאָגנאָמיע פון ישראל.—די שאַפונג פון נייע רעטונגס-ערטער. — דער „ספר התורה״—די ערשטע הייליקע שריפט.

XXIII. דער ספר התורה (דאָס בוך פון דער לערע) 190

דער גרונד-געזעץ פון ספר התורה.—די ערלויבעניש פון ניט-ריטועלן קוילענען.—געזעצן וועגן די יום-טובים.—דער געזעץ וועגן די לוים.—דער פאַרבאָט פון כישוף.—וועגן די נביאים און פאַלשע נביאים.—די רעטונגס-שטעט.—געזעצן וועגן ריכטיקן משפט.— עטישע פאָרשריפטן.

XXIV. די נביאים פון 7-טן יאָרהונדערט 197

צפניה.—ירמיהו וועגן ישראלס מרידה קעגן יהוהן.—די נבואה וועגן קומענ־דיקן גלות.

XXV. די תנ"ך-ערציילונג וועגן דער מפלה פון דער יידישער מלוכה 202

יהויקימס מלוכה.—יכניה און נבוכדנצרס אָנקומען.—צדקיהו.—די מפלה פון ירושלים און די פאַרטרייבונג פון אירע איינוואוינער.

ו. די תקופה פון ווידעראויפלעבונג.

XXVI. די פאַרטריבענע אין בבל 206

דער מצב פון יהודה נאָך דער פאַרטרייבונג.—די לאַגע פון די פאַר־טריבענע אין בבל.—דאָס רעליגיעזע לעבן אין גלות.—די אַנטוויקלונג פון געזעץ.

XXVII. די נביאים פון זעקסטן יאָרהונדערט 209

יחזקאל.—ישעיהו דער צווייטער.—די נבואה וועגן כורשן, אַלס דעם געזאַלבטן פון יהוה.

XXVIII. דער אומקער פון גלות, און עזראס און נחמיהס טעטיקייט 215

כורש און די מפלה פון בבל.—דער אומקער פון די פאַרטריבענע אַהיים.—די איבעראָרגאַניזירונג פון דעם כהנים-קלאַס. דער כהן גדול.—דער אויפבוי פון בית המקדש.—עזרא.—עזראָס קאַמף מיט די געמישטע חתונות.—די צעשטערונג פון די אָנגעהויבענע ירושלימער ווענט.—נחמיה.—דער בנין פון די ירושלימער ווענט.

די פייערלאַכע פאַרעפנטלאַכונג פון „בוך פון געזעץ".—די אָפּריכטונג פון יום-טוב סוכות.—די פאָלקס-פאַרזאַמלונג פון 24 תשרי. עזראָס רעדע.—די אַלגעמיינע פאָלקס-התחיבות.—נחמיהס ווייטערדיקע טעטיקייט.—די אַנט־שטייאונג פון דער שומרונישער סעקטע.

XXIX. דער גייסטיקער מצב פון יידישן פאָלק אין דער צייט פון עזרא און נחמיה 229

עזרא און נחמיה.—דער פאָליטישער מצב פון לאַנד.—רעליגיעזע רע־פאָרמען.—דער כהן-גדול און די זקנים-פאַרזאַמלונג.—די תורת כהנים.—איר היסטאָרישער טייל.—די אידעאַליזירונג פון דעם עבר.—די באַדייטונג פון דער תורת כהנים.

די געזעלשאַפטלאַך-עקאָנאָמישע טעטיקייט פון עזרא און נחמיה.—די באַדייטונג פון ארץ־ישראלדיקן יידנטום פאַר די גלות-לענדער.—דער יודאַ-איזמוס.—די תורה און די אַלגעמיינע ערלערנונג אירע.—די געשיכטע אַלס דער מקור פון גייסטיקן לעבן אין יידנטום.—נייע יסודות פון נאַציאָנאַלן לעבן.—די ווייטערדיקע אַנטוויקלונג פון דער געזעצגעבונג.—די תורה שבעל-פה, די סופרים.—די געלערנטע שולן.—דאָס ערשטע אויפקומען פון די רעליגיעזע סעקטן.

240 XXX. די תורת כהנים . . . .

די הייליקונג פון כהן.—די צערעמאָניע פון רייניקונג.

די יום-טובים.

דאָס שמיטה-יאָר און דאָס יובל-יאָר.

די ברכה פאַרן ערפילן דאָס געזעץ.—די קללה פאַרן ניט-ערפילן דאָס געזעץ.

הוספות:

וועגן די תנ"ך-מקורים.

253 1. די פּראָבלעם פון דער תנ"ך-וויסנשאַפט . . . .

258 2. דער תנ"ך אַלס היסטאָרישער מקור . . . .

270 3. די וויכטיקסטע רעזולטאַטן פון די אויסגראָבונגען אין די מזרח-לענדער . . . .

282 כראָנאָלאָגישע איבערזיכט פון דער עלטערער יידישער געשיכטע און פון דער געשיכטע פון דער תנ"ך-ליטעראַטור . . . . .

284 די אַלטע ישראלשע מאָסן, וואָג, מטבעות און צייט-רעכענונג .

288 פאַרצייכענונג פון ליטעראַטור . . . .

ווילנער פאַרלאַג פון ב. א. קלעצקין

אַנ—סקי ש.—שריפטן, באַנד I

אַש שלום. — מערי (ראָמאַן)

— ר׳ שלמה נגיד

— דראַמען, באַנד I יפתחס טאָכטער, שבתי צבי, אמנון און תמר

— דראַמען, באַנד II די יורשים, משיחס צייטן

— יפתחס טאָכטער

— די יורשים

— משיחס צייטן

— שבתי צבי, אמנון און תמר (צוזאַמען)

— אַ שטעטל

— דראַמען באַנד III גאָט פון נקמה, מיטן שטראָם, דער זינדיקער, אום ווינטער

— גאָט פון נקמה

— מיטן שטראָם, דער זינדיקער אום ווינטער

— ערציילונגען IV באַנד

— ערציילונגען V 〃

— דאָס נייע לעבן

נייע דראַמען פון שלום אַש.

— אַ שנירל פערל

— דער טויטער מענטש

— פאַר אונזער גלויבן

ווילנער פאַרלאַג פון ב. א. קלעצקין

אַלע ווערק פון י. ל. פרץ.

I באַנד פאָלקסטימלאַכע געשיכטן

II " "די צייט" 1=טער בוך

" " 2=טער "

III " דראַמען

IV " אָדם וחוה (אין 5 טיילן)

V " חסידיש

VI " פאַר קליין און גרויס

VII " בילדער און סקיצן

VIII " אויפזאַצן און פעליעטאָנען

IX " אַלט און ניי

X " פון שטוב און גאַס

ביינאַכט אויפן אַלטן מאַרק

די גאָלדענע קייט

פון מיינע זכרונות

א זאַמלונג שריפטן וואָס ווערט ארויסגעגעבן נאָך זיין טויט

XI באַנד

מגילות

איכה

קהלת

שיר השירים

רות

אַקדמות

פרץ=בוך (פון די יודישע וועלט 1915)

FREE PUBLIC LIBRARY
Trenton - New Jersey